STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03621

EVEN NEGEF, ODER, A SHTEYN IN VEG

Jacob Dineson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב דינעזאָן

אבן נגף

אָדער

א שטיין אין וועג

והיה למקדש ולאבן נגף
ולצור מכשול לשני בתי ישראל.
(ישעיה ח׳ יד)

פאַרלאַג „אחיספר" וואַרשע
Printed in poland

Copyright by S. Sreberk. New-York U. S. A. 1928

ZAKŁAD GRAFICZNY „STEREOTYP"
:: :: WARSZAWA, NOWOLIPKI 7. :: ::

אבן נגף

אָדער

אַ שטיין אין וועג

א.

— וואהין גייט איר, ר׳ שמעון? האָט אַן אַלטער מאַן געפרעגט שבת בייטאָג, באַגעגענדיק ר׳ שמעון דעם מלמד, אָדער שימעלע פּלוט, ווי לייט פלעגן אים אָנרופן דאָ אין שטעטל קליניץ. שמעון איז געווען שטארק פארטראַכט אין זיינע מחשבות און האָט נישט געהערט, וואָס מע פרעגט אים און זיך ניט אָפּגערופן. דער אַלטער מאַן האט נאָך אַמאָל אַ פרעג געטון:

— ר׳ שמעון, זייט איר טויב געוואָרן, צי וואָס? איר הערט גאָרנישט, וואָס מען רעט צו אייך?

ערשט איצט האט זיך שמעון אָפּגעשטעלט און דערזען, ווער דאָ גייט לעבן אים.

— גוט שבת, ר׳ שלמה! — האט ער ארויסגערעדט און אויף זיין געזיכט האָט אַ שיין געטון אַ שטראַל פון צופרידנקייט פון דער באַגעגעניש.

— גוט שבת, גוט יאָר!

— דאס האט איר מיך גערופן, ר׳ שלמה? — האָט שמעון געפרעגט.

— איך, איך! — האט דער אלטער אזוי ווי האלב אין כעס ארויסגערעדט. — וואהין גייט איר דאס? און וואָס זייט איר אַזוי פאַרטראַכט? טראַכט איר עפּעס גוטס, — האָט ער ווייטער מיט אַ שמייכל געזאָגט, — זאָל דער אויבערשטער מצרף זיין אייערע גוטע מחשבות למעשה, טאָמער, חלילה, שלעכט, זאל פון אייערע פּוסטע געדאַנקן אַ טייך ווערן! זאגט, אַדרבה, וואָס האט איר געטראַכט?

ר׳ שמעון האָט זיך אָנגעהייבן דערמאנען, וואָס ער האט געטראַכט, ארויסלויפנדיק פון זיין היים מיט דער באַגלייטונג פון זיין ווייבס קללות: „ער זאל נישט דערלעבן צוריק אהיים צו קומען". האט ער

אָנפאַנגס געטראַכט: „אַ מפּלה אויף איר קאָפּ, אפילו שבת האָט מען פון איר קיין רגע מנוחה נישט״, אונ האָט פאַר זיך איבערגערעדט: „אַן אמתער סמבטיון, קאָכט און זידט, איר מויל איז פעך און שוועבל!״ דערנאָך האָט ער אַ קלער געטון: „וואָס רייד איך סמבטיון? ערגער, אויף נאמנות, ערגער ווי דער סמבטיון! יענער רוט כאָטש אום שבת, זי ווייסט שבת אויך נישט קיין רו, האַלט אין איין שרייען און שעלטן, כאָטש דערגיי דאָ פאַר איר״! פון סמבטיון האָט ער זיך דערמאַנט, פון דאָס, וואָס טוט זיך פון יענער זייט סמבטיון: ווי דאָרט לעבט מען אייביק, און אַז מען ווערט שוין גאַנץ אַלט און דאָס לעבען ווערט איבערדריסיק, גייט מען אַרויס אויסן מויער פון דער שטאָט לוז, און דאָרט ליגט אַ גרויסער שטיין, אונ אַז מען לייגט אַרויף דעם קאָפּ אויף דעם שטיין, שטאַרבט מען באַלד, אַזוי גרינג, אַזוי אָן יסורים, אַז עס איז פשוט אַ פאַרגעניגן צו שטאַרבן. פלוצלונג האָט ער זיך אַ פרעג געטון: „וואָס הייסט דאָס לעבן ווערט דאָרט, פון יענער זייט סמבטיון, איבערדריסיק? וואָס הייסט, דאָרט ווילט זיך שטאַרבן? וועלכער שוטה וויל עס ליגן אין דער ערד און ליידן חבוט הקבר? און וואָס פעלט דאָרט די לוזער באַלעבאַטים אין זייער לעבן, אַז זיי ווילט זיך שטאַרבן? קיין גלות ליידן זיי דאָרט געוויס ניט, יעדער האָט זיך אוודאי זיין ווייַנשטאָק אונ זיין פייגנבוים, קי אונ ציגן, מילך און פוטער, און מען עסט טאַקע אַ גוטן מיטאָג, מיט מילכיקע קרעפּלעך, וואָס שווימען אום אין פוטער, אַזוי ווי ביי חייעלען, אונדזער נגידה, אין די ניין טעג. אַז דער רבונו של עולם זאָל מיך וועלן בענטשן — כאָטש האָבן אַ ציג אַן אייגענע, ווי וואָלט איך אים ליבן און דאַנקען! אַ נאַר וואָלט איך דעמאלט זיין, צו וועלן גלאַט אין גוטן מוט אַוועקלייגן מיין קאָפּ אויפן שטיין און מאַכן אַ שטאַרב! טאָ וואָס טוט זיך דאָרט מיט די לוזער, וואָס זיי ווילן שטאַרבן?״

די קשיא האָט ר׳ שמעונען שטאַרק געאַרט און ער האָט זיך טיף פאַרקלערט, די קשיא צו פאַרענטפערן: „ניט אַנדערש״, האָט ער באַשלאָסן, אַז דאָרט מוז אויך זיין צרות, דאָרט האָבן זיי אויך ווייבער, און ליידן גלות פון די לוזער פּלוניתטעס, ביז דאָס לעבן ווערט זיי נמאס. אָט גייען זיי אַרויס אויסן שטאָט, לייגן אַרויף דעם קאָפּ אויפ׳ן שטיין און שטאַרבן מיט ווידוי און זייער נשמה גייט זיי אַרויס גרינג, ווי אַ האָר פון מילך. סדנא דארעא חד הוא: די גאַנצע וועלט איז איין שטאָט און די גאַנצע שטאָט איז איין הויז און אין דעם הויז זענען אַלע

מענטשן אָדם הראשונס קינדער, גאָר גלייך איינער צום אַנדערן, און
אין לוז, פון דער אַנדערער זייט סמבטיון, איז אויך ניט בעסער. דאָרט
לעבט מען אייביק, האָט מען אייביקע צרות, אייביקע ענויים!
געלויבט ביזטו גאָט, וואָס איך בין ניט אין לוז, וואָס איך לעב דאָ אין
גלות, ווו מיין לעבן איז ניט אייביק און מיינע צרות וועלן מסתמא
אויך ניט אייביק זיין! אָט, לאָז זיך לעבן, ווי עס לעבט זיך, עס וועט
דאָך קומען אַמאָל אַ סוף! וויפל לעבט אַמענטש? זיבעציק יאָר, און
אַז פיל, איז אַכציק יאָר; נו, קרוב צו פופציק יאָר האָב איך שוין
אָפּגעלעבט, וועט דאָס ווייב מיך שעלטן נאָך צוואַנציק, נאָך דרייסיק
יאָר, און אפשר, וועט זי גאָר צו מאַכן אירע אויגן פריער פאַר
מיר?... האַ? ניין! דאָס ווינטש איך איר ניט, זאָל זי זיך לעבן הונ-
דערט און צוואַנציק יאָר. זי איז אַן ערלעכע אשה, אַ פרומע, זאָל
איר גאָט געבן יאָרן. אָן איר וואָלט איך אומגיין אָפּגעריסן, אפילו
די לאַסטינגענע קאַפּאָטע מיינע וואָלט אויך נישט געהאַט אַזאַ פּנים, ווי
איצט און אַז זי שעלט, מיינט זי דען, איך זאָל טאַקע ניט דערלעבן
אַהיים צו קומען? חלילה, לאָם איך פרווון שלאָף ווערן, ווייס זי אי-
בער מיר ניט וואָס צו טון און טרעט פון בעט ניט אָפּ. אָט, ווייס
איך, זי שרייט? דאָס האַרץ טוט איר וויי, פון אָרעמקייט שרייט זי,
פון ווייטיק שעלט זי, און באמת, איז זי ניט גערעכט? דאַרף אַן
אָרעמאַן געבאָרן און געדאַכט ווערן? דאַרף גאָר אַ אָרעמאַן האָבן קינ-
דער, אַז ער קען די קינדער ניט געבן אפילו טרוקן ברויט זיך זאַט
אנצועסן און קען מיט דערוואַקסענע טעכטער קיין שדוך ניט טון?
אָט, ווען גאָט זאָל מיר העלפן, עפּעס צושיקן אַ מציאה פון אַ מאה
קערבלעך, איך זאָל קענען די מיידלעך מײַנע חתונה מאַכן און נאָך
האָבן אַ אייגן ציגעלע, אַ ביסל אייגן מילך און דערצו אַ קנעלונג אַ
גוטע אויף הונדערט קאַרבן אַ זמן, אָט דאַן וואָלט איך ערשט
וויסן, אַז איך לעב אויף דער וועלט. און שבת בייטאָג וואָלט איך
אויך קענען זיך צולייגן, אויסרוען נאָך דעם טשאָלענט. ניט זי וואָלט
מיך שעלטן און ניט איך וואָלט מורא האָבן פאַר איר שעלטן. איצט
בין איך נע ונד, און אפילו שבת מוז איך אַנטלויפן פון שטוב, כאָטש
די אויגן קלעבן זיך צו ביי מיר פון שלאָף. נאָר וווהין לויפט מען?
פון ביין זאָל איך אַזוי וויסן. אפשר איז אַ פּלאַן אַרייַנצוגיין אין בית-
המדרש און דאָרט זיך צולייגן אַ ווײַלע? אָבער דאָרט זענען איצט
די קונדסים, די באָר־יונגען, וואָס דרייען זיך דאָרט דעם קאָפּ אַראָפּ,

פון די שטיפֿערייע זייערע, אויך קיין אָרט ניט. פֿאַר אַכטאָגן האָבן זיי מיך פֿאַרוואָרפֿן מיט נאַסע האַנטיכער, אַז איך האָב נאָר אַ קאָפּ צוגעלייגט, אמת, איך האָב זיי אויך ניט געשוויגן, און איינעם אָנגעריסן פֿאַרן אויער, אַז ער וועט מיך געדענקען; אָבער זיי האָבן זייערס אויסגעפֿירט און איך האָב געמוזט אַנטלויפֿן פֿון בית-המדרש. איצט ווייס איך אַליין ניט, וווהין גייט מען זיך צולייגן? שבת שלאָפֿן איז אַן עונג שבת און אַ מצוה׳לע אויך און גלאַט אַזוי אַ גוטע זאַך, פֿאַרוואָס טאַקע ניט? אָבער אַן אָרעמאַן טאָר אפֿילו דעם תענוג אויך ניט האָבן, כאָטש עס קאָסט קיין קאָפּיקע ניט!...

אַזוי טראַכטנדיק, האָט אים ר׳ שלמה קאָהאַן באַגעגנט, און אויף זיין פֿראַגע: „וואָס טראַכט איר״? האָט ר׳ שמעון ניט געוווסט וואָס צו ענטפֿערן.

— לאָזט מיך דערמאַנען זיך, ר׳ שלמה, וועל איך אייך זאָגן, וואָס איך האָב געטראַכט, — האָט ר׳ שמעון געבעטן און בעת מעשה אַ קלער געטון: צי איז ניט אַ פּלאַן מיט אים אַ רעד טון מכּוח זיין ברודערס קינדער, אַז זיי זאָלן ביי אים בלייבן לערנען אין חדר אויף ווינטער אויך? — ווייסט איר, וואָס איך קלער, ר׳ שלמה? איך קלער, צי זאָל איך ביי אייך בעטן אַ טובה, צי ניט?

— ביי מיר אַ טובה? האָט ר׳ שלמה אַ פֿרעג געטון.

— ביי אייך אַ טובה, —ר׳ שלמה. חלילה, ניט קיין גמילת חסד, איר ווייסט דאָך, שבת ברויך אַ יוד קיין געלד ניט. נאָר אַזוי אַ טובה, וואָס מען מעג בעטן אום שבת אויך.

— נו, זאָגט שוין, וואָס פֿאַרלאַנגט איר?

— די טובה איז, איר זאָלט מיר ניט קאַליע מאַכן ביי אייער ברודער ר׳ לייזערן, איך מיין: איר זאָלט אויך מסכּים זיין, אַז זיינע ביידע יונגלעך זאָלן בלייבן לערנען ביי מיר דעם נייעם זמן אויך. פֿאַרשטייט איר מיך, היינטיקן שבת האָט מען געבענטשט ראש חודש אלול, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום הייבט זיך אָן ביי מלמדים דער יריד, איך מיין דער „בין הזמנים״ און איך ווייס, אַז פֿיל זענען בעלנים צו גיין בעטן ביי אייער ברודער זיינע קינדער. וואָרים באמת, ווו נעמט מען נאָך אַזאַ באַלעבאָס, ווי ר׳ לייזער? אַזאַ באַלעבאָסטע ווי אייער שוועגערין הייעלע, איז? ווער צאָלט נאָך אַזוי גוט און אָן עגמת נפֿש, ווי זיי, און פֿון וועמען האָט אַ מלמד אַזאַ שיינע מתּנה, אויף אַ רגל אויב ניט, פֿון זיי? אָט דאָס, ר׳ שלמה, איז ידוע, גאַנץ גוט ידוע אין אונדזער

מלמדישען עולם, איז טאַקע דערפאַר האָב איך מורא, אַז אַן אַנדערער זאָל דאס גוטע ביסן ביי מיר ניט אויסכאַפּן, און טאַקע דערפאַר וויל איך בעטן, אַזוי ווי מיר זענען דאך בית־המדרש־לייט און זענען ביידע חסידים פון איין רבין, זאָל לעבן, אַז איר זאָלט טאַקע אייער דעה זאָגן, אַז די ייִנגלעך זאלן מיינע תלמידים בלייבן אויף ווינטער אויך.

ר׳ שלמה האט געשוויגן.

— וואס זאָגט איר, ר׳ שלמה? האָט שמעון אזוי ווי מיט תחנונים איבערגע־רעגט.

— זאגט מיר, ר׳ שמעון, — האט ענדלעך ר׳ שלמה געזאגט, — פון וואַנען עפעס קלערט איר, אַז מיין ברודער וועט די קינדער ביי אייך צונעמען דעם נייעם זמן? מסתמא ווייסט איר דאך, אז איר האט מיט זיי נישט גוט געלערנט און ער איז מיט אייער פעולה נישט צופרידן.

— וואָס נישט צופרידן? חלילה, אדרבה! — האט זיך שמעון אָבגערופן צעהיצט, ווי די פראַגע וואָלט אים באַליידיגט, — אדרבה, איך האב מיט די קינדער אַ גרויסע פעולה געטון. מיט מאטעלען רעכן איך, אם ירצה השם, תיכף נאך סכות אנצוהייבן חומש און דער קלענערער, יאסעלע, זאגט שוין אויך גוט עברי. חומש אנהייבן מיט אים איז נאך פרי, אבער תרגום, אָט אַ ביסל אין שווערער עברי מוז מען אים געוויינען. אַ פעולה, זאג איך אייך, האָב איך מיט זיי געטון אַ גרויסע, און ר׳ לייזער ווייס עס, ער איז גראָד אַ מבין. נאָר מורא האב איך פאַר אייער פלימעניצע, רחלע. דאכט זיך, אַ קלוג מיידל, אַ גוטע, אויף מיר אזא יאר, אָבער זי וויל גאר אַ דעה זאָגן! איר געפעלט ניט מיין חדר. „ענג, נישט אויסגעקערט”, זאגט זי, „די קינדער קאנען, חלילה, אין אזא חדר קראנק ווערן”... איז זי נישט אַ קינד? זי ווייס נישט, אז אַ מלמד איז אַ קבצן און קען נישט האבן אַ חדר ווי אַ פאלאץ. זי ווייס נישט, אז מיר אַלע, אז אפילו איר, ר׳ שלמה, און אייער ברודער ר׳ לייזער און, אייך צו לאַנגע יאר, אייער ברודער, ר׳ ראובן, עליו השלום, זענען אויך געווען אַזעלכע ציטריקע קינדער, ווי אירע ברידערלעך, און האָבן אויך געלערנט אין אַזעלכע ענגע חדרים, ווי זיי און, געלויבט איז השם יתברך, חלילה, ניט קראַנק געווארן, און זענען ארויס לומדים מופלגים! רעד מיט אַ מיידל! ווייס זי גאָר, מיט וואס די תורה ווערט געקויפט? פת במלח תאכל, ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, ומים במשורה תשתה, און וואַסער מיט אַ מאָס זאלסטו טרינקן, ועל הארץ תישן און

אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפֿן, וחיי צער תּחיה—און זאָלסט לעבן אין צער, דאס הייסט: זאלסט זיך געוווינען, צו קענען לעבן אין צער. און באמת זעט מען דאך, אז די אמת גרויסע לומדים זענען שטענדיק גרויסע קבצנים און לעבן אין צער. הייגט גיי רעד מיט איר און גיב איר צו פארשטיין, אַז, אַדרבה, וואס ענגער ביי מיר אין חדר איז, אַלץ בעסער איז פאר די קינדער, אלץ גיכער וועלן זיי, אם ירצה השם, לומדים מופלגים ווערן.

— און לייזער איז מיט אייער לערנען צופרידן? — האט ר׳ שלמה געפרעגט.

— ווייס איך, וואָס הייסט צופרידן? אים געפעלט, למשל, איך זאָל מיט די קינדער לערנען עברי מיט דקדוק, מיט טייטשעריש, אט ווי די הייגטיקע, בעוונותינו הרבים, לערנען. און דאס וועט ער ביי מיר נישט פועל זיין. ערשטנס, ווי קום איך דערצו? צווייטנס, וועלן זיי נאך צייט האבן צו ווערן טייטשן. מיר איז אַ חדוש אויף אייך, ר׳ שלמה, איר זאלט דאס גאר דערלאָזן? יידן זענען, ברוך השם, יידן געוועזן אָן דקדוק, ערלעכע יידן, פרומע יידן און „ער זאָל לעבן” איז דאך געוויס אַ ייד איינס אין דער וועלט, פונדעסטוועגן דאוונט ער און זאגט עברי אָן דקדוק? שטותים! וואס זאגט איר, דארפן אַזעלכע יונגע קינדער שוין ווערן אויפגעקלערטע קענער מיט דקדוק? און דאס איז אַלץ איר קאָפּ, רחל׳עס, אַ קלוג מיידל, אבער דאך אַ נאר!

— האט קיין עגמת נפש ניט, ר׳ שמעון, איך וועל הייגט ביי אים זיין, גייט איר אויך אריין, און אז עס וועט קומען צו רייד, וועל איך מיט אים איבעריידן. רעדט איבער מיט חייעלן, איך וועל אויך מסכים זיין און אונדז ביידן וועט לייזער נאכגעבן. רחלן וועל איך געבן צו פארשטיין, אז זי איז אַ מיידל און דארף זיך אריינמישן אין קיך, דאָרט, ווו מען מאַכט אַ קוגל, ווו מען קאָכט פיש און צימעס און ניט אין אַזעלכע זאַכן, ווי קינדער פאַר יידן צו מאכען. איך וועל איר זאגען אַזוינס, אז זי וועט פארזאגן אַ צענטן, זיך צו מישן אין ענינים, וואס זענען שייך נאָר צו אונדז. אַ גוטן שבת אייך דערווייל, גייט אריין, איך וועל דארט באלד זיין!

ר׳ שלמה איז זיך געגאַנגען זיין וועג און ר׳ שמעון האט פערקערט זיין מארשרוט גלייך צו ר׳ לייזער קאהאנס שטוב. ר׳ לייזערס הויז איז געשטאנען אין דער שענסטער גאס אין קלייניק, און אין דער גאס איז עס געוועזן דאס שענסטע און גרעסטע הויז, אַלטמאָדיש אפילו געבויט, אבער טאקע איבער דעם אליין האט עס פאַרנעמער זיך פאַר-

געשטעלט אויף זיין שטיינערנעם פונדאַמענט, מיט זיינע פיל גרויסע פענסטער און מען האט באַלד דערקענט, אז זיין באַלעבאָס האט קיין געלט און מי ניט געזשאַלעוועט, שענער און רייכער אויסצופוצן דאס הויז פון אלע אנדערע הייזער פונם שטעטל. די ווענט זענען געווען באַצויגן מיט ברעטער, טונקל ברוין געפארבן, דער דאך פון בלעך, דער איינציקער בלעכענער דאך אין גאַנץ קלייניץ. די לאָדנס פון די פיל פענסטער זענען אויך געווען געפאַרבטע און די פענסטער מיט גרויסע לאַנגע שויבן פון גוטן גלאָז, וואָס לייזער האָט עקסטרע געלאָזט ברענגען פון ווארשע. פאר די פענסטער איז געווען אַרומגעצוימט אַ קליין גערטנדל, און שיינע קאַשטאַנען־ביימער האָבען אין שטוב אַ אָנגענעמען שאָטן געגעבן בייטאָג פון היץ און אַ גוטן גערוך פאַרנאַכט, בעת די פענסטער זענען געווען אָפן. דער ניט היגער, וואָס האָט דאָסזעלבע הויז באַטראַכט פון דרויסן, האָט עס געוויס גערעכנט פאַר אַ פריציש הויז. די היגע אָבער האָבן עס אָנגערופן: „ר' אברהם קאָהאַנס הויף", ווייל ר' אברהם קאָהאָן, ר' לייזערס פאָטער, האָט נאָך אין זיינע יונגע יאָרן געקויפט דעם פלאַץ און אויסגעבויט דאָס הויז, דערצו אויך אַנדערע הייזער צוגעבויט, שפייכלערס און קלייטן, געגראָבן אַ ברונעם און די גאַנצע גאַס האָט פון דעם ברונעם געשעפט וואסער. ר' לייזער איז געווען דער ייננסטער זון פון ר' אברהמס קינדער. דאָס הויז איז אים אָנגעקומען בירושה נאָך זיין פאָטערס טויט. די אַנדערע צוויי ברידער, דעם עלטסטן ר' שלמה'ן און דעם אַנדערן, ר' ראובן קאָהאַן, האָט ר' לייזער אויסגעצאָלט זייער חלק ירושה במזומנים און זיי האָבן זיך געבויט הייזער אין אַנדערע גאַסן פון קלייניץ. ר' לייזער האָט פון דאַן אָן דאָס הויז כמעט ווי אינגאַנצן איבערגעבויט, צוגעפוצט און צוגעבויט פליגלען, און דער גאַנצער גרויסער הויף האָט גאָר אַן אַנדער פנים באַקומען. פונדעסטוועגן האָבן שטאָטיקע איינוואוינער עס ניט אָנגערופן אויף זיין נאָמען, נור אויף דעם נאָמען פון זיין ערשטן באַלעבאָס: „ר' אברהם קאהאן". די אורזאַך דערפון, וואָס דאָס הויז האָט זיין ערשטן נאָמען ניט פאַרלאָרן, איז דאָס, ווייל דאָס לעבן און פירונג אין אים זענען געבליבן דיזעלבע, ווי אין יענער צייט, בעת ר' אברהם האָט נאָך דאָ געוווינט. ר' לייזער, זיין ייִנגסטער זון, האָט דעם פאָטערס פירונג ניט משנה געווען, כאָטש ער איז אין כמה זאכן געווען אויפגעקלערטער און הייבטהעלטיקער ווי זיין פאָטער אין זיינע צייטן, און טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט אַזויפיל צדקה געטיילט, ווי זיין פאָטער, און די טירן

געהאלטן אָפן פאר יעדן, סיי פאר די, וואס קומען דאָ זוכן הילף, סיי פאר די, וועלכע עס קומען גלאַט אזוי אריין הערן נייס, נייס דער־ציילן אָדער די לײַדיקע צייט דאָ ביי א גלעזל טיי פאַרברייגען, אַזוי ווי אין יענע יאָרן, בעת ר׳ אברהם האט נאך געלעבט, — אָט טאקע צוליב דעם האָבן שטאָטיקע חסידים און גאָטספאָרכטיקע ווייבער זיך ניט צוגע־קוקט, אז ר׳ לייזער איז אין כמה ענינים נוטה צו היינטוועלטיקייט, און די, וואס האבן זיך אפילו יאָ צוגעקוקט, האבן אים עס געהן מוחל געווען און געפונען א זכות, אז ער איז גערעכט און ווייס מסתמא, וואס ער טוט, און פלעגן זאגן: „אזעלכע היינטוועלטיקע זאלן אזוי פרום און גוט זיין, ווי ר׳ לייזער, וואלטן גאָר קיין אפיקורסים אויף דער וועלט ניט זיין און משיח וואָלט שוין געקומען". איצט, ווען ר׳ שמעון איז דאָ געקומען מיט זיין פלאַן, איז די גאנצע גאַס אזוי ווי איינגעשלאָפן גע־ווען, זעלטן ווו האט מען געקענט זען א מענטשן גייענדיק אָדער שטייענדיק. אַלץ האט גערוט און עס האט אויסגעוויזן, אז לכבוד שבת רוט זעלבסט די גאַס און הייזער, אויך די ביימער און בלומען אין גערטל פאר די פענסטער האבן שבתדיק ווי צוגעדרעמלט, זיך אויסגע־רוט און מיט א בלעטעלע א שאָרך נישט געטון. די פענסטער זענען פארהאנגען געווען און די האלב אראָפּגעלאזענע סטאָרן האבן פארגע־שטעלט די אראָפּגעלאזענע ברעמען פון דעם עונג־שבתדיגן פארשלאָפן הויז.

ר׳ שמעון איז צוגעקומען צום טיר, און א קוק טוענדיק, אז די סטאָרן פון די פענסטער זענען האלב אראָפּגעלאָזן, האָט ער פארלאָרן זיין מוט אזוי, פון העלער הויט, אריינצוגיין. ער איז געבליבן שטיין און האָט זיך נאָכאמאָל פארטראַכט און דערטראַכט, „אז כאָטש די גאַנצע וועלט איז איין שטאָט און די גאַנצע שטאָט איז איין שטוב, און כאָטש אין דער שטוב זענען אַלע מענטשן אדם הראשונס קינדער, פונדעסטוועגן איז א שטאָט צו א שטאָט נישט גלייך". אָט, האָט, למשל, דאָס שטעטל ווינאָגראָדקע זוכה געווען, דער רבי, זאָל לעבן, זאָל אין אים וווינען, און קלייניץ, וואָס איז פיל גרעסער, האָט נישט אזא זכות; אָט זע איך, למשל, ר׳ אברהמס הויז איז גרויס און שיין, ליכטיק און לעבעדיק, האָט א פנים ווי א פירשט איבער אַלע אנדערע קלייניצער הייזער און איז גאָרנישט גלייך צו די איבעריקע. דערפון טאַקע איז א ראיה, אַז די מענטשן זענען אויך נישט גלייך איינער צום אנדערן. נו, אדרבה, קען איך מיך גלייכן צום רבין, זאָל לעבן? אפילו צו ר׳ לייזרן קען איך מיך אויך ניט גלייכן, ער איז טאַקע ר׳ לייזר דער גביר

דער קאָפּ־מענטש, דער בעל־דעה אין שטאָט, דער נדבן און געוויס דער ערליכער ייד אויך, און איך בין שמעון מלמד, שמעון קבצן, אזוי רופט מיך מיין ווייב, און אונטער די אויגן רופן מיך הולטאַיעס: „שימעלע פלוט״ אויך, אָדער שמעון בעל־מחשבה. — שוטים! איר לאַכט פון דעם, וואס איך בין אַ בעל־מחשבה? איך בין ניט אַזוי פוסט, ווי איר; איך, אז איך טראַכט, טראַכט איך עפּעס אויס, וועגן וואָס אָבער טראַכט איר? מיך אַרט, איך מוז טראַכטן, איך האָב אַ קאָפּ, אין קאָפּ אַ מוח, אין מוח אַ שכל און דער שכל טראַכט, קלערט אַלץ, וואָס איז אים קשה. אָט בין איך פון טראַכטן געקומען צו דעם, אַז עס איז טאַקי אַ טעות, וואס מען זאָגט: אַלע מענטשן זענען גלייך; ווי קום איך צו ר׳ לייזערן און ווי קומט איר צו מיר? אָט האָב איך ווייטער דערטראַכט, אַז מיין אַלטע איז טאַקי גערעכט, וואָס זי זאָגט: איידער אין אַ שלעכטן מזל געבוירן צו ווערן, איז בעסער גאָרנישט געבוירן צו ווערן, וואָרום אַז מיין מזל וואָלט זיין גוט וואָלט איך איצט נישט דאַרפן שטיין דאָ אונטערן טיר, נור איך וואָלט מיר איצט שלאָפן דאָרט אין אַ חדר אויף אַ וויכן דיוואַן, ווי אַ גראַף לכבוד שבת. אַי, וויל איך שלאָפן, ווי אויף להכעיס צורייסט זיך מיר דאָס מויל פון גענעצן און די אויגן זענען פונקט ווי מיט זאמד אָנגעשאָטן!...״ ער האָט אַ לאַנגען גענעץ געטון און וואָלט נאָך ווייטער געטראַכט, אָבער אין דער מינוט האָט ער דערזען רחל׳ען אין פענסטער און איר קוק אויף אים האָט אים אויסגעטשוכעט. ער האָט באַרעכנט געשווינד, אַז איצט איז די בעסטע צייט אַ רייד טון מיט איר וועגן דעם, וואָס זי רעט צו איר פאָטער, מען זאָל אָבנעמען אירע ברידערלעך פון אים און זיי אָוועקגעבן צו אַן אַנדער רבי׳ן. ער איז מיט מוט אַריין.

רחלע, אַ שיין מיידל פון אַכצן יאָר, ר׳ לייזערס עלטצט קינד, איז זיך געזעסן מיט אירע צוויי ברידערלעך און שוועסטער׳ל אויף אַ סאַמעטענער קאַנאַפּע אין גאַסטצימער און האָט די קינדער עטוואָס דערציילט, פון וואָס זיי האָבן געלאַכט מיטן פולען מויל, ווי נור קליינע קינדער, וועלכע זענען אין גוטס און ווילטאָק דערצויגן, קאָנען אַזוי לאַכן. אין דעם מאָמענט ווי שמעון האָט זיך באַוויזן אין טיר, האָבן דיביידע יונגלעך פלוצים אויפגעהערט צו לאַכן, זייער פרייד האָט זיך ווי אין מיטן אָבגעריסן, דאָס עלטערע יונגל איז רויט און בלאַס געוואָרן און דער יינגערער האָט זיך מיט די הענטלעך אַ כאַפּ געטון פאַר רחל׳עס קלייד, אַזוי ווי עס וואָלט זיך איצט דערשראָקן פאַר

איינעם פון יענע וואַלד־גזלנים, וואָס די יונגלעך דערציילן פון זיי אין די חדר־מעשׂות.

— גוט שבת! האָט שמעון אויסגערעדט מיט אַ פריינדליכן שמייכל.

— גוט יאָר, האָט רחלע געענטפערט. — זאָגט מיר, רבי, פאַר־וואָס שרעקן זיך די קינדער אַזוי פאַר אייך? איר שלאָגט זיי? זאָגט דעם אמת.

— פאַרוואָס זאָל איך זיי עפּיס שלאָגן? האָט ער געפרעגט, אַנשטאט צו ענטפערן, — זיי זענען ווילע קינדער, ליבע קינדער און קענען גוט לערנען. קומט אַהער, שקצים, יונגלעך דאַרפן שכל האָבן, אַז אַ רבי קומט אַריין, דאַרף מען לויפן אנטקייגן און אים זאָגן: „גוט שבת, רבי"! און איר ש־עקט אייך גאָר פאַר מיר! וואָס שרעקט איר אייך, טפּשים? אַ מלאך־המות מיט אַ סך אויגן בין איך? אַ מענטש, גלייך מיט אַלע מענטשן און אַז איך גיב אַמאָל אַ קלאַפּ, קיין בייז נישט! מיך האָט מיין רבי מער געשלאָגען, אוי, געשלאָגן און ווי נאָך געשלאָגען, איך האָב קיינמאָל אַ גאַנץ גליד אין זיך נישט געהאַט. ווי דען, מיינסטו, ווערט מען אַ ייד אַ למדן און מען פאַרשטייט די טיפעניש פון דער תורה?

— און איך וואָלט אייך בעטן, רבי, איר זאָלט זיי אַ ביסל אויך נישט שלאָגן, — האָט רחל'ע פון איר זייט געענטפערט, — מיט שלאָגן וועט איר זיי די תורה נישט אַריינשלאָגן אין קאָפּ, שטיפן זיי, זענען זיי קינדער, עס איז זייער צייט; זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי גאָר אָן שלאָגן אויפהערן צו שטיפען. קינדער פּאַסט צו שטיפן, דאָס איז זייער לעבן, דערפון געדייען זיי און וואַקסן, און אַז איר שלאָגט זיי דערפאַר, האָט איר אַ עבירה פאַר גאָט און זיי וועלן אייך שפּעטער קיינ־מאָל נישט ליב האָבן.

— קינדער, זאָגט, איר האָט מיך ליב? — האָט שמעון זיך געווענדעט צו זיינע ייִנגע תלמידים'לעך און האָט געמיינט צו באַווייזן רחל'ען, אַז זיי האָבן אים ליב, כאָטש ער שלאָגט זיי אַמאָל. דאָס עלטערע ייִנגל האָט עפּיס אָנגעהייבן צו שאָקלען מיט די ליפּן, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסריידן, האָט זיך אים פון צונג נישט אַראָפּ־געריסן. ער האָט אַ בעטנדיקן קוק געטון אויף רחל'ען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „זאָג דו, רחל'ע, וואָס זאָל איך אים זאָגן? האָב איך אים ליב? קען מען ליב האָבן אַזאַ מענטשן, וואָס האָלט מיך אין חדר אַיינגעשפּאַרט און דערציילט מיר מעשׂות פון פינסטערן גיהנם פון

מלאכי־חבלה, ווי זיי ברענען דאָרט און בראָטן אַלע מענטשן, וואָס פאַלן צו זיי אין די הענט אַריין?"

רחלע האָט דעם קוק פערשטאַנען און האָט דאָס קינד צוגעטוליעט צו זיך. דעם רבינ'ס אויגן האָבן זיך דערווייל באַגעגנט מיט די ליכטיקע שיינע אויגעלעך פון דעם קלענערן ייִנגל, וואָס זענען איצט געווען פול מיט טרערן. דאָס קינד האָט געזען דעם רבינ'ס בייזן קוק און האָט אָנגעהייבן צו וויינען. קוקנדיק אויף דעם ייִנגערן ברודערל, האָט דאָס עלטערע קינד אויך אָנגעהייבן צו וויינען. אויך דאָס קליינע שוועסטערל האָט זיך צעוויינט. רחל'ען האָט זיך דער רבי איצט פאָרגעשטעלט, ווי אַ קאַרשון, וואָס רייסט זיך אַריין אין אַ נעסט פון ייִנגע פייגעלעך. זי האָט די קינדער ווי עס איז איינגעשטילט מיט קושן און מיט גלעטן, אָבער אויף איר אליין איז אָנגעפאַלן אַן אַנגסט, וואָס זי האָט בשום אופן נישט געקענט פון זיך פאַרטרייבן, ווי לאַנג שמעון האָט אויף איר געהאַלטן אויסגעשטעלט זיינע אויגן.

— זאָגט מיר, רבי, האָט זי מיט אַ באַטריבטן געפיל אויסגערעדט— שבת איז דער גיהנם צוגעשלאָסן?

—ווער ווייס עס נישט? אַוודאי צוגעשלאָסן, אַפילו דער גרעסטער רשע איז שבת פריי פון גיהנם.

— פאַר וואָס זאָלן מיינע ברידערלעך שבת נישט זיין פריי פון זייער גיהנם? — האָט זי געפרעגט. — לאָזט זיי, רבי, גענוג פאַר זיי אַ גאַנצע וואָך! פאַרשטערט זיי נישט זייער שבת. גלויבט מיר, זיי זיינען נישט ערגער, ווי יענע רשעים, וואָס מען לאָזט זיי שבת אויך רוען!

זי האָט די קינדער אַרויסגעשיקט אין סאָד אַריין, אַליין האָט זי דעם רבי'ן אַריינגעבעטן אין עס־צימער און אים מכבד געווען מיט טיי און מיט אויבס.

— דו ביזט אַ ווויל מיידל, רחלע, אַ ווויל מיידל, זאָג איך דיר! — האָט שמעון געזאָגט, אַז זי האָט אים צוגעטראָגן אַ גלאָז זיסע טיי — דו ביזט גערעכט, אָבער איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז איך וועל שוין מער דיינע ברידערלעך נישט שלאָגן, אפילו זיי אַ שלעכט וואָרט נישט זאָגן. צו ליב דיר, רחלע, וועל איך זיי נישט שלאָגן, אָבער דקדוק לערנען מיט זיי, ווי דיין פאָטער פאַרלאַנגט, וועל איך נישט. דו ווייסט וואָס דקדוק איז? דאָס איז אַזאַ שווערער למוד, נאָך שווערער ווי אַ בלאַט גמרא מיט מהרש"א. נו, בין איך נישט גערעכט, אַז איך זאָג, זיי זענען נאָך צו ייִנג? אַ רחמנות אויף זיי, נישט אמת? —

— לערנט מיט זיי, וואָס דער פֿאָטער הייסט אייך, ער הייס מסתמא, וואָס פֿאַר זיי איז גוט, — האָט זי געענטפֿערט און איז אַרויסגעגאַנגען. די אַנדערע גלאָז טיי האָט אים צוגעטראָגן די אַלטע פֿייגע, די קעכין. די קינדער, באַלד ווי זיי האָבן נישט מער געזען דעם רבי'ן פֿאַר די אויגן זיינען צוריק פֿריילעך און לוסטיק געוואָרן.

דער רבי האָט דאָ זיין טיי אויסגעטרונקען, ברכה געמאַכט אויף די גוטע עבֿל און באַ־נעס, געגומען אַ ספֿר אין האַנט, געקוקט, פֿון פֿאַרטראַכטקייט נישט געזען אַפֿילו די אותיות אין ספֿר. אין שטוב איז שטיל און שלעפֿעריק געווען און ער האָט געכאַפּט אַ דרעמל.

ב.

אַ ביסל שפּעטער, אין דעם זעלבן טאָג, אז ר׳ לייזער איז אַרויס פֿון זיין שלאָף־צימער, האָט ער דאָ געפֿונען: ר׳ שמעון זיצט און דרעמלט, דער קאָפּ פֿאַלט אים אַראָפּ מינוטנווייז. ער דערשרעקט זיך און כאַפּט זיך אויף, עפֿנט די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן אויף אַ מינוט און ווערט ווידער איינגעשלאָפֿן. ער האָט אים נישט געוואָלט וועקן און האָט געהייסן דער אַלטער פֿייגע'ן, אים געבן אַ קישן, ער זאָל דעם קאָפּ אונטערשפּאַרן, און זיך אַזוי נישט פּייניגן אין שלאָפֿן מיט דעם ווילן וואַך זיין, בעת עס וואַכט זיך נישט.

פֿייגע האָט אים צוגעטראָגן אַקישן. ר׳ שמעון האָט איר געגעבן אַ ברכה, האָט דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט און זיך אויסגעצויגן אויפֿן דיוואַן. אין אַ מינוט אַרום האָט ער אָנגעהויבן צו כראַפּן און צו פֿייפֿן, ער האָט פֿעסט געשלאָפֿן.

חייעלע, ר׳ לייזערס פֿרוי, איז אויך אייפֿגעשטאַנען, זי האָט געגלאַזטע װאַסער אָבגעגאָסן, צורעכט געמאַכט אויף זיך איר קלייד, און איז אויך אַריין אין עס־צימער. זי האָט אויך דעם רבין נישט געוואָלט וועקן און האָט געהייסן טיי דערלאַנגען אין גאָרטן־הייזעלע.

נאָך דעם טיי טרינקען האָט חייעלע גענומען לייענען דעם טייטש־חומש, ר׳ לייזער מיט רחלען זענען געגאַנגען שפּאַצירן.

ר׳ לייזער קאָהאַן איז געווען אַ ייד פֿון קרוב צו פֿערציק יאָר, הויך און פֿול געבויט, אַ שיין געזיכט, איינגעפֿאַסט אין אַ שוואַרצן באָרד, וועלכער האָט זיין פּאַרנעמעס אויסזען געמאַכט נאָך שענער און פּאָר־

נעמער, געקליידט נישט גאָר ניי מאָדיש, אָבער אויך נישט ווי עפּעס אַן אַנדער ייד פון דעם שטעטל. עפּיס איידעלקייט, פאָרנעמקייט איז אויף זיין גאַנצן וועזן געלעגן. יעדער, וואָס האָט אים באַגעגנט, האָט זיך, נישט וועלנדיק, מיט רעספּעקט פאַר אים פערבייגט און אים מיט כּבוד געגריסט.

זיין טאָכטער רחל׳ע, אָדער „די שיינע רחל׳ע”, ווי אַלע האָבן זי פון קינדהייט אָן גערופן, האָט געהאַט דעם פאָטערס געזיכטס־ציגן, נור מיט אַ בעזונדערן חן בעשאָנקען, מיט דעם חן, וואָס ציט צו זיך צו יעדעס אויג, וואָס איז אָפן, אָנצוקוקן אַ שיין בלימעלע, בעוווּנדערנדיק די ליבע אנגענעמע פאַרבן און איידעלקייט, בעת עס בליט.

רחל׳ע האָט, ווי אַ שיינע רויז געבליט. קיין שאָטען פון עפּעס אַ דאגה אָדער פערדרוס, האָט נאָך איר שיינעם ליכטיקען שטערן נישט באַטריבט. אירע דונקל שיינע אויגן פון אונטער אירע לאַנגע שוואַרצע ברעמען, זיינען נאָך נישט פערדונקלט געוואָרן פון יענע טרערן, וועלכע קומען טיף פון האַרצן. און אַז זיי רייסן זיך דורך די אויגן, לאָזן זיי אַרויף אַ טריבן וואָלקן אויפן געזיכט, אפילו ווען זיי טריקענען שוין אָב... אַזעלכע טרערן האָט נאָך רחל׳ע קיינמאָל נישט פאַרגאָסן, דערפאַר האָט זי געבליט, ווי אַ יינג בלימעלע אין שיינעם פרילינגס־פרימאָרגען פון טוי און לעבן, און די זון האָט איר ליכטיק געשיינט און די וועלט האָט זיך איר פאָרגעשטעלט בעסער, אַנגענעמער, ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט עם פאָטער, וועלכער איז דאָ איצט נעבען איר געגאַנגען.

איר ווּקס איז געווען נאָך אירע יאָרן, נישט הויך, נישט נידריג. אַלע אירע גלידער זענען ווי פון אַ פורם אַרויס, ווי עס וואָלט דעם קינסטלער געקאָסט בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט און זאָרג איינס זאָל נישט ערגער זיין ווי דאָס אַנדערע. גאָטס חן און חסד איז אויף איר געווען אויסגעגאָסן פון דער פּולער האַנט און נישט אומזיסט האָבן קלייניצער איינוווינער זי געהאַלטן פאַר די שענסטע אין דער וועלט און זי נישט אַנדערש אָנגערופן: „די שענע רחל׳ע”, „די גוטע רחל׳ע”, וואָרום זי איז באמת געווען אַזוי שיין, ווי גוט און אויך אַזוי גוט, ווי שיין. די קליידער אויף איר האָבן שטענדיק אויך געפּאַסט און האַרמאָנירט צו איר שיינקייט, און שטאָטיקע מיידלעך פלעגן אָפט זאָגן: „דער נגיד האָט דעם מזל. דאַכט זיך, דערזעלבער שניידער, דיזעלבע מאַטעריע און אויף איר

ליגט דאָס קלייד, ווי זי וואָלט מיט דעם געבוירן געוואָרן. מ׳דאַרף צו אַלץ מזל האָבן! שטאָטיקע מבינים זענען נישט אייניק געווען. מאַנכע האָבן געזאָגט: זי איז מער ענליך אין געזיכט צום פֿאָטער, און מאַנכע האָבן געזאָגט, אַז זיי געדענקען ווי די מוטער, אין אירע יאָרן, איז געווען, ווי צווי טראָפּן וואַסער גלייך צו רחל׳ען איצט, כאָטש אין יענע יאָרן איז חייעלע נאָך נישט געווען אַזאַ פּראַנטיכע. אָבער אויף איר פּלעגן אויך די קליידער אירע ליגן, ווי אויסגעגאָסן, נור וועגן איר גוטסקייט, האָבן אַלע מודה געווען, אַז זי איז נאָר אין פֿאָטער געראָטן. אויך וועגן איר ריידן, וועגן איר פֿאַרטראַכטן זיך, וועגן אירע פֿעיִקייטן אַלס אויפֿצו־אַסן און צו בעגרייפֿן האָט מען געזאָגט: „זי האָט דעם פֿאָטערס קאָפּ אויף זיך. זי איז ר׳ אברהם קאָהאַנס אַן אייניקל, זי האָט אין וועמען געראָטן צו זיין!“

אַז חייעלע פּלעגט אַמאָל הערן זאָגנדיק: „רחל׳ע איז, אָן אַ בייז אויג, פּונקט דער פֿאָטער“, פּלעגט איר פֿון איין זייט הנאה טון, צו הערן, ווי מען לויבט דערמיט איר קינד און איר מאַן צוגלייך. פֿון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָט עס איר אויסגעוויזן, אַז צוליב איר קינד ווערט זי אין גאַנצן נישט אָנגעזען. — נישט מיט איר שיינקייט, נישט מיט איר שכל און פּלעגט מיט פֿאַרדרוס אויסריידן די ווערטער: „לאָז זי זיין אַזוי שיין ווי איר פֿאָטער, פֿונמיינעטוועגן אויך אַזוי גוט ווי ער. אָבער פֿרום זאָל זי זיין, ווי איר מאַמע, און ווי איר מאַמעס מאַמע! ... אין אירע יאָרן בין איך אויך געווען אַ פֿאַרשוין, איצט נעמט גאָט מיין שיינקייט און לייגט עס אויף מיין קינד, און די מאַמע דאַרף נור זיין גליקליך דערמיט!“

עס פּלעגט פֿונדעסטוועגן טרעפֿן, אַז חייעלע פּלעגט רחל׳ן צופֿירן צום שפּיגל, און דאָ זי און זיך גוט באַטראַכטן, און כאָטש זי פּלעגט אויך געפֿינען, אַז איר שיין קינד איז צום פֿאָטער ענליכער ווי צו איר, פּלעגט זי אָבער אויך זיין געטרייסט און אַוועקגיין פֿון שפּיגל מיט דעם בעוווּסטזיין, אַז זי, חייעלע, איז נאָך אויך גענוג שיין און איז זי נישט אַזוי יינג ווי איר רחל׳ע, איז זי דאָך די שענסטע און פֿאַר־נעמסטע פֿרוי אין קליינינקן געוויס, און אפֿשר אין אַ גרעסערער שטאָט ווי קליינינק אויך. וואָס מער רחל׳ע האָט אָנגעהייבן רייפֿער און שענער צו ווערן אַלץ מער האָט חייעלע אָנגעהייבן אויף זיך צו קוקן אין שפּיגל, זיך קליידן שענער, זיך פּוצן און היטן איר געזיכט פֿון דער זון אויפֿן גאַס און פֿון פֿייער אין קיך, פּונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט,

אַז אין דעם ערך, וואָס איר קינד ווערט שענער, מוז זי מאוסער ווערן. און וואָס מער עס האָט זיך רחלעס גוט האַרץ און איידל געמיל אָב־געהייבן אַרויסצווייזן, אַלץ מער האָט חייעלע אָנגעהייבן אַרויסצוווייזן איר פרומקייט, איר גאָטספאַרכטיקייט און איר אמונה אין „רבין זצ"ל לעבן", און האָט זיך געלאָזט דערקענען זיינע גבאים און זיינע חסידים, און טאַקע דערפאַר האָט זי אָפּט מער אַכטונג אַרויסגעוויזן דעם אַלטן ר' שלמה'ן, איר מאַנס עלטערן ברודער, ווי איר מאַן אַליין, ווייל ר' שלמה איז אויך געוואָרן אַ חסיד נאָך זיין פאָטערס טויט און פאָרט צום רבין עטליכע מאָל אין יאָר. אויך שמעון מלמד איז ביי איר געוועזן אַ תקיף פאַר זיין חסידות, כאָטש איר מאַן און איר קינד האָבן אים נישט ליב געהאַט.

גייענדיק אַזוי שפּאַצירן, האָט רחל'ע דערציילט דעם פאָטער די סצענע מיט ר' שמעונען און די קינדער. דער פאָטער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט, קיין בעסערע מלמדים זענען נישטאָ. יעדער לערנט מיט זיינע תלמידים מיט דעם זעלבן דרך, וואָס זיין רבי האָט מיט אים געלערנט. יעדער געדענקט דעם קאַנטשיק, וואָס ער האָט אין זיין צייט אויסגעליטן און מיינט, אַז אַנדערש קאָן גאָרנישט זיין. „מען מוז ליידן, ליב קינד, ביז אַ צייט. לאָזן די קינדער עלטער ווערן. אַז גאָט וועט מיך לאָזן לעבן, האָף איך, וועלן זיי לאַנג פון זייער רבין שימעלן נישט ליידן".

— אָבער עס איז דאָך אַ רחמנות אויף זיי. זומער איז נאָך אַ האַלבע צרה, זיי גייען אַרויס שפּילן אויפן הויף, אָבער זיצן ווינטער אַ גאַנצן טאָג אין דעם ענגען חדר'ל, זיך אָנציען מיט דעם רויך פון רבינס הילצערנע פּיפּקע, וועלכע ער לאָזט פון מויל נישט אַרויס, דערצו נאָך בעקומען אַ שמיץ מיט זיין קאַנטשיק איבער זייערע יינגע ביינדעלעך, דאָס איז דאָך אַן אמתער גיהנם פאַר זיי, און זייער רבי איז זייער גיהנם־שבש!...

— מיין טאָכטער — האָט דער פאָטער געענטפערט,—פאַרגעס נישט, מיין קינד, אַז זיי דאַרפן נישט זיין בעסער ווי אַנדערע קינדער. איך ווייס, אַז אַנדערע קינדער זיצן נאָך האַלב הונגעריקע און האַלב נאַקעטע אין נאָך ערגערע חדרים, ווי שמעון'ס חדר. גלויב מיר, זיי זענען אויך פון בלוט און פלייש, אויך צייטיקע קינדער ביי זייערע טאַטעס און מאַמעס, מיר דאַרפן ביי זיך אַליין נישט זיין קיין צו גרויסע יחסנים, מיין קינד.

רחל׳ע האָט א זיפץ געטון.

— פּאָטער — האָט זי געזאָגט, איז אפשר מעגליך, דו זאָלסט אים ביי אונז אין פליגעל אָבגעבן אַ צימער פאַר זיין חדר? איך וואָלט קענען אַכטונג געבן אויף די קינדער, יעדענפאַלס וואָלטן זיי זיצן כאָטש אין אַ ריינעם געראַומען הדר.

— איך האָב עס שוין אַליין געטראַכט, אָבער איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, מיין טאָכטער, איך וויל שמעונ׳ן אַזוי נאָנט נישט האָבן. איך ווייס נישט, פאַרוואָס, נור איך האָב אים פאָרט נישט ליב. מיט אַזעלכע, ווי ער, איז מיר ליבער פון וויטן צו זיין.

— איך האָב אים אויך נישט גערן, — האָט זי זיך אָבגערופן. — עס קומען צו אונז אין שטוב אַריין הונדערטער מענטשן, קיינער מאַכט אויף מיר ניט אַזאַ איינדרוק ווי ער. איך פרעג ביי זיך: וואָס האָב איך צו אים? וואָס האָט ער צו מיר פאַר אַ שלעכטס געטון? אָפט צוגייט מיר דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף זיין צוקנייטשטע הויט, וואָס דעקט צו קוים די ביינער, פון זיין עלנט פנים. איך גיב אים גערן אַ טרונק בראָנפן, אַ גלאָז טיי, אַמאָל ליי איך אים עטליכע קאָפּעקעס. איך ווייס ער איז הונגעריק און פאַרשמאַכט. דאָך פיל איך יעדעסמאָל, ווען איך דערזע אים, ווי אַ ווייטיק אין האַרצן און זיין רחמנות׳דיק פנים שטייט מיר פאַר מיינע אויגן, כאָטש איך זע אים שוין נישט.

— עלנט, אָרעמקייט, קען קיין בעסערן איינדרוק נישט מאַכן, מיין קינד, גאָט זאָל דיך אָבהיטן זיך צו באַגעגנען מיט זיי!

זי האָט ווייטער נישט געפרעגט און אַזוי זענען זיי שטיל און פאַרטראַכט געגאַנגען ביז אויסן שטאָט. נישט גרויס איז דאָס שטעטל געווען און נישט פיל האָט מען באַדאַרפט גיין ביז צו קומען אויסן שטאָט. ווו עס האָבן זיך די שטאָטיקע הייזער געענדיקט, איז די לופט פרישער און ריינער געוואָרן און די שפּאַצירנדיקע זענען זיך ווייטער גלייך געגאַנגען מיט דעם וועג, וועלכן עס האָבן, ווי אַ סכה, אַריבערגעדעקט גרינע צווייגן פון געפלאַנצטע דעמבעס, נאָך פון אַלטע צייטן. ווייט פון שטאָט זענען זיי צוגעקומען צו דער פאַר־רויכערטער קוזניע, פון וועלכער דער שמיד האָט איצט אַרויסגעטראָגן אַ רויטע אָנגעגליטע פּאָדקאָווע און האָט זי אַרויפגעלעגט אויפן שמיד־אייזן. אַ קליינער לערן־יינגל האָט אָנגעהייבן קלאַפּן דערויף מיט אַ שווערן האַמער און פונקען זענען געפלויגן פון אַלע זייטן.

— אויך אייזן קאָן מען ווייך מאַכן ! — האָט דער פאָטער ארויסגערעדט און איז געבליבן שטיין.

—קייגן וואָס זאָגסטו עס, פאָטער ? — האָט רחל׳ע געפרעגט. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר צערטלעך און האָט נישט געענפערט. זי האָט נישט איבערגעפרעגט. אין די לעצטע צייטן האָט זי אָנגעהויבן שפּירן עטוואָס אין פאָטער, וואָס פריער האָט זי עס אין אים נישט באַמערקט, אָדער קיינמאָל זיך וועגן דעם נישט באַקימערט. איצט האָט זי געפילט, אַז אים דריקט עטוואָס, ער טראָגט עפּעס אין זיין האַרצן, וואָס ער קאָן איר נישט זאָגן. איר האָט דאָס האַרץ וויי געטון. זי האָט אים אַלס קינד הייס געליבט, געאַכט און פערערט, ווי דעם איינציגן אָרנטליכסטן און פיינסטן מענטשן, וואָס זי האָט געקאָנט אין איר גאַנצער וועלט. זי האָט אָבער געהאַלטן פאַר נישט אָנשטענדיק אים איבערצופרעגן דאָס, וואָס ער ענפערט נישט אויף איינמאָל פרעגן.

ער איז דאָ אַ מינוט געשטאַנען און צוגעקוקט ווי דער אַלטער שמיד בייגט די פּאָדקאָווע, ווי אים געפעלט. ער האָט זיך אין דער רגע דערמאַנט, אַז מיט פיל יאָרן צוריק, בעת ער איז נאָך אַ קליין יינגל געווען, איז ער דאָ אויך געשטאַנען און געקוקט, ווי דער אייגענער שמיד האָט אויך דעמאָלט, פּונקט ווי איצט, געשמידט אַ פּאָדקאָווע. אָבער דעמאָלט איז דער קאָפּ זיינער געווען נישט אַזוי ווייס באַשנייט, ווי איצט, זיינע הענט נישט אַזוי אויסגעטריקנט און די אָדערן האָבן דורך דער הויט נישט אַזוי דורכגעקוקט, ווי אין דער מינוט. „דרייסיק יאר זענען אַזוי אַריבער פון יענער צייט״, האָט ער געקלערט. „יאָ, דאָס איז אַ גוטע העלפט פון מענטשנס לעבן. ווי אַנדערש האָב איך דאַן געקוקט אויף דעם שמיד און אויף זיין אַרבעט ווי איך קוק איצט ! וואָלט איך איצט יענע קינדערשע יאָרן האָבן צוריק, צוריק אַ קינד ווערן, ווי געווען, וואָלט איך שוין וויסן מיט וועלכן וועג צו גיין און נישט בלאָנדזשען ווי היינט ; אָבער נאָר איינמאָל איז מען יינג און יעדער פעלער אין דער יוגנט, בעת מען ווייס נישט ווי צו באַנוצן די צייט, איז פאַרפאַלן, אוועק אין דער אייביקייט, און קיין שכל און פראַקטיק וועלן צוריק נישט אומקערן דאָס, וואָס איז אין די קינדעריאָרן פאַרלאָרן געוואָרן !״.

ער האָט אַ קוק געטון אויף רחל׳ען. זי איז אויך געווען פאַרטראַכט, „איז נישט נאַריש פון מיר ?״ — האָט ער ווידער זיך געפרעגט, וואָס מיר ווילט זיך איצט צוריק ווערן אַ קינד, אום אויסצובעסערן דאָס,

וואָס איז איצט אין מיין לעבן, דורך יענע קינדעריאָרן גישט וויסנדיק פאַרדאָרבן געוואָרן? ברויך איך יעצט פערלאַנגען, וואָס איז אונמעגליך, בעת מיין ליב קינד איז לעבן מיר און איך קאָן אַלץ טון פון אירע־טוועגן, זי גליקליך צו מאַכן מיט דער דערפאַרונג, וואָס די צייט האָט מיר געגעבן און וואָס קאָסט מיר אַזויפיל זאָרג און טרערן? — נאַריש־קייט, איך האָב נישט מיט וואָס צו זיין אונצופרידן. די פרייד, וואָס איך האָב, קוקנדיק אויף מיין קינד, ווי עס איז געראָטן, ווי עס בליט און ווי עס פאַרשטייט מיך, ווען איך רייד, אָדער ווען איך שווייג, — אָט די פרייד איז אימשטאַנד אָבצוקויפן אַלע אונאַנגענעמליכ־קייטן, וואָס איך האָב אין לעבן. יאָ, איך קאָן ווידער צופרידן און גליק־ליך זיין! על־פי־טעות נאָר האָב איך געמיינט, אַז די ייגנט קערט זיך נישט אום צוריק; זי קערט זיך אום צוריק, זי קומט נאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט. „אַ קינד האָבן", הייסט: „צוריק די קינדערשע יאָרן באַקומען". די ייגנט מוז שטענדיג זיין אונערפאַרן, דאַריבער בלייבט די עלטערן מיט זייער דערפאַרנקייט דאָס אונדערפאַרענע קינד צו פירן אין רעכטן וועג. דאָס קינד איז נישט קיין צווייטע פערזאָן, נאָר די זעלבע פערזאָן. דאס, וואָס איך אַמאָל, אין יענער צייט, בעת איך בין אין אירע יאָרן געוועז, איז מיין קינד איצט און איך בין ווידער יינג, ווידער אַ קינד אין מיין רחל'ען! און ווירקליך, צו וואָס לעבן דען עלטערן? לעבן זיי דען נישט צוליב דעם נאָר, זיי זאָלן זייערע, אין ייגנט בעגאַנגענע פעלער אין זייערע קינדער אויסבעסערן? יאָ, אַזוי איז עס, עלטערן לעבן צוליב זייערע קינדער, די קינדער לעבן צוליב דעם, זיי זאָלן אויך עלטערן ווערן, און אַזוי באַנייט זיך די וועלט: פון יינג ווערט אַלט, פון אַלט ווידער יינג, ווי טאָג און נאַכט, ווי זומער און ווינטער. אין עלטערן און קינדער איז די אייביקייט, דער שטענדיקער נאַטור־וועקסל. גליקליך איז דער, וואָס פילט עס, וואָס דערקענט עס און ווייס די צייט ווי צו באַנוצן צום גוטן, וואָס גאָט פאַרלאַנגט!... —

רחל'ע האָט זיך אויך פאַרטראַכט. דאָ אויסן שטאָדט, האָט זי דערזען אַלע ערטער, ווו זי פלעגט אַ מאָל אין אירע קינדעריאָרן אומלויפן מיט אירע חבר'טאָרינס. דאָ פלעגט זי צוקוקן די מלחמות פון די ייִנגלעך פון פערשידענע חדרים, ווו איר שוועסטערקינד, משה'לע, איז געווען דער מלך און פלעגט די ייִנגלעך מושטירן, ווי די סאָלדאַטן, און נישט לאָזן, אַז ווער פון זיי זאָל זי אַוועקטרייבן אָדער וואַרפן אַ שטיין ווי זיי פלעגן טון מיט אַנדערע מיידלעך. אַלע ערטער דאָ אויפן פרייען

פעלד זענען אירע גוטע באַקאַנטע געווען: אָן, דאָרט, דאָס וועלדל, ווו משה'לע פלעגט אַלע תשעה־באָב גיין מיט זיינע חברים רייסן ניס, און דאָרט דאָס זינג־פויגעלע; אָך, עס זינגט נאָך דאָסזעלבע לידעלע אַזוי זיס, אַזוי ליב, ווי דעמאָלט! וויפיל מאָל האָט דער אייגענער משה'לע געוואָלט עס מיט אַ שטיינדל פאַרטרייבן פון זיין נעסט און זי פלעגט אים אַלץ בעטן ער זאָל עס נישט טון. און דאָ, אונטער דעם בוים, פלעגט זי מיט אים זיצן, זיך צו הערן דאָס זיסע לידעלע, זיך אויסרוען פון דעם וויטן וועג, וואָס זיי זענען געגאַנגען פון דערהיים ביז אַהער. זי האָט זיך איצט דערמאַנט, וואָס משה'לע פלעגט איר דאַן דערציילן, אַז דאָס פויגעלע זינגט שירה צו גאָט, גאָט פאַרשטייט דאָס לידעלע; דאָס פויגעלע איז אַ פרום פויגעלע, וואָס האָט געטראָגן וואַסער אין זיין פיסקעלע צו לעשן דאָס פייער, בעת דער בית־המקדש האָט געברענט, דאָס פויגעלע וויים נביאות צו זאָגן און ברענגט גוטע בשורות און זאָגט זיי אָן, אַז עס פליט אויפ'ן שויב אַרויף. זי האָט איצט אויך דאָס לידעלע געהערט זינגענדיק. שטיל און איינזאַם איז געווען דאָס פעלד אַרום און אַרום, און דאָס געזאַנג פון פויגעלע האָט זיך קלאָר געהערט און רחל'ע האָט געמיינט, אַז זי איז אַ קינד, זי גייט עס נישט מיט איר פאָטער, נאָר מיט זיין ליבן פלימעניק משה'לען, ווי אין יענע יאָרן, בשעת זיי זענען נאָך ביידע קליינע קינדער געווען. אַזוי טראַכטנדיק, האָט זי נישט געמערקט, ווי פאַרטראַכט דער פאָטער איז. אַזוי זענען זיי צוגעקומען צום ברעג וועלדל. דאָ האָט דער פאָטער אויפן טרוקענעם גראָז זיך אַראָפגעלאָזן, רחל'ע האָט פאַרשפרייט אַ טיכל און זיך אויך געזעצט.

— הערסטו, מיין טאָכטער, דאָס פויגעלע זינגען? — האָט דער פאָטער געזאָגט. — פינקט אַזוי האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק דעם פויגעלעס עלטער־עלטער־זיידע געזונגען. דעמאָלט בין איך נאָך אַ קליין יינגל געווען און פלעג דאָ אויך שבת בייטאָג זיצן אונטערן בוים און האָרכן זיין געזאַנג. אַלץ דאָס אייגענע לידעלע, אַלץ דיזעלבע שטימע: גליקליכע בעשעפענישן זענען די פויגעלעך. זיי דאַרפן גאָרנישט זאָרגן פאַר זייערע קינדער און דורות. זיי מעגן זיכער זיין, אַז יענע וועלן אויך נישט ערגער זינגען ווי זיי אַליין; אָבער ווער קאָן אונדז, מענטשן, פאַרזיכערן, אַז אונדזערע קינדער נאָך אונדז וועלן אויך אַזוי שיין זינגען דאָס לעבנס־לידעלע, ווי מיר, זייערע עלטערן?

— פאָטער, — האָט רחל'ע געענפערט, — די פויגעלעך זינגען יירק־

ליך איצט פונקט אַזוי און מיט דערזועלבער שטימע, ווי עס האָבּן זייערע עלטערן געזונגען מיט דרייסיק, אָדער מיט פיל הונדערטן יאָרן צוריק. אָבער איבּער אַ יאָר און איבּער הונדערט יאָר וועלן זייערע קינדער אויך אַלץ דאָסזעלבּע לידעלע זינגען און נישט בּעסער אויף איין האָר. ווי דאָס ערשטע אַזוי וועט אויך דאָס לעצטע פויגעלע זינגען; מיר, מענטשן, זינגען טאַקי אַמאָל ערגער אין אונדזער צייט ווי עס האָבּן געזונגען אונדזערע עלטערן זייער לעבּנס-לידל אין זייער צייט, דערפאַר אָבער טרעפט אויך, אַז מאַנכע קינדער זינגען אויך בּעסער, זיסער און אָנגענעמער. נישט אמת, פּאָטער! די פויגעלעך ווערן געבּוירן מיט זייער לידעלע? זיי לערנען עס נישט, און קענען נישט בּעסער קענען ווי זיי זענען פון נאַטור געבּוירן. מיר ווערן געבּוירן גאַנץ אונוויסנדיקע און קאָנען גאָרנישט, אָבער אַז מיר לערנען, קאָנען מיר דערגרייכן וואָס בּעסער און וואָס דערהייבּענער! ...

ער האָט איר קאָפּ צוגעדריקט צו זיין בּרוסט און איר אַ קוש געטון.

— יאָ, מיין קינד, דו בּיזט מיין זינג-פויגעלע, אָבער איך ווינטש דיר אַ שענער און ליבּער לידעלע צו זינגען אין דיין לעבּן, ווי עס זינגען דיין פאָטער און מוטער... איך האָף און איך בּין במעט זיכער אין דעם, גאָט זאָל מיך נאָך לאָזן הערן דאָס בּעסערע לידעלע, וואָס דו וועסט זינגען, מיין ליבּ קינד!

— ווען דו ווילסט דוקא בּעסער, ליבּער פאָטער, מוז איך דיר עס נאָכגעבּן און בּעטן בּיי גאָט, ער זאָל דאָס לידעלע מיר פאַרזינגען. אויבּ נישט ווינטש איך מיר נאָר צו זיין אַזוי גוט ווי מיין פאָטער, אַזוי בּאַליבּט און אָנגעזען בּיי מענטשן צו ווערן, ווי ער, און אויך אַזוי אויסלעבּן מיינע יאָרן, ווי מיין גוטער קלוגער זיידע. אַך, ווען אַלע זאָלן זיין אַזוי גוט און פרום ווי מיין זיידע, אַזוי אָנגעזען בּיי לייטן און אַזוי קלוג און ערליך ווי מיין פאָטער איז, וואָלטן עלטערן גאָר נישט בּרויכן צו ווינטשן, אַז זייערע קינדער זאָלן בּעסער זינגען זייער לעבּנס-לידעלע ווי זיי. ווי די פויגעלעך אויף די ביימער, וואָלטן מיר אַלע צוזאַמען איין שיין לידעלע זינגען, און דאָס וואָלט זיין אַ שירה צו גאָט, און ער וואָלט צופרידן זיין און מיר אַלע: עלטערן און קינדער וואָלט גליקליך זיין!

בּיי די רייד האָט דאָס פויגעלע פון דאָסניי אָנגעהייבּן צו זינגען. דער פאָטער מיט זיין טאָכטער האָבּן צוגעהערט מיט פרייד. אַ

האלבע שעה נאָכאַנאַנד האָט עס געזונגען און די טרערן האָבן זיך געגאָסן, ווי אַ קלאָר וואַסערל. אַ שטיל ווינטל האָט צוגעטראָגן צו זיי אַן אָנגענעמען גערוך פון פרישן היי, וואָס איז נישט ווייט פון זיי ערשט געשניטן געוואָרן. פלוצלונג האָבן זיי דערהערט אַ גערויש, ווי פון אַ גרויס וואַסער, וואָס הייבט אָן מיטאַמאָל צו פליִיצן. דער פאָטער האָט זיך דערשראָקן אויפגעהייבן.

— פאָטער, דאָס זענען די שלוזן. נישט ווייט פון דאַנען איז דער סטאַוו, דער מילנער האָט געוויס געעפנט די שלוזן, ווייל מאָרגן איז זונטיק, שטייט די מיל.

— קום אַהיים, מיין טאָכטער, — האָט דער פאָטער געזאָגט זער באַטריבט. דער רויש פון די שלוזן האָבן אים דערמאַנט, ווי מיט צען יאָר צוריק איז ער דאָ לעבן מיל געשטאַנען און האָט געהאָלפן עפענען די זעלבע שלוזן, בעת זיין טייערער ברודער ראובן איז דאָ דערטרונקען געוואָרן אין סטאַוו. דעמאָלט איז נאָך די מיל זיינע געווען.

— פאַר וואָס האָסטו פאַרקויפט די מיל? — האָט רחל'ע געפרעגט, — דאָס איז דאָך דער מוטערס ירושה־מיל געווען? נאָך איצט רופן זי אַנדערע: „חייעלע דעם מילנער'ס".

— די מיל, מיין טאָכטער, האָט ביי מיר אַ טייערן ברודער צוגענומען. געדענקסטו נאָך דיין פעטער ראובן? אים האב איך די מיל פערדונגען און אַ מאָל, אַז ער איז געגאַנגען פאַרלייגן די שלוזן איז ער אַריין אין וואַסער און מ'האָט אים אַרויסגענומען אַ טויטן. יאָ, אויך דו, מיין קינד, האָסט דורך דעם אונגליק אַ טרייען און קלוגן פעטער פאַרלאָרן און איך האָב שוין נאָך אַזאַ גרויס אומגליק די מיל נישט געוואָלט האָבן. איך האָב זי פאַרקויפט, אָבער מיין טרויער דערמאַנט זי מיר, ווען איך קום נאָר נאָנט צו איר.

— און אויך מיין ליבן שוועסטער־קינד, משה'לען, האָב איך פאַרלאָרן! — האָט זי צוגעלייגט זער באַטריבט. דאָס פויגעלע האָט ווידער אָנגעהייבן צו זינגען, נאָר דאָס מאָל איז רחל'ען זיין לידל נישט אַזוי זיס געווען, ווי פריער. זי האָט זיך דערמאַנט, וואָס איר שוועסטער־קינד, משה'לע, האָט איר אַמאָל דערציילט, אַז דער רבי זיינער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין פויגעלע, נאָר אַ גלגול אָדער אַ נשמה פון אַ חזן, וואָס פאַרשטעלט זיך אין אַ פויגעלע. „ווער ווייס, האָט זי געקלערט, צו איז נישט דאָ אין דעם פויגעלע די נשמה פון מיין דערטרונקענעם פעטער? ער איז דאָך אויך אַ חזן געווען. לייט

דערציילן נאָך איצט, ווי שיין ער פלעגט דאַווענען ראש־השנה יום־כפור פאַר'ן עמוד. זי האָט נישט געגלויבט אין די דאָזיקע זאַבאַבאָניעס, און האָט פון זיך אַליין געלאַכט, וואָס איר איז איצט אַריינגעקומען אַזאַ נאַרישקייט אין זינען. דאָך האָט איר די שטימע פון פויגעלע געקלונגען, ווי אַקלאָג־לידעלע פון אַ יינגער נשמה, וועלכע קלאָגט און וויינט, וואָס זי איז אָן אַ צייט פון דער וועלט אַוועק. זי איז אומעטיק געוואָרן.

אַז זיי זענען צוריק אַריינגעקומען אין שטעטל איז שוין די גאַס, וואָס פירט צו זייער היים, אויפגעלעבט געווען. פריער האָט אַלץ דאָ גערוט, אפילו די פויגעלעך האָבן געדרעמלט אין זייערע נעסטן, איצט איז אַלץ וואַך. אויפן גאַס האָבן זיי באַגעגנט יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט לאַנגע פּאות, וועלכע וואַרפן זיך אום פון ווינד אַהין און אַהער, ביי מאַנכע בלאָזט דער ווינד פונאַנדער די לאַנגע פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, און עס זעט זיך אַרויס אַ גרויסער טלית קטן, וואָס דעקט צו ביז איבער די קני. מאַנכע גייען אין שיך און עס זעען זיך אַרויס די צוריסענע זאָקן, ווי עס איז צו זעען אין די קליינע שטעט־לעך שבת מנחה־צייט, בעת די הייסע חסידים טוען אָן זייערע בגדי שבת אויף זיך.

— מיך פערדריסט, — האָט דער פאָטער געזאָגט, — וואָס די מענטשן בלייבן פון דער צייט נישט אונפערענדערט ווי אין אַן אַנדער אָרט. דאָ, אין גאַס, און דאָרטן, אויסן שטאָט, איז נאָך איצט אויך אַלץ אַזוי ווי עס איז געווען מיט צוואַנציק, מיט דרייסיק יאָר צוריק. קוק איך אָבער אויף די מענטשן, גלויבט זיך מיר גאָר נישט, צו זענען דאָס דיזעלבע, וועלכע איך האָב געקענט אין יענע צייטן. קענסטו גאָר גלויבן, מיין טאָכטער, אַז אָט דער הערש לייבעלעס אָדער דאָרט ר' וואָלף בונים'ס זענען אַ מאָל ליכטיקע יינגלעך געווען, מיינע ליבסטע און בעסטע חברים? לעבעדיקע קינדער, שיינע און ריינע, מיט זיי האָב איך געשטיפט, געלאַכט פון אונדזער רבי'ן ר' ברוך מנקר. ביי אונדז איז אַ קרן געווען איבערצוקרימען אַלע ווילדע חסידים, ווי זיי דאַווענען, ווי זיי עסן און ווי זיי ריידן. ווער וואָלט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז דער הערשל וועט איצט ווערן אַזאַ משוגע'נער חסיד, וועט אומגיין מיט שיך און זאָקן און מיט אַ טלית־קטן, וואָס זיינע ציצית שלעפּן זיך ביז דער ערד? ווער וואָלט געגלייבט, אַז דער וואָלפקע, וואָס איז אַזאַ שיין יינגל געווען, וואָס די מאַמע זיינע פלעגט אים אַלע מינוט אָפּשפּרעכן עין הרע איבער זיינע רויטע באַקן און ליכטיקע אויגן,

וועלכע האָבן דאַן געברענט ווי פייער, וועט גאָר איצט ווערן אַ פלאַסקאָדריינע מיט אַ לאַנגן האַלז, מיט אַן אויסגעשטרעקטן גאָרגל און מיט אויסגעלאָשענע אויגן און וועט אומלויפן אַזוי שמוציק, אַז עס וועט איבלען נאָנט צו שטיין לעבן אים? און אָט די אַלע האָבן זיך פאַרענדערט נישט נאָר אין זייערע קליידער און מנהגים, אָבער אויך די נאַטורן זענען אַנדערש געוואָרן. גוטע זענען זיי געווען, גרייט דעם לעצטן ביסן אַוועקצוגעבן אַן אָרעמען חבר, אַ יתום; ווען מיר האָבן געמאַכט אַ חברה צו קויפן פאַר אָרעמע ישיבה־בחורים העמדער און שטיוול, ווי גערן פלעגט יעדער פון זיי די לעצטע קאָפּעקע אַוועקגעבן אין דער חברה אַריין! און וואָס זענען זיי איצט? קאַרגע, פּראָצענטניקעס, שווינדלער, שענקערס, דאָס גאַנצע לעבן און צוועק פון לעבן איז דער רובל, פּונקט ווי ער וואָלטווירקליך דער תכלית זיין פון לעבן, און נישט דאָס אָנשטענדיקע לעבן, וואָס מען קען דורך דעם געלט זיך מאַכן.

— עס וואָלט מיר נישט באַנג טון אַזאַ ערשיינונג, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — ווען איך זאָל וויסן אַז נויט ברענגט זיי צו אַזאַ אַרט לעבן, אָבער איך ווייס גוט, אַז פיל פון זיי האָבן היינט מער וויפל זייערע עלטערן האָבן אין יענע יאָרן געהאַט. פרעג איך: ווי ווערט עס אַזוי אַ מענטש שמוציק און ווילד, ווען נויט און מאַנגל ברענגען אים נישט דערצו? מיך פערדריסט עס נאָך מער, ווייל איך בין צווישן זיי אַלעמען אַליין געבליבן. אַליין, דאַכט מיר, ווי איך בין געווען, מיט מיין נאַטור, מיט מיין האַרץ און, גאָט צו דאַנקען, אויך מיט מיין געוויסן. פערשטיין זיי דען נישט, וואָס איך? ניין! זיי זענען פויל: נישט טראַכטן, נישט קלערן, בלינד גלויבן אָדער זיך פאָרשטעלן, אַז זיי גלויבן בלינד, איז זיי גרינגער, און זיי זענען פאַרמאַסקירט; אָבער קען אַ מענטש אייביק ליגן אונטער דער מאַסקע? מיר קומט אַ מאָל פאַר אַן ערנסט וואָרט צו רעדן, האָב איך נישט מיט וועמען, באָטש זיי זענען נאָך בעסערע לערן־קינדער געווען, ווי איך דאַן.

— עס איז ווירקליך אַ פאַרדראָס, האָט זי צוגעשטימט, אָבער זאָג מיר, ווי אַזוי קומט עס? דאָס איז דאָך נישט דער פאַל מיט איין מענטשן, דו האָסט דאָך כמעט איינעם נישט, וואָס איז נאָך היינט, ווי ער איז געווען אַמאָל אין יענע יאָרן. מסתמא מוז דאָך דערין זיין אַ נאַטור־זאַך. אפשר ביזטו גאָר אַן אויסנאַם פון אַלעמען?

— נאָך מיין מיינונג, — האָט דער פאָטער געענפערט, — קומט דאָס

דערפון נאָר, ווייל ביי זיי האָט געגנוואַרט נישט קיין צוזאַמענהאַנג מיט זייער פאַרגאַנגענהייט.

— ווי מיינסטו עס? דערקלער מיר בעסער, איך פערשטיי עס נישט.

— זיי וויסן, מיין קינד, — האָט ער אָנגעהייבן דערקלערן, אַז דעם מענטשנס לעבן באַשטייט פון דריי צייטן: פון דער פאַרגאַנגענער, וואָס איז שוין געווען, פון דער געגנווערטיקער, וואָס איז איצט און פון דער צוקונפט, וואָס וועט ערשט זיין. קירצער געזאָגט: פון נעכטן, פון היינט און פון מאָרגן; דער היינט דאַרף שטענדיק ווי אַ מיטעל־סטער רינג זיין איינגעשלאָסן אין דעם נעכטן און אין דעם מאָרגן. אַ בהמה האָט נישט קיין פאַרגאַנגענהייט און קיין צוקונפט. דער מענטש אָבער לעבט אין זיין היינט מיט דער ערינערונג, וואָס איז נעכטן געווען אַזוי גוט ווי מיט דער האָפנונג, וואָס וועט ערשט מאָרגן זיין. דאַריבער זענען די דאָזיקע געוועזענע חברים מיינע אַזוי ווי די בהמות, להבדיל. דאַריבער פירן זיי זיך אויף מיט זייערע קינדער אַזוי אונמענטשליך, אַזוי נישט קלוג, ווייל זיי געדענקען גאָרנישט, אַז זיי אַליין זענען אויך אַ מאָל געווען קינדער, וועלכע האָבן אַ מאָל אַנדערש געפילט, אַנדערע פאַרגניגן געהאַט און אין אַן אַנדער וועלט געלעבט. וואָלטן זיי אָבער זייער פאַרגאַנגענהייט געדענקען, וואָלטן זיי זיך היינט אויך געקוויקט מיט פרישער לופט, מיט אַ פויגעלע, אַז עס זינגט, הנאה געהאַט פון אַ שיינעם בגד, ווי אַ מאָל, און פאַרוואָס נישט טאַקי וועלן לעבן אַ גוטן טאָג ווי אַמאָל? ביי זיי זענען אָבער די פאַרגאַנגענע טעג פונקט ווי אָבגעריסן און אין ים אַריינגעוואָרפן. זיי לעבן איצט גאָר אין אַן אַנדערן וועלט. נו, איז די וועלט אַ שמוציקע, אַ וועלט פון ווילדן פאַנאַטיזם, אַ וועלט פון קלויבן געלט, ווילן זיי גאָרנישט דערמאָנען, אַז עס זענען אַמאָל צייטן געווען, וואָס אַ שטיף, אַ לאַך, אַ שפּאַציר, אָדער אַבי וואָס פאַר אַן אונשולדיק פאַרגניגן איז געווען טייערער פון געלט. דאַריבער באַשטראָפן זיי זייערע קינדער פאַר יעדער אונ־שולדיקער שטיפעריי; דאָס קינד לעבט אָבער אין זיין אייגענער פרייער ליכטיקער וועלט און קאָן נישט פאַרשטיין די שולד אין זיין אונשולד און פילט זיך אומזיסט באַשטראָפט און געפייניקט. דאַריבער געפינט מען זעלטן ביי אַ זעלכע עלטערן, אַז זייערע קינדער זאָלן מיט אינערליכער אַכטונג קוקן אויף זיי. — די פאַרגאַנגענהייט, מיין קינד, איז דער יסוד, דער גרונט פון לעבן, די געגנוואַרט איז דער עצם

בנין, אין אים וווינען מיר, די צוקונפט איז די צירונג און באפוצונג פון דעם לעבן, וועלכע דערפרייען דאָס האַרץ און אויג, כאָטש זעלטן ווען מיר האָבן פון זיי אמת׳ע נוצן... באַגרייף דאָס מיין קינד, און דיר וועט דערפון פיל זאַכן קלאָר ווערן.

אַז ר׳ לייזער האָט מיט דעם עולם אָפּגעדאַוונט מנחה און איז נאָך דער דריטער סעודה ווידער אַרויסגעגאַנגען פאַרן גאַס, איז רחל׳ע צו אים צוגעקומען און האָט געזאָגט:

— „איך האָב נאָכגעדאַכט דיינע רייד, איך געפין, אַז אַמענטש מוז ווירקלעך פעסט פאַרבונדן זיין מיט זיין צוקונפט. איך גיב דיר אַ משל: דו פאָרסט אַוועק, איך בענק נאָך דיר, לעב איך דאַן נאָר מיט דער צוקונפט, דאָס הייסט: מיט דער האָפנונג דיך באַלד ווידער צו זעען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום? וואָס טויג מיר אָבער וואָס איך געדענק, אַז אַמאָל בין איך אַ קינד געווען, אַז איך בין דאָ און דאָרט אומגעלאָפן, מיט משה׳לען געשטיפט און נאָך אַזעלכע קינדערשע ערינערונגען? אַדרבה, איך ווער נאָך ביי אַזעלכע ערינערונגען טרויריג, ווייל איך ווייס: דאָס, וואָס איז געווען, וועט שוין מער קיינמאָל נישט זיין, יענע גליקליכע קינדעריאָרן, וואָס איך מיט משה׳לען פלעגן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער פאַרברייגנען, וועט מיר שוין קיינער נישט אומקערן!״

דער פאָטער האָט זי צערטלעך אָנגעקוקט. די דאָזיקע ווערטער זיינען אַזוי נאַיוו און אָפנהאַרציק אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אַז אים האָט זיך געדאַכט, ער קוקט אין זיין קינדס האַרץ אַריין און לייענט אַלץ, וואָס דאָרט ליגט פאַרבאָרגן.

— נישט אַזוי, מיין ליב קינד; ווי דו זאָגסט, האָט שלמה המלך אין זיין ספר קהלת געזאָגט, — האָט דער פאָטער געענפערט און זיך געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין גערטל פאַרן שטוב. אַז רחל׳ע האָט זיך אויך געזעצט, האָט ער איר האַנט אין זיינער גענומען און האָט ווייטער אָנגעהייבן — קהלת האָט געגעבן צו פאַרשטיין ווי אין דער וועלט איז קיין נייס נישטאָ. „און עס שיינט די זון, האָט ער געזאָגט, און די זון גייט אונטער. פון זעלבן אָרט, פון וואַנען זי האָט נעכטן אויפגעשיינט, שיינט זי היינט ווידער אויף״. „וואָס איז אַ מאָל געווען, דאָס וועט נאָך זיין, און דאָס, וואָס וועט נאָך אַ מאָל זיין, איז שוין אויך אַ מאָל לאַנג געווען אויף דער וועלט״. „וואָס עס טוט זיך איצט, וועט אויך שפּעטער געטון ווערן, און עס איז קיין נייס נישט

אונטער דער זון ז״ חייל, מיין קינד, עס איז אַזוי. ס׳איז גוט צו געדענקען, וואָס עס איז געווען, כדי שפּעטער גוט צו באַנוצן דאָס, וואָס וועט נאָך זיין. יעדע זאַך, וואָס אַ מענטש זעט צום ערשטן מאָל, ווייזט זיך אים אויס פרעמד, און ער ווייס נישט, ווי די זאַך צו באַנוצן, אָדער ווי די דערשיינונג זיך צו דערקלערן. דורכדעם שרעקט ער זיך אָפּט פאַר אַזאַ דערשיינונג, פאַר וועלכער עס איז זיך גאָר נישטאָ וואָס צו שרעקן. אַזוי כאַפּט ער אָן אַנדערע זאַך, וואָס איז שעדליך, און טוט זיך שאָדן. דאָס רופט מען „אונדערפאַרנקייט״, „נישט געניטקייט״. צום ערשטן מאָל איז יעדער אונדערפאַרן, קליינע קינדער זענען עס אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זיי זענען נאָך קינדער. גאָט אָבער פאַרצייט יעדן פעלער, וואָס מען טוט אויס אונדערפאַרנקייט און לאָזט דעם מענטשן די געלעגנהייט די דאָזיקע פעלער צו פאַרבעסערן ביי דער איבערחזרונג פון דערזעלבער זאַך, און האָט זיין וועלט און נאַטור אַזוי באַשאַפן, עס זאָל דאַרין גאָר קיין נייעס זיין, עס זאָל אַלץ זיך איבערחזרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז דער מענטש, וואָס איז מיט אַ שכל באַשאַפן פון אים, וועט די דערשיינונג בעסער און בעסער אַלץ באַגרייפן און דאָרט, ווו ער האָט אַ מאָל געגרייזט וועט אים די דערפאַרונג לערנען מער נישט צו גרייזן, דאָרט ווו ער האָט פאַרנאַכלעסיקט און די געלעגנהייט נישט באַנוצט, וועט ער צום צווייטן מאָל שוין קלוגער זיין און נישט פאַרנאַכלעסיגן. אַזוי וועט דער שטענדיקער נאַטור־ראָד זיך אייביק דרייען און מיט דעם קלוגער מאַכן די מענטשן. דאַרין ליגט די האָפענונג אויף בעסערע צייטן, ווען מענטשן וועלן, ווי קלוגער, אויך בעסער ווערן. די, וואָס גלויבן און האָפן אויף אַזעלכע צייטן, רופן עס אָן: „פּראָגרעס״ דאָס הייסט: „פאָרטשריט״, וואָס מען קומט אַלץ צו גרעסערע דערפאַרונגען; וואָלטן אָבער די מענטשן נישט געדענקען, וואָס עס איז געווען, וואָלט זיי אייביק יעדע דערשיינונג בלייבן ניי און זיי וואָלטן קיינמאָל נישט וויסן, ווי דאָס לעבן צו פאַרבעסערן. איצט פאַרשטייסטו שוין, צו וואָס נוצען אונדז די אָפּגעלעבטע פאַרגאַנגענע צייטן?

— איצט פערשטיי איך, — האָט דאָס מיידל אויסגעשריגן מיט פרייד, — דו האָסט מיינע אויגן געעפענט און איך דאַנק דיר, ליבער פאָטער!

— נאָך איין משל וועל איך דיר געבן, — האָט דער פאָטער ווייטער געזאָגט, — אונדזערע חכמים דערציילן אין דער גמרא אַזאַ געשיכטע: בעת אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן און האָט שוין אין

זעלבן טאָג געזינדיקט מיט דעם **עץ הדעת**, און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזעען, ווי פאַרנאַכט איז די זון אונטערגעגאַנגען און עס איז פינצטער געוואָרן, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן און איז די גאַנצע נאַכט דורכגעשלאָפן אין צער. ער האָט געמיינט: גאָט האָט צוליב זיין זינד אויסגעלאָשן די זון אין הימל און ער וועט שוין פון איצט מער די ליכטיקע וועלט נישט זעען; אין דערפרי, ווען די זון האָט פון מזרח־זייט צוריק אויפגעשיינט און איז פאַרנאַכט אין מעריב זייט ווידער אונטערגעגאַנגען, האָט ער אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, אַז די צייט איז איינגעטיילט אין טאָג און נאַכט, פון דאַן אָן האָט ער אָנגעהייבן צובאַנוצן: דעם טאָג צום אַרבעטן, און די נאַכט, ווען עס איז פינצטער, צום שלאָפן, צו אויסרוען און אַזוי איז געבליבן אויף אייביק. וואָלט אָבער אדם נישט געדענקט וואָס נעכטן איז געוועזן, וואָלט ער היינט אויך געבליבן ערגיץ אין אַ מיטן פעלד און וואָלט ווידער געמיינט, אַז די וועלט ווערט שוין פינצטער אויף אייביק.

דו, מיין קינד, דאַרפסט אויך געדענקען דיין קינדהייט און דיין יוגנט. שטעל דיר פאָר: דו האָסט פאַרגעסן דיינע קינדערשע יאָרן. צו אונדז איז איצט, למשל, געקומען משה׳לע, דיין שוועסטער־קינד, דו דערקענסט אים נישט, ער איז ביי דיר קיין גאַסט נישט, ווייל דו קענסט זיך גאָרנישט דערמאַנען, אַז איר זייט גלייכע קינדער געוועזן, אייניקלעך פון איין זיידן, וואָס פלעגט אַלע פרייטיק־צונאַכט זיינע הענט אַרויפלייגן אויף אייערע קעפּלעך און אייך בענטשן. פרעג איך ביי דיר: וואָלט נישט פיל בעסער זיין, אַז דו זאָלסט אייער אַלטע פריינטשאַפט דערמאַנען און אים מקרב זיין, ווי לאַנג ער וועט בא אונדז זיין אַ גאַסט? וואָס זאָל איך דיר נאָך ווייטער דערקלערן? דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו אַליין איינזעען, אַז די פאַרגאַנגנהייט אונדזערע איז אַ בוך: יעדער אָפּגעלעבטער טאָג איז אַ בלאַט אין אים, וויל צו יענעם, וואָס לייענט מיט פאַרשטאַנד אין דעם בוך און פאַרשטייט זיין פאַרגאַנגנהייט צו מאַכן אַ לערע פאַר זיין צוקונפט! דיר, מיין טאָכטער, ווינטש איך: דיין בוך זאָל מיט גאָלדענע אותיות זיין געשריבן, דו זאָלסט אין אים מיט פרייד און פאַרגניגן לעזן, וועניגסטנס, זאָל דיין צוקונפט נישט ערגער זיין ווי דיין פאַרגאַנגנהייט!

רחלע האָט דעם פאָטערס האַנט צוגעטראָגן צו אירע שיינע ליפּן און הייס געקושט, דער פאָטער האָט געפילט אויך אַ טרער, אַ

וואַרעמער טרער איז אים אויפן האַנט געפאַלן. דאָס יינגע קינד איז טיף גערירט געווען פון פאָטערס קלוגע רייד.

— פאָטער, האָט זי אויסגערעדט מיט אַ באַוועגטער שטימע, וואָלט נאָר דער אָרעמער משה׳לע וועלן צו אונז אַ מאָל קומען צו גאַסט, איך וואָלט אים דערמאַנען, ווי דער זיידע, עליו השלום, האָט אים ליב געהאַט, ווי דו, ווי די מוטער אַפילו... איך וואָלט אים דערמאַנען, ווי ער פלעגט מיך שלאָגן און ווי איך האָב אים פונדעסטוועגן נישט פיינט געהאַט. אַלע זיינע מעשה׳לעך, וואָס ער פלעגט מיר דערציילן, וואָלט איך אים דערמאַנען, אָבער ער האָט געוויס זיינע קינדערשע יאָרן פאַרגעסן, ער איז אפשר איצט אַזאַ ווילדער חסיד, אָט ווי הערש לייבעלעס, אַנישט וואָלט ער קומען אַמאָל צו אונדז, וועלן אַ קוק טון, וואָס מאַכט זיין פעטער, זיין מומע, זיין שוועסטער־קינד. אַך, איצט פערשטיו איך דיך, פאָטער, פאַר וואָס דיך פערדריסט אַזוי, וואָס דיינע חברים האָבן פאַרגעסן זייער קינדהייט !...

ביים ברעג שטאָט, וווּ עס זעען זיך די בוימער פון וואַלד, איז דער הימל געוואָרן רויט. פונדאַנען האָבן זיך לאַנגע רויטע פאַסן פאַרצויגן פון אַלע זייטן. קוקנדיק אויף יענער זייט הימל האָט זיך רחלע ווידער דערמאַנט, וואָס משה׳לע האָט איר געזאָגט, אַז דאָרט איז דאָס טויער פון גיהנם און אַז דער הימל ווערט רויט, איז אַ סימן, אַז מען האָט איצט דעם גיהנם איינגעהייצט פון דאָסניי און די בייזע מלאכים טרייבן איצט צוזאַמען אַלע רשעים, וואָס האָבן איבער שבת זיך אַ ביסל אָפגעקילט, זיי דאָרט ווידער ברענען און בראָטן אַ גאַנצע וואָך. זי האָט זיך דערמאַנט. ווי משה׳לען זענען דאַן אַרויס טרערן פון די אויגן. און ער האָט זי אָפגעשטויסן פון זיך, ווייל זי איז אַ מיידל און עס איז אַ גרויסע עבירה, אַז אַ יינגל האָט אַ מגע־ומשא מיט אַ מיידל; נור אין עטליכע שעה אַרום האָט ער מיט איר ווידער גערעדט, איר דערקלערט, אַז מיט אַ שוועסטער־קינד מעג מען, און אויב עס איז אפילו אַן עבירה, איז ער נאָך נישט בר־מצוה, און אַז מען טוט אַן עבירה פאַר בר־מצוה, ליידט מען דערפאַר נישט קיין גיהנם זי האָט עס אים דאַן געגלייבט און פון דעם ברוגז איז געוואָרן צוריק אַ פריינט־שאַפט, נאָך אַ שטאַרקערע, ווי פריער. ער האָט זי אַ קוש געטון, זי אים אויך און ער האָט זי ווייטער געקושט און אַלץ געזאָגט: „ניין, ניין, עס איז קיין עבירה נישט, אַ שוועסטער־קינד מעג!“ און כאָטש מען מעג, האָט די מוטער איר אַז אים דערמאָלט מבייש געווען, אים פון

שטיב אַרויסגעטריבן און נאָך געזאָגט, אַז זעט דערציילן דעם רבי׳ן זיינעם, אַלע חברים וועלן אים רופן: „מיידל־בחור“ — „אַך, ווי וואָלט איך וועלן אים איצט זעען און פרעגן: צו זעט ער איצט אויך אין יענער רויטקייט דאָס פייער פון גיהנם? שרעקט ער זיך איצט אויך אַזוי פאַר אַן עבירה? — ווער ווייס? עס קען זיין, אַז ער איז גערעכט און וועט נאָך מער מורא האָבן מיט מיר איצט צו רעדן ווי דעמאָלט? פאַרוואָס? וואָס האָב איך געזינדיקט, אַז איך בין אַ מיידל? פאַרוואָס בין איך ווירקליך ניט געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל? זיי איז בעסער...“

— פאָטער, — האָט זי מיט אַ זיסן, אָבער טיפן טאָן אויסגערעדט, ווו איז דער גיהנם?

— דו פרעגסט ווי אַ קינד! — האָט ער געענפערט, — ווער איז דאָרט אַ לעבעדיקער געוועזן און ווייס ווו ער איז?

— אָבער יעדנפאַלס איז ער נישט דאָרט, ווו דער הימעל איז איצט רויט, האָט זי זיכער באַמערקט. — דאָס איז נישט דאָס פייער, וואָס ברענט אין גיהנם; אָבער דאָס זענען נאָך די לעצטע שטראַלן פון דער זון, וואָס איז נישט לאַנג דאָרט אונטערגעגאַנגען, נישט אמת?

שטאָטיקע ייִנגע לייט וועלכע האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעקליבן, ווי געוויינלעך, ביי ר׳ לייזער׳ן אין שטוב דאַוונען מעריב האָבן איצט דעם קאָפּ פאַרריסן און האָבן געזוכט אין הימעל שטערן. איינער מיט גוטע אויגן האָט געכאַפּט דריי שטערן, דריי ליכטיקע כשר׳ע עדות, אַז מען מעג שוין דאַוונען מעריב, אַז דער שבת איז שוין אַריבער און מען מעג שוין באַלד פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס.

מען האָט מעריב אָפּגעדאַוונט, הבדלה געמאַכט. אַז רחל׳עס שוועסטער׳ל האָט די הבדלה ליכט גענומען, האָט שימעלע צוגעהאַלטן דאָס קינד׳ס הענטל און אַלץ געהויבן העכער און דערביי אַלץ געשריגן: „העכער, העכער, מיין פויגעלע, וועסטו האָבן אַ הויכן חתן!“, „וועט דיין מזל הויך זיין, מיין קינד!“ האָט די מוטער צוגעלייגט: „מיט איר האָב איך נאָך צייט, פריער זאָל מיר גאָט דעם אמת׳ן באַשערטן צו שיקן פאַר מיין רחל׳ען!“

— רחל׳ע האָט נאָך אויך צייט! — האָט דער פעטער ר׳ שלמה, וועלכער איז דאָ אויך געווען, זיך אַריינגעמישט, — היינטיקע צייטן איז אַ מיידל פון זיבעצן יאָר נאָך גאָר אַ קינד. די דורות, מיין שוועגערין, זענען נישט פאַרצייטיקע דורות, דיין רחל׳ע מעג נאָך זיצן אַ פּאָר יאָר, לאָז דאָס עפּעלע צייטיק ווערן, וועט עס נאָך זיסער ווערן און אין בעלנים וועט שוין קיין דאגה נישט זיין. דיין רחל׳ע איז נאָך אַ קינד, אַ קינד זאָג איך דיר!

— זי וואָלט גאָר קיין קינד נישט געווען, מיין שוואָגער, ווען אייער ברודער, דער ליבער טאַטע אירער, וואָלט זי נישט איינרעדן, אַז זי איז נאָך אַ קינד! — האָט הייעלע אָנגעווענדט,—ער רעט מיט איר, ווי מיט אַ קינד, שפּאַצירט מיט איר, ווי מיט אַ מיידעלע פון צען יאָר, און ער שפּילט מיט איר, ווי ער וואָלט נישט געווען אַ טאַטע אירער, נאָר אַ חבר אין איינע יאָרן מיט איר; אַזוי האָט ער זי מיר איבערגעפירט, אַזוי פירט ער מיר איבער די קליינע קינדער אויך. אָבער איך האָב נאָך אויך אַ שטיקל דעה, הערסטו לייזער, איך האָב ר׳ שמעונ׳ן גע־געבן מיין וואָרט, צו לאָזן ביי אים אין חדר די יינגלעך אויך ווינטער אויך.

— דו האָסט דיין וואָרט געגעבן, בין איך אויך מסכים, — האָט ער געענפערט. — אייך ר׳ שמעון, בעט איך, טאָמער קאָנט איר דינגען ערגיץ אַ חדר אַ גרוימערן, איך וועל שוין זען, איר זאָלט איי־ער׳ס צו דעם נישט צולייגן.

— איך וועל זוכען! — האָט שמעון צעפרידן מבטיח געווען.

הייעלע אָבער איז נישט צעפרידן געווען, וואָס איר מאַן האָט אַזוי גיך מסכים געווען. זי האָט זיך צוגעגרייט צופאַרפירן וועגן דעם אַ גרויסן שמועס, און אים דערוויילן באַצאָלן פאַר אַלץ, דאָס הייסט: פאַר דער הדרכה זיינער רחל׳ען. רחל׳ע איז אירע אַזוי ווי זיינע; פאַרוואָס זאָל זי גיין נאָר אין זיינע דרכים און אין אירע גאָרנישט?

— און דו, מיין טאָכטער, — האָט זי זיך צו רחל׳ען געווענדט, — דו מיינסט טאַקי, דו ביזט אַ קינד? באַ לייטן אַ מיידל אין די יאָרן ווייס, אַז מען דאַרף שבת בייטאָג שפּאַצירן מיט אַ מוטער. וואָס איז? דיין מאַמע איז שוין גאָר אַזאַ אַלטע יודענע און איר ווילט זיך גאָרנישט דורכגיין אַ מאָל? אַ בלינדע, אַן אָפּגעריסענע, חלילה, איז דיין מאַמע, אַז דו שעמסט דיך מיט איר צווישן לייטן שפּאַצירן צוגיין? — און דער טאַטע? באַ אים איז דאָס אַלץ רעכט! האָסטו באַגעגנט באַ

אונדז אין שטעטל נאָך וועמען, וואָס פירט זיך אום מיט זיין דער־וואַקסענער טאָכטער שפּאַצירן, פּונקט ווי בא די פּריצים, להבדיל ?

— אָבער איך האָב דאָך געבעטן, זאָלסט מיט גיין, איך בעט דיך שטענדיק,—האָט רחל׳ע זיך פאַרענפערט.

— זי האָט מיך געבעטן ! — האָט זי איבערגעקרימט, — אַ דאַנק דיר פאַרן בעטן !... איך האָב ערשט גענומען דעם טייטש־חומש אין האַנט אריין, דאַכט זיך, פאַר אַ יידישער טאָכטער דאַרף דאָס זיין פריער ווי שפּאַצירן ; ווי מיינט איר ? וועל איך אָוועקלייגן די סדרה און גיין לויפן שפּאַצירן ? אַ קליינינקייט, וואָס וועל איך דערפון האָבן ? איך קאָן נישט אונדזערע גאַסן ? איך בענק שטאַרק נאָך די ביימער אויסן שטאָט ? פון מיינעטוועגן מעג פון זיי אַ באַרג ווערן ! לייט קאָנען באמת מיינען, מיר ווילט זיך טאַקי שפּאַצירן, זינדיקן זאָל זיך מיר אַזוי וועלן, רבונו של עולם ! זעסטו, דאָס וואָלט באַ מיר דער בעסטער שפּאַציר געווען, אַז דו וואָלסט דיך אָוועקגעזעצט לעבן מיר און וואָלסט געליינט מיט מיר די סדרה מיט דער הפטרה ; די גוטע יאָרן זאָל איך האָבן, וואָס דאָס וואָלט פאַר דיר שענער געווען, מיין קינד, און פאַר גאָט ליבער ! מען האָט שוין ראש חודש אלול, ברוך השם, געבענטשט, צייט זיך אַרומקוקן, עס גייט אַזאַ יום הדין !

ביידע, דער פאָטער און זיין טאָכטער, האָבן געשוויגן.

— לייזער, דו ווייסט ? — האָט זי ווייטער אָנגעהייבן, — איך קלער היינטיקע וואָך אריבערצופאָרן צו אים זאָל לעבן, אָוועקפירן אים אַ פדיון, ער זאָל אויסבעטן פאַר אונדז אַ גוט יאָר.

— פאָר געזונטערהייט ! — האָט ער איר צוגעווונטשן, — דו ווייסט דאָך, אַז איך שטער דיר נישט.

— אַ דאַנק דיר פאַר דער טובה ! — האָט זי זיך אָפּגערופן, — זאָגט איר, ר׳ שלמה, וואָלט נישט גלייכער זיין : איך זאָל זיצן אינ־דערהיים און מיין מאַן זאָל פאָרן ? פאַרוואָס שלעפּט איר אים נישט מיט אַ מאָל מיט אייך ? מיר איז אַ חרפּה אַ גרויסע, וואָס ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען ביי אים, זאָל לעבן ; מען פאָרט דאָך פון אַן עק וועלט. און ער, זאָל לעבן, מען זעט טאַקע אַרויס, וואָס פאַר אַ צדיק ער איז, יעדעס מאָל נעמט ער צו דעם פדיון, בעט גאָט פאַר דיר, פרעגט זיך נאָך אויף דיין געזונט און שיקט דיר זיין ברכה, וואָס איז טויזנט מאָל מער ווערט ווי דיינע עטליכע רובל פדיון. אַדרבה, באַווייז

אַ מאָל, אַז דיין ווייב איז קיין צוויג נישט און אַז זי רעדט, איז נישט געבילן. פאַר דו הייניטיקס מאָל און איך וועל בלייבן אין דער היים.

— דו מיינסט דאָך דאָס נישט, — האָט ער מיט אַ שמייכל זיך אָפּגערופן, — מיך ווערסטו דאָך נישט נאַרן, אין גרונט האָסטו דאָך הנאה, וואָס איך בלייב אין היים און דו פאָרסט. דאָרט וועסטו אַרויס, אַז דו ביזט די חסידה, אַז כאָטש דיין מאַן איז אַ האַלבער דייטש, ביזטו נאָך אַ יידישע טאָכטער אינגאַנצן. דאָרט האָסטו אויך אַ געלעגענהייט אַרויסצעווייזן, אַז צווישן גבירי׳שע ווייבער ביזט דו אויך קיין לעצטע נישט מיט דיינע פערל, מיט דיינע ברילאַנטן; דו האָסט דאָרט אויך כבוד פון חסידים און פון דעם רבינס טעכטער און ביי דיר איז דאָס פיל מאָל מער ווערט ווי דער פדיון און מתנות, וואָס דו פירסט מיט זיך. מאַך זיך נישט נאַריש חייעלע, גלויב מיר, איך טו דאָס נאָר דיר צוליב, וואָס איך לאָז דיך פאָרן, דיין הנאה איז מיר טייער און איך פערגין דיר גערן דיין פאַרגניגן, דו ווייסט עס. אַנישט קען מען דעם פדיון אין אַ בריוועלע דורך פּאָסט אים צושיקן.

— „און די מ ת נ ו ת ד י י נ ע !" — האָט זי איבערגעזאָגט פונאַנדערגעצויגן די ווערטער. — אָט וואָס דיך פאַרדריסט! אַ קליינקייט? דו לייגסט גאָר צו דיין באָבעס ירושה צום רבי׳ן, זאָל לעבן! גלויב מיר, און די גאַנצע וועלט חסידים וועלן דיר זאָגען, אַז דו האָסט פון אים מער, אַ סך מער ווי דו גיסט אים. פון וועמענס זכות לעבסט דו? אפשר פון דיין אייגענעם? אפשר דיינע תפילות הערט גאָט צו, אַז דיינע עסקים זאָלן דיך באַגליקן? אַ שיין פּנים וואָלטן מיר אַלע געהאַט, אַז דער רבונו של עולם וואָלט באַדאַרפט וואַרטן אויף דיינע תפילות! זינדיקער מענטש, נאַרישער בעל גאוה׳ניק איינער! דו פאַרגעסט גאָר, אַז דיינע תפילות קומען גאָר צו גאָט נישט צו, זיי גייען נישט אַרויס פון אַ פרומען האַרצן, פון אַ ריינעם מויל, כאַפּען זיי שדים צו אין דער לופטן און זיי קומען גאָר צו זיין כסא הכבוד נישט אָן. די ביכער דיינע, וואָס דו לייענסט, די חקירות דיינע די גאָרישע, פאַרשטעלן דעם וועג, זיי זאָלן גאָרנישט קאָנען צוקומען ביז די טוירן פון תפילה וואָס זענען אָפן פאַר אַלע פרומע הערצער! און נאָך מער ווייטיק איז צו צוקוקן, אַז דאָס טעכטער׳ל זיינס איז אויך אַזוי בלינד און פאַרנאַרט, ווי ער, נור מיט אים איז זי. אָ, מיין קינד, איז דאָס אַ ווייטיק אַ מאַמען! איך ווינטש דיר נישט דו זאָלסט גאָר געפרווט ווערן דערצו!...

ר׳ לייזער האָט נישט געענטפערט און איז אַוועק באַטריבט אין זיין קאַבינעט. חייעלע האָט דאָס טיכל צוגעטראָגן צו די אויגן און האָט אָנגעהייבן כליפּן פון געוויין. רחל׳ע איז צוגעפאַלן צו דער מוטער און געבעטן:

— איך בעט דיך, לאָז געגוג זיין! גענוג מאַמוניו, די רייד ברענגען דאָך צו גאָרנישט, דו מאַכסט נאָר זיך און דעם פאָטער נישט־פאַרדינטע שמערצן און פאַרדרוס. דו ווייסט דען נישט וויפיל געזונט אַזעלכע רייד נעמען ביי אים צו? און פאַרוואָס? זאָג אַליין, האָט ער דיר ווען געשטערט דיין פאַרגניגן? איז ער דען נישט צופרידן זעלבסט דערמיט, וואָס דו פאָרסט צום רבי׳ן, אָדער פאַרגינט ער נישט די מתנות, וואָס דו שענקסט אים און זיינע קינדער? וויפיל מאָל דערמאַנט ער דיר אַליין וואָס פאַר אַ מתנה אים אַ וועקצופירן? פאַרוואָס זאָלסטו אויסלייגן זיינע רייד פונקט פאַרקערט, אים יסורים אָנצוטון און אים דערציילן געשיכטן מיט תפילות, וואָס קומען נישט צו צו גאָט, פון אַ „נישט פרומען הארצן” און פון אַ „נישט ריינעם מויל”? ... דאָס האַרץ, ליבע מוטער, איז טיף באַהאַלטן באַ יעדן, קיינער זעט נישט קיינעמ׳ס פרומקייט אָדער נישט־פרומקייט, גאָט אַליין נאָר זעט; אַך, ער ברויך נישט, ביז מען זאָל אים די תפילות אַרויפטראָגן און אים אויף אַ זיל־בערנער טאַץ דערלאַנגען, ער איז דאָ אויך מיט אונדז, יעדער האָט אים אויך אין אייגענעם האַרצן און ער הערט און ער ענפערט יעדן, ווי און ווען ער בעט אים! ...

— זיינע רייד, זיינע חקירות, זי איז איינגאַנצן ער! — האָט די מוטער אויסגעשריגן און איר גוט קינד אָבגעשטויסן פון זיך, — גיי זיך דיר צו דיין טאַטן! צו אים גיי און רעד אַ זעלכע רייד, וועט ער דיר אַ קוש טון, איך קאָן אַזעלכע דבורים נישט הערן, פון מיינע אבות האָב איך עס נישט געהערט, איך וויל עס פון מיינע קינדער אויך נישט הערן!

— גוטע מאַמוניו! — האָט רחל׳ע ווידער געבעטן און געקושט דער מוטערס האַנט נאָך שטאַרקער, ווי פריער, — כאָטש צוליב דעם פעטער ר׳ שלמה׳ן זאָל זיין גענוג! צוליב מיר זאָל שוין גענוג זיין! איך בעט דיך, דערמאַן זיך אַליין, איבער וואָס האָט זיך די גאַנצע רייד אָנגעהייבן?!

— גיי, גיי, אַ קינד, וואָס ווייס נישט ווי אַ מוטער צו שעצן, דאַרף נישט פאַרלאַנגען, אַז די מוטער זאָל אים צוליב טון! — האָט חייעלע

זי ווידער אָבשטויסנדיק, געזאָגט, — צו דיין טאַטן גיי! וואָס ביסטו מיינע? דו גייסט נישט אין מיינע דרכים, וויל איך אין דיינע נישט גיין, גיי פון מיינע אויגן, זאָג איך דיר!

— דו ביזט נישט קלוג חייעלע! — האָט ר׳ שלמה אָנגעהייבן, אַז רחל׳ע איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין, — נישט אַזוי באַגייט מען זיך מיט אַ קינד, מיט אַ גוט קינד, זאָג איך דיר! הערסטו? מיט אַבריליאַנט אַ קינד, זאָג איך דיר! פאַר דיינע דברים רעים, וואָס דו האָסט צו דיין טרייען גוטן מאַן גערעדט, בין איך נישט מחויב זיך אָנצונעמען, כאָטש איך בין זיין עלטערער ברודער; אָבער דיין קינד, אַז דו באַליידיקסט און שטויסט אָפּ פון זיך, בעת עס טוליעט זיך צו דיר און קושט דיך און וויינט, ביסטו אונגערעכט, טוסטו אַ נאַריש־קייט, זאָג איך דיר! אַ קינד מוז מען לערנען מיט גוטן, מיט קלוגע רייד באַווייזן, אַז מען האָט עס ליב, אַז נישט ווערט דאָס קינד פרעמד, און קאָן זיך מיט אַ מאַמען קיין עצה נישט האַלטן אַמאָל, אַז עס דאַרף, בפרט אַ מיידל. דאָס איז אַ ווייכע נאַטור, אָבער דאָס האַרץ איז נישט אַזוי אָפּן, ווי בײַ אונדז, מאַנסלייט. נאָר אַ מוטער קאָן האָבן דעם שליסל צום פאַרשלאָסענעם הערצ׳ל פון איר קינד. דער שליסל איז: טרייהייט, ווייכע רייד, אָבער נישט אָפּשטויסן פון זיך. פאַרשטייסטו, חייעלע?

— איך בין אויך געווען אַ מיידל, — האָט חייעלע זיך אָפּגערופן, — אפשר נאָך אַזאַ געראָטן מיידל ווי זי. פאַרוואָס האָב איך גאָר נישט געוווסט פון די אַלע צערעמאָניעס? דער טאַטע האָט אַמאָל אָנגעשלאָגן, האָט מען צוגענומען און געזאָגט: „געזונט זאָלן זיין זיינע הענט!״ די מאַמע האָט אָנגעשאָלטן, האָט מען זיך פאַר איר געשעמט, פאַרשטאַנען וואָס איר געפעלט נישט, און אויס! — אין יידישקייט, אין אמת׳ער פרומקייט האָט מען מיך געפירט, נישט פאַרנומען דעם קאָפּ און די צייט מיט לייענען ביכער און ביכלעך, וואָס קאָסט נאָר געלט און צייט און מען האָט דערפון אַ ברעקל נוצן נישט. וויפיל דאַרף אַ מיידל קאָ־נען? אַ בריוול אויפשרייבן, דאַוונען, טייטש־חומש לייענען און וויסן אַ דין אין יידישקייט, דאָס האָט זי אָבער שוין מיט פינף יאָר צוריק געקאָנט. וואָס האָב איך דערפון, אַז זי קאָן אין די ביכער? דעם חתן אין נדן דאָס אפשר אָנגעבן? אַ בלאַט גמרא איז דאָס, וואָס מען באַ־צאָלט געלט דערפאַר? זי איז אַ קינד? אַהאַ, איך האָב פאַרגעסן! אָבער וויפיל איז אַ שיעור אַ קינד צו זיין? ניין! אַנדערש וועל איך אָנהייבן מיט איר פירן: שבת בייטאָג וועט זי מיר מוזן לייענען די

סדרה מיט דער הפטרה, זאָל זי זיך געוויינען צו זיין אַ יידישע טאָכטער, פון איר טאַטן זאָל זי מיר זיך נישט אָפּלערנען!

— חייעלע, דו פאַרגעסט פון כעס, אַז איר טאַטע איז דיין מאַן, — האָט ר׳ שלמה מיט אַ פּאָטערליכער באַנעמונג געזאָגט — דער ערשטער חוב פון אַ יידישער טאָכטער איז צו טון דעם גוטן ווילן פון איר מאַן! זעסטו, אַז דיין מאַן וואָלט זיין אַן אָפּגעקערטער פון גאָטס וועגן, חלילה, אָדער אַ שלעכטער מאַן, אַן אויסברענגער, אַ הולטיי, חלילה, וואָס זיין ווייב לעבט פאַר אים, נישט פאַר דיר געדאַכט, אַ חשכ׳דיק לעבן וואָלסטו רעכט האָבן אָנצוזאָגן דיין קינד: עס זאָל זיך פונ׳ם טאַטן נישט אָפּלערנען. אָבער דיין מאַן איז אַן ערליכער, אַ פרומער ייד, אַ ייד, וואָס גאָט און לייט האָבן פון אים הנאה. ער איז מיינער אַ ברודער, חייעלע, ר׳ אברהם קאָהנס אַ זון, קיינער דערמאַנט נישט דעם טאַטנס נאָמען חלילה, לגנאי. נאָך אַזאַ ייד האָט ער בּאַ אונז נישט געלאָזן, און ווער ווייסט עס נישט, אַז דער טאַטע, עליו השלום, האָט זיך אויך אַזוי געפירט, ווי דיין מאַן, זאָל לעבן? דיין מאַן האָט דעם טאַטנס נחלה צוגענומען און האָט נאָך פון טאַטנס מנהגים נישט משנה געווען, וואָס אַ האָר איז ווערט. פע, אפילו אַ שונא רעדט נישט אויף לייזערן, וואָס דו!

— וואָס רעד איך דען? וואָס האָב איך געזאָגט? גאָט האָב איך פאַרשעפּעט? — האָט חייעלע אויסגעשריגן, — אַ קלייניקייט? איך האָב געזאָגט, ער זאָל פאָרן צום רבין, וואָס קומט מיר דערפאַר? זיין קרוין האָב איך אָנגערירט? אמת, דער שווער, אַ ליכטיגן גן־עדן זאָל ער האָבן, איז טאַקי געווען אַ ייד אַ צדיק און מיינע קינדער מעגן גערעכטן זיין אין אים, אָבער ווער איז דען מיין טאַטע געווען? טאַקי אַ מילנער, אָבער אַזאַ יידן, אַ חסיד, געפינט מען איצט נישט. זאָלן מיינע קינדער זיין אַזוי פרום ווי ער, און מיך וועט גאָר נישט אַרן, אַז זי וועלן נישט זיין אַ זעלכע דייטשן, קענער, ווי זייער טאַטע?

— אָבער וואָס איז זייער טאַטע? הער נור וואָס דו רעדסט, חייעלע, לייט וועלן לאַכן פון דיר! — האָט ר׳ שלמה קורץ, אָבער אין כעס אויסגערעדט,—דו קענסט אים נישט! דו פאַרשטייסט נישט, ווער און וואָס דיין מאַן איז; אַזאַ מאַן דאַרף מען די פיס וואַשן און דאָס וואַסער טרינקען, נור לייזער פאַרלאַנגט עס גאָר נישט. שלום איז לעבן. חייעלע, כעס ברענגט שטענדיק צו נאַרישקייט. זיי מודה, אַז דו ביזט אונגערעכט און זאָלן מער אַזעלכע נאַרישע גאַוועדעס ביי אייך אין

הויז נישט פאַרקומען! איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט, איך בין אַזאַ חסיד, ווי דו, אַ חסיד אויף אַ חסיד האָט קיין פאַריבל נישט! איך זאָג דיר, דו מוזט געבן קנס!.

חייעלן האָט זער געשמייכלט ר׳ שלמה׳ס לעצטע ווערטער, בפרט, וואָס ער שטעלט זי אין חסידות גלייך מיט זיך. זי האָט נאָך פריער חרטה געהאַט, נור איר שטאָלץ האָט איר נישט געלאָזט נאָכגעבן. איצט אַז ר׳ שלמה האָט איר וועגן אירע חסידות דערמאַנט, האָט איר גאוה געפונען דעם בעסטן וועג, ווי פון דעם אונגליקליכן מלחמה-פעלד צו אַנטלויפן.

— אויף אייך, ר׳ שלמה, וועל איך קיינמאָל קיין פאַריבל נישט האָבן, מיר זענען דאָך עפּיס חסידים פון איין רבי׳ן, זאָל לעבן, הלואי זאָל ער נאָר אַזוי זיין, ווי איר! מיינט נישט, חלילה, אַז איך בין גאָר אַזאַ, פשוטע, גאָר אַזאַ בהמה און איך ווייס נישט, ווער און וואָס מיין מאַן איז! מיין רחל׳ען ווינטש איך נישט קיין בעסערן און פיינערן מאַן ווי איר טאַטע איז, — נאָר אַז איר הייסט געבן קנס, גיב איך, מען מוז פאָלגן אַן עלטערן.

— אַזוי, אַזוי, — האָט ר׳ שלמה אויסגעשריגן, — אָט אַזוי טוט אַן אשה כשרה, אַ חסידה, אָט איצט זע איך, אַז דיין פאָרן צום רבי׳ן איז נישט אומזיסט! קנס אָבער זאָלסטו געבן, נישט מי יודע וואָס. אַ „מלוי-מלכא׳לע״ עפּיס אַ רעכט׳ס. דו וועסט אויך עסן מיט אונדז, לייזער וועט זיך אויך לאָזן איבערבעטן און זאָל ווערן שלום אויף אַ פולער וואָך! ר׳ שמעון, בלייבט צו „מלוי-מלכא״ וועלן מיר האָבן אַ מזומן! נישקשה, עס וועט זיין אַ גוט ביסל משקה, חייעלע, דו וועסט געבן אַ גוט ביסל ווייַן?

— איך זשאַלעווע נישט, — האָט זיך חייעלע אָפּגערופן, — גאָטס גאָב און מיין מאַנס האָרעוואַניע! כאָטש ר׳ שימעלע האָט די דריטע סעודה דאָ געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און איז אַוועק פון טיש גאָר נישט הונגעריק, פונדעסטוועגן איז ביי אים אין מאָגן פאַראַן געווען אָרט אויפצונעמען אַ גוטע „מלוי-מלכא׳לע״. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז ר׳ שלמה וועט אָן אַביסל משקה נישט אַוועקגיין און וועט אים מסתמא פאַרהאַלטן אַ דריטן צו מזומן. דערפאַר איז ער זער צופרידן געווען, וואָס דער וויכוח האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַביסל משקה.

ר׳ שלמה האָט נאָך זמירות געזונגען, שימעלע איז אויך אומגעלאָפן איבערן שטוב אַהין און צוריק, און זיינע ליפּן האָבן, עפּיס אויך וואָס

אַרויסגעבאָלבעט. ער האָט אויך צוגעברומט טיף פאַרטראַכט. דערווייל האָט חייעלע צום טיש געגרייט, ר׳ שלמה האָט אַריינגעבעטן לייזערן, אויך רחלע האָט געמוזט עסן מיט זיי אַלעמען.

— געוואַלט, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק יידן זענען! — האָט ר׳ שלמה אויסגערעדט, אַנגיסנדיק אַ גלאָז ווײַן, — מען מעג זיך זיבעצן מאָל צעוואָרטלען, צעקריגן זיך אַפילו, קומט נור צו אַ מצוה׳לע, ווערט מען ווידער שלום! נישט אמת, לייזער. דו ביסט מוחל חייעלען? און דו, חייעלע, האָסט שוין אויך קיין פּרעטענזיעס נישט און מיר אַלע זײַנען מלוי־מלכּא, דאָס הייסט: דעם הייליקן שבת באַגלייטן מיר מיט שלום, מיט אהבה און מיט אַחוה ורעות, גאָט זאָל זײַן שלום פון דעם הויז נישט אָפּטון, שלוה און שלום זאָלן זײַן אין אַלעם גוטס אייערען און גאָט ברוך הוא זאָל בענטשן אַלע יידן מיט שלום!

— אָמן! — האָט חייעלע געענפערט און אַ קוק געטון אויף איר מאַן.

— אָמן! האָט אויך ער געזאָגט און אַ פריינטליכן בליק געוואָרפן אויף איר.

רחל׳ע איז צוגעגאַנגען צום פעטער און אים אַ קוש געגעבן פאַר זײַנע פריינטליכע רייד. ער האָט איר צוריק אַ קוש געטון אין קאָפּ, דערנאָך האָט ער זיך מיט זײַן ברודער צוקושט אזן שפעטער, אַז ער איז שוין געווען אַ ביסל אָבגעשוואַכט, האָט ער יעדן איינציקן געקושט, געפּאַטשט שמעונ׳ען אויפ׳ן פּלייצע און געשריגן: „נישט זאָרגט שמעון, איך האָב אייך ליב! איר זייט בײַ אים, זאָל לעבן, אַ תקיף און דאָס איז גוט אַזוי ווי עשירות!״ רחל׳ע האָט זיך ווידער צוגעטוליעט צו דער מוטער, ר׳ לייזער איז פריילעך געוואָרן און גענומען זײַן פידל און האָט געשפּילט אַ פּאָר מעלאָדיען פון דער אָפּערע „טרובאַדור״.

אַז ר׳ שמעון איז שפּעט בײַ נאַכט אַ היים אַוועק, האָט רחל׳ע נישט פאַרגעסן אים מיטציגעבן אַ שטיק פלאָדן פאַר זײַנע קינדער, און האָט געזאָגט: „מיר זענען אויך שלום, רבי; נישט אמת, איר האָט מיר מוחל געווען? גיט עס אײַרע קינדער, זאָלן זיי וויסן, אַז פון הײַנט וועט שוין בײַ אונדז אַלע מאָל שלום זײַן, איר וועט מײַנע ברידערלעך אין חדר מער נישט שלאָגן, זאָגט איר עס מיר צו, רבי?

— הונדערט מאָל, רחל׳ע, צענטויזנט מאָל! — האָט ר׳ שמעון מיט פרייד געענפערט, — איך זאָג דיר אין די אויגן: דו ווייסט גאָר אַליין נישט, וואָס פאַר אַ בריליאַנט דו ביסט, שלום, מײַן טייערע תּלמיד׳קע,

אַ דאַנק זאָג איך דיר נישט, גאָט ברוך הוא זאָל דיר דאַנקען, און אַז ער וועט דיר דיין בעשערטן ווילן חתן צושיקן, וועל איך אים דער ער־שטער זאָגן דיינע מעלות און אים געבן צו פאַרשטיין, אַז ווען אפילו ער זאָל אויספאָרן זוכען אַלע וועלטן אין דער לענג און אין דער ברייט, וועט ער נאָך אַזאַ רחל׳ען, אַזאַ געראָטענע, ווי דו, נישט געפינען! אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע וואָך!

מיט די ווערטער איז ער אַ פולער געגאַנגען אַ היים: פול דער מאָגן, פול די קעשענעס און פול דער קאָפּ מיט צעפרידענע מחשבות אויף אַ פולער וואָך. „אַ אשה כשרה, אַ לייטישע אשה איז חייעלע, לעבן זאָל זי, האָט ער פאַר זיך גערעדט, „זה לעומת זה עשה הקדוש ברוך הוא״: איינס קייגן דעם אַנדערן האָט ער באַשאַפן, ער האָט באַשאַפן פייער און האָט באַשאַפן וואַסער, ער האָט באַשאַפן אָרימקייט און האָט אויך באַשאַפן רייכקייט. ווען נישט אַזוי, וואָלט אַזאַ קבצן, רחמנא לצלן, ווי שמעון גאָר קיין תקומה נישט האָבן! אַזוי ווי וואַסער לעשט דאָס פייער, אַזוי איז דער רייכער משפיע אויף דעם אָרעמאַן. איך האָב היינט אין זיך אַריינגעגעסן און אַריינגעטרונקן אַ ים און עס קאָסט מיך אַ קאָפּיקע נישט! „איינס קייגן דעם אַנדערן האָט ער באַשאַפן״, אָט איז זיך, למשל, ר׳ לייזער גאָר אַ פילוסוף, אפילו אַן ערליכער יוד, אָבער וואָס טויג אים דקדוק? נו, און אַז איך, כדומה למשל, קאָן נישט קיין דקדוק און וויל נישט קאָנען, וואָלט איך מכות געהאַט און נישט זיינע ביידע בנים אויף ווינטער אין חדר אַריין. וואָס טוט ער? גיט ער ר׳ לייזער׳ן אַ ווייב אַן אשה כשרה, און זי וויל אויך קיין דקדוק נישט, דערווייל בין איך דורך דעם געהאָלפן. — אַ פרומע אשה איז חייעלע, אַ הייסע, אַ וואַרימע חסידה, אָבער איר הייס ביסל משקה איז נאָך היי־סער. טייערע משקה, עס האָט מיך צענומען און מיינע פיס פלאָנטערן זיך, איך בין, דאַכט זיך, בגלופנ׳דיק. וואָס האָב איך מורא? אַבי איך האָב עפעס אין קעשענע וועט מיין אַלטע שרייען, דערלאַנג איך איר אַ שטיק פלאָדן, און וואָס וועט זי שרייען? אין אַ שענק האָב איך מיך אָנגעשיכורט? מיט שכורים ערגעץ געהולטייעט האָב איך? אויף אַ סעודת מצוה׳לע איבערגעכאַפּט אַ ביסל מיין מאָס, טאָ איז וואָס? חייעלע האָט געמעגט מוחל זיין איר מאַן? מעג מיין אַלטע מיר אויך מוחל זיין! אַ טייערע אשה איז חייעלע, אָבער איר משקה איז גאָר הפלא ו״

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט פונקט אין דער מינוט ווען ער איז אַריין אין שטיבל.

ר׳ לייזער האָט נאָך דעם אָוונט פיל געשריבן. אַז רחל׳ע איז צו אים אין צימער אַריינגעגאַנגען, איז זאָגן: „אַגוטע נאַכט״, האָט ער אויף איר אַ ליבן קוק געטון, און פאַרשטעלט דאָס בריוועלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שרייבן, זי זאָל דעם טיטול נישט זעען. צערטליכער ווי אַלעמאָל איז זיין קוק איצט געווען אויף זיין קינד און מיט פולע אויגן ליבע האָט ער זי ביז דער טיר באַגלייט.

„ווי גליקלעך וואָלט דער זיידע געווען, אַז ער וואָלט אָט די שעה דערלעבט!״... האָט ער פאַר זיך אויסגערעדט און האָט דאָס בריוועלע ווייטער געשריבן.

ד.

ר׳ לייזער אַליין האָט זיין פרוי אויסגעריכט אין וועג אַריין צום רבי׳ן. אַליין איר געהייסן דאָס און יענץ אַ מתנה אַוועקפירן דעם רבי׳נס שניר און טעכטער, און חייעלע איז אַ צעפרידענע אַוועקגעפאָרן. ווינאָגאָ־ראָדקע, דעם רבי׳נס רעזידענץ, איז נאָר איין טאָג ווייט געווען פון קליינין, פונדעסטוועגן האָט חייעלע אָנגעבאַקט און אָנגעפרעגלט מיט זיך צו נעמען, ווי אַ מחותנת׳טע, וואָס פאָרט אויף אַ קינדס חתונה; און זי איז געגרעכט געווען: די טעג זענען געווען ליכטיקע, טרוקענע און קילע, אַלע קרעטשמעס אויפן וועג, וואָס פירט קיין ווינאָגראָדקע, זענען געווען פול פון חסידים און מ׳דאַרף זיך לאָזן דערקאָנען: זאָל מען וויסן, אַז חייעלע פאָרט נישט צום רבי׳ן מיט ליידיקע הענט.

בערעלע שפּאַק, דער משרת פון איר זאַוואָד, איז אויך היינט, ווי שטענדיק, דער קוטשער געווען און ער האָט געוווסט, ווו מען דאַרף זיך אָפּשטעלן. אויף שבת איז זי אַ גליקליכע און אַ צעפרידענע אַהיים געקומען מיט אַ ליידיקן וואָגן, מיט ליידיקע טשעמאָדאַנעס, אָבער דער־פאַר פול מיט ברכות פון אים, זאָל לעבן, אויף אַ ניי יאָר, אַ געזונט יאָר, אַ יאָר פון לעבן און פיל גליק און נחת.

שבת באַ טאָג, אַז זי איז מיט איר מאַן אַליין געבליבן און האָט אין אים באַמערקט, אַז ער איז צו איר פריינטליכער, ווי געוויינטליך האָט זי אים אויסדערציילט איר גדולה ביים רבי׳ן, איר נאָמע צווישן חסידים גרויסע לייט, אויך ווי גרויס זיין נאָמען איז, אַלס גביר און קאָפּ־מענטש, אַזוי גרויס אַז ר׳ פנחס׳ל, דעם רבי׳נס

גבאי, האָט איר אָפּן געזאָגט, אַז ער רעכנט קומען די צייטן עקסטרע צו רעדן אַ שדוך פאַר רחל׳ען מיט אַ גרויסן גביר, פאַר זיין בן־יחיד, זער אַ געראָטן קינד, און דאָס איז אַזאַ גליק, וואָס עס טרעפט נאָר איינמאָל אין טויזנט יאָר, ווייל דער מחותן איז אַ ייד אַ מטופל, אפשר מיט אַ האַלב מיליאָן רובל און האָט אייגענע פּאַלוואַרקס און הויפן, מילען און זאַוואָדן און וועט קיין סך נדן אויך נישט פאַרלאַנגען ער וויל נאָר אַ שנור פון פיינעם הויז.

— ר׳ פנחס׳ל וואָלט שוין דאָ לאַנג געווען,—האָט זי אויסגעלאָזט, — נאָר ער קאָן, נעבעך, איצט נישט אָפּפאָרן, ווייל דאָס ווייב זיינס איז שטאַרק שלאַף, גאָט וויס אויב זי וועט זיך אַרויסדרייען. דער רבי, זאָגט מען, איז זער קאַלט, מסתמא זעט ער, אַז זי האָט מער קיין יאָרן נישט.

אַטונקעלער וואָלקן האָט צוגעדעקט ר׳ לייזער׳ס ליכטיקע געזיכט. די ווערטער אירע האָבן זיך שווער געלייגט אויף אים.

— איך בעט דיך, חייעלע, — האָט ער געזאָגט, — רעד מיט מיר מער נישט וועגן אַ שדוך פאַר רחל׳ען; רחל׳ע איז נאָך צו יינג, נאָך קיין אַכצען יאָר נישט. פאַר צוואָנציק וועל איך איר נישט התונה מאַכן, אַז איך וועל נאָר לעבן. דאָס האָסטו אַ קורצע תשובה איינמאָל פאַר אַלע מאָל! גאָט אַליין וועט מיין קינד איר באַשערטן ווייזן, איך בעט דיך, האָב וועגן דעם קיין דאגה נישט!

חייעלע האָט אפילו געפּרוווט אַיינווענדן און דערקלערן איר דעה, איר עצה, אָבער ער האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל געזאָגט: אין אַלץ אין דער וועלט וועט ער איר נאָכגעבן, אַלץ פון איר אויסהערן, נאָר וועגן רחל׳ען געבן אַ חתן פאַר צוואָנציק יאָר, אין קיין אופן נישט. אומזיסט וועלן זיין אירע רייד.

חייעלע האָט אַזאַ אַנטשידענם טאָן אין איר לעבן נישט געהערט, זי איז קיין נאָר נישט געווען און האָט פאַרשוויגן. דאָס לעבן אין הויז איז זיך געגאַנגען, ווי געוועהנליך. די געשעפטן זענען זער גוט געגאַנגען דאָס יאָר, דער נייער זאַוואָד פון בראָנפן און פון טרוקענעם הייוון, וואָס ער האָט פאַראַיאָרן געעפנט, האָט אין דער אַרומיקער געגנט אַ גרויסן נאָמען באַקומען, און מען האָט פאַרקויפט מיט פאַרדינסט.

אויף ימים־נוראים איז ר׳ שלמה אויך געפאָרן צום רבי׳ן, דאָרט געבליבן גאַנצע צוויי וואָכן, דאָרט געדאַוונט, תורה געהערט און געטרונקן מיט חסידים נאָך מער. אויף יום כפור איז אויך שימעלע

מלמד אוועק צופוס. ער האט דארט אויך קיין הונגער און דורשט נישט געליטן און איז געקומען אויף סוכות צוריק צוזאמען מיט ר׳ שלמה׳ן. זיי וואלטן אויך פריילעך און צעפרידן געווען ווי חייעלע צוריקפארנדיק, נאר מוצאי יום־כפור איז זיי בעשערט געווען צו זיין בא יציאת נשמה פון דער גבאי׳טע. ר׳ פנחס׳לס ווייב, זי איז פונקט נאך נעילה געשטארבן. מען האט געזען בחוש, האבן די חסידים דערציילט, אז דער רבי, זאל לעבן, האט דעם מלאך־המות אפגעהאלטן א גאנצן טאג, כדי ר׳ פנחס׳ל זאל קאנען דאווענען מיט כונה און זי זאל קומען אהין א ריינע. מען האט נאך א מופת דערציילט: ר׳ פנחס׳ל האט געוואלט נאך נעילה אנטון די שיך, האט דער רבי, זאל לעבן, אים נישט געהייסן ווייל ער האט שוין געוווסט, אז ער איז מחויב שבעה צו זיצן. מען זאגט זאגאר, אז דער רבי האט איר פאר כל נדרי צוגעזאגט, אז זי וועט שטארבן תיכף נאך נעילה און וועט קיין חבוט הקבר נישט ליידן. בא דער לויה האבן אלע געוויינט און ר׳ שלמה און שימעלע זענען אומעטיק געווען ביז אהיים קומענדיק.

דעם טאג ערב סוכות איז חייעלע זער באשעפטיקט געווען אין קיך, אנצוגרייטן צוקערגעבעקס פון אלע מינים, אז די לייט, וואס וועלן קומען גוט־יום־טוב־בעטן, זאלן א הנאה האבן; ר׳ לייזער האט זיך מתעסק געווען ארום דער סוכה אין סאד און געהאלפן בערעלע שפאק צודעקן מיט גרינעם סכך. די דאזיקע ארבעט האט בערעלע, אלץ עם הארץ, זיך נישט דערלויבט צו טון אליין. ער האט מורא געהאט, טאמער מאכט ער דא א פעלער און חייעלע וועט איצט ווידער שרייען, ווי פאראיארן: „עס איז נישט רעכט אין אזא סוכה צו עסן”. די קליינע קינדער זענען איצט אויך פארנומען געווען מיט דעם האמער און זעג, וועלכע זענען דא געלעגן. אין שטוב איז נאר אליין רחלע געבליבן, ווו זי האט אויך געהאט צוטון—צוצוריכטן גארדינען פאר דער סוכה. אז די גארדינען זענען שוין פארטיק געווארן, האט זי זיך גענומען אויספלעכטן פון בלומען און בלעטער א שיינע גירלאנדע, די סוכה צו באפוצן; די דאזיקע ארבייט איז איר, אויסער ליב, אויך הייליק געווען: דער יום טוב סוכות איז איר ליבער געווען שטענדיק מער ווי אנדערע ימים־טובים. אין סוכה פלעגט דער פאטער שטענדיק דערקלערן די באדייטונג פון דעם יום־טוב, און איצט, זיצנדיק באשעפטיקט מיט דער באפוצונג פון דער סוכה, האט זי זיינע אלע געשיכטן פון פאראיארן דערמאנט, אין אירע געדאנקען האט זי איצט ווי פאר די אויגן

געזעו יענע טויזנטער סוכּות, וואָס אין זיי האָבן אונדזערע עלטערן געוווינט, אַרויסגייענדיק פון מצרים. זי האָט אויך געזען יענע הערליכע סוכּה, אין וועלכער אונדזער געטליכער לערער משה האָט געוווינט, ווו טויזנטער יידן שטייען פאַר זיין טיר און הערן די תּורה זיינע, וואָס גאָט האָט אים געגעבן, צו לערנען זיין באַפרייט פאָלק, אַ פאָלק צו ווערן, אַן אייביק פאָלק, וואָס האָט שוין אַזויפיל טויזנט יאָר געלעבט און לעבט נאָך היינט און מאַכט נאָך היינט סוכּות, צו דערמאָנען יענע סכּות און יענע תּורה, וואָס זיי האָבן געלערנט. ווי שיין, ווי ליב האָט איר פאַנטאַזיע איר פאָרגעשטעלט דאָס געשטאַלט פון דעם הייליגן געטליכן משה'ן! און אָט דאָס געשטאַלט איז איר אַזוי באַקאַנט געווען, אַזאַ אָנגענעמע פריינטליכע מינע האָט עס געהאַט. איר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז זי זעט אַ ליבן באַקאַנטן פריינט און זי האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען, ווען האָט זי אים געזען און ווען איז ער אַזוי ליב געוואָרן? דער נאָמען משה פון דעם הייליגן מענטשן האָט גאַנץ אָן איר ווילן געבראַכט, זי זאָל זיך אָן איר שוועסטער־קינד משה'לען דערמאָנען און זיין קינדעריש שיין געזיכט האָט זי איצט געזען אין איר פאַנטאַזיע אין משה רבינו. ענדלעך האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי זעט דאָס געשטאַלט פון איר שוועסטער־קינד. „אַך", האָט זי געזאָגט, דאָס איז דאָך מיין משה'לע גאָר! אָבער קען מיין שוועסטער־קינד נישט אַזוי שיין זיין, ווי משה רבינו, אונדזער לערער, אונדזער פירער? קאָן איך מיר דען נאָך אַ שענערס געזיכט מיט ליכטיקערע אויגן פאָרשטעלן אין דעם שענסטן און הייליקסטן פון אַלע מענטשן ווי דאָס ליכטיקע געזיכט פון מיין חבר משה'לען, וואָס טראָגט זיין אונשטערבליכן נאָמען..? זי האָט איצט אין איר פאַנטאַזיע אָנגעהייבן זוכן נאָך אַ באַקאַנטן נאָמען „משה" און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַר אַ יאָרן איז באַ זיי געווען ר' פּנחס'ל, דעם רבינס גבאי מיט נאָך אַ גבאי, ר' משה, אָבער יענער איז געווען אַ ייד מיט אַ רויטן קאַרק, אַ געלער געדיכטער פערווילדעטער באָרד און אַ פּאָר־שכּור'טע נאָז, דערצו האָט ער געשריגן און געדרייט מיטביידע הענט, בעת ער האָט גערעדט, און רחל'ע האָט נישט געקאָנט אָן אַ ווידער־ווילן זיצן מיט אים באַ איין טיש. „ניין" האָט זי פאַר זיך איצט איבער־גערעדט, אָט דער שליח דעם רבינס, וואָס טרינקט בראָנפן אַזוי פיל און שעצט קיין מענטשן נישט, קאָן נישט ענלעך זיין צו אונדזער הייליקן, גאָטס שליח, משה רבינו! נאָר אַ פאַלטשן נאָמען טראָגט ער! משה רבּנו איז ווי דער גרעסטער, בעסטער און קליגסטער אויך דער שענסטער

געוויס געווען פון אַלע מענטשן. אַך, ווי ליב איז מיר זיין הייליקער נאָמען! ווי זינדיק רופט מען מיט דעם הייליקן נאָמען מענטשן, וואָס זענען נישט ווערט „משה" אָנגערופן צו ווערן! ווי וויל איך, אַז מיין שוועסטער־קינד, משה׳לע, זאָל ווערט זיין „משה" צו הייסן! ווי וויל איך אים זען, צי איז ער נאָך אַזוי שיין און אַזוי ליב, ווי ער איז אַמאָל געווען!" אין אַזעלכע געדאַנקען פאַרטיפט, האָט זי פּלייסיק די גירלאַנדע געפלאָכטן און נישט געהערט, אַז צו דער טיר איז צוגעפאָרן אַ פור. פון פור איז אַראָפּ אַ ייִנגער מענטש, און איז אַריין צו זיי אין שטוב. זי האָט נישט באַמערקט, אַז דערזעלבער האָט די טיר געעפנט און איז גלייך אין עס־צימער אַריין, ווו זי איז געזעסן באַשעפטיקט מיט איר אַרבייט. באַ דער טיר איז ער שטיין געבליבן, ווי פאַרווונדערט אויף איר קוקנדיק. ענדליך, האָט זי אירע אויגן אויפגעהייבן און צו איר פאַרוונדערונג האָט זי דערזען אַז עמיץ שטייט דאָ. זיין געזיכט האָט איר אויסגעוויזן באַקאַנט, זי האָט זיך גוט צוגעקוקט אין איז דערשטוינט געוואָרן נאָכמער; פּונקט אין אַזאַ געשטאַלט, נור מיט אַ שיינע ווייסע באָרד אַרום האָט זי ערשט אין אירע געדאַנקען געזען דעם געטליכן משה רבינו; זי איז איבערראַשט און דערשראָקן געוואָרן. זי האָט געמיינט, עס איז דאָ מיט איר וואָס איבערנאַטירליכעס געשען און זי האָט נישט געקאָנט אַ וואָרט אויסרעדן.

— בין איך באַ ר׳ לייזער קאָהאַן אין הויז? האָט דער ייִנגער מענטש געפרעגט נענטער צוגייענדיק, און וואָס נענטער ער איז צוגעקומען, אַלץ באַקאַנטער און פרייַנטליכער איז זיין געזיכט רחל׳ען געוואָרן.

— איר האָט קיין טעות נישט, ייִנגער מענטש, — האָט זי פאַרשעמט געענפערט. — זאָגט מיר, וועמען ברויכט איר?

— זייט איר פיליכט זיין טאָכטער רחל, אָדער רחל׳ע, ווי מען האָט אייך דאַמאָלט גערופן, בעת איר האָט נאָך מיך גוט געקענט? — האָט דער גאַסט געפרעגט, נישט צווייפלנדיק, אַז ער רעדט עס מיט זיין שוועסטערקינד. כאָטש די שטימע איז נאָך פרעמד געווען, אָבער די אַרט ווי אַזוי ער האָט גערעדט, דער האַרמאָנישער זיסער טאָן האָט אין איר וואָס באַקענטעס און ליבעס דערמאַנט. זי האָט זיך גוט צוגעקוקט און דערקאָנט אין גאַסט איר שוועסטערקינד.

— משה׳לע! — האָט זי אויסגעשריגן: — „זאָל איך מיינע אויגן און מיין האַרץ נישט גלויבן?"

און נאָך איידער ער האָט אַ וואָרט געפונען, וואָס צו ענפערן

איז זי אים אין זיינע אויסגעשפּרייטע אָרעמס געפאַלן און זיי האָבן זיך ברידערלעך צעקושט.

—אַך, ווי אויסגעוואַקסן און פאַרענדערט דו ביסט געוואָרן ?—האָט זי אויסגערעדט אים גוט באַטראַכטנדיק.

—אויך דו, רחל׳ע, ביסט אַנדערש געוואָרן, — האָט ער געענפערט, אָבער בשעת איך בין פיליכט צום ערגער פאַרענדערט, ביסטו איצט שענער און פאָרנעמער ווי פריער ; בעסער, וויל איך נישט זאָגן, ווייל גוט ביסטו דעמאָלט אויך געווען און נאָך האָב איך ביז איצט קיין בעסער קינד נישט געזען ווי דו ביסט דעמאָלט געווען. מיר וועט גענוג זיין, רחל׳ע, אין דיר נאָך איצט יענע גוטסקייט צו געפינען !

—און וואָס זאָל איך דיר זאָגן, משה׳לע ?—האָט זי געפרעגט פאַרשעמט. איך קאָן אַזוי ווייניק קאָמפּלימענטן מאַכן ; אָבער איך מוז דיר זאָגן : דו ביסט איצט אויך נישט ערגער ווי אין יענע יאָרן. זאָג מיר, מיין טייערער, ווי קומסטו אַהער ? אַזוי פלוצלונג, אַזוי אונגעריכט ?

— נישט פלוצים, רחל׳ע, נישט אונגעריכט בין איך אַהער געקומען, — האָט ער דערקלערט, — דיין ליבער פאָטער, מיין געטרייער פעטער האָט מיר און מיין זיידן זער אַ פריינטלעך בריוועלע געשריבן און געבעטן אים דאָס פאַרגניגן צו מאַכן און קומען צו אייך אויף יום-טוב. אין בריוועלע האָט ער אַפילו פון דיר אַ פריינטליכן גרוס צוגעשריבן און אין דיין נאָמען געהייסן מיר דערמאַנען זיך אונדזערע אַלטע פריינטשאַפט און דיר צוליב טון און קומען.

— און מיר האָט דער גוטער פאָטער גאָרנישט געזאָגט ! — האָט זי זיך מודה געווען, — ער ווייסט, ווי גערן איך האָב דיך געוואָלט זעען און ווי איך האָב געבענקט נאָך דיר. ווועסטו מיר גלויבן, משה׳לע ? איין מינוט פריער, איידער דו ביסט אַריינגעקומען, האָב איך אויך וועגן דיר געטראַכט. דו וועסט לאַכן, אָדער פאַר אַ נאַרעלע מיך האַלטן, אַז איך וועל עס דיר דערציילן ; אָבער איך וויל פאַר דיר מיך אַנדערש נישט פאָרשטעלן, ווי איך בין. איך האָב געטראַכט וועגן יענעם הייליקן אייביקן משה׳ן, וואָס האָט אונדז די תורה געגעבן און האָט געהייסן איצט אַ סוכה מאַכן ; פון זיין נאָמען „משה״, האָב איך דיך, מיין שוועסטערקינד, „משה׳לע״ דערמאַנט. יאָ, ווען נאָר איך האָב אָט דעם הייליקן משה רבינו געוואָלט אין געדאַנקען זעען, האָט זיך מיר תמיד פאָרגעשטעלט דיין געזיכט, אַזוי שיין, ווי איך זע דיך איצט. שטעל דיר פאָר, ווי איך האָב מיר דערשראָקן, אז איך האָב נישט באַמערקט,

ווי דו ביסט אַריינגעקומען און איך האָב דיך פּלוצים געזען שטיי־
ענדיק נישט נאָר אין געדאַנקען, נור טאַקי קייגן מיינע אָפענע אויגן!
לאַך פון מיר, איך האָב אין דער רגע געמיינט: גאָט האָט מיר אַ נס
געטון און האָט מיינע אויגן געעפנט צו זעען דעם טייערן לערער
אונדזערן, דעם הייליקן משה׳ן, גאָטס קנעכט. אָבער וואָס שטייען מיר דאָ?
קום צום פאָטער, ער איז אין סאָד, דאָרט פּוצט ער צו די סוכה, ניין!
בלייב דאָ אַ מינוט, איך וועל אַליין גיין אים זאָגן: אַ ייד פרעגט זיך
אויף אים, איך וויל זעען צו וועט ער דיך דערקענען?

מיט די ווערטער איז זי צום פאָטער געלאָפן און אים געזאָגט: עס פרעגט אויף אים אַ ייד וואָס דאַרף אים נייטיק האָבן. זי האָט אָבער איר פרייד נישט געקאָנט באַהאַלטן און דער פאָטער האָט אָן זיין קינד באַלד פאַרשטאַנען, ווער עס וואַרט אויף אים; ער האָט אָבער זיך גע־מאַכט נישט פאַרשטייענדיק, כדי איר דאָס פאַרגניגן, וואָס זי ערוואַרט נישט קאַליע צו מאַכן, און איז געגאַנגען נאָך איר ווי נישט וויסנדיק, ווער דאָרט וואַרט. קוים איז ער אָבער אַריין אין שטוב, דערזען דעם ייִנגן מענטשן, האָט ער אים אין מאָמענט דערקאָנט, אָבער אים האָט ער זיך איצט נישט פאָרגעשטעלט, ווי משה׳לע דאָס חדר־ייִנגל, נאָר ווי זיין ברודער ראובן, משה׳לעס פאָטער; אַזוי ענליך איז ער איצט געוועזן, אַז ר׳ לייזער האָט געמיינט זיין געשטאָרבענער ברודער, וועלכן ער האָט אַזוי הייס געליבט און אַזויפיל געטרויערט אויף זיין ייִנגען טויט, איז איצט פון קבר אויפגעשטאַנען און שטייט דאָ אַ לעבעדיקער פאַר אים. טרערן זענען אים אַרויס פון די אויגן און אָן אַ וואָרט צו רעדן, האָט ער אים צוגעדריקט צום האַרצן און אים הייס געקושט. אויך משה׳לן זענען טרערן אָנגעלאָפן אין די אויגן און האָט דעם פעטער געקושט ווי אַ קינד, וואָס קושט דעם צוריקגעפונענעם פאָטער זיינעם נאָך צען יאָר בענקען און זוכן אים.

פון דער צייט, וואָס זיין פאָטער איז אַזוי אונגליקלעך פון דער וועלט אַוועק, האָט משה׳לע דעם פעטער אויך נישט געזען. די מוטער זיינע האָט פאַרקויפט דאָס הויז, די ווירטשאַפט, און איז מיט אים אַוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן, וועלכע זענען צו יענער צייט נאָך רייך געוועזן. אַ יאָר שפּעטער האָט זי חופּה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן, משה׳לע איז באַ אירע עלטערן געבליבן; כאָטש ביי אַ ייִדן און באָבן, אָבער פאָרט באַ אַלטע לייט מיט אַלטע קאַפּריזן. אַז דער זיידע האָט

אָנגעהייבן ארונטער צו קומען פון מעמד, האָט זיך דאָס קינד עלנט געפונן, אַ פאַרלאָזענער יתום, וואָס איז ווייט פון פאָטערס קבר און איז אַליין צו דער לעבעדיקער מוטער נישט נאָנט. די מוטער האָט אַ מאַן, מיט דעם מאַן האָט זי קינדער, וועלכע זענען איר נענטער ווי ער... ווי פלעגט אין אים דאָס האַרץ וויינען, וואָס ער איז אַזוי פלוצלונג אָפגעריסן געוואָרן פון די אַלע קינדערשע פאַרגניגנס, וואָס ער האָט דאָ צווישן פריינט און חברים אין זיין געבוירנשטאָט געהאַט! מען האָט גאָר בּאַ אים נישט געפרעגט, אים אַריינגעזעצט אין זעליג דעם בעל העגלה׳ס בויד און אַוועקגעפירט, ווי מען פירט אַוועק אַ קאַץ פערבונדן די אויגן, זי זאָל נישט טרעפן ווי צוריק צו קומען... אָנפאַנגס האָט ער שטאַרק געבענקט נאָך די פעטערס, נאָך די מומעס, נאָכמער נאָך רחל׳ען, מיט וועלכער מען האָט אים נישט געלאָזט זיך געזעגנען אַפילו. ווי האָט ער געוויינט טאָג און נאַכט, אַז ער פלעגט זי דערמאָנען? שרייבן בריוועלעך האָט ער נאָך נישט געקאָנט, ער האָט זיך שוין אפילו געלערנט שרייבן און דער פעטער ר׳ שלמה פלעגט זיך חדוש׳ן פון זיין האַנטשריפט, פון זיינע צוקן און פלעגט זאָגן: ער וועט זיין אַספרא רבה, אָבער ווי דאָס שרייבן צו בּאַנוצן האָט ער נאָך נישט געוווסט. אַזוי זענען אַריבּער יאָרן ביז ער איז געוווינט געוואָרן, ביז די ערשטע טרייע בריוועלעך פון זיין פעטער ר׳ לייזער׳ן צו זיין זיידן האָבן, ווי געוויינליך, אָנגעהייבן זעלטענער צו ווערן, און דאַן, אַז ער האָט שוין געוווסט, ווי די קונסט פון שרייבן צו בּאַנוצן, האָבן שוין דעם פעטערס בריף אינגאַנצן אויפגעהערט אָנצוקומען. און וואָס וועט ער שרייבן? צו וועמען? וואָס איז אים דען דער פעטער מער ווי אַ פעטער? אַ פעטער, ווי אַלע פעטערס וואָס אינטערעסירט זיך וועגן אייגענע קינדער און וועגן אים גאָרנישט. דאַריבער, אַז ער איז איצט מיט ליבע צוגעדריקט געוועזן צום פעטערס ברוסט, האָט ער אַ מין וואַרעמקייט, טראַקייט און זעליקייט געפילט ווי ער וואָלט צוריק צו יענע יאָרן געקומען, וואָס זיין פעטער איז געווען נישט גלייך, ווי אַלע פעטערס, נאָר אַ פעטער, וואָס איז אים טריי ווי אַ לייבּליכער פאָטער.

ביידע האָבן זיך אויסגעוויינט און די טרערן אָפגעווישט. מען האָט חייעלען אָנגעזאָגט, און זי האָט אויך דעם פלימעניק מיט קושן און מיט טרערן בּאַגעגנט. די קליינע קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט צום ליבן גאַסט און זענען אים נאָך געגאַנגען יעדן טריט; נאָר מער פאַר אַלעמען האָט איר פרייד אַרויסגעוויזן די אַלטע פייגע, די קעכין. באַ ד־

ווי זי האָט דערהערט, וואָס פאַר אַ גאַסט עס איז געקומען, האָט זי דעם טאָפּ אויפן קיך געלאָזט לויפן און איז אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט אַ שמחה, מיט אַן אימפּעט, זיך נישט באַקימערט, וואָס זי איז אַ ביסל איינגעשמירט און איז צו צום גאַסט, אים געקושט מיט פרייד און מיט טרערן.

— אַ דאַנק גאָט וואָס איך זע דיך, מיין האַרץ! — האָט זי אויסגערעדט, קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּנדיק פון שמחה, — אַך, ווי האָב איך געבענקט נאָך דיר, מיין ליב קינד! וויפיל האָב איך גאָט געבעטן פאַר דיין געזונט, מיין פויגעלע! איצט דאַנק איך אים, אַז מיינע אויגן זעען דיך, ווי אַ שיין ביימעלע, אויסגעוואַקסן ווי אַ גראַף, אָן אַ עין הרע, אָן אַ בייז אויג!

— וואָס מאַכט איר, פייגע? איר זענט, נעבעך, אַזוי אַלט געוואָרן! האָט ער באַדויערט.

— איצט וועל איך יינג ווערן, מיין קינד! געזונט און כּוח קומט מיר צו, אַז איך דערלעב נאָך צו זעען ווי מיינע ליבענקע, וואָס איך האָב אויף מיינע הענט אויסגעהאָדעוועט, קומען זיך צוזאַמען און זענען אַזוי געראָטן, אַז גאָט און לייט מעגן זיך פרייען מיט זיי!

— און איך האָב געמיינט, — האָט ער מיט אַ ליבן שמייכל געזאָגט, — אַז איר האָט נאָך אויף מיר אַ כּעס, וואָס איך האָב אין אייער צעפּציק אַ מאָל זאַמד אָנגעשאָטן; געדענקט איר, אַז איר האָט מיך געשלאָגן און געזאָגט: „איך וועל עס דיר אייביק נישט מוחל זיין?” און די ברילן אייערע, אַז איך האָב צובראָכן, און דאָס איבערקרימען אייך אייער דאַווענען? געדענקט איר, וואָס פאַר אַ שנאה איר האָט אויף מיר געטראָגן?

— ווי ער געדענקט עס אַלץ! — האָט פייגע זיך געוווּנדערט, — דעם טאַטנס קאָפּ אויף זיך, דיר צו לענגערע יאָר, מיין בריליאַנט! איך האָב דיר שוין אַלץ מוחל געווען. אַז דו ביזט פון אונדז פּלוצים אָפּגעריסן געוואָרן, ווי גזלנים וואָלטן דיך צוגערויבט, האָב איך מיינע אויגן אויסגעוויינט, בענקענדיק נאָך דיר. איך וואָלט שוין דיר גערן געגעבן אפילו מיין שבת׳דיקן צעפּציק אָנצושיטן זאַמד, מיר צו טון דיינע אַלע צולהכעיס׳ן, נור דו זאָלסט צוריקקומען און דאָ זיין באַ אונדז, איך זאָל דיך זעען, דו זאָלסט געזונטערהייט עסן, וואָס איך קאָך! אַי, מיין קינד, עס פאַרגעסט זיך אַזוי גיך נישט! איך האָב נאָך דיין טאַטן, אַ ליכטיגן גן עדן זאָל ער האָבן, אויף מיינע הענט געטראָגן.

דיך און רחל׳ען האָב איך מיטאַמאָל געטראָגן : דיך אויף דער רעכטער און זי אויף דער לינקער האַנט. דו ביזט שוין דעמאָלט דריי יאָר געוועזן, ביז הונדערט און צוואַנציק, און רחלע איז נאָך אַ קינד פון אַ יאָר געוועזן ; מיר האָט זיך געדאַכט די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב נישט געהאָפט דיך אַ מאָל צו זעען, אַז די רעכטע האַנט איז מיר איבעריק. מיר האָסטו געפעלט, מיין האַרץ האָט דיך געזוכט, זאָל איך מיך נישט פרייען, אַז איך האָב דיך איצט צוריק געפונען ?

ר׳ לייזער האָט אָוועקגעשיקט אָנזאָגן זיין ברודער ר׳ שלמה׳ן. ער מיט דער מומען זענען באַלד געקומען מיט פרישע קושן מיט נייע טרערן. עס זענען אויך געקומען באַקאַנטע, שטובּיקע מענטשן „שלום־עליכם״ געבּן. אין זעלבן טאָג האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוווּסט, אַז עס איז אַראָפּגעקומען ר׳ ראובנ׳ס זון, אַ לייט, אַ עלוי און אַ גרויסער קענער, אַ שיינער, אַ בילד, אַן אמת׳ער מאַנאַרך. אַרומיקע מיידלעך האָבן זיך אַן אויסרייד געמאַכט : „זיי זענען געקומען עפּעס לייען, אָדער פרעגן״ און האָבן געגנבעט אַ קוק אויף משה׳לען. מאַ:כע האָט ער דערקענט און זיך פריינטלעך נאָכגעפרעגט : „וואָס מאַכט מען ?״ יענע זענען געוועזן איבערגליקליך. אַלע האָבן רחל׳ען מקנא געוועזן אַזאַ גאַסט, אַזאַ שוועסטערקינד...

ה.

עס איז יום טוב געוואָרן, זמן שמחתנו : פרייד פאַר אונדזערע אַלטע לייט, וואָס מען איז נאָך יידן און מען קאָן נאָך גאָט׳ס געבאָט טון, פרייד און פאַרגניגן אויך פאַר אונדזערע יינגע קינדער, וואָס וואַרטן און בענקן נאָך אַזאַ יום־טוב, ווען מען מעג אין אַ קליין יידישן שטעטל אָנטון אַ שיינעס בגד. אַרויסגיין אַ ביסל פריי שפּאַצירן, זיך זעען מיט דעם, וואָס ווילט זיך זעען און אַ ליב וואָרט רעדן מיט דעם, וועלכער איז ליב און אין האַרצן איינגעבאַקן...

רחל׳ע, וועלכע איז אין אַלע היינזיכטן פרייער געוועזן, ווי יעדע אַנדערע יידישע טאָכטער אין קליינעם, האָט גאָר פריער נישט געמערקט, אַז זי איז פריי, קיין לוסט און געלעגנהייט נישט געהאַט די דאָזיקע פרייהייט מיט פאַרגניגן צו באַנוצן, יעצט איז זי צעפרידן געוועזן, וואָס איז יום־טוב, וואָס זי איז פריי פון אַלע שטובּיקע אַרבייט, וואָס

איר פאָטער און מוטער רוען נאָך מיטאָג און זי בלייבט אליין מיט איר ליבן גאַסט און זיי רעדן ביידע און דערציילן זיך אייגאַנדער אַלטע געשיכטן פון יענע יאָרן, ווען דער גוטער קלוגער זיידע האָט נאָך געלעבט. ווען זיי זענען נאָך קינדער געווען און נישט פאַרשטאַנען ווי גוט זיי א״ז, ווי גליקליך זיי זענען. משה׳לע האָט איר אויסדערציילט מיט שווערע זיפצן און טרערן, ווי ער האָט דורכגעלעבט די צען יאָר, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען. ער האָט איר אויך דערקלערט, וואָס ער האָט אין דער צייט געלערנט און וועלכע וויסענשאַפטן ער האָט זיך געקויפט מיט שווערער מי און פלייס; די דאָזיקע וויסענשאַפטן האָט ער מיט איר געוואָלט טיילן און איר באַ יעדער געלעגנהייט פיל נאַטור־דערשיינונגען דערקלערט, למשל: וואָס איז וואָלקען און וואָס איז רעגן, וואָס איז אַ דונער און וואָס בליץ, און נאָך אַזעלכע נאַטור־דערשיינונגען, פון וועלכע זי האָט פריער קיין ריכטיגן באַגריף נישט געהאַט. ער האָט איר אַלץ קלאָר און דייטלעך ערקלערט און זי האָט אַלץ מיט לוסט און נייגיר אויסגעהערט, איבערגעפרעגט דאָס, וואָס איז איר נישט קלאָר געווען און באַוווּנדערט: „ווי ער ווייס אַלץ, ווי געלערנט און ווי קלוג ער איז!״ זי האָט זיך געפרייט, וואָס ער איז צו איר אַזוי גוט, וואָס ער לאַכט נישט פון איר אונוויסנהייט און וויל גערן, זי זאָל אַלץ וויסן, וואָס ער ווייס, און ער איז אין אירע אויגן אַלץ העכער און פאָרנעמער געוואָרן. ביז איצט האָט זי נאָר קליינינצער יינגע לייט און בחורים מושלמים געקאָנט, אָבער וואָס ווייסן זיי קייגן אים? קאָן דען ווער אַזוי שיין רעדן, אַזוי פיין דערציילן עטוואָס, ווי ער? זיי ווייסן אַפילו נישט אין וואָס פאַר אַ קלוגער וועלט און שיינער אָרדנונג זיי לעבן, זיי זעען נישט און פילן נישט, וואָס פאַר זייערע אויגן טוט זיך. אָבער ער? ער ווייס אַלץ!...

איר פאָטער פלעגט אַפילו אָפט פאַרברענגען מיט איר גאַנצע שעה׳ן און דערקלערן איר זיינע געדאַנקען און וועלט־אַנשויאונגען; רעדן מיט איר איבער רעליגיע און זיטן, איבער דער וועלט בכלל און איבער מענטשליכן לעבן בפרט. ליידער, איז ער אַליין געווען פון יענער קלאַס באַהאַלטענע משכילים, וועלכע האָבן זייער בילדונג און אויפקלערונג באַקומען פון פילאָזאָפישע ספרים און אַלע זיינע חקירות האָבן אין זיך געהאַט מער השערות ווי אמת, מער געמיטצושטאַנד און חלומות ווי נוצליכע וויסענשאַפט און וועלטליכע דע־פאַרונגען וואָס דורך דעם איז איר כאַראַקטער כמעט צו ווייך געוואָרן, איר געפיל און ע־

פינדליכקייט צופיל ענטוויקעלט, ביז זי איז אייניגערמאַסן טרוימעריש געוואָרן. פון דער אַנדערער זייט האָבן אָט די חקירות זיינע פאַראיידעלט איר נאַטור און אויסגעבילדעט איר האַרץ און שכל מיט גוטע מדות, מיט שיינע דערהאַבענע געדאַנקען און זי האָט געקאָנט רעדן וועגן הויכע געגענשטענדן מיט שכל און וויסן, ווי נישט אַ מיידל אין אירע יאָרן. אויך איר גלויבן, איר פערטרויען אין גאָט איז רייגער און פעסטער געווען ווי בּאַ יעדער אַנדערער אין שטעטל. זי איז שטאָלץ געווען מיט דעם, וואָס זי איז אַ יידיש קינד און גליקלעך זיך גערעכנט מיט איר ריינעם גלויבן אין גאָט און אין זיין תורה. איצט האָט איר משה'לע צוגעגעבן נייע וויסענשאַפטן, און נאָך אַזעלכע, וועלכע זענען נישט געגרינדעט אויף השערות און באָכדענקען אַליין, אָבער טאַקי אויף פראָבעס וועלכע איבערצייגן און מען איז זיכער, אַז עס איז אַזוי און נישט אַנדערש, און זי האָט אָנגעהייבן זעען אַ נייע וועלט. זי האָט זיך געפרייט, וואָס דער מענטש איז נישט אָן שכל, ווי זי האָט פריער געמיינט, און קאָן אַליין איינדרינגען אין דער געטליכער חכמה, מיט וועלכער עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן זיין וועלט. משה'לע איז אין אירע אויגן גרויס געוואָרן, אַזוי גרויס, כמעט ווי יענער געטליכער משה, וועלכן זי פלעגט אין אירע געדאַנקען זעען, וועלכער האָט געוויס אַלץ געוווּסט און גאָט און זיין וועלט בעסער פאַרשטאַנען ווי אַלע אַנדערע מענטשן. זי האָט משה'לעס רייד געשלונגען און גאָר פאַרגעסן יענע נישט קלאָרע געפיל, וואָס איר האַרץ פלעגט אַמאָל פילען, אַז זי פלעגט דעם זיידנס ברכה דערמאַנען; זי האָט אויך זיך צו שעמען פערגעסן, ווען ער פלעגט איר אַ קאָמפּלימענט מאַכן אָדער איר האַנט דריקען, ווי עס פלעגט געשען אין די ערשטע צוויי טאָג, וואָס ער איז איצט געקומען אַלס גאַסט. מיט איין וואָרט: זי האָט אויפגעהערט רחל'ע צו זיין, רחל'ע אַ מיידל פון זיבעצן יאָר, און אויפגעהערט אים אַלס מאַנספערשוין צו באַטראַכטן, וואָס עס איז אפשר נישט פאַסיק און נישט שיין מיט אים אַזוי אָפנהאַרציק און צוגעלאָזן צו זיין. זי האָט נאָר איין זאַך געוווּסט: משה'לע איז געקומען צוליב דעם נאָר, איר אַ נייע וועלט צו ווייזן און אין דער וועלט אַלץ צו דערקלערן, וואָס זי ווייס נאָך נישט, און דאָס, וואָס ער לערנט איר, איז אַזוי קלוג, אַזוי גוט און אַנגענעם צו וויסן, אַז עס איז ווערט אַלעס אַנדערע צו פאַרגעסן צוליב דעם אַליין. אַזוי האָט זי אַליין נישט באַמערקט, ווי זי איז צו אים צוגעוואַקסן געוואָרן, ווי איר גאַנצע נשמה

האָט זיך איבערגעזעצט אין אים. די טעג זענען ליכטיקע, שיינע און וואַרעמע געווען, די זון האָט געשיינט, גלייך ווי זי וואָלט אויך אַ פריילעך פּנים געהאַלט ווייזן דעם ליבן גאַסט, וועלכער האָט אין זיין לעבן איר ליכט דאָ צום ערשטן מאָל דערזען. די ערשטע יום־טוב־טעג זענען זיי, ווי איין גליקליכע שעה, אַריבער אין רעדן, אין שפּאַצירן און אין אָנגענעם ווערטלען זיך ביים טיש אין סוכּה, ווו פאָטער און מוטער און געסט האָבן געגעסן און געטרונקען, געזונגען און געלאַכט.

דער פאָטער האָט עס צוגעזען און איז צופרידן געווען, אים אַליין זענען איצט פיל זאַכן קלאָר געוואָרן און עס האָט אים זייער הנאָה געטון צו זען, ווי זיין רחל׳ע פאַרשטייט אַלץ אַזוי גוט, ווי ער, און זי וויל אַלץ וויסן און אַלץ פאַרשטיין. אין זייערע באַנעמונגען איינע צום אַנדערן, האָט ער נישט געזען וואָס נישט באַשיידן איז, אָדער וואָס ווייזט עטוואָס מער ווי אמת ברידערליכע פריינטשאַפט און איינערליכע אַכטונג. ער האָט זיי זייער פאַרגינען פאַרגינען און זיי געלאָזן צוזאַמען זיצן, צוזאַמען רעדן, צוזאַמען גיין, לאַכן און שטיפן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. דער מוטער אָבער זענען גאָר אין קאָפּ נישט געקראָכן די פּוסטע חקירות זייגע. „צו וואָס ברעכט מען גאָר דאַרויף דעם קאָפּ?“ פלעגט זי פרעגן, „צו וואָס ברויך מען דאָס גאָר וויסן? וואָס קומט צו פון דעם צום געזונט און אין קעשענע אַריין?“ זי איז פון רחל׳עס צופיל פריינטשאַפט צו איר קוזין נישט גאָר צופרידן געווען און האָט רחל׳ען עטליכע מאָל אויסגערעדט, וואָס זי פאַרגעסט זיך גאָר, אַז זי איז אַ מיידל און עס פּאַסט גאָר נישט דאָס און דאָס צו רעדן, יענץ און יענץ צו טון.

אַ מאָל איז חייעלע אַריינגעקומען פון צו גאַסט, ווו זי איז געוועזן, און האָט באַלד געפונען אַ געלעגנהייט רחל׳ען אויסצורעדן פאַר איר קינדערשער באַנעמונג: רחל׳ע מיט משה׳לן זענען גראַדע אין גאַסטצימער אויפן ווייכן דיוואַן געזעסן, ער האָט איר עטוואָס פאַרגעלעזן און זי, אַליין נישט באַמערקנדיק עס, האָט איר האַנט געהאַלטן אַריבערגעלייגט איבער זיין פלייצע. עס קאָן זיין, דאָרט, פון וואַנען חייעלע איז איצט געקומען, האָט מען אפשר געלאָזט אַ ביין וואָרט פאַלן וועגן דער פריינטשאַפט פון די קינדער, און חייעלע האָט איצט געזען, אַז יענע זענען אפשר נישט אונגערעכט; זי האָט רחל׳ען אַריינגערופן צו זיך אין שלאָפצימער און האָט איר דאָרט אָנגעהייבן לייענען אַ גאַנצן צעטל.

— פּע, מיין טאָכטער, — האָט זי געזאָגט, — ווי קומט עס צו דיר? ביזטו פון זינען אַראָפּ אָדער דו האָסט גאָר אין חרפּה און בושה פאַרגעסן? דו הענגסט זיך דאָך אויף אים... פאַרגעס נישט, אַז דו ביזט אַ מיידל, אַ כּלה; אין דיינע יאָרן האָב איך שוין באַלד חתונה געהאַט. וואָס וועלן לייט זאָגן? אַ מיידל, מיין קינד, טאָר אויף זיך אַ שטויב נישט לאָזן פאַלן, אַ צו הויכער לאַך, אַן איבעריק וואָרט, אַ קוק אפילו איז שוין אַ חציפות פון אַ דערוואַקסן מיידל אין דיינע יאָרן...

— איז מיר דען משה'לע אַ פרעמדער? — האָט זי געפרעגט, נישט באַגרייפנדיק דאָס אונרעכט, וואָס זי טוט, — זענען מיר נישט קינדער געוואַקסן און דערצויגן אין איינעם? איז ער מיר נישט אַן עלטערער ברודער? כאָטש נישט אַ ברודער פון איין פאָטער און מוטער, אָבער פון איין זיידן און באָבן; אַ ברודער אַ ליבער, וועלכן איך האָב צען יאָר נישט געזען, כאָטש איך האָב געבענקט נאָך אים? ווי זאָל איך מיך איצט באַפרעמדן פון אים אַז איך בין אַזוי גליקליך אים ווידערצוזען אַזוי שיין, אַזוי קלוג און געלערנט? אָדער זאָל איך נישט וועלן לערנען פון אים אַלץ, וואָס ער לערנט מיט מיר אַזוי גוט און אַזוי קלוג?

— אָבער אים ליב האָבן דאַרפסטו נישט, טאָרסטו נישט!

— ליבט אים דען דער פאָטער נישט? אָדער ליבסטו אים אויך נישט? — האָט זי אונשולדיק געפרעגט, — ווי קען מען אים נישט ליב האָבן?

אין די דאָזיקע רייד איז אַזוי פיל אָפנהאַרציקייט און אונשולד געווען, אַז הייעלע אַליין האָט מער נישט געקענט איר גוט קינד חושד זיין וואָס שלעכטעס, חלילה.

— יאָ מיין קינד — האָט זי געזאגט, — דאָס איז טאַקי אַלץ אמת, איך ליב טאַקי דעם אָרעמען יתום, ווי מיין אייגן קינד, זיין טאַטע האָט עס געוויס באַ מיר פאַרדינט. אַ גוטער בעטער זאָל ער פאַר אונדז זיין אין גן עדן. דער שווער, זכר צדיק לברכה, האָט אויך בודאי געוואָלט, איך זאָל זיין אייניקל, דעם יתומ'ל, אַ געטרייע מוטער זיין. דאָס אַלץ מיין קינד איז אָבער מיר צו וויסן. דיר אָבער איז ער נישט אַ ברודער, נאָר אַ שוועסטערקינד. דער זיידע איז געשטאָרבן און איר זייט איצט ביידע קיין קינדער נישט מער; דו ביסט אַ מיידל, ער אַ בחור, דעם זיידן אַליין וואָלט איצט נישט געפאַלן אַזאַ

נאָנטע פריינטשאַפט צווישן אייך. דאָס, וואָס עס איז שיין פאַר קינדער, איז מאוס פאַר דערוואַקסענע און דאָס, וואָס איז דעמאָלט גוט און גלייך געווען, איז אפשר היינט גאָרנישט גוט און גאָרנישט גלייך... נישט פאַרגעס: דו ביזט שוין אַ מיידל, וואָס שטייט אין שדוכים... אַנדערע יאָרן זענען איצט, מאָלע וואָס אַמאָל איז געווען!...

די לעצטע ווערטער האָבן רחל׳ען זער פרעמד געקלונגען, זי איז צו זיך אין חדר׳ל אַריין און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. „פאַרוואָס זענען איצט אַנדערע יאָרן״? האָט זי ביי זיך געפרעגט, פאַרוואָס לעבט דער זיידע נישט? דער ליבער זיידע, וואָס האָט אונדז ביידן אַזוי געליבט? איך בין אַ מיידל, זאָגט די מאַמע, וואָס איז מיין זינד? פאַרוואָס טאָר איך נישט וויסן, וואָס ער ווייס? איך בין עלטער געוואָרן? נו, וואָס איז געשען, אַז איך בין איצט זיבצען יאָר? טאָר איך מיין שוועסטערקינד נישט מער ליבן, ווייל איך בין עלטער? ניין, איך האָב אים געמעגט ליבן אלס קינד פאַר זיינע חדר־מעשׂות, איך האָב אים געליבט און נישט געוווּסט, פאַרוואָס, מעג איך אים איצט אויך ליבן פאַר זיין פאַרשטאַנד, פאַר זיין גוטסקייט מיר אַלץ צו דער־קלערן! און ווי זאָל איך אים נישט ליבן, אַז ער איז מיר פאָרט ליב״? זי האָט אַ צייט געוויינט פאַר זיך אַליין אין איר צימער, זי האָט איצט דערמאַנט אירע קינדערשע יאָרן, ווי זי פלעגט האַנט אין האַנט מיט משה׳לען זיך לאָזן בענטשן פון זיידן און דער זיידע איז איר איצט פאַר די אויגן געשטאַנען מיט זיינע אַלטע הענט אויף זייערע ביידנס יינגע קעפעלעך אַריבערגעלייגט. זי האָט אויך אַזוי גוט ווי געהערט די ווערטער זיינע, בעת ער הייבט זיינע פולע אויגן צים הימל און בעט: גאָט זאָל אים נאָך מזכּה זיין, אָט די ליכטיקע ברילאַנטן אויף זיין ווייסן קאָפּ, צו בענטשן אַ מאָל אַלס חתן־כּלה אונטער זייער חופּה... יאָ, דער זיידע איז געשטאָרבן, האָט זי צו זיך געזאָגט, אָבער עס לעבן נאָך זיינע גוטע ברכות! זיי לעבן נאָך אין אונדזער האַרצן, עס געדענקט זיי נאָך אויך מיין פאָטער! וועלכע אַנדערע יאָרן? ניין אַלץ דאָסזעלבע, וואָס געווען!

זי האָט ערשט איצט אַ גאַנץ ניי געפיל אָנגעהייבן צו שפּירן, משה׳לע איז פלוצלונג פון אַ ברודער אַן אַנדערער געוואָרן, נאָך אַזעלכער, וואָס איז איר טייערער, ווי אַ ברודער, ליבער און נענטער אויך...

שטיל ליגט דער פערזייטער קאָרן אין דער ערד אַ גאַנצן ווינטער. עס קומט דער פרילינג, די זון הייבט אָן צו שיקן אירע וואַרעמע שטראַלן אויף דעם פערזייטן פעלד און דער פערשלאָפענער קאָרן כאַפּט זיך אויף פון זיין דרעמל און הייבט אָן אַרויסצושפּראָצן, אויסצופירן דעם צוועק און ווילן פון דעם, וואָס האָט אים פאַראיאָרן דאָ באַהאַלטן.

ווען דעם זיידנס ווערטער האָבן, אין זייער צייט, נישט געווירקט אויף דער פריינטשאַפט און פאַרהעלטניסן פון די קינדער און זיי פלעגן נאָכדעם ווי פאַר דעם זיך קריגן און שלאָגן, דריי מאָל אין טאָג ברוגז ווערן און ווידער שלום מאַכן, זענען זיי אָבער גאָר לאיבוד נישט געגאַנגען. ערגעץ אין אַ באַהאַלטן ווינקל פון זייערע יינגע הערצלעך האָבען די טרייע ווערטער אַן אָרט געפונען, ווו זיי האָבן געשלומערט און געשלאָפן גאַנצע צען יאָר צייט, ווי יעדע טריי פערזייטער קאָרן, ביז די זון שיינט אַרויס און דער פרילינג קומט...

רחל׳עס פרילינג וואָלט נאָך אָבער אַזוי גיך נישט געקומען, ווען די אייגענע מוטער וואָלט אויף איר קינדס האַרצן נישט אָנגעקלאַפּט, אויפצוועקן וואָס דאָרט איז נאָך נישט וואַך געווען. דאָס יונגע קינד האָט נאָך ביז איצט אַליין נישט געוווסט, וואָס איז איר משה׳לע? וואָס פאַר אַ נאָמען האָט די פריינטשאַפט און צוגעטרעטנקייט אירע צו אים? זי האָט גאָר קיין אַנדער פריינטשאַפט, ווי ברודערליכע נישט געקענט, איצט האָט די מוטער איר געגעבן צו פאַרשטיין: „אַז זי איז אַ דערוואַקסן מיידל". עס זענען אַנדערע יאָרן, זי שטייט שוין אין שדוכים: אַ הויכער לאַך, אַ קוק אַן איבריקער איז אויך אַ חציפות, און רחלע האָט ערשט אָנגעהייבן צו פאַרשטיין און פילן, וואָס זי האָט ביז איצט נאָך קיינמאָל געפילט. איר געמיט איז שווער געוואָרן, טרערן האָבן זיך גרינג און שטיל געגאָסן, און זי האָט נישט געוווסט, פאַרוואָס וויינט זי? וואָס איז מיט איר געשען?... משה׳לע האָט געוואַרט, און אַז ער האָט געזען, אַז זי קומט פון איר חדר נישט אַרויס, איז ער צום פעטער ר׳ שלמה׳ן אַוועקגעגאַנגען און דאָרט אויך אויף איר אומזיסט אַ גאַנצן טאָג געוואַרט. רחל׳ע איז הייגטיקסמאָל איר וואָרט נישט טריי געבליבן און נישט געקומען. אַז דער פאָטער האָט זיין ליב קינד אַ וויינענדיק אין איר צימער געפונען און געפרעגט די אורזאַך פון אירע טרערן, האָט זי אים געזאָגט אַ תירוץ: דער קאָפּ טוט איר וויי, זיין טריי האַרץ אָבער האָט אים געזאָגט אַז נאָר אין

הארצן טיף בא איר איז דער קוואַל איצט פון אַזעלכע טרערן. ער האָט אין דער מינוט נישט געוואָלט איינדרינגען אין איר און האָט זי רויק געלאָזן אַליין. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געווען וואָס רחלע האָט אירע ווירקליכע ליידן פון דעם טרייען פּאָטער פאַרלייקנט און ער האָט איר מוחל געווען. כאָטש זי האָט זיך באַאונרויקט אַ גאַנצן טאָג, וואָס משה'לע איז נאָך אַזוי שפּעט צוריק נישט דאָ, פונדעסטוועגן וואָלט זי גערן געווען מיט אים אויג אויף אויג זיך היינט נישט צו טרעפן; עס איז איר געווען, ווי ביי איר אויפן שטערן וואָלט אַלץ אָנגעשריבן געווען, וואָס די מוטער האָט מיט איר גערעדט, וואָס זי אַליין האָט איצט מיר איר הארצן גערעדט און ווי נישט שיין איז דאָס, אַז ער זאָל באַלד פון אַלץ געוויר ווערן!... און אַזוי איז זי אין אַ פאַרלעגנהייט געבליבן ווען ער איז ענדליך אַהיים געקומען; קוים האָט זי אים אין טיר דערזען, איז זי אין איר צימערל אריינגעלאָפן און נאָכדעם ווי זי האָט דאָס געזיכט און די אויגן גוט אויסגעוואַשן און זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל, איז זי צו אים אַרויס געקימען. זער באַשיידן און מיט אַ שעמעדיקן חן האָט זי אים געגריסט, אָבער מער אַ וואָרט נישט גערעדט.

— פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען, רחל'ע? — האָט ער געפרעגט, — מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, דו זאָלסט דאָרט אויך זיין, דער פּעטער האָט געוואַרט אויף דיר און די מומע איז שוין ברוגז געוואָרן.

— איך האָב נישט געקענט, איך בין נישט געזונט געווען היינט! — האָט זי שטאַמלנדיק אַרויסגערעדט און האָט זיך פאַרשעמט, באַרן ליגן, וואָס זי זאָגט אים.

ער האָט אויף איר אַ אונרויקן קוק געטון און געפרעגט:

— און איצט ביזטו שוין געזונט?

— געזונט! — האָט זי מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן געענפערט.

— זע זשע געזונט צו זיין, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ליבן שמייכל, — איך האָב פיינט אַז מען איז נישט געזונט, ווילסטו, איך זאָל דיך ליב האָבן, מוזטו נאָר געזונט זיין!

זי האָט אים ליב און רירנד אָנגעקוקט, אַזעלכע אויגן האָט ער אין איר ביז איצט נאָך קיינמאָל באַמערקט.

— וואָס שוויגסטו? — האָט ער פאַרוואונדערט געפרעגט, — ווילסט דו מיר דעם אמת נישט זאָגן?

— האָב מיך פײַנט, משה׳לע — האָט זי װי מיט אַ פֿאַרשטיקטן אָטעם אױסגערעדט, — איך בין נאָך איצט אױך נישט געזונט, פֿערצײַ מיר, איך מוז צוריק אין מײַן צימער אַרײַן. אַ גוטע נאַכט, משה׳לע! — און נישט רעדנדיק װײַטער אַ װאָרט, איז זי צוריק אַרײַן אין איר צימער, דאָרט האָט זי װײַטער געװײנט.

די אַלטע פֿײגע איז אַרײַנגעקומען, און װי האָט זי זיך דערשראָקן װען זי האָט איר רחל׳ען אַזױ אין טרערן אױסגעװײקט געפֿונען. זי האָט באַלד איר האַנט אױף רחל׳עס קאָפּ אַרױפֿגעלײגט און אָפּגעשפּראָכן אַן עין הרע. עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן, רחלע האָט נישט געקאָנט צו זיך קומען און אױפֿהערן װײנען.

— מיר פֿאַר דײַן קאָפּ, מײַן ליב קינד! — האָט די אַלטע געזאָגט, — זאָג מיר נאָר, װאָס איז דיר?

— לאָזט מיך אַלײן, ליבע פֿײגע — האָט רחלע געבעטן, — איך װײס אַלײן נישט װאָס מיר איז, לאָזט מיך אױסװײנען, אפשר װעט מיר גרינגער װערן.

— נײן, מײַן האַרץ, — האָט פֿײגע געענפֿערט, — איך װעל פֿון דײַן חדר נישט אַרױס, ביז דו װעסט מיר זאָגן, װאָס דו װײנסט! אומזיסט װײנט זיך נישט. דו מעגסט פֿײגען אַלץ דערצײלן. איך האָב אַ סך מאָל דײַן װײנען אײַנגעשטילט און דײַן הערצעל באַרויקט, בעת דו ביסט אַ קינד געװען, און כּל זמן איך לעב, דאַרף מײַן ליב קינד נישט װײנען, איך זאָל נישט װיסן, פֿאַרװאָס!

— איך װײס נישט, פֿײגע, — האָט רחלע װידער געענפֿערט — גלױבט מיר, איך װײס אַלײן נישט װאָס מיט מיר איז הײַנט געװאָרן. איך דאַרף צעפֿרידן און פֿרײליך זײַן און מיר גיסן זיך די טרערן. איך װײס נישט, װאָס איך װיל, מיר װילט זיך דאָ אַלײן זײַן, אַלײן דאָ װײנען, קײנער, אַפֿילו דער ליבער פֿאָטער, זאָל מײַנע טרערן נישט זעען, און מיר װילט זיך אױך אײך נישט אָװעקלאָזן. אָ, מיר איז אַזױ גוט, אַז איר זיצט נעבן מיר. קוקט נאָר נישט אַזױ אױף מיר, טוט מיר צו ליב, פֿײגע, און פֿאַרלעשט די ליכט.

פֿײגע האָט די ליכט פֿאַרלאָשן, זיך אױף איר בעט אַװעקגעזעצט און מיט גרױס טרײַקײט געזוכט רחלען צו באַרויקן. זי האָט איר דערצײלט אַלטע געשיכטען, װי זי פֿײגע איז אַ יתומה פֿון זעכצן יאָר, אָנגעקומען דינען צום זײדן, עליו השלום. בעת ער איז נאָך אַ ײנגערמאַן געװען. װי גוט איז מיר באַ אים געװען! באַ לײַטן איז מען צו

אַ קינד נישט אַזוי געטריי, האָט זי דערציילט — דריי יאָר האָב איך געדינט, דערנאָך האָט דער זיידע מיר געגעבן נדן און מיך חתונה געמאַכט; נאָר איך בין געבוירן אין אַ בייזן מזל און מיין מאַן האָט מיר דאָס לעבן פאַרביטערט, זאָל קיין יידישע טאָכטער פון אַזעלכע צרות נישט וויסן, וועלכע איך האָב געליטן אין מיין צוזאַמענזיין מיט מיינעם! איך האָב אַלץ געשטיקט אין זיך און קיינעם נישט דערציילט, אָבער וועגט האָבן אויערן און לייט האָבן אויגן. עס איז צום זיידן, עליו השלום, אָנגעקומען מיין פינצטערע מערכה. ער האָט באַלד נאָך אונדז געשיקט, מיך האָט ער אויסגעזידלט, פאַרוואָס איך האָב אים ביז איצט נישט דערציילט פון אַלץ, און ווי האָב איך אים געקאָנט דערציילן? אים האָט ער מקרב געווען מיט גוטע רייד, אים דערקלערט, ווי נישט גוט און ווי נישט שיין עס איז פאַר אַ יידן שלאָגן אַ ווייב; אַז ער האָט אָבער אין עטליכע וואָכן אַרום געזען, אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן, און קיין שלום צווישן אונדז קאָן נישט זיין, האָט ער אים הונדערט דוקאַטן געבאָטן, ער זאָל געבן אַ גט מיט זיין גוטן ווילן. נאָר מיינער האָט נישט געוואָלט און האָט דעם זיידן מעיז געווען און געזאָגט, אַז ער האָט פאַר אים קיין מורא נישט, און אַז מען וועט אים עפּעס טון, וועט ער אונגליקלעך מאַכן די גאַנצע שטאָט, ער וועט מסר׳ן. דער זיידע האָט אים אָנגעפּאַטשט און געהייסן גיין מסר׳ן. פונדעסטוועגן פלעגט ער אַריינשיקן אויף שבת און יום־טוב מעל און פלייש, מיינעם מקרב זיין, טאָמער וועט דאָס העלפן; אָבער אַ ביטערע קרויט קאָן מען נישט זיס מאַכן, אים האָט גאָר נישט געהאָלפן! אַפילו אַז דער זיידע האָט אים אַ שטעלע געגעבן אין זיינע געשעפטן, האָט ער אַמאָל צוגענומען עטליכע הונדערט רובל און איז גאָר פאַרפאַלן געוואָרן. זעכצן יאָר האָב איך פון אים נישט געוווסט און נישט געהערט. איך בין צום זיידן צוריק אָנגעקומען, דאָ האָב איך געלעבט אין נחת און אין גדולה, די שטוב איז שטענדיק געווען פול מיט תורה און מיט חכמה. מיך האָבן אַלע ליב געהאַט, ווי איך וואָלט גאָר קיין דינסט נישט געווען, נאָר אַן אייגענע אין שטוב. דער פעטער שלמה איז נאָך דעמאָלט אַ בן יחיד געווען, שוין אַ יינגל פון צען יאָר; איך פלעג אים פירן אין חדר, איך פלעג אים געבן עסן, באַ מיר פלעגט ער זיך באַהאַלטן, אַז ער פלעגט עפּעס טון אַ חטא, זיך פאַרשטיפן און מען פלעגט אים וועלן שמייסן, אַלץ איך! די באָבע, אַ גוטע בעטערין זאָל זי זיין, איז געווען אַ בייזע יידענע, אַ ביסל ענלעך צו דיין מאַמען,

אירע יאָרן זאָל זי אויסלעבן. זי פּלעגט מיך אָנשעלטן טאַקי און שרייען, אַז איך פיר איבער דאָס קינד, אָבער איך פּלעג מיינס אויספירן און נישט לאָזן אַ פינגער אַרויפלייגן אויף דעם ציטריקן בן יחיד׳ל. דערנאָך האָט גאָט געהאָלפן, די באָבע האָט געהאַט נאָך אַ ייִנגל און דאָס איז געווען, ר׳ ראובן, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן, משה׳לעס טאַטע, אים צו לענגערע יאָר, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ליכטיק קינד! מען פלעגט אים מוזן באַהאַלטן פון אַ בייז אויג, אויף מיינע הענט איז ער אויסגעהאָדעוועט געוואָרן; נישט באַשערט געווען אים, נעבעך, דערלעבן דעם נחת, אָנצוקוקן זיין ברילאַנט קינד, משה׳לען, וואָס ער איז איצט פּונקט דער טאַטע, נאָר מיט מער יאָרן, רבונו של עולם! אין פינף יאָר אַרום ערשט איז געבוירן געוואָרן, דיין טאַטע, דער מעזיניק; אויף אים האָבן אַלע געזאָגט, אַז ער איז געראָטן פּונקט אין פּאָטער: זיינע אויגן, זיינע ברעמען, און דער זיידע האָט אים ליב געהאַט, ווי יעקב אבינו האָט ליב געהאַט זיין געראָטן קינד יוסף׳ן. אויך אים האָב איך אויף מיינע הענט געטראָגן, נעכט נישט געשלאָפן אין אים אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג פון מיין קאָפּ. צו זיין בר מצוה האָט מיר דער זיידע אַ שיינע מתנה געשאָנקען אַ שנור רויטע קאַרעלן מיט אַ גאָלדענעם אייבל, וואָס איך האָב נאָך ביז היינטיקן טאָג און וואָס איך וועל נאָך, אם ירצה השם, אָנטון אויף דיין חתונה, מיין ליב קינד, אַזוי ווי איך האָב עס אָנגעטון אויף דיין טאַטנס התונה. דערנאָך איז פּלוצלונג מיין מאַן אַראָפּגעקומען, שוין גוט און פרום, ער האָט דעם זיידן מחילה געבעטן און ער האָט אים מוחל געווען. אָבער צו דער כאָלערא, נישט איצט געדאַכט, איז ער קראַנק געוואָרן, און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו דינגען אַ דירה, מיט אים אין שלום צו לעבן, איז ער געשטאָרבן. אַזוי, מיין קינד, האָב איך מיין נאַריש וועלטל פאַרבראַכט. — האָט זי מיט טרערן געענדיקט איר געשיכטע — זעכצן יאָר בין איך אַ פינצטערע עגונה געזעסן און בין דערנאָך געבליבן אַן אַלמנה ביז היינטיקן טאָג. צו גאָט קיין טענות האָב איך נישט, מיר איז גוט געווען! אַ סך בעסערע און פיינערע פאַר מיר האָבן מיך מקנא געווען; אַלץ האָב איך געהאַט אין מיין האַנט, די קינדער האָבן מיך ליב געהאַט. פרעג באַ דיין טאַטן, לעבן זאָל ער, ער האָט אָן מיר נישט געקאָנט עסן און נישט טרינקן, אפילו אַז צו תנאים האָט די באָבע, עליה השלום, מיך געוואָלט לאָזן אין דערהיים, האָט ער געזאָגט: „אָן פייגען גיי איך נישט!״ און ווער האָט דעם ערשטן טאָפּ צעבראָכן אויף זיין

תנאים ? אַלץ פייגע ! באַ מיר ליגט שוין אָנגעגרייט אַ טאָפּ אַ שפּאָגעל־נייער, וואָס איך וועל אים, אם ירצה השם, אין גיכן צוברעכן אויף דיינע תנאים מיט דיין אמת׳ן באַשערטן, וועלכן איך זע אַזוי לויכטן, ווי דער ליכטיקער מאָרגן שטערן, וואָס דיין טייערער קלוגער זיידע האָט אים נאָך דעמאָלט באַשטימט, בעת איר ביידע זייט נאָך קינדער גע־ווען. זיין זכות, מיין ליב קינד, זאָל אייך ביישטיין, עס זאָל טאַקי אַזוי זיין, ווי איך ווינטש אייך !...

באַ די רייד איז איר רחל׳ע אויפן האַלדז געפאַלן, און נישט פילנדיק, וואָס זי טוט, האָט זי די אַלטע געקושט מיט טרערן און אָן ווערטער, אָן רייד איר סוד איר אויסגעזאָגט.

די אַלטע אָבער האָט, טרייער ווי אַן אייגענע מוטער, דעם קינדס האַרץ געפילט און זי האָט געלאַכט פון איר, וואָס זי וויינט. דער זיידע האָט געוויס אַגרויסן זכות אין הימעל, האָט זי פאַרזיכערט, און וועט מכתמא מגין זיין, עס זאָל אַלץ זיך אַזוי אויסלאָזן נאָך זיין טויט, ווי ער האָט זיך אין זיין לעבן געוואונטשן.

די רייד האָבן רחל׳ען באַרויקט, זי איז מיט אַ גרינגען געמיט אַנט־שלאָפן געוואָרן. די אַלטע איז אויף די שפּיצן פינגער אַרויס פון צימער און האָט די נאַכט גאָט געבעטן, ער זאָל זיין גוטן מלאך פון זיסן שלאָף איר ליב קינד צושיקען, ער זאָל אַ רפואה ברענגען אין אירע גלידער. זי זאָל זיך אויסרוען און אויפשטיין פריש און געזונט. קיין דאגה און קיין פיין מער אין איר ייגנען האַרצן נישט צולאָזן.

די אַנדערע טעג יום טוב זענען די קינדער געלאַדן געוועזן באַ דעם פעטער ר׳ שלמה׳ן און מיט זיי זענען, כאָטש נישט געבעטענערהייט, מיטגעגאַנגען די קליינע קינדער. דאָרט האָבן זיי שמיני עצרת זער גוט צוגעבראַכט. דער פעטער מיט דער מומען האָבן זייער צופרידנהייט אַרויסגעוויזן און דערציילט, אַז משה׳לע איז שוין אַ צוגעשריבענער צו אים און ער וועט, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, זייער איינציקער יורש בלייבן. קיין קינדער האָבן די אַלטע נישט געהאַט. אַז רחל׳ע האָט אין אַ שפּאַס געפרעגט: „און מיר פעטער לאָזט איר גאָר נישט?" — האָט ער געענפערט: „דיר, מיין קינד, לאָז איך אַלץ! איך לאָז דיר אַזאַ אוצר, אַזאַ ברילאַנט, וואָס איך קען אים נישט אָפּקויפן מיט צוואַנציק אייגנס׳ן אַזעלכע, ווי מיינע"!... רחל׳לע האָט אויף דעם וווּנק נישט פאַרשטאַנען און האָט געפרעגט: „ווו האָט איר, פעטער, אַזאַ ברילאַנט"? די מומע האָט אַ קוק געטון אויף איר מיט אַ שמייכעלע, ווי אייגער־

יאָגט: „איי, איז זי נאָך אַן איינפּעלטיק ציגעלע. אין אירע יאָרן האָב איך מיך אויף אַזאַ ווונק באַלד אָנגעשטויסן, וואָס מען מיינט".

— דעם בריליאַנט, מיין טאָכטער, — האָט דער אַלטער פּאַטערליך דערקלערט, — האָב איך מיט דיין טאַטן באַקומען בירושה פון אונדזער ליבן ברודער. ראובן, עליו השלום, משה׳לעס געשטאָרבענעם טאַטן, אייך צו לענגערע יאָרן. איך מיט דיין טאַטן זענען גלייכע יורשים אויף אים; וואָלט איך געהאַט איצט אַזאַ שיין טאָכטערל למשל, ווי דו, וואָלט איך מיט דיין טאַטן דעם בריליאַנט גאָרנישט געקענט זיך טיילן; און כאָטש ער איז רייכער פאַר מיר, וואָלט איך אים אויסגעצאָלט און דעם בריליאַנט פאַר מיין קינד באַהאַלטן. איצט אָבער, אַז דער רבונו של עולם האָט מיך מיט אייגענע קינדער נישט געווירדיקט, ביזטו אויך מיין קינד און איך שענק מיין חלק דיר, מיין טאָכטער, מיט מיין גאַנצן האַרצן; נאָר נישט דוקא נאָך מיין טויט ערשט. אָבער טאַקי שוין, איך ברויך נאָר מיט דיין טאַטן, זאָל לעבן, איבעררעדן מכח דעם. פאַרשטייסטו שוין, וואָס איך מיין דערמיט?

רחלע האָט נישט געקענט ענטפערן. זי האָט נאָר אירע שיינע אויגן אויפגעהייבן, אַ קוק געטון אויף דעם גוטן פעטער און זיי באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזן. צוויי שיינע רויזן האָבן אויף אירע באַקן אָנגעהייבן בליען. קיין שענערן דאַנק האָט זי נישט געקענט אים זאָגן און קיין בעסערן האָט ער אויך נישט פאַרלאַנגט.

— זייט נאָר פרומע ערליכע קינדער, — האָט ער אויסגערעדט מיט אַ בעוועגטער שטימע, — גייט אין גאָטס וועגן, אין די וועגן, וואָס מיינע און אייערע עלטערן זענען געגאַנגען! געדענקט, נאָר דעמאָלט וועט דער בריליאַנט לייכטן און שיין זיין... קוקט אייך צו צו דער מומעס בריליאַנטענע אוירינגלעך. זעט, זיי האָבן אין זיך קיין אייגענע ליכטיקייט נישט, זיי האָבן נאָר די סגולה אַריינצונעמען דאָס ליכט, וואָס שיינט געגען זיי און עס אָפּשטראַלן צוריק; דאַריבער זענען זיי שיין נאָר כל זמן זיי זענען נאָנט פון ליכט. אַזוי, מיינע ליבער קינדער, איז דער מענטש: כל זמן ער לעבט, איז ער אַ גאַנץ שיין באַשעפעניש, עס זענען דאָ מענטשן, וואָס איז ממש אַ מחיה אין זייער ליכטיק פנים אַ קוק צו טון. נעמט אָבער צו דער בורא אדם, דער באַשעפער, זיין ליכט, איך מיין די נשמה, וואָס איז אַ ליכט אין אונדז, ווי אין פסוק שטייט: נר ה׳ נשמת אדם, גאָטס ליכט איז די נשמה פון מענטשן, — וואָס ווערט דאַן פון אים? פנה זיוו — אַפּגעטון זיין גלאַנץ, פנה

הודו — אָפּגעטון זיין שיינקייט און פּנה הדרו — אַראָפּ די גאַנצע פּראַכט זיינע! גרין און געל ווערט דער גוף, אַ שטיק צופוילטער הומר! משה'לע, דיך מיין איך עס, דו ביסט מיין בריליאַנט! גיי נאָר אין גאָטס וועגן, אין די וועגן, פון דער ליכטיקער תורה אונדזערער. חכמת אדם תאיר פנים, נאָר די חכמה, די אמת'ע חכמה, אונדזער הייליקע תורה זאָל לייכטן אויף דיין געזיכט! זיי אונדז שטענדיק אַזוי גוט און אַזוי פרום, ווי איצט! זיי אונדז אַ בריליאַנט אין דער ליכטיקייט, זיי אונדז אַ אבן יקרה, אַ טייערער שטיין, אַ צירונג פאַר אונדזער משפחה און פאַר אונדזער פאָלק! דו קענסט עס זיין, ווען דו וועסט זיך אַזוי ווייטער פירן, ווי ביז איצט. פון דיין ווילן איז תלוי, אַז מיין מתנה, וואָס איך שענק איצט דיין שוועסטערקינד, רחל'ען, זאָל זיין אַ טייערע ליבע מתנה; וועסטו אָבער, אל תפתח פה לשטן, אַוועקלאָזן דעם וועג, וואָס איז ליכטיק, און גיין אַוועג פון פינסטערניש, אַוועקלאָזן די הייליקע תורה און אַריינטון דיין קאָפּ אין פוסטע למודים, וועסטו געגליכן זיין צו אַ פּראָסט שטיינדל, צו אַן אבן אפל, צו אַ שטיין וואָס ליגט אין דער פינצטער, וואָס ער איז אַן אבן נגף, רחמנא לצלן, אַ שטיין, וואָס מען פאַלט איבער אים! וואָרום אַזוי איז דער שטייגער פון אַפּיקורסות; צו זיין אַ חוטא ומחטיא את הרבים... וויי וועט, הלילה, דעמאָלט זיין צו מיר, וואָס איך גיב דיך פאַר אַ שיינעם בריליאַנט און נאָכמער ווי וועט, חלילה, זיין צו דעם ליב קינד, וואָס וויל דיך פאַר אַ צירונג האָבן! אַך, מיין קינד, מיין בריליאַנט!...

טרערן זענען ווי אַ שטראָם אים אָנגעקומען, און איידער זיי האָבן דעם וועג געפונען דורך זיינע אויגן זיך אויסגיסן, האָבן זיי אים דעם האַלדז פאַרוואָרגן, ער האָט זיך פערכלינעט און ווייטער אַ וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן. די קינדער זענען זער גערירט געווען און קיין ווערטער נישט געפונען אים צו באַרויקן. ענדליך, האָבן זיך די טרערן פון זיינע אויגן איבער זיין ווייסן באָרד אָנגעהייבן צו קויקלען איינע נאָך די אַנדערע. משה'לע איז אים אויפן האַלדז געפאַלן און מיט אַ באַדריקטער שטימע אויסגערעדט:

— נישט וויינט, פעטער, איך בעט אייך, נישט וויינט! איך האָף צו גאָט, ביז מיין טויט נאָר אין זיינע וועגן צו גיין, אין די ליכטיקע וועגן פון תורה און חכמה, אים בעט איך מיר מיין וועג צו לייכטן, ביז צום אמת צוקומען! ווי בן עזאי זאָג איך: נפשי חשקה בתורה,

לערנען וויל איך, לערנען תּורה, לערנען חכמות אום צו פאַרשטיין די תּו״ה.

— זיי, מיין זון, ווי בן עזאי, אָבער נישט ווי בן אבויה! — האָט דער פעטער געענפערט, — נישט ווי אַחר: וויל נישט צופיל וויסן. שלמה המלך איז געוויס דער גרעסטער חכם געווען, קוים אָבער האָט ער זיך געוואָלט קליגן און דערגיין און טון די מצות פון דער תּורה נאָך זייער טעם, האָט ער זיך באַלד טועה געווען. וואָס טויגן דיר הויכע און טיפע חקירות? זיי אַ פרומער ייד, אַ ייד אָן קונצן! פרעג קיין שאלות נישט און זוך קיין תּרוצים נישט! ווייס: מיר זענען יידן מאמינים; געוואַלט, אמונה! ווי טייער זי איז צום גוף און ווי געזונט און גוט איז זי צו דער נשמה!... לערנען מעגסטו, ווען דיין האַרץ באַגערט און דיין קאָפּ פאַרנעמט, אָבער וואָס ווייניקער טראַכטן און וואָס מער אמונה! אַז דו וועסט אַזוי טון, האָב איך גאָר קיין מורא פאַר דיינע חקירות. אדרבה, מען דאַרף וויסן. אונדזערע חכמים ז״ל, זאָגן אויך: דער, וואָס האָט די יכולת צו קאָנען אויסרעכנען דעם גאַנג פון די שטערן אין הימעל און רעכנט נישט, זאָגט אויף אים דער פסוק: אין גאָטס ווירקונג קוקן זיי נישט און די אַרבייט פון זיינע הענט האָבן זיי נאָך נישט געזען. עס ליגט אַגרויסער שׂכל און אַ טיפע חכמה אין דעם, וואָס די חקרנים רופן עס אָן „טבע“, „נאַטור“. ווייל צו דעם מענטשן, וואָס וויל דאָס אַלץ באַגרייפן און האָט פונדעסטוועגן גאָט אין האַרצן און געדענקט, אַז דאָס אַלץ קומט פון אים, אַז ער איז דער מקור פון אַלע חכמות און אָן אים איז גאָר נישט! בעונותינו הרבים, זעען כ׳יר אָבער אין היינטיקן דור נישט אַזוי. באַלד ווי זיי הייבן אָן צו לערנען חכמות, פאַרגעסן זיי דעם באַשעפער דורך זיינע באַשעפענישן. זיי פאַרגעסן, אַז גאָט האָט די טבע באַשאַפן און די טבע אָן גאָט איז גאָר נישט; אָט פאַרוואָס מיין זון, איך האָב זער מורא, טאָמער לעגסטו צופיל דיין קאָפּ אויף די חכמות, איידער די ריינע אמונה אין גאָט איז נאָך איינגעוואָרצלט געוואָרן באַ דיר אין דיין ייִנגען האַרצן? נאָך צופרי פאַר דיינע כחות אין די פאַרדרייטע וועגן צו גיין, וואָס מען קאָן אין זיי גרינג פאַרבלאָנדזעט ווערן! על כן וויל איך, אַז דער עיקר דיינער זאָל זיין די הייליקע תּורה און אַ ביסעלע, גאָר אַ ביסעלע, זאָג איך דיר, זאָלסטו מעין זיין אין די חקירות — אָט וועסטו מיר זיין אַ אמת׳ר בריליאַנט, וואָס לייכט פון גאָטס ליכט, ווי די זון אין הימעל. ווי אין פסוק שטייט: כּי נר מצוה ותורה אור: די מצות זענען גע-

גליכן צו אַ ליכט, וואָס באַלייכט יעדן אין זיין שטוב; אָבער די תּורה אַליין איז געגליכן צו דעם גרויסן ליכט, מיט וואָס גאָט ברוך הוא, באַלייכט און באַשיינט זיין גאַנצע וועלט. אַז דו וועסט די מצות היטן, וועלן זיי דיר ליכטיק מאַכן אין דיין שטוב און דו וועסט לעבן אין דיין הויז אין פרידן, אין נחת. אַז דו וועסט לערנען די תּורה, וועסטו זיין אַ ליכט פאַר דער וועלט און פון דיר וועלן הנאה האָבן לאַנד און לייט. געדענק דיין אַלטן פעטער׳ס רייד. איך רייד צו דיר איצט, ווי דיין אייגענער פאָטער, וועלכער שטימט צו געוויס אַזוי פון זיין הייליגער רו אין גן עדן! אַ קאָפּ האָסטו אַ גוטן, לערן מיין זון, און זיי אונדז אַ ליכט און אַ ברילאַנט זאָלסטו זיין דיין אמת׳ר באַשערטער, וואָס וועט זיך מיט דיר צירן!...

משה׳לע האָט זיין פעטערס האַנט געקושט און איז געוועזן העכסט צעפרידן צו הערן אַ זוינס פון דעם אַלטן מאַן, וועלכן ער האָט שטענדיק באַטראַכט פאַר אַ חסיד גאָר אָן שכל, דאָך האָט ער געפילט אַן אינערליכע ווייטאָק: באַ אים אין האַרצן איז עטוואָס באַהאַלטן געוועזן, וואָס דעם פעטערס ווערטער האָבן אים נאָר פאַרשאַפט שמערצן און פּיין. די מומע האָט אָנגעהייבן צו שרייען:

— דו פאַרמוטשעסט די קינדער! זיי זענען צו דיר צוגאַסט געקומען, זיך פרייען מיט דיר און האָסט זיי מיט דיינע מוסר געבראַכט צו טרערן; זיי וועלן נאָך צייט האָבן צו הערן מוסר, דו וועסט זיך נאָך אויסריידן, משה׳לע ענטלויפט נאָך נישט פון אונדז!

— דו ביסט אַ יידענע—האָט ער זיך אָנגעבייזערט,—איך רעד נישט קיין נאַרישקייט, פאַרשטייסטו מיך!

— טייערע מומע — האָט רחלע געזאָגט, — דעם פעטערס רייד צו הערן איז דער בעסטער כבוד פאַר אונדז, איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איך האָב אַזאַ קלוגען פעטער, איך וואָלט וועלן גאַנצע טעג זיצן אין הערן זיינע רייד!

— פונדעסטוועגן, מיין טאָכטער, איז צו אַלץ אַ צייט, — האָט די מומע דערקלערט — אַ צייט צו רעדן, אַ צייט צו הערן, אויך אַ צייט פריילעך צו זיין, זיך לוסטיק צו מאַכן; צוליב וואָס האָב איך אָנגעגרייט גוטע זאַכן פאַר אייך? איר זאָלט זאָגט זיין מיט זיינע רייד אפשר? לאָז אויף אַן אַנדערט מאָל, שלמה, הערסטו, וואָס איך זאָג דיר? אָדער ווילסטו מיך אויך ברענגען צו טרערן און היינט וועט נישט זיין ערב שמחת תּורה, נאָר תשעה באב!

— נו, נו בייזער זיך נישט, — האָט ר׳ שלמה נאָכגעגעבן, — גיב אָקאָרשט פון די גוטע זאַכן, וואָס דו האָסט אָנגעגרייט צוליב אונדזערע טייערע געסט! גיב אַהער, לאָזן זיי עסן און טרינקען געזונטערהייט און נישט זאָגן, אַז זייער מומע קען קיין גוטע געסט נישט אויפנעמען.

די מומע האָט דערלאַנגט פון כּל טוב, און האָט געקוואָלן קוקנדיק, ווי אירע געסט געניסן. ר׳ שלמה האָט אָבער מער געטרונקען ווי געגעסן. משה׳לע האָט אויך געטרונקען, ער איז אויפגעלעגטער געוואָרן, פריילעכער, אָבער נישט שכּור. דער פעטער האָט געשריגן:

— צו הקפֿות איז באַ מיר שוין אַ חזקה צו קומען אין שול אַ פריילעכער, איך בין באַ זיך נישט קיין אָנגעבלאָזענער מתנגד. איינמאָל אין יאָר מעג אַ ייד שכּור זיין!

און ער האָט ווייטער געטרונקען, געקושט די קינדער, געווינטשן געזונגען ששׂו ושׂמחו!... די מומע האָט געזאָגט: „ער איז נאָך אַ באַבע, ער קען נישט טרינקען ווי לייט״!

אַביסל שפּעטער זענען געקומען חברה־לייט, צו פירן ר׳ שלמה׳ן אונטער אַ חופּה אין שול, ווייל ער איז גבאי געווען פון חברה־קדישא און אין שטוב איז געוואָרן שׂמחה וששׂון.

ו.

שׂמחת־תּורה בייטאָג האָט בערעלע שפּאַק געזאָגט צו דער אַלטער פייגען:

— ווייסט איר, פייגע, וואָס איך וועל אייך זאָגן? אַז איך זאָל נישט מורא האָבן, וואָלט איך אַריינגיין צו ר׳ לייזער׳ן און אים זאָגן, אַז איך וויל זיין באַ אים אַ שדכן פאַר זיין רחל׳ען. ווייסט איר, מיט וועמען? טאַקי מיט דעם פּלימעניק זיינעם, משה׳לען. ווייל ווי עס קומט אויס נאָך מיין פּראָסטן שכל, קאָן גאָר קיין גלייכערע זאַך אין דער וועלט נישט זיין; ער איז אַ ווילער בחור, ער האָט היינט געליינט מפטיר, אַ מחיה. אַזעלכע עברי, פּערל, זאָג איך אייך! היינט דער נגון, די פּזר׳לעך מיט דעם מונח רביעי, ווי זיי פלעגן זיך צו אים אַרויס־דרייען, קיילעכדיקע, געטאָקטע, ווי אַ געשמירט רעדעלע, וואָס דרייט זיך אַזוי לייכט, אַז מען דאַרף גאָר קיין בייטש אין האַנט נישט האַלטן;

אמת, ר׳ שׂל ה האָט ביז דריי הונדערט גילדן אַריינגעשטייגט פֿאַר דעם מפטיר, אָבער בנאמנות שווער איך אייך, אַז אַזאַ מפטיר לייענען איז אַ מציאה טויזנט גילדן. טאַקע בעת מעשה איז מיר איינגעפאַלן: אָט ווען איך וואָלט נישט געווען אַזאַ שפּלער שמייסער, וואָס מיר פּאַסט נישט אַזאַ לייטישן יידן, ווי אונדזער באַלעבאָס איז, אַן עצה צו געבן, וואָלט איך אים זאָגן: ר׳ לייזער, איר זייט אַ מבין אויף דעם מפטיר? טאָ קויפט אייך אַ קרוין אויף אייער קאָפּ און לאָזט דעם טייערן אבן טוב נישט אַרויס פון אייער שטוב, ביז ער זאָל ווערן אייער שיין טעכטערלס חתן. פאַרשטייט איר, ר׳ לייזער, וואָלט איך זאָגן, נישט אומעטום, ווו מען פלאַנצט, וואַקסט אַזאַ בלימעלע אַרויס, ווי אייער קינד, לעבן זאָל זי, און נישט אומעטום, ווו מען זוכט, געפינט מען אַזאַ פּערל, אַזאַ זיידן קינד, ווי אייער פלימעניק איז! און אַ בערעלע שפּאַק, דאַכט זיך, אַ גראָבער יונג, אַ שמייסער, איז אויך אַ מבין וואָס גוט איז, אויף נאמנות אַ מבין!

די אַלטע האָט זיך גפרעגלט, הערנדיק איר נחת, און האָט בערעלען געענטפערט:

— קוק און שווייג, מסתמא איז אונדזער באַלעבאָס, לעבן זאָל ער, אַזאַ מבין, ווי דו. אַ שידוך איז אַ גאָט־זאַך, בערעלע!

זי האָט אים פונדעסטוועגן באַלד געגעבן אַ גלאָז ווייַן ברכה צו מאַכן און אַ געפילט העלדזל פון צימעס צו פאַרבייסן.

— לחיים, פייגע, — האָט בערעלע צוגעווונטשן, — גאָט זאָל געבן, איך זאָל אייך לחיים זאָגן טאַקע, אַז מיר וועלן טרינקן, אַז איך וועל אייך אין גיכן מזל־טוב זאָגן אויף זייערע תנאים!

—לחיים, פון אייער מויל אין גאָטס אויערן! — האָט די אַלטע געענטפערט מלא שמחה און האָט אים אָנגעגאָסן נאָך אַ כוסה און געגעבן ווידער פאַרבייסן אַ שטיק געפילעכטס און געהייסן אים טרינקן און עסן געזונטערהייט. אַזוי צעפרידן איז זי געווען, ווי דאָ וואָלט די רייד געווען וועגן איר גליק פון אייגענע קינדער, אָדער אייניקלעך אירע. זי וואָלט פאַר אַזעלכע ליבע רייד היינט אַוועקגעגעבן די נשמה אירע, און האָט בערעלען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געגעבן צו טרינקן און צו פאַרבייסן, ביז ער איז שכור געוואָרן און האָט געטאַנצט און געזונגען. די איבעריקע מענטשן אין קיך האָבן אים געוואָלט אַ רשעות אָפּטון, נאָר פייגע האָט נישט צוגעלאָזן.

— נישקשה! האָט זי געזאָגט, — עס איז גאַנץ שיין, אַז אַ ייד שכּורט זיך אָן שמחת־תּורה. „אַלע פּיאַניצעס זענען שמחת־תּורה ניכטערן”. כאָטש בערעלע האָט די תּורה אַ גאַנץ יאָר נישט געלערנט, מעג ער אויך פרייליך זיין, עס לערנען פאַר אים גליקלעכערע מענטשן. אַז ער וואָלט קאָנען, וואָלט ער אפשר אויך לערנען!

און בערעלע האָט אַלץ געטאַנצט און געזונגען, ביז ער איז הייזעריק געוואָרן זינגענדיק און איז געפאַלן אויפן באַנק און שטאַרק אַנטשלאָפן געוואָרן. און אין שטוב ביי ר׳ לייזערן האָט מען אויך געטאַנצט, אויך געזונגען און די קליינע קינדער האָבן געטאַנצט מיט די גרויסע, אָרעמע האָבן פאַרגעסן זייער אָרעמקייט און רייכע האָבן אַ האַנט געגעבן די נישט רייכע, אַלץ האָט זיך צעמישט און געדרייט אין רעדל. חייעלע האָט נחת געקליבן פון די ברכות פון די שכּורע חסידים, וועלכע האָבן געשריגן: „אונדזער חייעלע”! „חייעלע די חסידה, לעבן זאָל זי, מיט איר מאַן, מיט אירע קינדער”! און מען האָט גלעזער, טעלער, שטולן און בענקלעך געבראָכן, ווייַן האָט זיך ווי וואַסער געגאָסן. עס איז געווען שמחת תּורה. ר׳ שלמה איז היינט חתן־תּורה און ר׳ לייזער חתן־בראשית געווען, ווי די חתנים האָט מען זיי מי שברכס געמאַכט און זיי האָבן מנדר געווען: נר למאור, ליכט צו לייכטן אין בית המדרש פאַר די, וואָס לערנען די תּורה אַ גאַנץ יאָר, יין לקידוש ולהבדלה: ווייַן קודש און הבדלה צו מאַכן אין אַ מקום קדוש, מוציא צו זיין די אָרעמע לייט, וואָס האָבן עס אין זייער אָרעמען היים נישט, ולחם לאביונים און ברויט פאַר באַדערפטיקע, נעבעך, וואָס וואָלטן באַדאַרפט ליידן הונגער; אויך שיך און העמדער פאַר אָרעמע יתומים, וואָס לערנען אין דער תּלמוד־תּורה. זיי זענען צעפרידן געווען, וואָס גאָט האָט זיי געהאָלפן אַזעלכע דרשה־געשאַנק צו שענקען אויף זייער התונה מיט דער ליבער טייערער כּלה, אונדזער הייליקער תּורה! אַלע יידן זענען איצט זייערע מחותּנים געווען, אַלע האָבן מיר אין דער תּורה אַ חלק, זי קאָסט אונדז אַלעמען גענוג בלוט און טרערן, זי איז אונדז ליב און וועט אונדז ליב זיין, ליב ווי אַ כּלה, וואָס האָט קיין מום נישט אין זיך!

אַזוי האָבן זיך דעם גאַנצן טאָג דאָ משמח געווען געבעטענע און נישט געבעטענע געסט; שמחת־תּורה איז קיינער נישט מקפּיד און קיינער איז ערגעץ נישט איבעריק. דער פעטער ר׳ שלמה האָט דורכויס פאַרלאַנגט, אַז משהלע זאָל זאָגן אַ דרשה לכּבוד די פעטערס, לכּבוד

די מומעס, לכבוד אלע געסט, לכבוד דער הייליקער תורה און דעם פרייליכען טאָג; ווי נישט ציגעגרייט ער איז אויך געווען און ווי אויך אים האָט זיך נישט געוואָלט זאָגן פאַר אַ האַלב שכורן עולם, האָט ער פאָרט געמוזט צוליב טון און האָט אַ דרשה געזאָגט. אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען און מען האָט אים דריי מאָל אויפגעהייבן און געשריגן „חזק״! עס האָט די דרשה אויך רחלע פאַרשטאַנען און אליין נישט געפילט, ווי אירע ליפן האָבן זיך באַוועגט, בעת משהלע האָט אַזוי שיין גערעדט; זי האָט מיטגערעדט, מיטגעפילט און אַזוי איז זי גאָר אָן וויין און אָן אַ באַרוישנדיקן געטראַנק באַרוישט און באַטרונקען געוואָרן פון אַ הימלישער זעליקייט דער גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַז די געסט זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, טייל אַליין זיך ווינגדיק און טייל אונטער די הענט זיך פירנדיק און שלעפנדיק, האָט רחלע נאָך דאָס גליק געהאַט אַ פּאָר ווערטער מיט משהלען צו רעדן. זי האָט אים אַ גוטע נאַכט געזאָגט, אַ ליבן קוק געשאָנקען און איז, אַ צעפרידענע, אַ גליקלעכע אויף איר בעט אַ מידע געפאַלן, שטיל אין רויק אַנטשלאָפן געוואָרן, און אויפגעשטאַנען אַ פרישע, אַ געזונטע און אַ מונטערע, ווען די זון איז שוין הויך אין הימל געשטאַנען און משהלע מיט אירע עלטערן זענען שוין געווען אין שול, דאָרט ווידער דאַווענען, ווידער לויבן גאָט פאַר אַזוי פיל פרייד אין זייער הויז.

פון שול איז נאָר משהלע אַליין געקומען, ווייל ר׳ לייזער מיט הייעלען האָבן געהאַט אַ חזקה: שבת בראשית צו פאַרברענגען ביי ר׳ שלמהן אַ גאַנצן טאָג. משהלען האָבן זיי געהייסן גיין אַ היים, עס זאָל די קינדער נישט זיין אומעטיק צו זיצן ביים טיש אַליין אָן פאָטער און מוטער.

איצט, אַז די קינדער זענען ווידער געבליבן פריי אַ גאַנצן טאָג, האָבן זיי ווידער פאַרגעסן זיך צו שעמען איינס פאַרן אַנדערן, און משהלע האָט ווידער רחלען דערקלערט די פאַרשידענע דערשיינונגען פון דער נאַטור. זי האָט ווידער צוגעהערט ערנסט און גערן, ווי פריער; משהלע איז איר אין דעם טאָג צוריק אַ עלטערער ברודער געוואָרן. אַז עס האָט אָנגעהייבן טונקל צו ווערן און די לעצטע שטראַלן פון דער אונטער־גייענדיקער זון האָבן פון צווישן די ביימער דורך זייער פענצטער אַריינ־געשיינט און דערמיט אָנגעזאָגט, אַז עס ווערט באַלד נאַכט, באַלד פינצטער

און אויס יום־טוב, אויס פרייד און פרייהייט אין יידישן וועלטל, האָט משהלע
אַ זיפץ געטון און האָט געזאָגט:

— ווי עס פאַרדריסט מיך, רחלע, וואָס עס ווערט איצט אַזוי
גיך נאַכט! איצט וואָלט איך וועלן די זון זאָל אויך מיר, אַזוי ווי יהושען
אין זיינע צייטן, אַמאָל, צוליב טון און נישט איילן אונטערצוגיין!
דאַן, מיין גוטע רחלע, וואָלט איך קאָנען דיר נאָך פיל און פיל איבער־
געבן פון אַלץ, וואָס איך האָב אין די צען יאָר געלערנט. איז אָבער
נישט נאַריש צו ווינטשן זיך אַ זאַך, וואָס קאָן נישט דערפילט ווערן?
עס פאַרגייט דער טאָג, עס ווערט טונקל אין צימער און גלויב מיר,
נאָך טונקעלער ווערט איצט אין מיין האַרצן... מיט דעם טאָג גייט דער
יום־טוב אַוועק און מיט דעם יום־טוב גייען אויך פיל זיסע האָפענונגען
מיינע מיט!...

— דער יום־טוב, משהלע וועט אין אַ יאָר אַרום ווידער קומען! —
האָט רחלע געטרייסט.

— יאָ, ער וועט ווידער קומען, אָבער ווער קאָן מיר זאָגן, וועלכע
האָפענונגען מיינע וועט ער מיר דאַן מיט זיך ברענגען און וועלכע פון
זיי וועט ער איבערלאָזן אין יענעם טיפן אָפּגרונט, ווו עס ווערן דער־
טרונקען אַלע אָפּגעלעבטע טעג און מיט זיי אויך אַלע פאַרלוירענע האָפע־
נונגען? אַך, רחלע, ווער קאָן דאָס פאַרלוירענע צוריק געבן און אונ־
דזער ליבן גוטן זיידן אָונדז לעבעדיק מאַכן? ווער קאָן אונדז יענע שיינע
אומשולדיקע טעג איצט צוריק געבן, מיר זאָלן נאָך אַזוי אומשולדיק,
ווי דעמאָלט, קושן די הענט, וועלכע זענען אויף אונזער קאָפּ געלעגן
בשעתן זעגענען זיך?... אָבער אויס יום־טוב, אויס קינד! אין שול הערט
מען באַלד דעם אומעטיקן „והוא רחום" און אין מיין האַרצן הער איך
די אומעטיקע שטימע, וואָס שרייט: „אַ היים! גענוג גאַסט צו זיין, גענוג
גליקלעך געווען!"...

— דעם זיידן לעבעדיק מאַכן, — האָט זי מיט אַ זיפץ געענטפערט, —
קאָן נאָר גאָט אַליין! ער האָט אים פון אונדז צוגענומען און ער וועט
אים אונדז צוריק אַוועקגעבן, אָבער דאָס וועט זיין שפּעט, גאַנץ
שפּעט, ווען מיר אַליין וועלן שוין זיין דאָרט, ווו ער איז איצט. דאָס
גליק אָבער פון יענע שיינע קינדעריאָרן קאָן גאָט און אונדזער גע־
טרייער פאָטער אונדז שוין צוריק געבן און וואָס, מיין פריינט, ברויכסטו צו
זאָרגן? ביסטו איצט נישט גליקלעך? פעלט דיר וואָס ביי אונדז? זאָג מיר

נאָר, און דיר וועט קיין זאַך נישט פעלן, וואָס אין מיין פּאַטערס און אין מיין מעגליכקייט וועט נאָר זיין!

— איצט, פאַר דער מינוט, פעלט מיר גאָרנישט! טייערע רחלע, איצט איז מיר גוט, איצט בין איך גליקלעך, ווי אדם הראשון אין גן עדן, איידער ער האָט נאָך געזינדיקט. אָבער געדענקסטו, רחלע, דעם פּסוק און חומש: וישמעו את קול ה׳ אלהים מתהלך בגן לרוח היום: און אדם וחוה האָבן דערהערט גאָטס שטימע, וועלכע גייט אום אין גאָרטן נאָך דעם גייסט פון דעם טאָג? ווייסטו, וואָס פאַר אַ שטימע דאָס איז? דאָס איז די שטימע, וועלכע נאָר דער מענטש אַליין הערט זי. די שטימע רופט דעם מענטשן אין דער וועלט אַריין, אַ מענטש צו זיין, ווי זיין צייט, זיין טאָג פאַרלאַנגט פון אים! איך הער איצט, רחלע, די געטליכע שטימע, זי רופט מיך, איך זאָל מיין גן־עדן פאַר־לאָזן און גיין אַהין, וווהין, די צייט פירט מיך, וווהין דער גייסט פון טאָג שיקט מיך, אַהין צו יענעם צוועק, וואָס גאָט האָט פאַר אונדז, מענטשן, באַשטימט!...

זי האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— דערקלער מיר, טייערער — האָט זי געבעטן, — פאַרוואָס קאָנסטו דאָ אויף שטענדיק נישט בלייבן? קאָנסטו דאָ נישט לעבן, ווי די צייט פאַרלאַנגט?

— ווייסטו, מיין טייערע? — האָט ער, אַנשטאָט צו ענטפערן, גע־פרעגט, — ווייסטו, ווי און איבער וואָס איז אָדם הראשון, דער ערשטער פאָטער פון אונדז מענטשן, פון גן־עדן פאַרטריבן געוואָרן? וואָס האָט אים דאַן גאָט געזאָגט?

— איך ווייס, — האָט זי נאַיִוו זיך אָפּגערופן, — איבער דעם, וואָס ער האָט פון דעם עץ הדעת געגעסן, פון דעם בוים, וואָס גאָט האָט פאַרבאָטן, ער זאָל פון אים נישט עסן. ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער וואָלט די לייכטע געבאָט געהיט. דאַן וואָלטן אַלע אייביק לעבן, אונדזער זיידע און דיין פאָטער וואָלטן נאָך איצט אויך געלעבט. די וועלט וואָלטווירקלעך אַ גן־עדן געווען!... אָבער דערקלער מיר, וואָס געהער אָט די געשיכטע צו דער פראַגע, וואָס איך פרעג דיך?

— עס געהער זיך אָן זייער צו דעם, וואָס דו פרעגסט, ליבע רחלע! — האָט ער מיט אַ טיפן זיפץ אָנגעהייבן. ווייסטו דען נישט, אַז איך בין אויך אָדמס אַ קינד און אַלץ, וואָס האָט אים געטראָפן, מוז זיין יעדן אייניציקן קינד אויך טרעפן? רחלע, איך בין אויך אַן

אומוויסנדיק קינד געווען און האָב אויך אין אגן־עדן געלעבט, אָבער אַזוי ווי אָדם, איידער ער האָט דעם עץ הדעת פאַרזוכט, האָב איך מיין גן־עדן נישט דערקאָנט און מיין גליק נישט פאַרשטאַנען! איך בין עלטער געוואָרן, פון דעם עץ הדעת פאַרזוכט, דאָס הייסט צום שכל געקומען, ביכער און ספרים האָבן מיר מיינע אויגן געעפנט. צו זען אין וואָס פאַר אוועלט און צייט איך לעב. ווי ווייניק איך ווייס און וויפל עס איז דאָ, וואָס איך קאָן נאָך וויסן! בין איך באַלד פון יענעם גן־עדן אַרויס און איך טאָר נישט און קאָן ניש אין אים בלייבן לאַנג, אַפילו דאַן, ווען ער עפנט זיך פאַר מיר... וואָרים אַפילו אין גן־עדן הערט זיך נאָך היינט אויך גאָטס שטימע: „מיט דעם שווייס פון דיין אָנגעזיכט זאָלסטו דיין ברויט פאַרדינען!“ דו מוזט דאס איבעריקע געפינען, וואָס דער איינציקער ביסן פון עץ הדעת האָט דיר באַוויזן, וואָס דיר פעלט נאָך! גוטע רחלע, וואָלסטו נאָר וויסן וואָס פאַר אַ באַשלוס עס ליגט באַהאַלטן אין מיין האַרצן, דו וואָלסט מיך אפשר דאַן אָפּגעשטויסן פון זיך און נישט מער וועלן גאָר רעדן מיט מיר!...

זי האָט אים רירנדיק אָנגעקוקט.

— דיך פון מיר אָפּגעשטויסן? מיט דיר נישט מער רעדן! — האָט זי איבערגערעדט טיף באַוועגט. — ניין, מיין טייערער, נאָר מיט אַ שלעכטן, נאָר מיט אַ נידערטרעכטיקן וויל דיין שוועסטערקינד נישט רעדן, אַזאַ ביסטו געוויס נישט! ביסטו נישט משהלע, מיין זיידנס ליב אייניקל? משהלע דאָס גוטע קינד, וואָס אַלע האָבן דיך אַזוי הייס געליבט און ליבן דיך איצט אפשר נאָך מער, ווי אַמאָל! ניין, ביי יעדן באַשלוס, וואָס דו טראָגסט אין דיין האַרצן, וויל איך נאָך מיט דיר רעדן, משהלע, אויב דו ווילסט עס נאָר... איך בין, ליידער, אַזוי ווייניק געלערנט קעגן דיר!...

— זיי מיר אַזוינס נישט חושד, גוטע רחלע! — האָט ער געבעטן. — זאָג מיר נאָר, צי וועסטו אויך דאַן מיך האַלטן פאַר דעם זעלבן משהלען, אַז איך וועל איצט פון דיר אַוועקפאָרן און קומען אַמאָל צוריק שוין נישט אַזוי, ווי איך בין איצט? אַז איך וועל, למשל, אַ געבילדעטער, אַ אינזשינער, אַ דאָקטאָר, אָדער, ווי אַנדערע געשטודירטע יידן, ווערן, וואָס קאָנען נישט פאַר דער וועלט אַזוי פרום זיין, אַזוי יידישקייט אפהיטן, ווי עס היטן אָפּ אַלע אַנדערע, נישט געשטודירטע יידן?

די פרומע רחלע האָט אויף דער פראַגע נישט געקאָנט ענטפערן.

דעם פעטערס משל פֿון אַ ברילאַנט, וואָס ווערט אַ פּראָסט שטיינדל, ווען ער ליגט אין דער פֿינצטער, האָבן אין איר האַרצן טיפֿער איינ־געדרונגען איצט איידער נעכטן. אַ לעצטער שטראַל פֿון דער אונטער־גייענדיקער זון האָט איצט אַריינגעשיינט און אָפּגעשפּיגלט אירע טרערן, וועלכע זענען איצט ווי פּערל געהאַנגען אויף אירע שיינע ברעמען. אויך אויף משהלען האָט דער ליכטיקער שטראַל נאָך אַ רגע געשיינט. באַלד אָבער איז די זון אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען, אין צימער איז טונקל גע־וואָרן. רחלע האָט נאָך מיט פֿולע אויגן שטום און רירנדיק געקוקט אויף אים, איר האָט געדאַכט: עס שיינט זיין פּנים, עס שיינט נישט פֿון די שטראַלן פֿון דער ערשט פֿאַרגאַנגענער זון, אָבער זיין אייגענע ליכט. וואָס ער האָט אין האַרצן, שיינט דורך זיינע שיינע אויגן אַרויס, דורך די אויגן, וועלכע קוקן אויף איר מיט אַזוי פֿיל ליבע און מיטלייד... טרערן האָבן זיך אָנגעהייבן גיסן איבער אירע גליענדיקע באַקן. פֿון ליבע און רחמנות איז אים דאָס האַרץ צעגאַנגען, ער האָט אָבער אין דער מינוט קיין ווערטער נישט געפֿונען, מיט וואָס זי צו באַרויקן. פֿעסט און ערנסט איז געווען זיין באַשלוס, ליב און הייליק איז זי אים אין איר אומשולד געווען, זאָל ער זיך נאַרן אָדער איר פֿאַלש זיין? דער־קלערן איר מיט שכל, אַז זיין באַשלוס איז הייליק און פֿרום — האָבן אירע טרערן אים נישט געלאָזן. ער האָט געוווּסט, ווי שטאַרק פֿאַרוווּנדעט איז איר האַרץ געוואָרן פֿון די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויס־גערעדט און אירע שמערצן האָבן אים די צונג געליימט און דאָט נישט געקענט רעדן. אַזוי זענען זיי געזעסן עטלעכע פֿיינלעכע מינוטן אין שטומע מיטליידסגעפֿילן, זיך איינער דעם אַנדערן אָנקוקנדיק. ענדלעך, האָט זי פֿיינלעך געזאָגט:

— איצט, מיין פֿריינט, פֿאַרשטיי איך דיין משל פֿון עץ הדעת און פֿון גן־עדן. אַך!... דו ווילסט אויך געניסן פֿון יענעם בוים, וואָס גאָט האָט זיינע פֿרוכטן פֿאַרבאָטן! דו ווילסט, משהלע, פֿון יענע חכמות לערנען, וואָס פֿירן דעם יידן פֿון יידישן וועג אַראָפּ און לערנען אָן אונדזער גאָט פֿאַרגעסן!... זאָג מיר, גלויבסטו דען, אַז אָדם האָט גוט געטון, וואָס ער האָט גאָטס געבאָט נישט געפֿאָלגט און האָט דעריבער פֿאַרשפּילט דעם גן־עדן און דעם טויט אויף דער וועלט געבראַכט? איז איצט בעסער, ווי עס האָט געקענט זיין? אַז דיר ווילט זיך אַזוי אים נאָכטון און לערנען, וואָס ס'איז נישט דערלויבט, אום דיין גן־עדן צו פֿאַרלירן און אַ טויט צו ברענגען אויף די, וואָס זייער לעבן דאַרף דיר

ליב זיין ?.. ניין, דו פאַרשטייסט עס אויך אזוי, ווי איך, נאר... אך, שווער איז עס מיר אַרויסצורעדן; אָבער נאך שווערער אין מיר עס צו באהאלטן! משהלע, איך געדענק, חוה האט געבראַכט דערצו: זי איז פון שלאנג פאַרפירט געוואָרן און דערנאָך האט זי אויך אים פאַרפירט... האָסטו שוין פיליכט אויך דיין פאַרפירטע חוהן, וועלכע מיינט דיך אזוי זינדיק צו פאַרפירן? אַך, איך וועל עס נישט לאָזן, משהלע, דו ביסט מיר צו ליב, איך זאל עס צולאָזן!

מיט די ווערטער איז זי אים אויפן האַלדז געפאלן און אים מיט אירע טרערן באַגאָסן. ער האט איר האַנט גענומען, וועלכע האט ווי פון אַ פיבער געציטערט.

— נישט קיין חוה, נישט קיין שלאַנג! מיין ליבע פרומע רחלע! — האט ער אויסגערעדט. — דאס שווער איך דיר ביי דעם הייליקן אנדענק פון אונדזער ליבן זיידן און פון מיין ליבן פאָטער! דאָס שווער איך דיר, רחלע, ביי דיין ריינער אומשולד, וואס איז מיר אזוי ליב און הייליק, ווי אַלץ, וואס איז ריין און הייליק! מיין באַגער איז נאָר דעם הייליקן ווילן גאָטס צו דערפילן, דעם ווילן, צו וואָס ער האט דעם מענטשן מיט אַ שכל פון אָנהייב אָן באַשאפן! ווילסטו מיך אויסהערן רויק, וועל איך עס דיר דערקלערן ביז דו וועסט אַליין באַגרייפן און פאַרשטיין, וואס איך וויל, וואס איך זוך. אָר צוטרויען שענק מיר, גוטע רחלע!

— איך הער, איך בין רויק, איך וויל דיר אַלץ גלויבן, וואס וועט זיך נאָר לאָזען גלויבן! — האָט זי רויק געזאָגט.

— רחלע, — האט ער אָנגעהייבן, —פון יענער מינוט אָן, וואָס אונדזער ערשטער פאָטער אדם האָט, כאָטש זינדיקערהייט, פון עץ-הדעת פארזוכט, האט גאָט אַראָפּגענומען זיין פאַרבאָט פון דעם בוים. אדרבה, ער האָט נאָך אדמען פאר זיך און פאר זיינע נאָכקומענדיקע דורות דעם עץ-הדעת אַוועקגעשאָנקען, און אים אָנגעזאָגט: דעם דאזיקן בוים צו פלאַנצן און צו היטן איבעראַל, ווו ער וועט נאָר זיין, פון זיינע פרוכט זיך צו נערן און אונטער זיינע צווייגן זיך צו באַשיצן פון היץ און פון קעלט און פון אַלעם בייזן אין דער גרויסער אָפענער וועלט. פון דעמאָלט אָן, רחלע, קענען מיר לעבן און גליקלעך זיין נאר ווען מיר געפינען זיךווירקלעך אונטער זיינע צווייגן, דאס הייסט: אונטער דעם שאָטן פון הכמה און וויסן. אָן דעם עץ-הדעת איז היינט אונדזער

לעבן נישט מעגלעך און מיר, מענטשן, וואָלטן איצט געלעבט אומגליקלעכער ווי די חיות אין וואַלד!

— איך וויל עס דיר גלויבן כאָטש מיר איז דאָס נאָך שווער צו גלויבן, — האָט זי געענטפערט, — ערקלער מיר נאָר, ווי לעבן יענע וואָס גלויבן נישט אַזוי? ווי לעבן די אַלע קלייניצער יידן אונדזערע, וואָס זאָגן: מען טאָר נאָך היינט אויך פון עץ־הדעת נישט געניסן?

— ווייסטו דען נישט, — האָט ער מיט אַ באַלע נדן טאָן דערקלערט, — אַז צוליב איין צדיק האָט גאָט נישט געוואָלט איבערקערן די זינדיקע שטעט סדום און עמורה? יאָ, איבער דעם זכות פון איין צדיק לעבן טויזנטער נישט צדיקים. כ׳וועל דיר קלאָרער זאָגן: איין מענטש, אַ חכם, מאַכט אַ נייע דערפינדונג, למשל, דעם טעלעגראַף, אייזנבאַן, און מיליאָנען מענטשן ציען די נוצן פון דער דאָזיקער ערפינדונג; איין געלערנטער דאָקטאָר געפינט אַ מיטל, ווי פון אַ שלעכטער קראַנקהייט די מענטשן צו פאַרהיטן און צו רעטן, און וויפל טויזנטער מענטשן האָבן אים זייער לעבן צו פאַרדאַנקען?! נאָר דער איז אַ מענטש, ליבע רחלע, דער, וואָס האָט דעם עץ־הדעת פאַרזוכט! גלויב מיר, אונדזער זיידע, עליו השלום, דיין פאָטער, איך און דו, מיר האָבן אַלע פון אים עטוואָס פאַרזוכט און פאַרזוכן נאָך פון אים היינט אויך. ערשטנס: באַנוצן מיר די מיטלען, וואָס קלוגערע פאַר אונדז האָבן דערגאַנגען, דאָס הייסט: מיר דערקוויקן אונדז מיט די עפּלעך, וואָס חכמים און פאָרשער האָבן מיט זייערע הענט זיך געמיט פאַר אונדז אָפּצערייסן און אונדז אין מויל פאַרטיקע צו דערלאַנגען! צווייטנס: זענען מיר אַליין שוין אויך נישט גאַנץ ווייט פון אים. וואָרעם וואָס זענען דען אייגנטלעך די דערקלערונגען, וואָס דו האָסט פון מיר געהערט אַזוי גערן, אויב נישט יונגע בלימעלעך פון אים, וועלכע וועלן אויך אַמאָל שיינע פרוכטן טראָגן? דו שעמסט דיך איצט, זאָגסטו, וואָס דו האָסט פריִער אַזוי נאַריש געגלויבט, אַז אַ וואָלקן איז אַזאַ גרויסע באַשעפעניש מיט אַ גרויסן מויל און גייט צום ים זיך דאָרט אָנצעטרינקען, דערנאָך עס אין רעגן אויסצעשפּייען אויף דער ערד. איז נישט גלייכער, אַז דו פאַרשטייסט איצט, אַז וואָלקן איז נישט מער ווי דאַמף פון וואַסער, וואָס ווערט דערהיצט פון דער זון און ווייל דאַמף איז גרינגער פון לופט, מוז ער אַרויפגיין אין דער הייך און דאָרט ווערט ער פון ווינט געטראָגן, ביז ער ווערט צוריק אָפּגעקילט; אָפּגעקילטער דאַמף ווערט צוריק וואַסער, וואַסער איז שוין שווערער פון לופט, מוז עס צוריק אויף דער ערד אַראָפּפאַלן. און אָט די פאַר-

וואַנדלונגען פון וואַסער אין דאַמף און פון דאַמף צוריק אין וואַסער, זענען דאָס, וואָס מע רופט: „וואָלקן" און „רעגן"; וואָלקן און רעגן, פאַרשטייסטו איצט, איז איין זאַך: וואַסער אין פאַרשידענע גראַדן וואַרעמקייט. אַזאַ וואָלקן און אַזאַ רעגן האָבן מיר אין אַ קלענער מאָס אויך ביי אונדז אין שטוב: אַז עס קאָכט דער סאַמאָוואַר, למשל, גייט דער דאַמף אַרויף אין דער הייך. אין סאַמאָוואַר ווערט דאַן ווייניקער וואַסער. ווו קומט דען אַהין דאָס אויסגעקאָכטע וואַסער? דאָס וואַסער, רחלע, ווערט אין דאַמף פאַרוואַנדלט, דער דאַמף טראָגט זיך, ווי אַ וואָלקן אין דער לופט פון אונדזער צימער ביז ער קומט צו צו די קאַלטע שויבן פון אונדזערע פענצטער. וו ער ווערט צוריק פאַרוואַנדלט אין קליינע טראָפּנס וואַסער. און דאָס איז די סיבה, וואָס עס שוויצן אינדזערע שויבן, דאָס הייסט עס רעגנט ביי אונדז אין שטוב: אויך אויף פּאָלירטע מעבל, צי אויף קליידער זעצט זיך דער דאַמף אָפּ און מיר האָבן ביי אונדז אין שטוב וואָלקן און רעגן. יאָ, און נאָך אַזעלכע נאַטור-דערשיינונגען אַלטעגלעכע ווייסטו איצט און פאַרשטייסט, ווי פאַלש דו האָסט זיי דיר פריער דערקלערט. זאָג מיר, פון וואַנען וואָלטן מיר עס וויסן, ווען מיר וואָלטן פון עץ הדעת נישט געגעסן? האָסטו מיר נישט מודה געווען, אַז דו שעמסט דיך איצט צו דערמאַנען ווי אומוויסנד אין אָט די זאַכן דו ביזט געווען ביז איצט? פאַרוואָס שעמסטו, דיך? גלויב מיר, מיין טייערע, אַזוי האָבן זיך אונדזערע ערשטע עלטערן געשעמט, בעת דער עץ הדעת האָט זיי זייערע אויגן געעפנט און זיי האָבן זייער בלייזקייט דערזען! דער עץ הדעת האָט זיי ערשט פאַר מענטשן געמאַכט און זיי האָבן זיך געשעמט, וואָס זיי זענען פריער נישט געווען קלוגער פון אַ בהמה.

— און וואָס שאַדט דאָס וויסן, ליבעס קינד, — האָט ער ווייטער געפרעגט, — צו דיין פרומען גלויבן אין דעם גוטן גאָט, וואָס האָט עס אַלץ אַזוי קלוג באַשאַפן? באַוווּנדערן מיר דען, דעם חכם, נישט נאָכמער, ווען מיר פאַרשטייען, ווי גרויס די חכמה זיינע איז, איידער מיר הערן אים גלאַט לויבנדיק פאַר אַ חכם און אַליין האָבן מיר פון אים קיין חכמה נישט געזען און ווייסן נישט, אין וואָס עס באַשטייט זיין חכמה? אַדרבה, ער ווערט נאָך גרעסער אין אינדזערע אויגן; נישט ווילענדיק, ווערן מיר צו אים צוגעבונדן, אונדזער זעלע פאַרערט אים, ווייל מיר דערקענען אים העכער און קלוגער פאַר אונדז! גלייב מיר, זייט איך האָב כאָטש עטוואָס אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, ווי קלוג און גרויסאַרטיק

די וועלט איז געבויט, פיל איך מיך נעגטער צו גאָט און מיין האַרץ פאַרערט אים איצט מער, ווי פריער; אויך די האָפענונג, אַז נישט אומזיסט לעב איך, און די אמונה, אַז דער גרויסער מייסטער האָט זיין באַשטימטן צוועק, צו וואָס ער האָט זיין וועלט געבויט און מיך אַלס מענטש אין איר געהייסן לעבן, איז אין מיר איצט שטאַרקער. און מיר ווילט זיך לעבן אויסצעפירן דעם צוועק, צו וואָס איך בין באַשאַפן געוואָרן! און וואָס, מיין גוטע רחלע, האָסטו אַזוי מורא פאַר מיין פרומקייט, פאַר מיין יידישקייט, אַז איך זאָל נאָכמער לערנען און נאָכמער דערגיין אין די חכמות, ווי איך וויל און ווי איך האָף?...

— איך האָב קיין מורא נישט! — האָט זי פאַרזיכערט. — איך פאַרשטיי, דאַכט מיר, וואָס דו רעדסט, און דו רעדסט עס נישט נאָר מיך צו באַרויקן, נאָר ווייל דיין האַרץ דענקט און האָפט אַזוי; נאָר נאָך איין פראַגע האָב איך: פאַרוואָס זאָגן נישט אַזוי אַלע אַנדערע געבילדעטע און געשטודירטע? פאַרוואָס טראַכט נישט אַזוי און טוט אויך נישט אַזוי אונדזער דאָקטאָר? דו קאָנסט אים, ער איז דאָך אויך אַמאָל, זאָגט מען, אַ פרומער יידישער בחור געוועזן, און היינט, אַז ער האָט אויסשטודירט, האָט ער פאַרגעסן גאָר, אַז ער איז אַ ייד. מער ווי יום־כפור קומט ער אין שול נישט אַריין. ער איז דאָך געבילדעט, און ווייס אפשר אויך וואָס דו ווייסט, פאַרוואָס באַוווּנדערט ער נישט דעם ליבן גאָט, וואָס האָט עס אַלץ אַזוי קלוג און גוט באַשאַפן, ווי דו באַוווּנדערסט אים, ווי איך, משהלע, באַוווּנדער אים, און מיין האַרץ ווערט פול הייליקע אַכטונג און ליבע צו אים? אָדער איז אונדזער פאָטער נישט בעסער און נישט פיינער פאַר אים, כאָטש ער האָט נישט געשטודירט? וויפל מאָל, ווייס איך, גיט דער פאָטער אָרעמע לייט זייגע רובעלס, זיי זאָלן האָבן אָט דעם דאָקטאָר פאַר זיין רעצעפּט צו באַצאָלן, און ער, דער דאָקטאָר? כאָטש ער איז געשטודירט, האָט ער אַליין אויף דעם אָרעמסטן קיין רחמנות נישט, און קומט צו אים נישט אָן געצאָלט! און ווו זעסטו אין אים די חכמה פון די שטודירענעס, וואָס ערקלערט דעם מענטשן גאָטס ווילן, און מאַכט זיין האַרץ בעסער, דעם דאָזיקן ווילן אויך צו טון, ווי דו זאָגסט?

די דאָזיקע ביטערע גרינגדלעכע פראַגע אירע האָט אים נישט נאָר געלאָזן אָן אַן ענטפער, אָבער זי האָט אים אויך באַנג געטון. ער האָט געפילט, אַז זי האָט רעכט.

— הער אויס, מיין טייערע, — האָט ער, נאָך אייניקע מינוטן

נאָכדענקען, פון דאָס נײַ דערקלערט, — זיי וויסן, אַז דער עץ הדעת וואָס איך זאָג דיר, איז נישט אַ בוים מיט נאָר איין צווייג, מיט איין מין פרוכט אויף אים. דער בוים האָט זייער פיל פאַרשידענע צווייגן און צווייגעלעך, יעדער צווייג פון זיי טראָגט באַזונדערע פרוכטן: עס זענען דאָ צווייגן מיט עפּעלעך זיסע, ווי צוקער, און עס זענען דאָ אויך ביטערע, ווי גאַל; איבאײַנעם זענען זיי קײנע נישט איבריג. דער מיטלסטער שטאַם פון דעם בוים, דער עלטסטער בוים אַליין, וואָס פון אים גייען זיינע טויזנטער גרויסע און קליינע צווייגן פאַנאַנדער פון אַלע זייטן, איז אונדזער תּורה; די ריינע אמונה אין איינציקן גאָט איז זיינע וואָרצלען, וואָס האַלטן אים פעסט איינגעוואַקסן אין אונדז. נאָר דורך דעם ריינעם גלויבן, אַז גאָט איז דער באַשעפער פון אַלץ, אַז אַלץ איז פון זיין ווילן, אַז אַלץ ווייס ער און דערהאַלט אַלץ און אַז די חכמות אַלע קומען פון אים אום זיין העכסטן, אונדז אומבאַקאַנטן צוועק אויסצעפירן, זענען די חכמות אמתע חכמות, אַ נישט האָט קיין זאַך קיין גערדאַנק נישט, וואָרעם אין אַ זאַך, אין וועלכער עס איז נישטאָ קיין כּוונה, קיין ווילן און קיין צוועק, קאָן אויך קיין חכמה נישט זיין! דעריבער ברויך יעדער לערנען פריער פאַר אַלץ אונדזער הייליקע תּורה, וואָרעם זי דערציילט אונדז, אַז גאָט האָט די וועלט און אַלץ באַשאַפן און זיין ווילן איז: מענטשן זאָלן ווי מענטשן לעבן, מיט קלוגע געזעצן, מיט יושר, מיט חסד און מיט ליבע זיך פירן, ווי לאַנג זיי לעבן. אַז מיר לערנען די הייליקע תּורה און מיר ווערן דורכגעדרונגען אין איר, דאָס הייסט, מיר פאַרשטייען זי און מיר ווילן פון גאַנצן האַרצן טון אירע מצוות, דאַן, ליבע רחלע, מעגן מיר, פון דעם מיטלסטן שטאַם אויס זיך לאָזן גיין אויך צו די אַלע צווייגן, וועלכע פאַרצווייגן זיך אין פאַרשידענע זייטן, כּדי מיר זאָלן זען ווי גרויס און ברייט דער בוים איז און ווי אומענדלעך גרויס איז דער גערטנער, וואָס האָט אַזאַ בוים פאַרפלאַנצט!... ווי הויך און ווי ווײַט מיר וועלן אויך פון דעם מיטלסטן שטאַם אַוועק, וועלן מיר נאָך אַלץ טרעפן צו אים צוריקצוקומען, ווייל מיר וויסן איינמאָל, אַז אַזאַ שטאַם איז דאָ. יענע געבילדעטע און געשטודירטע, וועלכע דו זעסט, ליידער, וועלכע האָבן אָן גאָט און אָן זייער פאָלק פאַרגעסן, גלויב מיר, זיי האָבן פון אָנהייב אָן דעם מיטלסטן שטאַם נישט געקאָנט. זיי האָבן ערגעץ אַ גרין צווייגעלע דערזען, האָבן זיי אים פאַר דעם עיקר בוים אָנגענומען, און זייער בילדונג האָט נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף... זיי באַדענקען גאָרנישט: צו וואָס

איז דאָס אַלץ און ווער איז דער, וואָס האָט עס אַזוי אַלץ באַשאַפן? זייער אויג איז קורצזיכטיק און זיי קענען נישט זען. ווי אַלץ פאַרצווייגט זיך און קומט פאָרט צוריק צו דעם אָנהייב, צו דעם שטאַם, וואָס הייסט ווידער גלויבן, אַז אַלץ איז פון גאָט... איבעריגנס, מוז איך דיר נאָך אַ זאַך דערקלערן: עס זענען דאָ פיל מענטשן, וואָס זיי ווייסן פיל זאַכן און פאַרשטייען די זאַכן גוט, בילדונג אָבער איז נישט בלויז וויסן, נאָר אויך פאַרשטיין און דענקען, אויך וועלן אַלץ באַגרייפן. דעריבער טרעפט, אַז אויך געשטודירטע מענטשן, וועלכע ווייסן פיל, פאַרשטייען פונדעסטוועגן ווייניק.—צו יענעם קלאַס, רחלע, געהער איך נישט. דו קענסט רויק זיין. דיין שוועסטער קינד וועט אַנדערש אין האַרצן און אין כאַראַקטער נישט ווערן, ווי ער איז דיר איצט און ווי ער איז דיר אַמאָל געווען. אָ, רחלע, ווען דו זאָלסט מיינע איצטיקע רייד נאָר געדענקען און אַז איך וועל צוריקקומען און דיך נאָך אַזוי גוט, אַזוי שיין און צו מיין האַרצן אַזוי נאָנט געפינען, ווי דו ביזט מיר איצט, וועסטו דיך דאַן איבערצייגן, אַז נישט נאָר מיך אַליין גליקלעך צו מאַכן פאָר איך איצט אַוועק פון דיר, אָבער אויך דו, מיין טייערע, זאָלסט קענען גליקלעך זיין און ליבן מיך אייביק, ווי איך ליב דיך! זאָג, וועסטו וועלן וואַרטן אויף מיר אַזוי לאַנג?...

— משהלע, מיין גאַנצע לעבנסצייט וועט מיר נישט צו לאַנג זיין אויף דיר צו וואַרטן, אַז איך זאָל נאָר וויסן, אַז אַמאָל, אַמאָל וועסטו צוריקקומען, יאָ, און קומען דערזעלבער גוטער און איך פרומער, ווי דו פאָרסט אַוועק! — האָט זי אויסגערעדט און אים אויפן האַלדז געפאַלן. — נאָר געדענק, מיין ליבער משהלע, — האָט זי זייער רירנדיק ווייטער געזאָגט,—ווען רחלע וועט בענקען, וועט עס זיין נאָך דיר געבענקט, ווען רחלע וועט וויינען און טרערן פאַרגיסן, וועלן די דאָזיקע טרערן פאַר גאָט זיין פאַרגאָסן, ער זאָל דיך לאָזן לעבן און לאָזן קומען צוריק, צו זיין אַ פרומער ברודער, דיין פרומער שוועסטער רחלען!

זי האָט געוויינט אויף זיין האַלדז, ער האָט זי מיט קושן און מיט טרערן געטרייסט. אַז זי איז געקומען צו זיך האָט זי געזאָגט:

— דאָ בלייב איך נישט אַ עלנדע, דאָ לעבט מיט מיר מיין טייערער פאָטער, דאָ בין איך ביי מיין טרייע ליבע מוטער. משהלע, אָן דאָרט זעסטו, — זי האָט אים מיט איר צאַרט הענטל געוויזן אויפן פעלד, וואָס האָט זיך נאָך אין בין־השמשות־ליכט געזען אַנטקעגן פענצ־

טער. — דאָרט אויפן פעלד וועלן אויך דיין פאָטער און אונדזער בײדנס ליבער זיידע; אויפן בית־עולם אין זייערע שטילע קברים רוען זיי, גאָר נישט ווייט פון מיר! אַז מיר וועט אומעטיק ווערן דאָ אין שטוב פון בענקען נאָך דיר, וועל איך גיין צו זיי, אויף זייער מצבה שטיין, מיין פול האַרץ אויסגיסן און זיי בעטן: זיי זאָלן גאָט פאַר דיר בעטן, עס זאָל אַלץ אמת זיין, וואָס דו האָסט מיר היינט הייליק געשוווירן!...

און נאָך אַ לאַנגע צייט האָבן זיי גערעדט, שטיל און ערנסט גערעדט, און דאָרט, פון הויכן בלויען הימל, האָבן אַראָפּגעקוקט טויזנטער ליכטיקע שטערן, און קיין ווינטעלע האָט אַ בלעטל נישט באַוועגט און די ביידע געליבטע האָבן דורך דעם אָפענעם פענצטער געקוקט אויף דעם אומענדלעכן רוים, אין בלויען ים אַריין איבער זייער קאָפּ; אַהין, ווייט, ווו עס הענגען אין דער לופטן און שימערן און וויגן זיך קליינע שיינע בריליאַנטלעך, וואָס אַז מען קוקט דורך טרערן אויף זיי, ציען זיי זיך אין לאַנגע, ליכטיקע, לויפנדיקע שטראַלן פון יענער ווייטער הויכקייט ביז האַרט נאָענט צו אונדזערע אויגן צו. און די אַלע ליכטיקע שטערן האָבן איצט מיט זייערע לאַנגע ליכטיקע לויפנדיקע שפּיזן רחלעס שיינע אויגן באַרירט, דען זי האָט אויף זיי דורך טרערן געקוקט; אָבער אירע געדאַנקען און נשמה זענען העכער, העכער איבער די שטערן געפלויגן, ביז צו יענעם העכסטן שפּיץ פון דעם אַלערהעכסטן בוים, וואָס ער הייסט: „עץ הדעת", וואָס די וואָרצלען זיינע זענען טיף אין איר ריינעם האַרצן איינגעוואַקסן דאָ אויף דער ערד און זיינע צווייגן דערלאַנגען הויך, הויך, ביז צו דעם העכסטן שטול גאָטס, וואָס פון אים גייט אַלץ אַרויס און צו אים קומט אַלץ צוריק!...

ז.

אַוועק דער יום־טוב, אַוועק מיט אים אויך די ליכטיקע וואַרעמע טעג. דער הימל האָט אָנגעהייבן כמאַרנע ווערן און די זון האָט אויפגעהערט זיך באַווייזן אין קליידער אַזוי ריין און אַזוי שיין, ווי ביז איצט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געשעמט אין שטעטל קליידער אַ קלאָרע, אַ לויטערע איבערן הימל צו שפּאַצירן, בעת קליינינקער איינוווינער, פון גרויס ביז קליין, פון אָרעם ביז רייך האָבן די יום־טובדיקע ריינע קליידער אויסגעטאָן און גייען איצט אום האַלב צעריסן, גאַנץ באַשמוצט

דורך קויט און בלאָטע אין די קלייניצער נישט ברוקירטע גאַסן. טרויריק האָט זי אַמאָל דורך די גרויע וואָלקן דורכגעקוקט, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט זען, וואָס טוט זיך דאָ אין קלייניץ? ווי לעבט זיך איצט אירע יידעלעך נאָך אַזאַ יום־טוב? און, אַ פּנים, זי האָט קיין נחת דאָ נישט דערזען, וואָרעם זי האָט זיך באַלד צוריק, אונטער אַ נאָך שוואַרצערן שטיק וואָלקן באַהאַלטן און טראָפּן וואַסער האָבן אָנגעהייבן פאַלן פון דער הויך אַראָפּ. אפשר זענען עס טרערן געווען, וואָס זי האָט געוויינט פון רחמנות אויף אַלץ, וואָס זי האָט אין דער מינוט דאָ אין דערנידער דערזען: אָן דאָרט, ביים וועגל האָלץ, שטייט שימעלע דעם מלמדס ווייב, אַ הויכע, אָפּגעצערטע יידענע, הויט און ביינער, אויסגעווייקט פון רעגן, באַשמוצט פון דער בלאָטע, די פינגער פון אירע פיס קוקן אַרויס דורך אירע צעריסענע שיך, וועלכע זענען נאָך איצט פול מיט וואַסער; זי שטייט און שווערט זיך, זי זאָל אַזוי קיין צער נישט האָבן, ווי אין איר גאַנצן גבול איז מער אַ גראָשן נישטאָ, און וואָס טוט מען מיט דעם פויער, וואָס האָט זיך איינגעעקשנט, גיב אים דווקא פיער גילדן פאַר זיין וועגל האָלץ, וואָס איז נאָך נאַס און צעפוילט אויף דערצו? „כאָטש קאָך היינט קיין וואַרעמס נישט, ווי צו מיינע יאָרן! מיט וואָס וועט ער, מיין אַלטער, כח האָבן צו קנעלן? מיט וואָס וועל איך אָפּנעצן די פאַרשמאַכטע ליפּעלעך פון מיינע אָרעמע קינדער?״...

און דאָרט פירט אַ באַהעלפער יונגע יינגעלעך, ווי די שטומע שעפעלעך, טרויריקע פנימלעך, פאַרפרוירענע בלויע ליפּעלעך; ער פירט זיי און טרייבט זיי אין חדר אַריין. דאָרט חושכן פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, באַקומען שלעק און קניפּן פון דעם רבין, וועלכער איז אין כעס, וואָס ער איז פון אָרעמען מיטאָג האַלב הונגעריק געבליבן. און עס גיסן זיך שיינע טרערעלעך פון פיל יונגע אויגעלעך און זיי ווייסן נישט: וואָס האָבן זיי געזינדיקט? וואָס וויל מען פון זיי?... און וועלכע עלגט און פיין זעט נישט די זון, קוקנדיק פון אויבן אַראָפּ אין אַ קליינעם יידישן שטעטל, ווען דער יום־טוב סוכות גייט אַריבער און אַז דער ליבהאַרציקער ווינטער הייבט אָן זיך אַריינצוקלויבן מיט זיינע אומגערופענע געסט: ווינט, שניי און רעגן?...

דאָס איינציגע הויז אין קלייניץ, וווּ די דילן (פּאָדלאָגאָ) זענען איצט אויך מיט קויט נישט אָנגעטרעטן, איז ר׳ לייזערס הויז. דאָ איז דער אונטערשייד פון שבת, יום־טוב און וואָכן טעג, אויסער דער שטילער אָנגענעמער „שבת־רו״ זייער קליין און כמעט גאָרנישט ניכּר

געוועז. דעם טיש דעקט מען, איצט אויך מיט א ריינעם ווייסן טישטוך, די וואָכנדיקע טעלער און לעפל זענען נאָך אויך געגוג ריין און שיין, עס וואַשן זיך צום עסן א היפש געזינטל און אויך עטלעכע אורחים יעדן טאָג; און דאָס עסן ווידער שמעקט אַזוי גוט, ווי ביי לייטן אום יום־טוב, און עס ווערט צום טיש געשפּראָכן שיינע רייד, קלוגע תּורה־ווערטער, אויך פריילעכע געלעכטערלעך. נישט אומזיסט האָבן קליינינצער געזאָגט: „א געבענטשטע הויז מיט תּורה און גדולה, מיט עשירות און כּל טוב"!...

איצט איז נאָך פריילעכער געוועז, ווי אַלע מאָל: דער ליבער גאַסט, משהלע האָט אַלעמען פריילעך געמאַכט און איז אַליין אויך געוועז צעפרידן און גליקלעך, ווייל ער האָט שוין ביז איצט דערקלערט ר' לייזערן זיין פּלאַן צו פאָרן שטודירן און ר' לייזער איז מיט דעם צעפרידן געוועז. ער האָט נישט מסכּים געוועז, ער זאָל שטודירן דאָקטאָר, יוריסט, אָדער אינזשינער, ווי משהלע האָט געוואָלט, כאָטש ער איז גענוג קלוג געוועז צו פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע פאַכן זענען נישט ערגער און ווייטער פון יידישקייט ווי אַן אַנדער פאַך; אָבער אים איז צו שווער געוועז פלוצים אַזוי אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן זיין אייגענער פרוי, קעגן זיין אייגענעם ברודער און קעגן אַלע באַקאַנטע, וואָס קוקן אויף די, וואָס שטודירן די דאָזיקע פאַכן ווי אויף אַפּיקורסים, וואָס זאָגן זיך שוין אין גאַנצן אָפּ פון יידן און יידישקייט. משהלע האָט אים געמוזט נאָכגעבן, צו פאַרקערן זיין מאַרשרוט קיין ברעסלוי און דאָרט אָנקומען אין ראַבינער־שול, וועלכע ווערט געפירט פון יידישע גרויסע געלערנטע, פּראָפעסאָרן אַפילו, אָבער פרומע יידן, וואָס האָבן ליב אונדזער תּורה און אונדזער ריינע אמונה. ר' לייזער האָט עס פאַר פּשרה גערעכנט, יוצא צו זיין פאַר גאָט און פאַר לייט און אויך פאַר זיינע אייגענע קינדער, וועלכע ער האָט געוווּנטשן צו לעבן אין א ליכטיקערער וועלט, ווי די, אין וועלכער ער לעבט און איז נישט גאַנץ גליקלעך. משהלע האָט באַלד איינגעזען, אַז דער פעטער האָט רעכט, ער האָט אַליין אויך געוווּסט, אַז די ברעסלויער שולע איז פאַר אים גלייכער, וואָרעם דאָ קען אים צונוץ קומען זיינע ידיעות אין יידישע ספרים. ר' לייזער האָט אים דערקלערט, אַז פאַר אים איז מער קיין סוד נישט, וואָס רחלע, זיין ליב קינד, ליבט אים, נאַטירלעך, נאָך ווי א קינד, ווייל נאָך אירע יאָרן אין אַזאַ קליין שטעטל קען זי נאָך נישט די רעכטע ענטוויקלטע ליבע. אָבער דאָס גראַדע פרייט אים, וואָרעם דאָס איז

מבטיח, אַז איר האָרץ איז ריין און אומשולדיק און די ליבע אין אים איז גאַנץ און הייליק. מיט פולע אויגן טרערן האָט ער אים דערציילט, אַז דאָס איז דעם זיידנס רצון געווען ביז זיין טויט און ער אַליין האָט קיין בעסערן ווונטש אין זיין לעבן נישט, איידער דעם דאָזיקן רצון אויסצעפירן און זיין קינד גליקלעך צו זען אַלס זיין ליבן פּלימעניקס פרוי.

משהלע פון זיין זייט האָט אים אויך אָפן מודה געווען אין אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט מיט רחלען און האָט אים אַ תקיעת־כּף געגעבן, אַז קיין גליק אין דער וועלט וועט די ליבע נישט ענדערן, ווייל רחלע איז זיין גרעסט גליק, וואָס ער קען זיך נאָר ווינטשן און האָפן.

— פאַר מיר, מיין זון, ביזטו שוין מיין קינדס חתן! — האָט דער טרייער פעטער זייער גערירט אויסגערעדט,—צווישן אונדזביידע איז עס שוין אַ באַשטימטע זאַך. גאָט זאָלן מיר ביידע בעטן, ער זאָל אויך צו אונדזער איינשטימונג זיינע מיטגעבן; פאַר דער וועלט אָבער בלייבט עס נאָך דערווייל אַ סוד, אַזוי מוז עס זיין! איינמאָל איז נאָך רחלע ווירקלעך צו יונג און, צווייטנס, לייקן איך נישט פאַר דיר: איך בין נישט פון די מענטשן, וואָס זייער ווילן דורכצעזעצן הערן זיי נישט לאַנד און לייט; מיינע געשעפטן זענען אויך נישט אַזעלכע, איך זאָל לייטישע מייגונגען אין גאַנצן קענען פאַראַכטן. איך מוז נאָך אַ געוויסע צייט אין דער ראָלע בלייבן, וועלכע איך שפּיל אין מיין שטאָט. זאָל איך שוין אַ תּנאים מאַכן און באַלד נאָך דעם וועט דער עולם דערהערן, אַז דו ביזט אַוועקגעפאָרן שטודירן, וועט עס הייסן אַז איך האָב דיך אַוועקגעשיקט. דאָס וועט מאַכן אַזאַ רושם, גלייך ווי איך וואָלט איצט אָפּראַזירן מיין באָרד און קומען אין בית המדרש אַריין. דאָס איז, מיין קינד, אַזאַ שריט, וואָס קען מיר טון פיל שאָדן אין דער וועלט און ברענגען זייער פיל פערדרוס אַפילו אין מיין הויזלעכן לעבן, דעריבער מוז בלייבן דערווייל די זאַך בסוד. אין דיין אַוועקפאָרן שטודירן וועט מען מיך גיכער באַדויערן ווי שולדיק מאַכן, ביסלעכווייז וועל איך דאָ דערווייל אַלע אומשטענדן דורכזעצן. דו ווייסט, אם ירצה השם, אין אַ יאָר אַרום צו אונדז קומען, און איך האָף אַז דו וועסט נישט זיין, ווי יענע יונגע לייט, וואָס דער נאָמען „סטודענט” איז זיי אַ פּאַספּאָרט אַלץ צו טון בפרהסיא. ביי דיר, מיין איך, וועט בלייבן דיין יידישקייט, אַזוי ווי איצט אומבאַרירט און אומבאַפלעקט; לייט און מיין

אייגענע פּרוי וועלן איינזען, אַז דאָס שטודירן איז גאָרנישט אַזוי געפערלעך, ווי מען מיינט, און וואָס קרום, וועט גלייך ווערן!... די צייט איז דער בעסטער לערער. איך האָף זי וועט מיר לערנען יוצא צו זיין פאַר גאָט, פאַר לייטן, פאַר זיך און פאַר אייך, מיינע ליבע קינדער!

— וואָס זאָל מען טון, מיין זון? — האָט ער מיט אַ זיפץ ווייטער גערעדט, — עס איז טרויריק אַזוי געצוואונגען צו לעבן! אויף וויפל דו קענסט מיך שוין, ווייסטו, אַז איך בין נישט קיין צבועק, איך בין נאָר פון די. וואָס האַלטן זיך אָן דעם כּלל גדול: „אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער". „אויף וועלכע פור מען פאָרט, אַזאַ ניגון זינגט מען". דאָס נוצט מיר אויך צו אַ גוטן צוועק, מיין וואָרט זאָל האָבן אָן אָרט, און מיין דעה אין ביצלעכע שטאָט־זאַכן איז אַ דעה, האָף איך, צום גוטן. איך בעט דיך, זאָל קיינער אונדזער היינטיק געשפּרעך נישט וויסן, אַפילו חייעלע אויך נישט. איך קען נאָר מיט דער צייט דערקלערן וואָס גוט און גלייך איז. מיינע רייד איז זי נישט פעיק צו פאַרשטיין אין דער הייסער מינוט.

ביי דער געלעגנהייט, האָט ער משהלען דערקלערט זיינע אייגענע לאַגע, ווי טרויריק עס איז צו לעבן מיט אַ פרוי, וועלכע וויל דעם מאַן נישט פאַרשטיין און וועלכע האַלט אים פאַר נישט פרום. „נאָר ביי אַלעם דעם ליב איך זי דאָך,—האָט ער געזאָגט.—אין גרונט איז זי נישט שולדיק: מען קען פון איר נישט פאַרלאַנגען דאָס, וואָס זי האָט נישט. זאָל זי זיך געזונט זיין און פאָרן צום רבין. אַן אַנדער אשה אויף איר אָרט וואָלט אויסברענגען דעם מאַנס געלט אויף פאָרן אין די וואַרעמע בעדער, אָדער אַזוי אויף פּוסטע זאַכן, צירונג און קליידער אַלע וואָך נייע; חייעלע ווייס פון אַזעלכע זאַכן נישט, איר קאַרלסבאַד איז דער רבי זאָל לעבן, אירע פאַרברענגערײַ איז אַ מתּנה זיינע קינדער. איך פאַרגין עס איר גערן. וואָס לייט וועלן זאָגן אויף דעם רבין מיט זיינע גבאים, אָבער פיל געזונטער קומען די פרויען צוריק פון אים, און אויך פיל טרייער בלייבן זיי זייערע מאַנען, איידער יענע, וואָס קומען צוריק פון אויסלאַנד, פון קאַרלסבאַד!...

וועגן מיטלען צום לעבן אין ברעסלוי, האָט ר׳ לייזער אים געזאָגט, אַז ער פאָרט איצט קיין פעטערסבורג און דאָרט וועט ער אין באַנק אַריינטראָגן אַ קאַפּיטאַל, די זעלבע באַנק זאָל אים אויסצאָלן צו פופציק רובל אַ חודש ער זאָל מיט זיין עקזיסטענץ באַזאָרגט זיין די גאַנצע

צייט פון זיין שטודיום. לבד זה, האָט ער אים פאַרשפּראָכן מתּנות און טאַשן־געלט צו שיקן לויט דער מעגלעכקייט און אים אָנגעזאָגט: נישט קאַרגן און נישט שעמען זיך צו פאַרלאַנגען, ווען נאָר ער וועט וואָס ברויכן.

אַז רחלע איז צוגעפאַלן צום פאָטער, אים דאַנקען פאַר אַלץ, וואָס משהלע האָט איר בכּבֿוד דערציילט, און אים געפרעגט: פאַר וועלכע גוטס אירע טוט ער איר אַזוי פיל צוליב, האָט ער געענטפערט:

— דאָס טו איך נישט דיר אַליין, מיין ליב קינד, אָבער זיך נאָך מער! וואָס הייסט דען גוטס טון קינדער? דאָס הייסט זיך אַליין גוטס טון! אַנדערש פאַרשטיי איך גאָרנישט; עלטערן לעבן נאָר צוליב דעם, זיי זאָלן קענען זייערע קינדער גוטס טון, זיי פירן אין אַ בעסערן וועג ווי זיי, די עלטערן, זענען אין זייער לעבן געגאַנגען! אַז עלטערן דערפילן דעם דאָזיקן צוועק, דערפילן זיי דערמיט אויך דעם צוועק פון גאָט, וואָס האָט עס אַלץ אַזוי באַשאַפן, כּדי די מענטשן זאָלן בעסער און קלוגער ווערן. דאָס איז אויך דער צוועק פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס שטרעבט זיך צו עפּעס העכערעס און פיינערעס! פאַר־שטייסטו, וואָס איך זאָג דיר, מיין ליבע טאָכטער? מיין לעבן איז דאָס לעבן פון מיינע קינדער; וואָס איך טו, בין איך פאַרפליכטעט צו טון! גאָט זאָל מיר נאָר העלפן, איך זאָל אַלץ אַזוי קענען טון, ווי איך וויל!...

אין עטלעכע טעג שפּעטער, אַז עס זענען פאַרטיק געוואָרן משהלעס ווינטערדיקע בגדים, וועלכע דער פעטער האָט אים געלאָזט נייען, האָט מען געמאַכט אַ פאַראַדנעם געזעגנמאָלצייט, צו וועלכן דער פעטער ר׳ שלמה מיט זיין פרוי זענען אויך איינגעלאַדן געוועז. ר׳ שלמה האָט מיטגעבראַכט אַ פּאָר מוסר־ספרים זיין פּלימעניק צום אָנדענק צו שענקען. מען האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, טיי געטרונקען, און ר׳ לייזער האָט געהייסן איינשפּאַנען די פערד. בערעלע שפּאַק האָט באַלד די פערד איינגעשפּאַנט אין ר׳ לייזערס אייגנעם פאַעטאָן, צוגעפאָרן צום גאַניק און האָט פריילעך געקנאַקט מיט דער בייטש. אַז עס איז געקומען די מינוט זיך צו געזעגנען, איז ר׳ שלמה דער ערשטער געוועזן, וואָס האָט אָנגעהייבן צו וויינען. עס האָט געוויינט אויך די מומע דבֿורה, ר׳ שלמהס ווייב, אויך חייעלע האָט איר טיכל צוגעטראָגן צו אירע אויגן; אויף זיי קוקנדיק, האָבן די קליינע קינדער אויך אָנגעהייבן צו וויינען.

— פאַר מיין זון, און גאָט זאָל דיך באַגלייטן אין דיין וועג! — האָט ר׳ שלמה אויסגערעדט — איך דאַנק דיר פאַר דעם נחת, וואָס דו האָסט אונדז פאַרשאַפט אין דער גאַנצער צייט, וואָס דו ביסט דאָ ביי אונדז געווען! פאַרגעס נישט איבער אַ יאָר צו אונדז ווידער צו קומען. גאָט זאָל געבן, דו זאָלסט אונדז אַלעמען געפינען בחיים ושלום!

ער האָט אים נאָך אַ שטיק תּורה געזאָגט, גוט, גוט אָנגעקושט, און איז אַוועק אַהיים. „איך האָב אַ שוואַכע נאַטור, האָט ער דער־קלערט, איך קען נישט זיין דערביי בעת מען געזעגנט זיך, און מען וויינט״.

עס האָבן משהלען הערצלעך געקושט אויף די ביידע מומעס, און אים אָנגעזאָגט: ער זאָל פאָרזיכטיק זיין אין וועג, גוט דעם האַלדז אַרומ־בינדן, ער זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן. רחלע איז צו אים נישט צו־געגאַנגען, ער האָט איר זיין האַנט געגעבן. „זיי געזונט, רחלע!״, האָט ער מיט אַ פאַרשטעלטער פריילעכקייט אויסגערעדט.

— פאָר געזונט, און קום געזונט! האָט זי געענטפערט, אַזוי ווי גלייכגילטיק, נאָר אין אירע שיינע אויגן האָבן אַ פּאָר טרערן געפינקלט און זיך געריסן איבער זיין האַנט אַראָפּצופאַלן.

— איר מעגט אייך צעקושן, ליבע קינדער, — האָט די מומע דבורה מתּיר געמאַכט. — צעקושט אייך, איר זייט נישט פרעמד איינאַנדער! — האָט אויך הייעלע געהייסן, און משהלע האָט צוגעדריקט זיינע ליפּן צו רחלעס און זיי האָבן זיך צעקושט.

רחלע האָט זיך נאָך אַלץ אָנשטענדיק געהאַלטן; נאָר אַז עס איז געקומען זיך צו צעקושן מיט איר טייערן פאָטער, וועלכער איז איצט אין איינעם געפאָרן ביז אַ נאָענטע אייזנבאַן, צו פאָרן ווייטער קיין פּעטערבורג, האָט זי זיך שוין נישט מער געקענט באַהערשן. זי איז אים אויפן האַלדז געפאַלן, אים געקושט און אירע טרערן האָבן זיך בעגאָסן אָן אויפהער. ר׳ לייזער איז אויך זייער גערירט געווען, און האָט זיין קינד צוגעדריקט צו זיין ברוסט און גרויסע און שווערע טראָפּנס טרערן זענען אים איבערן באָרד געפאַלן. זיי האָבן דאָסמאָל אַזאַ צו־הענגלעכקייט געפילט איינער צום אַנדערן, אַז זיי האָבן זיך מיטן גוטן ווילן נישט געקענט צעשיידן. די מוטער און די מומע האָבן זיי איבער געוואַלט געמוזט צעשיידן. מען האָט שוין רחלען פון שטוב נישט אַרויס געלאָזן און זי האָט די ליבע אָברייזנדיקע געקענט נאָר דורכן פענצטער־

באַגלייטן. אַז הייעלע איז צוריק אַריינגעקומען און רחלען ביים פענצטער ווי אַ פאַרשטיינערטע געפונען, האָט זי מיט אַרויקן געמיט געזאָגט:

— וואָס איז אַזוינס געשען? דאָס ערשטע מאָל פאָרט דער טאַטע אַוועק? זאָל ער פאָרן געזונטערהייט און קומען געזונט, גאָט זאָל אים גאָר זיינע געשעפטן מצליח זיין! שעם דיך, מיין טאָכטער! פאַרוואָס וויינסטו נישט, אַז די מאַמע דיינע פאָרט אַוועק? די קרוין דיינע האָט ער דיר אַוועקגעפירט?

די מומע אָבער, וואָס האָט תּולה געווען, אַז רחלע וויינט עס געכער צוליב דעם, וואָס משהלע איז אַוועק געפאָרן, האָט נישט שטאַרק פאַראיבל געהאַט אויף איר פּלימעניצע, און האָט הייעלען געזאָגט:

— לאָז זי צו רו, מיין שוועגערין! מען קען די טרערן נישט איינהאַלטן, בעת דאָס האַרץ איז פול. לאָז זי צו רו, זי וועט זיך אויסוויינען, וועט זי אויפהערן; רעד איצט נישט מיט איר אַזוי, מסתּמא איז דאָך דאָרט ביי איר אין האַרצן דאָ אַן אָרט, פון וואַנען עס קוועלן די טרערן!

— זי איז אַ קינד, און ווייטער גאָרנישט! — האָט הייעלע, ווי אַ ברוגזע, אַ זאָג געטון און האָט רחלען געלאָזן ביים פענצטער און איז מיט דער מומע פון שטוב אַרויס.

רחלע איז נאָך לאַנג נעבן פענצטער געשטאַנען און געקוקט, ווי דער פאַעטאָן האָט זיך אַלץ דערווייטערט און וואָס ווייטער, האָט זי אים אַלץ קלענער און קלענער געזען, ביז ער האָט זיך אָן אַ זייט פאַרקערט און אין גאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי האָט אָבער אירע אויגן נישט געקענט אָפּווענדן פון דער זייט הימל, וווּ אירע געליבטע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

חלק ב.

א.

רחלע האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, נישט אין שטוב, נישט אין דרויסן. אומעטום האָט איר האַרץ געצויגן, עפּעס געזוכט, און האָט ער גערן. אומעטום האָט איר האַרץ נישט געפונען. האָט זי מיט איר מוטער גערעדט, האָט זי געפילט, אַז נאָר די צונג רעדט, נאָר די ליפּן שאָקלען זיך, אָבער דאָס האַרץ איז דערביי נישטאָ. דאָס האַרץ רעדט עפּעס אַנדערש, דאָס האַרץ ליידט אַ מין הונגער, וואָס נישט מיט עסן קען עס זאַט ווערן; אַ דורשט, וואָס נישט מיט וואַסער קען מען עס לעשן. אויסרעדן זיך וויל דאָס האַרץ, אָבער נישט פאַר אַ מוטער, נישט פאַר איר מוטער קען זי עס רעדן...

— וואָס איז דיר, מיין רחלע? — האָט פייגע אַמאָל געפרעגט, אַז זי האָט רחלען געפונען אַ וויינענדיקע אַליין אין איר צימער. — וואָס וויינסטו?

רחלע האָט אַליין נישט געפילט, ווי אירע טרערן האָבן זיך געגאָסן און נישט געוווּסט, אַז זי וויינט.

— אַך, פייגע, איך געפין מיר קיין אָרט נישט! זיץ איך אין שטוב, ציט מיך אויפן גאַס, קום איך אויפן גאַס, ווילט זיך מיר צוריק אין שטוב. מיר איז גלייך ווי דאָס האַרץ אין מיר בלאָנקעט אַרום, גלייך ווי עס איז קראַנק אין מיר און ווייס נישט, וואָס עס וויל.

— אַזוי מוז זיין, מיין טאָכטער, — האָט פייגע דערקלערט, — עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין, ווען מען בענקט: דיין האַרץ זוכט איצט דאָס, וואָס איז אים ליב, דאָס וואָס איז אים טייער. אוי, מיין קינד, מיר דאַרפסטו אַ סך נישט זאָגן, איך ווייס: דיין האַרצן פעלט עפּעס אַזוינס, וואָס עס האָט געהאַט אויף אַ ווייַלע; דיר איז, ווי איינעם, וואָס חלשט נאָך אַ טרונק וואַסער, און טרינקט אַזוי פיל, וויפל ער קען נאָר די ליפּן באַנעצן. אַ גרויס פאַרזען איז געווען פון דיין

ליבן פאָטער, וואָס ער האָט געצײלט אַזוי גיך אַוועק צו פאָרן מיט משהלען. וואָס וואָלט ער דאָרט ביי זיין אַלטן זיידן פאַרזוימט? אַ טרייער, אַ קלוגער פאָטער, מיר אַזאַ יאָר, אָבער אַ מאַנסביל בלייבט אַ מאַנסביל. ווי קומען זיי צו וויסן · וואָס עס טוט זיך אין יונגן האַרצן פון דער אשה, בעת עס געוווינט זיך צו צו דעם, וואָס ווערט אים ליב און טייער? דו בענקסט, רחלע, נאָך דעם ליבן משהלען! שעם דיך נישט, ביסטו דען שולדיק, וואָס גאָט האָט דיין האַרץ צוגעבונדן צו אים? ווילסטו געוויזן ווערן פון בענקען? פאָלג מיר און דערמאָן זיך, אַז משהלען איז איצט אויך אַזוי ווי דיר. האָף צו גאָט, ער וועט אייך צוריק צענויפברענגען. און מער נישט צעשיידן די הערצער, וועלכע ער אַליין האָט צוגעבונדן.

רחלע האָט זיך געשעמט, אַז זי האָט דאָס פון דער אַלטער געהערט. אָבער זי האָט געגלויבט, אַז דאָס איז ווירקלעך די סיבה פון איר אומרויקייט און געהאַפּט און זיך געטרייסט דערמיט, וואָס משהלען איז איצט אויך אַזוי; זי האָט אין אירע געדאַנקען גיכער אַ ים געוואָלט טרייסטן ווי זיך. איר האַרץ האָט נאָר געשריגן: „זיי דו רויק, מיין ליבער משהלע, זיי זיכער, אַז איך בענק נאָר נאָך דיר; דיך ליב איך, מער ווי זיך, מער ווי אַלץ אין דער וועלט!“ אין אַזעלכע געדאַנקען האָט זי זיך נישט נאָר באַרויקט, אָבער אויך אַ דערקוויקנדע זעליקייט געפונען; אירע זיפצן זענען איר ליב, ווי אַ זיסע מוזיק געוואָרן און זי האָט אירע טרערן ווי זיסן וויין געטרונקען. איינמאָל האָט זי זיך אַ פרעג געטון: „איז דאָס אמת? בענק איך נאָר נאָך משהלען און נאָך מיין ליבן פאָטער גאָרנישט? אַך, ווי אומדאַנקבאַר בין איך אים! איז מיר דער פאָטער נישט דער ליבסטער מענטש אין דער וועלט? משהלע וואָלט מיך פיינט האָבן, ווען ער זאָל נאָר וויסן, אַז צוליב אים האָב איך זיין טרייען קלוגן פעטער, יאָ, מיין ליבסטן פאָטער פאַרגעסן!“ פון דער מינוט אָן האָט זיך איר, סיי אין שלאָף און סיי אויפן וואָר, דעם פאָטערס געזיכט פאָרגעשטעלט, אָבער אַזוי טרויריק, אַזוי מיטליידיק, מיט אויגן פול טרערן קוקט ער שטום און באַדויערנדיק אויף איר; דאָס האַרץ ווערט איר פאַרקלעמט און זי שרייט נישט ווילנדיק אַרויס: „פאַרצייַ מיר פאָטער, איך האָב דיך נישט פאַרגעסן! איין מינוט נישט פאַרגעסן! משהלע ליבט דיך אַזוי ווי איין און מיר וועלן אייביק, אייביק מיט דיר זיין!“ נישט יוצא צו זיין מיט אירע געדאַנקען אַליין, האָט זי אַ באַזונדערע צערטלעכקייט אויף דער מוטער אָנגעהייבן ווייזן; צייטענווייז פלעגט זי איר האַנט קושן און צו איר זיך

אַזוי רירנדיק צו צעטוליען, אַז זי פלעגט אַליין נישט פילען, ווי אירע טרערן פלעגן זיך אָנהייבן צעגיסן און דער מוטער פלעגט קאָסטן מי זי צו באַרויקן. אָנפאַנגס האָט די מוטער געמיינט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ נאָכגעגעבענער קינדערשער קאַפּריז און פלעגט לאַכן און חוזק מאַכן פון איר. נאָר שפּעטער האָט זי אַליין באַמערקט, ווי גערן רחלע אַליין וויל זיך לוסטיק מאַכן און קען נישט און חייעלע האָט זיך אָנגעהייבן ערנסט באַאומרויקן: צו איז נישט מיט איר ליב קינד, וואָס נישט גוטעס געשען? זי האָט אָנגעהייבן פאַרשידענע סגולות צו טון, עין-הרעס געשפּראָכן און געקלערט דעם רבין, זאָל לעבן, אַ פּדיון אַוועק צושיקן פאַר איר קראַנק קינד.

דער פעטער, ר׳ שלמה, האָט אויסגעלאַכט חייעלעס אַלע סגולות און אָפּשפּרעכעכצן און האָט רחלען געזאָגט:

— ווילסטו, מיין טאָכטער, געטרייסט זיין און קיין נאַרישע זאָרג און מחשבות צו דיין האַרץ און קאָפּ נישט צו צולאָזן? זאָלסטו נאָר דאַווענען פרום אַלע טאָג: שחרית, מנחה און מעריב. אָבער דאַווענען אַזוי, אַז דיינע אויערן און דיין האַרץ זאָלן הערן, וואָס דיין מויל רעדט, זאָלסט דערביי טאַקע נישט זשאַלעווען, זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך תּהילים יעדן טאָג, וועסטו געזונט ווערן, זאָג איך דיר! דו ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ טייערע רפואה דאָס תּהילימל איז צו אַ קראַנקען האַרצן! איך זאָג דיר, מיין טאָכטער, דאָס איז אַ באַלזאַם אַ טייערער, אַלע זאָרג, אַלע בייַנקעכצן און אַלע עגמת-נפשן צו היילן; אַזאַ באַלזאַם, וואָס מען באַקומט אין קיין אַפּטייק פאַר כּל דון נישט. פּרוב, אַדרבה, דיין פעטערס רפואה, וועסטו זען ווי דו וועסט מיר דאַנקען!

זי האָט דעם פעטערס רפואה געפּרובט, און ווירקלעך אָנגעהייבן פילן ווי זי ווירקט אויף איר געמיט צום גוטן. חייעלען האָט הנאה געטון, וואָס רחלע איז איצט, אין דעם פאָטערס אָפּוועזנהייט, פרומער און צו איר נענטער ווי פריער.

— זעסטו מיין קינד, — האָט זי איר אַמאָל געזאָגט, — איז נישט גלייכער, אַז מען איז פרום? מען קלערט נישט צו פיל, מען האָט גאָט, ברוך הוא, שטענדיק אין האַרצן און מען פאַרגעסט נישט אָיין מינוט, אַז מען איז אַ יידישע טאָכטער?

— מוטער, וואָס איז אַ יידישע טאָכטער? — האָט רחלע געפרעגט.

— אַ יידישע טאָכטער, אויב דו ווילסט וויסן, וואָס דאָס איז? — האָט די מוטער געענטפערט, — וועל איך דיר זאָגן, הלואי וואָלסטו עס

שוין ביי מיר לאַנג געפרעגט. אַ יידישע טאָכטער דאַרף וויסן, אַז זי איז אַן אשה, אַ פרויענצימער, איר קאָפ איז נישט באַשאַפן צו קלערן און צו וויסן הויכע זאַכן, דאָס איז נאָר געגעבן געוואָרן פאַר די מאַנסלייט. פאַרשטייסטו מיין קינד? נאָר דריי מצות האָט גאָט, ברוך הוא, אונדז, נשים, געבאָטן; די דריי מצות, אַז מיר היטן אָפ מיט אַלע זייערע פרטים, זענען מיר „יידישע טעכטער", די אָבער, וואָס מיינען, אַז זיי דאַרפן אַלץ קענען, אַלץ וויסן, ווי זיי, ווי די מאַנסלייט ווייסן, און טון דעם קאָפ אַריין אין קלערן, אין לערנען אַזעלכע תורות, וואָס איז נישט פאַר אונדז, נשים, געגעבן געוואָרן, פאַרגעסן גאָר, אַז זיי זענען יידישע טעכטער. דיין טאַטע, איך האָב עס אים נישט איינמאָל, נאָר הונדערט מאָל געזאָגט, ער, נאָר ער האָט דיך פון טראָפ אַראָפגעפירט. ער פלעגט מיט דיר לערנען, פונקט ווי מען לערנט מיט אַ יינגעל, און דאָס איז אַ זינד פאַר גאָט און אַ שאַנד פאַר לייטן. נו, זאָג מיר, אַדרבה, וואָס האָסטו פון דעם, וואָס ער האָט מיט דיר געלערנט? געזונט האָט עס דיר נישט צו געגעבן; שווערן וועל איך גיין, אַז דאָס, וואָס דו פילסט דיך איצט אַזוי מרה־שחורהדיק, נישט צו געקומען זאָל עס ווערן, איז נאָר דעריבער, ווייל ער, און אַזוי ווי ער, משהלע דער שוטה, האָבן דעם מוח דיר אויפגעהייבן מיט זייערע פוסטע זאַכן! גלויב מיר, משהלע איז מיר אַ ליבער און אַ טייערער גאַסט געווען, איך רעד, חלילה, אויף אים קיין רשעות נישט, פאַר אים פאַסט טאַקע צו קענען אַלץ און אַלץ צו וויסן; זיין טאַטע, אונדז אַלעמען צו לענגערע יאָר, האָט אויך געקענט. משהלע האָט אויך אויף זיך אַן אייזערנעם קאָפ, מען זעט דאָך טאַקע פון דער דרשה, וואָס ער האָט געזאָגט; ווי איך בין אַן אשה, פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך, וואָס גוט איז, אָבער איצט בין איך גערן, וואָס ער איז אַוועק געפאָרן און דרייט דיר מער דיין קאָפ נישט מיט זיינע, איך ווייס אַליין נישט, ווי דאָס אָנצערופן, און וואָס זאָל איך לייקענען? איך בין טאַקע צופרידן, וואָס דער טאַטע אַליין האָט דיך אויך געלאָזן אָפרוען אויף עטלעכע וואָכן, דו זאָלסט טאַקע צייט האָבן זיך צו דערמאָנען, אַז דו ביסט אַ יידישע טאָכטער. אויף כפרות ברויכסטו די נאַרישקייטן! אָט לערן דיך פון דיין מאַמען: דאַוונען, דינען גאָט מיט דעם, וואָס מיר היטן אָפ זיינע געבאָטן, און ווייטער פריילעך זיין!

רחלע האָט געשוויגן, דער מוטער איין וואָרט נישט געענטפערט.

— מיין נישט, — האָט חייעלע ווידער אָנגעהייבן, — אַז דער טאַטע

דיינער מיינט: דיך טאַקע צו מאַכן פאַר אַ גמרא־למדן? חלילה, ער ווייס אויך, אַז נישט דו טאָרסט לערנען, נישט דו קענסט לערנען. אַי, פאַרוואָס טוט ער דאָס פאָרט אַזוי? איז דער תירוץ: ער ווייס, אַז איך האָב פיינט גאָר צו הערן דאָס, וואָס מיר טויג נישט. אַז ער פלעגט באַלד נאָך אינדזער חתונה מיך וועלן מאכן פאַר אַ למדן, פלעגן מיר זיינע רייד אין איין אויער אַריין און דורך דעם אַנדערן אַרויס. ער האָט שוין אַזאַ טבע צו וועלן אַרויסווייזן. וואָס ער קען; נו, אַז איך וויל נישט הערן, האָט אים גאָט דיך צוגעשיקט און ער איז גליקלעך, אַז ער קען ווייזן זיין קינד, וואָס ער קען, וואָס ער טראַכט. אַי, ביי דעם קינד נעמט עס נאָר געזונט צו און פירט עס איבער, דאָס איז נישט זיין דאגה. זעסטו דאָך, וואָס ער האָט פון דיר געמאכט. אַזאַ יאָר מיר, ווי איך בין דיר געטרייער און איך פאַרשטיי בעסער, וואָס דיר טויג; זאָל ער דאָרט זיין געזונ־טערהייט, ווו ער איז. דו האָסט דאָ גאָרנישט אָנגעווירן; אדרבא, ביז ער וועט, אם ירצה השם, קומען, וועסטו ווערן אַ מענטש, ווי דיין מאַמע איז, און דו וועסט שפּעטער זיינע חקירות גארנישט וועלן הערן!

„אָ, ווי ווייניק קען מיין מוטער איר טייערן, ליבען און טרייען מאַן! האָט רחלע פאַר זיך נאָך אַזאַ געשפּרעך איבערגערעדט. ווי בי־טער מוז דאָס אים זיין, דעם פאָטער, אַזוי ווייניק געאַכט און געשעצט צו ווערן, פון זיין אייגענער פרוי! אַך ווי ביטער איז מיר, אַז איך ברויך עס צו וויסן! איז זי נישט מיין מוטער, וועלכע איך ליב פון גאַנצן הארצן און וועלכע איך בין מחויב צו אַכטן און פאַרערן גלייך ווי דעם פאָטער? קען איך אָבער פאַר ביידן יוצא זיין, בעת די ביידע זענען אַזוי ווייט איינע פון די אַנדערע? יאָ, בעת זייער פארלאַנגען פון מיר איז אַזוי פארשידן? קען איך מיין מוטער יעצט געבן גערעכט? ניין, איך פאַרלאַנג פון איר נישט, וואָס זי קען נישט, זי וויל אָבער דווקא איך זאָל זאָגען: פינצטער, בעת עס איז לעכטיק. אָבער אום עס צו זאָגן, מוז איך פריער בלינד ווערן, אָבער איך וויל נישט בלינד ווערן. האָט מיר גאָט אויגן געגעבן, איך זאָל זיין ליכט נישט זען? מיר געהירן אין מיין קאָפּ באַשאַפן, איך זאָל נישט דענקען? נישט פאַרשטיין, בעת עס דענקט זיך פאָרט און עס ווילט זיך פאַרשטיין?... איז טאַקע נאָר יענע די אמתע יידישע טאָכטער, וועלכע וויל פון קיין זאַך נישט וויסן, נאָר פון די דריי מצוות, ווי מיין מוטער זאָגט? ניין, איך גלויב נישט, אַז גאָט האָט אונדז, יידישע טעכטער, אַזוי שפּל און קליין באַשאַפן! אַ יידישע טאָכטער מוז אויך ווי אַ יידישער זון

ווייסן, וואָס יידישקייט איז, וואָס אונדזער אמונה, אונדזער תּורה זענען; נאָר דאַן איז זי אַ יידישע טאָכטער, אַז זי פאַרשטייט דעם יידישן גלויבן, יידישע תּורה און ווייס, וואָס האָט געטראָפן דעם יידישן פאָלק! נאָר דו, פאָטער, ווייסט, ווי מיר ליב צו מאַכן אונדזער אמונה, אונדזער תּורה און אונדזער אָרעם פאָלק. נאָר דו האָסט מיך פאַר אַ יידישע טאָכטער געמאַכט! ווי ליב איך דיך, פאָטער! אָבער מיין מוטער איז מיר אויך ליב. גאָט אין הימל, לערן מיך יוצא זיין פאַר ביידע, לערן מיך, אַן אמתע יידישע טאָכטער צו זיין"!

ווי עגאָיסטיש חייעלע איז געווען, איז זי דאָך קיין שלעכטע מוטער נישט געווען צו אירע קינדער, רחלען האָט זי אויך באַזונדערס ליב געהאַט: איר פלעגט הנאה טון, אַז זי פלעגט הערן ווי לייט לויבן זי, איינע פאַר איר שיינקייט, פאַר איר וווילגעראָטנקייט, וואָס זי קען לשון־הקודשע און רוסישע בריוולעך שרייבן און אַפילו „פאַפירן" לייענען, אַנדערע — פאַר אירע גוטע מדות, פאַר איר באַשיידנהייט און גוטסקייט צו יעדן. חייעלע אַליין האָט געזען ביי אירע שכנים זייערע טעכטער, מיט איר רחלען אין איינע יאָרן, ווי וויט זענען יענע פון איר אין אַלץ! ווי אַנדערש פירן זיי זיך! באַרעדערקעס, גרויסע מיילער, אָדער וואָס נאָך ערגער איז; ווי קומען זיי צו רחלען? רחלע איז אַ קינד אַ גאָט בענטשונג! „אָבער איר געראָטנקייט האָט זי נאָר מיר צו פאַר־דאַנקען! פלעגט זי זיך טראַכטן, דאָס איז מיין זכות, מיין מזל; נאָר איין חסרון, דאָס קינד ווייס עס נישט און דער טאַטע פאַרדאַרבט עס"! איר האָט זיך געוואָלט, אַז רחלע זאָל אויך זיין אַ חסידה, און זיין ביי אים, זאָל לעבן, אַזוי אָנגענומען ווי זי, מען זאָל זאָגן: „ווי די מוטער, אַזוי די טאָכטער"! איצט איז צייט, האָט חייעלע זיך געזאָגט, אַז רחלע זאָל זיין, ווי איר מאַמע און נישט ווי איר טאַטע. און זי האָט ביי יעדער געלעגנהייט אָנגעהייבן מאַכן צו קליין געלט איר מאַן און רחלען פאַרוווּנדן דערמיט דאָס האַרץ ביזן גרונט און אַנשטאָט זי צו ציען צו זיך, האָט זי פון זיך זי אַלץ מער אָפּגעשטויסן.

רחלע האָט נאָר אין זיך געקלעמט, אָבער דער מוטער אַ וואָרט נישט גערעדט. דאָס האַרץ איז איר געווען פול מיט אַנגסט און זאָרג וועגן פאָטער. — איין פאַרגניגן איז איר געבליבן, בריוולעך שרייבן צו משהלען. דאָס ערשטע בריוועלע האָט זי אים מיט פאָלגענדע ווערטער געשריבן:

„מיין טייערער שוועסטערקינד, מיין ליבער משהלע!

עס איז שוין צוויי וואָכן אַריבער, זייט עס איז רעגנדיק, וואָלקנדיק ביי אונדז, און צום מוט איז אויך אַזוי! דאָרט, אין מענטשנס האַרצן, איז אויך דאָ אַ הימל, אַ בליוער רייינער הימל. די האָפענונג שיינט אין אים אַמאָל אַזוי לעכטיק ווי די אמתע זון אין אמתן הימל; דאַן איז לעכטיק אין האַרצן, לעכטיק אין די אויגן און מיר זעען די וועלט: אויך זי איז שיין און ריין; אָבער אין האַרצן, ליבער משהלע, מוז אויך אַ וואָלקן זיין, און עס ציט זיך אַ כמאַרע אַריבער איבער דער האָפענונג. עס ווערט פינצטער אין האַרצן, אויך אין די אויגן, און קוקט מען דאַן אין דער וועלט אַריין, איז זי אַזוי נישט שיין, אַזוי נישט ליב, אַז עס ווילט זיך גאָרנישט זיין אין איר. אָפט רעגנט זיך אויס יענער האַרץ-וואָלקן אין טרערן דורך אונדזערע אויגן און די האָפענונג שיינט ווידער אַרויס, און עס ווערט ווידער לעכטיק; אָפט אָבער הענגט דאָרט די טונקעלע כמאַרע וואָכנלאַנג און עס פּרעסט דאָס האַרץ, מען ווייס נישט, וואָס עס פעלט, וואָס מען וויל, מען געפינט נישט קיין פריי אָרט, ווו זיך צו צוטולען, ווו זיך צו בעהאַלטן, כאָטש קיינער יאָגט נישט, קיינער שטויסט נישט צוריק... צוויי וואָכן, אַז איבער קלייניצער הימל איז אויסגעשפּרייט אַ כמאַרע אַ טונקעלע און אַ טרויריקע, עס האָט אויך גענוג גערעגנט אין דער צייט. אָבער נאָכן רעגן, ווי פאַרן רעגן, עס איז אַלץ נאָך טונקעל און אַזוי טרויריק. צוויי וואָכן, משהלע, זייט אַזאַ כמאַרע הענגט איבער דעם הימל פון מיין האַרצן, וואָס איז אין מיר אַמאָל אַזוי ריין און קלאָר געווען!.. אַך, איך האָב שוין גענוג געוויינט און טרערן פאַרגאָסן אין דער צייט, אָבער עס איז נאָך אַלץ נישט בעסער, און די האָפענונג איז פאַרשטעלט און איך זוך זי, איך געפין זי אָבער נישט!...

דו האָסט מיר דערקלערט, פון וואַנען עס נעמען זיך וואָלקן און רעגן. קענסטו מיר נישט דערקלערן, פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ וואָלקן אין מיין האַרצן און פון וואָס גיסן זיך אַזוי די טרערן ביי דיין רחלען?...

אַז דו ביסט אַוועקגעפאָרן, בין איך נאָך אַ צייט ביים פענצטער געשטאַנען, געקוקט, גלאַט אין דער וועלט אַריין: ווי ווייט, ווי ברייט זי איז און וואָס האָב איך דאַן געטראַכט? איך האָב גאָרנישט געטראַכט, און האָב איך דען געקענט טראַכטן, אַז דער, וואָס האָט מיר געלערנט טראַכטן איז פון מיר אַוועקגעפאָרן? אַוועקגעפאָרן דאָרט אַהין, ווו עס איז ווייט, ווו מיין אויג זעט אים שוין נישט מער!!... און מיינע

אָרעמע נשמה? אַך, איך האָב זי געזען נאָכלויפנדיק נאָך אייער וואָגן וואָס האָט אייך ביירע אַוועק געטראָגן. זאָג, האָסטו נישט געזען, ווי זי לויפט אייך נאָך, אַ מידע, אָן אַן אָטעם? און ווי האָט זי זיך געבעטן, איר זאָלט זי צו זיך אַריינעמען, אַזוי שטאַרק די פערד נישט טרייבן, זי זאָל כאָטש אָן כחות נישט בלייבן אַזוי, אייך נאָכלויפנדיק! ... אַזוי, משהלע, בין איך געשטאַנען, ביז עס איז שפּעט געוואָרן און די שוואַרצע נאַכט־פינצטערניש האָט צוגעדעקט דאָס גאַנצע שטעטל. דאַן האָב איך דורך דעם פענצטער נאָר געזען מיין אייגן געזיכט צוריק, און עס קוקט אויף מיר אַזוי טרויריק ווי איך אויף אים און טרערן הענגען אויף זיינע ברעמען, זיי פאַלן נישט אַראָפּ, זיי זענען ווי פאַרפרוירן אין זיינע אָ..גן... — אַז איך בין פון פענצטער אַוועק, האָט שוין אין שטוב אַ לעכט געברענט. מע..טשן האָבן דערקלערט אַ מיטל, ווי זיך צו טרייסטן, ווען די לעכטיקע ז ן פאַרגייט. קענסטו מיר, משהלע, נישט זאָגן, וואָס פאַר אַ לעכטל זאָל איך אָנצינדן ביי מיר אים האַרצן, דאָרט ווו מיין זון איז פאַרגאַנגען און אין מיר איז אַזוי טרויריק, אַזוי פינצטער געוואָרן?...

איך בין צו מיינע ברידערלעך און צו מיין שוועסטערל צוגעגאַנגען; זיי האָבן זיך געשפּילט מיט די ווייסע זילבערנע צענערלעך און צוואַנציקער, וואָס דער טאַטע האָט זיי געלאָזן. גליקלעכע קינדהייט! אַ ווייס צענערל קען אָפּקויפן אַלע פרייד און פאַרגניגן, וועלכע מען פאַרלירט אין דער מינוט, בעת אַ ליבער טרייער פאָטער פאָרט אַוועק! ווי בין איך זיי מקנא איצט. אָבער ניין, די קינדער ווייסן נישט, ווי טייער, ווי ליב איז אַזאַ פאָטער, זיי ווייסן נאָך נישט דאָס גליק ווי צו שעצן, בעת דער פאָטער איז דאָ, און זאָרגט פאַר זיי אַזוי פיל דעריבער איז זיי אַ צענערל אויך אַ מקח! איך, מיין פריינט, ווייס שוין ווי אומשאַצבאַר טייער ער איז; נישטאָ אין דער וועלט אַזאַ רייכטום, וואָס זאָל מיר דערפילן, וואָס מיר פעלט, בעת ער איז נישטאָ!

איך האָב די גאַנצע נאַכט געשלאָפן רויק, מיט מיר איז שטענדיק אַזוי. די אומרויקייט פון ביי טאָג מאַכט מיך מיד, אַ מידע גיי איך אין בעט און איך פיל נישט, ווי איך ווער אַנטשלאָפן. אַז איך בין אויפגעשטאַנען, אין שטוב אַריינגעקומען, איז מיר צום מוט געוואָרן, ווי מען וואָלט עפּעס איינע פון די שענסטע זאַכן אונדזערע אַרויסגעטראָגן.

קענסטו דאָס געפיל, אַז מען איז געוווינט תּמיד צו זען פאַר די אויגן אַ שיין מעבל, און פּלוצים קומט מען אַריין און מיר געפינען עס נישט מער? מיינע אויגן זענען אומגעלאָפן איבערן צימער, זיי האָבן געזוכט. אַלץ, אַלץ איז אויף אַן אָרט געווען, אַזוי ווי נעכטן, אַזוי ווי אַלע מאָל, און דאָך האָב איך אין האַרצן געפילט, אַז עס פעלט עטוואָס... דיין ליבע געגנוואַרט, משהלע, פעלט איצט ביי אונדז אין הויז. אַך, אָט די געגנוואַרט האָט אונדזער הויז אַזוי ליכטיק, אַזוי אָנגענעם געמאַכט, און איך האָב מיך צו איר אַזוי צוגעוווינט, אַז מיר פעלסטו אויף יעדן שריט!

מיין ברודער מאָטעלע פרעגט מיך היינט: וווּ איז משהלע געפאָרן? „אַהין ווייט, ווייט!“ האָב איך אים געענטפערט.

„דאָרט, וווּ עס איז ווייט, האָט דאָס אומשולדיק קינד געזאָגט, דאָרט לאָזט זיך דער הימל אַראָפּ, דאָרט קען איצט משהלע, האָט ער מיט פרייד ווייטער געשריגן, דעם הימל מיט דער האַנט אָנרירן, נאָר ווייטער קען ער שוין נישט גיין, ווייל דאָרט איז שוין אויס וועלט!“ — און איך בין אויך אַמאָל אַזאַ איינפעלטיק קינד געווען און האָב אויך אַזוי געמיינט, ווי מיין יונג ברודערל. היינט אָבער ווייס איך שוין, אַז דאָרט איז דער הימל אויך אַזוי ווייט פון דער ערד, ווי דאָ... די וועלט האָט נישט קיין סוף און וויפל מען זאָל נישט גיין, קומט מען נישט קיינמאָל צו אַ ברעג. אָט דאָס וויסן, מיין ליבער פריינט, איז אָבער אַזוי טרויריק און ברענגט מיך צו אַזעלכע טריבע געדאַנקען, און איך פרעג מיך תּמיד: צו וועלכן ברעג ביסטו געפאָרן? וווּ איז דער ברעג? און וויפל וועסטו נאָך מוזן אַלץ ווייטער פאָרן, ביז פון דאָרטן דעם ברעג הימל צוריק דאָ צו זען, דאָ וווּ דיין רחלע איז?... אַך, ליבער פריינט, זאָג מיר, וווּ ביסטו? ווי ווייט ביסטו פון מיר? מיין אָרעמע נשמה האַלט נאָך אַלץ אין איין לויפן, זיך יאָגנדיק נאָך דיר! ווען וועסטו זיך אָבשטעלן, מיין נשמה זאָל אויף דיין האַלדז, אויף דיין ברוכט פאַלן און אויסרוען, זי איז אַזוי מיד, אַזוי אָן אָטעם, משהלע!... ווען, מיין פריינט, וועט מיין אויג צוריק געפינען, וואָס מיין האַרץ זוכט?

וואָס, ליבער פריינט, זאָל איך דיר נאָך שרייבן? ברויכסטו נאָך וויסן, ווי איך עס, ווי איך טרינק, ווי איך גיי און ווי איך שטיי? ווי אַלע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט! דו קענסט דיר לייכט פאָרשטעלן.

מיין געמיט האָב איך דיר אויסגעשריבן. זיי מיר געזונט, מיין ליבער, און שרייב אויך אַמאָל אַבריוועלע צו דיין רחלען".

ב.

עס האָבן זיך אָנגעהייבן ווייזן חתונות און חופות אין שטעטל, ווי אַלע יאָר אין דער צייט. חייעלע איז אומעטום אַ מחותנתטע געווען, אומעטום געטאַנצט און גאָר קיין דאגה געהאַט, וואָס איר מאַן איז צו הויז נישטאָ... אַבי, גאָט צו דאַנקען, ער שרייבט בריוועלעך, אַבי זיינע געשעפטן לאָזן אים נישט קומען. „און אַז ער בענקט אַביסל, ווי ער שרייבט, איז וואָס ?" פלעגט זי איבערעדן, „אַ קינד איז ער ? איבריגנס, בענקט ער געכער נאָך זיין טאָכטערל, אַלס נאָך זיין ווייב, איך בענק גאָר ישט, איך זאָג דעם אמת".

איין חתונה האָט חייעלע דערלויבט אָפּצעשפּילן ביי איר אין שטוב; זי האָט זיך אויסגעפּוצט מיט אירע בעסטע קליידער און טייערס־טע צירונג, און איז צו רחלען אין צימער אַריינגעקומען, בעטן, זי זאָל זיך אויך אָנטון און באַשיינען די מחותנים זייער שמחה. אַז רחלע האָט זי דערזען אויסגעפּוצט מער פון דער מחותנתטע, האָט זי געפילט פּלוצים אַ ווייטיק אין האַרצן, איר איז אַזוי נישט גוט געוואָרן, אַז די מוטער אַליין האָט זיך דערשראָקן און האָט איר דערלאַנגט אַביסל קאַלט וואַסער.

— וואָס איז דיר מיין קינד ? — האָט חייעלע זייער אומרויק גע־פרעגט און צוגעלייגט איר וואַרעם האַנט צו רחלעס קאַלטער שטערן.

— גאָרנישט ! — האָט זי באַרויקט, — איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז געווען. נאָר עס איז שוין אַריבער.

— אפשר נישט כדאי גאָר, זיך אָנצעטון, מיין קינד ? רו אָפּ, דו ביזט אפשר נישט געזונט און די חתונה קען דיר שאַטן, חלילה !

רחלע האָט געשוויגן, אין אַ ווייללע אַרום האָט זי אָבער געזאָגט: ניין, די חתונה קען מיר נישט שאַטן, די כלה איז מיינע אַ חברטאָרין, איר חתונה איז ביי מיר אין שטוב, אַז איך זאָל נישט זיין אויף איר שמחה, וועט עס זיין אַ גרויסע באַליידיקונג און אַ זינד. איך טו מיך שוין אָן, האָב קיין זאָרג ליבע מוטער, איך בין געזונט.

זי האָט זיך באַלד אָנגעטון און איז אין זאַל אַריין. ווו עס זיינען שוין געזעסן פיל אויסגעפוצטע שטאָטיקע ווייבער און מיידלעך. די כּלי־זמר האָבן מיט איינציקע ציען דעם סמיציק איבערן פידל גע־פּראָבירט דעם טאָן. איינער האָט שטיל, קוים צו הערן, געשפּילט אַ פאַנטאַזיעלע. קליינע קינדער, יינגעלעך און מיידעלעך, האַלב און גאַנץ אויסגעפוצטע, האָבן זיך אַרומגעקליבן און צוגעקוקט אַלץ, וואָס די כּלי־זמר טוען; איינער האָט געגנבעט אַ קלאַפּ מיט זיין פינגערל איבערן קעסל־פּויק, אַן אַנדערער האָט מיט אַ פינגער אַרויסגעכאַפּט אַ טאָן פון אַ סטרונע פון אַ פידל.

— „אַוועק, שייגעץ“! האָט דער האַלב בלינדער פּייקלער אַ געשריי געטון.

די קינדער זענען זיך צעלאָפן. אין דעם זענען אַריינגעקומען רחלעס צוויי ברודערלעך, אַרומגעוואַשענע אוסגעפּוצטע, מיט זייערע סאַמעטענע קאָסטיומלעך, מיט זייערע שיינע קאַפּעלושלעך. זיי זענען אויך באַלד צו צום פּויק. דער עלטערער האָט אָנגעהייבן ציען דעם סמיציק איבער דעם פידל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און דער קלענערער האָט נאָכאַנאַנד מיט זיין גאַנץ הענטל געקלאַפּט דעם קעסל־פּויק. אַנשטאָט אַוועק צעטרייבן, האָט דער כּלי־זמר אים געקניפּט אין בעקל און דערווייל באַטראַכט זיין שיין קאָסטיומל. די איבעריקע קינדער האָבן מקנא געווען די גליקלעכע פּרינצלעך, וואָס אַפילו אַ כּלי־זמר האָט פאַר זיי דרך ארץ און זיי מעגן פאַר זיי די אויגן קלאַפּן דעם פּויק, אַפילו ציען מיטן סמיציק, וויפל דאָס האַרץ גלוסט און קיינער זאָגט זיי אַ וואָ־ט נישט.

רחלע האָט די דאָזיקע אומשולדיקע קינדערישע קנאה באַמערקט. זי האָט באַלד צוגעפירט יעדעס קינד צום פּויק, צום פידל, זיי זאָלן אויך פאַרזוכן דעם נחת און גליק פון אַ קלאַפּ דעם קעסל־פּויק און אַ צי דעם סמיציק איבערן פידל. מאַנכע האָבן אויף איר זייערע שיינע אייגעלעך אויפגעהייבן, און זי האָט געפילט דעם ריינעם וואַרעמען דאַנק, וואָס זאָגט איר אַ יונג באַגליקט הערצעלע; אָבער נאָכמער האָט זי באַגליקט אַ יונג יינגעלע פון זעקס יאָר, וועלכער איז מיט זיין אָרעמער מוטער, שרהלע די אַלמנה, געשטאַנען נעבן טיר. ווי דאָס אָרעם קינד וואָלט געפילט זיין אָרעמקייט, האָט עס קיין מוט נישט געהאַט פריי אומצעלויפן אין זאַל, ווי אַלע אַנדערע קינדער, וועלכע זענען נישט אַזוי אָרעם אָנגעטון, ווי ער; עס האָט זיך אויך נישט אינטערעסירט איצט, נישט

מיטן פויק, נישט מיט דער פידל, אויך נישט מיט דער גאַנצער התונה. ער איז נאָר טרויריק נעבן זיין אָרעמער מוטער געשטאַנען און אַן אויג נישט אַראָפּגענומען פון רחלעס ברידערלעכס שיינע קאָסטיומלעך מיט די זילבערנע קנעפּעלעך. אין זיינע גרויסע קלוגע אייגעלעך זענען טרערן געווען, די טרערן האָט רחלע געזען און איר גוט האַרץ האָט איר אַלץ דערציילט, וואָס דאָס אָרעמע קינד פילט איצט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים, אַ גלעט געטון אין זיין יונג בעקעלע, אָנגענומען זיין הענטל, אַריינגעפירט עס צו זיך אין צימער. דאָרט האָט זי דאָס קינד אַליין ריין אָרומגעוואַשן, אויסגעטון זיינע האַלב צעריסענע קליידעלעך, אָנגעטון פון קאָפּ ביז די פיס איר עלטערן ברודערלס אַ קאָסטיומל, אויך זיינע בלאָנדע לאָקן האָט זי פאַרקעמט און עס צוגעפירט צו איר שפּיגל, ווו דאָס קינד האָט זיך געזען אין גאַנצן און האָט אַ פּנים זיך אַליין נישט דערקענט.

— וועמען זעסטו דאָרט? האָט רחלע מיט אַ פריינטלעכן שמייכעלע געפרעגט.

— אייך! — האָט דאָס קינד געענטפערט.

— און זיך זעסטו דאָרט נישט?

דאָס קינד האָט רחלעס האַנט צוגעטראָגן צו זיינע רויטע ליפּעלעך און האָט אַ פולן קלינגענדן קוש אַרויפגעדריקט.

— טראָג געזונט, מיין קרוין! — האָט רחלע אים צו געוווּנטשן, — דאָס וועט שוין דיינס זיין, קיינער וועט עס ביי דיר נישט אָפּנעמען!

דאָס קינד האָט זי פאַרוווּנדערט און רירנדיק אָנגעקוקט. זי האָט אויך שרהלען אַריינגערופן צו זיך אין צימער, און דאָ איז געווען די סצענע נאָך רירנדיקער, אַז אַפילו די מוטער האָט איר איינציק ליב קינד אַזוי אויסגעפּוצט דערזען און נישט דערקענט.

— מאַמע! — האָט דאָס קינד גליקלעך אויסגעשריגן, — ערשט איצט האָט די מוטער איר קינד דערזען און טרערן זענען איר פון אירע אויגן אַרויס; זי האָט איר קינד קיינמאָל אַזוי שיין נישט געזען, ווי איצט.

— איך פאַרקויף עס אייך, שרהלע — האָט רחלע איר געזאָגט, — אויף מיין ברודערל איז עס קורץ און ענג, אויף אייער קינד איז עס ווי אויסגעגאָסן, זאָל אייער יאָסעלע זיי געזונטערהייט טראָגן און צעַרייסן און איר זאָלט אים קענען מאַכן בעסערע און טייערע קליידער! זאָרגט נישט, האָט זי ווייטער געזאָגט, אַז זי האָט דער מוטערס טרערן

דערזען, איר וועט מיר שוין באַצאָלן, מיר וועלן זיך שוין אויסרעכנען אַמאָל! נישט אמת, שרהלע, אייער יינגעל וועט זיין דאָס שענסטע קינד אויף דער חתונה איצט?

די מוטער האָט קיין ווערטער נישט געהאַט, איר פרייד און דאַנק אויסצודריקען. זי איז רחלען אויפן האַלדז געפאַלן און האָט איר דאַנק מיט הייסע קושן אויסגעדריקט.

— אָ, טייערע רחלע, — האָט דאָס אָרעם ווייבל, ענדלעך, אויסגערעדט, — נישט אומזיסט האָסטו אַזאַ מזל אַ גוטן! נישט אומזיסט האָט דיר גאָט אַזוי פיל חן און שיינקייט געגעבן, דיין האַרץ אין דיר איז נאָך שענער! ביז מיין טויט וועל איך עס דיר געדענקען און ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך גאָט פאַר דיר בעטן!

רחלע האָט איר צוריק באַדאַנקט פאַר אַזעלכע גוטע רייד, און האָט אויך דער מוטער געגעבן אַ קלייד זיך אָנצעטון, אויף איר אָנגעטשעפּעט אַ שיין שלייפל, און מוטער און קינד זענען אויף דער חתונה מיט זייער אָרעמקייט נישט פאַרשעמט געוואָרן.

קיינער האָט רחלען אַזוי שיין און ליבנסווירדיק נישט געזען, ווי אין דעם אָוונט. אַז זי איז צוריק אין זאַל אַריינגעקומען, האָבן זיך אַלע אויגן, נישט ווילנדיק, געווענדעט אויף איר. די מוטער האָט באַמערקט, ווי מען עסט אויף איר קינד מיט די אויגן און איז אין האַרצן שטאָלץ געוואָרן, וואָס איר רחלע איז דאָס שענסטע, גראַציעזיסטע פריילין דאָ אויף דער חתונה, כאָטש עס זענען זיך דאָ צעזאַמענגעקומען די פאַרנעמסטע און רייכסטע קינדער פון שטעטל. זי האָט נאָר מורא געהאַט פאַר „אַ גוט אויג". זי איז פון זאַל אַרויסגעלאָפן, געכאַפּט אין קיך אַביסל זאַלץ אין אַ פּאַפּירל, און אַז זי איז צוריק אַריינגעקומען, האָט זי איר טאָכטער אַרום גענומען, אָנגעהייבן קושן און דערווייל איינגעבונדן הינטן אַרום אין אַ ברעג קלייד דאָס פּאַפּירל מיטן זאַלץ: אַ טייערער סגולה צו „אַ גוט אויג".

רחלע האָט געטאַנצט מיט דער כּלה, מיט יעדן מיידל, און די כּלי־זמר, וואָס מעסטן און וועגן שטענדיק זייער שפּילן אַטאַנץ, אויפן צאָל און אויפן לויט, האָבן איצט, ווען רחלע האָט געטאַנצט, געגעבן אויף דער מאָס און וואָג אַ הוספה און געשפּילט איבעריקע עטלעכע מינוטן; אַפילו די פידל, וועלכע האָט פאַר אַנדערע שלעפעריק און קרעכצנדיק געשפּילט, האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט און האָט פון זיך אַרויסגעגעבן לעבעדיקע האַרמאָנישע קולות. רחלע האָט „רינג, ווי

אַ פייגעלע, זיך געדרייט אין טאַנץ פון טאַקט צום טאַקט, ווי אַ שיין פייגעלע פון צווייג צום צווייגעלע, און אַפילו אַלטע ווייבער האָבן געזאָגט: „עס איז אויף אַזאַ געראָטן קינד אַ ברכה צו מאַכן!" „נאָר נאָכמער ווי די גרויסע, האָבן זיך אַמוזירט מיט איר די קליינע קינדער: זי האָט מיט יעדן קליין מיידעלע געטאַנצט און געלערנט אַ קליין דאַמעלע טאַנצן מיט אַ קליין הערעלע — אויף אַזוי פיל זענען נאָך קלייניצער פרומע יידן טאָלעראַנט געווען און האָבן דאַרין קיין פאַרשאַטקייט נישט געזען.

דריי אַ זייגער פאַרטאָג האָבן די מחותּנים און חתונה־לייט באַדאַנקט חייעלען פאַר איר באַשיינען זייער חתונה, זי געבענטשט, עס זאָל אין איר שטוב נאָר שמחות זיין. רחלען האָבן זיי געדאַנקט און געקושט פאַר איר משמח זיין זייערע געסט, זייער חתן־כּלה, און האָבן איר צוגעווונטשן צו טאַנצן אויף איר חתונה מיט איר אמתן באַשערטן, אם ירצה השם, גאָר אין גיכן.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער חתונה האָט זיך געמאַכט אַ ניי שמחהלע: ביי חייעלען איז געווען יאָרצייט נאָך איר פאָטער. נאָכן דאַווענען זענען געקומען עטלעכע חסידים פון בית־המדרש, דער פעטער ר' שלמה איז דאָ אויך געווען; חייעלע האָט געגרייט אַ טיש און אָנגעשטעלט עטלעכע פלעשער בראָנפן און האָט געטיילט לעקעך, הערינג מיט אייערקיכלעך, ווי אויף אַ קליין שמחהלע. דאָס דאָס רחלען זייער פאַרדראָסן; נישט אויף די חסידים, וואָס טרינקען גערן אומזיסטע משקה, איז זי ברוגז געווען, נאָר אויף איר מוטער, פאַרוואָס זי מאַכט דעם טרויריקן טאָג, ווען איר פאָטער איז געשטאָרבן פאַר אַ שמחה און פּאָיעט די חסידים מיט בראָנפן ביז שכּור צו ווערן. נאָכמער האָט זי פאַרדראָסן אויף איר פעטער ר' שלמהן, וואָס ער טרינקט אויך מיט אַלעמען צוגלייך און דערמאָנט נישט, אַז ער דאַרף זיך נישט גלייכן צו אַלעמען.

„זיי, די חסידים", האָט זי געטראַכט, האָבן ביי זייערע עלטערן בעסערס, אפשר נישט געזען ביי אַזאַ געלעגנהייט, אָבער ער, דער פעטער מיינער, האָט ביי מיין זיידן אַזעלכעס נישט געזען; ביי אים אין שטוב האָט איבערהויפּט קיין שכּור נישט באַדאַרפט אַריינקומען. אַ ייד אַ פרומער איז מיין זיידע געווען און ווי קומט אַ פרומער ייד בראָנפן צו טרינקען?" פאַר אַ יידן פּאַסט נישט שכּור צו זיין! זאָגט אויך מיין פאָטער, מיר, יידן, ברויכן שטענדיק אונדזער שׂכל קלאָר און

ניכטער האָבן בײַ זיך. אָן דעם שׂכל קען מען אונדזער תּורה נישט לערנען, אָן דעם שׂכל קען מען אונדזערע שווערע לאַגע אין גלות פֿאַרגעסן; בראָפֿן בעמט צו דעם שׂכל, און ווי קען אַ ייד אַ שכּור זײַן נאָך אַ ייד? ער, דער פֿאָטער, פֿאַסט בעסער אין דעם טאָג פֿון דעם זיידנס יאָרצײַט, ער טיילט צדקה און לערנט, ער גייט אויך אויפֿן בית־עולם, דאָרט וויינט ער זיך אויס אויף זײַן קבֿר. פֿאַר יאָרן בין איך מיט אים אויך מיטגעגאַנגען, ווי ווילט זיך מיר איצט ווידער אויף זײַן קבֿר זיך אויסוויינען! ער מוז דאָך געוויס וויסן, וואָס מיט מיר איז, וואָס איך בין אַזוי אומעטיק; איך וואָלט אים אַלץ אויסדערציילן, ווי אַלעבעדיקן אים אָנזאָגן, אַז משהלע איז בײַ אונדז געווען, ער איז אַזוי שיין אויסגעוואַקסן, אַזוי קלוג און אַזוי פֿיל געלערנט און איך האָב אים ליב און ער מיך אויך. אָך, דאָס וואָלט מיר אפֿשר גוטס טון און מיר וואָלט גרינגער ווערן צום מוט? בײַ אַזעלכע געדאַנקען איז זי ווידער אומעטיק געוואָרן און האָט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, מיט זיך געקעמפּט צו פֿאַרטרײַבן די מרה־שחורה.

דער מוטער איז שוין איבערדריסיק געוואָרן מיט איר צו רעדן. זי האָט אײַנגעזען, אַז רחלע איז „דער טאַטע און דער טאַטע!" אַזוי ווי ער הערט אויס פֿון איר אַלץ, ענטפֿערט אַ וואָרט נישט און בלײַבט זיך בײַ דאָס זייניקע, אַזוי איז זי אויך; דעריבער האָט זי אָנגעהייבן מיט איר שטרענגער און גרעבער זיך צו באַנעמען, און האָט געלאַכט און געשפּעט פֿון איר און פֿון איר טאַטן ביז יעדער געלעגנהייט.

אין אַוואָך אַרום נאָך דער יאָרצײַט, איז שימעלע מלמד געקומען אָנזאָגן, אַז מאָטעלע, איר ברודערל האָט מיט מזל אָנגעהויבן חומש, און אַזוי ווי מאָרגן איז ראש־חודש, איז אַ יושר, אַז חייעלע זאָל מאַכן אַ קליין סעודהלע מיט אַ ביסל משקה פֿאַרן רבין מיט זײַנע תּלמידים. חייעלע דאָט מאָרגן טאַקע געשיקט רופֿן דעם פֿעטער ר' שלמהן און נאָך עטלעכע יידן אויף דעם יום־טובֿ צוליב איר קינדס אָנהייבן חומש. רחלע האָט די קינדער אָנגעטון יום־טובֿדיק, אַליין האָט זי זיך אויך צו־געקליבן אַ ביסל פֿאַראַדנער, ווי געוויינלעך. אַ זייגער איינס בײַטאָג איז אַרײַנגעקומען ר' שימעלע מיט אַ גרויסן חומש אונטערן אָרעם, נאָך אים זענען אַרײַן אַלע קליינע תּלמידימלעך פֿון זײַן חדר. מען האָט זיך אַרום דעם גרויסן טיש געזעצט, דעם קליינעם בעל־שׂמחה אויבן אָן, און מאָטעלע האָט פֿאַרן געטער אָפּגעזאָגט די ערשטע פּרשה חומש, מיט אַלע אויסריידן פֿון רש"י און פֿון מדרש, מיט אַלע אַלטפֿרענקישע

טייטשווערטער אויך מיט דעם אַלטמאָדישן ניגון, פונקט ווי ר׳ שימעלע, זיין רבי, האָט אים געלערנט. ר׳ שלמה האָט זיין פלימעניקל אַ קניפּ געטון אין באַק, און די מוטער האָט איר קינד גוט גוט אָנגעקושט. רחלע איז נישט גאַנץ צופרידן געווען: זי האָט באַמערקט ווי דאָס קינד זאָגט ווי אַן אויסגעלערנטער פּאַפּוגײ אין פאַרשטייט מיטן אייגענעם שכל אַ האָר נישט, וואָס עס האָט געלערנט.

מען האָט דאָס קינד אויף די געוועגטלעכע נאַרישע פראַגן געפרעגט: „אין וואָס גייט דער חומש אָנגעטון, אין אַ זשופּיצע, אָדער אין שטיוול?״ „אין טאָוולן פון פּאַפּיער מיט לעדער באַצויגן!״ האָט דאָס קינד געענטפערט אויך אויף זיין רבינס ווונק״.

— איצט, שייגאַץ, — האָט דער פעטער געזאָגט, — מאַך אַ ברכה אויף דעם לעקעך: „בורא מיני מזונות!״ און אויף דעם בראָנפן: „שהכל נהיה בדברו״, און זאָג: „לחיים יידן!״

— פאַרוואָס, פעטער, רופט איר מיך שייגאַץ? — האָט דאָס קינד געפרעגט! — אַ שייגעץ מאַכט קיין ברכה נישט און קען נישט לערנען, איך אָבער מאַך יאָ אַ ברכה, און איך קען לערנען אויך.

— געטראָפן! — האָט זיך רחלע אַרויסגעכאַפּט מיט פרייד, און האָט ביים קינד צוגענומען דאָס גלעזל בראָנפן, — קום צו דיינע חברים, — האָט זי געזאָגט, — אַ קליין ייִנגעל דאַרף קיין בראָנפן נישט טרינקען, דיין טאַטע טרינקט אויך קיין בראָנפן נישט, אַ שייגאָץ סיידן טרינקט בראָנפן!

— אַזוי, חייעלע? — האָט זיך אָפּגערופן אַ הייסער חסיד, אַ שטאַרקער בראָנפן־טרינקער, — האַלט אונדז אייער כּלה נאָה פאַר שקצים, פאַר פּיאַניצעס? חייעלעס אַ טאָכטער! נאָכאַמאָל, הערט נאָר! חייעלע, וואָס איז אַ חסידישע אשה, אַזאַ יאָר מיר, האָט גאָר אַ טאָכטערל, וואָס זאָגט, אַז אַ ייד, וואָס נעמט אַ ביסל י״ש, איז אַ שייגאָץ?!...

— אנטשולדיקט, — האָט זיך רחלע פאַרענטפערט, — נישט אייך גרויסע, האָב איך געמיינט: איר קענט, איר מעגט; אָבער מיין ברודערל איז אַ קינד און דאַרף נאָך קיין בראָנפן נישט טרינקען!

— ניין, ניין, — האָט דער חסיד געשריגן, — דאָס שמעקט מיט נעבאַלבעטקייט! איך בין שטאַרק מסופק אויב ביי דיר וועט גאָר רעכט זיין, אַז דיין מאַן אפילו זאָל טרינקען בראָנפן אויף אַ סעודת מצוה? פּיאַניצעס זענען מיר? אין אַ שענק האָבן מיר זיך צוזאַמענגעקליבן שכּורן? ווי פאַרגעסטו דאָס גאָר, אַז דיין ברודערל האָט חומש אָנגעהייבן? ווייסטו דען, וואָס איז חומש?

— עס קען זיין, איך ווייס, — האָט זי געענטפערט, — אָבער וואָס האָט חומש צו בראָנפן? איבריגנס, האָט מיין ברודערל ערשט דעם חומש אָנגעהייבן און ער וועט צייט האָבן צו טרינקען, אז ער וועט אים ענדיקן.

— דו ביסט אַ נאַרעלע, — האָט דער באַליידיקטער בראָנפנטרינקער געזאָגט, — חומש אָן אַ ביסל בראָנפן לערנט אַ קאַלטער מתנגד, איז טאַקע זיין חומש אַזוי קאַלט ווי ער, און זיין יידישקייט איז נאָך קעלטער; נישט אים, נישט גאָט ווערט וואַרעם פון זיין חומש. אַ חסיד טוט אַ טרונק בראָנפן, ווערט ער וואַרעם, לערנט ער חומש מיט וואַרעמ-קייט, דינט ער גאָט מיט היץ און דאָס איז טייערער פאַר אַלץ! אויף דיינער צו להכעיס זאָל דאָס יינגל דאָס זאָגן „לחיים״ אַלע מסובים און טאַקע זיין אַ חסיד! חייעלע, אייך זאָג איך, איר זאָלט דאָס קינד, נישט לאָזן אָפּלערנען זיך פון זיין נאַרישע שוועסטער.

— ר׳ נח, — האָט חייעלע געענטפערט — האָט קיין פאַראיבל נישט אויף איר, זי איז נאָך אַ יונג ציגעלע, אַ נאַריש בהמהלע, אין איר לעבענסטאָג צווישן חסידים נישט געווען און דעם רבין, זאָל לעבן, נישט געזען, וואָס ווייס זי?

ר׳ שלמה האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל און דערלאַנגט מאָטעלען, דאָס קינד האָט אַ ברכה געמאַכט, אַ זופּ געטון און האָט זיך פאַרכלינעט.

— פאַרבייס! פאַרבייס! האָבן די חסידים אויסגעשריגן.

— כל התחלות קשות! — האָט שימעלע, זיין רבי, זיך אָפּגע-רופן, — איך האָב אויך אַמאָל נישט געקענט, און היינט, ברוך השם, קען איך אַכציק גראַדאָוון שפּירט אויסטרינקען, זיך גאָרנישט אַ קרים טונדיק.

ר׳ שלמה, אַלס כהן, האָט דעם ערשטן כּוס אויסגעטרונקען, דער-נאָך האָבן געטרונקען אַלע חסידים, חייעלע האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל משקה, האָט געזאָגט: „לחיים!״ און אויך אויסגעטרונקען.

— אָט, מאַמזעלנטע, זעסטו ווי אַ פרומע יידישע טאָכטער טוט? לערן זיך פון דיין מאַמען און נישט זיי אַ פערשייטע! דאָס פּאַסט נישט פאַר דיר! זיי וויסן, אַז דיין מאַמע וועט דיר נישט געבן אַ מאַן ערגעץ אַ דייטש, געבן וועט זי דיר, אם ירצה השם, אַ חתן מאַנשי שלומנו, פון אונדזערע לייט; פרעג איך: איז נישט גלייכער, אַז דו זאָלסט באַצייטנס וויסן, וואָס אַ חסיד איז?

— וואָס אַ חסיד איז, ווייס איך, — האָט זי געענטפערט, — נאָר צו זענען אַלע, וואָס טרינקען בראָנפן חסידים, ווייס איך נאָך נישט.

— גיי שוין, גיי! — האָט די מוטער זיך אָנגעבייזערט, — דעם ליבן טאַטנס ווערטער! ווי קומסטו גאָר זיך אַריינצעמישן אין חסידים? גיי צו דיין טאַטן! גיי צו דיין אויפגעקלערטן שוועסטערקינד, וואָס טרינקט נישט קיין בראָנפן און רעדט זיך איין, ערגער ווי אַ שכור, אַז ער איז אַ שטערנזער! ער, זי מיינט איך ווייס נישט, נאָר ער האָט זי האַלב משוגע געמאַכט! הערט, אַדרבה, יידן, וואָס אַזאַ איינער קען זאָגן: אַ וואָלקן, זאָגט ער, איז אַ פּאַרע, וואָס גייט פון קאָכנדיקן וואַסער. אַ וואָלקן האָט נישט קיין מויל, זאָגט ער, ער טרינקט זיך גאָרנישט אָן. אַ וואָלקן איז נישט קיין געדעכטע שווערע זאַך, און עס איז אַ ליגן, וואָס אונדזערע אָבות אבותינו האָבן געמיינט; אַפילו דאָס, וואָס גוים, להבדיל, דערציילן, אַז מען געפינט גאַנצע שטיקער וואָלקן, זענען זיי פּיאַניצעס און ליגנער, זאָגט ער, וואָרעם וואָלקן איז פּאַרע, האָט ער זיך אײַן קאָפּ אַריינגענומען, און פּ אַ ר ע פאַלט נישט אַראָפּ און מען קען עס מיטן האַנט נישט אָננעמען. און זי? דאָס נאַרישע מיידל זאָגט נישט, אַז ער איז משוגע, משוגעים, פּיאַניצעס, קומט ביי איר אויס, זענען גאָר יידן, וואָס טרינקען אַביסל בראָנפן... ביי מיר, איר מעגט מיר גלויבן, האָט ער בעת מעשה אַ פּנים געהאַט, ווי אַ משוגענער אָדער אַ שכור, נאָר ער איז מיר דאָך פאָרט אַ ליבער גאַסט געווען. אָט האָב איך געשוויגן און דאָס האַרץ האָט מיר וויי געטון, ווי איז דאָס אַ מענטש אַזוי פאַרבלאָנדזעט?

— אַי מוז דאָס זיין אַ שוטה, אַ פּתי, רחמנא לצלן! — האָט דער חסיד אויסגעשריגן, — אַז איך וואָלט דערביי געווען, וואָלט איך אים געזאָגט, אַז אַ פּאַרע איז ביי אים אין קאָפּ. איך געדענק עס נאָך, ווי היינט: איך אַליין האָב געזען אַ גרויס שטיק וואָלקן, בעת איך בין נאָך געווען אַ קינד פון זיבן יאָר, אַ גוי האָט עס געפונען, און האָט עס געבראַכט צים טאַטן, עליו השלום, אין שענק אַריין. דער טאַטע, ז״ל, האָט עס אָפּגעקויפט פאַר אַ האַלבע קוואָרט שפּירט, געוויגן האָט עס פּונקט דריי פונט. דאָס האָט אַ געלע פאַרב, גליטשיק אַזוי ווי פּוטשאַ, נאָר אַז עס טרינקט זיך אָפּ מיט וואַסער, ווערט עס אַמאָל גרוי, אַמאָל שוואַרץ. עס האָט געקענט אויסטרינקען אפשר פופציק עמער וואַסער. איך דערמאַן מיך, ווי איינמאָל בעת דאָס פענצטער איז אָפן געווען, האָט עס זיך אַ הייב געטון און אַרויפגעפלויגן צום הימל און איז נעלם געוואָר, עד היום הזה!

— און איך וואָלט אַזאַ תינוק בן יומו זאָגן, — האָט זיך נאָך אַ חסיד אָפּגערופן מיט אַ גמרא ניגון—זאָג מיר, דו שוטה, ווי אַזוי זאָגסטו, אַז אַ וואָלקן איז פּאַרע און נישט אַ בריה בפני עצמה, וואָס האָט אַ מויל און טרינקט זיך אָן? סטייטש, עס טרעפט דאָך אַמאָל, אַז עס רעגנט מיט פיש, מיט הערינג? און דאָס איז נאָר אַ יתכן, ווי לאַנג מיר וועלן זאָגן, אַז דער וואָלקן האָט אַ מויל און זופּט אַריין דאָס וואַסער אין זיך. אַט, אַז אים מאַכן זיך פיש בעת מעשה, שלעפּט ער זיי אויך אַריין מיט דעם וואַסער און דערנאָך, אַז ער שפּייט דאָס וואַסער צוריק אַרויס, שפּייט ער אויך די פיש אַרויס; אָבער אַז איך זאָל זאָגן, אַז וואָלקן איז גלאַט פּאַרע, טאָ פון וואַנען רעגנט אַמאָל מיט פיש? זעט מען דאָך טאַקע, ווי דאָס האָט נישט קיין שכל! דער תירוץ איז פשוט: אַ וואָלקן איז אַ וואָלקן, אַ רעגן איז אַ רעגן, און יענער איז אַ שוטה, וואָס קלערט גאָר דעריבער!.

— אָבער דערלויבט מיר אייך צו פרעגן, — האָט רחלע געזאָגט, — איר אַליין האָט טאַקע געזען אַז עס רעגנט מיט פיש?

— וואָס אמת, איז אמת, — האָט דער חסיד געענטפערט,—איך אַליין האָב עס נישט געזען, אָבער דאָס איז אַ דבר ידוע, אַ באַוווּסטע זאַך, מיר אַלע האָבן עס געהערט דערציילנדיק.

— קען דאָך זיין, אַז יענע האָבן דערציילט אַ ליגן? — האָט זי אויך אין זעלבן טאָן אויסגערעדט. — אַז איר ווילט, גלויבט עס, איך בין נאָך נישט מחויב עס צו גלויבן.

— העט, העט, העט! צו וואָס זי האָט זיך דעררעדט! — האָט דער ערשטער חסיד אויסגעשריגן, אָט פון וואַנען עס קומט צו אייער טאָכטער, צו לאַכן פון אונדז, חסידים, וואָס מיר טרינקן בראָנפן! הערט איר שוין כאָטש, חייעלע, וואָס זי זאָגט? זי איז גאָרנישט מחויב צו גלויבן! אָוואַ! צו ווייט האָט זי אָט דער פלימעניק אייערער געמוזט פּאַרפירן! באַלד וועט אַזאַ נאַריש מיידל זאָגן, אַז זי גלייבט אין אונדזער תורה הקדושה אויך נישט, און עס איז גאָר קיין בורא נישטאָ, אַלץ איז אַ דרך-הטבע, וואָלקן איז אַ פּאַרע, די וועלט איז אַ קדמון און האָט זיך אַליין באַשאַפן און דער סוף וועט זיין... איך וויל שוין אַזוי ווייט נישט רעדן... ר' שלמה, ביי אייך איז דאָס רעכט?

— מיין פלימעניק איז נישט משוגע, — האָט ער געענטפערט, — זיין קאָפּ טראָגט אים אי אויף תורה, אי אויף חכמה, ער האָט אַ פייער-דיקן קאָפּ, נאָר ער איז נישט קלוג, וואָס ער האָט געשמועסט וועגן

אזעלכע ענינים מיט איר: איר קאָפּ טראָגט גאָרנישט דאַרויף, נישט צו דעם איז זי באַשאַפן געוואָרן! דיר, רחלע זאָג איך, — האָט ער זיך צו רחלען געווענדעט, — דו זאָלסט דיר די פוסטע חקירות פון דיין קאָפּ אַרויסשלאָגן, הערסטו? אַז עס קומען זיך צעזאַמען יידן, חסידים, נעמען אַ ביסל משקה אין מויל אויף אַ סעודת־מצוהלע, זאָל דאָס דיין דאגה נישט זיין. טרינק דו נישט, אַז דיר געפעלט נישט, אונדז, יידן, זאָלסטו גאָר קיין דעה נישט זאָגן. וואָרעם דו ווייסט נאָך גאָרנישט, וואָס יידן זענען. פאַרשטייסטו, וואָס מען רעדט צו דיר?

רחלע האָט אים אָנגעקוקט מיט זייער אַ טרויריקן בליק, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט אים פרעגן: „אויך איר, מיין ליבער פעטער"?...

— אַ דאנק אייך, שוואָגער, —האָט זיך חייעלע אַרויסגעכאַפּט העכסט צעפרידן, — טויזנט דאַנקען אייך, לעבן זאָלט איר פאַר אייערע קלוגע רייד! אַז די מאַמע רעדט דאָס צו איר יעדן טאָג, וויל זי דאָך גאָר נישט הערן און בלייבט זיך ביי דאָס איריקע. אָט, זאָל זי וויסן, אַז איר קלוגער פעטער איז אויך אַזוי משוגע, ווי איר מאַמע, משוגע זאָלן ווערן אונדזערע שונאים, רבונו של עולם!

— לחיים, יידן! — האָט ר' שלמה אַ זאָג געטון צום דריטן מאָל, און האָט דעם כּוס אויסגעטרונקען ביזן דעק.

— ווי קומסטו גאָר צו וויסן, וואָס איז אַ ייד און וואָס איז יידישקייט? — האָט ער ווייטער צו רחלען גערעדט. — וואָס איז טייטש אַ ייד אַ חסיד? שוטה, קינד, גיי זיך דיר! דיין מאַמע אין דיינע יאָרן האָט מער פאַרשטאַנען פאַר דיר, דערפאַר איז זי טאַקע אַן אשה כּשרה, אַ חסידה אַן אשה. זי וויים, אַז איר שוואָגער איז נישט קיין פּיאַניצע, חלילה, אַפילו ווען ער נעמט אַ ביסל משקה. נישט אַלע טאָג בין איך שכּור, ס'איז אַ יידישע זאַך, און דו, אַז דו קוקסט אויף אונדז, ווי אויף שכּורים, האָב איך דיך פיינט. דו ווייסט נישט, וואָס יידישקייט איז, און גיי זיך דיר ווייטער!

רחלע איז פון טיש אַוועקגעגאַנגען, און האָט איר ברודערלס חברימלעך אַריינגעפירט אין גאַסטצימער. דאָרט האָט זי פאַר זיי אַ טיש געגרייט, און זיי, די קינדער זענען רויקער און אָנשטענדיקער געזעסן ביים טיש איידער די גרויסע. זיי זענען איר אויך ליבער געווען. זי האָט נאָר באַדויערט, וואָס פון די שיינע קינדער וועלן אויך אַמאָל אַזעלכע מענטשן ווערן, ווי יענע, וועלכע האָבן זי איצט אַזוי באַליידיקט.

„און דאָס איז אַלץ איבער דעם, האָט זי זיך געטראַכט, וואָס דער ליבער פּאָטער איז נישטאָ! אפילו מיין פעטער איז היינט נישט צו גוט און נישט אַזוי קלוג, אויך נישט אַזוי געטריי מיר און זיין פלעמעניק, ווי ער איז דעמאָלט געווען אין מיין ליבן פּאָטערס געגנוואַרט „אָ, פּאָטער ליבער, ווען וועסטו שוין צוריק קומען? אָן דיר מעג יעדער דיין קינד זאָגן זיין נאַרישן מוסר און מיך באַליידיקן גאָר אומזיסט!"... זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער שרייבט אין זיין לעצטן בריוועלע: ער וואָלט שוין לאַנג אין דערהיים געווען, נאָר ער פילט זיך עפּעס נישט ביים גאַנצן געזונט און האָט מורא אין אַ וועג זיך צו לאָזן, ווו ער דאַרף מער ווי הונדערט וויאָרסט פאָרן מיט אַקס ביי איצטיקע קאַלטע און פייכטע וועטערן.

„גאָט ווייס, וואָס מאַכט דאָרט דער ליבער פּאָטער?!" האָט זי אויס־געשריגן פּלוצלונג. „באַשיץ אים, גאָט אין הימל. דו ביסט דאָך איבעראַל, אפילו אין דעם קליינעם שטעטל אין רוסלאַנד, ווו יידן זענען דאָרט ווייניק. מיין ליבער פּאָטער וואַרט דאָרט איצט אויף דיין הילף, שיק דיין רפואה אים און ברענג אים צוריק צו זיינע קינדער, וואָס בענקען נאָך אים אַזוי שטאַרק!".

און דאָרט אין גרויסן צימער האָט דער פעטער זיין כעס אויס־געלאָזן צום שפּירט, נאָר דער שפּירט האָט זיך נישט אויסגעלאָזן: די טרייע שוועגערין האָט אַלץ פּרישע דערלאַנגט, אויף להכעיס דעם נאַרישן מיידל, וואָס זאָגט, אַז וואָלקן איז נאָר אַ פּאַרע, און וואָס ווייס נישט, וואָס יידן און יידישקייט זענען, ביז מען איז רעכט שכור און פריילעך געוואָרן. ר' שלמה האָט, ווי אַלע מאָל, זיך פאַנאַנדערגעוויינט און צוגעטוליעט די קליינע קינדער צו זיך, געקושט און געשריגן: „דער פעטער איז נישט קיין פּאַניק! אַ ליגן זאָגט זי, ווי איך בין אַ ייד, אַ ליגן, איך בין נישט שכור! איך בין נאָר מלא שמחה, וואָס דו, מיין קינד, קענסט לערנען און האָסט חומש אָנגעהייבן!

— און דו, פּרינצעסין, — האָט ער געזאָגט אַריינקומענדיק, זיך וויגענ־דיק, צו רחלען אין איר ריין צימערל, — און דו, זיי נישט קיין אויפ־געקלערטע פּרינצעסין, זיי אַ יידישע טאָכטער, גיב אַ קוש דיין פעטער אין האַנט פאַר זיין מוסר!...

רחלע האָט אים אין האַנט אַ קוש געטון.

— פעטער — האָט זי געזאָגט, און אירע שיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן, — האָט איר געלעזן דעם פּאָטערס לעצט בריוועלע? ער שרייבט, אַז ער איז נישט געזונט!

— וועט ער געזונט זיין! האָט ער געענטפערט, — גיב אַ ביסל משקה, וועל איך זאָגן: „לחיים!“, וועט ער געזונט זיין! זאָל ער טרינקען לחיים, וועט ער געזונט זיין! טרינק דו לחיים, וועט ער געזונט זיין!

אין די רייד איז ער אַרויפגעפאַלן אויף רחלעס ריין בעט מיט די קויטיקע שטיוול, ווי ער שטייט און גייט. רחלען האָט דאס האַרץ וויי געטון צו זען, ווי איר קלאָרע ווייסע בעט־דעקע, מיט די טייערע שפּיצן ווערט איינגעשמוצט. זי האָט געוואָלט אים די שטיוול אַראָפּציען, ער האָט אָבער אַ שכורן גרעבץ געטון און האָט דעם אַנדערן פוס מיטן קויט אויפן בעטל אַרויפגעלייגט, און נאָך געשטאַמעלט די ווערטער: „וועט — ער געזונט זיין! געזונט — זיין — געזונט“ — און איז אַזוי מיט אַן אָפענעם מויל איינגעשלאָפן.

אַז זי איז, אין אַ שעה אַרום, אַרייַנגעקומען זען, צי האָט זיך שוין דער פעטער אויסגעניכטערט, האָט איר דער אָטעם פאַרכאַפּט פון דעם שלעכטן בראָנפן־געררוך, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער; די קישענס, די דעק און דאָס קליין קאַוויאַרל נעבן איר בעט, — אַלץ איז פאַראומרייניקט געוואָרן פון די ליבע פאַלגן פון אַן איבערגעטרונקענעם מאָגן. צוויי טעג האָט זי אין איר שטענדיק ריין צימערל נישט געקענט אַריינקומען. מען האָט געמוזט געננוג וואַשן, רויכערן, איבערציען אירע קישענס, פאַרשפּרייטן אַן אַנדער קאַוויאַר, ביז דאָס צימער האָט באַקומען זיין פריערדיקע געשטאַלט, אָבער ביי איר אין האַרצן איז דאָס ביטערע געפיל געבליבן, ווי פריער.

אין אַ וואָך אַרום נאָך דער דאָזיקער פאַסירונג, האָט זיך געמאַכט אַ פרישע שמחה: ר׳ פּנחסל דעם רבינס גבאי, האָט דורכפאָרנדיק, זיך אָבגעשטעלט סטאַנציע ביי חייעלען. חייעלע האָט איצט אַ געלעגנהייט געהאַט אויפצונעמען דעם טייערן גאַסט מיט כבוד, ווי זי פאַרשטייט.

ר׳ פּנחסל איז געווען אַ ייד פון קרוב צו פופציק יאָר. אַ רויט געזיכט, אַ געדיכטער געלע באָרד, וואָס די זייטן האָבן שוין אָנגעהייבן ווייס צו ווערן. נידריג געוואַקסן, ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פעטן קאַרק און בויך, וועלכער איז געווען מיט אַ ברייטן זיידענעם גאַרטל אונטערגעבונדן; דורך זיינע קליינע אייגעלעך האָט אַרויסגעקוקט לוסט און שווינדל. נאָך „אים זאָל לעבן“, איז קיין גרעסערער צדיק נישט געווען, ווי ער. זיין יעדעס מאָל קומען דאָ אין קלייניץ האָט אָנגעמאַכט

אַ רושם פונקט, ווי „ער זאָל לעבן", וואָלט געקומען בכבודו ובעצמו. חייעלע האָט געוווסט, וויפל עס ליגט אין זיין מאַכט איר גוטס צו טון, בעת זי וועט זיין ביים רבין, ווו ער איז די צווייטע האַנט זיינע. דעריבער איז זי גליקלעך געווען דערמיט, וואָס זי איז אַזאַ חשובה אין זיינע אויגן און ער איז פאַרפאַרן גלייך צו איר, כאָטש איר מאַן איז איצט אין דערהיים נישטאָ.

דעם גאַנצן טאָג האָט מען געקוילעט עופות, געקאָכט און געבאַקט. צומיטאָג האָבן געגעסן אַ פּאָר מנינים יידן, ר' פנחסל האָט געזאָגט תורה, געטרונקען ווייַן און חסידים האָבן געזונגען. חייעלע איז צוליב דעם גאַסט אַ יסגעפוצט געווען מיט די שענסטע קליידער און טייערסטע צירונג. לייט האָבן איר גדולה, איר נחת מקנא געווען און זי אַליין איז געווען איבערגליקלעך.

רהלע האָט דעם טאָג געוויינט: זי האָט פון איר פאָטער שוין צען טעג קיין בריוו נישט דערהאַלטן. היינט איז מיטוואָך, דער טאָג, וואָס קומט אָן די פּאָסט אין קליינינץ, דער פּאָסטאַליאָן האָט געבראַכט עטלעכע בריוו פון אַרענדאַרס באַשטעלונגען אויף ביר און היוון. אָבער דער רעכטער בריוו אויף וועלכן זי האָט אַזוי אומגעדולדיק געוואַרט איז נאָך היינט אויך נישטאָ, און די שמחה, דער טומל, דאָס געזאַנג און יום-טוב, וואָס דאָ איז איצט אין שטוב, האָבן זי אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט זיך קיין אָרט נישט געפינען.

„וואָס פרייען זיי זיך?" האָט זי ביי זיך געפרעגט, „איז ווירקלעך משיח געקומען? ניין, משיח קען אַזאַ פנים נישט האָבן און וועט יידן נישט אַזוי אוסליידיקן זייערע קעשענעס, ווי ער. ער, ר' פנחסל נעמט און פרעגט גאָרנישט: צו קען מען געבן, צו נישט; וויפל אָרעמע, מיט טרערן באַנעצטע רובלס האָט ער היינט אַליין צוגענומען ביי אַזעלכע, וואָס איז ביי זיי אין דערהיים אַ ביסן ברויט נישט געבליבן! אַך, ווי ביטער איז עס צוצוקוקן און נישט דאַרפן אַ וואָרט אויסרעדן! און וואָס איז דער מאַמעס שמחה איצט אַזוי גרויס? — האָט זי נישט נעכטן געוויינט, וואָס איז פון איר ליבן מאַן קיין בריוו נישטא? גאָט ווייס, וואָס דאָרט איז אים געשען, חלילה"!...

פאַר נאַכט איז חייעלע אַ פרייליכע אַריינגעקומען צו רחלען.

— קום, מיין טאָכטער, ר' פנחסל וויל דיך זען, — האָט זי געזאָגט, — אַז עס וועט באַשערט זיין, האָט ער פאַר דיר אַ חתן אַ לייט,

אַ גבירס אַ יידין קינד, אַ בן יחיד, און דיין מאמע וועט דיך נאָך זען אין אייגענע קאַרעטן, פאָרנדיק!

רחלע האָט איר כעס נישט געקענט באַהאַלטן, זי האָט נאָר דאָס געזיכט פון דער מוטער אָפּגעקערט.

— דו נאַריש קינד! — האָט די מוטער ווידער אָנגעהייבן,— וואָס שעמסטו דיך? ר' פנחסל איז נישט קיין מחותן, אַ שדכן נאָר וויל ער דיר זיין, פארשטייסטו גאָר, וואָס פאר אַ זכות דאָס איז? דערמאַן זיך נאָר ר' פנחסל!..

— מוטער, שוין ווידער מיטוואָך און קיין בריוו פון פאָטער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

— וואָס זאָרגסטו מער פאר מיר? — האָט זיך חייעלע אָפּגערופן, מסתמא פאָרט ער שוין, אפשר דערפאר שרייבט ער נישט.

— לאָז מיך, איך בין נאָך קיינמאָל אַזוי אומרויק נישט געווען, ווי היינטיקן טאָג.

— איך וועל מיט ר' פנחסלען אַ פדיון שיקן צום רבין, זאָל לעבן, ער זאָל מתפלל זיין פאר דעם פאָטער דיינעם, פאר מיין טייערן מאַן, זאָל ער מיר אויסלעבן זיינע הונדערט און צוואנציק יאָר, — האָט חייעלע איר קינד און זיך געטרייסט. — איך וועל פאר דיר, מיין טאָכטער, אויך נישט זשאַלעוון אַ פדיון. זאָל דער רבי פאר דיר אויך בעטן, דיר זאָל פון דיין הארצן דער אומעט ארויס און זאָלסט נאָר פריילעך זיין!

אין דעם זעלבן אָוונט האָט חייעלע ר' פנחסלען דערציילט איר דאגה וועגן דעם, וואָס איז פון איר אלטן קיין בריוו נישטאָ שוין באלד צוויי וואָכן; אויך איר צער, וואס איר ליבע טאָכטער איז אזוי אומעטיק, אז זי הערט פשוט נישט אויף צו וויינען פון דעם טאג אָן, וואָס איר פאָטער איז אוועקגעפאָרן.

ר' פנחסל האט די פדיונות צוגענומען און חייעלן בארויקט: „עס וועט קיין בייז, אם ירצה השם, נישט געשען"!, אייער מאַן וועט קומען אַ פרישער און אַ געזונטער. נאָר אייער טעכטערל, האָט ער שטיל געזאגט, זאָלט איר אין גיכן אַ חתן געבן: אַ מיידל, אַז עס ווערט אומעטיק, איז אַ סימן, אַז עס איז שוין צייט, חייעלע!...

איר קינד צו פארענטפערן, האט זי אים דערקלערט, אַז נישט דאס איז, חלילה, די סיבה פון איר אומעט, שולדיק אין דעם איז איר שוועסטערקינד משהלע, וואס האט איר מוח צעמישט מיט זיינע חקירות,

קיין גוטס זאָל ער דאָרט נישט וויסן! — האָט זי געשאָלטן, — פון סכּות אָן, ווייס איך נישט וואָס איז מיט מיין קינד געוואָרן!

ר׳ פּנחסל האָט צוגעברומט, קלאַפּנדיק מיט זיינע פינגער אויפן טיש.

— חייעלע, — האָט ער אויסגערעדט, נאָך דעם, ווי ער האָט באַמערקט, אַז ער איז מיט איר אַליין, — זייט וויסן, איר האָט מיר אייער קינד איצט אַ גרעסערע עדאגה ווי מיט אייער מאַן, וועלכער וועט אי״ה אינגיכן קומען לשלום. אייער קינד איז אַ גרויסער חולה, אַ חולה נפש, איר נשמה איז ביי איר אַנגערירט, דער פּלעמעניק אייערער, ווי איך פאַרשטיי פון אייערע אייגענע ווערטער, איז אַ גרויסער אפּיקורוס. ער האָט אייער טאָכטער פאַרפירט, אַ יפת תּואר אַ מיידל איז זי, עס איז גאָר ביים וועג, אַז זי איז אים געפעלן. זי איז חייעלעס אַ פרום קינד, האָט ער נאָר איר האַרץ געפאַנגען, זי בענקט נאָר נאָך אים! מיט אַזעלכע ווילדע חקירות, וועט שוין פון אים קיין גוטס נישט זיין. חייעלע, אייערע זכות אָבות שוויגן נישט, אייער צדקה האָט מגין געווען, איך זאָל גאָרנישט געוועכטערהייט דאָ פאַרפאָרן צו אייך און געוואָר ווערן פון דער געשיכטע... איך זאָג אייך צו: ער ר, זאָל לעבן, וועט מתקן זיין מסתמא, וויפל עס וועט זיך לאָזן, נאָר איר זאָלט שוין אָן אָפּן אויג האָבן אויף אייער קינד. אָן עבירה, זאָג איך אייך, איר קענט פיל נחת האָבן פון איר, אַז זי זאָל, אם ירצה השם, ר׳ העניס שנור ווערן. זעט, זי זאָל דאַוונען. דאַוונען, דאַוונען, חייעלע!

חייעלע האָט זיך מיט טרערן באַגאָסן, ווי אַ טרייע מוטער, וואָס דערזעט איר קינד אַ טריט פון אומגליק.

— זעט, חייעלע, אַז זי זאָל דאַוונען, — האָט ר׳ פּנחסל אָנגעזאָגט נאָכאַמאָל, בעת ער האָט זיך געזע״גנט.

— וואָס אין מיינע כּוחות וועלן נאָר זיין, וועל איך מסתמא טון, טוט איר אויך, ר׳ פּנחסל, וואָס איר קענט. פאַרגעסט נישט מיין אָרעם קינד, — האָט חייעלע געבעטן.

האַלבע נאַכט איז ר׳ פּנחסל אַוועקגעפאָרן. חייעלע איז אַריינגעגאַנגען צו איר טאָכטער, דאָרט האָט זי מיט הייסע טרערן דערציילט רחלען וואָס ר׳ פּנחסל האָט געזאָגט, און האָט משהלען מיט שווערע קללות געשאָלטן.

— שעלט מיך בעסער, מוטער, וואָס האָסטו צו אים? — האָט רחלע געבעטן, — מיר זאָל דאָס בייז באַגעגנען, וואָס ער האָט מיר געטון. אָך, נאָך דאָס האָט מיר געפעלט!

זי האָט ביי דעם ביטער געוויינט. די מוטער איז גערירט געווען.

— דאַוון, מיין קינד, רוף צו גאָט, ער וועט ענטפערן! — האָט די מוטער געטרייסט, — מאָרגן איז אַ בלויזער דאָנערשטיק, עס וועט נישט שאַדטן, זאָלס טאָויך פאַסטן מאָרגן און זאָגן תהלים, ביז גאָט ברוך הוא, וועט זיך דערבאַרמען און אומקערן צו דיר דאָס ליכט פון זיין אַנגעזיכט, די טומאה וועט אַראָפּ און דו וועסט געזונט ווערן. דער רבי, זאָל לעבן, וועט שוין דאָס זייניקע טון פאַר דיר. איך וויל נאָך נחת פון דיר האָבן, מיין ליב קינד!

אויף מאָרגן, אַז רחלע איז אויפגעשטאַנען, האָט די מוטער איר צו געטראָגן איר „קרבן מנחה":

— דאַוון, מיין קינד! האָט זי טריי געבעטן, — דאַוון און פאַסט היינט, דו וועסט זען, ווי גיך דו וועסט מיט זיין הילף געהאָלפן ווערן!

ווען איין אומדערקלערלעכע אַנגסט פייניקט דאָס האַרץ, ביז מען געפינט קיין אָרט נישט, וווּ פון אומרו זיך צו באַהאַלטן, דאַן איז דער מענטש ווי איינער, וואָס טרינקט זיך און כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי אָדער אָן אַ שאַרף פון אַ שווערט, זיך צו ראַטעווען. עס העלפט נישט דאַן קיין שום חכמה און אויפקלערונג. וואָס פאַר אַ מיטל איינער זאָגט, פּרוּווט מען גאָר אָן באַרעכנונג אויף דער ווירקלעכער ווירקונג פון דעם. רחלעס האַרץ האָט זיך געטרונקען אין אַ ים פון זאָרג און אַנגסט־איבער דעם פאָטערס געזונט. זי האָט אַליין זיך נישט געקענט דערקלערן, פאַרוואָס אייגנטלעך איז זי איצט אַזוי אומרויק? נישט דאָס ערשטע מאָל איז דער פאָטער אַוועקגעפאָרן, נישט דאָס ערשטע מאָל האָט זיך פון אים אַ בריוו פאַרשפּעטיקט אויף אַ וואָך אָדער אויף צוויי; אמת, זי פלעגט דאַן אויך בענקען און אומרויק זיין, אָבער אַזאַ ווייטיק, ווי איצט, האט זי נאָך קיינמאָל געפילט, פאַרוואס? וואס איז געשען? און וויל זי האט קיין ענטפער ביי זיך נישט געפונען, האבן די דאזיקע פראַגן זי נאכמער געפייניקט און זי פלעגט די טעג אין טרערן און די נעכט אין שרעקלעכע חלומות פאַרברענגען; דעריבער האט זי אויך יעדעס מיטל אַנגעווענדט, וואס נאר מען האט איר געזאגט. זי האט די יאמערדיקע שטימע, וואס שרייט איר פון האַרצן אַרויס, געוואלט פאַרקלינגען מיט דאַוונען, מיט תהלים זאגן, זי האט זיך אַליין געוואלט איינרעדן, אַז עס איז קיין בייז נישט, חלילה, און זי האט איצט מיט איר אומרויקן האַרצן געטון, ווי אַן אנדער מוטער טוט מיט איר אומרויקן קינד; וואס שטארקער דאס קינד שרייט און וויינט פון עפּעס א ווייטיק,

וואס זי מערקט נישט, אלץ שטארקער קלינגט זי מיט איר בינטל שליסלען פאר זייגע פארוויינטע אייגעלעך, אדער ווען זי איז געוויינט מיט א לידעלע עס איינצונעמען, שטייגערט אירע שטימע אלץ העכער און העכער; דאס ליידנדיקע קינד אבער ווערט מיט דעם נישט גע־היילט. רחלעס הארץ איז נישט רויקער געווארן, כאטש זי האט היינט אזוי פרום און ערנסט געדאַוונט, ווי נאך קיינמאל נישט אין איר לעבן. אירע טרערן האָבן דעם הארטן שטיין, וועלכער איז — גאר אומבאוווסט פון וואנען אין איר הארצן געלעגן — נישט ווייכער און נישט גרינגער געמאכט; אפילו דאס פאסטן האט איר נאר אויף אזוי פיל געהאלפן, וויפל עס העלפט דאס רייסן זיך די האר פון קאפ בעת עס איז אומ־מעגלעך העפטיקע צאָנשמערצן איבערצודולדן. זי האט היינט אביטערן שווערן טאג איבערגעלעבט. די מוטער אבער, כאטש זי האט רחמנות געהאַט, קוקנדיק אויף איר קינד, האָט געהאָפט און זיך געטרייסט ווי אויף אַ גליקלעכע אָפּעראַציע, וואָס וועט איר רחלען צוריק געזונט מאַכן, „נישקשה, האָט זי פייגן געזאָגט, אַז די אַלטע האָט געוואָלט נישט דערלאָזן רחלען פאַסטן, נישקשה, פייגע, רחמנות איז אכזריות. איר וועט זען, מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט זי וועט דערפאַר מאָרגן עסן. זי איז קראַנק, אַלע רפואות זענען ביטערע, דערפאַר אָבער היילן זיי, זאָל איר דער תענית צו רפואה זיין!

עס איז נאַכט געוואָרן, די מוטער האָט צוגעגרייט פאַר איר קינד זיך אָפּצופאַסטן. רחלע האָט מעריב געדאַוונט, נאָר איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט אָנצובייסן האָט מען אַריינגעטראָגן אַ טעלעגראַמע. חייעלע האָט די טעלעגראַמע אויפגעריסן און געגעבן רחלען לייענען. זי האָט אַליין קיין רוסיש נישט געקענט, קוים אָבער האָט רחלע אַ קוק געטון אויף די ווערטער, זענען איר די אויגן פינצטער געוואָרן, דאָס לשון איז איר אָפּגענומען געוואָרן, עס האָבן זיך אירע פיס אונטערגעבראָכן און זי איז, ווי אַ טויטע, צו דער ערד געפאַלן. עס איז געוואָרן אַ געוואַלט, אַ מהומה. קיינער האָט נישט אין דער טעלעגראַמע געזוכט די סיבה פון איר חלשן, נאָר אין דעם תענית, וואָס האָט זי אַזוי אָפּגעשוואַכט און מען האָט די טעלעגראַמע פאַרגעסן. מען האָט זי אָפּגעמינטערט, און זי האָט ווידער געחלשט, מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר, ער האָט אויף איר שיינעם צאַרטן שטערן געמאַכט פול ווונדן פון דריקן אירע שלעפן, אירע פינגער צעבלוטיקט פון שטעכן זי מיט שפּילקעס אונטער די נעגל. זי פלעגט אויף אַ מינוט עפנען אירע אויג , אָנקוקן צעמישט

וואָס אַרום איר איז, רעדן האָט זי נישט געקענט : דאָס האַרץ איז געווען טויט און פאַרקילט אין איר פון דעם פייל, וואָס האָט עס געטראָפן און זי האָט אירע אויגן צוריק צוגעשלאָסן אַזוי שטום און שטיל, ווי זי האָט זיי געעפנט...

ג.

אין גרויסן בית־המדרש איז היינט צו ברכו כמעט אַ מנין מענטשן נישט געווען, אַלע זענען געקומען דאַווענען ביי חייעלען. די טירן זענען אָפן געשטאַנען, די דילן אָנגעטרעטן, ווי אין אַ מקום קדוש. די טישן, שטולן און פענצטער פאַרלייגט מיט בגדים, פעלצן און פאַלטעס, מיט „טלית און תפילין זעק" און זעקלעך פון אַלערליי מינים שטאָף. די גרויסע שפיגלען און בילדער אויף די ווענט פאַרהאָנגען און לעכט אַ סך האָבן טרויריק געברענט מיט גרויסע און קליינע פלאַמען. מאַנכע האָבן דעם אַרבל פון לינקער האַנט אַראָפּגעצויגן און מאַנכע האָבן דעם צעזאַמענגעלייגטן טלית אַריבערגעלייגט איבערן פלייצע און די פינגער האָבן איבערגעקליבן די דיקע כפול־שמונה־פּאָדעם פון די ציצית: נאָר דאַווענען פון פאַרענט, זאָגן „אַ יידיש וואָרט" האָט קיינער קיין צייט נישט געהאַט. אַלע זענען פאַרנומען געווען, דערציילנדיק און הערנדיק, וואָס דאָ האָט נעכטן ביי נאַכט געטראָפן. איינער האָט דערציילט : ער אַליין האָט אָקאָרשט אָוונט אַ געוואַלט דאָ דערהערט, איז ער אַריינ־געלאָפן און האָט דערזען ווי אַלע זענען געשטאַנען אַרום רחלען. מען האָט זי געמינטערט, געשטאָכן אונטער די נעגל פון די פינגער, ביז דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט מיט טראָפּנס און מיט נאַסע טיכער זי קוים אָפּגעמינטערט. אַז זי איז שוין צו זיך געקומען, האָט זי אַ געשריי געטון : „וואָס טויג מיר מיין לעבן, אַז איך האָב שוין מיין טרייען פאָטער נישט מער !" ערשט איצט האָט מען זיך געכאַפּט צו דער טעלעגראַמע. אָט האָט מען זיך ערשט דערוווסט, אַז ר' לייזער איז געשטאָרבן. האָט מען אָפּגעראַטעוועט רחלען האָט חייעלע אָנגעהייבן חלשן. אפילו פייגע האָט אויך געחלשט. עס איז אַ שיינער עסק געווען, דער דאָקטאָר האָט דאָ געמוזט זיצן ביז טאָג. אַ רחמנות איז געווען אויף דעם אַלטן ר' שלמהן : ער האָט געוויינט, ווי אַ קליין קינד ; אַז ער האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו וויינען, האָט ער געברומט און גע

ריסן די האָר פון קאָפּ. ווער עס איז נאָר פון גאַס אַריינגעקומען, האָט מיטגעוויינט. „און עס איז דאָ וואָס צו וויינען: אַזאַ באַלעבאָס, אַזאַ בעל־טובה און בעל־עצה וועלן מיר שוין אין קליניץ אַזוי גיך נישט האָבן!" האָט דער דערציילער אויסגעלאָזן.

— „דעם מענטשנס פיס זענען זיינע ערבים!"—האָט דער קלייניצער רב וועלכער איז דאָ אויך געווען, פרום אַ זאָג געטון, — וווהין מען ווייזט זיי אָן, אַהין פירן זיי דעם מענטשן. אונדזער טייערן ר' לייזערן, עליו השלום, איז נישט באַשערט געווען צו קבר ישראל צוקומען לעבן זיינע עלטערן. אָט האָבן אים זיינע עסקים אַוועקגעפירט ווייט, ווו ער איז, נעבעך, געשטאָרבן צווישן פרעמדע לייט. נאָך אַ זכות, וואָס דאָרט איז דאָ אַ יידישע קהלה. מסתמא איז דאָרט דער רב פונם שטעטל ביי יציאת נשמה געווען, און האָט די דעפּעשע געקלאַפּט, די קינדער זאָלן קדיש זאָגן. געוויס האָט ר' לייזער אַ צוואה געלאָזן און אָפּגעזאָגט אַן אייגנס אויף צדקה: דאָ וואָלט מען אים מספיד געווען.

עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ געשפּרעך, וועגן זיינע יאָרן. איינע האָבן געזאָגט: „פינף און דרייסיק", אַנדערע האָבן געציילט די יאָרן פון זיין עלטסט קינד רחלן. אויך דערמאָנט די יאָרן פון די דירות, ווו זיי האָבן געוווינט, בעת ר' לייזער איז בר־מצוה געוואָרן און האָבן באַרעכנט, אַז עלטער ווי אַכט, ניין און דרייסיק יאָר איז ער געוויס נישט געווען; נאָר דאָס האָבן אַלע מסכים געווען, אַז חייעלע איז נאָך אַ יונגע יידענע, און זי וועט נאָך חופה האָבן. אַ רחמנות איז נאָר אויף די יתומים! נישט אייניק איז מען געווען נאָר אין דעם. מאַנכע האָבן געזאָגט: „דער רחמנות איז גרעסער אויף די קליינע קינדער, וואָס זיי וועלן נאָך מוזן אָנקומען צו אַ שטיף פאָטער, אָבער מיט רחלען איז קיין דאגה נישט, ווייל עס מעגן זיך נאָך אַלע ווינטשן אייגנס האָבן, וואָס איז פאַר איר נדן געבליבן. אַזאַ דאגה זאָל זיין מיט אַלע יידישע טעכטער!" און מאַנכע האָבן דערקלערט, אַז אויף רחלען איז מער רחמנות, ווייל זי האָט געוווסט, וואָס פאַר אַ טרייען פאָטער זי האָט געהאַט און וויס איצט, ווי גרויס דאָס אומגליק איז, אַז זי האָט אים אַזוי אומגע־עכט פאַרלוירן; אמת, זי וועט טאַקע באַקומען אַ חתן, אָבער ער וועט שוין זיין נישט אַזאַ, וואָס ער וואָלט געווען, ווען איר פאָטער וואָלט געווען, ווען איר פאָטער וואָלט געלעבט! דערפאַר האָט זי געכטן אַזוי שטאַרק געחלשט און מען האָט זי גאָרנישט געקענט דערמינטערן. איין זאַך האָבן אַלע מודה געווען, אַז קלייניצער חברות האָבן אַ גרויסן

היזק געהאַט, וואָס ער איז געשטאָרבן. חברה־קדישא האָט בוודאי פאַר־לוירן, וואָס ער איז נישטאָ געשטאָרבן.

אַזוי האָט זיך דאָ דער עולם פאַררעדט און מען האָט גאָר ווי פאַר־געסן, אַז מען האָט זיך דאָ צוזאַמענגעקליבן דאַווענען און היינט איז פרייטיק און נאָך אפשר טאַקע, דער „קורצער פרייטיק״.

נאָר ווער עס האָט דורך דער האַלב פאַרהאַנגענער טיר אין גאַסטצימער אַריינגעקוקט און דאָרט דערזען, ווי חייעלע זיצט אויף דער ערד, פאַרבראָכן די הענט, וויקט אום מיט דעם קאָפּ הין און צוריק, און נעבן איר די שיינע רחלע, וועלכע איז איצט בלאַס, ווי דער טויט, דער שטערן פאַרבונדן, ביידע הענט צוזאַמען געשלאָגן אויף איר ברוסט, אירע תמיד לעכטיקע אויגן פול מיט טרערן, און זי זיצט שטיל און קוקט נאָר אויף דאָס קליין שוועסטערל, וואָס ליקט אויף דער ערד אויסגעצויגן, דאָס קעפּעלע איינגעגראָבן אין איר שויס; ווער עס האָט דעם אַלטן ווייסהאָריקן שלמהן געזען, ווי ער זיצט אויף דער ערד אין אַ ווינקעל אַליין און טרערן פאַלן אים אין גרויסע טראָפּנס איבער זיינע ברילן אויף דעם שולחן־ערוך אַרויף, ווו ער לערנט איצט הלכות אבלות, און דאָרט דאָס סטעאַרין־לעכט אויף דעם מאַרמאָרנעם ווינקעל־טישל, וואָס ברענט איצט פאַר דער ריינער אָפּגעשיידטער נשמה; ווער עס האָט דאָס אַלץ געזען, דער האָט וויינען נישט געקענט, דער איז נאָר פאַרשטיינערט געוואָרן, נישט גערעדט, און נישט געוווּסט וואָס צו רעדן. ווייבער האָבן זיך אָנגעהייבן קלויבן, מאַנכע מיט קרבן־מנחהס אונטער די אָרעמס און מאַנכע אַ ביסל איינגעשמירט אין מעל און אין טייג, ווי ערשט פון אויוון, ווו זיי האָבן זייערע שבת־חלה אַריינ־געזעצט, אָדער אַרויסגענומען. אַלע זענען געקומען נישט געבעטן, איינע גלאַט צו הערן דאָ „ווי און וואָס״. אַנדערע צוליב אַ מצוה און יושר חייעלן איר כבוד אָפּגעבן אין אַזאַ פאַל אויך. קיין „גוט־מאָרגן״ קיין „גוט־יאָר״, נאָר שטיל זענען זיי אַלע געשטאַנען ווי די גאַנצע ניין מאָס רייד וואָלט זיי מיטאַמאָל אָפּגענומען געוואָרן. טרערן האָבן אַלע אין די אויגן געהאַט. נישט ווייט פון חייעלן איז געזעסן אַן עלטערע אָנשטענדיקע פרוי, „יוכבדל די קלוגע״, — אַזוי האָט מען זי דאָ אין קליינינק גערופן — איין פינגער האָט זי געהאַלטן, ביי דער אונטערשטער ליפּ און האָט לאַנגזאַם און שטיל באַוועגט איר קאָפּ אַהין און אַהער. ר׳ שלמה האָט צו געמאַכט דעם ספר, וואָס ער האָט ביז איצט אין האַנט געהאַלטן.

— רחלע, מיין האַרציק קינד, האָט ער אויסגערעדט מיט אַ פּאָר־שטיקטער שטימע פון אַ שווערן ווייטיק וואָס האָט זיין האַרץ געפּרעסט. — שטיי אויף, מיין טאָכטער, גיי, וועק די יינגלעך אויף, טו זיי אָן, גיס זיי אָפּ נעגל וואַסער, און פיר זיי אַריין צום מנין; זאָל דאָס דיין מצוה זיין, מיין עלנט קינד, די קינדער צום ערשטן קדיש נאָך זייער טאַטן צוצוגרייטן!

מען האָט געמוזט דאָס קליינע שוועסטערל צונעמען פון איר שויס: דאָס קליינע קינד האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט, וואָס דאָ טוט זיך. זי האָט נאָר געזען נעכטן, ווי מען פּייניקט איר ליבע שוועסטער, ווי מען דריקט אירע שלעפן, ווי מען שטעכט זי מיט נאָדלען. נישט וויסנדיק, פאַרוואָס מען טוט אָן רחלען אַ זעלכע ענוויים, האָט עס געוויינט און פאַרצווייפלט געשריגן. אַז רחלע איז צו זיך געקומען, האָט זיך דאָס קינד אין איר איינגעקלאַמערט מיט ביידע הענטלעך און זי נישט אָפּגעלאָזן, עס האָט זי געוואָלט באַשיצן מען זאָל זי נאָכאַמאָל אַזוי נישט פּייניקן; אַז מען האָט רחלען אויף איר בעט אַוועקגעלייגט, האָט מען אויך דאָס קינד געמוזט מיט איר לייגן. ווי נאָר רחלע איז אויפגעשטאַנען, זיך נעבן איר מוטער אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, האָט דאָס קינד זיך אויפגעכאַפּט און געוויינט. מען האָט עס געמוזט אָנטון און אַוועקזעצן נעבן רחלען אויף דער ערד. זיצנדיק אַזוי, איז עס איינגעשלאָפן געוואָרן, דאָס קעפּל אין רחלעס שויס איינטולנדיק. די יינגלעך זענען געקומען פון חדר, שוין נאָך דעם חלשן, זעענדיק אַז אַלע וויינען, האָבן זיי אויך געוויינט און זענען אַזוי איינגעשלאָפן אויף דעם אָרט, וווּ זיי האָבן געוויינט; די אַלטע פּייגע האָט זיי שפּעטער אין זייער צימערל אַריינגעטראָגן, אויסגעטון, און אין זייערע בעטלעך אַוועקגעלייגט.

רחלע האָט קוים געקענט איינשטיין אויף אירע פיס, מען האָט זי צו די קינדער אין צימער אונטער די הענט אַריינגעפירט. די קינדער האָבן נאָך רויק געשלאָפן. זי האָט אירע ליפּן צוגעלייגט צום עלטערן ברודערס קעפּעלע, אַ קוואַל טרערן האָט זיך פון דאָס ניי געעפנט.

— שטיי אויף, מיין ברודערל! — האָט זי שטיל פון טיף באַקלעמטן האַרצן אַרויסגערעדט, — שטיי אויף, ניי ירומל, קדיש זאָגן, מאָטעלע, שטיי אויף!... געשטאָרבן, ברודערל, איז דער ליבער, טרייער פאָטער אונדזערער! ווייסטו, עלנט קינד, וואָס געשטאָרבן איז?... נישט זען וועלן אים מער אונדזערע אויגן, מאָטעלע, נישט הערן מער זיינע

זיסע קליגע רייד, שוין קיינמאָל קיינמאָל, ברידערל!... צובראָכן איז אונדזער שיפעלע... שטיי אויף, מאַטעלע, שווימען מוזטו, ווי אַ פּישעלע אין דעם גרויסן טיפן ים, וואָס אונדזער אומגליק האָט אודנז אַזוי פּלוצלינג אַריינגעוואָרפן אין אים! נישטאָ מער דאָס שיפעלע, וואָס האָט אונדז אין שטורעם און ווינט אויף דעם אומזיכערן וואַסער ביז איצט אַזוי זיכער געטראָגן! נישטאָ מער דיין טאַטע, ברידערל, אַ יתום ביזטו, אַ עלנד קינד!...

— „שטיי דו אויך אויף, קליין פייגעלע!—האָט זי זיך צום קלענערן ברידערל געווענדעט,— אַ שטורמווינט אַ שרעקלעכער האָט דעם בוים אויסגעריסן, וואָס האָט דיין בעטעלע, דיין נעסט, מיין עופעלע, פון קעלט און היץ פאַרשטעלט... נאָך שוואַך זענען דיינע פיסעלעך, אָרים ברידערל, נאָכנישט אויס וואַקסן זענען דיינע פליגעלעך און אויפשטיין מוזטו, פליען אין דער ברייטער וועלט אַ נייע נעסט זיך געפונען! גיכער, גיכער, ברידערל, נאָך איידער עס רעגנט, נאָך איידער עס קומט דער ווינטער מיט זיינע שניי און קעלט איבער דיין קעפּעלע!... אָ, פייגעלע, ווו וועסטו אַזאַ בוים געפונען, וועלכער זאָל דיך אַזוי שיצן, ווי דיין טרייער פאָטער, וועלכן דו האָסט שוין נישט מער! ?... גאָט, וואָס האָסטו אונדזער פאָטער צוגענומען? פאָטער, וואָס וועט פון דיינע קינדער ווערן! ?...

זי האָט שוין מער קיין כּוח נישט געהאַט צו רעדן, נאָר טרערן האָבן זיך איר שטיל געגאָסן. זי האָט דיביידע ייִנגלעך אָנגעטון, און זיי פאַר די הענטלעך גלייך צום פעטער צוגעפירט.

—נאַט אייך גוטער פעטער, די פרישינקע יתומימלעך!—האָט זי אַרויס געערעדט מיט אַזאַ רירענדיקן טאָן אַז אַלע, וויפל עס זענען דאָ געווען, האָבן אין דער הויך אָנגעהייבן צו וויינען. עס האָט געוויינט דער פעטער, אויך יוכבדל די קליגע האָט אירע טרערן נישט מער געקענט איינהאַלטן און זיי האָבן זיך געקאָלערט איבער איר פינגער, וועלכער האָט נאָך אַלץ איר אונטערשטע ליפּ צוגעדריקט.

— נעמט זיי, ליבער פעטער, — האָט רחלע ווייטער געזאָגט, לערנט זיי אויס צו זאָגן קדיש נאָך אונדזער ליבן פאָטער. אָ, פעטער געטרייער, ווייזט זיי איצט, די קליינע יתומימלעך זיינע, ווו גאָט איז! לערנט זיי פאַר זייער טאַטנס נשמה בעטן, בעטן פאַר זיך אויך!... בעט גאָט, קינדערלעך, ער, דער פאָטער פון אַלע יתומים, זאָל שוין פון איצט אויך אונדזער איינציקער פאָטער זיין!...

ר׳ שלמה האָט געכליפּעט פון געוויין. חייעלע האָט שוין קיין כּוח נישט געהאַט צו וויינען. אָבער אַז זי האָט דערזען אירע קליינע יתומים און דערהערט רחלעס רייד האָט זי אָנגעהייבן צו ברומען נישט מיט איר קול; יוכבדל האָט זי אַרומגענומען און זיך געמיט זי איינצושטילן. פון צווייטן צימער זענען אַריינגעקומען עלטערע באַלעבאַטים.

ר׳ שלמה האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף רחלעס קאָפּ.

— אַזוי, מיין טאָכטער, — האָט ער אויסגערעדט, — אַזוי איז שוין! מיר האָבן אים פאַרלוירן, אויף אייביק פאַרלוירן! חבל על דאבדין ולא משתכחין: ווי געשריגן אויף די, וואָס פאַרלירן זייער טייערן שאַץ און וועלן אייביק, אייביק אים נישט קענען פאַרגעסן! אויף אונדז, מיין קינד, איז ווי געשריגן! ער איז שוין דאָרט, ווו עס איז אַלץ גוט; נאָר מיר? מיר, די לעבעדיקע, מיר בלאָנדזען נאָך דאָ אַרום, אונדז איז דאָס ליכט אויסגעלאָשן געוואָרן אין מיטן טאָג, פינצטער איז אונדז אין אונדזער אויגן געוואָרן! זעסטו, מיין טאָכטער, ווי נאַריש דאָס לעבן איז, ווי פּוסט און נאַריש זענען אַלע חקירות, אַלע תאוות אין לעבן? ! אַ בריק, אַ גלעזער־נע, זער אַ שוואַכע, איז דאָס לעבן, אונטער דער בריק לויפט אַ גרויסער שטראָם און אַ טיפער. פון איין זייט הייבט זיך אָן דאָס לעבן, פון דער אַנדערער זייט איז שוין דער סוף פון אים. וויל איז צו דעם מענטשן, וואָס תורה און מעשים טובים זענען אים ווי פאַרענצעס, ער זאָל זיך אָן זיי קענען אָנלענען, פון בריק אין וואַסער נישט אַריינצעפאַלן און זאָל קענען קומען בשלום אַהין, ווו עס איז גוט, ווו עס הייבט זיך אָן עולם הבא! ווי איז אָבער צו דעם, וואָס טוט אויס דעם יאָך פון תורה און מצוות און קוקט נישט, פון וואַנען ער קומט און וואָהין ער גייט! אַזאַ מענטש איז גרינג ווי אַ פעדער: קיין פאַרענצעס פון תורה און מעשים טובים האָט ער נישט, אָט ווערט ער פון אַ קליין ווינטל נאָר, פון בריק אין וואַסער אַריינגעשטויסן און פאַלט אין דעם טיפן שטראָם, וואָס פליצט און פאַרטראָגט אים וויט ביז דער שאול תחתיה אַראָפּ!...

— דיין ליבן פאָטער, מיין טייערן ברודער, האָבן זיינע מעשים טובים באַגלייט, ווו ער איז געגאַנגען און ווו ער איז געשטאַנען; ער איז פרי געשטאָרבן, ווייל ער האָט פון אָנהייב אָן קיין פיל יאָרן נישט געהאַט צו לעבן, און אפשר האָט גאָט זיין נשמה צוגענומען פאַר אונדזערע זינד... וואָס מיינסטו איז דען אונדזער נשמה? דאָס איז אַ ליכטל אָנגע־צונדן אין אונדז, פון גאָטס גרויסן ליכט! האַלטן מיר די נשמה — דאָס הייסט: דאָס געטלעך אָנגעצונדענע ליכטל — ריין און אונדז און לאָזן

נישט צו צו אים אַ שלעכטע תאווה, אַ בייזע מחשבה, אָדער אַ פאַר־דאָרבענע מידה, ברענט עס שטיל און רויק אין אונדז און מיר לעבן אויס אונדזערע יאָרן, וויפל דער רבונו של עולם האָט אונדז באַשטימט; טוען מיר אָבער, חלילה, פאַרקערט, און מיר פאַרנעמען זיך מיט תאוות, מיט ספקות אין דער אמונה, ווערן זיי ווינטן אין אונדז און חלאָזן דאָס ליכט אין גאַנצן אויס, אָדער עס הייבט אָן שמעלצן ווי אַ חלבן ליכטל און פלאַקערט אויס מיטאַמאָל און עס ווערט אַ תל פון אונדז... איין זאַך, מיין קינד, דאַרפן מיר גלויבן און וויסן, גאָט, ברוך הוא, האָט זיין וועלט מיט חסד און מיט רחמים באַשאַפן, מיט צדק און מיט משפט פירט ער זי, און מיר, זיינע באַשעפענישן, טאָרן גאָר קיין קשיות נישט פרעגן: פאַרוואָס איז דאָס אַזוי און יענץ אַנדערש? פאַרוואָס לעבט דער און פאַרוואָס שטאַרבט יענער? ער ווייסט, וואָס ער טוט, ער איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט! אונדז בלייבט נאָר מיט אמונה און מיט בטחון מצדיק צו זיין דער דין און אַ ברכה צו מאַכן: ברוך דיין אמת!

ביי די רייד, האָט דער שמש פון חברה־קדישא צוגעטראָגן אַ מעסער, ר׳ שלמה האָט אָנגענומען פאַר דעם שפיץ קלינג און האָט אַזוי איינגעשניטן די לאַץ פון זיין ראָק און דערנאָך אַ ריס געטון מיט דעם גאַנצן כוח. ער האָט אויך אַזוי איינגעשניטן אַ ברעג פון רחלעס קאַפטע, וועלכע זי האָט דאַן אויף זיך געהאַט און זי האָט אויך קריעה געריסן. אָבער איר האַרץ איז שוין אינערלעך געווען פון פיל פריער מער אין איר צעריסן. אויך חייעלע האָט די טרויעריקע צערעמאָניע געטון, און טרערן האָבן זיך גענוג געגאָסן פון די אַלע, וואָס האָבן די האַרצרייסנדיקע סצענע צוגעזען.

רחלע האָט שוין זיך נישט געקענט מער האַלטן אויף אירע פיס אין די דינע זעקעלעך, זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן לעבן דער מוטער און דאָ איז זי שטיל און פאַרקלעמט געזעסן, ביז זי האָט דערהערט ווי אירע ברידערלעך זאָגן דעם ערשטן „יתגדל ויתקדש״. אַ ניי העפטיק געוויין האָט זיך אָנגעהייבן, און אַז זי האָט געוואָלט ענטפערן: „אָמן, יהא שמיה רבא!״ האָבן זיך, פון גרויס באַקלעמונג, אירע ליפּן אָן אַ זייט פאַר־צויגן, דאָס גאַנצע געזיכט האָט קאָנוולסיוו געציטערט; יוכבדל האָט דאָס דערזען און איז צוגעלאָפן צו איר, זי אָנגעהייבן קושן און גלעטן ביז דער קראַמף האָט זי אפּגעלאָזן.

— גרויס, זער גרויס איז דיין אומגליק, מיין ליבע טאכטער! — האָט די קליגע פרוי אָנגעהייבן, — נישטאָ קיין ווערטער, נישטאָ קיין רייד דיך צו טרייסטן אין דער מינוט בעת דיין האַרץ איז נאָך אין צווייען צעריסן פון דער קויל, וואָס האָט אים ערשט געטראָפן!... איין טרייסט נאָר האָט דער זינדיקער מענטש, איין טרייסט, מיין ליב קינד, מער האָבן מיר גאָרנישט, גאָרנישט, זאָג איך דיר! נאָר דער שכל קען אונדז טרייסטן דערמיט, וואָס דער מענטש ווייס, אַז דאָס, וואָס עס איז נגזר געוואָרן, מוז אויף אים קומען און עס העלפט קיין וויינען, קיין שרייען און קיין קלאָגן! האָסטו דען ווען געקלערט אַז דו לעבסט, ווייל דו ווילסט לעבן? ניין, מיין קינד, דו לעבסט ווייל גאָט האָט דיר זיין לעבעדיקע נשמה געליען, דו מוזט לעבן ווייל ער וויל אַזוי! זיינע איז די נשמה, נאָר מיט זיין חסד לייט ער זי אונדז, קענען מיר דען צו אים טענות האָבן, אַז ער נעמט צו פון אונדז, וואָס ס'איז זיינס?... צו שטאַרבן זענען מיר געבוירן געוואָרן, און ווער אין דער וועלט, פון אדם הראשון ביז דיין טרייען פאָטער האָט געלעבט און איז נישט געשטאָרבן? געשטאָרבן זענען אונדזערע הייליקע אבות: אברהם יצחק ויעקב; גלויב מיר, זיי האָבן נאָך אויך נישט געוואָלט שטאַרבן; געשטאָרבן איז אויך דער הייליקער נביא משה רבינו. אַך, ווי האָט ער זיך ביי גאָט געבעטן, ער זאָל אים נאָך לאָזן לעבן! איין יאָר נאָך לעבן, איין טאָג, איין שעה כאָטש אַן איבעריקע! דאָס הייליקע לאַנד, ארץ־ישראל, האָט ער געוואָלט זען, דאָס טייערע לאַנד, וואָס גאָט האָט זיין טייער פאָלק אַוועקגעשאָנקען; עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, בשעת די שעה פון זיין טויט איז געקומען. ער האָט עס באַלד איינגעזען און האָט זיין הייליקע נשמה צו גאָט אַליין אין די הענט אָפּגעגעבן, געשטאָרבן איז דיין פאָטער, גאָט האָט אַזוי געוואָלט און האָט זיין כשרה נשמה צוגענומען צו זיך, און וואָס קען אים איצט העלפן אונדזער וויינען, אונדזער קלאָגן? שטאַרבן שטאַרבט מען איינמאָל, און דאָס איינמאָל, איז שוין אַלע מאָל!... אונדזער שעה וועט אויך קומען, צו מיר וועלן גרייט זיין, צו נישט, אַז מען רופט, מוז מען גיין! נאָר ווינטשן מעג זיך יעדער — מיט מער יאָרן — אַזוי ערלעך און פרום אויסצופירן זיין וועלט, ווי דיין פאָטער, עליו השלום. נאָך אונדזער טויט זאָל מען אונדז קיין ערגערע שבחים נישט נאָכזאָגן! אַך, מיין קינד, וואָס ווייסטו וויפל טרערן פון אַלמנות און יתומים גיסן זיך איצט, וועלכע וועלן אים דאָרט אין הימל ווי מליצים טובים פאָרקומען פאַ

זיינע מעשים טובים, וואָס ער האָט געטון אין זיין יונגען לעבן? גאָט זאָל די דאָזיקע טרערן צעזאַמענקלויבן, ער זאָל זיי אין זיין לאָגל אריינ־טון, ווי אין הייליקן תהילים, איז געזאָגט געוואָרן: „דו זאָלסט אריינ־טון, רבונו של עולם, מיינע טרערן אין דיין לאָגל. אין דיין בוך, ווו עבירות און מצוות ווערן פאַרשריבן, זאָלסטו זיי ציילן און פאַרשרייבן!” עס ווערט נישט אַ טראָפּן פאַרלוירן, אַלץ קלויבט זיך, אין יענעם לאָגל! אין אים זענען אַלע טרערן פון אונדזערע קדושים, וואָס האָבן זיך געלאָזט ברענען אָו, בראָטן צוליב אונדזער אמונה, אין אים זענען אויך די טרערן פון אונדזער מוטער רחל, וואָס איז אַ יונגע, נעבעך, פון דער וועלט אַוועק און נישט זוכה געווען אירע — מיט שווערע פּיין און ליידן געבוירענע קינדער — אויסצוהאָדיוון און זייער חופּה צו דערלעבן! אָ, הייליקע מוטער רחל, דו ווייסט דעם צער פון טראָגן און האָבן קינדער, דו ווייסט די פּיין און שמערצן פון שטאַרבן יונג, אַז מען לאָזט קינדער נישט דערהאָדיוועטע. אַ בעטערין אַ גוטע זיי פאַר אַלע יידישע טעכטער, ווי דו ביסט אַ מוטער אַ געטרייע פאַר אַלע יידישע יתומימלעך! זע אויך די טרערן פון דער יינגער יתומה רחל, וואָס טראָגט דיין הייליקן נאָמען, וואָס איז דיין קינד, אַזוי שיין און פרום, ווי דו! האָב רחמנות און בעט אונדזער ליבן גאָט פאַר איר, נעם צו אירע פרומע טרערן און טו זיי אין זיין לאָגל אריין, זאָל ער שוין פול ווערן און קיין טרערן פון צער און טרויער זאָלן שוין אין דעם הויז און אין קיין יידיש הויז מער נישט פאַרגאָסן ווערן!...

יוכבדל האָט אַליין נישט געפילט, ווי זי האָט זיך אונטערגעגעבן איר מיטלייד: איר האַרץ, וואָס איז פול געוואָרן מיט טרויער און עלנט אין דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז דאָ אַ שווייגנדע געזעסן, האָט זיך איצט מיט אירע טרערן אויסגעגאָסן און זי האָט רחלען צו־געדריקט צום האַרצן און מיט איר צעזאַמען זיך גוט גוט אויסגעוויינט.

די מומע דבורה, האָט זיי קוים פאַנאַנדערגעריסן און האָט אָנ־געהייבן דערקלערן, ווי עס איז גאָר אַ גרויסע זינד, אַז מען וויינט צופיל, זי האָט דערביי אַ מעשה דערציילט: „אַן אומגליקלעכע מוטער האָט אַמאָל צופיל געוויינט און געקלאָגט נאָך איר קינד, וואָס איז ביי איר געשטאָרבן, האָבן ביי איר אָנגעהייבן באַלד אויסשטאַרבן — נישט פאַר קיין מוטער געדאַכט — אירע איבעריקע קינדער; אַז דאָס לעצט קינד אירס איז געפערלעך קראַנק געוואָרן, איז זי געפאָרן צום רבין, זאָל לעבן, און האָט אים געבעטן, ער זאָל מתפלל זיין אויף איר גוססנדיק

קינד, וואס איז פון צען איינס געבליבן. דער רבי, זאָל לעבן, האט אַ פרעג געטון: „זאָג מיר ווייבל, אַז דיינע ערשטע קינדער זענען געשטאָרבן האָסטו עפּעס געוויינט נאך זיי?״ — איך האב מיינע אויגן אויסגעוויינט נאך זיי!—האט זי געענטפערט. „אט דערפאַר שטאַרבן זיי״, האט ער, זאל לעבן, געזאָגט. „דיינע טרערן רינען גלייך צו דיינע קינדער אין קבר אַריין, דאָרט מאַכן זיי נאַס זייערע תכריכים, און זיי קענען מיט נאַסע תכריכים פאַר דעם כסא־הכבוד נישט קומען; פאַר זייער צער איבערדעם שטראָפט דיך גאָט, אַז דו זאָלסט וויינען און וויינען און גאָרנישט אויפהערן! עס איז גלייך, ווי דו וואָלסט גאָט דעם גערעכטן געמאַכט אומגערעכט און וויינסט, וואָס ער האָט דיר אַן עוולה געטון! ווילסטו דיין לעצט קינד זאָל לעבן בלייבן? זאָלסטו אויף זיך נעמען, נישט מער אַ טרער אַרויסצולאָזן אויף יענע, וואָס זענען שוין געשטאָרבן!״ דאָס ווייבל, דערציילט מען, האָט זיך פאַרגענומען מער נישט צו וויינען און איז געקומען אַ היים און האָט איר קינד געפונען פריש און געזונט און זוכה געווען עס מגדל צו זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

— דעריבער זאָג איך דיר, מיין טייערע שוועגערין, אויך דיר, מיין ליבע רחלע, נישט וויינט מער! שלינגט די טרערן אַראָפּ, שטאַרקט אייער האַרץ און האָפט צו גאָט, ער איז אַ דיין אַלמנות און אַ פאָטער אויף אַלע יתומים! נישט איר, מיינע טייערע, זייט די ערשטע און נישט איר די לעצטע. די וועלט בלייבט אַ וועלט און דער מענטש אין איר איז אַ טראָפּן אין ים, וואָס איז נישט ניכּר, צו ער איז יאָ דאָ, צו נישטאָ!...

נאָך אַ יידענע האָט נישט פיל געטראַכט און האָט דערציילט אַ פריש אומגליק, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אין איר שטעטל געטראָפן: אַן אָרעמע יידענע, נעבעך, איז געבליבן אַן אַלמנה מיט פינף פיצלעך קינדער אָן אַ ביסן ברויט, און טאמער איז נאך דאָס ווייניק, דאַרף זי, נעבעך, נישט פאַר קיין יידישער טאָכטער געדאַכט, האָבן אַ שווער גע־ווינען באַלד נאָכדעם און נעמט און שטאַרבט גאָר אַוועק, לאָזט איבער אירע קינדערלעך, אויך דאס ערשט געבוירן קינד פאַרן ברית, ווי אויפן מיטן ים! דאַרף מען פרעגן: צו וואָס טוט דאס אַזוי גאָט דער גערעכטער? אָבער מכתמא ווייס ער דאך, זיין השגחה איז געוויס דאַרין אויך, און מיר, זינדיקע מענטשן, זינדיקן נאָך? אונדז האָט ער שלעכטס געטון? אָ, אַז מענטשן וואָלטן קענען אַראָפּ קוקן, וואָס טוט

זיך אין אַ נידריקערע שטופּע, וואָלטן זיי לויבן און דאַנקען אַפילו אין גרעסטן אומגליק; וואָרים מיט איין האַנט שטראָפט ער און מיט דער אַנדערער טרייסט ער!... זייט ערלעכע פרימע יידישע טעכטער, אייער אומגליק איז גרעסער ווי דער צווייטער קען עס גאָר באַגרייפן און פאַרשטיין, אָבער דערמאַנט אייך, אַז דאָס האָט אייך נישט געטון אַ מענטש, וועלכער קען נישט פאַרעכטן, וואָס ער מאַכט קאַליע, נאָר גאָט דער לעבעדיקער האָט עס געטון, וואָס זיין חסד איז שטענדיק גרעסער ווי זיין שטראָף. ער וועט אייך נאָך טרייסטן, איר וועט אייך נאָך פרייען מיט זיין הילף, דער זכות פון אייער מאַנס צדקה וועט אייך ביישטיין, גאָטס טרייסט זאָל צו אייך וואָס גיכער קומען!

עס איז אויך צו רייד געקומען פון פרימע נשים, וואָס האָבן גאָטס שטראָף מקבל באַהבה געווען, און די מומע דבורה האָט דערציילט פון צביהלע די צדיקת, וואס איז מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק געשטאָרבן, אַ גוטע בעטערין זאל זי זיין, צביהלען האָט, נעבעך, גאָט געשטראָפט און האָט ביי איר צוגענומען אירע דרייוואַקסענע קינדער, איינס נאָך דאס אַנדערע. צביהלע האָט נישט געוויינט, נישט געקלאָגט און האָט זיך מתעסק געווען מיט זייער טהרה און קבורה אַקוראַט ווי אַן אמתע מחותנתטע, וואָס פירט אַ קינד צו דער חופה, כאָטש קיין טרייערע מוטער פאַר צביהלען און קיין געראָטענערע קינדער פאַר אירע זענען גאָר אין דער וועלט נישט געווען.

— ביי דעם לעצטן קינדס טויט — האָט די מומע ווייטער דערציילט, — בין איך דערביי געווען. דאס איז געווען איר מיזינקע, אַ מיידל, אַ כלה שוין, פון אַכצן יאָר. עס האָט געזאָלט זיין איר חתונה אין אַ פּאָר וואָכן אַרום; איך בין דערביי געשטאַנען, ווי צביהלע אַליין האָט אויך דאס קינד מטהר געווען. איך בין נאָך דעמאָלט אַ יונג ווייבל געווען פון צוואַנציק יאָר, אַ פּאָר יאָר נאך מיין חתונה. מיר אַלע, וואָס זענען דעמאָלט דערביי געשטאַנען, זענען צעגאַנגען פון געוויין, ווי דאס ליכטיקע קינד ליקט אָנגעטון אין אירע אייביקע חתונה־קליידער און איר ליכטיק פּנים שיינט נאָך איר טויט, ווי די זון אין הימל; נאָר צביהלע האָט איין טרער נישט געלאָזט פאַלן. זי האָט איר דאס גאַרטעלע פאַרבונדן, אַליין געהאָלפן זי אין אָרון אַריינהייבן, און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם, גערעכטער פאָטער, דו האָסט מיר אַ טייערן פּקדון געגעבן, איך האָב אים מיט פרייד און פאַרגעניגן געהיט, ווי מיין אויג פון מיין קאָפּ. דו האסט מיר אַ בריליאַנט געליען, ליכטיק

צו מאַכן מיינע פיר חינקעלעך. איך האָב קיין שטויב און קיין פלעק נישט געלאָזט פאַלן אויף אים. דו נעמסט אים איצט צו, פון מיר, איך גיב דיר אים אָפּ מיט דאַנק, מיט מיין גאַנצן האַרצן! מער, גאָטוניאָ, האָב איך נישט, אויסער מיין נשמה, וועלכע איז אויך דיינע; כּוחות גיב מיר, פאָטער שטאַרקער, די נשמה אַזוי ריין און אומבאַפלעקט דיר צוריק צוגעבן, אַז דו וועסט זי וועלן צו נעמען פון מיר, ווי די הייליקע נשמות פון מיינע קינדער, וואָס רוען שוין אונטער דיין הייליקן שאָטן!" אויף דעם בית־עולם האָט זי מיט אירע אייגענע הענט איר לעצט קינד אין קבר אַראָפּגעלאָזט, אַליין אים געפּעלעך אין די הענט געגעבן, און איז צוריק אַהיים געקומען, שבעה אָפּגעזעסן און קיינער האָט אַ טרער נישט געזען, אַ זיפץ נישט געהערט; נאָך שבעה האָט זי ווידער צדקות געקליבן פאַר אָרעמע, אַלע עלנטע געטרייסט, אָבער איר אייגן אומגליק קיינמאָל נישט דערמאָנט. אַזוי האָט זי אירע יאָרן אויסגעלעבט און איז געשטאָרבן, ווי אַ צדיקת, מיט ווידוים און מיט איר קלאָרן זינען. אַליין האָט זי פאַר זיך תּכריכים אָנגעגרייט, אַליין האָט זי פאַר יציאת נשמה איינגעטיילט, ווער עס זאָל זיך מתעסק זיין מיט איר טהרה און קבורה, און האָט נאָר געבעטן זי צו באַהאַלטן צווישן אירע קינדער. און אַזוי רוט זי אין איר קבר אויף אונדזער בית־עולם צווישן אירע קינדער. אויף איר מצבה שטייט אויפגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות: „אם הבנים שמחה"! אַזאַ מוטער פון אַזעלכע קינדער, מעג פרייליך זיין אַפילו אין קבר אויך; איר זכות, האַרציקער פאָטער, זאָל אונדז ביישטיין, נישט געפּרוווט צו ווערן צו אַזעלכע ענויים; זי זאָל דאָרט אַ גוטע בעטערין זיין פאַר אונדז אַלעמען און פאַר כּלל ישראל! אָמן!

פון אַזעלכע געשיכטן איז רחלע אַריינגעפאַלן, ווי אין אַ תּהום, אין איר מוח האָבן זיך אָנגעהייבן מישן אייגענע צרות און צרות פון לייטן; זי האָט יענע עלנטע יתומימלעך געזען, וואָס זענען הונגעריקע, נאַקעטע, אָן אַ פאָטער און אָן אַ מוטער, ווי אין מיטן ים געבליבן. זי האָט אויך יענץ קינד געזען, וואָס דער מוטערס טרערן רינען אים אין זיין קבר אַריין און נעצן דורך זיינע תּכריכים. נאָר מער פאַר אַלץ איז איר צביהלע פאַר אירע אויגן געשטאַנען: איר האָט זיך גערעכט, זי הערט, ווי זי זאָגט: „נישט וויין, מיין קינד! גאָט איז גערעכט, אַ יידישע טאָכטער דאַרף גלויבן און גאָטס שטראָף פאַר גוט אָננעמען"! און רחלע האָט פון דער מינוט אירע טרערן געשלונגען און מער נישט געוויינט.

דער עולם האָט דערווייל אָפּגעראַוונט, די קינדער האָבן דריי מאָל קדיש געזאָגט, מען האָט דעם קאַפּיטל מ״ט געזאָגט און ר׳ שלמה הזיז זיך פון דאָס ניי פאַנאַנדערגעווייַנט; אַפילו ווען אַלע האָבן אַ כּוסה געמאַכט נאָכן דאַוונען, איז ער פון חדר אַרויס און האָט זיך צוריק אַוועק־געזעצט שבעה אויף זיין אָרט, ווו ער איז פריער געזעסן.

אַ שכן האָט אַריינגעטראָגן בייגל מיט אָפּגעקאָכטע אייער, און די אבלים האָבן, ווי דער מנהג איז, די ערשטע סעודה אַ פרעמדע געגעסן. רחלע האָט נישט געקענט עסן און האָט קוים מיט געוואַלט אַ פּאָר ביסן פון דעם טרויעריקן מאָלצייט אַראָפּגעשלונגען.

דער פעטער האָט פּאַר זי פאָרגעלייענט איוב: זיינע צרות און זיין בטחון אין גאָט, רחלע האָט עס גוט אויסגעהערט, נאָר צביהלע די צדיקת איז איר נאָך אַלץ פאַר אירע אויגן געשטאַנען. „אָך“, האָט זי צו זיך געזאָגט, „צביהלע האָט נאָכמער געדולט געהאַט פאַר איובן, ווער איז צביהלע געווען? ווי וואָלט איך וועלן אַזאַ פרוי נאָך זען אין היינטיקן דור. ווי וואָלט זי מיך טרייסטן איצט! דער פעטער זאָגט: עס קען זיין, איוב איז גאָרנישט באַשאַפן געוואָרן, נאָר אונדזער קלוגער משה האָט עס אַ משל געשריבן, ווי גרויס דעם מענטשענס בטחון אין גאָט דאַרף זיין, אָבער צביהלע האָט געלעבט, מיין פאָטער האָט זי נאָך געקענט און וויפל שיינע און גוטע מידות אירע האָט ער מיר פון איר דערציילט! אָך, ער וועט מיר שוין אַזעלכעס קיינמאָל מער נישט דער־ציילן“! די עריגערונג, אַז זי וועט אים שוין נישט מער הערן, האָט אַרויסגערופן נייע טרערן אין אירע אויגן. „אָ, איך קען פון צביהלען זיך נישט אָפּלערנען“! האָט זי זיך געזאָגט, „און ווער ווייס, אויב אירע שמערצן, וואָס זי האָט געליטן, זענען געווען גרינגערע? זי האָט נאָר דעם כּוח געהאַט די דאָזיקע שמערצן נישט אַרויסצעווייזן, אָבער וואָס זי האָט אין האַרצן געטראָגן, האָט זי נאָר און גאָט אין הימל געוווסט. וויפל מיר וועט מעגלעך זיין, וועל איך און גאָט נאָר מיינע ליידן וויסן“!

אַזוי האָט זי זיך פאַרגענומען און איז רויק געזעסן ביז פאַרנאַכט.

דער ערשטער ביטערער שבעה־טאָג איז אַריבער. פאַרנאַכט האָט זיך דער פעטער אויפגעהייבן פון דער ערד און האָט געהייסן אויפשטיין, דאָס פּנים פון טרערן אָפּוואַשן און בענטשן ליכט לכבוד שבת, ווי אַלע מאָל. חייעלע האָט ליכט געבענטשט, אָבער ווי רחלע איז צוגעגאַנגען צו אירע דריי לייכטער, דערזען דעם פאָטערס אָרט, וואָס וועט שוין בלייבן

לײדיק, איז איר אַ נײַער שטראָם טרערן אונטערגעלאָפן. זי האָט די הענט אויף אירע אויגן אַרויפגעלײגט, נישט זי זאָל די אָנגעצונדענע ליכט פאַר דער ברכה נישט זען, אָבער די געבענטשטע שבת־ליכט זאָלן אירע טרערן נישט דערזען. „איך קען נישט, איך קען נישט!" האָט איר האַרץ געשריגן. „אָ, איך קען קײן צביהלע נישט זײן!"...

ד.

דער וואָס איז געבוירן און דערצויגן שטענדיק אונטער דעם הייסן ברענענדיקן הימל פון אַפריקאַ און האָט נאָך קײנמאָל קײן פראָסט נישט געפילט, קײן שנײ און אײז נישט געזען, ווען אַ צופאַל אָדער אַן אומגליק וואלט אים געבראַכט פלוצלונג צו אונדז, אין אונדזער קאַלטן צפון, מיט אונדז צו לעבן אַ קאַלטן ווינטער, אונטער צוואַנציק אדער דרײַסיק גראַד פראסט, ווי פאַרצווייפלט וואלט ער זיך פילן, ווי שווער וואלט אים זײַן די קעלט און שנײ צו דערטראגן! ער וואלט אויך נישט געקענט גלויבן אונדזער טרײסט, וואס מיר קענען אים אין אַזאַ פאַל טרײסטן, אַז נישט אײביק איז בײ אונדז קאַלט, נישט אײביק ווינטער, און אַז אין אַ פאָר חדשים אַרום וועט בײ אונדז אויך וואַרעם ווערן. עס וועט זאגאַר זײַן הייס, כמעט אַזוי הייס, ווי בײ אים דארט אין זײַן הייסער אַפריקע. „פאַלשע טרײסט, פאַלשע האפענינגען!" וואלט ער זיך קלערן, ווי קען זיך אט דער פאַרפרוירענער דרויסן גאר אנוואַרעמען אַמאל? ווי קענען אט די בערג שנײ מיט דעם דיקן פעסטן אײז גאר צוגײן? ווי קענען, אנשטאָט דער ווײסער קאַלטע אײז־דעק, די פעלדער דא זיך באַדעקן מיט גרינעם גראז, מיט פארביקע שײנע בלומען, ווי דארט, בײ מיר אין מײן לאַנד?...

רחלע איז אין איר פלוצלונגן אומגליק צו אַזאַ אַפריקאַנער גלײך געווען. זי האָט ביז דעם טאג פון איר פאטערס טויט כמעט נאך נישט געוווסט, וואס הייס אומגליק. פאר איר איז דאס לעבן נאר א פארגעניגן געווען און די וועלט אן אײביקער זומער מיט אײביק גרינע פעלדער, ווו עס בליען שײנע בלומען, איר אויג און האַרץ צו דערפרײען; פלוצלונג האט א שטורעמווינט אויסגעריסן זי פון איר שײנער וואַרעמער היים און האָט זי אַוועקגעטראָגן אין אַ נײַער וועלט, ווו עס איז אַזוי קאַלט, אַזוי מיט שנײ באַדעקט, און זי האָט נישט געקענט

גלויבן אין דעם אָרט נאָכאַמאָל אַ ליבן זומער צוזען... יעדע טרייסט האָט איר אויסגעוויזן אוממעגלעך און איר האַרץ אין איר האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען: „דו וועסט שוין דיין ליבן פאָטער נישט זען, ער איז געשטאָרבן און דו קענסט שוין נישט מער גליקלעך זיין!“ און דאַן האָבן זיך געגאָסן אירע טרערן און זי האָט צביהלען מחילה געבעטן, וואָס זי קען אַזוי שטאַרק און אַזוי געדולדיק נישט זיין.

איר פעטער און נאָך מער — איר מוטער האָבן אויף זייער אומגליק אויך געקלאָגט, אָבער זיי האָבן שוין דעם ווינטער מיט די פרעסט פונם לעבן פאַרזוכט אַמאָל און האָבן געוווסט, אַז אפילו דאַן, ווען דער דרייסיק גראַדאָווער פראָסט־פאַרגייט אונטער די נעגל און דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט פון ווייטיק און קעלט, ברויך מען פונדעסט־וועגן נישט פאַרגעסן, אַז נאָך אין אַ חודש אָדער אין צוויי וועט צוריק ליכטיק און וואַרעם ווערן און די זומערדיקע קליידער זענען נישט איבעריק; ווינטער איז ווינטער און זומער וועט ווייטער זיין זומער. די וועלט פירט זיך שוין אַזוי פון אייביק אָן, דער מענטש מוז צו אַלץ געוווינט ווערן! דעריבער האָבן זיי גאָר אָן פילאָזאָפיע געקענט זאָגן: „גם זה יעבור!“ אויך אָט דאָס אומגליק וועט באַלד פאַרגעסן ווערן!

נאָר כאָטש רחלע האָט נישט געגלויבט, אַז איר וווּנד אין האַרצן וועט זיך פאַר.יילן, האָט זיך די נאַטור געטון דאָס איריקע: שטענדיק וויינען, האָט זי אַזוי פיל טרערן נישט געהאַט, שטענדיק נישט עס, האָט דער הונגער נישט דערלאָזן. ביסלעכווייז האָט זי אויפ־געהערט צו וויינען, ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהייבן עסן און ביסלעכווייז האָט זיך, גאַנץ אומבאַמערקט, אויך איר וווּנד אָנגעהייבן היילן. זי האָט זיך דערמאַנט: זי איז דאָס עלצטע קינד פון איר פאָטער געבליבן, די קליינע יתומים זענען אָן איר אומבאַהאָלפן, אויף איר ליגט די פליכט, אַנשטאַט דעם פאָטער, זיי טריי צו זיין, די קינדער זאָלן קיין פאַרלאָזענע עלנטע יתומים נישט זיין, און זי האָט פון איצט אָן נישט געשלאָפן און נישט גערוט, די קינדער זאָל נישט פעלן, קיינער זאָל זיי קיין שלעכטס נישט טון און אויך זיי קיינעם. זי האָט אָנגעהייבן זיי אָנטון און אויסטון, זיי אָפּגעהיטן פון שעדלעך עסן, פון שעדלעכע באַקאַנטשאַפט, איר פרייע צייט פאַרברענגען מיט זיי אין קלוגע שמועסן און מעשהלעך, צוגעפּאסט צו זייערע יאָרן און שכל. די דאָזיקע נייע באַשעפטיקונג האָט זי געטרייסט. איר האַרץ איז רויק געוואָרן, אויך איר שיין געזיכט האָט צוריק אָנגעהייבן צו בליען און שיינען, ווי געווען. זי האָט אויך

משהלען אָנגעהייבן צו דערמאַנען און דאָס בענקען נאָך אים איז איר אַנגענעם געווען, ווי די ערשטע וואַרעמע שטראַלן פון דער זון אין פריען פרילינג, בעת רונד און אַרום בלאָזן נאָך קאַלטע ווינטן; פון ווייטן ערגעץ האָט איר, אַ וואַרעמער שטראַל געטרייסט און האָפענונג איינגעהויכט, אַז עס וועט אויך באַלד זומער ווערן: דאָס זענען געווען משהלעס בריוועלעך, וואָס דער בריוו־טרעגער פלעגט איר אָפּגעבן, ווי זי האָט נאָך פון פריער באַזאָרגט.

חייעלע איז באַלד נאָך שבעה אַריבערגעפאָרן „צו אים, זאָל לעבן".
אַז זי איז צוריקגעקומען, האָט זי זיך אָנגעהייבן צוגרייטן צו דער ווייטער נסיעה, אַהין, ווו איר ליבער מאַן איז געשטאָרבן און ווו זיין געלט איז ווי אויף שבעה ימים צעשפרייט געבליבן.

ר' שלמה האָט געמוזט מיט איר פאָרן אין אויעזד, דאָרט פאַרטיק צו מאַכן אַלע פאַפּירן און דאָקומענטן, וואָס זי מוז מיט זיך מיטנעמען. פון דאָרט איז ר' שלמה אַ היים געקומען אַליין. חייעלע איז גלייך אַוועק אַהין, ווו איר מאַן איז געשטאָרבן.

אָנפאַנגס פלעגן די קינדער מיט יעדער פּאָסט דערהאַלטן פון איר בריוועלעך, אין וועלכע זי האָט זיי מודיע געווען, אַז אַלץ גייט גוט, תּבואה איז איצט אין צווייען טייערער געוואָרן, און סוחרים קויפן אָפּ די נאָכגעלאָזענע קאָנטראַקטן מיט ריווח און פלעגט רחלען טרייסטן און בעטן אַכטונג צו געבן אויף די קינדער, אירע אָרעמע יתומימלעך, און זען די ביכער פון זאוואָד זאָל דער פעטער פירן מיט אָרדנונג, אַכטונג געבן, עס זאָל אַלץ גיין כשורה. אַזוי איז אַ חודש אַריבער. אין די לעצטע בריוו האָט זי געשריבן, אַז עס זענען נאָך אַלץ דאָ מניעות, וואָס זי קען נאָך אַ היים נישט פאָרן און מוז דאָ בלייבן אַ וואָך אָדער צוויי, ביז גאָט וועט זיך דערבאַרמען.

די דאָזיקע ידיעות האָבן רחלען און ר' שלמהן באַאומרויקט: לייטישע צינגער האָבן גערעדט, אַז חייעלע וועט בוודאי מיט עמעצן חופה האָבן און וועט מיט אים אַראָפּקומען אַהיים. זי טוט עס מיט אַ בכון אַזוי, ווייל דאָ וועט עס איר שווערער זיין יוצא צו זיין פאַר אירע קינדער, פאַר איר שוואָגער און פאַר אַלע, וואָס קענען זי, אָבער אַז עס וועט שוין זיין אַ זאַך, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן, וועט מען מוזן מסכּים זיין.

אָט די גאַנץ אָן אַ שום גרונט באַליידיקנדיקע רייד איז צו ר' שלמהן און צו רחלען אויך אָנגעקומען און דאָס האָט זייביידן עגמת־נפש געמאַכט

און נאָך מער, וואָס זייביידע האָבן מכּוח דעם נישט געקענט רעדן. דערצו האָט נאָך ר׳ שלמה אַ גרעסערע לייד געטראָגן, וואָס ער האָט געהאַלטן בסוד פון רחלען: משהלעס זיידע האָט אין אַ בריוו אָנ־געפרעגט, וואָס קען זיין, וואָס משהלע פאַרברענגט דאָ אַזוי לאַנג ביי זיינע פעטערס? און וואָס איז די סיבה, וואָס ער שרייבט גאָרנישט?

„נאָך אַמאָל, וואָס שרייבט ער?״ — האָט זיך ר׳ שלמה איבער־געפרעגט, „איז דען משהלע נישט אַהיים געפאָרן גלייך? וואָס איז דאָ פאַר אַן אומגליק״? ער האָט באַלד געשריבן אַ בריוו, אַז עס איז שוין דער דריטער חודש זייט משהלע איז צוריק אַהיים געפאָרן און האָט געבעטן, ווי גאָט איז זיי ליב, תּיכף צו מעלדן, וואָס ווייסן זיי פון אים, צי איז ער נישט געפאָרן צו זיין מוטער, אָדער צי איז ער, חלילה, נישט קראַנק געוואָרן אין וועג? צו ר׳ לייזערס טויט, האָט ער געשריבן, איז משהלעס פאַרפאַלן ווערן אַ נײַ אומגליק, אַ צוגאָב.

די נייע אַנגסט האָט דער געטרייער פעטער פון רחלען באַהאַלטן, ער האָט זי נישט געוואָלט מצער זיין מיט נייע זאָרג און צער. רחלע האָט געוווּסט, אַז משהלע איז שוין אין ברעסלוי, ער איז געזונט און לערנט און איז מיט זיין לערנען און לערער צופרידן. אין זיין ערשטן בריוועלע האט ער געבעטן פאַרצעברייטן דעם פעטער, ר׳ שלמהן, אים זאָל פלוצלונג נישט איבערראַשן די ידיעה, וואָס ער איז אַוועק־געפאָרן שטודירן; נאָר אין איר טרויעריקן בריוול, אין וועלכן רחלע האָט אים די בייזע בשורה אָנגעזאָגט, אַז איר ליבער פאָטער און זיין טייערער פעטער איז געשטאָרבן, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל איצט בעסער וועגן זיך צום פעטער נישט שרייבן. די פאַמיליע איז ביז איצט אויך נישט געוווינט געוועזן פון אים בריוולעך צו דערהאַלטן, וועט מען גאָרנישט זיין אומרויק, אַז ער וועט דערווייל נישט שרייבן. דאַקעגן קען די אומגעריכטע ידיעה פון זיין שטודירן דעם אַלטן פעטער טרעפן, ווי אַ קויל אין האַרצן, און אויף דעם טרויער, וואָס ער טראָגט אין זיך אויף זיין ליבן ברודער, וואָס איז ערשט געשטאָרבן, וועט דער נייער טרויער איבער זיין שטודירן — אים ביז צו דער ערד צודריקן. משהלע האָט איר טרייע עצה געפאָלגט און נישט געשריבן צו דער פאַמיליע ביז אַ צייט.

אַזוי האָבן זיי ביידע, דער טרייער פעטער און טרייע פלימעניצע, איינער פון אַנדערן באַהאַלטן, פאַרשטיקט אין זיך דאָס, וואָס זיי ווייסן פון משהלען.

איינער פון אַנדערן בעהאַלטן, פערשטיקט אין זיך דאָס, וואָס זיי ווייסן פון משהלען.

איינמאָל זיצנדיק ביי זיך אינדערהיים איז דער בריוו־טרעגער אַרייגעקומען און האָט ר׳ שלמהן דערלאַנגט אַ בריוו. ר׳ שלמה האָט אָנגעטון זיינע ברילן און האָט אָנגעהייבן לעזן. דאָס איז געווען אַ בריוו פון משהלעס זיידע, געשריבן אין זייער אַ הויכער לשון־הקודש־מליצה. נאָר מאַנכע ווערטער פון דעם בריוו לאָזן זיך איבערזעצן. אָנגעהייבן האָט ער זיך מיט דעם לשון:

„נישט אַ מענטש פון אַ בשורה בין איך היינט, אַ פורכט האָב איך געפורכט, איז זי מיר געקומען, ווער וואָ׳ט עס מיר געזאָגט? ווער וואָלט גאָר געגלויבט צו די בייזע הערונג, וואָס איך האָב פאַרנומען און עס האָט געצי־טערט מיין בויך! דער זון, וואָס איך האָב געהאָדיוועט און האָב אים דערהייבן, וועט גאָר פעלשן אין מיר? ווי צו די אויערן, וואָס הערן אַזוי! משהלע, דער אַרויסגייער פון מיין דיך, דער גע־לוסטיקער פון מיין אויג, וועט אַרויסגיין צו אַ שלעכע אויפפירונג און וועט זיך אַוועקגיין אין אַן אָרט, ווו מען קען אים נישט און וועט טון אַלץ, וואָס זיין האַרץ גלוסט!“.

„ווי געשריגן! אָפּגעקערט האָט ער פון גאָטס וועג און האָט אַוועק־געלאָזן אַ לעבן פון אייביקייט און איז זיך עוסק אין אַ לעבן פון אַ שעה, ער האָט אַוועקגעלאָזן און אַרויסגעטריבן די ווירטין, די הערשערין, אונדזער הייליקע תּורה, און טוט זיך באַהעפטן אָן דער דינסט, אָן די פּרעגלערקעס און אין די קעכערקעס, די אויסוויינקסטע חכמות, וואָס קומען אַרויס פון דער אַנדערער זייט און וואָס ברענגען צו אויסגעלאַסנקייט, צו אַפּיקורסות, רחמנא לצלן. און וואָס וועט זיין זיין סוף? אין דער טיפעניש פון זומפּיקן ליים וועט ער טון ברומען אויף זיין לעצט, ער וועט זוכן דאָס ליכט צו גיין אין גאָטס אָנגעזיכט, אָבער ער וועט גיין אין דער פינצטער, ווי די טויטע אין שטאָק־פינצטערניש! גאָט האָט אַ שטאַרקן בראָך צעבראָכן אין עוזה! ער האָט אַראָפּגענומען מיין קרוין און האָט געלאָזט רוען צו דער ערד מיין כּבוד. איך בין געוואָרן, ווי אַ לאָגל אין רויך און מיין קאָפּ איז מיר, ווי דער באַרג כּרמל! מיין טויטער ליגט נאָך פאַר מיר, ווער קען מיך טרייסטן? עס איז גרויס ווי דער ים מיין בראָך! און ווי זאָל איך עפענען אַ מויל אַרויס־צורעדן? ווי זאָל איך פאַנאַנדער ציען מיינע ליפּן? עס האָט מיך אָנ־גענומען אַ ציטערניש אין מיינע לענדן און אַלע קניעס טוען צעגיין,

וויי וואַסער! דעם ווייַנשטאָק, וואָס איך האָב געפֿלאַנצט, גריזעט אַרום דער חזיר פֿון וואַלד, און דער זיז פֿון פֿעלד פֿיטערט פֿון אים! ווער וואָלט געבן מיין קאָפּ וואַסער און מיינע אויגן אַ קוואַל טרערן, וואָלט איך באַוויינען די שרפֿה, וואָס גאָט האָט פֿאַרברענט! ווער וואָלט געבן מיר אַ פֿליגל פֿון אַ טויב, וואָלט איך פֿליען און איך וואָלט רוען און אַז צווישן שטערן וואָלט ער טון זיין נעסט, וואָלט איך פֿון דאָרט אויך אים ברענגען און אומקערן צו פֿעסטיגקייט, אומצוקערן דאָס האַרץ פֿון עלטערן צו קינדער און קינדערס האַרץ צו עלטערן". — אַזוי ווייטער, מיט דעם זעלבן לשון גאַנצע צוויי פּאָסט־בייגעלעך פּאַפּיר פֿון אַלע פֿיר זייטן. צום סוף איז אויך די חתימה געוועזן אין לשון־הקודש: אַזוי רעדט דער, וואָס בוקט זיך צו דעם פֿיס־בענקעל פֿון אייערע פֿיס, דער יינגסטער פֿון די טויזענטער פֿון מנשה, דער, וואָס שרייבט און חתמעט אין דעם טאָג, וואָס איז געטאָפּלט אין אים „עס איז גוט" שרגא פֿייבוש סגל".

ר' שלמה האָט דעם בריוו איבערגעלעזן צוויי מאָל און נאָך אַלץ נישט געוווּסט, וואָס ער וויל? וואָס מיינט ער אים אָנצוזאָגן און וואָס פֿערלאַנגט ער פֿון אים? פֿונדעסטוועגן איז אַים די מליצה געפֿעלן און האָט אַלץ איבער גערעדט:

„ער קען שרייבן", „אַ מליץ נפֿלא", „אָט דאָס הייסט לשון־הקודש!".

— וואָס שרייבט ער? האָט די פֿרוי זיינע געפֿרעגט, איז שוין משהלע געקומען אַהיים? איז ער געזונט? ווו איז ער אַזאַ לאַנגע צייט געוועזן?

ר' שלמה האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן.

— זעסטו, איך האָב געזאָגט: ער איז אין איין גאַנג אַריבער געפֿאָרן צו דער מוטער זיינער און האָט דאָרט פֿערבראַכט ביי איר עטלעכע וואָכן — האָט זי זיך ווידער אַרויסגעכאַפּט, — וואָס איז? נישט אַ נחת פֿאַר אַ מאַמען, אַז עס קומט אַזאַ זון? עס איז נאָר אַ ווייטיק פֿאַר איר, נעבעך, וואָס זי דאַרף אַזאַ קינד לאָזן ביי לייטן און קען אים ביי זיך נישט האַלטן צוליב איר מאַן; אוי, איז דאָס אַ ווייטיק, זאָל קיין יידישע מוטער דערצו נישט געפּרוּווט ווערן!

— וואָס מוטער? ווען מוטער? — האָט ר' שלמה אין כּעס אויסגעשריגן, — נישט דאָס שרייבט ער גאָר. ער דערמאָנט גאָרנישט וועגן פֿאָרן צו דער מוטער זיינער.

וואָס־זשע דען, שרייבט ער אַזאַ לאַנגע מגילה אויף צוויי בויגן פּאַפּיער?

— ער שרייבט, ווי אַ ייִד, וואָס קען שרייבן, וואָס ווייס ווי צו־שרייבן! — האָט ער געענטפערט, — הויכע, גאַנץ הויכע לשון־הקודש שרייבט ער. יעדעס וואָרט איז אַ פּערל. ער קען בעסער פאַר די יונגע. אַזוי האָב איך שטענדיק געזאָגט: וואָס מיר אַלטע האָבן פאַרגעסן, קענען נאָך די יונגע נישט. ער איז אַ מליץ נפלא!

— וואָס פונדעסטוועגן דערציילט ער פאַרט פון אים? ווו איז ער גע־ווען? וואָס מאַכט ער? איז ער כאָטש געזונט?

— וועגן דעם דערמאַנט ער גאָרנישט! ער שרייבט, עפּעס אַז ער איז אַ שייגעץ, אַ בעל־תאווה געוואָרן. ער וויל נישט לערנען, אָט וואָס ער שרייבט!

— אַבי ער איז געזונט, אַ דאַנק גאָט! — האָט די מומע צע־פרידן אויסגערעדט. — ווייניטי כאָטש איך פלעג דיך טרייסטן, מיר אָבער פלעגט דער מוח הייבן, גאָט ווייס וואָס מיט אים איז געשען? אַ ציטריק קינד איז שטענדיק אין מער סכנה, אַז עס פּאַרט אין אַ וועג, פלעג איך קלערן. טאַקע דערפאַר האָט זיך אונדזער פאָטער, יעקב אבינו, אַזוי געבעטן ביי זיינע זין, זיי זאָלן זיין ציטריגן בנימינען נישט מיט נעמען. משהלע איז אַ שייגעץ? מעג גאָט בענטשן מיט אַזעלכע שקצים אַלע ייִדישע טאַטעס און מאַמעס! נישקשה, ער האָט אים מסתמא איינגערוגזט; אפשר איז ער שוין מיד געוואָרן, אים האַלטנדיק? וואָלט איך עס נאָר פריער געוווסט, וואָלט איך אים פונדאַנען נישט אָפּגע־לאָזן. און אפשר איז ער גערעכט: פאַרוואָס איז ער באמת מער מחויב אים צו האַלטן ווי מיר? ווער וועט נאָך „הונדערט און צוואַנציק יאָר" נאָך אונדז קדיש זאָגן, אַז נישט ער?

— איך האָב זיך דאָך ביי אים געבעטן, ער זאָל דאָ בלייבן. דו ווייסט דאָך אַליין, וואָס־זשע רעדסטו? — האָט ר' שלמה מיט אַ פאַראיבל געענטפערט, — וואָס שיטסטו מיר נאָך זאַלץ אויף מיינע ווונדן? דאָס האַרץ איז אין מיר געוויג אויסגעריסן פון זיין זיידנס בריוול. עפּעס קלאָגט ער און וויינט אין אים און איך ווייס נישט, וואָס ער וויל, הלוואי זאָל ער אים נאָר אָפּלאָזן, ווי איך וואָלט אים צונעמען מיט ביידע הענט!

— ווייסטו, וואָס, מיין מאַן? — האָט זי אַן עצה געגעבן, — נעם שוין אַ טינט און פעדער און שרייב אָפּ: כאָטש משהלע איז אַ שייגעץ,

פונדעסטוועגן וועט ער ביי אונדז טייער זיין, ווי דאָס אויג פון קאָפּ און מיר וועלן אים האַלטן בעסער, ווי אַן אייגן קינד! זאָל ער, למען השם, קומען אהער וואָס גיכער! אָט וואָס ווערט פון קינדער, אַז אַ מוטער נעמט אַ צווייטן מאַן. מען וואַרפט זיך אום מיט זיי! ניין, ביי אונדז וועט ער נישט זיין איבעריק. ווי אַן אבן טוב וועל איך אים אָפּהיטן; גענוג אים שוין דאָרט צו ליידן מיין פויגעלע!

ר׳ שלמה איז שוין גרייט געווען אויפצושרייבן אַזאַ בריוול, ווי זיין קליגע פרוי הייסט, אָבער אין דער מינוט האָט ער באַמערקט, אַז אויף דער ערד ליגט נאָך אַ בייגעלע אָנגעשריבן פּאַפּיער. ער האָט זיך תיכף געכאַפּט, אַז דאָס האָט געמוזט אַרויספאַלן פון דעם זעלבן בריוו. ער האָט עס אויפגעהויבן און האָט אָנגעהויבן לעזן: „לכבוד האשה הצנועה מרת דבורה תחי׳".

—דאָס איז צו דיר, מסתמא פון דער באָבן זיינער, — האָט ער דערקלערט און זיין פרוי דאָס בריוול איבערגעגעבן.

זי האָט אויך אָנגעטון אירע ברילן און האָט געלייענט: „ערשטנס, מעלדע איך אייך, ליבע מחותנתטע, דאָס איך מיט מיין אַלטן זענען, ברוך השם, געזונט, גאָט זאָל געבן דאָס נעמלעכע פון אייך צו הערן, אמן! שנית, בעט איך אייך, איר זאָלט אויך אַזוי געטריי זיין אייער פּלימעניק און האָבן רחמנות אויף אונדז, אַלטע לייט. — אונדזער טייער אייניקל, משהלע, האָט אונדז פינצטער געמאַכט די וועלט און וועט אונדז נאָך פינצטערער מאַכן אין קבר אויך; איר זאָלט נישט שוויגן אין דעם און זען אים אַראָפּ צוברענגען צוריק פון די שטאָדירעניש, וואָס אַ שטן מחבל האָט אים פאַרפירט! איך מיט מיין אַלטן, זאָל געזונט זיין, זענען שוין אַלטע לייט, ביז איצט האָבן מיר און גענוג צער געהאַט פון קינדער, נאָר אַזאַ גזרה אַזאַ פּורעניות האָבן מיר נאָך נישט געהאַט: אונדזער אייניקל, וואָס האָט גאָט און לייטן משמח געווען מיט זיין תורה, זאָל, נעבעך, גאָר פאַרפירט ווערן און אַוועקפאָרן אין טײַטשלאַנד דאָרט שטודירן, ווערן אַ מופקר און פאַרגעסן דעם יידישן גאָט, דעם גאָט פון אונדזערע עלטערן: אברהם, יצחק ויעקב?! מיין אַלטן האָט די ידיעה, ווי אַ דונער דערשלאָגן, און ער וויינט און קלאָגט, ער שעמט זיך אין אַ מקום קדוש אַריינצוקומען: איך קען אויך מיינע אויגן אויפן גאַס נישט אַרויסווייזן, גאָט זאָל כּוחות אונדז געבן די יסורים אַריבערצוטראָגן! אייך בעט איך, אַזוי ווי אייך האָט גאָט נישט געבענטשט, אייגענע קינדער צו האָבן, און נישט האָבן

דעם צער פון זיי צו האָבן און צו האָדעוון, בעט איך אייך: איר זאָלט אונדזער צער פילן, און באַלד פאָרן אַהינצו, ווו ער שטודירט און מיט גוטן אָדער מיט בייזן אפילו אים ברענגען אַהיים צו אונדז, אָדער אים האַלטן ביי זיך; אַ גוט קינד איז עס, און אַז איר וועט אים זאָגן, אַז זיין געטרייער זיידע און באָבע וועלן פון דער וועלט אוועק אָן אַ צייט איבער זיין שטודירעניש — וועט ער רחמנות האָבן און קומען צוריק. רעדט נאָר מיט גוטע תחנונימדיקע רייד מיט אים! אויף כפרות, אויף אַלדי שוואַרץ יאָר, זאָגט אים, דאַרף ער דאָס שטודירעניש. אַ קליינקייט, וואָס פאַר אַ גליק ער וועט כאַפּן, אַז ער וועט שוין ווערן אַ דאָקטאָר!... וועט ער מאַכן אַ קאַנע, זאָגט אים, און נעמען צוויי גילדן. אַזוי קען ער בעסער נעמען נדן אַ סך טויזנטער, אם ירצה השם; זאָגט אים, אַז מיר זענען שוין אַלטע לייט און וויפל וועלן מיר נאָך לעבן? נאָך אונדזער טויט, וועט דער זיידע אַלץ אים אָפּזאָגן, אַלץ: די שטוב, די ספרים מיין אַלטנס, אפילו די שטאָט אין מזרח־וואַנט אין דער קאַלטער שול, מיט זיך אַ האָר נישט נעמען אין קבר אריין. וויי צו מיינע יאָרן, ווו איז זיין שכל? וואָס באַדאַרף ער זיין אַ דאָקטאָר? גאָט וועט אים אויך שפּייזן און ער קען נאָך רייכער זיין, מיט זיין הילף, ווי הונדערט דאָקטוירים, זאָגט אים!... אַז ר׳ לייזער, עליו השלום, זיין פעטער וואָלט געלעבט, וואָלט איך צו אים געשריבן, ער וואָלט נישט דערלאָזן מסתמא, אַז זיין טייערער פּלימעניק זאָל אים מאַכן אַזאַ פלעק אין זיין שיינער משפּחה, איצט זאָל ער שוין זיין אַ גוטער בעטער פאַר אונדז אַלעמען! צעבראָכן זענען מיר פון זיין טויט געוואָרן. אויף אייך ליגט איצט דער חיוב אייער פּלימעניק פון אַלדאָס בייז אַרויסצוגעמען. איך בעט צו גריסן די אַלמנה חייעלען, מיט אירע פרישע יתומים, זאָלן לעבן און געזונט זיין; גאָט זאָל צו זיי אַ פאָטער זיין, און צו חייעלען אַ דין אמת, פון מיר אייער פּלימעניקס באָבע, וואָס גריסט אייך מיט אייער מאַן, זאָל לעבן, שפרה פריידע סעגאַל״.

אונטער דעם בריוו איז געווען אונטערגעשריבן נאָכאַמאָל אויף לשון־הקודש „העיקר שכחתי: די שטאָט ווו ער שטודירט, הייסט ברעסלוי אין דער מדינה פּרייסן. הנ״ל״.

—וואָס זאָגסטו דו דערצו? ווי געפעלט דיר אַזאַ גזרה? — האָט די מומע אויסגעשריגן און פערבראָכן די הענט. — וויי צו אונדזערע יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך דערלעבט!

— דער קאָפּ מיינער הויבט זיך מיר אויף! — האָט ר׳ שלמה אַ

קרעכץ געטון, אויף אַזאַ מין אומגליק האָב איך קיינמאָל גאָרנישט גערעכנט! דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז פון זיינע התחכמות צו פאָרשן — מה למעלה ומה למטה — וועט קיין גוטס נישט אַרויס, אָבער אויף אַזאַ גזר, אויף אַזאַ חרפה און בושה האָב איך נישט גערעכנט! אָט אַזוי האָדעוועט זיך אויס אַ יתום אָן אַ פאָטער, אָן אַ טריי אויג, וואָס זאָל אַכטונג געבן און אים מדריך זיין אין גאָטס וועגן! דו ביזט גערעכט, רבונו של עולם, על כל הבא עלי! אויף אַלץ וואָס קומט אויף מיר! דו האָסט אין דיין הייליקע תורה געשריבן: שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך: די מוטער זאָלסטו פריי לאָזן און די קינדער זאָלסטו זיך נעמען, און דו גערעכטער פאָטער, נעמסט צו די עלטערן פון די קינדער צו זיך און די קינדער לאזטו, זיי זאָלן וואַקסן, ווי די ווילדע גראָז אין דער מדבר, אָן אַ פאָטער און אָן אַ רעכטן וועגווייזער, נו, איז אַ חידוש, אַז זיי גייען פון וועג אַראָפ און דער שטן, דער יצר הרע האָט שליטה זיי צו פאַרפירן אין בייזע שטעגן? — פאַרוואָס, גאָטעניו, האָסטו מיך, דעם עלטערן ברודער, וואָס קיין קינדער האָסטו מיר נישט געגעבן — זיי דיינע וועגן צו ווייזן — פאַרוואָס האָסטו מיך נישט צוגענומען פאַר מיינע צוויי יונגערע ברידער, וואָס האָבן זייערע קינדער געקענט לערנען דיינע מצות, און וואָלטן זיי אין דיינע וועגן געפירט? אַך, מיין מוח הייבט מיר, מיין קאָפ איז מיר ווי צעשפאָלטן!

ער האָט, ווי אַ קליין קינד, זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— יאָ, יאָ, עס איז אַ קלאָג אַ גוטער אויף אונדז אויסגעגאָסן געוואָרן! — האָט זי אָנגעהייבן, נאָר גאָט, ברוך הוא, זאָל חסד טון און אים אַריינשיקן אַ פרומע מחשבה אין זיין האַרצן און ער וועט זיך דערמאַנען, וואָס ער טוט, וועט ער צוריקקומען! אפשר זאָלסטו טאַקע אַריבערפאָרן. ער וועט דיך זען, דיינע קליגע און פרומע רייד הערן, וועט ער רחמנות האָבן אויף דיינע ווייסע האָר און ער וועט צום שכל קומען און פאָרן מיט דיר אַהיים.

— ווי זאָל איך פאָרן? איך ווייס גאָרנישט ווו דאָס איז, ווי ווייט דאָס איז און ווי קומט מען אַהין? — האָט ר׳ שלמה פערצווייפלט געקלאָגט, — אַחוץ דעם, קען איך די ביידע יתומים אַליין נישט לאָזן. אָן מיר וועט גאָר די שטוב אָון געשעפט, ווי אַ שיף אָן אַ רודער זיין. היינט גיי שלעפ זיך אויף דער עלטער אַן עק וועלט זוכן דאָרט, מיין בריליאַנט, וואָס איז אין קויט אַריין געפאַלן! ענטפער מיר, גאָט אין

הימל, גיב דו אַן עצה, וואָס זאָל איך טון, ווי זאָל איך אָנהייבן צו טון!

די מומע האָט אויך געוויינט. אויסער וואָס זי האָט משהלן געליבט ווי אַ טרייע מומע, האָט זי זיך גליקלעך געשעצט, וואָס משהלע האָט איר זיין הייליק וואָרט געגעבן, אַז נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט ער נאָך איר און איר מאַן קדיש זאָגן און לערנען אַ פּרק משניות אַלע טאָג. איצט איז גאָר איר ליב, געפינעט, געקויפּט קינד געפאָרן שטודירן!... ווי וועט זי גאָר אירע אויגן קענען ווייזן און וואָס פאַר אַ פּנים קען שוין האָבן ביי דעם רבונו של עולם אַ קדיש פון אַ אַזא פּושע ישראל, ווי דער קליינינצער דאָקטאָר, וואָס איז אויך אַ געשטודירטער? — ביי אַזעלכע געדאַנקען האָט זי נאָך שטאַרקער געוויינט און האָט זיך איר קאָפּ אָן וואַנט געשלאָגן. דער וויכהאַרציקער ר׳ שלמה, האָט זיינע אייגענע שמערצן פאַרגעסן, אַז ער האָט דערזען אירע טרערן און האָט זי אָנגעהייבן צו טרייסטן אַנשטאָט דעם, וואָס ער האָט געוואָרט ביז איצט פון איר אַ טרייסט־וואָרט צו הערן, ווי עס פלעגט טרעפן ביי אַ געוועהנלעכן אומגליק אין זיין לעבן.

— זיי זיך נישט מיאש, דבורה, — האָט ער מיט האַרץ אויסגערעדט, אָבער די שטימע זיינע איז דורך און דורך אָנגעטרונקען געווען מיט זיינע טרערן. — וויין נישט, מיין ווייב, דער זכות פון מיין פאָטער, דער זכות פון זיין פאָטער, מיין טייערן ברודער, וועט אונדז בייאשטיין. אָט הערסטו, וואָס איך זאָג דיר? ר׳ אברהמס אַן אייניקל וועט קיין מופקר נישט ווערן! איך וועל נישט שווייגן אין דעם, איך וועל מאָרגן אויף זייערע קברים זיין און זיי אָנזאָגן די ביטערע בשורה! — זאָלן זיי גיין דאָרט בעטן פאַר זיך. זיי אַליין איז דאָרט אויך קיין כבוד נישט, צוליב זיי וועלן מיר אויך געענטפערט ווערן. נאָר נישט וויין, איך בעט דיך, נישט וויין! דיינע טרערן מאַכן מיך גאָר אויס מענטש; אין אַ טאָג פון אַזא צרה מוז מען זיין אַ מענטש!

די מומע האָט זיך באַרויקט און זיי האָבן אָנגעהייבן זוכן, עצות: וואָס טוט מען דערוויל? זאָל מען דאָס לייטן דערציילן? אפשר ביי קליגערע און געניטערע אַן עצה פרעגן? אָדער מען זאָל שווייגן, ווייל אַזא שאַנד קען מען גאָר פאַר די ליפּן נישט ברענגען? — די קליגע דבורה האָט זיך פריער גוט אויסגעוויינט, דערנאָך האָט זי אירע טרערן אָפּגעווישט און געזאָגט:

— נאָר מיין ווייבערשן שכל קומט אויס, אַז מען זאָל דערוויל —

ביז דו ווערסט קענען פאָרן צו אים — דאָס קיינעם נישט דערציילן: ערשטנס, איז פאַר אונדז אַליין צו גרויס די שאַנד אַריבערצוטראָגן, צווייטנס, וועט דאָס פאַרבלאָנזשעטע קינד גיכער קענען צו זיך קומען און תשובה טון, אַז קיינער וועט נאָך זיין פאַרפירטקייט נישט וויסן; אַז אַלע וועלן שוין וויסן, וועט ער זיך קלערן: „זאָ ווי זאָ איז שוין דער גוטער נאָמען מיינער פאַרלוירן, האָב איך שוין נישט וואָס אָנצוווערן!“, און וועט קריכן אין דער טומאה אַלץ ווייטער און ווייטער. פאָלג מיך, מיין מאַן, דו ווערסט זען, דאָס אַזוי וועט בעסער זיין!

— וואָס רעדסטו? הער נאָר, וואס דו זאָגסט? — האָט ער אויסגעשריגן און צוריק אָנגעהייבן פאַרלאַנגען געטרייסט צו ווערן פון אירע רייד.

קוים האָבן אירע טרערן אויפגעהערט, האָט ער ווידער זיך געקענט איינקוקן, ווי טיף איז זיין אומגליק און האָט ווידער געוויינט.

— הער נאָר, — האָט ער געזאָגט, — דו זאָגסט, מען זאָל דאָס האַלטן בסוד, אָבער די וועלט וועט דאָך וויסן, געוואָר ווערן, מאָרגן אין בית־המדרש וועלן אַלע קוקן אויף מיר מיט רחמנות. אָ, ווי לעבט מען איבער די בזיונות?

— דו ביזט אַ קינד, — האָט זי געטרייסט, — אַ קינד ביזטו, זאָג איך דיר! דו מיינסט, אַז אויפן שטערן ביי דיר איז דאָס אויפגעשריבן און אַלע וועלן דערקענען, וואָס ביי דיר אין האַרצן טוט זיך. מאַך זיך נישט נאַריש, באַווייז נישט פאַר לייטן דיין האַרץ, רעד נישט פאַר זיי, טרינק קיין בראָנפן נישט, וועט דיין שיכורע צונג נישט אַרויסרעדן, וואָס אויף דיין ניכטערער לונג טוט זיך. גאָט וועט אַן עצה צו שיקן, מיר וואַרטן אויף זיין הילף און אונדזער געבראָכן האַרץ זעט ער! אַגב, ווערסטו אַריבערפאָרן צו אים, זאָל לעבן, ווערסטו הערן, וואָס ער וועט דיר ענטפערן. מיר זענען דאָך בהמות כשרות, וואָס ער זאָגט ווייס ער, לעבן זאָל ער!

אַזוי האָבן זיי גערעדט, איינע די אַנדערע געטרייסט, ביז עס איז שפּעט געוואָרן, זיי האָבן זיך שלאָפן געלייגט. די מומע איז באַלד איינגעשלאָפן געוואָרן. ר' שלמהן אָבער האָבן זיינע געדאַנקען נישט געלאָזן שלאָפן. ער האָט געקלערט: וואָס וועט איצט זיין מיט רחלען? דאָס איז אים געוויס, אַז זי וועט קיין אַנדערן חתן נישט וועלן, כאָטש אַ שטוב מיט גאָלד מען זאָל איר אָנשיטן. דערנאָך האָט ער זיך געטרייסט: רחלע אָבער איז אַ פרום קינד, זי ווייס, נעבעך, אַז זי האָט

שוין קיין טאָטן נישט און וואָס מען וועט איר זאָגן, וועט רעכט זיין.
ער האָט דערמאָנט די גמרא, וואָס זי זאָגט בפירוש: ווייבער האָבן אויף זיך זייער אַ גרינגע דעה, זיי לאָזן זיך איבעררעדן. רחלע איז אויך נישט מער, ווי אַן אשה, מיט אַ גרינגען שכל און וועט זיך שטאַרק נישט שפּאַרן, אַז מען וועט איר געבן אַן אַנדערן חתן, — אָבער אין מיטן האָט ער דערמאָנט, זיין פאָטערס רצון, זיין צוואה פאַר זיין טויט: „אויב דאָס וועט זיין מעגלעך, האָט ער דאַמאָלס געזאָגט, זאָל מיין אייניקל משהלע נישט פאַרפרעמדט ווערן, לייזער זאָל דאָס קינד פאַר זיין רחלען האָדעוועןˮ, אָט די עראינערונג האָט געשטאַרקט זיין האָפענונג, אַז משהלע וועט צוריקקומען: דער טאַטע וועט נישט דערלאָזן, ער זאָל פון אונדז אָפּגעריסן ווערן! „ניין, ער מוז קומען און ער וועט קומען!ˮ האָט ער כמעט אויפן קול אויסגעשריגן, צו זיך אַליין רעדנדיק.

— דבורה, די שלאָפסט? — האָט ער אָנגעהייבן וועקן זיין פרוי, איר שוין איבערצוגעבן זיינע געדאַנקען; ביז טאָג איז אים צו שווער געוועזן די האָפענונג אין זיך צו דערטראָגן.

— דבורה, דבורה, הער נאָר וואָס מען רעדט צו דיר, דו שלאָפסט? זאָג, איך בעט דיך, דו שלאָפסט צי נישט?

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— וואָס איז? וואָס ווילסטו? האָט זי געפרעגט.

— דו ביסט אַ קלוגע אשה! הערסטו, דבורה? — האָט ער געענטפערט, — וואָס מער איך לעב, זע איך אַלץ מער, ווי איך וואָלט גאָר אָן דיר נישט קענען לעבן אויף דער וועלט! דיין עצה, זאָג איך דיר, איז פונקט ווי דו וואָלסט פון דער גמרא אַרויסגענומען, די גמרא זאָגט אויך: „דער, וואָס וויל חוזר בתשובה זיין, זאָל מען אים העלפןˮ. מיר מוזן זען אים זאָל קיין בזיון נישט זיין צוקומען צוריק. ווידער זאָגט די גמרא: „אַז איינער זעט, ער קען זיין יצר-הרע נישט גובר זיין און מוז אַריינפאַלן אין אַן עבירה, זאָל ער אָנטון שוואַרצע קליידער און אַוועקגיין אין אַן אָרט, וווּ קיינער קען אים נישט און זאָל דאָרט טון, וואָס זיין האַרץ גלוסטˮ. פאַרשטייסטו, פאַרוואָס הייסט עס אַזוי די גמרא? דאָס איז נאָר צוליב דעם: אינדערהיים זאָל אים קיינער נישט קענען דערמאָנען אָן די עבירות, וואָס ער האָט געטון. מיט משהלען איז אויך נישט אַנדערש, ווער קען אים? ווער ווייס אים דאָרט אין דייטשלאַנד? אָט טוט ער וואָס זיין האַרץ גלוסט, דאָס האַרץ גלוסט שטודירעניש, איז רעכט שטודירעניש: נישקשה, ער וועט צוריק-

קומען, אָט וועסטו מיך מעגן אָנרופן נאָר אָדער נביא, משהלע וועט צוריקקומען! — דבורה איז שוין געווען צוריק אין שלאָף פאַרזינקען, און ר׳ שלמה האָט גאָרנישט באמערקט, אַז ער רעדט דאָס נאָר פאַר זיך אַליין.

— דו שלאָפסט? ענטפער! — האָט ער נאָכאַמאָל אַ פרעג געטון. אַז ער האָט אָבער דערזען, אַז זי שלאָפט און הערט נישט מער זיינע רייד, האָט ער אויפגעהערט צו רעדן און איז אַליין אויך אַנטשלאָפן געוואָרן.

ה.

אין אַ וואָך אַרום נאָך דער געשיכטע איז רחלע געזעסן שפּעט ביינאַכט אין איר צימערל, ווו עס האָט געברענט אַ שיינע לאָמפּ מיט אַ פאַריזער געבלומטן שירעם. זי האָט געשריבן אַ בריוול און טרערן זענען איבער די געשריבענע אותיות געפאַלן. אַז זי האָט געענדיקט, האָט זי זיך אין איר בעטל געלייגט און האָט ליגנדיק געלעזן דאָס געשריבענע:

„מיין טייערסטר שוועסטערקינד, משהלע!“.

„אַז איך פלעג צו מיין ליבן פאָטער בריוולעך שרייבן, בעת ער האָט נאָך געלעבט, בעת איך פלעג נאָך האָפן: אָט באַלד וועט ער קומען, איך וועל אים זען, אים מונדלעך דערציילן אַלץ, אַפילו פון וואָס איך האָב געהאַט אומאַנגענעמלעכקייט, פלעג איך דאַן זוכן נאָר גוטע ידיעות פון מיר, פון זיינע קינדער, פון דער ליבער מוטער און באַקאַנטע אים צו שרייבן; איך האָב געוווסט, אַז מיט איין וואָרט, וואָס ער וועט מיר זאָגן, ווען ער וועט קומען, וועל איך געטרייסט ווערן. אַלע אָנגעקליבענע זאָרג און אומאַנגענעמלעכקייטן וועלן, ווי די פינצטערניש פון נאַכט, אַוועק, ווען די זון שיינט אַרויס און עס ווערט ווידער טאָג... אַך, די טרייסטנדיקע זון אין מיין הימל איז שוין אָבער אויף אייביק אונטערגעגאַנגען!... אויף אַן אַנדער זון, וואָס זאָל מיר אַ מאָל אויפשיינען, האָף איך!... אָבער די האָפענונג איז אַזוי ווייט נאָך... די נאַכט איז נאָך אַזוי לאַנג און ביז עס וועט ליכטיק און טאָג ווערן, קלויבן זיך דערווייל זאָרג און אַנגסט אין מיין האַרצן, און דו מוזט דיין רחלען אַנטשולדיקן, וואָס זי שרייבט צו דיר נישט

אַזעלכע פרייַלעכע בריוולעך, ווי זי פלעגט צו איר פּאַטער אַ מאָל שרייבן !... ווען נישט פאַר דיר, ליבער משהלע, וועט מיין האַרץ צו פול ווערן, און איך ווייס נישט, ווי לאַנג עס וועט אין מיר נאָך געזונט זיין און פון דעם, וואָס פרעסט עס, נישט צעריסן ווערן !... — מיינע קליינע ברידערלעך זענען נאָך יונג, פון זיי מוז איך — נישט נאָר מיין האַרץ, אָבער אויך מיינע טרערן — באַהאַלטן. מיינע ליבע מוטער איז שוין דעם אַנדערן חודש וויַט פון מיר; זי וויינט געוויס דאָרט, וווּ מיין טרייער פּאָטער — איר ליבער מאַן — רוט אין זיין קבר... און מיין איינציקער טרייער פעטער ברוך יעצט מער מיין טרייסט ווי איך זיינע...

ער ווייס שוין, משהלע, אַז דו ביזט געפאָרן שטודירן !... אין די לעצטע עטלעכע טעג איז ער, איבער דעם עגמת־נפש, נאָכאַמאָל אַזוי אַלט און גרוי געוואָרן. נעכטן איז ער דאָ ביי מיר ביז שפּעט ביינאַכט געווען. איך האָב אים געפרעגט:

— פעטער, וואָס גייט איר נישט אַהיים? עס איז שוין נאָך צוועלף, אייערע אויגן זענען שוין, אַזוי אויך רויט און אָנגעגריפן. אַז איר וועט נישט דערשלאָפן קען נאָך, חלילה, ערגער ווערן.

— ווייסטו מיין קינד — האָט ער געענטפערט, — ווייסטו פון וואָס זענען מיינע אויגן רויט און אָנגעגריפן? פון טרערן זענען זיי רויט, פון וויינען זענען זיי אָנגעגרופן !... יונגע קינדער, אַז זיי וויינען זיך אויס, ווערן זייערע אויגן קלאָרער און ליכטיקער, אַלטע לייט האָבן זייערע טרערן שוין לאַנג אויסגעוויינט, אויסגעגאָסן. — וויינען זיי נאָך, וויינען זיי מיט זייער בלוט, דערפאַר ווערן זייערע אויגן רויט און אָנגעגריפן !...

— אָבער וואָס דאַרפט איר וויינען, פעטער? — האָב איך געפרעגט; אפשר איז עס געווען נאַריש פון מיר, ווייל איך האָב גוט געוווּסט די סיבה איבער וואָס ער וויינט, נאָר די פראַגע האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן און איך האָב נישט געוווּסט, ווי זי צוריקצוציען.

— וואָס דאַרף איך וויינען? האָט ער איבערגערעדט, — איך האָב נאָך דיין פּאָטער, מיין ליבן ברודער, געוויינט, אָבער די טרערן האָבן געהאַט אַ מאָס. שטאַרבן מוז מען און מיט טרערן אַ געשטאָרבנעם לעבעדיק מאַכן קען מען נישט; די טרערן האָבן זיך אויסגעשעפּט, און איך האָב אויפגעהערט צו וויינען, כאָטש אין האַרצן איז נאָך די וווּנד פריש און נישט פאַרהיילט; איצט וויין איך אָבער אויף אַ לעבעדיקן,

וואָס לעבט און וועט נאָך לעבן. נאָר ווי לאַנג ער וועט לעבן, וועט ער אַלץ זיין דער קוואַל פון מיינע טרערן! אָ, איך מיין, משהלען, דאָס טייערע קינד, וואָס איז אָפּגעקערט געוואָרן פון רעכטן וועג, און וואָס האָט פון דעם יצר־הרע זיך געלאָזט איבעררעדן צו פאָרן שטודירן, אויסבייטן די הייליקע תורה, וואָס ער האט אַזוי פיל געלערנט, אויף ווילדע חקירות, אויף נאַרישע חכמות, וואָס וועלן אים, סוף־כל־סוף, אין גיהנם, אין כּף הקלע פאַרשלעפּן. ער וועט חרטה האָבן. עס וועט שוין אָבער קיין צייט נישט זיין!... ער האָט ביי די רייד אָנגעהייבן וויינען. אין מיר איז דאָס האַרץ פאַרקלעמט געוואָרן און איך האָב געשוויגן...

— וואָס ווייסטו, מיין טאָכטער, האָט ער, דורך טרערן קוקנדיק אויף מיר, ווייטער געזאָגט, וואָס ווייסטו ווי ליב איך האָב אים געהאַט, ווי גרויס איז די שמחה מיינע געווען אים צו זען אַזוי שיין אויסגעוואַקסן, ווי אַ יונג ביימעלע, וואָס טראָגט שיינע פרוכט אויף זיך! ווי גליקלעך האָב איך מיך געפילט, אַז איך האָב זיין דרשה געהערט און אַז דער רב אונדזערער האָט מיר געזאָגט: „אייער פלימעניק וואַקסט אַ גדול בישראל, אַ חריף אַ גרויסער איז ער שוין". איצט איז פון גדול געוואָרן גאָר אַ סטודענט, אַ פּושע־ישראל, וואָס טוט דאָרט אין טייטשעלאַנד אַלץ, וואָס זיין זינדיק האַרץ גלוסט. נישט איך אַליין נאָר, אַלע יידן ברויכן וויינען און קלאָגן! אַלע האָבן מיר אין אים אַ גרויס ליכט פאַרלוירן, און ווי זאָל איך נישט וויינען, אַז דאָס ליכט איז ביז איצט מיינס געווען?...

— שלאָפן הייסטו מיך גיין? קען איך דען שלאָפן? גאַנצע נעכט, מיין טאָכטער, גיסן זיך מיינע טרערן אויף מיינע קישנס, איך שלאָף נישט, איך רו נישט, מיין קאָפּ האָט ער מיר אַראָפּ גענומען!... איך האָב מער זיינע טרערן נישט געקענט צוזען, איך האָב אים צו טרייסטן אָנגעהייבן און האָב אים מודה געווען, אַז דו האָסט צו מיר געשריבן און האָב אים דערציילט, וואָס דו שרייבסט, דיין צופרידנקייט דערמיט, וואָס דיינע גוטע לערער זענען פרומע יידן, וואָס גאָט איז זיי ליב און זיין תורה און זיין פאָלק זענען זיי טייער. איך האָב אים געפרעגט: ווי קען אַ מענטש וואָס שרייבט אַ זעלכע פרומע און קלוגע רייד, אַ ייד, וואָס ווייזט אַרויס אַזאַ ליבע און ליידן פאַר אונדזערע צעשפּרייטע ברידער, אַ ייד, וואָס טראָגט אין האַרצן אַזעלכע גוטע און פרומע געפילן, ווי קען אַזאַ ייד גאָר זיין אָפּגעקערט פון גאָטס וועג? ווי קען מען

אַזאַ יידן פֿאַרגלייכן צו אַנדערע שטודירטע, וועלכע זענען טאַקע גרויסע אַפּיקורסים ?

— פֿאַרענטפֿער אים נישט ! — האָט ער אין כּעס אויף מיר אַ געשריי געטון, — ווער עס זוכט צו פֿאַרענטפֿערן אַן אַפּיקורס, איז אליין פֿון אַפּיקורסות נישט ווייט ! דער יצר־הרע איז קיין נאַר נישט, ער האָט אַ געשליפֿן צינגל זיך צו פֿאַרענטפֿערן. אַז דו וועסט רעדן מיט אַן אַפּיקורס, וועט ער אַלע מאָל בלייבן גערעכט ; דעריבער איז ווייט צו דעם מענטשן, וואָס לאָזט זיך מיט זיי אין חקירות אַריין ! גלייכער איז צו אַנטלויפֿן פֿון זיי, מען זאָל זיך מיט זיי נישט באַגעגנען !... אַזוי ווי דער שייגאָץ, האָט געוויס אַ מאָל אויך אונדזער דאָקטאָר און אונדזער אַפּטייקער געזאָגט. און אַז זיי האָבן אויסגעשטודירט ? זעסטו דאָך דעם סוף פֿון זיי ; אמתע גויים. איך ווייס נישט : פֿאַרוואָס רופֿט מען זיי נאָך מיטן נאָמען ייד ? אַזוי זאָגן אין אָנהייב אַלע גוטע קינדער אונדזערע, וואָס ווערן אין די שטודירעניש פֿאַרפֿירט, און דער סוף, בעוונותינו הרבים, האָבן מיר אין היינטיקע צייטן פֿיל אַ זעלכע יידן, וואָס שעמען זיך מיט דעם נאָמען „ייד". פֿיל פֿון זיי ווערן גלאַט הולטאַיעס און פֿיל — ווערן אונדזערע שונאים און שרייבן אויף אונדז מסירות, אָדער שפּעטן און לאַכן פֿון אונדזער ריינע אמונה, פֿון אונדזער רבין, זאָל לעבן, פֿון אונדזערע תּורה און מצוות, און וואָס ווייסטו וויפֿל שלעכטס טון זיי דערמיט אונדזער אָרעם פֿאָלק... וויפֿל זענען זיי מעכּב די גאולה אין דעם לאַנגען פֿינצטערן גלות ? ! גלויב אים נישט, וואָס ער זאָגט דיר, וואָס ער שרייבט און שווערט דיר ! צעררייס זיינע בריוועלעך ! זיי זענען סם־המות, אַזוי איז שוין די טבע פֿון דער כּפֿירה : מיטצו־שלעפּן מיט זיך אין גיהנום אַריין נאָך אומשולדיקע פֿרומע נפֿשות ; פֿאַרגעס זיינע רייד, קערצו דיין האַרץ צו אונדזער בורא יחיד, דאַוון און בעט גאָט פֿאַר זיין נשמה, ער זאָל חסד טון אין אים צוריק אַרויספֿירן אויף דעם אמתן וועג, פֿון וועלכן ער איז, נעבעך, פֿאַר־פֿירט געוואָרן !

מער האָט ער נישט גערעדט, ער האָט זיך נאָר אויסגעוויינט פֿון דאָס ניי און איז אַהיים געגאַנגען.

אָ, ליבער משהלע, וויפֿל געזונט און טרערן נעמען אַ זעלכע ווערטער צו ביי מיר ! ווי מישן זיך מיינע געדאַנקען אין מיין שוואַכן קאָפּ, וויפֿל נעכט דערשלאָף איך נישט און זוך די וואַרהייט און גע־רעכטיקייט צו געפֿינען : ווער פֿון אייך ביידע איז גערעכט, און ווער

איז פאַרפירט? נישט אַלע מאָל, ליבער פריינט, זענען דעם פעטערס רייד נאַרישע, עקשניתדיקע רייד! זען דען מיינע אויגן נישט ווירקלעך, אַז נאָר די געשטודירטע און געבילדעטע טון אויס פון זיך זייער יידישקייט? מאַנכע פאַרגעסן און מאַנכע פאַרלייקנען אונדזער גאָט אין הימל!... וויפל איך גלויב דיר אויך, אַז דו מיינסט נישט — מיך איינ־פעלטיקע, נישט געבילדעטע, צו נאַרן, אָבער טאָמער ביזטו גאָר פאַרנאַרט? פאַרבלאָנזשעט, ליבער משהלע? דו מיינסט אפשר, דו גייסט אויף דעם גראַדן וועג, און דו זעסט נישט און דו ווייסט נישט, צו וועלכן אָפּגרונד דער וועג פירט? ווי דערשראָקן אָבער וועסטו אַליין ווערן, אַז דו וועסט צו דעם אָפּגרונד קומען, צו וועלכן ער פירט, און איינזען, ווי ווייניק צייט און כוח דיר איז געבליבן צוריקצולויפן, אַהין יענעם וועג און היים צו געפינען, פון וואַנען דו ביזט פאַר־פירט געוואָרן!...

און ווען איך טראַכט אַזוי און ווען איך בעט און רוף צו גאָט, ער זאָל מיינע אויגן עפנען, איך זאָל דעם אמת דערזען — דאַן ווייַנט זיך מיר אַזוי לייכט, ביז מיר ווערט גרינגער צום מוט און איך הייב צוריק אָן צו האָפן און צו גלויבן, אַז דו נאַרסט מיך נישט, דו ווילסט נישט, משהלע, מיין ריינע אמונה אין גאָט פון מיר צונעמען — ווי אונדזער פעטער זאָגט עס מיר — אָ, ווי אָרעם, ווי עלנט וואָלט איך, חלילה, אָן מיין גלויבן בלייבן! אָפּט מיין איך, נאָך מיין אויס־ווייַנען זיך, ווי איך הער אַ שטימע, וואָס שרייט צו מיר: „זיי רויק! משהלע האָט דיך אמת ליב, ער וויל דיך נאָר גליקלעך מאַכן, ער וויל פיל מער צו דער אמונה דיר צו געבן, זי שטאַרקער צו מאַכן, ווי זי פון דיר צו רויבן אָדער זי שוואַך צו מאַכן; דו און ער, ביידע זייט איר פרומע יידישע קינדער, ווי גאָט פאַרלאַנגט, ווי עס האָבן זיך אייערע עלטערן מיט אייך געווונטשן!" אויך איצט, בשעת איך שרייב די דאָזיקע ציילן, הער איך די שטימע, זי דיקטירט מיר די ווערטער און איך ווייס נישט: צי שרייב איך, וואָס איך הער, אָדער צי הער איך נאָר, וואָס איך שרייב? זאָל עס אמת זיין, וואָס דער פעטער זאָגט אַז דיינע רייד האָבן שוין מיך אויך פאַרסמט און מיין נשמה אין מיר איז שוין באַפלעקט פון דער טומאה, דערפאַר גלויב איך, אַז דו נאַרסט מיך נישט?...

הייַנט איינדערפרי, אַז איך האָב מיין סידור גענומען אין האַנט זענען מיר די ווערטער מער אין האַרצן אַריין ווי אַ צווייט מאָל:

מיין גאט, די נשמה, וואס דו האסט געגעבן מיר, איז א ריינע נשמה. איך האלט זי ריין, איך לאז זי נישט באפלעקן; דו, גאט, האסט זי אין מיר באשאפן. דו בילדעסט זי אין מיר, דו היטעסט זי אין מיר, זי זאל נישט באפלעקט ווערן, און דו וועסט זי פון מיר צונעמען און אויך זי מיר צוריק געבן אין קינפטיקן לעבן אויף יענער וועלט. ווי לאנג די נשמה איז אין מיר, דערקען איך דיך, מיין גאט. איך דאנק דיך, גאט פון מיינע עלטערן, הערשער איבער אלע באשעפענישן, הער פון אלע זעלן!

ווי האבן מיך אט די ווערטער געטרייסט און געשטארקט! אבער באלד איז דער סטעטער ווידער געקומען און האט א נייעם שטיין אין אין מיין שטיל טייכעלע אריינגעווארפן, דאס קלאר וואסערל ווידער מוטנע געמאכט, און איך בין צוריק אין דעם פיינלעכן צווייפל, ווי געוועזן! אזוי, ליבער פריינט, צערייסט זיך מיינע זעלע אין מיר צווישן צווייפל און האפנונג, צווישן טרייסט און טרויער; אזוי ווארט איך און בענק נאך דיר, דו זאלסט מיר אויך א צווייטער פאטער ווערן און מיינע אלע אנגעקעליבענע אומאנגענעמלעכקייטן מיט דיינע קלוגע און טרייע רייד צעשטרייען, ווי עס פלעגט טון מיין טרייער פאטער, בשעת ער האט נאך געלעבט!...

אך. ווי וויל איך דיך אין גיכן זען! ווי ווילט זיך מיר אויף דיין האלדז פאלן, זיך גוט, גוט אויסוויינען פאר דיר! די שווערע שטיינער, וואס פרעסן מיין ברוסט איצט אזוי שווער, וואלטן ווי פעדערן אראפפליען פון דיין אײן טרייען הויך! האב איך נאך לאנג צו ווארטן, ליבער פריינט, אויף אזא גליק?...

אונדזער וואנטזייגער שלאגט שוין דריי. הערסטו נישט זיין טרויעריקן קלאנג און זיין קראנקן כריפען, וואס באגלייטן יעדן קלונג?..: ער זאגט מיר, איך זאל מיין בריוו ענדיקן און שלאפן גיין; ער דערמאנט מיר, אז איך קען שוין איצט נישט שלאפן לענ-גער ווי אלע. מיינע יתומימלעך מוזען מיך שוין א וואכנדיקע, וואס זארגט פאר זיי, געפינען, אז זיי עפענען זייערע אייגעלעך יעדן פרי מארגן. — אָ, גוטער זייגער! אלטער פריינט פון דעם הויז, אין וועלכן דו גייסט שוין אזוי לאנג! דו האסט נאך אונדזער גוטן זיידן די שטות אנגעזאגט און זיי געציילט, דו האסט אויך מאנכן פריי-טיק צונאכט מיט דעם אייגענעם קלאנג צוגעשטימט צו יענער היילי-קער ברכה, וואס ער האט זיינע ליבע אייניקלעך אויף זייערע יונגע

קעפעלעך געבענטשט! דו האסט דעם גוטן אלטן באלעבאס דיינעם איבערגעלעבט, דו האסט אויך דיין נייעם ווירט, מיין טרייען פאטער, איבערגעלעבט, אזוי וועסטו געוויס אויך מיך איבערלעבן!... דו ביזט נישט אזוי זינדיק, ווי מיר, לעבעדיקע, וואס האבן פון עץ הדעת פארזוכט און דערמיט אונדזערע טעג און יארן אונדז אפגעקורצט... זאג, טייערער פריינט, וויפל מאל וועסטו דיינע ווייזער אויף אט דעם ציפערבלאט נאך ארומדרייען, ביז איך וועל דעם זען ווידער וואס מיין הארץ בענקט נאך אים אזוי פיל? וויפיל וועסטו נאך טעג און יארן ציילן ביז יענע ברכה דעם זיידנס וועט א מאל אויף אונדז מקוים ווערן?...

אך! ער שווייגט, ער גייט זיך זיין וועגס ווייטער און באקימערט זיך ווייניק, צי פאר עמיצן איז זיין גאנג צו גיך אדער צו לאנגזאם! אזוי, משהלע, דרייט זיך אויך די וועלט שטיל און שטום, די זון מאכט איר ראד ווידעראמאל און ווידעראמאל און באקימערט זיך גאר נישט פון מענטשן און דורות גאנצע, וואס קומען אויף און גייען אונטער... אן אנגעצויגענער זייגער איז די וועלט אונדזערע, די רעדער זעען מיר... קענסטו מיר נישט זאגן, וווּ איז איר ציפערבלאט?... ווער האט עס געזען?... ווער קען מיר אויף אט דעם ציפערבלאט ווייזן, וויפל צייט איז שוין פון מיין לעבן אפגעלאפן און וויפל האב איך נאך דא צו ליידן און צו בענקען?! איין גאט נאר, דער גרויסער מייסטער פון אט דעם וועלטגרויסן זייגער, פארשטייט די שעות און מינוטן אויף אים צו ציילן. נור ער ווייס וואס מארגן וועט זיין! א, איך בעט דיך, גאט, צי אן דעם דאזיקן זייגער, ער זאל ריכטיק און רעגלמעסיק מיר די שעה אנזאגן, ווו איך האלט אין דער וועלט, און ריכטיק און רעגלמעסיק זאל קומען דאס, וואס דו האסט מיר באשטימט!... אין דיין האנט, גאט, באהאלט איך מיין זעלע. דו באפרייסט זי, גאט פון אמת, מיט מיר ביסטו און איך שרעק מיך נישט מער.

א גוטע נאכט, ליבער פריינט, איך האב מיין קריאת שמע אפגעלייענט. ענטפער, א גוטע נאכט און א גוטן טאג, דיין רחלען!”

אויף מארגן פרי האט רחלע דעם בריוו ווי געהעריק צוזאמענגעלייגט, פארזיגלט, די נייטיגע פאסטמארקע ארויפגעקלעפט און אליין אין פאסט קאסטן אראפגעלאזן. אז זי איז צוריק צום שטוב צוגעקומען, האט זי ביי דער טיר א פור דערזען. אין א מינוט

אַרום איז זי שוין געלעגן אויף דעם מוטערס האַלדז. טאַכפּעה און מוטער האָבן זיך צעקושט און מיט טרערן איינע די אַנדערע באַגאָסן.

חייעלע איז געקומען אומגעריכט. דיא טעלעגראַמע, וואָס האָט דאָס אומגליק פון מאַנס טויט אַנגעזאָגט און די פּיין, וואָס זי האָט דאַן געפילט, בעת מען האָט איר ליב קינד נישט געקענט דערמינטערן, האָט אויף איר אַזאַ איינדהוק געמאַכט, אַז זי האָט אַן שרעק נישט געקענט זען אַ טעלעגראַמע. ווי זי וואָלט גאַר אין זיך קיינמאָל נישט קענען אַנטהאַלטן אַ גוטע בשורה, וועלכע קען אַנזאָגן גליק און פרייד מיט אַ פּאָר שעה פריער. דעריבער האָט זי נישט טעלעגראַפירט, ווען זי איז אַרויסגעפאָרן, די קינדער אומזיסט נישט דערשרעקן און איז אַנגעקומען פּלוצלונג.

מיט אַ שווערן זיפץ האָט זי אירע קליינע יתומים באַגעגנט, וועלכע בערעלע שפּאַק האָט באַלד פון חדר געבראַכט; אָבער נאָך שווערער איז שייטעט געווען, וואָס בערעלע האָט ערשט פון וואָגן אַראָפּגענומען אין מיט די לעצטע כּוחות קוים אין שטוב אַריינגעטראָגן.

רחלע האָט זיך געפרייט, וואָס די מוטער זעט אויס, אַן עין הרע גוט און געזונט, די מאַדיש-גענייטע קליידער, וואָס זי האָט אויף זיך געהאַט אין דער מינוט, האָבן זי יונגער געמאַכט מיט צען יאָר. דאָס האָט איר געטריי קינד אַ הנאה געטון, ווייל זי איז אַלץ אומרויק געווען איבער דער מוטערס געזונט אין אַזאַ ווייטן וועג, וואָס זי איז דערצו קיינמאָל נאָך נישט געפרוווט געוואָרן; נאָר אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום איז זי צוגעקומען צו דער מוטערס שעפּעט און האָט אירע זאַכן אַנגעהייבן פאַנאַנדערפּאַקן און דאָ געפונען דעם געשטאַרבענעם פאַטערס גאָלדענעם זייגער, זיינע באַטיק-ביכלעך, זיין זיגל און טינט און פעדער. האָט זי אירע טרערן נישט געקענט איינהאַלטן און האָט זיך גוט אויסגעוויינט. דעם זייגער מיט די איבעריקע זאַכן דעם פאַטערס האָט זי ביי זיך אין צימער אוועקגעלייגט, אַנגעקושט זיינע באַטיק-ביכלעך, אין וועלכע זי האָט מאַנכע מערקווירדיקע באַמערקונגען און געדאַנקען דורכגעלעזן. זי האָט באַלד אירע טרערן אַפּגעווישט און זיך גענומען אויסליי-דיקן דעם פולן טשעמאָדאַן. דאָ איז איר אָבער ווידער שווער גע-וואָרן צום געמיט, וואָרים זי האָט דאָ געפונען שטיקער טייערע

האַלענדער לײװונט, שטיקער סאַמעט, זײַדנס און אַנדערע טײַערע זאַכן, װאָס זי האָט נישט געקענט באַגרײַפן: צו װאָס האָט די מוטער דערויף אַזוי פיל געלט אויסגעגעבן? איך האָט איבערהויפּט פאַרדראָסן: װי קען איר גאָר אין זינען ליגן צו קויפן, אין אַזאַ טרויעריקער רײַזע, אַזעלכע שטאָפן און מאַטעריעס, װאָס פּאַסטן נאָר פאַר יענע, װאָס עס פעלט זײ מער נישט, װי דאָס? „צי מײנט נישט די מוטער מיך אָפּצוקויפן דערמיט? צי מײנט זי נישט, אַז צוליב אַזעלכע שײנע זאַכן װעל איך דעם ליבן פאָטער פאַרגעסן? אָ, נײן, נישטאָ קײן עשירות אין דער װעלט, װאָס זאָל קענען מיר באַצאָלן דעם דימענט, װאָס איך האָב אין אים פאַרלאָרן!"...

— װי געפעלן דיר, מײַן טאָכטער, די שטאָפן? — האָט די מוטער געפרעגט, צוגײענדיק העלפן רחלען אויספּאַקן דעם טשעמאָדאַן.

— װי עס קען געפעלן אַ גוטע זאַך, — האָט רחלע אומרויִק און קורץ געענטפערט.

— דאָ, בײַ אונדז, איז אַזעלכער סאַמעט פאַר קײן געלט נישט צו באַקומען — האָט די מוטער באַמערקט, נעמענדיק אַ שטיק סאַמעט אין האַנט.

— פאַר געלט, ליבע מוטער, — האָט רחלע געענטפערט, — קען מען אַלץ באַקומען. אַז נישט דאָ, באַקומט מען עס ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, אָבער פאַר קײן געלט קען מען ערגעץ נישט אָפּצוקויפן דעם, װאָס איז געשטאָרבן!...

— בודאי אַזוי, מײַן קינד, — האָט די מוטער מיט אַ שװערן זיפץ צוגעשטימט. — װאָס געשטאָרבן, איז פאַרלאָרן. נישט נאָר מיט געלט קען מען אַ געשטאָרבענעם נישט לעבעדיק מאַכן, אָבער מיט װײנען און קלאָגן אויך נישט. איך האָב אויך מײַנע אויגן אויסגעװײנט... און װאָס װײסטו, מײַן קינד, װאָס איך האָב דאָרט איבערגעליטן? אָבער אײן טרײסט איז מיר געבליבן, װאָס אין זײַן טויט קענען מיר קײנעם נישט שולדיק מאַכן. װי עס האָבן מיר דאָרט די מענשן דערצײלט, װאָס זענען דערבײַ געװען פון אָנהײב קרענק ביז זײַן כשרה נשמה איז אַרויס, האָט ער אַלץ מיט דעם פולן פאַרשטאַנד גערעדט װעגן אונדז, און האָט אַ צװאָה געלאָזט שרײַבן אין רוסיש. װי ער װאָלט אַלײן געװוּסט, אַז ער האָט מער קײן יאָרן נישט. טעלעגראַפירן צו אונדז האָט ער נישט דערלאָזן. „זײ װעלן ביז מײַן

טויט נישט באַוויזן צו קומען, זאָלן זיי פֿון זייער אומגליק מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיך דערוויסן. זיי וועלן צייט האָבן צו קומען אויף מיין קבר, אַז זיי וועלן זיך שוין אויסוויינען אין דערהיים!" דאָס זענען אַלץ זיינע ווערטער געווען, און ער האָט דערמיט באמת זיינע לעצטע טרייהייט באַוויזן; וואָרים איך וואָלט גאָר אין איי־לעניש נישט געקענט דערפאַרן אַהין אַ לעבעדיקע... פֿור און באַן, וואָגן און שליטן, איך האָב מיינע ביינער צעבראָכן, פאָרנדיק, אַכט טאָג נאָכאַנאַנד! אַז איך האָב מיך שוין גוט אויסגעוויינט, האָב איך געלאָזט שטעלן אַ טייערע מצבה אויף זיין קבר און האָב אָפּגע־צאָלט איבער צוויי־הונדערט רובל! גאָט האָט חסד געטון און איך האָב מיט מיין פאָרן גאָר נישט שלעכט געמאַכט: מיין הוצאה האָב איך פאַרדינט, איך האָב נאָך ריוח גענומען פאַר די קאָנטראַקטן, וואָס ער, ע"ה, האָט געמאַכט פאַר זיין טויט. איך האָב מציל געווען אַלץ, וואָס איז געבליבן אין פרעמדע הענט. אומעטום, מיין טאָכטער, איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און גוטע מענטשן, וואָס האָבן יושר אין האַרצן; אַלע, די גרעסטע לייט פֿון קריסטן אפילו, האָבן אויף מיר רחמנות געליגט און מען האָט מיר אַרויסגעהאָלפֿן אין אַלץ. צוריק פאָרנדיק, בין איך אין מאָסקווע געשטאַנען עטלעכע טעג. איך האָב געוואָלט אויסרוען... נו, אַז מען איז שוין אין אַזאַ שטאָט, ווו מען קען באמת באַקומען, וואָס נאָר אַן אויג זעט, האָב איך מיר געלאָזט איינרעדן און האָב געקויפט אַ ביסל לייוונט, אַ שטיקל סאַמעט, זיידנס און אַטלעס און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס וועלן, אם ירצה השם, צוניץ קומען. דער טויטער, דאַרף שוין גאַרנישט, אָבער דער זינדיקער לעבעדיקער מענטש מוז נאָך האָבן, און פריער־שפּעטער וועסטו אַליין מיר זאָגן אַ דאַנק, וואָס איך האָב באַצייטנס אַלץ באַזאָרגט.

עס זענען געקומען דער פעטער מיט דער מומען שלום אָפּגעב חייעלען און האָבן אויך געזאָגט, אַז זי זעט אויס, אָן עין הרע געזונט און שטאַרק.

— דער, וואָס האָט יאָרן, קומט צוריק, — האָט זי דערקלערט. — גאָט גיט די קעלט נאָך די קליידער נאָך! אין גוטן מוט וואָלט איך נישט דערלעבט, דאַכט מיר, אפילו אַהין צו דערפאַרן, נאָר דער זכות פֿון מיינע יתומים איז מיר ביי געשטאַנען און איך בין שטאַר־קער ווי אייזן געווען... עס האָט מיר נישט געשאַדט נישט קיין ווינט

און נישט קיין קעלט. דער געדאנק, אַז איך פאַר צוליב מיינע יתומים, האט מיך אין קעלט געוואַרעמט, איך האב נאר ביים לעבעדיקן גע־בעטן, ער זאָל מיך צוריק מיט גאַנצע ביינער ברענגען אַהיים, צו זיין אַ מוטער מיינע אָרעמע יתומים!

— איצט, מיין שוועגערין, — האט ה׳ שלמה טריי אַרויסגערעדט, — איצט זאָלסטו טאַקע אַ מוטער און אַ פאַטער זיין דיינע קינדער! זיי דאַרפן דיך נאך!... נישטא נאָך אַזאַ טרייער פריינט, ווי אַן אייגענע מאַמע! זיי נור אַ מוטער אַ געטרייע און דו וועסט נאך פון זיי פיל נחת דערלעבן! זיי ווייסן, אַז כל זמן אַ מענטש האט קיין קינדער נישט, לעבט ער פאַר זיך. אַז מען האט אבער קינדער, טאָר מען אויף זיך מיט איין אויג אויך נישט קוקן און ביידע אויגן אָפן האלטן אויף די קינדערלעך, וועלכע קענען נאך פאַר זיך נישט זאָרגן און אויף זיך נישט אַכטונג געבן. דערפאַר, אַז די קינדער וואַקסן אויס און זע־נען געראַטענע, זאָגט מען: „געבענטשט זאָל זיין די מוטער, וואָס האָט אַזעלכע קינדער געבוירן!"

נאָענטע שכנות, וועלכע זענען געקומען חיועלען שלום אָפּגעבן, האָבן אויך דאָס זוויעריקע געזאָגט און גע־ווּסן חיועלען האָפּן אין גיכן געטרייסט צו ווערן מיט פיל גליק און נחת פון אירע קינ־דער, ווייל עס בעטן גאט פאַר איר אַלע, וואס דערמאָנען איר גע־שטאָרבענעם מאַן צום גוטן.

— הלוואי זאָלט איר אמת זאָגן, מיינע טייערע! — האט חיועלע געענטפערט. — איך דאַנק אייך פאַר אייערע גוטע רייד. איך ווייס, איר ווינטשט מיר גוטס פון גאַנצן האַרצן, אבער מען דאַרף אין זיך נישט געגנאַרט זיין, מיינע טייערע!... מיט וואָס קען איך שוין געטרייסט זיין? אַן אלמנה איז אַן אלמנה, כאָטש איר מעג גוט זיין ווי די וועלט! אַז מען נעמט דעם קאָפּ אַראָפּ פון די פּלייצעס, קען שוין קיין גליק און קיין נחת נישט איינגיין... אַלע אונדזערע שוגאים ווינטש איך צו בלייבן אַלמנות אין רעכטן אָנהייב לעבן אויף דער וועלט!...

זי האָט צוגעטראָגן איר טאַשנטוך צו אירע אויגן און האָט געכליפּעט.

קיין יידישע טאָכטער, חיועלע, זאָל דערצו נישט געפרווּוט ווערן, — האָבן די ווייבער צוגעשטימט. — אָבער אויף וועמען דער גזר איז שוין אויסגעגאָסן, זאָל, אַ חוץ אייער שאָדן, נישט בלייבן

אין אַן טרגערער לאגע, ווי איר! האָפט צו גאָט, זיין משפּט פאַרשטויען מיר נישט, זיין חסד איז אין אַלץ, ער קען אייך נאָך טרייסטן און איר וועט נאָך פיל גליק און נחת דערלעבן!

ר׳ שלמהן זענען די לעצטע רייד זייער דערוווידער געווען. זיין ערלעך געפיל האָט זיך אין אים אויפגעכאַפּט, און אום צו מאַכן אַ סוף פון די רייד, האָט ער געזאָגט:

— ווייסטו וואָס, מיין שוועגערין, פאָלג מיר, לייג זיך אויסרוען אַ ביסל... געגנוג דיר אומוואָגלען, גאָט האָט דיך אַהיים געבראַכט צו דיינע קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, צו דיין היים, דאַנק אים און לויב אים פאַר דעם חסד! רו זיך אויס, דו וועסט אויפשטעען אַ פרישע, אַ געזונטע, דו וועסט דיינע קינדערלעך זען, און דו וועסט זוי אַ מוטער זיין... דו וועסט דיינע פיר ווינקעלעך זען... זיי זענען ליכטיקע, און דו וועסט דערמאָנען, אַז עס זענען דאָ אַלמנות, נעבעך, אויף דער וועלט — פינצטערע און ביטערע, וואָס האָבן נישט, ווו מיט זייערע אָרעמע יתומים זיך צוצוטוליען אַפילו. גע, רו אויס, מיט זיי וועסטו אין איין טאָג און אין איין נאַכט זיך נישט אויסרעדן; ניין מאָס רייד שיטן זיך אַזוי גיך נישט אויס! איך האָב רחמנות אויף דיר, איך זע אַז דו דאַרפסט אויסרוען און איך גיי אַהיים, כאָטש איך האָב נאָך צו רעדן און צו רעדן מיט דיר. אַ גוטע נאַכט, מיין שוועגערין! קום אַהיים, דבורה!...

גייענדיק אַהיים מיט זיין דבורה, מהאָט ר׳ שלמה געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— איצט ווייס איך, אַז מיין ברודער לייזער איז געשטאָרבן. הערסטו, דבורה? לייזער איז געשטאָרבן! געשטאָרבן איז ער, ער אַליין איז געשטאָרבן און דער, וואָס לעבט, איז נישט געשטאָרבן... פאַרשטייסטו, וואָס איך רעד?

— איך פאַרשטיי, אַ וודאי פאַרשטיי איך, וואָס דו רעדסט, — האָט זי געענטפערט, — נאָר וואָס פאַר אַ נייס דערציילסטו מיר?

— דו ביזט אַ נאַרישע אשה, זיי מיר מוחל! אַ אשה פאַרשטייט נישט אַפילו, וואָס זי פאַרשטייט... — האָט ער דערקלערט. — איך אָבער בין נישט קיין אשה און איך פאַרשטיי, אַז איך פאַרשטיי, און ווייל איך פאַרשטיי, פאַרשטיי איך, אַז אַ אשה איז נישט מער ווי אַ אשה, אַ זינדיקע אשה, אַ עם לא היה, חוהס אַ טאָכטער און האָט אַ קירצערן זכרון פאַר אַ קאַץ אַפילו!.. פע, מיאוס,

איך וויל שוין אזוי ווייט נישט רעדן!

— דו רעדסט פון כעס, — האָט זיך דבורה אָנגערופן. — אַ אשה צו אַ אשה איז נישט גלייך. איך בין אויך אַ אשה, און אז זי וואָלט היינט נישט געווען אַ גאסט, וואָלט איך איר באצאָלט פאר איר זינדיקן. עס פּאסט גארנישט פאר חייעלען...״ דער קאָפּ איז מיר אויסגעטריקנט, איך פארשטיי גוט וואס דו פארשטייסט! ווי קומט, עס צו איר? סיידן עס איז אמת, וואס לייטישע צינגער האבן גערעדט..

— אפילו, ווען עס זאָל אמת זיין, — האָט דער פעטער צוגעלייגט, — האָט זי אויך באדארפט קליגער זיין און נאך צייט האָבן אַ ביסל. אלא, זי איז אַ אשה, היינט גיי רעד מיט אַ אשה, אז זי איז פארט אַ אשה! זי מעג זיין אַ חכמה, אַ לענדער-פירערין, קוים מאכט זי אַ ברכה: שעשני כרצונו, איז זי נישט מער ווי אַ זינדיקע אשה... נישט אומזיסט האָט מען זיי נאר דריי מצוות געגעבן, אויף מער האָבן זיי קיין כוח, קיין שכל און קיין דעת נישט!...

ו.

אויף מארגן איז ר׳ שלמה געגאנגען פון דאווענען גלייך צו חייעלען. ער איז צו גלייך צום בופעט, ארויסגענומען אַ פלעשל שפירט, זיך אנגעגאסן אַ גוטן רביעית, אַ ברכה געמאכט, אויסגעטרונקען און פארביסן מיט אַ שטיק פרישן קעז, וועלכן פייגע האט ערשט פון קיך ארייגעטראגן.

— איצט מעג איך שוין פאסטן ביז מיטאג! — האט ער צו חייעלען געזאגט. — ווילסטו, קענען מיר איצט רעדן אלץ, וואס מיר האבן צו רעדן? האסטו די צוואה לייזערס דא ביי זיך? גיב אהער, וועל איך זי דורכלייענען.

חייעלע האט אנגעזאגט, אז טאמער קומט דא ווער זי פרעגן, זאל מען זאגן, אז זי שלאפט נאך. זי איז מיט ר׳ שלמהן אריין אין קאבינעט און צוגעשלאסן די טיר. „איך וויל נישט, האט זי דערקלערט, אז אפילו רחלע זאל די צוואה הערן, ביז איר וועט אליין זאגן, צי דארף זי שוין וויסן, וואס איר געשטארבענער פאטער שרייבט וועגן איר, צי נישט!

— דעם אמת זאגנדיק, — האט ר׳ שלמה געענטפערט, — האט על

פי דין און על פי יושר רחלע געמעגט וויסן פון דער צוואה נאָך פריער פאַר מיר, ווייל איר טאַטע האָט זי געשריבן פון אירעטוועגן גיכער ווי פון מיינעטוועגן, נאָר אַזוי ווי זי איז אַ קינד און וועט דאָך געוויס וויינען, בעת זי וועט איר טאַטנס לעצטע רייד הערן, אגב, ווייל פון יענער צייט, זייט ער איז אַ געזונטער פון דאַנען אַוועקגעפאָרן, זענען אַ סך ענינים אין גאַנצן נשתנה געוואָרן, וואָס ער האָט בשום אופן וועגן דעם נישט געקענט וויסן, בעת ער האָט די צוואה געשריבן, איז טאַקע אפשר גלייכער, איך זאָל פריער וויסן, וואָס ער מיינט אין דער צוואה, און דערנאָך וועלן מיר ישוב הדעת האָבן, איר צי ווייזן זי, אָדער נישט.

חייעלע האָט ר' שלמהן אַ זיידענע טוך דערלאַנגט, פון וועלכער ער האָט די צוואה אַרויסגענומען. ער האט זיינע ברילן פון שיידל אַרויסגעצויגן, זיי גוט אויסגעווישט מיט אַ ברעג טישטוך, אַרויפגעזעצט זיי אויפן נאָז און האָט אָנגעהייבן לעזן; נאָר קוים האָט ער דעם פאַרשטאָרבענעם ברידערס האַנטשריפט דערקענט, זיך דערמאָנט, וואס פאַר אַ ספרא רבה ער איז געווען און אַז ער ליגט שוין איצט אין דער ערד, זענען אים טרערן אָנגעלאָפן און האָבן פאַרגאָסן זיינע ברילן. ער האָט אַ וואָרט נישט געזען און נישט געקענט לעזן. חייעלע האָט אויך די זיידענע טוך צוגעטראָגן צו אירע אויגן און אַזוי זענען זיי שטיל געזעסן אַ פערטל שעה. ר' שלמהס טרערן האָבן זיך געגאָסן שטיל און לייכט, חייעלע האָט אים נישט געשטערט. זי האָט די זיידענע טוך פריער נישט אַראָפּגענומען פון אירע אויגן ביז ער האָט אויסגערעדט: „נו, לאָז זיין גענוג, מען דאַרף אַ מענטש זיין!" באַ די רייד האָט ער די ברילן אראפגענומען, נאָך אַ מאָל זיי אויסגעווישט, מיט דער האנט די אויגן אויסגעריבן, אָנגעטון די ברילן צוריק און האט אנגעהייבן צו לייענען:

„אַז חזקיהו, דער מלך פון יהודה, איז געפערלעך קראַנק געוואָרן, דערציילט דער פסוק, איז געקומען צו אים דער נביא ישעיה און האט אים געהייסן אנזאגן זיין הויזגעזינט זיין לעצטן רצון, דאס הייסט ער האט אים געהייסן שרייבן אַ צוואה פאר די נאָנטע זיינע, וועלכע בלייבן נאָך אים.

„אונדזערע חכמים, ווידער, דערציילן אונדז, אַז די, וואס פלעגן פארצייטן ארויסגיין אין מלחמה מיט פארצייטקע יידישע

פיינט, פלעגן זיי מוזן לאזן זייערע ווייבער אַ תנאי־גט: טאמער קומען זיי פון דער מלחמה נישט צוריק, צי זיי ווערן דארט געפאנגען פון דעם שונא, אדער זיי ווערן צעטרעטן אויפן פעלד, זאלן זייערע ווייבער אין דערהיים נישט בלייבן קיין אייביקע עגונות, וואס דאס איז פאר יעדער אשה גלייך ווי א לעבעדיקע מקובר צו ווערן.

„די דאזיקע ביידע געשיכטן באווייזן אונדז, יידן, אז בעת מיר לעבן נאך, זאלן מיר פארשטיין, אז מיר, מענטשן, דארפן זיך נישט איינרעדן, אז אלע לעבן צוליב אונדז, און בעת מיר הערן אויף צו לעבן, הערט מיט אונדז אלץ אויף, און מיר זענען פאר אונדזער טויט נישט מחויב גאר צו זארגן פאר די, וואס בלייבן נאך אונדז!

„מיר זעען דערפון, אַז דער מענטש האָט נאָך אַ חוב און אַ מצווה צו טון אפילו אין דער לעצטער מינוט פון זיין דאָ זיין. מיט זיך אין קבר אַריין טאָר ער קיינעמס פרייהייט און קיינעמס גליק נישט מיטנעמען. ער מוז זאָרגן, אַז נאָך זיין טויט זאָל די פרוי אים איר מאַן איר פרייהייט נישט פארלירן, און אזוי ווי צו איר דארף ער זיין ערלעך און גוט אין דער לעצטער שעה, אזוי טאָר ער אויך זיינע קינדער נישט פארבינדן מיט אַ שטרענגער צוואה און ווילן, וואָס קען זייער פרייהייט שטערן און זייער גליק, חלילה, הינדערן.

„אַלס ייד, וואָס מיר איז ליב און הייליק יעדעס וואָרט, יעדער אות פון אונדזערע הייליקע ספרים, הייליק און ליב אויך יעדער דין און מנהג ביי אונדז, יידן, בעט איך שטענדיק ביי גאָט, וואָס לאָזט מיך לעבן, אַז אין מיין לעצטן טאָג זאָל איך זיין ביי מיין קלאָרן זינען און זיין צווישן מיין פאמיליע, אָדער כאָטש צווישן יידן, איך זאָל קענען אַן ערלעכע און אַ געטרייע צוואה שרייבן פאַר מיין הויז און קינדער ווי אונדזער תורה וויל און ווי ערלעכע קלוגע יידן האָבן נעטון פון אייביק אָן!

„איין טאָג פאר אונדזער טויט הייסט אונדז דער חז״ל ר׳ אליעזר תשובה טון, און אזוי ווי מיר וויסן נישט זיכער, צי מאָרגן וועלן מיר נאָך לעבן, איז די עצה תשובה טון טאַקע היינט; אַז מיר זאָלן אים נור פאָלגן, וואָלטן מיר אין תשובת און אין מעשים טובים אָפּלעבן אונדזערע יאָרן! דער מענטש אָבער זעט דעם טויט

נישט נאָנט, ווי לאַנג ער לעבט, דערפאַר לעגט ער אָפּ זיין תשובה אויף שפּעטער ביז ער שטאַרבט אָפּט גאָר אָן תשובה. נור דער ליבער גאָט אָבער, וואָס ווייס דעם מענטשנס נאַטור, זיינע שוואַכ־קייטן און זיין הארץ אין אים, נעמט צו אַ הרהור תשובה אַ מינוט פאַרן טויט אויף פאַר אַ תשובה גמורה, און קיין ייד שטאַרבט נישט אָן תשובה!

נישט אַזוי אָבער קען זיין מיט דער צוואה, וואָס יעדער איז צו לאָזן זיין הויז און קינדער. דאָ האבן מיר אונדזער רצון אי־בערצוגעבן מענטשן, וואס פארשטייען ערשט דאַן אונדזערע געדאַנקען אַז מיר שפּרעכן זיי אַרויס. דעריבער קען מען עס נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער. ווער ווייס, צי שפּעטער וועט אונדז גאר מעגלעך זיין אונדזער לעצטן רצון מגלה צו זיין? מיט הרהור אליין קען מען דא נישט יוצא זיין. על כן מוזן מיר יעדן טאג אונדזערן בא־טראכטן ווי דעם איין טאג פאר אונדזער טויט, און אויב מיר האבן אַ רצון אָנצוזאגן אונדזער ווייב און קינדער זיי זאלן דעם דאזיקן דערפילן נאך אונדזער טויט — דאַרפן מיר דעם רצון פון געדאנקען אויף פאפיר אַרויפברענגען טאקע נאר היינט און אַ גרייטע צוואה האבן שטענדיק ביי זיך.

„דאס לעבן אונדזערס איז פול מיט סכנות. אונדזער פרנסה, צו דערהאלטן דאָס לעבן, איז די אייביקע מלחמה, ווו מיר קומען אין אַ געפאר גאָר אומגעריכט, און נור דורך נסים, וועלכע מיר באַמערקן נישט, ווערן מיר נצול און לעבן אויף דער וועלט. כאָטש דער מענטש איז מיט זיין לעבן אין דער היים נישט זיכערער, ווי אין וועג, נאר זיין אומזיכערקייט באַמערקט ער ערשט דאַן, ווען ער זעט די אָפענע געפאַר. אין וועג האָט מיר אַליין שוין געטראָפן כמעט דעם טויט פאַר די אויגן צו זען; דעריבער, מיינע ליבע, שרייב איך איצט פאַר מיין אַוועקפאָרן פון אייך מיין לעצטן רצון. איך שרייב עס נישט אַלס ציוואה, נאר אַלס בריוו, אַלס בקשה, איר זאלט וויסן, וואס מיר איז ליב און ניחא אין לעבן און איך ווינטש, אַז נאך מיין טויט זאל אויך אַזוי זיין. אַ פארמעלע צוואה געפינט זיך, אַחוץ דעם, ווי עס דאַרף זיין. הערט זשע מיין רצון:

„אַלץ, וואס איך לאז דא אויף דער וועלט, נאך מיין טויט, לאז איך אויף אייביק, אויף אַלע מאל. אין קבר איז אַלץ איינס, צי מען האט דא פיל אוצרות איבערגעלאזן, צי מען האט נישט געהאַט

אַפילו בעת מען האָט געלעבט אַן אייגענע פּרוטה. אין תּכריכים פון לייוואַנד וויקעלט מען איין דעם עני שבישראל, פונקט ווי דעם יידישן עושר, און אין דעם פייכטן ענגען קבר ליגט אַזוי רויק דער אָרעמאַן, ווי דער נגיד! נאָר אַ גרויסער אונטערשייד, ליבע חייעלע, איז אויך דאָרט, וועלכע קינדער יעדער איינער האָט אויף דער וועלט איבערגעלאָזט".

„מיר זענען יידן מאַמינים בני מאמינים; מיר גלויבן, אַז הינ־טער דעם קבר עפנט זיך פאַר אונדז דער עולם האמת. דאָרט קומען מיר אַונדז צוריק צוזאַמען מיט אונדזערע ליבע געשטאָרבענע עלטערן און דאָרט וואַרטן מיר, צו אונדז זאָלן אויך אונדזערע קינדער קומען, — אַז זיי וועלן זייערע יאָרן דאָ אויסלעבן, ווי מיר ווינטשן זיי, — וואָס קען פאַר אונדז, גלויביקע עלטערן, אין יענער מינוט, ווען אונדזערע קינדער שטייען מיט פאַרוויינטע אויגן אַרום אונדזער טויטנבעט, בעת מיר שיידן אונדז מיט אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ אנגעקליבן און אָנגעזאַמלט, — וואָס קען אין אַזאַ מינוט אין אונדז שטאַרקער זיין, ווי דער רצון, אַז די וויינענדיקע קינדער זאָלן גיך געטרייסט ווערן נאָך אונדזער טויט? ווי דער רצון, אַז זיי זאָלן לעבן און זיין ווי מיר ווינטשן זיי און אַז זייער שעה וועט קומען צו אונדז צו גיין — זאָלן זיי מיט זייער קומען צו אונדז, אונדז דאָרט נישט פאַרשעמען, מיר זאָלן זיי דאָ קענען אויפנעמען מיט דערזעלבער טרייהייט, וואָס מיר שיידן זיך פון זיי, און ווי מיר ווינטשן אַליין אויפגענומען צו ווערן פון אונדזערע עלטערן, צו וועלכע מיר גרייטן אונדז צו קומען באַלד."

„דעריבער איז מיין ערשטער און לעצטער רצון, חייעלע, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אונדזערע קינדער זיין און בלייבן, נאָך מיין טויט, ווי אין מיין לעבן, און ווען גאָט וועט דיר מער יאָרן צו־טיילן, דו זאָלסט זייער לעבנדיקע מוטער נאָך זיין, בעת איך וועל שוין נישט מער זיין ווי זייער געשטאָרבענער פאָטער, זאָלסטו דעם חלק ליבע און טרייהייט, וואָס דיין האַרץ האָט אַ מאָל פאַר מיר גע־פילט — פילן פון איצט פאַר אונדזערע קינדער. איך מיין מיט דעם: דו זאָלסט זיי נאָך מיין טויט טאָפּלט ליבן — ליבן זיי ווי אַ מוטער פאַרשטייט אירע קינדער צו ליבן, אַכטונג געבן, זיי זאָל נישט פעלן קיין זאַך, קיין עסן, קיין טרינקען און זיי זאָלן געזונט זיין, אָבער אויך ליבן זיי, ווי דו האָסט מיך געליבט, דאָס הייסט קוקן אויף זיי, ווי אויף גאַנצע מענטשן, וועלכע האָבן זייער אייגענעם ווילן, זייער אייגענעם שכל און האָבן רעכט זייער גליק אַליין אויסצעקלויבן... גאָט

זאָל דיך אָפּהיטן צו װעלן אָנהענגען אויף זיי אַזאַ גליק, װאָס זיי זעען עס נישט מיט אייגענע אויגן!״...

„קענסטו זייערע שמערצן פילן, בעת זיי ליידן? אַפילו װי גערן דו װאָלסט נישט געװאָלט נעמען אויף זיך זייערע יסורים אַבי זיי זאָלן געזונט זיין, װערן זיי מיט דעם נאָך נישט געהיילט. זיי קרעכצן און זיי װאַרפן זיך און זיי איז ביטער. אַזוי קענען זיי זיין גוט הונגעריג און אַ גוטן אַפּעטיט האָבן, בעת דו האָסט דיר דעם מאָגן פאַרדאָרבן און קענסט אויף עסן נישט אַ קוק טון. באַזונדערע מענטשן זענען זיי און באַזונדער איז אויך זייערע װוּנטש און פאַרלאַנגען! פאַרשטיי דאָס, חייעלע, זיי ערלעך מיט זיך און נישט רייד, װי אַנדערע װייבער, אָן שכל, װעלכע באַרימען זיך, אַז בעת זיי זענען קינדער געװוען, האָבן זיי גאָר קיין אַנדער װוּנטש און װילן נישט געהאַט, װי דעם װוּנטש און װילן פון זייערע עלטערן צו טון. זאָגן זיי אמת, איז דאָס נאָר אַ סימן, װי קליין זייער שכל איז דאַן געװען, װי פּראָסט און נאַריש זיי האָבן דאַן געמוזט לעבן — זאָגן זיי אַ ליגן, איז נאָך מער צו באַדויערן אַזעלכע מוטערס, װעלכע װילן מיט נאַרישע באַרימעריי און מיט ליגן זיך אַלס ביישפּיל שטעלן, װי זייערע קינדער זאָלן זיך פירן!״...

„עלטערן קענען אין קינדער גיכער פאַרנאַרט זיין און זייערע פעלער נישט באַמערקן, װי קינדער אין עלטערן, און װייל די קינדער זענען שטענדיק צוזאַמען מיט זיי, זעען זיי אָפט אין די עלטערן אַזעלכע פעלער, װאָס קיין שונאס אויג אפילו איז נישט אימשטאַנד צו זען; דאַן טרעפט אָפט, אַז די קינדער װערן דורך דעם פאַרדאָרבן אַזוי װי זייערע פאַרדאָרבענע עלטערן — אין בעסטן פאַל, װוּ די קינדער זענען מיט אַ גוטער ערלעכער נאַטור געבוירן און די עלטערנס פעלער װירקן נישט אויף זייערע זיטן און אויפפירונג, פאַרדאַרבן צו װערן — פאַרלירן אָבער די עלטערן זייערע די אַכטונג און ליבע פון זייערע קינדער, כאָטש די קינדער בלייבן זיי קיין שונאים נישט, אָבער גענוג, אַז אין טיפן האַרצן שעמען זיי זיך מיט זיי און פאַרלירן די ריינע אַכטונג פון קינדער צו עלטערן!... דאַן, ליבע חייעלע, איז בעסער גאָר קיין קינדער נישט צו האָבן, איידער זיי האָבן און זיי זאָלן זיך, חלילה, שעמען מיט אונדז איבער אונדזערע שלעכטע מידות. איך װיל אָבער, אַז מיינע קינדער זאָלן זייער מוטער נישט נאָר ליבן, נאָר אויך אַכטן; ליבן קען מען גאָר אָן אַ סיבה,

בלויז פון דעם אנגעבוירענעם געפיל, צו ליבן די מוטער, וועלכע עס האָט אונדז געבוירן, אַכטונג אָבער קען נאָר דארט מעגליך זיין, וווּ עס איז דאָ אַ גרונט, אויף וואָס די אכטונג זאל זיך שטיצן. מען מוז די אַכטונג פאַרדינען!... ליבע חייעלע, אַכטונג אָן פאַרדינסט איז נאָר חניפה, פאַלשקייט, אַזא אַכטונג פון אייגענע קינדער ווינטש איך דיר נישט... דו קענסט אָבער די ריינע אמתע אכטונג פאַרדינען, אַז דו וועסט דיין טרייהייט און גוטסקייט מיט שכל, מיט איבערלייגונג זיי לאָזן מערקן, זיי זאלן אַליין אָט די טרייהייט באַגרייפן און דאָס גוטס דערקענען, זיי זאָלן פאַרשטיין און מיט אייגענעם ווילן אָננעמען דיין גוטס. דאן וועט זייער דאַנק ממילא קומען און דו וועסט באמת געליבט און געאַכט זיין!

„אונדזער רחלע איז, גאָט צו דאַנקען, אַ גוט קינד, אַ געראָטן קינד, פיל האָב איך מיט איר געלערנט, איר האַרץ איז גוט און ריין, איר קאָפּ איז יונג און פריש, איר שכל איז געזונט און ליכטיק און אירע געזינונגען אין ריינעם יידישן גלויבן, אין פרומקייט און גוטסקייט אַנטוויקלן זיך אַלץ שענער און בעסער פון טאָג צו טאָג; מיין האַרץ זאָגט מיר, אז זי וועט תמיד ביי איר גוטן פרומען האַרצן בלייבן. דיך בעט איך, לאָז זי וואַקסן, ווי אַ שיינע בלום אין גאָטס גאָרטן, לאז איר פריי זיין, שטער נישט אירע האָפענונגען, מיש זיך נישט אריין אין אירע שטילע פרומע געדאַנקען; פרעג זי נישט דאס, וואס זי אליין דערציילט דיר נישט, און נישט ווי? זי מעג גליקלעך זען, ווי זי וויל עס אליין! דאן וועט דיין קינד דיך ליבן, דיר אַלץ דערציילן, אפילו וואס דו פרעגסט נישט, און גאָט און לייט וועלן מיט אונדזער רחלען צופרידן זיין! דאַן, ליבע חייעלע, וועט רחלע אַ גוטער משל קענען זיין פאַר אונדזערע קלענערע קינדער. זי וועט זיי פירן אין דעמזעלבן וועג, וואס איך, איר פאָטער, האב זי געפירט ביז אהער. דאן וועלן אונדזערע קליינע קינדער, פאַרהאָף איך, קיין יתומימלעך נישט זיין, אפילו ווען זיי וועלן שוין קדיש זאָגן נאָך זייער פאָטער!...“

„אז די געווינטשטע צייט וועט קומען און דו וועסט, אָן מיר, פאר רחלען אַ שידוך דאַרפן טון, זאג איך דיר אויסדריקלעך: מיין גאנצע דעה, וואָס איך האָב אין דעם, אלס פאָטער, לאָז איך איינציק און אליין מיין רחלען, נישט דיר, און נישט מיין ברודער

שלמהן — אויב גאָט וועט אייך מער יאָר געבן, לענגער צו לעבן ווי איך — דעריבער וועט רחלעס דעה אין דעם זיין אויך מיין דעה, און דיין דעה, אויב זי וועט, חלילה, אנדערש זיין ווי אונד־זערע, זאָלסטו מבטל זיין, אויב דו ווילסט נאָר מיך אין קבר צורו לאָזן!...

„זיכער בין איך, אַז רחלען וועט קיינמאל נישט געפעלן אזא איינער, וואס וואָלט אין מיין לעבן מיר נישט געפעלן און דער, וועלכער געפעלט מיר שוין איצט, האָט שוין זיין חן געפונען אין אירע אויגן. מיין זעליקער פאָטער, דיין גוטער און קלוגער שווער, האָט שוין דאס פאָרגעזען, בעת זיי זענען נאָך קליינע קינדער געווען און האט זיי זיין ברכה געגעבן. איצט האָט גאָט אויך זייער האַרץ צוזאַמענגעבונדן; ווער עס וויל אין גאָט לייקענען און אים דערווידער זיין, זאָל אָט דעם בונד צערייסן!...”

„אין דער פאָרמעלער צוואה, וואס איך שרייב אין רוסיש פאַר עדות, באַשטעטיק איך אַלע אופנים פון דער ירושה. איך פאַרבינד דיך נישט, אָבער בעטן בעט איך: אויב דו ביזט מיר טריי און אויב מיין אַנדענק וועט ביי דיר כאָטש פיל ווייניק טייער בלייבן — זאָלסטו די קינדער אונדזערע איינציק און אַליין אַ מוטער און אויך אַ פאָטער זיין, וויינעקסטנס, אַזוי לאַנג זיי קיין נייעם זאָרגער און מדריך נישט געבן, ביז רחלע וועט זיין אימשטאַנד מיך צו פאַר־טרעטן אין דעם... ווי לאַנג זיי דאַרפן נאָך דיין מוטער־ליבע, ווי לאַנג זיי קענען אָן דיינע טרייהייט נישט אויסקומען, אזוי לאַנג בלייב דו זייער מוטער. שפּעטער ביזטו פריי, און דאָרט, ווו איך וועל דאַמאָלס זיין, וועל איך פאַר דיר גאָט בעטן, דיר זאָל גוט זיין!”

„אויך דיך, מיין ליבער ברודער שלמה, בעט איך, דו זאָלסט זיין דער אָפּיעקון און טרייעסטער פריינט צו מיינע קינדער. איך קען דיין גוט האַרץ, דיין ווייכע יידישע האַרץ. שלעכט זיין קענ־סטו גאָרנישט; אָבער אום גוט צו זיין, די גוטסקייט זאָל נישט אָן נוצן בלייבן, מוז מען אויך קלוג זיין... דו קענסט דענקען, אָבער דו ווילסט נישט, דו ווייסט אַ דין און אַ יושר, אָבער צו ווייניק איז דיין דעה אַ דעה, ווו אַנדערע זענען דיר קעגן. דאָס קומט נאָר דערפון, ווייל דו ביזט דיין שכל מבטל און אַ דעה אָן שכל איז קיינמאל קיין דעה נישט!”

„צוליב מיינע יתומים, שלמה, צוליב זיי וועק דיין שכל אויף און אלץ, וואָס דו וועסט נאָר טון פאַר זיי, זאָל מיט שכל און מיט דעת זיין!"

ווער ווייס, צוליב וואָס האָט דיר גאָט מער יאָרן געגעבן ווי דיינע יינגערע ברידער און האָט דיר קיין קינדער נישט צוגעטיילט, זיי מגדל צו זיין? אפשר מיינט דער רבונו של עולם דיך צו פאַרגיטיקן דערמיט, וואָס דו וועסט מיינע יתומים מגדל זיין, גלייך ווי דו וואָלסט אייגענע קינדער דערציען? איז דען נישט גלייך דער, וואָס דערציט פרעמדע קינדער אין גוטער יידישקייט, ווי ער וואָלט אייגענע קינדער האָבן און זיי דערציען?

„פיל תורה, מיין ברודער, ברויך איך דיר נישט צו זאָגן. דו לערנסט די תורה מער פאַר מיר און קענסט וויסן, וואָס גאָט פאַרלאַנגט? נאָר בעטן מעג איך דיך, דו זאָלסט, אַנשטאָט מיר, מיינע קינדער לערנען תורה, רחלע וועט זיי דרך ארץ ווייזן און ביידע זאָלט איר איינע די אנדערע נישט שטערן!"

„מיין רצון וועגן אונדזער פלימעניק משהלען דאַרף דיר באַוווּסט זיין. דו ווייסט אויך, אַז דאָס איז געווען דער לעצטער רצון פון אונדזער זעליקן פאָטער. אַז די גליקליכע שעה וועט קומען, וואָס דו וועסט אונדזער רצון אויספירן און דו וועסט דיינע הענט אויף זייער קאָפּ אַרויפלייגן, זיי אונטער דער חופה אַלס חתן־כלה צו בענטשן, מעגסטו זיכער זיין, אַז צוזאַמען מיט זיי וועלן אויך מיר, אונדזער פאָטער און איך — אונדזערע הענט אויפהייבן און אונדזערע קינדער בענטשן און גאָט פון זיין הייליקן הימל וועט אויף אונדזער ברכה ענטפערן אמן!"

„די איבעריקע ענינים און חשבונות וועסטו געפינען אין דער פאָרמעלער צוואה. איך האָף, אַז דו וועסט אַלץ אַזוי פּינקטלעך אויספירן און נישט לאָזן, חלילה, אַז עמעץ זאָל נאָך מיין טויט מיין נאָמען נישט צום גוטן דערמאָנען".

„זייט אייך געזונט, איך ווינטש נאָך אייך אַלעמען, אַ לעבעדיקער, לעבעדיקע און געזונטע צו זען, וואָרים בעת איך שרייב, בין איך נאָך רעכט געזונט און שרייב נאָר על כל צרה שלא תבא. אָבער דעם רצון, וואָס איך האָב דאָ געשריבן, וועל איך נישט משנה זיין אין קיין אופן. גאָט, וואָס האָט מיר געהאָלפן דעם רצון מיינעם פון מחשבה אויף פּאַפּיר אין ווערטער אַרויסצוברענגען, זאָל אייך, מיינע

טייערע, העלפֿן אַזוי מקיים צו זיין, פּונקט ווי דאָ איז געשריבן. דערמיט וועט איר טון אַ חסד של אמת מיט דעם געשטאָרבענעם אליעזר בן אברהם הכהן!"

— חבל על דאבדין! ווי אויף אונדז, וואָס מיר האָבן אַזא טייערע כּלי פֿאַרלאָרן! — האָט ר' שלמה אויסגעזיפּצט מיט טרערן, אַז ער האָט די צוואה געענדיקט. — זיין צוואה ווייזט אונדז, וואָס פֿאַר אַ חכם אַן עמקן ער איז געווען, ווי טיף און ווי הויך זיין קוק איז געווען! מען מעג דרוקן יעדעס וואָרט פֿון אַזא צוואה. חייעלע, דו מעגסט וויינען. אַלץ קען דיר דער רבונו של עולם אָוועקגעבן, אָבער נאָך אַזא מאַן, אַזא ספרא רבה, אַזא מושלם בתּכלית ההשלמה, אַזא גוטער און בעל מדות טובות, וועסטו שוין נישט האָבן!... על האי שופרא דבלי בעפרא, אויף אַזא טייערע שיינקייט, וואָס איז אין דער ערד אַריין, מעג מען וויינען און קלאָגן. נאָר טענות צו גאָט טאָר מען נישט האָבן, אונדז בלייבט נאָר די וווּנד אין האַרצן, וואָס נישט אַזוי גרינג וועט אונדז זיין די צוואה זיינע מקיים צו זיין!...

— אַפּנים, אַז דער מענטש האָט מער טרערן אין זיינע אויגן, ווי ער ווייס עס אַליין! — האָט חייעלע אָנגעהייבן רעדן. — נישטאָ אין דער צוואה אַזוי פיל אותיות איינציקע, וויפֿל טייכן טרערן איך האָב שוין צעגאָסן, זי לעזנדיק; נאָר איין טרייסט איז מיר נאָך געבליבן, וואָס איך וועל קענען מיט גאָטס הילף זיין צוואה אויספֿירן און טון זיין רצון, פּונקט ווי ער פֿאַרלאַנגט! ער בעט מיך די קינדער מיינע ליב האָבן. בעטן דאַרף ער מיך? אַז ער וואָלט געבעטן זיי פֿיינט צו האָבן, ווייס איך נישט, צי וואָלט איך געקענט זיין בעטן מקיים זיין. אָבער אַז ער בעט מיך זיי ליב האָבן, בין איך דען זיי אַ פֿרעמדע? האָב איך זיי דען ווען פֿיינט געהאַט? גאָט זאָל מיך אַזוי ליב האָבן, ווי איך האָב ליב מיינע קינדער! איר, מאַנסלייט, קענט גאָרנישט פֿילן די ליבשאַפֿט, וואָס אַ מוטער פֿילט צו אירע קינדער; אייך טוט דער בויך גאָרנישט וויי, בעת מיר געבוירן די קינדער מיט שמערצן און מיט פּיין... וואָס זאָל איך אויף אים פֿאַריבל האָבן?

— ער בעט דיך אָבער נאָך אַ זאַך, — האָט ר' שלמה דערמאַנט, — ער בעט דיך, דו זאָלסט, אַ חוץ אייגענער ליבשאַפֿט, זיי ליב האָבן, ווי ער, עליו השלום, האָט זיי ליב געהאַט. ער מיינט מסתמא, אַז דו זאָלסט נישט וועלן אויף זיי צופֿיל רחמנות האָבן. וואָרים דעריבער

זאָגן מיר. „כּרחם אב על בנים” און נישט „כּרחם אם על בנים”, ווייל אַ מוטער מאַכט מיט איר רחמנות אַ מאָל קאַליע דאָס קינד; פאַרשטייסטו? די גמרא אונדזערע זאָגט: אַ קינד זאָל מען מיט דער לינקער האַנט אָפּשטויסן פון זיך און מיט דער רעכטער זאָל מען עס צוריק מקרב זיין; אַ מוטער אָבער איז שטענדיק דאָס קינד מקרב מיט ביידע הענט, דאַריבער קומט אויס, אַז איר רחמנות איז אַן אַכזריות... ווידער פאַרלאַנגט ער, אַז דו זאָלסט דיין דעה, פאַרשטייסטו מיך, מבטל זיין פאַר זייער דעה, דאָס הייסט דו זאָלסט אין אַ סך זאַכן זיי לאָזן וואַקסן, ווי זיי ווילן. דעם אמת זאגנדיק, איז עס מיר קשה. איך פאַרשטיי נישט, וואָס ער מיינט דערמיט? אַ קינד ווייס גאָרנישט, וואָס עס וויל; נאָר דאָס מוז ער מיינען קעגן אַ שידוך פאַר רחלען. אמת, רחלע האָט שכל, איז אַ גוט קינד און עס וואָלט טאַקע גרינג געווען מסכּים צו זיין צו דעם, וואָס איר געפעלט; אָבער, „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט!” לייזער, עליו הלשום, האָט נאָך נישט געוווסט, בעת ער האָט די צוואה געשריבן — וואָס פון דעם משהלען איז געוואָרן... אַ גרויסער נסיון איז זיין צוואה איצט פאַר אונדז! גאָט זאָל אונדז צו הילף זיין, מיר זאָלן זי קענען אויספירן, יוצא צו זיין פאַר אים.

— וואָס רעדט איר, שוואָגער? — האָט חייעלע דערשראָקן אויסגעשריגן. — וואָס איז דען מיט משהלען געשען? פאַרוואָס זאָל ער באמת רחלעס חתן נישט קענען זיין? פון מיינטוועגן, זאָג איך אייך, איז קיין מניעה נישט, כאָטש באַלד תנאים צו שרייבן; טאַקע פאַרוואָס נישט? זיי זענען שוועסטערקינדער, ביידע יתומים, נעבעך, וואָס דען? לאַנג וועל איך זי קענען האַלטן? איך בין דאָך פאָרט אַן אלמנה? ווו וועל איך פאַר איר אַנדערע חתנים גיין זוכן? און אַז מען זוכט, געפינט מען שוין, וואָס?...

— אויס משהלע, פאַרפאַלן מיין טייער קינד! — האָט ר' שלמה אויסגעקרעכצט און טרערן האָבן זיין שטימע פאַרשטיקט. — משוגע, נישט דאָ געדאַכט, איז ער געוואָרן! שטודירן האָט זיך אים פאַרגלוסט און איז בשתיקה אונז אַלעמען אַוועקגעפאָרן אין טייטשלאַנד און איז אַ סטודענט געוואָרן; נו, קען ער שוין רחלעס חתן זיין?... ניין, גאָטס דרכים ווייסן מיר נישט. מען טאָר נישט זאָגן: ניין! ער וועט נאָך אַראָפּקומען. אָט הערסטו, חייעלע, וואָס איך זאָג דיר? מיין פאָטער, זכר צדיק לברכה, וועט נישט דערלאָזן, זיין אײ־

ניקל זאָל אַזא מופקר ווערן, ווי אונדזער דאָקטאָר. ער וועט קומען, ווײסטו זען, ווי ער וועט חוזר בתשובה זײן און ווערן רחלעס חתן. אַזוי האָט מײן פאָטער און איר פאָטער געוואָלט. מיר טאָרן זײער רצון אַזוי גרינג נישט אַריבערגײן. נאָר גאָט ווײס ביז וואַנען וועט דער טירוף אים האַלטן?

— איר האָט אים גאָרנישט געשריבן? — האָט חײעלע געפרעגט.

— איך האָב אים געשריבן, אים רחמים געבעטן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף מײנע אַלטע יאָרן, אויף זײן זײדן, נעבעך, וואָס ווײנט און קלאָגט אויף אים; איך האָב אים דאָס אויך דערמאַנט, אַז רחלע איז שוין אַ יתומה און איר פאָטערס רצון איז געווײס געווען, ער זאָל איר חתן זײן; אָבער די טומאה, רחמנא לצלן, האָט זײן שכל בײ אים אָפּגענומען און ער ענטפערט, אַז ער וועט נישט קומען צוריק, ביז ער וועט אויסלערנען אַלע חכמות! נאַרעשקײטן, באמונות, וואָס מען לערנט דאָרט מיט אים! הײנט גיב זיך אַן עצה!...

חײעלע האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעווײנט. אַלע אירע פלענער זענען פון דער שרעקליכער ידיעה צעפלויגן געוואָרן.

— ר׳ פּנחסל דעם רבינס, זאָל לעבן, האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז פון אים וועט קײן גוטס נישט זײן! — האָט חײעלע מיט כעס געזאָגט. — איך וועל מיט גאָטס הילף פאַר מײן רחלען אַ שענערן און אַ בעסערן חתן געפינען. איך וויל נאָר פאַר גאָט, ברוך הוא, יוצא זײן!

— נײן, מײן שוועגערין, — האָט ר׳ שלמה לאַנגזאַם אויסגערעדט, — נישט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך! איך האָב מורא, אַז רחלע וועט אויף אַן אַנדערן חתן גאָרנישט וועלן אַ קוק טון...

— וואָס רעדט איר, שוואָגער? מײן פרומע רחלע, וועט וועלן אַ חתן אַ געשטודירטן? — האָט זיך חײעלע, ווי אַ פערצווײפלטע אַ כאַפּ געטאָן — סײדן ער האָט איר אַ כישוף אָפּגעטון, סײדן זי איז מײן קינד נישט מער! איך בין נאָך אָבער נישט געשטאָרבן. מײן דעה איז אויך אַ דעה!... איך האָב נאָך קלײנע קינדער, איך וועל זיך און די איבעריקע נישט דערטרינקען צוליב איר!

— זעסטו, אַז עס איז נישט אַזוי גרינג די צוואה מקיים צו זײן? ער הײסט דיך, נישט צווינגען דײן קינד; דו ביזט אַ פרומע אשה, חײעלע, דו מוזט און דאַרפסט מקיים זײן די צוואה. גאָט זאָל דיך אײנהיטן פון אַזא מכשול צון, ווי אַ מאַנס צוואה צו צערײסן!

האָב געדולט, האָף צו גאָט. ער וועט אַן עצה צושיקן מיט דער צייט.

— אָבער ער, עליו השלום, האָט דאָך נישט געוווּסט, אַז משהלע איז געוואָרן אַ מופקר? — האָט זי געטענהט. — פון זיין הייליקער רו וועט ער מיר דאַנקען, אַז איך וועל זיין ליב קינד געבן אַ פרומען יידן פאַר אַ מאַן און נישט אַ מופקר!

— אַז דו וועסט דיין קינד געבן אַ מאן אַ יידן? — האָט ר' שלמה איבער געזאָגט. — פרעג פריער, צי וועט דאָס קינד וועלן נעמען, וואָס דו גיסט אים?

— אַ קלאָג צו מיינע יאָרן! — האָט זי אַ געשריי געטון און האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָפּ, — מיין רחלע איז סיידן פון וועג אַראָפּ. איך לויף צו איר, איך וויל עס פון איר מויל הערן. אָט וועל איך וויסן, אַז מיין קינד האָט אַ דונער איינגעשלאָגן... ניין, ניין, איך וועל נישט פרעגן, לאָז זי מיר פּרווון נאָר מעיז זיין!

— הער, חייעלע, — האָט דער פעטער ערנסט און אנטשיידן אויס גערעדט, — הער, דו ביזט אַן אשה! איך בין אַ מאַנספערשוין און בּי עלטער פאר דיר. מיט בייזן וועסטו גאָרנישט מאכן. פאָלג זשע בעסער מיר און לאָז דערווייל שטיל זיין, נאָר שטיל, זאָג איך, נישט רעדט מיט איר וועגן משהלען, ווי ער וואָלט גאָרנישט זיין; איך האָב אויך אלע רייד וועגן אים אויפגעהערט. אז מען וועט אין שטוב זיין נאָמען נישט דערמאנען, וועט זי אים פארגעסן. געדענק וואָס איך זאָג דיר, זי וועט אים פאַרגעסן, וועסטו זען, זי וועט אים פאַר־ געסן! דו, אדרבה, וויַז איר דיין טרייקייט מיט אַלץ וואָס דו קענסט; איר טאַטע איז שוין געשטאָרבן, זע, זי זאָל ווערן צו דיר אזוי צו־ געטון ווי צו אים, דיר צו לענגערע יאָר. דערנאָך, אַז עס וועט אַריבער אַ צייט און דו וועסט איינזען, אַז רחלע איז דיינע, וואָס הייסט דיינע, טאַקע דיינע, ווי איך מיין, וועסטו קענען אָנהייבן רעדן מיט איר מכּוח אַ חתן. דערווייל וועט זי טאַקע עלטער ווערן, דער יאָר פון אבלות וועט אַריבערגיין, און אפשר וועט דער רבונו של עולם זיך מרחם זיין און משהלע וועט זיך אַרומקוקן, וועט צוריק אַ מענטש ווערן, און עס וועט געשען, דער רצון פון מיין פאָטער און דער ווילן פון ליַיזערן, עליו השלום! נאָר אייל נישט, קיינער ווייס נאָך דערווייל נישט, אַז ער שטודירט, צום שידוך וועט אים נישט שאַטן. הלוואי זאָל ער נאָר וועלן קומען, ווי קיינער וועט אים נישט האָבן וואָס אויפצע־

חאַרפּן! — הערסטו? דער זכות פון מיין פאָטער וועט אונדז ביישטיין, און משהלע וועט אַ כשרער, פרומער ייד בלייבן, ווי מיר ווינטשן אים פון גאַנצן האַרצן. געדענק מיינע רייד, חייעלע, האָף צו גאָט, זיין חסד איז גרויס געוווּג!

— הלוואי זאָלסט איר אמת זאָגן! — האָט זי צוגעווונטשן און האָט איר שוואָגער פאַרשפּראָכן, משהלעס נאָמען נישט צו דערמאַנען, וואַרטן אַ האַלב יאָר און וועגן אַ שידוך פאַר רחלען גאָרנישט טראַכטן. אַז זי האָט זיך פון דאָס ניי אויסגעוויינט, האָט זי געווונטשן אַלע אירע שונאים — וואָס טראַכטן אויף איר שלעכטס — זיי זאָלן בלייבן אלמנות פון זייערע מאַנען, מיט אַ זעלכע זאָרג און קאָפּדרייעניש, ווי אירע!...

ז.

עס זענען אַריבער אַ פּאָר וואָכן און ר' שלמה האָט ווידער געזאָגט צו זיין ווייב:

— געשטאָרבן מיין ברודער! — הערסטו, דבורה, לייזער איז געשטאָרבן, חבל על דאבדין!

דבורה האָט אַ שווערן זיפץ געטון און געפרעגט:

— וואָס איז, עפּעס אַ נייס געשען?

— נייס ווילסטו נאָך? נישט גענוג דיר דאָס אַלטע, מסתמא! — האָט ער אויסגערעדט אין כעס, גלייך ווי זי וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס איז געשען.

זי האָט געשוויגן, וואָרים זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ הקדמה נאָר. אים דריקט דאָס האַרץ, ער זוכט זיך אויסריידן אַ ביסל און ווייס נישט ווי עס אָנצוהייבן.

— יאָ, דבורה, — האָט ער נאָך אַ מאָל זייער טרויעריק אַרויסגערעדט, — ער איז געשטאָרבן, פאַרפאַלן! מיר מוזן זיך איינגעוויינען צו לעבן אָן אים; נאָר איך פרעג דיך: זאָג מיר, ווי געוויינט מען זיך? ווי פאַרגעסט מען אים, אַז אויף יעדן טריט מוז איך אים דערמאַנען? אייביק וועל איך אים נישט פאַרגעסן, וואָרים אייביק, זאָג איך דיר, וועט ער אונדז פעלן! נעכטן, למשל, איז אַן אסיפה געווען אין שטעטל. שקצים, יונגע שנעקעס האָבן זיך מיט אַ דעה אַרויסגעבאָפּט; זיי וואָלטן דאָס מויל געהאַלטן, אַז ער וואָלט אויף-

אַסיפה געווען. אלע האָבן אים דערמאַנט, אַלעמען פעלט ער: אונדזער בית-המדרש איז אָפּגעלאָזן אָן אים, דער תּלמוד-תּורה-מלמד האָט מיט די ייִנגלעך אויפגעהערט צו לערנען. נישטאָ לייזער און נישטאָ ווער עס זאָל צאָלן שכר-למוד. נישטאָ ווער עס זאָל אַכטונג געבן. אַלעמען פעלט ער, אָבער חייעלען, דאַכט מיר, פעלט ער גאָר נישט... זי האָט אים אין גאַנצן פאַרגעסן און טוט נאָר און נייט זיך קליידער, קויפט זיך צירונג, ווי זי וואָלט גאָר קיין אַלמנה, קיין מוטער פון יתומים נישט געווען. הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן: חייעלע וועט קוים דאָס יאָר אויסהאַרן, זי וועט נעמען אַ מאַן און אויף די יתומים זיך גאַרנישט אומקוקן!...

— דו האָסט אַ טעות, מײַן מאַן! — האָט אים דבורה געטרייסט. — ווער וועט זי נעמען מיט פיר קינדער? אַבי וועמען וועט זי נישט נעמען, און אַ לייטישער ייִד וועט זיך נישט אײַלן חתונה צו האָבן מיט אַן אַלמנה פון פיר יתומים.

— דו ביזט אַ ייִדענע! — האָט ער געענטפערט. — הונדערט מאָל מוז מען דיר זאָגן, אַז דו ביזט אַ ייִדענע! וואָס איז טײַטש, אַבי וועמען וועט זי נישט נעמען? זי וועט חופּה האָבן כאָטש מיט אַבי וועמען, געדענק מײַנע רייד! אַ אשה וויל בעסער זיצן אין דעם רשות פון איר מאַן, זי קוקט נישט אויף גרויס יחוס, אַבי אַ מאַן!... אַזוי זאָגט די גמרא אין קדושין און אין יבמות... די גמרא פאַרשטייט אייך בעסער! אָט זעסטו דאָך, חייעלע וועט חופּה האָבן מיט דעם ערשטן מאַן, וואָס אַ שדכן וועט איר רעדן, אַבי קיין אַלמנה נישט צו זײַן. ווידער זאָגט די גמרא: אַ אשה האָט אַלע מאָל אירע תּכשיטין אויף זיך, דאָס מיינט מען: דעם חן, דאָס געשליפן צינגל... אַ חוץ דעם זאָגן לייט: זי האָט כּמה אלפים אייגן געלט, אַ חוץ איר כּתובה... הערסטו, איך גלויב, ווײַל די ביכער זאָגן מיר: עס דאַרף זײַן פיל מער, וויפיל עס איז געבליבן... פאַר- שטייסטו, זי איז קליגער, ווי פרימער. זי האָט נישט געוואַרט ביז מען וועט צעשניידן די חלה און מען וועט איר אײַנטיילן אַ „המוציא". זי האָט די חלה אַליין צעשניטן, די גרעסטע המוציא האָט זי פאַר זיך אַראָפּגענומען, און וואָס איז געבליבן, האָט זי אירע יתומים צעטיילט... און דאָס האָט זי געטון נאָר צוליב דעם, ווײַל זי האָט באַלד אַרויס- געקוקט חופּה צו האָבן.

— נאָך גוט, וואָס רחלע באַקלאָגט זיך נישט, אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז זי פאַרשייט און פילט אין טראָגט דעם ווייטיק אין

הארצן, נעבעך. משהלע, משהלע, ווי האָסטו מיין עלטער באַטריבט! ווי באַטריבסטו דאָס יונגע הארץ פון דעם אָרעם קינד! אַנדערש וואָלט זיין, אַז דו וואָלסט דאָ געווען... דיר מיט רחלען וואָלט דאָס הויז בירושה בלייבן, די קליינע יתומים וואָלטן ביי אייך זיך האָדעווען, און נישט דאַרפן, חלילה, אנקומען צו אַ שטיפפאָטער. גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ מענטש ער וועט נאָך זיין?!...

— צו אונדזער אומגליק האָט נאָך משהלע צוגעגעבן, — האָט דבורה מספּים געווען, — אַז רחלע וועט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן, וועט מען דאָס הויז מוזען פאַרקויפן. אומגליקלעך דאָט ער זיך געמאַכט און אומגליקלעך מאַכט ער אונדז אַלעמען! אָבער זאָג מיר, דו האָסט דאָך נעכטן אַ בריוול מקבל געווען, וואָס שרייבט ער? דער קאָפּ איז מיר אַזוי דערשלאָגן, אַז איך האָב גאָר ביז איצט פאַרגעסן צו פרעגן, וואָס ער שרייבט. מיר גלויבט זיך גאָרנישט, אַז ער זאָל אויף רחלען קיין רחמנות נישט האָבן. זאָג, אַדרבה, וואָס ענטפערט ער? וואָס שרייבט ער?

— וואָס שרייבט ער? — האָט ר׳ שלמה איבערגערעדט. — דאָס האַרץ איז מ׳ר פאַרקלעמט געווען נעכטן, לייענענדיק זיין בריוו, פון זיין פאַרפירטקייט, פון זיין בלינדקייט, רחמנא לצלן! נאַ, זע וואָס ער שרייבט! עד האָט איר דאָס בריוול דערלאַנגט.

— דאָס איז דאָך אויף לשון הקדש! — האָט זי געזאָגט, אים דאָס בריוול צוריק אפּגעבנדיק. — לייען און פאַרטייטש מיר.

ער האָט די ברילן אנגעטון און געלייענט׳

„טייערער ליבער פאָטער, ר׳ שלמה!

אייערע רייד הער איך, בעת איך לייען אייער שרייבן. איך ווייס: זיי זענען מיט טרערן געשריבן... איך פיל אייער טרייהייט צו מיר אפילו אין אייערע קללות, וואָס איר שעלט מיך איבער מיין פאַרפירט־קייט — ווי איר רופט אָן מיין הייליקן רצון — די הייליקע תורה מיט דער ליכטיקער חכמה צוזאַמענצובינדן. — איך קען אייך פיל נישט שרייבן, מיין האַרץ באַגיסט זיך מיט בלוט פון דעם געדאַנק אַליין, אַז מיין איינציקער טרייער פעטער פאַרשטייט נישט דעם הייליקן רצון פון זיין פרומען פלימעניק! ניין, איר קענט דעם רצון פאַרשטיין, נאָר איר ווילט נישט, ווייל איר, גלויבט מיר נישט... וואָלט איך קענען — אַנשטאָט דאָס בריוול שרייבן — איצט מיין האַרץ פון מיר אויסרייסן און אייך צושיקן, איר זאָלט עס אָנזען, זיך גוט איינקוקן, ווי ריין, ווי פרום

עס איז, וויפיל רחמנות און פיין עס זענען דערין אנגעקליבן, וואלט איך אויף די יסורים פאר אזא אפעראציע נישט געפורכט און דאס טון, אבער א מענטש, וואס זעט דעם אמת נישט אין די ווערטער, וואס אזא הארץ גיסט אויס אויף דעם פאפיר, וועט אין דעם רויען שטיק פלייש נאך ווייניגער זען, און איך דארף נאך מיין הארץ ביי זיך האבן, ליבער פעטער!... איך דארף נאך לעבן און דאס הארץ א געזונטעס צוריקברענגען מיין טייערן שוועסטערקינד, רחלען, וועמען עס געהער. איין זאך קען איך אייך נאר זאגן: נישט געלט און רייכקייט, נישט ירושה און גליקן קענען מיך אפרייסן פון מיין באשלוס. מיין רייכקייט איז מיין ריינער גלויבן אין אונדזער איינציקן גאט, מיין ירושה איז זיין הייליקע תורה און חכמה, וועלכע איך לערן איצט! נישט טרערען, עלנט און רחמנות קענען מיך באוועגן צוריק צו קומען פאר דער צייט. רחלע, דאס גוטע קינד, איז מיין גליק און האפענונג און זי איז מסכים מיט דעם, וואס איך קום נאך נישט צוריק. פעטער, כלבא שבועס טאכטער איז נישט די איינציקע בת ישראל, וואס האט מיט פארגעניגען בויט און פיין געליטן, ווארטנדיק אויף איר טייערן חתן, וואס האט זי אין עלנט געלאזן און איז געגאנגען תורה לערנען!... נאך אין היינטיקע צייטן זענען דא ביי יידן בנות ציון טייערע, וואס זענען צעפרידן, פיין און עלנט צו ליידן, אבי זייערע באשערטע זאלן קענען תורה און חכמה לערנען! רחלע ווארט מיט געדולד און בטחון אויף מיר.. כלבא שבועס טאכטער ווארט אויף איר ר׳ עקיבאן!!.. זייט איר נאר נישט אזוי שלעכט צו אייער פלימעניצע, ווי דער רייכער כלבא שבוע צו זיין טאכטער!... לאזט די פרומע רחלען, אט די גאטספארכטיקע טאכטער, לאזט זי ווארטן און הארן אויף מיר; פון איר ליידן און בענקן וועט זי אייך קיינעם נישט דערציילן... פריי לאזט זי, פעטער געטרייער, שטערט נישט אירע הייליקע האפענונגען, לאזט זי שטיל און פרום גאט בעטן און צו גאט האפן, ער וועט איר מוט און טרייסט צו שיקן, דעם געהאפטן טאג צו דערווארטן!... לאזט זי מיט די יתומימלעך לערנען. זאל זי אירע פרייע שעות אפגעבן אויף דער דערציונג פון די עלענטע קינדער, ווילט נישט זי גליקלעך מאכן פריער, ווי עס וויל איר אייגן הארץ!... אויך מיך לאזט רויק לערנען: אייערע בריוועלעך מאכן מיר נאר יסורים און ברענגען אונדז קיינעם קיין נוצן נישט. נישט די טומאה האט מיך פארפירט, נישט דער יצר הרע האט מיך איבערגערעדט. איך וויים נישט

פון קיין אַנדער תּאווה, פון קיין אַנדער לעבן, ווי מיין הייסן ווילן תּורה און חכמה צו לערנען! „נפשי חשקה בתּורה“, לערנען בין איך געפּאָרן און נישט אַ הולטיי צו ווערן! איך בעט גאָט פאַר אייך, ליבער געטרייער פעטער, און אפילו ווען איר שילט מיך, בענטש איך אייך! איך קוש אייערע בריוועלעך, בעת איך קען אייערע הענט נישט קושן. אַלץ, וואָס איר וועט קעגן מיר טון, בין איך אייך פון פריער אָן מוחל, נאָר רחלען לאָזט רויק זיין!... מאַכט נישט טריב איר שטיל וואַסער, וואָס קוועלט קלאָר, ווי קרישטאָל אין איר ריינעם האַרץ. זאָל זי לעבן, ווי זי לעבט. לאָזט איר גליקליך זיין, ווי זי איז! צו גאָט האף איך, פעטער, עס וועט קומען די שעה, און איר וועט אייך פרייען און רימען מיט אייער פלימעניצע רחלען און אויך מיט מיר, אייער פלימעניק משה בן ראובן הכּהן. — איך גריס אייך, ליבע מומע! דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איר גלויבט מיר מער, ווי מיין טרייער פעטער. מומע טייערע, נישט לאָזט אייער ליבן מאַן פאַרשילטן אומזיסט זיין גוטן פרומען פלימעניק. איך שווער אייך, אַז איך בין נישט פאַרפירט אין שלעכטס, איך בין פרום, ווי גאָט האָט געבאָטן און איך פיר מיך, ווי איר ווינטשט מיר. זייט געטריי אייער ליבע פרומער פלימעניצע. נישטאָ קיין פרומער האַרץ, ווי רחלעס און ווען זי גלויבט מיר, מעגן מיר אַלע גלויבן. קענט איר אייך נאָר פאָרשטעלן, איך זאָל שוין אַזוי פאַרדאָרבן זיין אָפּצונארן אָט דעם ליבן מלאך, אָט די טייערע יידישע טאָכטער און איר זאָגן, אַז איך בין פרום, בעת מיין האַרץ פילט, אַז איך זאָג ליגן?... ניין, מומע, האָב איך פאַרדינט מען זאָל מיך פאַראַכטן פאַר מיינע מעשים, וואָלט רחלעס האַרץ מיך פריער פאַראַכט פאַר יעדן. ליבט זי מיך נאָך און גלויבט מיר מעג מיר יעדער גלויבן. זייט גוט צו איר, פאַרשטייט זי, זי איז אַ מלאך פון הימל, אונדזערע יידישע טעכטער צו לערנען, ווי יידישע טעכטער צו זיין! פאַרשטייט זי, מומע, מער בעט נישט אייער פלי־מעניק משהלע.

— אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי! — האָט ר׳ שלמה אָנגעהויבן, — איך האָב פאַר גאָט ברוך הוא מורא און איך קען אויך מיין ווייך האַרץ אין מיר נישט גובר זיין! דאָס האַרץ וויל אים זייער גלויבן, אבער איך האב מורא, צו רעדט עס נישט דער יצר הרע אין אים? זאג אדרבה, וואס זאגסטו מיט דיין ווייבערשען שכל?

— מה נומר ומה נדבר !—האט זי געענטפערט.—וואס קען אַ זינדיקע זאגן ? נאר זאגן זאג איך, אַז ווען אַן מיר וואלט זיך דאס נאר ווענדן, וואלט איך אים אַלע גלידער אויסקושן פאַר אַזאַ בריוועלע ! עס איז דאך צוקער יעדעס וואָרט ! לעבן זאל ער, מיין זיס קינד !

— אַ אשה בלייבט אַ אשה, מיט אַ גרינגער דעה ! זי איז שוין פאַרטיק ! ביי זיך איז שוין רעכט און זי קלערט גארנישט, אַז דער יצר הרע האָט א געשליפן צינגל... זי גלויבט אים שוין ! אָבער זאָג מיר, וואָס וועט זיין מיט רחלען ?

— וואָס פרעגסטו מיך, אַז איך בין אַ אשה ?—האָט זי מיט פאַריבל געענטפערט און אירע טרערן, וועלכע האָבן זיך אין אירע אויגן נעקליבן, בעתן לייענען דאָס בריוול, האָבן זיך איצט אַ גאָס געטון. — פינצטער איז דער אשה, ביטער איז איר ! זי מעג פאַרשטיין בעסער פאַר דעם מאַנסביל, זאָגט מען אַלץ : „זי איז אַ אשה". נאָר וואס פרעגסטו ביי א אשה ?

— דו ביזט אַ נאַר ! — האָט ער זיך אָנגעבייזערט. — איך פרעג, איך רעד, דאָס האַרץ איז פול. אַז די וואַנט וואָלט האָבן אַ מויל און מיר קענען ענטפערן, וואָלט איך ביי איר אויך פרעגן... מיר מיר איז ביטע״, זייער ביטער... קיינער פילט מיין ווייטיק נישט, די איי, נישט !

זי האָט אויף איר מאַן רחמנות געהאַט און אים אָנגעהייבן טרייסטן :

— הערלג מיר, — האָט זי געזאָגט, — טו גאָרנישט, טו משהלעס רצון, ער א״ז אַן ערלעך קינד, זאָג איך דיר ! געדענק מיינע רייד, אַ פרומער בחור, הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן ! עס איז דאָך צו דרוקן זיינע רייד ! אַי, ער איז אַביסל פאַרפירט ? לאָז אים, ער וועט צום שכל קומען ! מיט רחלען האָב קיין דאגה נישט. זי בליט, אַן עין הרע, אַז עס איז אַ נחת אויף איר אַ קוק צו טון ; דערהווייל האָט נאך חיילע קיין חופה נישט. איידער איר רחלע וועט אַ כלה ווערן, וועט זי בשום אופן קיין מאַן נישט נעמען. אַזוי נאַריש און שלעכט וועט זי נישט זיין. און אַז עס וועט קומען די צייט, אַז רחלע וועט דאַרפן ווערן אַ כלה, האסטו נאך אויך אַ שטיקל דעה, — דו פאַרגעסט גאר, אַז זי איז אַ יתומה און דו ביזט דער איינציקער פעטער אירער. אפשר וועט גאָט געבן, אין דער צייט וועט משהלע אַראָפקומען, וועט אוודאי זיין גוט,

אַלא, חלילה נישט, ווייסטו דאך, אַז עס לעבט נאך, ברוך השם, אונדזער רבי, זאָל געזונט זיין, און דו וועסט קענען אים פרעגן. פאָלג מיר, מיין מאַן, גענוג דיר אומזיסטע קאָפּדרייעניש; גענוג אויך משהל׳ מיט דיינע בריוועלעך, זיין לעבן צו פאַרביטערן. לאָז רחלען אויך צורו, אַבי זי דאַוונט און איז פרום און געזונט. וואס דאַגהסטו, וואס שפּעטער וועט זיין?

— הערסטו, דבורה, — האט ער צופרידן געענטפערט, — איך פאַרשטיי דיינע ווערטער אַ סך בעסער, ווי מיינע אייגענע. אוודאי הונדערט מאָל האָב איך צו מיר אַליין גערעדט אָט די אייגענע ווערטער... נאָר ווי זאָל איך דיר עס זאָגן, עפּעס האָבן זיי גאָר דעם טעם נישט געהאַט, וואָס זיי האָבן איצט, אַז איך הער זיי נאָר פון דיין מויל. דו האָסט אַ כח דיינע ווערטער מיר אין האַרץ אַריינצוברענגען, ומה׳ מענה לשון, פון גאָט איז דאָס אַזאַ כוח אין צונג, אַז דער אַנדערער זאָל פאַרשטיין, וואָס מען רעדט צו אים. איצט פאַרשטיי איך טאַקע, אַז די ביזט גערעכט, אויף נאמנות גערעכט! דו ביזט אַפילו אַ אשה און נישט אַלץ פאַרשטייסטו, וואָס מיר, מאַנסלייט, פאַרשטייען, נאָר אַז דו רעדסט, ביזטו אַ קלוגע אשה. גאָר אָן חנופה זאָג איך דיר: אַ קלוגע אשה... זאָלסטו מיר טאַקע געזונט און שטאַרק זיין! גלייכערהייט—זיך גאָרנישט מישן, לאָזן זיי טון, ווי עס געפעלט זיי.

פון דעם טאָג האָט ר׳ שלמה אויפגעהערט צו רעדן וועגן משהלען. חייעלע האָט אויך זיין נאָמען נישט דערמאָנט און עס האָט אויסגעוויזן, אַז רחלע אַליין האָט אים אויך פאַרגעסן, וואָרים זי איז געזונטער, שענער און מונטערער געוואָרן און קיינער האָט פון איר אַ זיפץ נישט געהערט.

— ווי מיינט איר, שוואָגער, — האָט אַ מאָל חייעלע ר׳ שלמהן געפרעגט, — ווי מיינט איר, האָט רחלע שוין פאַרגעסן משהלען? ווי מיר דאַכט, וויל זי שוין גאָר דעם נאָמען פון דעם מופקר נישט דערמאָנען.

— הער נאָר, וואָס איך וועל דיך בעטן, — האָט ער געענטפערט, — כל זמן מיר האָבן נאָך פון משהלען קיין שלעכטס נישט געזען, זאָלסטו אים מיט דעם נאָמען מופקר נישט אָנרופן! פאַרשטייסטו, זיין געשטאָרבענער פאָטער וועט עס דיר נישט מוחל זיין. מיר ווייסן נאָך נישט, טאָמער האָט ער שוין זיין האַרץ געבראָכן און

איז צוריק אַ פרומער ייד, וועט ער נאָך דיין איידעם זיין, חייעלע! דו ווייסט נאָך נישט, וואָס זכות אָבות באַטייט!...

— ווייס איך! וואָס איך ווינטש אים, מעג עס מיר אָנקומען!— האָט חיילע זיך פאַרענטפערט. — אז ער וואָלט מיין אייגן קינד געווען, וואָלט איך נישט געזאָגט דאָסזעלבע? זאָל ער נאָר פרום און גוט ווערן און קיין טרייערע מומען פאר מיר האָט ער נישט. נאָר איך וויל וויסן, צי האָט רחלע נאָך אַ זכר פון אים, צי נישט? איך מיין, אז זי וויל שוין גאָר זיין נאָמען נישט דערמאָנען. אַ נאר איז זי? זי ווייס גאָרנישט, וואָס א געשטודירטער איז?

— איך וועל עס געוואָר ווערן, — האָט ער פאַרשפּראָכן.

אין דעמזעלבן אָוונט האָט ער רחלען געפרעגט:

— זאָג מיר, מיין טייער קינד, דו גלויבסט נאָך אין דעם, וואָס דער נארישער חקרן משהלע האָט זיך איינגעשמועס, אַז אַ וואָלקן האָט נישט קיין מויל און טרינקט זיך אין ים נישט אָן?

— ניין פעטער, — האָט זי געענטפערט. — איך גלויב עס שוין נישט מער. מען גלויבט נאָר דאָס, וואָס מען פאַרשטייט נישט מיטן אייגענעם שכל, וואָס מען קען מיט די אייגענע אויגן נישט זען. אָבער דאָס, וואָס די אויגן זעען, וואָס דער שכל באגרייפט, גלויבט מען נישט, נאָר מען ווייס עס. באדארף איך גלויבן אין דעם, אז איצט איז נאכט? קיינער קען עס מיר נישט אָפּלייקענען! דאָס, וואָס משהלע האָט מיר דערקלערט פון וואָלקן און רעגן, איז מיר אזוי קלאָר, ווי איצט איז נאכט אויף דער וועלט. איך זע עס מיט מיינע אויגן, איך באַגרייף עס מיט מיין שכל, און צו וואָס ברויך איך נאָך גלויבן?

— פארוואָס זעען דאָס מיינע אויגן נישט? — האָט ער געפרעגט. — פארוואָס באגרייפט דאָס מיין שכל נישט?

— ווייל איר ווילט עס נישט זען, פעטער, ווייל איר פוילט אייך זיך צוצוקוקן און צו באַגרייפן... ווייל אייך איז ליב און לייכט נאָר צו גלויבן, אָן שום אונטערשיד, וואָס פאר אַ גלויבן, אַבי געגלויבט!

און אין גאָט גלויבסטו? — האָט ער מיט א האלבן כעס געפרעגט און, פאָרשנדיק, א קוק געטון אויף איר. — טאמער איז ביי דיר דאָס אויך רעכט, אז עס איז גאָר קיין גאָט נישטאָ?

— אין גאָטס גוטס, אין זיין אמת, חסד און רחמים גלויב איך,

ליבער פעטער, — האָט זי זאגפט, מיט שטראַלנדיקע אויגן אויסגע־רעדט. — צי איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט ברויך איך נישט צו גלויבן, דאָס איז מיר אזוי קלאָר און געוויס, ווי געוויס מיר איז, אז עס איז דאָ א וועלט און איך לעב אין איר! אים, דעם ליבן גאָט אונדזערן זע איך, פעטער, כאָטש איך זע אים נישט מיט מיינע אויגן, אָבער אים פילט און זעט מיין הארץ אין מיר! מיין שכל באוואונדערט אים אין זיינע גרויסע מעשים, אין דעם קלענסטן שטויב, ווי אין די גרויסע וועלטן, וואָס מיין אויג זעט!... אָן אים איז קיין וועלט נישטאָ, אָן אים זענען מיר קיינער נישטאָ! דער גרעסטער וואונדער איז מיר: ווי קען א מענטש, וואָס לייקנט נישט, אז עס איז דאָ א וועלט, הימל און ערד, שטערן און מיליאָנען ברואים, וואָס לייקנט זיך אליין נישט אָפּ, אז ער איז דאָ, אז ער לעבט און עקזיסטירט, ווי קען אזא מענטש נאָכדעם אין גאָט לייקענען?... גאָט איז אלע מאָל געווען. דען פאר מיר איז אויך די וועלט א וועלט געווען. גאָט איז איצט, וואָרים אָן אים איז וועלט און לעבן נישט מעגלעך. גאָט וועט אויך אייביק זיין, דען נאָך אונדז וועלט נאָך א וועלט בלייבן, ווי זי איז. דאס אלץ, פעטער, איז מיר אזוי געוויס, אז קיין געוויסערע זאך איז גאר אין דער וועלט נישטא. נאר אין זיין חסד און משפט מוז איך גלויבן, גלויבן, ווי א פרומע יידישע טאכטער איז צו גלויבן געבאטן, אבער אויך מיט פארשטאנד און מיט הבטחה־גלויבן. איך בין נישט אזוי קלוג אומעטום און אלע מאל, צו באגרייפן דאס דאזיקן חסד און משפט. איך זע אפט: עס טוען זיך אין דער וועלט מעשים, וואס מיט מיין שכל קען איך זיי נישט פארשטיין, פארוואס זיי טוען זיך אזוי? איך האָב, למשל, מיין גוטן און געטרייען פאָטער פאַרלוירן אָן אַ צייט, איך ווייס נישט, דורך וועמענס שולד און זינד. איך זע פרלעכע לייט, אפילו יונגע אומשולדיקע קינדער ווערן געפּלאגט מיט נויט, הונגער און קעלט. איך זע אומשולדיקע ווערן איבער אַ פאלשן חשד געפייניקט און פארפאלגט. איך זע, ענדלעך, דאס ארעמע יידישע פאלק און שוין צוויי טויזנט יאָר, אז עס האט נישט קיין רו, און שנאה און נקמה פלאגן אונדז אומשולדיק, — ווי צוגייט מיר דאָס הארץ לייענענדיק די ענוים קשים, וואס אונדזערע יידישע עלטערן האבן אויסגעליטן פאר זייער האַלטן זיך פעסט אָן זייער ליבן גאָט, אָן זייער ריינער אמונה! — און אַז איך זע דאס אלץ,

און איך טראכט מיט אַ שווער געמיט איבער די אַלע אומרעכטן, וואס טוען זיך אין דער וועלט–רייסן זיך, נישט ווילנדיק, ארויס די ווערטער פון מיין ברוסט: „גאָט, ווי קענסטו עס צוזען און שווייגן? גאָט, ווו איז דיין חסד, ווו איז דיין משפט?" דאַן, ליבער פעטער, קומט די הייליקע אמונה, ווי אַ מוטער אַ טרייע צו איר קינד און טרייסט מיך און באַרויקט מיין באקלעמט הארץ. ליב און געלאסן רעדט זי צו מיר: „גלויב מיר" זאגט זי, „גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט! דער זינדיקער מענטש קען גאָטס חכמה און חסד אין אלץ נישט פארשטיין. עס וועט קומען א צייט, די וועסט צו אים קומען, וועלן אלע דיינע שאלות און קשיות פאר־ענטפערט ווערן. נאר ביז דאנען מעגסטו דעם רייכן און קלוגן מייסטער פארטרויען אלץ, וואס דו האסט און אלץ, וואס דו ביזט... קוק זיך צו, נארישער מענטש", זאגט צו מיר די חכמה, „קוק זיך צו צו דער זון, ווי זי שיינט און ווארעמט אלץ, וואס עס לעבט און וואס עס וואקסט. זע דארט די וואלקן, וועלכע באפייכטן טויזנ־טער מיילן פעלדער און וועלדער, עס זאל וואקסן ברויט און גראז פאר מענטשן און בהמות... באטראכט אויך די ווינטן, וואס בלאזן אָן און אויפהער די לופט אונדזערע אפצעפרישן, זאטקייט און לעבן אין דער וועלט צו פארשפרייטן... צו וואס האט דער מייסטער דאס אלץ אזוי קלוג באשאפן? איז דען מעגלעך, אז דער, וואס האט אזא אייביקע גוטע ארדענונג געלאזט הערשן אין זיין וועלט, זאל קוקן ווי אומשולד ווערט באפלעקט, ווי שלעכטס פארדארבט גוטס און אים זאל נישט קימערן א דין און א משפט צו טון?... ניין, זיין דין און זיין משפט זעגען דא, נאר מיר, מענטשן, האבן צו ווייניק שכל, מיר לעבן צו ווייניק יארן, צו זען און צו באגרייפן זיין דין און משפט"...

— אזוי, ליבער פעטער, רעדט צו מיר די הייליקע אמונה צוזאמען מיט דער חכמה, און איך ליב זי ווי א קינד, וואס ליבט זיין טרייע קלוגע מוטער. איך לייג מיין קראנקן אומבארירטן קאפ אויף איר שויס. זי דריקט מיך טריי צו צו איר ברוסט און זינגט מיר אירע ליבע זיסע לידעלעך... לידעלעך פון יענער וועלט, ווו עס איז אייביק גוט, ווו אומרעכט ווערט שוין נישט געטון... אָ, דאן דערשיינען מיר אלע פיין און ליידן נאר אויף א ווילע, אויף נישט לאנג. באלד, האף איך דאן, וועלן אלע געהיילט ווערן, באלד

וועט אויך מיר אַלץ פאַרענטפערט ווערן און מיר וועט שוין גוט זיין! אך, פעטער, נישטא נאך אזא טרייע מוטער, ווי די מוטער אמונה! גאט האט זי פאַר זיינע מענטשלעכע קינדער באשאַפן, ווי אַלע גוטע זאַכן, וואס ער האט אין זיין וועלט באשאַפן!...

רחלע האט די גאַנצע צייט גערעדט מיט באַגייסטערונג, אירע אויגן האבן פון א הייליקן אינערלעכן פייער געשטראַלט, איר שטימע איז טיף פון איר הארצן ארויס און האט געקלונגען ריין, ווי זילבער; דער פעטער האט זי פאַרוואונדערט אנגעקוקט און איר געלאָזט רעדן. אים איז א פאַרגעניגן געווען אַזוינס פון איר צו הערן.

— זאָג מיר, מיין טאַכטער, — האט ער ליב און טריי געפרעגט, — זענען דאס דיינע אייגענע רייד, אָדער דו רעדסט דאס נאָר איבער, וואס משהלע האט דיר געזאָגט אָדער געשריבן?

— איך לייקן נישט, ליבער פעטער, — האט זי געענטפערט, — משהלע האט די דאָזיקע ווערטער מיט מיר גערעדט און אין זיינע בריוועלעך שרייבט ער זיי צו מיר. דער ליבער פאָטער איז געשטאָרבן, האט ער מיט אַט דער דערקלערונג מיך מער געטרייסט, ווי אַלע אַנדערע; איך לייען אָבער זיינע בריוועלעך אַזוי גערן און אַזוי פיל מאָל, ביז די ווערטער זיינע ווערן מיר אין האַרצן איינגעוואַקסן, ביז איך פאַרשטיי זיי אַזוי גוט, אַז איך פאַרגעס שוין, אַז ער האָט זיי צו מיר געשריבן. און אַז איך רעד זיי איבער, זענען זיי שוין נישט זיינע, נאָר מיינע אייגענע רייד. נאָר וואָס איז דער אונטערשיד, פון וועמען די ווערטער שטאַמען? אַבי זיי זענען גוטע און פרומע ווערטער, אַבי מיין האַרץ פילט זייער גוטס! האָט נישט משה, דער הייליקער נביא אונדזערער, די תורה מיט זיין מויל אין גאָטס נאָמען פאָרגעלייגט? קוים אָבער פאַרשטייען מיר זי, ווערט זי אונדזער תורה. שרייבט דען דער טייטש-חומש אַפילו נישט אַזוי?

—אי, מיין טאַכטער! — הערט דער פעטער אָפּגעקרעכצט, — דאס איז א גרויסער, אַ גאַנץ גרויסער חילוק!... משה רבינו האט די הייליקע תורה מקבל געווען פון גאט אליין. אונדזערע עלטערן און אונדזערע גרויסע חכמים האבן זי מקבל געווען פון אים. און מיר, אַז מיר זענען זי מקבל פון זיי, מעגן מיר זיי גלויבן; משהלע אָבער האט די הייליקע תורה פאַרלאָזן, נייע תורות און נייע חכמות לערנט ער איצט פון בערלינער ספרים, פון יידן נישט קיין גרויסע לייט... דערפאַר איז א סכּנה א גרויסע אים צו גלויבן... דבש וחלב תחת לשונו... דאכט

יך מילך און האָניק זענען זיינע ווערטער, אָבער שפּעטער ערשט ■ילט מען, אַז זיי זענען גיפט, ווערמוט סם המות! משהלע זאָגט: „ער ווייס אַלץ!” שוטה שבעולם, בהמה בצורת אדם, וואָס ווייסטו? אַ וואָלקן איז כּיי דיר אין דיין פּוסטן מוח! מיין ליבע טאָכטער, מיין טייער קינד, גלויב אים נישט! נישט לאָז זיך פאַרפירן פון אים, זיי פרום אָן חקירות, גלויב אין גאָט, אין זיין דין און משפט אָן קונצן; וואָס דאַרף אַ יידישע טאָכטער מער וויסן, ווי אירע דריי מצוות? פאָלג מיר און ווייס, אַז מיר ווייסן גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט ווייסן מיר! אברהם אבינו איז אַ וודאי געווען אַ פרומער ייד, האָט ער אויך געזאָגט: „ואנכי עפר ואפר”. ערד, אַש אַ ביסעלע זענען מיר, זינדיקע מענטשן, גאָרנישט זענען מיר, קנעכט לאבודת הבורא ברוך הוא. איך בין עלטער פאַר דיר, קליגער, אויף נאמנות קליגער און געלערנטער אויך פאַר דיר, און דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהייבן שווינדלען פון דיינע חקירות, פון דיינע רייד! איך האָב מורא, מיין קינד, דאָס וועט דיך צו גוטס נישט פירן, הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן!

ביי די רייד איז ער צוגעגאַנגען צום שאַנק, האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל שפּירט, אַ ברכה געמאַכט און האָט אויסגעטרונקען.

— חלשות, אויף נאמנות, איז מיר אונטערגעגאַנגען הערנדיק דיינע רייד, — האט ער ווייטער געזאגט. — פּע, גלייכער טראַכט מען גארנישט; אט אַזוי טו איך אַלע מאל, ווען מיר ווערט דער קאפּ צעמישט פון חקירות, פון ספיקות — אַ טרונק בראנפן און נישט געקלערט! דו, מיין טאכטער, ביסט דערצו נישט באשאפן געווארן. דעריבער דאַרפסטו אין א ליידיקער שעה לייענען דעם טייטש-חומש, זאגן עטלעכע קאפּיטלעך תהלים. דו מעגסט נישט וויסן אַלע כּוונות און סודות פונם תהלים, אַבי דער רבונו של עולם פאַרשטייט און וועט דיר פאַר אַ מצווה פאַררעכענען; רחמנא ליבא בעי, גאט ברויך נאר דאס גוטע הארץ. אבי מען דאוונט, כאטש נישט פארשטאנען. נישט אלע לומדישע יידן אפילו פארשטייען די סודות און כּוונות פון תהלים און פון דאוונען. זאלסטו נאר אזויפיל וועלן לייענען, וויפיל טייערע מוסר-ספרים עס זענען פאַר אַ יידישע טאָכטער דאָ צו לייענען! נאָר דערין איז דאָך דער חסרון. משהלעס בריוועלעך וועסטו לייענען הונדערט מאָל און דעם שבט מוסר וועסטו איינמאָל אויך נישט וועלן דורכלייענען. ווייסטו, פארוואָס? ווייל דעם שבט

האָט געמאכט אַ ייד אַ צדיק און וואָס טויג אַן אויפגעקלערטער מאַמזעלנטע אַ ייד אַ צדיק? אַ געשטודירטער איז היינט אַ לייט! אי, דער געשטודירטער איז מער קיין ייד נישט? דאָס איז נישט דיין דאגה! פאָלג זשע מיר, מיין ליב קינד, ווארף אוועק אלע קלערעכצן און חקירות, נעם זיך צו משה רבינוס חומשל און פארגעס אָן דעם שוטהס בריוועלעך!

— אָבער, פעטער ליבער,—האָט דאָס מיידל אויסגערעדט טיף באַטריבט, — אין זינע בריוועלעך הייסט אויך משהלע נאָר משה רבינוס חומשל און דוד המלכס תהלימל האלטן אין האנט. ווי קענט איר זאָגן, אז זיינע בריוועלעך זענען סם המות? זאגט ער דען אנדערש, ווי איר?

— גארנישט! גלאט אזוי! — האט דער פעטער געענטפערט. — איך האב פיינט חקירות. זיי פרום גלאט אזוי, זאג איך דיר, וועל איך דיך ליב האבן, וועסטו מיין טייערע טאָכטער זיין! פון חקירות קען קיין גוטס נישט ארויס!...

נאָך א לאנגע צייט האט זיך רחלעס באוועגט הארץ נישט געקענט בארויקן. זי האט נאך מיט דעם פעטער געוואלט רעדן, אים דערקלערן און אויפווייזן, ווי גערעכט זי איז, ווי פארנארט מען איז, אז מען האט מורא, טאמער זענען דאס זידיקע חקירות. אָבער ר׳ שלמה איז שוין לאנג אין זיין היים געווען און זי איז דא מיט אירע געדאנקען אליין געבליבן. נישטא פאר וועמען און מיט וועמען צו רעדן!״ האט זי מיט אנגסט פאר זיך אויסגערעדט. „מיין מוטער וויל גארנישט הערן, פאר איר קען איך זיך נישט אויסרעדן אפילו. ווען זי זאל וועלן; מיינע ליבע ברידערלעך, וואָס הערן מיך גערן צו, זענען נאך צו יונג. דער איינציקער קלוגער געטרייער פעטער, וואס וואלט יאָ פארשטיין און קענען מיך גליקלעך מאכן, מיט מיר פרייד און לייד טיילן, וויל קיין געדאנק און קיין תירוץ טיפער ווי אין זיין חסידיש גלעזל משקה נישט זוכן... דארט, ביים דעק גלעזל, געפינט ער א תיו׳וץ אויף אלץ. און מיין ליבער פאָטער אך, ער ליגט שוין אין דער ערד... נאָר דו, משהלע, ביזט נאך מיט מיר, נאָר דו פארשטייסט מיך און איך פארשטיי דיך, ליבער פריינט! צו דיר ציט מיין הארץ, נישטא קיין ווייטקייט צווישן אונדז. צו דיר לויף איך זיך דערקוויקן, ווען מיר ווערט אין מיין אייגענער שטוב ענג. צו דיר קום איך זיך אויסרעדן, ווען אין

פיל מיך עלנט און פרעמד צווישן אייגענע!... אָ, ווי גוט איז גאָט, וואָס האָט מיר דיך, מיין פריינט, צוגעשיקט, ווען אַלץ, אַלץ איז פון מיר אָפּגענומען געוואָרן מיט דעם ליבן פאָטערס טויט!"

מיט די ווערטער האָט זי פון איר שרייב-טישל אַרויסגענומען משהלעס לעצט בריוועלע און האָט געלייענט:

„מיין ליבע זיסע רחלע.

„מיין שיינער גוטער מלאך", דאַרף איך זאָגן, דען ווי אַ מלאך שיין און גוט זע איך דיך אין דיינע ריינע שיינע געדאַנקען פון דיינע בריוועלעך. אָבער איך זאָג עס דיר נישט, ווייל, ווי איך פאַרשטיי די באַדייטונג פון דעם וואָרט „מלאך", איז דער נאָמען צו ווייניק דיר אויסצודריקן, ווי מיין האַרץ פאַרערט און ליבט דיך! אַ מלאך איז נאָר אזא מין וואָרט, וואס באַדייט גאטס געווויסן רצון, ער זאָל געשען ווערן. ער איז נישט, וואס מיר קענען אונדז פאַרשטעלן אין אַ באַשעפעניש, וואס לעבט, וואס פילט, וואס טוט, וואס אים געפעלט: ער איז אַן אַבריה אַנדערש צו זיין, ווי ער איז; מיר ליבן און פאַרערן אים און זיין הייליקן נאמען, ווייל ער איז גאטס אומבאַדינגטער רצון, וועלכן מיר ערן און ליבן, ווי גאט דעם גוטן אליין. דער מענטש אבער, ווי קליין און נידעריק ער איז אויך, ווי ווייניק, זיין צייט און מאכט זענען אויף דער וועלט, שטייט ער דאָך העכער און איז ליבער דעם ליבן גאט, ווי דער העכסטער מלאך. אים, דעם מענטשן, אונדז, הייסט עס, זיסע רחלע, האט גאָט מער באַשאַנקען ווי זיינע מלאכים. אונדז האט ער אַ פרייען גייסט און ווילן געגעבן, פריי צו זיין און פריי צו טון, וואס אונדז געפעלט. מיר קענען גוט זיין און מיר קענען שלעכט זיין; יאָ, מיר קענען זיין ווי מיר ווילן, נישט אזוי ווי מיר זענען באַשאַפן געוואָרן. דעריבער, רחלע, איז דער גוטער פרומער מענטש העכער פון אַ מלאך, און דער שלעכטער פאַרדאָרבענער — ערגער פון אַ שד! און טאַקע דעריבער רוף איך דיך נאָר: „מיין ליבע זיסע רחלע!..."

פרעג נישט, וואָס דאַרף איך דיר אַ טויזנטן מאָל דערציילן, ווי ליב, ווי הייליק דו ביזט מיר? צו וואָס איבעריקע צייט, מי און פאַפיר פאַרברענגען אויף פוסטע ווערטער? דאָס קען נאָר יענער פרעגן, וואָס זיין האַרץ איז ווי דער אייביקער אייז, פון דער שטראַלענדיקער זון נישט באַלויכטן און נישט דערוואַרעמט געוואָרן. דער, וואָס ליבט אַזוי גליקלעך אַזא שיינעם ליבן אידעאַל, ווי איך, ווייס,

אַז אָט די ווערטער האָבן אַ געטלעכן כּוח אין זיך — אַלע ליידן און פּיין צו פאַרטראָגן און אַפּילו אין עלנט גליקלעך צו זיין! ווי פינצטער און קאַלט וואָלט די וועלט געווען אָן אַ זון אין הימל! גאָט האָט דאָס גרויסע ליכט אין הימל און די הייליקע ליבע אין מענטשנס האַרצן באַשאַפן! ווי די זון אין דער גאַנצער נאַטור, אַזוי שפּילט די ליבע די גרעסטע ראָלע אין מענטשנס לעבן. דעריבער, רחלע, רעדן די ראָמאַנען פון ליבע. דער ראָמאַן איז אַ באַשרייבונג פון מענטשלעכן לעבן, און צום לעבן און שטרעבן איז די ליבע די ערשטע פעדער, וואָס באַוועגט די אַלע איבעריקע רעדער פון דעם לעבנס־מעכאַניזם... דעריבער, רחלע, געפינסטו ליבע אפילו אין יענע ערנסטע באַלערנדיקע ראָמאַנען, וועלכע איך ראַט דיר צו לעזן. דאָס לעבן קען אָן זיין הויפּטאורזאַך נישט פאָרגעשטעלט ווערן... איך מוז פון מיין ליבע רעדן און מיין ליבע זיסע רחלע דיך רופן... פאַרציי, מיין גוטע, וואָס איך שרייב דיר היינט נישט מער ווי דאס — נעם עס נישט אָן פאַר אַ בריוו, נאָר פאַר אַ גליקלעכע אָפּרו־שעה נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט. איך אַרבעט פיל און מוז מיר דעם ערקוויקנדיקן תּענוג פאַרגינען. זיי מיר געזונט, עס גריסט דיך און קושט דיך מיט דער גאַנצער ליבע דיין משהלע".

חלק ג.

א.

דער ווינטער איז אריבער, שניי אוז אייז זענען צעגאנגען און צערונען געווארן, ליכטיקער האט די זון אנגעהייבען אראפצוקוקן אויף קליינישצער איינוווינער, וועלכע האבן שוין לאנג געגארט און געווארט אויף איר, ווי אויף משיחן. אירע ווארעמע שטראלן האבן אנגעווארעמט א ביסל דאס פארקילטע בלוט פון קליינישצער יידן און מען האט לעבעדיקע מענטשן אנגעהייבן זען, נישט פארוויקלטע, פארפרוירענע נשמות, אן בלוט אן לעבן, ווי אין שטרוי איינגעוויקלטע ביימער — אן בלעטער און אן זאפט. שימעלע מלמדס ווייב דאנקט שוין אויך גאט פאר די ווארעמע טעג: זי דארף שוין נישט ברעכן איר ארעמן קאפ, ווו נעמט מען אויף א וועגל האלץ, די פארפרוירענע נשמהלעך פון אירע קליינע קינדערלעך צו דערווארעמען; ביינאכט איז נאך אפילו קאלטלעך א ביסל צו שלאפן אין איר נישט געהייצטן חדר, אבער זי דעקט זיי איין מיט איר שבתדיקן מלבוש. זי ווארעמט אן זייערע פיסעלעך מיט אירע מאגערע אויסגעטריקנטע הענט, ביז זיי ווערן אנטשלאפן, און אז זיי שלאפן, פילן זיי נישט, אז עס קאלט און וויינען נישט און שרייען נישט, און זייערע ציינדעלעך טרייסלען זיך נישט אין מויל, ווי עס פלעגט זייער אפט טרעפן אין די טרויעריקע קאלטע ווינטער־טעג. איצט, אז זיי שטייען אויף, שיקט זי זיי אויפן גאס ארויס, זיי זאלן זיך אנווארעמען אונטער דער ליכטיקער ווארעמער זון, און קיינער בעט נישט דערפאר קיין קאפעקע געצאלט... און זי דאנקט דעם רבונו של עולם פאר זיין חסד, פאר זיין ווארעמקייט און פאר דעם, וואס ער האט איר צער צוגעזען און האט די וועלט לכתחילה אזוי באשאפן, אז דער ארעמאן זאל אויך א שטיקל תקומה האבן און געניסן די ווארעמקייט פון זיין ליכטיקער זון גאר אן קאפדרייעניש.

אויך שימעלע האט זיינע אויגן געעפנט: גרויסע לאנגע טעג און ער דארף שוין נישט קנעלן ביז האלבע נאכט, נישט בלענדן זיינע טונקעלע אויגן, נעבעך, פאר אַ צוויי-גראָשענעם ליכטל, וואָס די תּלמידים זיינע פלעגן אַ גאנץ ווינטער ברענגען אין חדר אריין. אָבער נאָך מער צעפרידן איז ער געווען מיט דעם ראש חדש ניסן, וועלכער איז פון אייביק אָן אַ מאניפעסט פאר דעם רבין, אזוי ווי פאר זיינע תּלמידים. נאך האַלבן טאָג איז ער פראנק און פריי, מעג גיין זיך אין בית-המדרש אריין, דארט דאַוונען מנחה מיטן מנין, דאָרט זיצן נאך מעריב, וויפל דאָס הארץ גלוסט, און אין בית-המדרש איז אַזוי גוט, אזוי אנגענעם, ווי אין אַ גן עדן!... דאָ דערציילט מען וואס עס טוט זיך בחדרי מלכים, דא ווערט גערעדט און ווערן באַשלאסן די גרויסע מלחמות פון פּרס און מדי, פון דעם תּוגר, וואס מוז כאפּן אַ קלאפּ פון דעם מלכות פון רומא, ביז עס וועלן זיך אָנהייבן די גרויסע מלחמות פון גוג ומגוג און משיח וועט קומען און עס וועט ווערן אַ וועלט אויף דער וועלט! דא, אין בית-המדרש, ווערט אויך צווישן עלטערע חסידים דערציילט און געשמועסט פון העכערע ענינים: פון דעם שר של עשו און פון דעם שר של ישראל, פון דעם שר של ים און פון דעם שר של שלג, ווי זיי זענען ביי אים, זאל לעבן, אין האנט, און אז ער, זאל לעבן, זאל נאָר חשק האבן, קען ער דורך זיי מאכן וואס ער וויל. נאר ער, זאָל לעבן, טוט נאר וואס ער פארשטייט און מען טאר קיין קשיות נישט פרעגן: פארוואָס זענען נאך יידן אין גלות און ער וויל נאָך נישט, אַז משיח זאָל שוין קומען? אָט די אלע געשיכטן, כאטש מען האָט שוין זיי הונדערטער מאל געהערט, פונדעסטוועגן דערציילט מען זיי און מען הערט זיי מיט דער אייגענער פרישקייט, ווי צום ערשטן מאָל. אין דעם זענען די חסידים, ווי די קליינע קינדער: קינדער ליבן אויך צו הערן פון דאס ביי די אלטע מעשהלעך, וועלכע זיי האבן שוין הונדערטער מאל פון זייער ביאנקע געהערט דערציילנדיק.

נאר נאך מער הנאה, ווי פון די פּאליטיקעס מיט די ספורי מעשיות, האט ר׳ שימעלע איצט דאָ אין בית-המדרש פון דעם ביסל משקה מיט אייער-קיכלעך און אַמאל קעז און אייער צום פאַרבייסן, וואס דא, אין בית-המדרש, מאכט זיך איצט כמעט יעדן טאג.

זונטיק איז געקומען שמואל באלאוויצער און האט געבראכט זיין פסחדיק שמאלץ צו פארקויפן דאָ אין קליניץ. דער רב

האָט אים אַרויסגעגעבן אַ כתב ההכשר און געכאַפּט ביי אים דריי קערבלעך. יאָסל דער סופר האט אים אויפגעשריבן כתיבהטע צעטלעך און אויך געכאפּט א האלב קערבל. אז ער איז צו מעריב געקומען דאַווענען אין בית-המדרש, האט ער א צעטל צוגעקלעפּט צום סלופּ פון דער בימה און דערפאר געשטעלט א שטאָף שפּירט און האט געגעבן פארבייסן טאקע די גריבן פון דעם אייגענעם שמאלץ. די משקה האט שימעלען מחיה געווען, און אויף די גריבן האט ער געזאגט: „הפלא ופלא!"...

מאנטיק איז געקומען ר' בערל דער מילנער און האט באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אז ער, זאל לעבן, האט ביי אים גענומען א זעקל שמורה און האט דערווייל געמאכט א קליין שמחהלע פאר חסידים, מרבה רעים צו זיין, וואס זאָלן האלטן זיין זייט און צורעדן קויפן קמח פסח ביי אים און נישט ביי וואלף חיימס, וואס פאַרקויפט, אמת, מיט אַ גילדן וועלוועלער אויפן פוד, אבער דערפאַר נישט אזוי בהכשר, ווי זיינע. ר' בערל האָט שמעונען צוגעזאָגט צו געבן מעל אויף מצה, ער זאָל זיין מעל פאַרלויבן ביי זיינע בעלי-בתים חשובים און דערציילן, אז ער זאל, לעבן, האָט ביי אים אויך „גענומען מעל אויף מצה און אויף שמורה. ר' שימעלע איז אויף מארגן דאס גאַנצע שטעטל אַרומגעלאָפן און האָט ר' בערלס מעל פאַרלויבט גאָר הפלאדיק. ר' בערל האָט זיינע מעל פאַרקויפט און שימעלע האט געהאט מעל אויף מצה, גאַנצע צוויי פוד, אָן קאָפּדרייעניש.

אַזוי האָט שמעון געקליבן נחת פון דעם ראש חדש ניסן און איז גערעכט געווען; נאָר איצט איז נאָר דריי טעג צו יום טוב. אויף להכעיס, איז היינט צו מעריב קיין משקה נישט געווען. דאָס ווייב זיינס האָט נאָך פאַר מנחה דערמאָנט, אַז מיט מצה אַליין קען זי נאָך דעם יום-טוב אין שטוב נישט אַריינברענגען. וואָס טוט מען, ווי גייט מען אַהיים?... ער האָט זיך געעפנט דעם רבס שולחן ערוך, אַריינגעקוקט אין די די דינים פון הלכות פּסח, נאָר די ווערטער זענען אים אין קאָפּ נישט געקראָכן.

„געוואַלד", האָט ער געקלערט, „ווו נעמט מען נאָך אַ דריי פיר קאַרבן? עפּעס האָט זי מיר היינט אָנגערעכנט אַ צעטל, בנאמנות, אויף אַ קאַרבן דריי, און איך? כאָטש דערהאַרגע מיך! אַ קאָפּעקע אַפילו ביי מיין נשמה האָב איך נישט און האָב טאַקע ממש גאָר נישט ווו צו נעמען! נאָך היינט ליגט נאָך מיין בגד עליון ביי

ליבקע דעם מלוה, ימח שמו, פאַרישבעט אין אַרך וחצי, לעבן זאָל ער אַזוי, צו ער וועט מיר וועלן געטרויען ביז איבער פסח. ביטער, אויף נאמנות, צו זיין אַ קבצן! ביטער, זאָג איך, האַ? וואַרט אָקאָרשט, מען טאָר נישט זינדיקן, מען מוז זיך פאַרלאָזן אויף דעם הזן את העולם בחסד, אויף דעם בורא יחיד, וואָס שפייזט די וועלט מיט חסד, און באמת, פאַרוואָס זיך נישט פאַרלאָזן אויף אים? אויף מצה האָב איך געהאַט אַן אָנהייב? האָט ער דאָך צו־געשיקט, וועט ער מסתמא ווייטער צושיקן, אויסצופירן דעם פסח, וואָס ער האָט יידן געבאָטן. אַי, וואָס? מיין פלונית שרייט: פון מאָרגן בסך הכל נאָר צוויי טעג צו יום-טוב און איך האָב נאָך אַ קאָ־פיקע נישט? לאָז זי שרייען. אַ נאַר בין איך, וואָס איך הער מיך גאָר צו אָט זיץ איך אין בית־המדרש, טאָמער וועט זיך דא עפּעס מאַכן, אַז נישט וועל איך אַריינגיין צו חייעלען, דאָרט כאַפּן אַ גלאָז טיי, און אַז רחלע וועט זיין, וועט זי מיר נישט זשאַ־לעוועז אַ טרונק בראנפן אויך; און פאַרוואס טאקע חייעלען נישט געבן אנצוהערניש, אז מיר פעלט נאך אויף יום-טוב דאס און יענץ? זי וועט פארשטיין מיין כוונה און וועט אפשר מיר לייען אַ פּאר קערבלעך. ער, עליו השלום, וואלט אַ וואָרט נישט איבערגערעדט, נאר זי איז נישט ער. איך וועל איר ווייזן דאס בריוועלע, וואס ר׳ פנחסל דעם רבינס שרייבט מיר, איך זאל זוכן פאר אים אַ שידוך. אפשר וועט גאט מיר צושיקן און איך וועל כאפן עטלעכע קארבן שדכנות, וועל איך איר אוועקגעבן, אויף נאמנות, אוועקגעבן! פשוט, עס זאל צוניץ קומען פון נאך אמאל וועגן. ווו געפינט מען אבער פאר אים א אשה חשובה, וואס זאל באמת ראויה זיין צו זיין ר׳ פנחסלס ווייב? און טאמער וואלט איך פרווון א רעד טון מיט חייעלען? הא? א טאפּ אין וואגן מאכט גארנישט קאליע. איך וועל איר זאגן, אז איך רעד זי מיט ר׳ פנחסלען... אי, וואס? ר׳ פנחסל וועט נישט וועלן? נאך אמאל, ר׳ פנחסל וועט נישט וועלן? האט ער א ברירה נישט צו וועלן, זאל ער נישט וועלן, אבי חייעלע וועט וועלן און וועלן וועט זי דאך בוודאי, ווארים ווו וועט זי נעמען א גרעסערן לייט פאר ר׳ פנחסלען און דערצו א בעל מטופל מיט אן אייגענעם גוט און מיט שיינע עטלעכע טויזנט קערבלעך, ווי לייט זאגן? וועט זי זיך טאקע אנכאפּן, וועט זי מיר שוין לייען עטלעכע קארבן, נמצא. ווערט געפונען: וועל איך

שוין האָבן מײַן פּסח אויסצופירן, הײַנט וואָס דאגה איך? זאָל דאגהן יענער, וואָס האָט נישט קײן בטחון אין דעם הזן את העולם. זאָל דאגהן אַ פערד, וואָס האָט אַ גרויסן קאָפּ און אין דעם קאָפּ אַ ברעקל מוח נישט. אָבער איך, שמעון, וואָס איך האָב אויף מײַנע פּלײצעס אַ קאָפּ דווקא אַ קלײנעם, אָבער אַ מוח אין אים אַ גרויסן, דאַרף איך נאָר אַ קנײטש טון דעם שטערן און עס ווערט אַ קערבל. און אַז עס איז דאָ אַ קערבל, וועט שוין ווערן אַ מעסטל קאַרטאָפּ־לעס, אַ ביסל בוריקעס, אַ נײַע פּסחדיקע כּלי אויף וואַסער און ווײַן אויף כּוסות; אַ כּלל, עס וועט שוין ווערן פּסח, ווי עס איז. און טאַקע פאַרוואָס נישט אַ שמועס טון וועגן אַ חתן פאַר רחלען? אַ שײן מײדל איז זי, ווײלגעלערנט און קלוג אויך, געלט אויף נדן האָט איר טאַטע, עליו השלום, איר מסתּמא גענוג געלאָזן, הלוואַי האָב איך אַ צענט־חלק, וואָלט איך שוין נישט דאגהן מיט מײַנע בנות. איך וואָלט זײ בײדן אין אײן יאָר פּטרן. בוודאי מען מוז אַ זוך טון. אַז מען זוכט, געפינט מען. נמצא, וועל איך זאָגן, איך גיב זײ בײדן חתנים, אותה ואת בתה, חײעלען און רחלען, כאָטש עס הײבט זיך גאָרנישט אָן... אָבער עס וועט מיר שוין זײַן אַ שטיקל ישועה אויסצופירן דעם פּסח גאָר קונציק!"

בײ אַזעלכע געדאַנקען האָט ער פאַרמאַכט דעם שולחן ערוך, און מען קען נישט זאָגן, אַז ער האָט די הלכות פּסח נישט גוט אויסגעלערנט.

אָנגעלאָדן מיט דער האָפענונג און אַנגעוואָפּנט מיט זײַנע פּלענער, איז ער פון בית־המדרש גלײַך צו חײעלען אוועק.

חײעלע איז זיך געזעסן גאַנץ געמיטלעך בײַם טיש אין גרויסן עס־צימער, וווּ רחלע האָט איצט פון סאַמאָוואַר טײ אַנגעגאָסן. אין שטוב איז אַפילו אַ ביסל אַן אומאָרדענונג געווען, ווי ערב פּסח, אָבער דאָס האָט זיך נישט אַנגעזען אויף דער ווירטין, וועלכע איז איצט רויק געזעסן. אַנשטאָט אירע בריליאַנטענע אוירינגלעך און אַנדערע צירונג, וואָס זי פּלעגט שטענדיק טראָגן בעת איר מאַן האָט גע־לעבט — האָט זי איצט אויך געהאַט אויף זיך גענוג אַזעלכע פּוץ־זאַכן, וואָס האָבן נישט שטאַרק עדות געזאָגט, אַז די, וואָס טראָגט זײ, געפינט זיך אין אַ שווערן טרויער נאָך איר מאַן, וועלכן זי האָט געליבט און נישט לאַנג פאַרלאָזן; איר פרײלעך פּנים, איר אומבאַ־זאָרגט לאַכן, בעת זי האָט דאָ בײַם טיש מיט אירע קלײנע קינדער

זיך אונטערגעהאלטן — האבן איך נישט געוואלד געשריגן: „אזוי זעט אויס און אזוי וויינט אַ ביטערע פינצטערע אלמנה, אַ מאמע, נעבעך, פון פינף יתומים!“...

ר׳ שמעון איז אריינגעקומען, און אפגייענדיק עטלעכע טריט פון טיר נענטער צום טיש, איז ער שטיין געבליבן און זייער מיט כבוד געזאגט: „א גוטן אוונט!“

— גוט יאר! — האט חייעלע, געענטפערט. — דער רבי, דאכט זיך? — האט זי צוגעבויגט זיך איינקוקנדיק זיך אין דעם גאסט, ווי זי וואלט אים אין אנהייב גארנישט דערקענט. — רבי, איר וועט רייך ווערן, איך האב אייך נישט דערקענט.

— און איר, חייעלע, וועט דערהויכט ווערן! — האט שימעלע געענטפערט, צוגייענדיק נענטער. — איך האב אייך אויך נישט דערקענט, איר זעט אויס, אן עין הרע, מיט צען יאר יינגער!

— צרות, רבי, מאכן שטארק און געזונט! — האט חייעלע מיט א זיפץ דערקלערט. — אין גוטע יארן וואלט איך גאר מיינע ווייטיקן און מיין טרויער נישט אריבערגעטראגן, נאר אז דער, וואס לעבט אייביק, האט מיך געשטראפט און איך בין — נישט פאר קיין יידישע טאכטער געדאכט — געבליבן אן אלמנה מיט יתומים, זאלן געזונט זיין, און איך האב שוין נישט פאר וועמען זיך איבערצונעמען, אט גיט ער די קעלט נאך די קליידער נאך און מען מוז געזונט און שטארק זיין. וואס ווייסט איר, רבי קרוין? א מאל טוט מען זיך א קניפּ אין באק, כדי די פארב זאל זיין... רחלע, וואס שטעלסטו דעם רבין נישט א שטול? זיצט, רבי!

ר׳ שמעון האט זיך אנידערגעזעצט.

— זאגט מיר, רבי, פארוואס זעט מען אייך אזוי זעלטן? איר זייט דאך נישט גלייך צו אנדערע, וואס קומען נאר בעת עס איז פריילעך. חלילה, אז עס ווערט אומעטיק, זעט מען זיי קיינעם אין די אויגן נישט.

— די מעשה דערפון איז פשוט, — האָט שמעון געענטפערט, — אַ גאַנצן זמן, ווייסט איר דאָך, איז מען צוגעבונדן צום חדר. מען נעמט שכר למוד, חייעלע, נישט אומזיסט, גלויבט מיר, נישט אומזיסט! בין הזמנים בין איך שוין דווקא אַ ביסל פרייער, געט אָבער אַזא פסח, זייער אַ שווערע דאגה פאר אַן אָרעמאַן. עס פעלט דאס און יענץ... אַ כלל, מען קרענקט אויס די עטלעכע פרייע שעות אין

טאָג! אַ גאַנצן זמן, ווייס איך, איז מען, ווי דער אָקס אין דער סאָכע, מען ציט, וויפל די כּוחות דינען. איצט אָבער, אַז מען איז פריי, הייבט זיך אָן מצה, בוריקעס, קאַרטאָפל, פליש און אַ שטיקל בגד אויף יום־טוב. נו וואָס זאָל מען פריער טון?

— ווידער, וועל איך זאָגן דעם גאַנצן אמת, וואָס זאָל איך קומען אַ הערצו? שכר־למוד האָט איר מיר שטענדיק אין שטוב אַריינגעשיקט — איר לאָזט נישט, ווי אַנדערע, דעם אָרעמען מל״יד הונגערן, ביז זיי דערמאַנען זיך אים זיינע פאָר קערבלעך צו געבן... די קינדער פאַרהערן? זאָל גאָט מאריך ימים זיין אייער טרייען שוואָגער ר׳ שלמהן. ער קומט אין חדר אַריין אַ פּאָר מאָל אין וואָך, אַכטונג געבן אויף אייערע יינגלעך, ווי זיי לערנען. אָט, פאַרגעסט מען אַמאָל אפילו אַריינצוקומען פון כּבוד וועגן; נאָר איצט בין איך גלאט אַזוי אַריינגעקומען, ווייל איך בין ליידיק לגמרי, וואָס מיינט איר לגמרי? טאַקע פשוט לגמרי ליידיק: אָן תּלמידים, אָן געלט, אָן אָן אָנהייב אויף פּסח און גיי מאַך יום־טוב! ניין, זינדיקן טאָר מען נישט. נישט גאָר אָן אָן אָנהייב... דער רבונו של עולם זעט צו, ווי ווי די יידן זענען זיך ממית, זיין יום־טוב בּכבוד צו האַלטן, אָט שיקט ער צו אויף מצה. איר מיינט, אַז איך זאָג, ער שיקט צו, מיין איך, ער שיקט אַ מלאך אין שטוב אַריין מיט אַ בייטל געלט און ער זאָגט: „ר׳ שמעון, אָדער שמעון, נאַ, דער רבונו של עולם האָט דיר געשיקט אויף מצה כּך וכך, אויף פליש און בוריקעס ווידער כּך וכך? ניין! אַזעלכע צדיקים זענען מיר גאָרנישט אין היינטיקע דורות. אָט האָט ער גוטע מענטשן, וואָס זענען זיינע אמתע מלאכים אין דעם ענין און דער, וואָס קען, גיט צו פאַרדינען אויף מצה. און דער, וואָס האָט נישט צו געבן צו פאַרדינען, האָט מסתּמא אַ גוט חאַרץ און אנטלייט אַ פאָר קערבלעך אויף די איבריקע הצטרכותן און עס ווערט פּסח. נישט אמת, חייעלע?

— אַז נישט ער זאָל צושיקן דעם אָרעמען, טאָ וועמען זשע דען? — האָט חייעלע באַמערקט.

— קשין מזונותיו של אדם כּקריעת ים סוף! — האָט שימעלע ווייטער אָנגעהייבן. — הערט נאָר, די גמרא זאָגט, אַז דעם מענטשנס מזונות זענען שווער אַזוי ווי צו שפּאַלטן דעם ים. איך האָב מיך דערמאַנט אַ תּורה, וואָס ר׳ פּנחסל, זאָל לעבן, האָט געזאָגט אַמאָל, בעת איך בין געווען ביי אים, זאָל לעבן. אין פּלוג איז דאָך די

קשיא, האָט ר׳ פּנחסל געזאָגט, ווי אַזוי זאָגט דאָס גאָר די גמרא? איז אַ יתכן, אַז ביי דעם מי שאמר והיה עולם, ביי גאָט, וואָס מיט אַ זאָג האָט ער די גאַנצע וועלט באַשאַפן, דעם ים מיט דער יבשה, וועט אים שווער זיין צו שפּאַלטן דעם ים? דערפאַר, האָט ר׳ פּנחסל דערקלערט, איז נישט פאַר דעם רבונו של עולם שווער געווען, נאָר פאַר אונדזערע אבות, וואָס האָבן מיט זייער אייגענעם זכות נישט פאַרדינט גאָר אַזאַ נס. אָט איז זיי קשה געווען ביז משה האָט פאַר זיי תפילה געטון. און אַזוי איז מיט מזונות אויך. מיט אייגענע מעשים טובים פאַרדינען מיר גאָרנישט געשפּייזט צו ווערן, נאָר דער רבי, זאָל לעבן, מוז פאַר אונדז מתפלל זיין. דעריבער קומט אונדז אַזוי שווער אָן אונדזערע מזונות, אונדזער פּרנסה. און אַזוי מיינט די גמרא אויך מיט דעם, וואָס זי זאָגט: קשה לזווגן כקריעת ים סוף... אַ מענטשן אַ רעכטן שידוך אויסצופירן איז אויך נישט גרינגער, ווי קנעלן... נאָר נישט דאָס גאָר וויל איך זאָגן. איך האָב מיך דערמאָנט וועגן ר׳ פּנחסלען, איז מיר די תורה, וואָס איך האָב פון אים געהערט, איינגעפאַלן, פאַר אייך, חייעלע, מעג מען זאָגן אַ תורה. איר האָט זיך געגנוג תורה אָנגעהערט ביי אייערע עלטערן. איך האָב זיי גוט געקענט, זייער זכות זאָל אייך ביישטיין. אַז מיר זאָל פאַרקומען אייך רעדן אַ שידוך אין אַ גוטער שעה, וואָלט מיר נישט שווער זיין אויסצורעכנען דעם נוגע בדבר אייער יחוס ביז אבות אבותינו... וואָס זאָגט איר, חייעלע?

— רבי, אייער גלאָז איז שוין קאַלט, — האָט רחלע באַמערקט.

— ווייס איך, וואָס האָב איך פון דעם טיי? — האָט שמעון זיך אָפּגערופן. — מיר ווילט זיך גאָר אַ סך אַ ביסלכערע זאַך, ווי טיי.

— איר ווילט אפשר לייען אַ גמילת חסד אויף יום-טוב? — האָט חייעלע געפרעגט.

— וואָס הייסט, איך וויל לייען? — האָט ער איבערגעפרעגט, — לייען איז עפּעס אַזאַ גוטע זאַך, אַז דאָס זאָל זיך נאָך ווערן? ווילן וויל איך גאָר פאַרדינען, נאָר אַז צו פאַרדינען מאַכט זיך איצט נישט, וועט זיך מסתמא שפּעטער מאַכן. אָט, אַז מען האָט דערווייל קיין ברירה נישט... וואָרים פּסח איז פּסח און מען איז דאָך אַ ייד, מוז מען בעטן לייען... נאָר זאָגט מיר, חייעלע, ווען קען איך צו אייך אַריינקומען איבעררעדן אַ פּאָר ווערטער מכּוח אַן ענין, ווי זאָגט מען, אונטער פיר אויגן?

— רחלע, — האָט די מוטער אַ זאָג געטון, — נעם די קינדער שלאָפן... אָט זיי דרעמלען שוין.

רחלע האָט פאַרשטאַנען, אַז די מוטער וויל אַליין בלייבן מיט שימעלען. זי האָט גענומען די קינדער און איז מיט זיי אַרויס פון עסצימער. אַז שימעלע איז מיט חייעלען אַליין געבליבן, האָט ער אַרויסגענומען אַ בריוועלע פון זיין בוזעם־קעשענע און האָט אָנגעהייבן לייענען:

„שלום וברכה וכל טוב סלה לכבוד הירא והרד וכו׳ מוה׳ שמעון שדכן נ״י. אַזוי ווי דיר איז ידוע, שמעון, מיין צער, היינו: וואָס הפלונית שלי (מיין פרוי) הלכה לעולמה (איז געשטאָרבן) און איך בין געבליבן אַ פלג־גוף, בין איך דיר, ראשית, מודיע, אַז ביי מיר איז אַ פּלאַן חופה צו האָבן מיט אַן אשה חשובה כשרה וישרה, ממילא מובן (עס פאַרשטייט זיך) נאָך מיין ערך, על כן זאָלסטו טון „אריינ־ברענגען דיין קאָפּ און דיין רוב״ אין דעם ענין און זאָלסט מציע זיין (פאָרלייגן), עפּעס אַ גלייכע זאַך. איך שרייב צו דיר, כאָטש דו ביזט נישט אַ מוחזק פאַר אַ גרויסן שדכן, אָבער ווייל דו ביזט מאַנשי שלומנו (פון אונדזערע לייט) און דו קאָנסט די נשים חשובות (די ווירדיקע פרויען) מאַנשי שלומנו בפרט ממחנך (פון דיין שטאָט), וועסטו מסתמא מיין רצון פאַרשטיין, און דו וועסט קיין קרומע זאַך נישט מציע זיין. ווייט פאָרן זוכן ברויכסטו נישט, חן מקום על יושביו (יעדן געפעלט זיין אייגענע שטאָט) ודי לחכימא ברמיזא, (אַ קלוגן איז גענוג אַ ווונק). אַז איך וועל זען, אַז דו ווייסט מיין ערך און פאַרשטייסט, וואָס איך מיין, וועל איך דיר מודיע זיין פרטים, וה׳ יצליח דרכך. מנאי הצעיר פנחס ברבי ישראל הלוי.

העיקר שכחתי, (דאָס וויכטיקסטע האָב איך פאַרגעסן) פּורש בשלום צו זיין להגבירה המפורסמת האשה הצנועה מרת חייעלע האלמנה שתחי׳. זאָג איר, אַז ער, זאָל לעבן, איז מתפלל בעדה ובעד בניה היתומים (בעט גאָט פאַר איר און פאַר די קינדער, די יתומים) הנ״ל)״.

חייעלע האָט פאַרלאַנגט זען דאָס בריוועלע מיט אירע אויגן. שמעון האָט איר דאָס בריוועלע דערלאַנגט. זי האָט אַ קוק געטון און באַלד אָפּגעגעבן שמעונען צוריק און אַ באַהאַלטענעם שמייכל געטון.

— ראשית, בעט איך אייך, — האָט שמעון געזאָגט, — אַז דאָס זאָל זיין ביי אייך אַ סוד. פאַרשטייט איר, איבער כמה טעמים ברויך דאָס אַ סוד צו זיין. איינמאָל: דאַרף אַ שדוך גלאַט אַזוי אַ סוד זיין; צווייטנס,

ווייל איך פשוט, אַז קיין אַנדער שדכן זאָל עס נישט וויסן און ביי מיר נישט אויסכאַפּן. נאָר אַזוי ווי איר זייט אַן אשה חכמה און איר קאָנט ר׳ פּנחסלן, זאָלט איר טאַקע זאָגן, וואָס זאָל איך אים מציע זיין ?

— הערט איר, רבי, — האָט חייעלע ווי גלייכגילטיק געענטפערט, — מיך אַרט גאָר נישט, אַז ר׳ פּנחסל, כאָטש ער איז אַ פיינער ייד, מיר אַזאַ יאָר, אַז ער וועט זיצן צום סדר, ווי אַ מלך אַן אַ מלכּה ; איך האָב נאָך דערווייל בילכערעס צו דאגהן און צו טראַכטן. איך ברויך נאָך מיין רחלען, זאָל לעבן, אַ חתן געבן. וואָס ווייטער וועט זיין, וועט שוין גאָט זאָרגן. נישט שוין-זשע איז מיין מזל ערגער, ווי דער מזל פון אַנדערע אַלמנות ? און ווידער פרעג איך : וואָס איז די אייליגניש אַזוי גרויס ? וואָס האָט ר׳ פּנחסל אַזוי קיין צייט נישט ? דער טייך אונדזוערער ברענט נאָך נישט !..

— חייעלע, איר זייט דאָך אַ קלוגע אשה, — האָט שימעלע זיך אָפּגערופן, — איר פאַרשטייט דאָך, אַז נישט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. ר׳ פּנחסל מיינט אויך נישט הענדום-פּענדום חתונה צו האָבן. ער שרייבט : האָבן דאָס נאָר אין זינען, און ער איז גערעכט ! ווייסט איר, פאַרוואָס גערעכט ? ווייל ער איז אַ ייד אַ למדן מופלג — און ער ווייס, אַז די גמרא זאָגט : פערציק טעג קודם יצירת הילד, דאָס איז טייטש : איידער דאָס קינד ווערט נאָך געבאָרן, רופט שוין אַ בת קול אויס : „בת פּלוני לפּלוני !“ וועט איר אפשר פרעגן : וואָס איז די אייליגניש ? וואָס האָבן זיי דאָרט אין הימל קיין צייט נישט ? פונ־דעסטוועגן ווערט טאַקע דער זיווג באַשטימט נאָך איידער מען ווערט געבאָרן. ביז דער חתונה גייען דערווייל אַריבער צוואַנציק יאָר אָדער מער ; איז דאָס אַלץ גערעדט ביי דעם זיווג ראשון. דער זיווג שני אָבער, וואָס קומט דעם מענטשן לפי מעשיו, נאָך זיינע גוטע מעשים, איז דער שטייגער, מען זאָל טאַקע אַ ביסל צואיילן און מען מעג שרייבן צוליב דעם תנאים אַפילו אום חול־המועד. פשוט, שמא יקדמנה אחר, טאָמער וועט דערווייל זי אויסכאַפּן אַן אַנדערער. זעט איר, חייעלע, ר׳ פּנחסל ווייסט וואָס ער טוט. איך בין נאָר זיין שליח צו זוכן... געזוכט האָב איך און גאָט, ברוך הוא, דאַכט מיר, האָט מיר באַוויזן די אשה חשובה, וואָס ר׳ פּנחסל מיינט... איצט דאַרף איך נאָר וויסן, אויב עס איז נישט קרום, וועל איך אים שרייבן... ביז וואָס, ווען, מעגן נאָך עטליכע חדשים אַריבער. נישקשה, מיין שדכנות, וועט נישט פאַרפאַלן ווערן. אַי, וואָס ? מיר פעלט נאָך אַ פינף זעקס

קערבלעך דעם יום-טוב אויסצופירן? בין איך דאָך ביי חייעלען, זאָל לעבן, אַ בטוח, און איר וועט מיר טאַקע לייען, וויפל איך דאַרף נאָך.

— אויף פינף רובל, רבי, זייט איר אַלע מאָל אַ בטוח. בפרט אַז ביי מיר איז געבליבן, ביי אייך מיינע יינגלעך נישט אָפּצונעמען אויף זומער אויך. נאַט אייך דערווייל פינף רובל. יאָ, אַז איר וועט שרייבן צו ר׳ פנחסלען, דאַנקט אים פאַר זיין גרוס צו מיר. נאָר איך בעט אייך, קיין זייטיקע זאַכן אים נישט צו דערמאַנען; איך האָב אַ טעם דערינען. אַגב, רעכן איך, אם ירצה השם, תיכף נאָך פסח אַריבער פאָרן צו אים, זאָל לעבן. איך וועל הערן, וואָס ער וועט זאָגן, וועל איך וויסן, וואָס אייך צו ענטפערן.

— איר רעדט, ווי אַ פרומע אשה, חייעלע! — האָט ר׳ שמעון מסכים געווען, — אַדרבה, פאָרט טאַקע תיכף נאָך יום-טוב, וועט איר טאַקע הערן. אָן זיין הסכמה וויל איך גאָר קיין שדכן נישט זיין. אייגנטלעך, האָב איך שוין געמאָגט גיין אַ היים, וואָרים דעם גמילת חסד אייערן האָט איר מיר שוין געגעבען, נאָר פון אַ יידן ווערט מען דאָך אַזוי גיך נישט פטור. אָט ווילט זיך מיר ביי אייך בעטן, אַז איר זאָלט מיך מהנה זיין פון אייער זילבער מיט אַ זילבערנעם בעכער ביז איבער יום-טוב. זינט איך בין אַ שטיקל מענטש, איז ביי מיר צום סדר שטענדיק געווען אַ זילבערנער בעכער צו דעם כּוס של אליהו זכור לטוב. איך האָב אים נאָך בירושה געהאַט פון מיין שווער עליו השלום. נאָר וואָס איז די שעמעריי? איר ווייסט דאָך, שמעון איז נישט קיין גביר — מאַכט זיך, מיין פלונית ווערט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט געזונט הייַנטיקן ווינטער, מען מוז האָבן אַ קערבל פאַר דעם דאָקטאָר און אין אַפּטייק אַריין און אין קעשענע איז אַ קאָפּיקע נישטאָ... וואָס האָב איך געטון, מיינט איר? געכאַפּט דעם זילבערנעם בעכער, אַוועקגעטראָגן צו לייבקע דעם מלוה, גענומען אויף אים אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס און אַזוי ליגט דער בעכער ביי אים און וועט נאָך מסתמא ליגן, ביז גאָט, ברוך הוא, וועט זיך דערבאַרעמען... דערווייל איז מיר אַ בזיון פשוט, אין דער דאָזיקער נאַכט פון פסח צו שטעלן אליהו הנביאן זיין כּוס אין אַ פּראָסט גלעזל. דערפאַר, אַז מען וועט ביי מיר פסח צום סדר די טיר עפענען, וועל איך זאָגן: ברוך הבא, אליהו התשבי! זעסטו אָט דעם גביע של כסף? דאָס האָט האשה חיה בת רחל מיר געליען נאָר פון דיין כבוד וועגן,

בענטש זי מיט ברכה און הצלחה, און בטוח בין איך, אַז זיין ברכה וועט מקוים ווערן!

— פון אליהו הנביאס וועגן וואָלט איך מיין גאַנצן זילבער אויך נישט זשאַלעווען! — האָט זי געענטפערט, — זאָל ער נאָר וועלן טרינקען געזונטערהייט, ווי איך פאַרגין אים! זיצט אַ ביסל, איך וועל אייך באַלד אַרויסטראָגן אַ בעכער.

חייעלע איז אַרויסגעגאַנגען. שימעלע איז אַליין געבליבן און האָט אָנגעהייבן באַרעכענען ווו די פינף רובל צו פאַרטון.

„אַן אָקע (דריי פונט) שמאַלץ", האָט ער אָנגעהייבן, „קאָסט אַ קאַרב מיט צען גראָשן... אַזוי האָט זי מיר היינט געזאָגט. טאָ וויפל וועט מיר קאָסטן אַ האַלבע אָקע? געגוג וועט זיין אַ האַלבע אָקע; יאָ, וועט קאָסטן אַ האַלבן רובל מיט פינף גראָשן, בלייבט מיר נאָך מזומן פיר קאַרבן מיט דריי גילדן מיט פינף גראָשן. געדענק זשע! אַ כלי אויף פסחדיקן וואַסער דריי גילדן; אַ מעסטל קאַרטאָפּלעס, לכל הפחות, אַ מעסטל, אויך פיר גילדן; גאַנץ שיינע קאַרטאָפּלעס האָבן לייט היינט געקויפט פאַר פיר גילדן. אַ ביסל בוריקעס אויף פסח אויך בערך אַ גילדן צוויי, און אפשר טאַקע פאַר די גאַנצע דריי... איך האָב ליב אַ בוריקעס-ראָסל, אַ בוריקעס-צימעס, געהאַקטע בוריקלעך מיט אַ ביין, אויף נאמנות אַ מחיה. אפילו בייטאָג נאָך דעם שלאָף אויך... און וואָס עסט מען אַ גאַנץ חול המועד? עס איז דאָך פאָרט יום-טוב און פסח דערצו? מסתמא, טאַקע פאַר די גאַנצע דריי גילדן! היינט פלייש? אָט דאָ איז די צרה! פלייש קאָסט בוודאי אַ גילדן מיט זעקס גראָשן אַ פונט! לכל הפחות, מוז מען נעמען אַ פיר פונטלעך פלייש אויף די ערשטע טעג, היינט גיי צייל צו גילדן מיט זעקס גראָשן אַ פונט, און פיר פונט איז טאַקע פיר גילדן און פיר מאָל זעקס גראָשן איז דאָס אויך אַ גילדן אָן זעקס גראָשן. אָן אייגנס אַ גאַנצער! און דער כוף וועט זיין, אַז דער קצב וועט נאָך פון וואָג אַראָפּנעמען אַ האַלב פונט, אָט וועט אָנקומען אויף אַ געזינדל פון זעקס מענטשן אַ פחות מכזית פלייש... און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ אַזוי? ווייל אונדזער בעל-טאַקסע האָט אויף דעם אָרעמאַן קיין ברעקל רחמנות נישט. בן סירא איז גערעכט געווען, וואָס ער האָט געזאָגט: כל ימי עני רעים, אַלע טעג פון דעם אָרעמאַן זיינען שלעכטע טעג... פאַרשטיי איך דערפון, אַז אין בן סיראס צייטן איז שוין געווען אַ טאַקסע, און ער אַליין האָט באַדאַרפט צאָלן פאַר פיר פונטלעך פלייש לכבוד יום-

טוב גאַנצע פינף גילדן אָן זעקס גראָשן, און ווי דער שטייגער איז. אַז ער איז געווען אַ קבצן, האָט אים מסתמא גאָט געבענטשט מיט אַ זעקס, זיבן, אַכט קינדער, איז ער מיט זיין פלונית, די בת סיראָטע, אין איינעם געווען אַ געזינטל פון צען מענטשן... און פּרווו, אדרבה, איינטיילן אַ פונטל פלייש פון אַ יום-טובדיקן וואַרמעס אויף אַ געזינדל פון צען מענטשן. אָט, אַז ער האָט פאַרזוכט, וואָס פאַר אַ טעם דער קבצן פילט פון זיין שבת, יום-טוב און וואָך, האָט ער אַ זאָג געטון: כל ימי עני... אַלע טאָג פון דעם קבצן זיינען אים שלעכט. אי, וואָס? די גמרא פרעגט: והאיכא שבתות וימים טובים? איז דאָך אין פלוג די משמעות, אַז שבת און יום-טוב האָט דער קבצן הנאה פון זיין לעבן? איז דאס אויך קיין קשיא נישט, וואָרים די קשיא האָבן נאָר געפרעגט די ישיבה-לייט, וואָס האָבן אויף פרעמדע טישן געגעסן און דעם קאָפּ נישט געדרייט, ווי נעמט מען אַ גילדן מיט זעקס גראָשן אויף אַ פונטל פלייש — האָבן זיי טאַקי די גזירה פון דער טאַקסע נישט געפילט. אָבער אַ טאַקסע איז שוין דאַמאָלס אויך געווען. וואָרים יידן זענען שוין דאַמאָלס אין גלות געווען און וואָס פאַר אַ פּנים האָט אַ גלות אָן אַ טאַקסע? שמע מנה, איז דערפון געדרונגען, אַז דאס האָבן געזאָגט נאָר די ישיבה-לייט... אָבער בן סירא איז גערעכט, וואָס ער האָט געזאָגט כל ימי עני רעים, אַלע טעג דעם אָרעמאַנס זענען פינצטערע ביטערע טעג. אפילו שבת, אפילו יום-טוב האָט ער יסורים, ביינער און נישט פלייש!"...

„נאָר מחשבותן, ווו האַלט איך מיטן חשבון? נאָר וואָס בין איך מחויב צו ברעכן איצט דעם קאָפּ און רעכענען? איך וועל בעסער פאַנאַנדערבייטן דאָס פינפערל, אראָפּנעמען אַ ר"ך וחצי, וועל איך דערפון קויפן וויין אויף כוסות און אַ האלב קוואַרט פסחדיקן י"ש בסך הכל פאר פינף גילדן. בלייבט מיר נאָך פינף גילדן, וועל איך פאר דריי גילדן מיר קויפן אַ ניי היטל לכבוד יום-טוב, וועט זיין אַ גילדן אויף חריין און חרוסת מיט די איבעריקע מכשירים. נמצא, בלייבט מיר נאָך אַ גילדן ריווח; נאָר פון יום-טוב טאָר מען נישט פאַרדינען, וועל איך קויפן פאר צען גראָשן אַ הגדה אַ נייע, פאַר צען גראָשן איינגעמאכץ פון רעטעך מיט אינגבער — געזונט צום מאָגן, און צען גראָשן אַ פּעקל נייע ציצית אין מיין טלית לכבוד יום-טוב. אָט אזוי בין איך קוויט... איר וועל איך דערלאַנגען די דריי ר"ך וחצי און איר זאָגן: „נאַ, איך גיב דיר וויפל איך האָב, מאך יום-

טוב און גרייט אָן כאָטש פון פויגלמילך!" זי וועט מסתמא נעמען דאס קרייטל און וועט אנהייבן צו רעכענען: קארטאָפל כך וכך, בוריקעס, שמאלץ, אייער, פלייש, זאלץ, ליכט, באד-געלט, און וועט שרייען און וואַרפן זיך: גיי דו מאך יום-טוב דערמיט! טאָ וואס זאל איך טון? מער האָב איך נישט, אפילו אויף באָד-געלט זיך נישט גע-לאָזן... גאָט איז מיין עדות, אז ווען איך זאל האבן, וואָלט איך נישט זשאלעווען! אי, וואָס זי וועט שרייען? פארקאשער איך מיינע פאָלעס און גיי מיר ווידער אין בית-המדרש אריין! לאָז זי שרייען, אז עס וועט נאכט ווערן, וועט מוזן ווערן אַ סדר און ביים סדר וועט זי אָן מיר נישט אויסקומען!"

אין דער צייט, וואס שימעלע חאט זיין קאָפּ געבראָכן, ווי צו פארטון זיינע געליענע פינף רובל, איז רחלע געווען באשעפטיקט מיט אירע ברידערלעך אין זייער צימער, צו לייגן זיי שלאָפן.

— עס איז אמת, רחלע, וואס דער רבי זאגט, — האט דאס עלטערער ייִנגל געפרעגט, — אז איצט האט מען דעם טאטן פּ־ייִ ארויסגעלאזן פון גיהנום? איצט גייט ער זיך אָפּקילן אויף די גרויסע בערג מיט שניי, וואס זענען אויף יענער וועלט! אָ, איך האב אַזא רחמנות אויף אונדזער טאטן. אים איז דארט אזוי שלעכט. זאג, רחלע, איצט, אז ער איז פריי, איז אים אויך שלעכט?

דאָס קינד האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין שוועסטעה, ווי עס חאָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן פון דעם שרעק-בילד, וואָס זיין רבי האָט אים פאָרגעשטעלט. רחלען זענען אַרויס טרערן פון די אויגן.

— האָב קיין מורא נישט, מיין ליב ברודערל, —האָט זי דאָס קינד בעטרייסט, — אונדזער ליבן פאָטער איז אויף יענער וועלט נישט שלעכט! נאָר רשעים, וואָס האָבן שלעכטס געטון אין זייער לעבן, וואָס האָבן געגנבעט, ליגן געזאָגט, פאַלש געשווירן, אויף אָן אָרעמאַן קיין רחמנות נישט געהאַט — נאָר אַזעלכע קומען אין גיהנום אַריין... אָבער אונדזער ליבער פאָטער איז געווען אַ גוטער מענטש, ליבער מאָטעלע, ער האָט נאָר גוטס געטון, אים האָבן אַלע ליב געהאַט. גאָט האָט אים אויך ליב געהאַט, ווי לאַנג ער האָט געלעבט, און נאָך זיין טויט האָט ער אים צוגענומען צו זיך אין גן-עדן. זאָג נאָר קדיש נאָך אים, מיין טייער ברודערל, און האָב קיין מורא נישט!

— אָבער דער רבי זאגט, — האָט דאָס קינד אָנגעוויזן, — אַז

אַלע, אפילו אַ צדיק, מוז אויך פריער זיין אין גיהנום. נאָר אין דעם חודש ניסן, וואס גאָט האט יידן פון מצרים אַרויסגעפירט, זענען אַלע פריי פון גיהנום, אפילו רשעים אויך... מען פאַרלעשט דאָרט דאס פייער ביז נאך פסח, זאגט דער רבי.

— דיין רבי ווייס נישט, — האט זי געענטפערט. — זיי גוט און פרום, האב רחמנות אויף ארעמע, טו קיינעם קיין שלעכטס נישט, זאג קיינמאָל קיין ליגן נישט, שעלט קיינעם נישט און פאָלג דער מוטער, דעם פעטער, אויך מיר, מיין טייער ברודערל, וועסטו אויך פאר דעם גיהנום נישט ברויכן מורא האבן! זיי, ווי אונדזער ליבער פאטער, וועלכער איז אין גן־עדן איצט; ער בעט דיך, מאטעלע, דו זאלסט אַזוי גוט זיין, ווי ער!

דאס קינד האט זיך באַרויקט, אָבער עס האָט אַלץ מורא געהאַט אין חדר אַליין צו בלייבן; זי האָט לעבן אים געמוזט זיצן, ביז עס איז אַנטשלאָפן געווארן. זיצנדיק אַזוי, האט זי אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן שימעלען. זי האט אים קיינמאל נישט ליב געהאט, נאר איצט האט זי געפילט ווי אַ ווייטיק אין הארצן.

„צו וואס איז ער געקומען צו אונדז אין שטוב?" האט זי זיך געפרעגט. „איז ער נישט געקומען ווי אלע מאָל, אוועק צושלעפן מיינע אומשולדיקע ברידערלעך, ווי די אָרעמע שעפעלעך צו אים אין חדר אַריין, דאָרט זיי שלאָגן, זיי שרעקן מיט זיינע ווילדע מעשיות, ווי מען פייניקט אונדזער ליבן פאָטער אין גיהנום? איז ער געקומען אָפּנעמען פון זיי זייער איינציקע שוועסטער, וועלכע האָט נאך אַן אפן אויג אמאָל, זיי פון זיינע הענט צו פאַרהיטן! יאָ, נאר צוליב דעם איז ער געקומען. אַנישט, וואלט די מוטער מיך נישט אַרויסגעשיקט. זי האט קיין אַנדערע סודות נישט מיט שימעלען צו רעדן, וואס מיר פאַסט נישט צו זיין דערביי. אבער ניין, איך וועל מיך נישט לאזן אפרייסן פון מיינע קליינע יתומים! גאט קען עס אויך נישט דערלאזן. און אפשר מיינט ער גאר די מוטער? אַך, דאס איז נאך ערגער! און איך האב מורא, אז דאס וועט אים אויך גרינגער זיין... ווי שלעכט, ווי זינדיק ביזטו, שימעלע!... און אפשר ביזטו נישט שולדיק? די בויט טרייבט דיך, דער הונגער פאַרקרימט דיין צונג מיט ליגן און שווינדל, דו מיינסט נאר אַ קערבל, צו קענען יום־טוב אויספירן און נאָר פון אַ תירוץ וועגן זאָגסטו, אַז דו מיינסט עטוואָס אַנדערש... גוט, איך וועל דיר דאָס קערבל שטענדיק אין

שטוב אַריינטראָגן, נאָר קום צו אונדז אין שטוב נישט אַריין. נישט פאַרשטער מיינע ברידערלעך זייער פרייהייט און נישט רויב פון מיר מיינע זיסע האָפנונגען!״

אַז זי האָט באַמערקט, ווי די קינדער שלאָפן שוין, איז זי באַלד אריין אין עס-צימער. שימעלע איז נאָך אַליין געזעסן ביים טיש און געבאַראַבאַניעט מיט די פינגער אויף דעם טאָץ מיט די גלעזער. ווי רחלע איז אַריינגעקומען, האָט ער אויפגעהערט צו באַראַבאַניען און האט אָנגעהייבן פאַנאַנדערציען מיט אַ פינגער דאָס פאַרגאָסענע טיי-וואַסער אויף דעם טאָץ אין אַ מנורה מיט זיבן רערן, פונקט ווי די הייליקע מנורה פון חומש מיט אירע קנעפּ און מיט אירע בלומען.

— רבי, — האָט רחלע שטיל אויסגערעדט, צוגייענדיק צו אים, — צו וואס דערציילט איר די קינדעלאַך אַזעלכע מעשיות פון גיהנום? זיי שרעקן זיך איצט אַליין אין צימער צו בלייבן. האט קיין פאַריבל נישט, ליבער רבי... איך וויים, איר זייט נישט רייך, איר ווילט פאַר-דינען אַ רובל, די נויט טרייבט אייך... איך וועל זאָרגן, דער רובל זאָל אייך נישט פעלן, נאָר פאַרשטערט מיינע יתומימלעך דעם יום-טוב נישט. ער איז שוין אָן אייך אויך גענוג פאַרשטערט... וואס עס מוז זיין, וועט זיין, וואס איז אבער די איילעניש?... זאָלן די קינדער אונטערוואקסן, זאָל אונדזער טרויער כאָטש אַ ביסל פאַרגעסן ווערן, דאן זאָל גאָטס ווילן געשען... צו וואס ברויכט איר אבער צו זיין דער נישט געבעטענער שליח קליינע יתומים — עלנט און אנגסט צו ברענגען פאר דער צייט? איך מיין, איר פאַרשטייט מיך, רבי!?...

— צי איך פאַרשטיי? — האט ער זיך אפגערופן. — איך פאַרשטיי אויפן ווונק, מיט מיר דאַרף מען אַ סך נישט רעדן... אדרבה, ווייל איך פאַרשטיי, ווייס איך, אַז איך טו דיר קיין שלעכטס נישט; נאָר ווייל דו זאָגסט מיר צו אַ גמילת-חסד צו לייען, ווען נאָר איך וועל ברויכן, ביזטו אַ גוט מיידל! פיל וועל איך נישט בעטן, איך ברויך נאָר פאַר מיינע ייִנגלעך אַ פּאָר היטעלעך לכבוד יום-טוב. האָסטו דיינע ברידערלעכס היטעלעך מיר אַוועקצושענקען, איז מה טוב, אַז נישט, לייַ אַ קערבל, וועסטו מיך אין די אויגן נישט זען, ווי לאַנג דו ווילסט אַליין! איך פאַרשטיי דיך, רחלע, אַזאַ יאר מיר, וואס פאַר אַ גוט מיידל דו ביזט, כאָטש אַ ביסעלע נישט קלוג!

— נאַט אייך אַ רובל און קומט נישט פריער, ביז איר וועט נאָך אַ מאָל וואס ברויכן, — האָט זי געזאָגט. אין דער מינוט איז חייעלע אריין מיט אַ גרויסן זילבערנעם בעכער.

— איך גיב אייך, רבי, דעם בעכער, — האָט חייעלע געזאָגט, אים דערלאַנגעדיק דעם בעכער, — אַן אַלט מאָדישער אפילו, נאָר איך בעט אייך, תיכף נאָך יום־טוב אים אָפּצעברענגען; אם ירצה השם, אַז איך וועל זוכה זיין מיין ערשט קינד צו דער חופּה פירן, וועל איך געבן דעם בעכער מסדר קדושין צו זיין און דערנאָך אים אַיועקשענקען אין שול צו קידוש און הבדלה.

— אליהו הנביא מעג עס הערן! — האָט שימעלע אַ זאָג געטון. — אדרבה, זאל ער וויסן, פון וואָס פאר אַ בעכער ער וועט טרינקען זיין כּוס אין דער דאזיקער נאכט פון פסח. נאר זאגט מיר, חייעלע, מען דארף אים כשרן?

— ער ליגט שוין אין קאמאד ביי מיר אפשר צען יאָר נישט געניצט, — האט חייעלע געענטפערט. — וואס קען עס שאטן? כשרט אים, קאליע מאכט עס נישט.

— איך וועל אים כשרן און תיכף נאך יום־טוב ברענג איך אים אייך אין שטוב אריין מיט א דאנק. האט אייך א גוטע נאכט, א גוטן יום־טוב! — האט שימעלע צעגעזעגנטשן און שוין געוואלט ארויסגיין.

— ביז יום־טוב וועט איר שוין ביי אונדז נישט זיין, רבי? — האט חייעלע געפרעגט.

— וויפל בלייבט דען נאך ביז יום־טוב? — האט ער געענפערט, — קיין צייט נישטאָ. מען מוז מיין אלטע א ביסל צו העלפן... א קלייניקייט, אזא יום־טוב!

— לאזט אייך נישט בעטן כאָטש יום־טוב אויף כבוד, רבי־קרוין... איר זענט ביי מיר א גאנץ טייערער גאסט.

שימעלע האט צוגעזאגט צו קומען און איז אהיים אוועק.

— גאָט שיקט צו און פארלאָזט קיין יידן נישט, וואס איז זיך ממית זיינע מצוות אפצוהיטן, — האט שימעלע זיין ווייב געזאגט, תיכף ווי ער איז אין זיין שטיבל אריינגעקומען, — איך האָב שוין א מעלקנדיקע קו מיט א קאלב... עס וועט שוין, אם ירצה השם, נישט פעלן א קערבל, אז מען וועט דארפן!

— ווער דען וועט צו שיקן, אז נישט ער? — האט דאס ווייב

געענטפערט פרום און צעפרידן.ביידע האָבן זיך געזעצט באַקלערן ווי איינצעשפּאָרן עטליכע קאָפּעקעס, עס זאָל בלייבן אַ פּאָר גילדן, וואס מען מוז האבן אויף צוויי ארשין וואָל-אטלעס איינצונייען אַ פּאר נייע ארבל אין ר׳ שמעונס לאסטינגענער קאפּאָטע. די אלטע ארבל זענען שוין צעפאלן און דאס איז דער איינציקער בגד, וואס ער האט נאָך יום-טוב אנצוטון.

ב.

דעם גאנצן טאג האט דאס שטעטל געקאכט פון שייערן און כשרן, פון וואשן און שאָבן טישן, שטולן און שאפעס; אין דער פרי האט מען דעם חמץ פארברענט, די ווינטער-פענצטער ארויסגענומען, די שויבן אויסגעוואשן, די שטרוי און היי ארויסגעטראגן, אויסגעשאטן אויפן גאס, נישט ווייט פון די טירן, וווּ קלייניצער ציגן און חזירים האבן בשותפות געגעסן און געזוכט. קיינער האט קיין צייט נישט געהאט, זיי אוועקצוטרייבן; מאנסלייט זענען מיט די קלענערע יינגלעך געגאנגען מיט ליידיקע פלעשער צו ר׳ שמואלן אין וויין-קעלער קויפן וויין אויף ארבעה כוסות. אנדערע האבן טעלער, גלעזער און טאצן געטראגן צום סטאוו טובל זיין. די ווייבער האבן די אויוונס און די טעפּ געברענט אין דער היים און דארט האבן זיך זייערע אויסגעהארוועטע געזיכטער אנגעברענט און מען האט געברענט די טעפּ ביז דאס חמצדיקע ביסל זאפט, וואס דערין איז נאך געווען, איז אינגאנצן אויסגעברענט געווארן. כשרע און פסחדיקע האבן זיי אפּגעוואַרט דעם אוונט, צו הערן די הגדה פון זייערע מאנען ביי אַ שיינעם, מיט כוסות און מיט נייע כלים באדעקטן טיש, ווי פאראיארן, ווי פאר פיל הונדערטער יארן צוריק.

עס איז נאכט געווארן; ר׳ שלמה מיט זיין פרוי האבן דעם סדר געפראוועט ביי חייעלען; ער האט געוווּסט, אז אן אים איז דארט נישטא, ווער עס זאָל דעם סדר פראוון און האט נאך עטלעכע טעג פריער אנגעזאגט, אז ער וועט די סדרים אפּריכטן צוזאמען מיט חייעלען און מיט די יתומים. קומענדיק פון שול, איז די שטוב צוגעפוצט געווען, ליכטיק און שיין, דער גרויסער טיש אנגעשטעלט מיט זילבערנע שיינע לייכטער, שיינע קריסטאלענע גלעזער און כוסות,

אזוי ווי אלע יאר; נאר א טיפער און א פרעסנדיקער אומעט איז געלעגן אויף רחלען. זי האט צו ליכט־בענטשן זיך גוט אויסגעוויינט און זיך פארגענומען נישט מער א טרער ארויסצעלאזן, קיינעם דעם הייליקן שיינעם און ריינעם יום־טוב נישט צו פארשטערן... חייעלע איז אויסגעפוצט געווען, האלב־אלמנהדיק, האלב־פראנטיכלע, וואס האט איר צוגעגעבן נאך מער חן, ווי געוויינלעך. מען האט זיך צום סדר געזעצט, בערעלע שפאק און פייגע די אלטע זענען אויך ביים טיש געזעסן. בערעלע האט שטארק געקוקט, ווי ר׳ שלמה פלאנירט די קערה, זיין קאפ האט אבער פארט נישט געטראגן, פון קוקן אליין, צו באגהייפן ריכטיק, ווו עס דארף ליגן די זרוע, ווו דער מרור און ווו די חרוסת; ר׳ שלמה האט צוגעזען זיין צער און האט בערעלעס קערה געמאכט פונקט ווי זיין אייגענע. ער האט געהייסן אנגיסן די כוסות און האט געמאכט קידוש, נאך אים האבן די ביידע יינגלעך אויך געמאכט קידוש פון דער הגדה ארויס, און בערעלע האט זיך באנוצט מיט דער געלעגנהייט און האט אויך זיין כוס גענומען אין האנט אריין, נאכגעזאגט קידוש און זיך אויסגעדרייט היינטיקס מאל פון די אומבאקאנטע עברי׳, בפרט אין יענע ערטער, ווו מען מוז אליין גוט וויסן, וואס ארויסצוזאגן פון די אפגעצוימטע שטייגן, נאר טרינקען האט ער דווקא אליין געטרונקען און האט אין א רוב כוס קיין טעות נישט געהאט.

מען האט באלד דערלאנגט א טאץ מיט א זילבערנעם קרוג. ר׳ שלמה האט געמאכט דעם „ורחץ״, אלע האבן געוואשן די הענט אן דער ברכה על נטילת ידים. בערעלע האט זיך נישט געלאזט באדינען און איז פון טיש אוועק וואשן די הענט אין פארהויז. ר׳ שלמה האט אים אויסגערעדט:

— הרי אתה בן חורין! היינט ביזטו א פרייער ייד, ווי איך, ווי אלע יידן! — האט ער געזאגט. — און וואס פארשטייסטו נישט, אז די, וואס טראגן צו דאס וואסער, פארדינען אויך א מצווה? געדענק דאס, בערעלע, פון נאך א מאל וועגן. פסח זענען אלע יידן פרייע לייט, פאו שטייסטו?

— איך פארשטיי, — האט בערעלע געענטפערט פארשעמט.

מען האט אנגעהייבן זאגן די הגדה, און דאס עלטערע יינגעל האט אנגעהייבן צו זאגן „מה נשתנה״; נאר אזוי ווי זיין רבי האט אים צוזאמען מיט די איבריקע חדר־יינגלעך געלערנט, האט ער

פֿאַרגעסן אים באַזונדער אָנצוזאָגן, ער זאָל נישט זאָגן: „טאַטע!" דאס קינד האט דעם נוסח געזאגט, ווי פֿאַראַיאָרן: „טאַטע, איך וועל ביי דיר פֿרעגן די פֿיר קשיות". רחלע, וועלכע איז לעבן קינד געזעסן, האָט אָנגעהייבן וויינען, נאָך איר די מומע דבֿורה... אויך חייעלע האָט געוויינט; ר' שלמה האט אויך נישט געקענט די טרערן אָפּהאַלטן און זיי זענען אים איבערן באָרד אויף דער הגדה געפֿאַלן. דאס קינד האט זיין גרייז נישט באַמערקט, און האט ווייטער דעם מה נשתנה נישט געקענט זאָגן.

ר' שלמה האָט זיך גוט אויסגעוויינט, אָפּגעווישט די טרערן, אַ קלאַפּ געטון מיט זיין האַנט איבער דער הגדה, און האָט געזאָגט:

— נו, זאָל זיין גענוג! גענוג, זאָג איך אייך! אים האָבן מיר זיין כּוס פֿול מיט טרערן אָפּגעגעבן... איצט איז יום-טובֿ, זמן-גאולתנו. היינט דאַרפֿן מיר, יידן, זיך פֿרייען, דערצעלנדיק די גאולה פֿון אַמאָל. און האפֿן צו גאָט אויף דער גאולה וישועה, וואָס וועלן נאָך קומען! ווייסט איר, ווי שווער דער גלות מצרים איז געווען, ווי מען האָט דאָרט אונדזערע אָבֿות געפּייניקט, מיט ליים און ציגל און שווערער אַרבייט? מען האָט יידישע קינדער אין ווענט איינגעמויערט, מען האט זיי לעבעדיקע אין טייך אַריינגעוואָרפֿן, די שוטרים און די נוגשים האבן זיי געשלאָגן, מענער האבן זיך מיט זייערע ווייבער צושיידט, ווייבער—אַלמנות און קינדער זענען יתומים—געבליבן... יעדער האָט בעסער געוואלט שטאַרבן, איידער צו לעבן אין אַזא ביטערן גלות; נאָר גאט האָט אונדזער פּיין און ליידן צוגעזען און האט אונדז אַ גאולה צוגעשיקט דורך זיין קנעכט משהן, מיט ניסים און מופֿתים אונדז פֿון לאַנד מצרים באַפֿרייט. פֿאַר אונדז דעם ים געשפּאַלטן, אין דער מדבר אונדז מיט מן געשפּייזט, פֿון אַ שטיין אונדז וואסער געלאָזט טרינקען, און וועל כּולם אונדז די תּורה הקדשה געגעבן אויף דעם באַרג סיני. אין דער תּורה הייסט ער גלויבן אין אים און מיר מעגן אים גלויבן! מיר דאַרפֿן האפֿן, אַז ער וועט אונדז אויך אויסלייזן פֿון היינטיקן גלות און יעדן איינציקן פֿון אונדז טרייסטן און ממלא זיין, וואס אונדז פֿעלט. מען טאָר נישט וויינען. יום-טובֿ, נאר האפֿן צו גאָט...

— און דו, מיין קינד, הייב אָן דעם „מה נשתנה" נאָך אַמאָל און זאָג: „פֿעטער, איך וועל אייך פֿרעגן די פֿיר קשיות!" דיין טאַטע

איז שוין געשטאָרבן און איז שוין איצט אַ גוטער מליץ פֿאַר אונדז אַלעמען... זאָג זשע „פעטער!"

דאָס קינד האָט די פיר קשיות געפרעגט מיט דעם נייעם נוסח. ר' שלמה האָט געענטפערט: „איז דער תּרוץ—עבדים היינו לפרעה במצרים!".. מיט דעם אַלטן ניגון הויך אויפן קול. בערעלע האָט נאָכגעצויגן, אויך אַ יידישער סאָלדאט און אַ פּאָר בטלנים, וואס האבן דא פסח געגעסן, האָבן זיך צעלאָזט אין דער הגדה אַריין און מען האָט קיין וויינען מער נישט געהערט. ר' שלמה האָט נישט געלאָזט זיין א־ימעטיק, אין בערעלע, וועלכער איז ערשט אַריין אין רעכטן טאָן, האָט זיך אויפגעהערט צו שעמען מיט זיינע עברי און האָט מיט ר' שלמהן מיטגעזונגען. ווי ביטער עס איז אויך צום מוט געווען, האָט מען געמוזט אָפּט אַ שמייכל טון פון בערעלעס עברי און פון זיין קול נגינה. אַז דער פעטער האָט באַמערקט, אַז דאס מאכט דעם עולם לוסטיק, האָט ער בערעלען אונטערגעגעבן חשק, ער זאָל נישט קוקן, וואס מען לאכט, און זאָגן ווייטער מיט דעם ניגון און אים מבטיח געווען, אַז דער רבונו של עולם האָט הנאה פון אים און בערעלע האָט געזאָגט און געזונגען, געטרונקען די כּוֹסוֹת און גע־שלונגען די פסחדיקע האלקעס ביז נאָך דעם אפיקומן, ביז נאָך חד־גדיא. אפילו שיר־השירים האָט ער נישט פארפעלט.

אויף מאָרגן איז ר' שימעלע געקומען ברכה מאכן. אויס־געפוצט איז ער געווען אין בגדי מלכות. אַן אַלטער טוכענער וואַטאווער מאנטל איז אויפגעהאנגען געווען אויף זיינע פּלייצעס און די ארבל האָבן אומגעשווומען אין דער לופטן פוןביידע זייטן. אריינקומענדיק, האָט ער דעם מאנטל נישט אויסגעטון. ערשט דאן, אז חייעלע איז אריינגעקומען און ער האָט איר דעם „גוט יום־טוב" אפגעזאגט און מען האט אים ווין מיט כיבודים צוגעטראגן, האט ער דעם מאנטל אראָפּגעווארפן פון זיך און איז געבליבן אין זיין גרינער לאסטינגענער קאפאָטע מיט א פּאר שווארצע וואל־אטלעסענע ארבל. אויך זיין נייע היטל האט כמעט אזא פּנים געהאט, ווי די קאפּאָטע. ווארים נאך אלע גליקן איז אים מער ווי צוויי גילדן ניט געבליבן און פאר צוויי גילדן האט דער קירזשנער אים אריינגערוקט א היטל פון עטליכע שטיקער געניצעוועטן געוואנט, וואס האבן געהאט די מראה פון זיין קאפּאָטע און פון זיינע ארבל... אזוי שווארץ און גריז, ווי די קאפּאָטע, איז אויך זיין מאָגער געזיכט געווען. רחלע

האט אים דערזען אין זיין אָרעמען פוץ, און זיין עלנט אויסזען האט אין איר הארצן ארחמנות אויפגעוועקט. זי האט אים זייער פריינטלעך „גוט יאר!״ געענטפערט אויף זיין „גוט יום-טוב״.

ר׳ שימעלע האט געמאכט ברכה, צוגעוווּנטשן לחיים חייעלען און האט פארביסן מיט א שטיק טאָרט, וועלכן ער האט געטונקט אין וויין. ער האט אפגעבראכן א שטיק טאָרט און האט דערלאנגט זיינע תלמידים. די קינדער האבן נישט געוואלט נעמען.

— נעמט, פראים! — האט ער געזאגט, — איצט בין איך נישט אייער רבי. האט קיין מורא נישט. איך האב אייך אלע מאָל מער ליב, ווי אנדערע קינדער, ווייל איר זייט גוטע, קלוגע קינדער!

ביי די רייד האט ער מיט זיינע אויסגעטריקנטע הענט זיי געגלעט און א קוש געטון און קאפ. חייעלע האט די קינדער געהייסן צונעמען ביים רבין, וואס ער גיט; ער האט זיי אויך געגעבן וויין און געזאגט א דין: וויין איז א חשובע משקה און מען מוז א ברכה מאכן פריער אויף דעם וויין: „בורא פרי הגפן״ און דערנאך אויף דעם טארט: „בורא מיני מזונות״. „איז דאס אלץ גערעדט, — האט ער דערקלערט, — אַז מען האט וויין, אבער אז עס איז נישטא קיין וויין און מען מאכט ברכה אויף בראָנפן, מאכט מען פריער א ברכה אויפן טארט און דערנאך אויפן בראָנפן „שהכל נהיה בדברו״. געדענקט זשע, קינדער!״ ער האט זיין תורה נאך אמאָל איבערגעפרעגט און די קינדער האבן דעם עקזאמען פון די ברכות אויסגעהאלטן. דערנאך האט ער פארזוכט פון די אנדערע כיבודים, און האט זיך גוט דערקונדיקט, פון וואס זיי זענען געמאכט געווארן, אלץ צו ליב דער ברכה. מער ווי אלץ האט ער געליובט די אינגבערלעך, און האט געזאגט דאקטאריש, אז אינגבערלעך זענען געזונט צום מאגן און אז משיח וועט קומען, וועלן אלע ימים-טובים בטל ווערן, אפילו פסח, נאר פורים וועט בלייבן. אזוי וועלן דאמאלס אויך אלע כיבודים בטל ווערן, נאר דער אינגבערלעך-כיבוד וועט בלייבן, ווייל אינגבערלעך פאלירט דעם מאגן.

— רבי, בלייבט ביי אונדז אויף מיטאג! — האָט חייעלע זייער פריינטלעך געבעטן.

שימעלע האָט אָן אויג געוואָרפן אויף רחלען און האט באַלד פאַרשטאַנען, אז איר איז די דאָזיקע איינלאַדונג נישט לרצון.

— איך וואָלט וויסן פריער, וואָלט איך אָנגעזאָגט דער אַלטער

מיינע, אַז זי זאָל נישט וואַרטן אויף מיר מיט מיטאָג, — וואָס ער גע-געבן צו פאַרשטיין. — איצט וואַרט זי מיט די קינדער און עס איז אַ רחמנות אויף זיי.

— קומט אַריין כאָטש אַ ביסל בייטאָג, — האָט חייעלע געבעטן, — איך וויל נאָך איבעררעדן מיט אייך וועגן די קינדער אויף דעם נייעם זמן; ווייסט איר, איך וויל נישט, אַז ביי אייך זאָל בלייבן אונדזער שכנס יינגל... אַ שיינער מענטש איז זיין טאַטע! ער זיצט שוין, ברוך השם, פאַר אַ גבהלע, נעבעך. דער מאַמן זיינער האָט מען געמוזט אויף יום-טוב פון מעות חטים אַריינשיקן. מיר שטייט גאָרנישט אָן, אַז מיינע קינדער זאָלן לערנען אין איין חדר מיט זייער קינד.

— אַ שאָד אפילו, — האָט שימעלע באַדויערט, — דאָס יינגל איז אַ שטיל קינד, און לערנט נישט שלעכט, נאָר אַז איר ווילט נישט וועל איך אייער רצון נישט אַריבער. חול-המועד, אם ירצה השם שיק איך אַריין זיינע ספרים אין שטוב אַריין און דאָס איז גלייך ווי מען שיקט אָפּ אַ כלה די תנאים... זיין מאַמע וועט זיך שוי שטויסן, וואָס מען מיינט... אַ גוטן יום-טוב!

חול-המועד איז שימעלע אַ פּאָר מאָל נאָך מעריב אַריינגעקומען טיי טרינקען און האָט מיט חייעלען גערעדט פעסט מכּוח דעם ענין הידוע. ער האָט איר מבטיח געווען, אַז דאָס איז אַ גליק פאַר איר און פאַר אירע קינדער. צוליב דעם וועט זי קענען טון מיט רחלען דעם שענסטן שידוך. חייעלע האָט אָ-ם אָבער אַלץ באַוויזן, אַז זי טאָר פריער קיין שידוך נישט טון מיט זיך, איידער זי וועט איר רחלען חתונה מאַכן. „קיינער ווייס נישט, ווו וועמען דער שוך קוועטשט"! — האָט זי דערקלערט.

שביעי של פסח, בייטאָג, איז רחלע געווען מיט אירע ברי-דערלעך און שוועסטערל ביים פעטער ר' שלמהן צו גאַסט. די מומע דבורה האָט זיי מכבד געווען מיט אירע בעסטע כיבודים. ר' שלמה האָט זיך מיט די קינדער קינדעריש געמאַכט און האָט מיט זיי אין ניס געשפּילט, מיט זיי געשטיפט, און געלאָזט זיך פאַר-עלענדן די אויגן, בעת זיי האָבן געשפּילט אין דער „בלינדער קו". דאָס האָט די קינדער זייער אַמוזירט, זיי האָבן געלאַכט און געפרייט זיך פון גאַנצן האַרצן. רחלע איז אויך געווען גליקלעך צו זען דאָס פאַרגעניגן פון די קינדער און דעם פעטערס ליבע און טרייקייט צו

זיי,, זי איז צו אים צוגעגאַנגען, אָנגענומען זיין האַנט און, קושנדיק זי, האָט זי געזאָגט:

— ווי נישט עלנט מיר זענען, אַז מיר פאַרברענגען ביי אייך, ליבער פעטער! און אַז איר רעדט מיט מיר, הער איך מיין זעליגן פאָטערס שטימע, אַז איר שפּילט מיט זיינע יתומימלעך, פיל איך זיין טרייהייט צו אונדז אין אייך. לעבט אונדז, ליבער פעטער, נאָך הונדערט יאָר!

— מיין ליב קינד, — האָט ר' שלמה געענטפערט, — דו זאָגסט אמת. איך לעב נאָר צוליב אייך. איך ווייס נישט, ווי עס וואָלט דעמאָלט געווען, ווען איך וואָלט געהאַט אייגענע קינדער, ווען צו ליבן און טריי צו זיין. נאָר איצט איז מיר קלאָר ווי דער טאָג, אַז נאָר צוליב אייך, איך זאָל אייך קענען טריי זיין, האָט גאָט, ברוך הוא, מיך געלאָזט לעבן לענגער פון מיינע יינגערע ברידער. דעריבער טאָר איך גאָרנישט קלערן, אַז איר זענט נישט מיינע קינדער... מיינע אייגענע זענט איר, אייערער בין איך, צוליב אייך לעב איך:... זיי זשע מיר, מיין ליב קינד, אַ גוטע, אַ פרומע טאָכ־טער, איך זאָל נאָך פיל נחת פון דיר און פון דיינע ברידערלעך דערלעבן, ווי איך ווינטש אייך און ווי איך בעט ביי גאָט פאַר אייך!

— טייערער פעטער, — האָט זי אויסגערעדט זייער גערירט פון זיין טרייהייט, — זייט אויך אַזוי גוט און אַזוי טריי צו משהלען, וועלכער איז נאָך מער עלנטער יתום, ווי מיר! ער איז אויך אייער קינד, זייט אים אויך אַ פאָטער. זאָל אייער גוט האַרץ נישט צעטיילט זיין: אונדז ליב — און אים פיינט — צו האָבן.

— ניין, מיין טאָכטער, — האָט דער אַלטער מיט אַ זיפץ געענט־פערט, — אים טאָר איך נישט ליב האָבן. ער איז ווייט פון מיר, און איך מוז, ווי אַ פרומער ייד, אויך מיין האַרץ פון אים דערווייטערן! ער פאַרדינט עס כשר, ער איז אַ שייגעץ!

— ער איז ווייט פון אונדז, אמת, — האט זי אויסגערעדט, — אָבער נאָנט צו אונדזער ליבן גאָט, אַזוי נאָנט, ווי מיר! ער איז נאָנט צו אונדזער האַרצן... פעטער, איך מוז אייך דעם אמת זאָגן: פאַרדינט ער, איר זאָלט אים פיינט האָבן, פאַרדין איך עס נאָך מער, דען איך ליב אים און וועל אים נישט אויפהערן צו ליב[ן] אפילו ווען צוליב דעם וועט איר מיך פיינט האבן! האט אי־

אים פיינט, האָט מיך אויך נישט ליב!... איך וויל נישט און קען נישט — גליקלעכער און געליבטער צו זיין, ווי ער!.. איך וויל אייך אויך נישט פאלש זיין. ביז איצט האָב איך פון אייך מיין הארץ האלב פאַרשלאָסן באהאלטן. נישט אזוי וואָלט געשען, ווען דער ליבער פאָטער וואָלט נאָך געלעבט. אים האָב איך אלץ דער־ציילט נאך איידער ער האט געפרעגט, נאָר מיין דערציילן איז געווען איבעריק. ער האָט עס געוווסט און מיר גליק צוגעווונטשן. איצט, אז איר זאגט מיר, און איך גלויב אייך, אז איר לעבט צו־ליב אונדז און איר זייט דעם פאָטערס יתומים דער צווייטער טרייער פאטער — דארף פאר אייך קיין כוד זיין דאס, וואס איז פאר אים קיין סוד נישט געווען... איך האב משהלען ביי אלץ, וואס מיר איז הייליק, צוגעשווירן, אז איך וועל אזוי לאנג אויף איםווארטן, ווי לאנג איך וועל לעבן... גאָט אין הימל איז מיין עדות, ווי טריי און ריין איך האלט די שבועה און וועל זי אויך האלטן אויף אייביק! דעריבער איז אַ זינד אַ גרויסע, איך זאָל אייערע טרייהייט געניסן, בעת ער האט נישט די דאזיקע טרייהייט!..

דער פעטער האט אַ באדויערנדיקן קוק געטון אויף זיין פלימע־ניצע און האָט געזאָגט:

— איך האָב עס געוווסט! דיין מומע וועט דיר זאָגען, וויפל איך האב מיר שוין מיין קאָפּ צעבראכן, אַן עצה צו געפינען, ווי יוצא צו זיין פאר גאָט און פאר אייך ביידע, מיינע ליבע קינדער. דו מיינסט, אַז איך זאג: „איך האב אים פיינט”, בין איך אים אַ שונא, חלילה? ניין, מיין הארץ ליבט אים אזוי הייס, ווי דיך. אין כעס נאר בין איך אויף אים!.. ער שרייבט: ער לערנט תורה, ער איז פרום און היט אפּ יידישקייט... צו וואס נארט ער מיך נאך? צו וואס גנבעט ער מיין הארץ? דערפאר בין איך אין כעס. ווארים בעת איך לייען זיינע בריוועלעך, מוז איך אין כעס זיין... גלייכער זאל ער מיר זאגן, אז ער איז אַ מופקר, ווי אלע געשטודירטע. אט וואלט איך וויסן, אז איך האב מער קיין פלימעניק נישט. דאן וואלט איך קענען זיך מיאש זיין פון אים, אים פיינט האבן, ווי איך האב פיינט אלע מופקרים. איצט, אז ער שרייבט אבער, אז ער איז פרום, ער איז אַ ייד, איז מיר דאס הארץ אויס־געריסן און צעבראכן, פארוואס זאל ער אזוי זיין פארבלאנדזשעט?

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז נישט איצט, וועט ער שפּעטער ווערן אַ הולטיי און אַ גוי; ער איז אָבער מיין אייגן בלוט. איך האָב אויף אים רחמנות און איך האָב אויף דיר אויך רחמנות, וואָס דו גלויבסט אים. אַזוי איז מיר מיין לעבן ביטער, ביז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען און באַווייזן מיר דעם אמת! מיט דיין מומען רעד איך אַלע נאַכט פון מיין בעט אַראָפּ, בעת מיינע דאגות לאָזן מיך נישט אַנטשלאָפן ווערן. גאָט זאָל איר יאָרן געבן פאַר איר גוטער עצה. זי הייסט דערווייל קוקן און שווייגן און שפּעטער, אַז עס וועט קומען די שעה, וואָס מיין דעה וועגן דעם וועט מוזן זיין אַ דעה און דער רבונו של עולם וועט זיך, חלילה, נאָך נישט דערבאַרעמען איבער אַהיים צו ברענגען, אָט דאַן, זאָגט די אַלטע מיינע, ווי אַ פרומע און קלוגע אשה — זאָל איך פאָרן צו אים, זאָל לעבן, און ער, זאָל לעבן, זאָל זיין עצה געבן, ווי דאָ זיך נוהג צו זיין. איך האָף, אַז דו, מיין קינד, וועסט אויך מיט זיין עצה צופרידן זיין. נישט אמת, דו ווייסט אַליין, אַז זיין עצה איז גוט און קלוג?

— איך האָב נישט קיין סיבה צו זאָגן, אַז זיין עצה איז נישט גוט, — האָט רחלע געענטפערט. — עס גלויבן דאָך און פאָרן צו אים אַזוי פיל יידן, מסתמא ווייס מען דאָך, אַז ער איז ווירקלעך קליגער און בעסער פאַר אַלעמען. איך וואָלט אים אַלץ אויסדערציילן, אים דערקלערן אַלץ, וואָס משהלע האָט מיר דערקלערט. ער זאָל מיך נאָר אויסהערן, וועט ער געוויס קיין אַנדער עצה נישט געבן, און ער וועט הייסן וואַרטן אויף משהלען; אָבער דערווייל, פעטער, זייט צו אים גוט, ווי אַ פאָטער, שרייבט אים גוטע בריוולעך, ווייזט אים, אַז איר זענט אים טריי און ביידע וועלן מיר גאָט בעטן פאַר אייך, ער זאָל אייך געזונט און יאָרן געבן, איר זאָלט לעבן נאָך הונדערט יאָר און נחת דערלעבן פון די יתומים, וואָס איר זענט זיי טריי און ליב! זאָגט מיר, פעטער, אַז איר ליבט משהלען, זאָגט מיר, אַז איר וועט אים פון איצט נאָר ברכות געבן און לאָזט מיך אייער האַנט קושן מיט ליבע און דאַנק פאַר מיר און פאַר אייער פלימעניק!...

— אַזעלכע מליצים טובים זאָל גאָט אונדז אַלעמען צושיקן, אויסצובעטן ביי אים פאַר אונדז און פאַרן כלל ישראל אַלדאָס גוטס! — האָט די מומע זיך אָפּגערופן. — וואָס פאַר אַ טייערער מליץ טוב דו ביזט, מיין קינד, פאַר אים! שלמה, איך זאָג דיר: זי איז

גערעכט, אַ האַרץ פילט אַ האַרץ! ער איז אַ גוטער און אַ פרומער, זאָג איך דיר, אַז נישט, וואָלט אונדזער גוטע און פרומע פליימעניצע נישט בעטן אזוי שטארק פאר אים!.. גיב איר נאך, און בענטש משהלען אויך אַזוי, ווי דו בענטשסט זי; האָט ער זיך באַנארעשט אַ ביסל, איז ער נאָך אַ יונג קינד. גאָט, ברוך הוא, וועט אים מוחל זיין. אָט געדענק מיינע רייד, דו וועסט נאָך נחת האָבן פון אים.

רחלע איז דער מומען אויפן האלדז געפאַלן און האט איר דאַנק מיט הייסע קושן אויסגעדריקט און אַ וואָרט נישט גערעדט.

— נו, זאל גאָט געבן, איר זאלט אמת זאָגן! זאָל גאט אים אזוי ליבן און בענטשן, ווי איך ליב און בענטש אים, ווען איך דערמאן נאָר זיין נאָמען! — האט דער אלטער אויסגערעדט און אַ פּאָר טרערן האבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. — זיי געטרייסט, מיין ליב קינד, — האט ער צו רחלען געזאָגט, זיין האַנט אויף איר קאָפּ אַרויפלייגנדיק. — איר זענט מיר ביידע גלייכע ליבע קינדער. אים קען איך נאָך מער ליב האָבן, ווי דיך, ווייל ער וועט אַ מאָל זיין מיין קדיש. קיין נעבטערן האט גאָט מיר נישט געגעבן. הלוואי זאל ער נאר אין גיכן קומען, ווי איך וועל אים ווי אַן אבן טוב האַלטן! גאט זאל פאר אונדזער צער און טרערן אונדז נחת אָפּגעבן!...

— אָמן! — האָט די מומע געענטפערט. —

אמן! — האט אוידרחלע שטיל און פרום אויסגערעדט.

דער פעטער איז געניגט געווען זיך פאַנאנדערצווויינען. דבורה האט דאס באַמערקט און האט אים דערמאנט, אז עס איז שוין מנחה-צייט און אים געשיקט אין בית-המדרש אַריין. ער האט נאך אויסגעטרונקען אַ ביסל וויין, זיך געזעגנט מיט רחלען און איז אוועק מיט ביידע יינגלעך מנחה דאווענען.

אין אַ ווײלע ארום איז אויך רחלע מיט איר שוועסטערל אהיים געגאנגען. אין וועג האָט זי שימעלען באגעגנט, ער האט איר פריינטלעך „גוט יום-טוב" געזאגט.

— איך בעט דיך, רחלע, — האט ער תחנונימדיק אויסגערעדט, — זיי נישט אין כעס, וואס איך קען מיין הבטחה נישט מקיים זיין און איך גיי צו אייך אזוי אפט. דו ביזט דאָך קיין נאר

נישט און דו ווייסט, אז הרבה שלוחים למקום, דאס איז טייטש: דער רבונו של עולם האט פיל שלוחים זיין ווילן אויסצעפירן אַ הוץ מיר אויך... וואס וועט דיר בעסער זיין, אז ערגעץ אַן אנדער ייד, אפשר גארנישט אזא נצרך, ווי איך — וועט אויספירן דעם ענין הידוע און וועט פארדינען די עטלעכע רובל, וואס איך קען זיי פאַרדינען? ווייסטו, וואס איך וועל טון מיט דעם געלט? באמנות, זיך נישט בויען אַ הויז! פשוט, איך וועל זען איינע פון מיינע בנות חתונה צו מאכן... איך זאל נאר אַ פופציק קערבלעך האבן, אויף קליידער און חתונה-הוצאות, וועל איך שוין באקומען אין בית-המדרש פאר איר אַן ארעם בחור. נאך דער חתונה וועט ער אויך קענען זיין אַ מלמד, ווי איך... גאָט ברוך הוא, שפייזט אלעמען, עס וועט פאר אים זיך אויך געפינען מסתמא. היינט פאַרשטייסטו שוין, פארוואס איך קען מיין הבטחה נישט מקיים זיין?..

די שטימע זיינע, מיט וועלכער ער האט זיינע רייד גערעדט איצט, די קנייטשן אויף זיין שטערן און זיין ארעמע האפענונג אויף אזא טרויעריקער צוקונפט פאר זיין טאכטער, האבן איר גוט הארץ באוועגט און זי האט אים אין האַרצן אלץ מוחל געוועז.

— רבי, — האָט זי געזאָגט, — נישט האט קיין פאריבל אויף מיר. איך בין ווירקלעך נישט קלוג געוועזן, בעת איך האב אייך געבעטן, צו אונדז נישט אריינקומען. זייט מיר מוחל, איך וועל שוין מער אזא נארישקייט נישט טון. איר זענט גערעכט: גאָט האט פיל שלוחים, זיין ווילן מוז געשען, איז נישט דורך דעם, וועט עס דורך אַן אנדערן אויסגעפירט ווערן... נאר אייער טאכטער, גלויבט מיר, רבי, ווינטש איך בעסערע גליקן, ווי איר זעט פאר איר... האפט צו גאט, ער קען אייך פאר אייערע קינדער נאך פיל גליק צושיקן! מיר זענען גוטע פריינט. רבי... אַ יאָ, איר האט מיר מוחל געוועזן?

— זיי נאר דו מיר מוחל, — האט ער געזאגט, — איך בין דיר מוחל במחילה גמורה. גאָט זאָל מיר אזוי אלע מיינע זינד מוחל זיין! דו מיינסט, איך פארשטיי נישט דעם צער פון קינדער ביי אזא ענין? איך פארשטיי, און דערפאר טוט מיר ממש דאס הארץ וויי. נאר אויך די אייגענע מעשה, פארוואס זאל איך ערגער אָדער בעסער זיין פאר אַן אנדערן? אַ גוטן יום-טוב, אַבי מיר זענען שלום!

רחלע האט דעם טאָג נאָך אציים געקעמפט מיט זיך נישט צו קלערן שלעכטע מחשבות אויף איר מוטער... בעת זי האט גע-דאוונט מנחה, האט איר הארץ געשריגן: „לערן מיך, גאָט, אזוי גרינג אויך מיין מוטער מוחל צו זיין, ווי גרינג איך האב דעם עלנטן שימעלען מוחל געווען! נישט זי איז שולדיק, שולדיק אין דעם איז דאס אומגליק, וואס דער ליבער פאטער איז געשטארבן!".

ג.

צוויי וואָכן נאָך פסח זענען אריבערגעגאַנגען, רחלע האָט געגוג געהאָט צו טון און צו קעמפן מיט זיך, זי זאָל קיין כעס און פאַריבל אין איר הארצן נישט פילן אויף איר מוטער, וועלכע איז באַ-שעפטיקט גאַנצע טעג מיט שניידערס און מיט אָנמעסטן נייע קליידער; אָבער נאָך מער אין כעס איז רחלע אויף זיך אַליין געווען. „איך בין אַ שלעכט קינד!" פלעגט זי זיך זאָגן. „איך בין אומגערעכט, איך דאַרף פון דער מוטער נישט פאַרלאַנגען, זי זאָל דעם פאָטער ליבן נאָך זיין טויט אַזוי ווי איך ליב זיין אָנדענק. זי האָט נישט דאָסזעלבע געפיל, וואָס איך. זי איז נישט שולדיק אין דעם, נאָר איך בין אַ שלעכטע, אַן אומגערעכטע! אנשטאט זיך צו פרייען מיט דעם, וואָס מיין מוטער לעבט און וויל לעבן, פאַרדריסט מיך, וואָס זי מאַכט זיך אַ שיין קלייד, וואָס זי פוצט זיך, אַזוי ווי מיט דעם וואָלט זי אויסן זיין, חלילה, מיר להכעיס צו טון".

איינמאָל האָט זי אין דער אַלטער רוסישער געשיכטע געלעזן, אַז ביי די סלאַוון איז אַן אַכזריותדיקער מנהג געווען מקבר צו זיין די לעבנגעבליבענע פרוי מיט איר געשטאָרבענעם מאַן. דאָס האָט אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. „וואָס פאַר אַ שרעקלעכער מנהג דאס איז געווען!" האָט זי מיט אַ שוידער איבער איר גאַנצן קער-פער אויסגערעדט. „האָבן דאָס יענע פרויען אַליין פאַרלאַנגט, דאַרפן איצטיקע פרויען זיך לערנען פון זיי, ווי טריי, ווי איבערגעגעבן צו ליבן זייערע מאַנען, אַז אפילו דער טויט האָט זיי נישט באַדאַרפט צעשיידן; האָבן דאס אָבער נאָר די מאַנען פאַרלאַנגט, זענען זיי ווילד און גרויזאַם געווען, אַזוי ווילד ווי יענע אַפריקאַנער, וואָס נאָך דעם האַרס טויט, טויט מען אויך אַלע זיינע שקלאַפן!... אָ, כמעט

אַזוי שלעכט איז מיין האַרץ קעגן מיין אייגענער מוטער!... פריי̈ען דאַרף איך מיך, וואָס די מוטער לעבט און וויל לעבן נאָך דעם פאָטערס טויט, און דאָך שמערצט עס אין מיר, ווען איך זע, ווי זי פאַרגעסט אים!... ווי אויסערליך איז דער מענטש. ווי שוואַך איז זיין קלאָרער פאַרשטאַנד, פינצטערע ווילדע געפילן פון זיך אַרויס־צוטרייבן!... גיב מיר, גאָט, כוח אַלץ, וואָס דו לאָזט געשען, פאַר גוט און ליב אָנצונעמען!"

נאָך דער דאָזיקער איבערלייגונג איז זי רויִקער געוואָרן און האָט אָנגעהייבן דער מוטער צוהעלפן ביים אָנמעסטן אירע נייע קליידער, פריילעך צו זיין און נישט לאָזן מערקן, אַז ביי איר אין האַרצן פילט זיך אַ ווייטיק, וואָס נאָך אַלע איבערלייגונגען שמערצט איר פאָרט און זי איז נישט אימשטאַנד נישט צו פילן.

דער פרילינג האָט שוין אין דער צייט געהערשט אויף דער וועלט. די ביימער לעבן די פענצטער פון חייעלעס הויז האָבן שוין זייערע בלעטלעך פאַנאַנדערגעלאָזן, און די ערשטע גרינקייט פון גראָז האָט צוגעפוצט דעם גרויסן סאָד הינטער איר שטוב. דאָ, אין סאָד, פלעגט רחלע צוזאַמען מיט איר קליין שוועסטערל — פאַר־ברענגען אירע לײדיקע שטונדן צוצופוצן, אַרומצושערן און אויס־צוגלייכן די צווייגן, ווי עס האָט איר אַמאָל דער הויפישער סאַדאָווניק געלערנט. דאָ פלעגט זי זיך אויסוויינען, בעת דער קאַמף אין איר פלעגט צו שטאַרק ווערן און אירע טרערן פלעגן אויף די יונגע בלימעלעך פאַלן... דאָ פלעגט זי אויך גאָט בעטן, ער זאָל איר שלעכט האַרץ אין איר אויסבעסערן און שטאַרקן עס מיט געדולד, זי זאָל קענען אַ טרייע טאָכטער זיין איר מוטער אין יעדן פאַל...

איינמאָל, פאַרנאַכט, איז מיט אירע ברידערלעך פון חדר מיט־געקומען שימעלעס עלטערער ייִנגל. ווי דאָס ייִנגל האָט רחלען דערזען, איז עס צוגעגאַנגען צו איר און דערלאַנגט איר אַ בריוועלע. רחלע האָט דאָס קינד געהייסן וואַרטן ביז זי וועט איבערלעזן. זי האָט אָנגעהייבן לייענען:

„להבתולה היפה כפני חמה וכפני לבנה, צנועה וחכמה במדת החסד והרחמים מרת רחל בת אליעזר הכהן ז"ל תחי' עד בלי ירח אמן נצח סלה ועד!"

„גוטע רחלע, מיר האָבן כידוע איינע די אַנדערע מוחל גע־ווען. דו אַליין האָסט מיר געזאָגט מיט גרויס חכמה, אַז איך מעג

צו אייך אַריינקומען בכל עת ובכל זמן, ווען נאָר איך וועל דאַרפֿן אַריינקומען, נישט אמת, אפשר? ובכל זאת (פונדעסטוועגן) זעסטו דאָך, אז איך קום נישט. ווייסטו אָבער איבער וואָס? פשוט! די מעשה איז גאָר פשוט: דיין טייערע מוטער חייעלע שתחי' האָט מיר געליִען אַ גביע של כסף (אַ בעכער אַ זילבערנעם) לכבוד די פיר כוסות צום סדר, און מיין פלונית קענסטו דאָך, וואָס האָט זי געטון? האָט זי גענומען דעם בעכער און האָט אים אַוועקגעטראָגן צו לייבקע דעם מלוה, זאָל אים קיין גוטער ייד נישט קענען, — און געליִען אויף אים אַ' רובל וחצי; נאָך יום-טוב איז מיר דאָך אַ בזיון געוואָרן פאַר דיין מוטער. איך האָב געוואָלט איר אָפּבּרענגען דעם בעכער בתשואות חן (מיט דאַנק) און ווי עס איז מאליו מובן (ווי עס פאַרשטייט זיך), איז דאָך אפילו אַ קאָפּיקע וחצי ביי מיר אין מיין גבול אויך נישטאָ, וואָרים ביז מען לערנט נישט אריין מיט מיינע תלמידים אַ דריי פיר וואָכן, קען מען קיין שכר לימוד נישט בעטן — בין איך אויף אַן עצה געפאַלן און האָב גענומען מיין בגד עליון, — אָט טאָקע דעם אייגענעם, וואָס איך בין אין אים געוועזן ביי אייך יום-טוב, און בין געקומען צו לייבקען, ער זאָל צונעמען במשכון דעם בגד עליון מיינעם תחת הגביע (אנשטאט דעם בעכער), אָבער גם הוא חכם, ער זאָגט אז ער איז אויך נישט קיין שוטה און האָט מיר געענטפערט — אָבער גאָר לא, לא מיט אַן אלף... ווייסטו וואָס לא מיט אַן אלף באַטייט? פשוט: „ניין, ניין און ניין!"... אַ נאַר, זאָגט ער, וועל איך זיין, אייך אַוועקגעבן אַ בעכער, וואָס ער איז אַ מציאה כ"ה קערבלעך און צונעמען אייער בגד עליון, וואָס איז נישט ווערט, מען זאָל אים אין האַנט אַריינ-נעמען. דער היוצא מדבריו איז דאָס: דערווייל ליגט נאָך דער בעכער ביי אים, ימח שמו, מיין בגד עליון ביי מיר, און מיר איז ביטער משני הצדדים. איינמאָל, אַז מיין בגד עליון ליגט אין דער היים, איז פאַר אים אַ גרויסער חסרון, פאַרשטייסטו: ער וואַלגערט זיך, און אז ער וואַלגערט זיך, כאַפּט אַ מאָל דאָס ווייב מיינס און דעקט צו אַ קינד מיט אים, אַז נישט כאַפּן אים די בנות מיינע און בעטן אים גאָר אונטער, און עס ווערט אַ תל פון אים. שנית, מוז איך דיר מודה זיין, אַזוי ווי מיר איז ידוע, אז אמך שתחי', פאָרט די טעג צו אים, זאָל לעבן. ער, זאָל לעבן, וועט בוודאי מסכים זיין אויף דעם שידוך מיט ר' פנחסלען יחי', וואָס איך האָב מציע גע-

חען — וועט דאָך מסתמא דער ענין נגמר ווערן בכי טוב, און אַז איך זאָל זיך, חלילה, נישט זען מיט איר פאַר איר אַוועקפאָרן, וועט זי דאָך גאָר פאַרגעסן, אַז איך האָב געהאָרעוועט וועגן דעם און אז איך בין דער ערשטער שדכן בזה הענין. נמצא, ווערט געפונען אז איך וועל דערפון אַ קאָפּיקע נישט האָבן, און מיין טאָכטער, וואָס פאַר איר מיין איך צו פאַרדינען די עטלעכע קערבלעך, וועט נאָך ווייטער מוזן וואַרטן אויף איר זיווג, ווי זי האָט געוואַרט. און דו אליין האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו האָסט רחמנות אויף איר, היינט טאַקע פאַרוואָס זאָלסטו נישט זען מיר צוצוהעלפן, איך זאָל טאַקע פאַרדינען אַ כ״ה קערבלעך אויף נדן און תכשיטין פאר איר?

אָט איבער אלה הטעמים איז ביי מיר געבליבן בעטן ביי דיר אַ טובה: דו זאָלסט צונעמען מיין בגד עליון צו זיך במשכון און זאָלסט מיר לייען אויף אים שני רובל כסף, וועל איך אַ רובל והצי אָפּצאָלן לייבקע דעם מלוה קרן און אַ חצי קערבל פראָצענט, ימח שמו! זאָל ער עס אויסקרענקען! אָט אַז איך וועל קענען אָפּברענגען דעם בעכער, וועל איך שוין קענען זיך זען מיט דיין אמך שתחי׳ פאר איר אַוועקפאָרן בשעה צלחה און איך וועל איר שוין קענען בעטן, זי זאָל קיין אַנדערן שדכן דאָ נישט לאָזן גאָר אַ יד האָבן. מיין טאָכטער וועט דורך דעם געהאָלפן ווערן און בשכר זה וועסטו געבענטשט ווערן בברכות כל טוב סלה, נאום שמעון מלמד״.

זי האָט דאס בריוול דורכגעלעזן, דעם יינגעל געגעבן צוויי רובל און אים געהייסן זאָגן זיין פאָטער, אז זי ברויך נישט זיין בגד עליון.

„איז דאס מעגלעך?״ האט זי זיך געפרעגט אַ גאַנצע נאַכט, נישט קענענדיק אנטשלאָפן ווערן איבער די נייס, וואס שימעלעס בריוועלע האט איר אנגעזאָגט. ווי קען עס זיין, אז דער רבי, וואס צו אים פארט מען פון נאָנט און פון ווייט, זיין עצה אויסצוהערן און זיין ברכה צו נעמען, קען עס זיין, ער זאָל אַן עצה געבן אַ פרוי, אַ מוטער פון קליינע יתומים, זי זאָל פאַרגעסן איר חוב צו איר געשטאָרבענעם מאן און צו זיינע לעבעדיקע יתומים און נעמען אויף זיך אַ נייעם חוב, אַ חוב פון אַ פרוי צו אַ צווייטן מאַן, אַ חוב פון אַ שטיפמוטער צו שטיפקינדער? ניין, איז ער אַ חכם,

וועט ער מיט שכל איר דערקלערן, אז דאס בעסטע גליק פאר אַ מוטער איז טריי צו דערציִען אירע קינדער. איז ער אַ צדיק, וועט ער איר זאָגן, אַז גאָט אַליין איז נישט צופרידן, ווען אַ פרוי פארגעסט אזוי גיך איר געשטאָרבענעם מאן... נאָר ווער ווייס, אויב זיין חכמה איז אזוי גרויס, ווי זיין תורה און אויב זיין תורה איז אויך מיט חכמה?"

אז די זון האט אָנגעהייבן אַריינשיינען דורך אירע פאַרהאנגענע פענצטער, איז זי אויפגעשטאַנען, זיך איינגעוואַשן און ארויס אין סאָד. דער פרישער אנגענעמער גערוך פון די יונגע גראָזן און בלעטער האָט זי דערפרישט. ערגעץ פון אַ ווייטן בוים האט זי דערהערט צום ערשטן מאָל אין דעם פרילינג דאס ליבלעכע געזאנג פון אַ זינגפייגעלע, וועלכעס האט אין מונטערע און פריילעכע טרעלן זיין מאָרגנלידעלע געזונגען. רחלע האט זיך שטיל נענטער צו־געצויגן, צו הערן דאס פייגעלע, און אז זי האט דעם קליינעם זינגער דערזען, האָט זי געזאָגט:

„שלום עליכם דיר, ליבער גאַסט! זיי מיר ווילקאָמען, מיין ליב פייגעלע! אַך, ווייסטו שוין, אז דיין גוטער ווירט, וואס האט דיך און דיינע חברים שטענדיק אזוי ליב געהאט, אזוי גערן אייערע לידעלעך צוגעהערט און אייער רו און פרייהייט דאָ אין זיין גאָרטן קיינמאָל געשטערט — ווייסטו שוין, אז אָט דער גוטער ווירט איז שוין אויף דער וועלט נישטאָ?"...

„דערצייל מיר, פייגעלע, פון וואנען קומסטו? ביזטו אין דיין ווייטן וועג איבער יענם פעלד אַריבערגעפליגן, ווו מיין פאָטער רוט איצט? האָסטו אפשר אויף זיין קבר זיך אָפגעשטעלט? זאָג, וואַקסן גרעזעלעך, בליען בלימעלעך אויף יענעם הייליקן בערגל? וועלכן גרוס האט דער גוטער פאטער דורך דיר זיינע קינדער געשיקט, וועלכע גוטס און האפענונג זאגסטו מיר אָן מיט דיין לידעלע?.. אָ, ווי וויל איך דיין שפראַך קענען! מיר וואָלטן זיך איינ־אנדער בעסער פארשטיין, ווי אַ מענטש אַ מענטשן פארשטייט, ווי אַ קינד אפילו זיין מוטער און ווי אַ מוטער איר קינד קענען זיך פארשטיין!"...

„זינג, פייגעלע, אומבאַזאָרגט, אומשולדיק באַשעפעניש! זינג דיין לידעלע מיר ווייטער! דו מעגסט זינגען, דו זעסט פיל מער, ווי מיר, שטאָלצע מענטשן... פון דער הויך קוקסטו אויף אונדז

אַראָפּ, ווי מיר קריכן דאַ אין שטויב און זעען נישט וואָס פאַר אונדז איז, ווי דאָס, וואָס טוט זיך הינטער אונדז... דו ביזט גליקלעכער און פרייער פאַר אונדז, גרינג האָט דיך גאָט באַשאַפן, דו ברויכסט קיין פערד און וואָגן נישט, דו ווייסט אויך אַלע וועגן, וווּ ס'איז בעסער פאַר אונדז! אומעטום בליען בלומען פאַר דיר, וואַקסן הויכע ביימער, דיר אַ נעסט אויף זיי צו לאָזן בויען, דיין דירה. דיין עסן געפּיסטו, וווּ דיין האַרץ גלוסט. פאַרוואָס זאָלסטו נישט זינגען?"...

„דיינע פליגעלעך, ליב פייגעלע, ליי מיר און איך וועל פליען אַהין אַ קוק טון אויף יענץ בערגל, וואָס דעקט מיין ליבן טאַטער צו! ווי ווילט זיך מיר אים אַ גרוס ברענגען פון זיינע יתומימלעך, זיך אויסוויינען פאַר אים, אים אויסדערציילן אַלץ, וואָס פּרעסט מיר מיין האַרץ!... דיינע פליגעלעך ליי מיר, שיין פייגעלע, און איך וועל ווייטער פליען אַ קוק טון, ווי מיין משהלע זיצט איצט פאַרטיפט אין תורה און חכמה, וואָס ער לערנט. איך וועל אים פון זיין לערנען נישט שטערן, נאָר פון ווייטן אים צושרייען: משהלע, פאַרגעס נישט אָן אונדזער גוטן גאָט, בלייב אַ פרומער ערלעכער ייִד, ווי דו האָסט דיין רחלען געשוווירן! דאַן וואָלט איך צוריק געקומען, דיר דיינע פליגעלעך צוריק אָפּגעבן און דאָ ביי מיינע יתומימלעך וואַרטן אויף דיר איבער אַ יאָר נאָך אַמאָל אַזוי צו טון. אָ, טאָמער ווייסטו, וועלכע נייס וועט מיט אונדז געשען ביז איבער אַ יאָר?"...

„ניין, דו קענסט מיר דיינע פליגעלעך נישט געבן און איך קען דיין שפּראַך נישט פאַרשטיין!... זינג, מיר איז דיין געזאַנג ליב, כאָטש איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו זאָגסט דערין. דו מעגסט אויך דאַן זינגען, ווען דו אַליין ווייסט נישט פון דעם, וואָס דו זינגסט. דו ווייסט אויך פון אונדזערע מענטשלעכע דאגות נישט און דיין קעפּעלע טוט דיר נישט וויי, קלערנדיק: צי איז אונדזער רבי קלוג און פרום, אָדער ער איז אויך קליגער ווי פרימער!"...

מיט די ווערטער האָט זי איר פול האַרץ אויסגעגאָסן, נישט פאַר דעם שפּראַכלאָזן גאַסט, נאָר פאַר זיך אַליין, און דאָ אונטערן בוים איז זי זיצן געבליבן און זיך צוגעהערט דאָס זינגען, ביז די זון האָט מיט אירע שטראַלן גלייך אין איר געזיכט אַריינגעשיינט. זי האָט מיט אירע הענט פאַרשטעלט דאָס געזיכט און נישט גע-

וואָלט אוועקגיין פון דעם אנגענעמען ארט. ענדלעך האט זי זיך דערמאנט: עס איז שוין צייט די קינדער אויפצוועקן, זיי זאָלן קדיש אין שול נישט פאַרשפעטיקן; זי האָט זיך אויפגעהייבן, אַרום־געקוקט אַ ביסל דעם גאָרטן. שיינע בלימעלעך האָבן זיך פון אַ שטיל ווינטל אייגעבויגן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט פריינטלעך גריסן די, וועלכע זאָרגט פאַר זיי. אַלץ איז דאָ אַזוי יונג און פריש, צעפרידן און זאַפטיק. זי האָט זיך פון קיין זאַך נישט געקענט אָפּוונדערן.

„דאָ איז אַלץ גוט און ליב", האָט זי פאַר זיך געזאָגט, „אַלץ איז מיר ליב, אַלץ איז מיר דאָ פריינטלעך. איך קען מיט אַלץ, וואָס מיין אויג זעט דאָ, צעפרידן זיין. גאָטס פרידן זע איך אין זיין שיינער נאַטור! ווי ווילט זיך מיר פון דעם גן־עדן נישט אַרויס! ווי ווילט זיך מיר נישט אַהין צוריק אין שטוב אַריין, וווּ די נאַטור פון אַ מוטער איז אפילו צו אירע קינדער נישט מער טריי! גאָט, דאָ ביזטו נענטער... דאָ בעט איך דיך, דו זאָלסט דער מוטערס ליבע צו אירע קינדער דערהאַלטן און נישט לאָזן אָפּגעקילט ווערן פון אַ זייטיקן ווינט, וואָס בלאָזט איבער איר!... אָ, גאָט אין הימל, שענק אונדז אונדזער מוטערס טריי האַרץ אויף תמיד! דאָ, וווּ איך באַוווּנדער דיין חסד און גוטסקייט צו יעדן גרעזעלע און בלימעלע, לאָז דאָ אויך די קליינע יתומים וואַקסן און געדייען, זיי זאָלן דאָ בליען און תמיד פריש זיין אונטער דיין שוץ, אונטער דיין שאָטן!"...

אַז זי איז אין שטוב אַריין, איז שוין די מוטער וואַך געווען. רחלע האָט איר צום בעט נעגל־וואַסער צוגעטראָגן, איר אַ ווייס געהאָפּ־טענעם מאָרגן־יאַקל דערלאַנגט. די מוטער האָט פאַרלאַנגט טיי טרינקען, זיצנדיק אין בעט. רחלע האָט דאָס אויבערשטע פון די איינ־געבריטע מילך אַראָפּגענומען, אין אַ גלאָז אַריינגעגאָסן און צוגעטראָגן דער מוטער אויף אַ ריין טעצעלע אַ גלאָז טיי צום בעט.

— ווייסטו נישט, מיין טאָכטער, — האָט חייעלע געפרעגט, — וואָס קען עס זיין, וואָס דער קינדערשער רבי זעט זיך גאָרנישט? אָט דאס האט מען פון די קבצנים, אַז מען לייט זיי עפּעס... לא די וואס זיי ברייגען נישט אָפּ, וואס מען לייט זיי, זעט מען זיי שוין אין די אויגן נישט מער אפילו, ווען מען דאַרף זיי?

— ער וועט היינט דעם בעכער אָפּברענגען, מוטער, — האָט רחלע פאַרזיכערט. — ער האָט זיך געשעמט צו קומען, ווייל דאס

ווייב זיינס האָט אָן זיין וויסן, ווי ער זאָגט — דעמזעלבן בעכער אין משכּון געלייגט. נאָר איצט, ווייס איך, האָט ער שוין דאָס געלט אויסצעלייזן און וועט היינט קומען.

— איך האָב באַדאַרפט מיט אים וועגן עפּעס איבעררעדן, — האָט חייעלע דערקלערט, — זאָג אָן די קינדער, אַז ווען זיי וועלן אים צום דאַווענען זען אין בית־המדרש, זאָלן זיי אים זאָגן, ער זאָל באַלד אַהער קומען, נאָך איידער ער גייט אין חדר אַריין.

רחלע האָט די קינדער אָנגעטון, זיי געגעבן טיי און פאַר זייער אַוועקגיין אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זאָגן זייער רבין, אַז די מוטער בעט אים, ער זאָל באַלד קומען.

— דו ווייסט, מיין טאָכטער, — האָט די מוטער געזאָגט, פון איר שלאָפצימער אַרויסגייענדיק, — איך רעכן נאָך היינט אַריבערצופאָרן צו אים, זאָל לעבן. אין וועג פון דער פינצטערער נסיעה, נישט איצט געדאַכט, האָב איך אַ נדר געטון צו זיין ביי אים, זאָל לעבן, און אים אַ מתנה אַוועקפירן פאַר זיין גוטער ברכה, איך זאָל קענען אַהיים קומען, אַ מוטער מיינע קינדער צו זיין. מיר דאַרפן זיין ברכה און זיין עצה אויף ווייטער אויך, זאָל דער צדיק פאַר אונדז גאָט בעטן!

— מוטער! — האָט רחלע שטיל, אָבער פייערלעך אויסגערעדט. — גאָט איז דאָ אויך מיט אונדז אַזוי נאָנט, ווי דאָרטן. דאָ קענען מיר אים אויך בעטן! קום אין סאָד אַריין, באַטראַכט זיין חסד און זיין רחמים צו יעדן גרעזעלע, זיין ברכה און גוטס צו יעדן ביימעלע און זע, אַז ער איז דאָ אויך אַזוי נאָנט, ווי דאָרט ביים רבין!... ווי שטיל דו וועסט אים דאָ נישט בעטן, וועט ער דיין תּפילה צוהערן. וואָס ברויכסטו אַהין צו פאָרן, דער רבי זאָל פאַר אונדז תּפילה טון? איך פאַרגין דעם רבין גערן דיין מתנה און פּדיון, וואָס דו גיסט אים, אָבער דאָס קען מען אויך דורך אַן צאַדערן צושיקן; בלייב דו ביי דיינע קינדער, וועלכע בענקען נאָך דיר, בעת דו פאָרסט אוועק! אַז איך וואָלט אַ רבי זיין און צו מיר זאָלן יידן קומען מיט אַ פּדיון, איך זאָל פאַר זיי גאָט בעטן, וואָלט איך זיי זאָגן: מיינע ליבע יידן, גאָט דער איינציקער איז אייער גאָט אַזוי גוט, ווי מיינער, בעט אים אַליין מיטן גאַנצן האַרצן, זייט אייך אַליין פרום און גוט, צו וואָס פאַרלאַנגט איר, איך זאָל פאַר אייך מתפּלל זיין, בעת יעדער קען אים

אַזוי גוט בעטן, ווי איך? ווייס איך דען בעסער פאַר אייך, וואָס אייך פעלט?...

— דערפאַר, מיין טאָכטער, — האָט די מוטער דערקלערט, — ביזטו קיין רבי נישט. דו ביזט נאָר אַ זינדיקע אשה. אַ קינד ביזטו און וואָס ווייסטו, וואָס אַ רבי איז? אָט דאס איז די גאַנצע זאַך, וואָס ער ווייס בעסער פאַר אונדז, וואָס אונדז פעלט! פאַרוואָס שיקסטו נאָך דעם דאָקטאָר, בעת אַ קינד ווערט, חלילה, קראַנק, און גיסט אַליין קיין רפואה נישט? דו דערציילסט דעם דאָקטאָר, אַז דאָס און יענץ טוט דיר וויי, און דער דאָקטאָר ווייס שוין, אַז נישט דאָרט, וווּ דיר טוט וויי, איז די קראַנקהייט, נאָר ערגעץ אין מאָגן אָדער אין האַרצן. אַזוי איז דער רבי, זאָל לעבן, אויך: מיר, פשוטע, מענטשן, מיינען אויך — דאָס פעלט אונדז, יענץ דערגייט אונדז נישט. אין אמתן אָבער זענען מיר גרויסע הולאים. מיר ווייסן אַליין נישט, ווי קראַנק מיר זענען. מיר ווייסן גאָרנישט ריכטיק, וואָס און וועגן וואָס ביי גאָט דעם לעבעדיקן צו בעטן... דעריבער דערציילן מיר דעם רבין, זאָל לעבן, אונדזער האַרץ און ער פאַרשטייט שוין וואָס אונדז פעלט און ער זוכט די רפואה פאַר אונדז, כאָטש מיר ווייסן אליין נישט, ווי קראַנק מיר זענען, חלילה... פאַרשטייסטו, מיין טאָכטער, צו ליב וואָס יידן פאָרן צו אים, זאָל לעבן?

— אָבער, ליבע מוטער, פאַרשטייסטו דען נישט, — האָט זי זיך אָפּגערופן, — אַז גאָט איז נישט אַזוי אומוויסנדיק, ווי אונדזער אַפּטייקער, וועלכער ווייס נאָר די רפואה צו געבן, וועלכע דער דאָקטאָר פאַרשרייבט? ניין, גאָט איז דער דאָקטאָר און אַליין אויך דער אַפּטייקער. ער פאַרשטייט פון אונדזער בעטן אונדזערע אמתן פעלער און שיקט אונדז צו די אמתע רפואה, וועלכע ער ווייס, כאָטש מיר בעטן עפּעס אַנדערש! דער רבי קען אים בעסער נישט דערקלערן, ווי ער פאַרשטייט אַליין, און צו וואָס ברויכסטו איצט דיינע קינדער דאָ צו לאָזן און פאָרן צום רבין? איך האָף, אַז דו ביזט אויך נישט שוואַך, חלילה, און גאָט צו דאַנקען, אונדז פעלט גאָרנישט; לייט זענען אונדז מקנא און ווינטשן זיך אַ העלפט צו האבן פון אלץ, וואס איז, ברוך השם, ביי אונדז צו זען; אונדזער זאַוואָד טראגט אונדז פרנסה בכבוד, אויך פרעמדע האבן חיונה אַרום אונדז און זיי זענען

אונדז געטריי. איך אַליין און דער גוטער פעטער גיבן אַכטונג, עס זאָל אַלץ גיין אין אָרדענונג, ווי עס איז געגאַנגען. מיר האָבן אונדזער אייגן הויז, אייגענעם גאָרטן, אויך אַ סאַד א שיינעם, אייגענע קי, מילך און פוטער, און ברויכן נישט צו קויפן פאַרן גראָשן, ווי אַנדערע... איך קוק זיך אָפט צו, ווי אַנדערע לעבן, ווי זיי קווענלן זיך, נעבעך, מיין איך: קיין רייכערע און גליק־לעכערע פאַר אונדז זענען גאָרנישטאָ! איך זע חאַשע די אלמנה, נעבעך, מיט אירע אָרעמע יתומים, ווי זיי וווינען אין אַ האַלב איינגעפאַלענעם שטיבעלע, און ליידן געוויס הונגער און נויט יעדן טאָג און חאַשע ווייס קיין אַנדער דאגה אין דער וועלט נישט, ווי נאָר אַ מוטער אירע קינדער צו זיין... פאַר זיי זאָרגט זי, פאַר זיי הארעוועט זי, נעבעך, טאָג ווי נאַכט. אַז איך זע זי, לויב איך גאָט פאַר זיין חסד, וואָס כאָטש איך בין אַזא יתומה, ווי חאַשעס טאָכטער — פעלט מיר גאָרנישט, און מיין מוטער קען רויק און צעפרידן זיין, קוקנדיק אויף אירע קינדער און גאָט דאַנקען פאַר זיין חסד! ליבע מוטער, וועלכע אַנגסט און זאָרג האסטו, חלילה, וואס איך ווייס פון זיי נישט און דו ווילסט זיי נאָר דעם רבין דער־ציילן, ער זאָל פאַר דיר גאָט בעטן?

— איך זינדיק, חלילה, נישט, מיין קינד, — האָט חייעלע גע־טרייסט. — קעגן אַנדערע בין איך באמת אַ גליקלעכע. אָבער איך בין פאָרט אַן אלמנה. אַלע, וואָס ווינטשן מיר בייז, זאָלן בלייבן אין זייערע יונגע יאָרן כאָטש אין מיין שטאַנד!...

— מוטער, — האָט רחלע אויסגערעדט, — דער רבי וועט דיר דעם פאטער נישט לעבעדיק מאכן און דיינע קינדער אַ טרייער פאָטער איז גאָט אַליין. אים בעטן מיר פאַר דיר, אים דאַנק דו פאַר אונדז!

— ניין, מיין קינד, מיין נדר מוז איך מקיים זיין, — האָט די מוטער אַנטשיידן געענטפערט. — די גאַנצע וועלט פאָרט צום רבין, זאָל לעבן, קליגערע, פרומערע און אויך רייכערע פאַר מיר. מסתמא דאַרף מען פאָרן, מסתמא איז דאָך דאָ צו וועמען צו פאָרן! פאַר דיר, מיין קינד, פאָר איך איצט... דו מיינסט אַלץ, אַז דו ביזט אַ קליין מיידעלע, צייט שוין פאַר דיר צו זארגן, זיך אַן עצה פרעגן. נישטאָ מער דיין טאַטע, וואס זאָל זארגן פאַר דיר... האָב שכל, דיין מאַמע ווייס, וואס זי טוט!...

— גאָט אַליין זאָרגט פאַר מיר, ליבע מוטער, ער ברויך קיינעם נישט, ווער עס זאָל אים העלפן זארגן! — האט רחלע גע-ענטפערט און איר געזיכט האט פון אינערלעכער באַוועגונג געברענט, ווי אַ פייער.

— אמת, מסתמא זארגט גאָט פאַר דיר און פאר אונדז אַלעמען, — האט די מוטער מסכים געווען. — אָבער גאָט אַליין רעדט נישט מיט אונדז, זינדיקע. דעריבער פארן מיר צו דעם צדיק, ער זאָל אונדז גאָטס רצון זאגן צום גוטן צו טון!

די מוטער האט מער אויף איר ענטפער נישט געוואַרט און איז אין קיך אַריין, אָנזאָגן, וואָס צוצגורייטן פאר איר אין וועג אַריין.

אין אַ שעה אַרום איז שימעלע געקומען, און האט דא פריש-טיק געגעסן, און נאָכדעם מיט חייעלען זייער אַן ערנסטן געשפרעך געהאַט. אז ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט חייעלע רחלען געזאגט:

— איך האָב אים מיט אַ בכוון געשיקט רופן, איך זאָל אים אַליין אנזאגן, אַז ער זאָל די קינדער אין חדר נישט שלאָגן און נישט קוקן אויף זיי, ווי זיי וואָלטן, חלילה, נישט האבן ווער עס זאָל אויף זיי אכטונג געבן. אַ פינגער, אז ער וועט אויף זיי ארויפ-לייגן אין דער צייט, וואס איך וועל אין דערהיים נישט זיין, וועט ער זיך נישט קענען אויסצאָלן. איך וועל זיי ביי אים אין מיטן זמן אָפנעמען. ער איז נישט איינער ביי אונדז אין קליינינקן. אגב, האב איך אנגעזאגט, ער זאָל היינט די קינדער אין גאנצן פריי לאָזן, איך זאָל זיך קענען געזעגנען מיט זיי.

מיטאג האט מען היינט געגעסן פריער, ווי אַלע מאָל. זי האט געשיקט בעטן ר׳ שלמהן מיט זיין פרוי צום געזעגן-מיטאג.

— זאג איר,—האט ר׳ שלמה צו בערעלען געזאגט,— אז איך שיק איר מיין ברכה, זי זאָל פאָרן געזונט און קומען געזונט. דבורה קען אויך נישט גיין, ווייל איך וויל אַליין אין שטוב נישט בלייבן!

פיר אַ זייגער איז בערעלע צוגעפארן מיט אַ פאר גוטע פערד, געשפאַנט אין אַ שיין ברישקעלע, און האט דערווייל אַ ביסל די קינדער אומגעפירט ארום שטוב. מען האט ארויסגעטראגן אַ גרויסן שעפעט פול מיט קליידער, אויך קערב און קערבלעך מיט עסנווארג און ווייַן, און מען האט עס גוט איינגעבונדן און איינגעפאקט; פאר אַ שומר אין וועג האט חייעלע מיטגענומען אַ יונג ווייבל, וואס

לעבט שוין צוויי יאָר מיט איר מאַן און גאָט האָט זי נאָך מיט אַ קינד נישט באַגליקט. הייעלע האָט זיך מיט די קינדער צעקושט, די מענטשן אין שטוב אַ שיינע אַטיעזדנע געלאָזן. בערעלע האָט די פערד אַ שמיץ געטון און ביז נאַכט זענען זיי געקומען צו דער רוויטער קרעטשמע, וואָס איז אין מיטן וועג געוועזן צווישן קליניק און ווינגאַראַדקאַ, דעם רבינס רעזידענץ.

ביי נאַכט איז ר׳ שלמה געקומען מיט דבורהן און האָבן רחלען געטרייסט, כאָטש זי האָט זיך נישט באַקלאָגט.

— זאָרג נישט, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט, — גאָט וועט אונדזער צער צוזען און אונדז טרייסטן, עס וועט, אם ירצה השם, אַלץ גוט זיין!...

ד.

הייעלע האָט זיך גוט געלאָזט דערקענען היינטיקס מאָל אין רבינס הויף. איר זענען גוט צוניץ געקומען די אַלע טייערע שטאָפן פון זייד און סאַמעט, וואָס זי האָט אַנגעקויפט אין איר גרויסער נסיעה, דורכפאָרנדיק מאַסקווע. זי האָט איצט פון די טייערע זאַכן מתנות געטיילט דעם רבינס שניר און טעכטער, וועלכע עס האָבן עס צוגענומען מיט דאַנק און האָבן זי היינט מקרב געווען מער ווי אַלע מאָל. פאַרפאָרן איז זי צום רבינס עלטערע טאָכטער גיטעלען. גיטעלע האָט איר אָפּגעגעבן אַ שיינעם חדר און געמאַכט צוליב דעם גאַסט זייער אַ פיינעם מיטאָג; צום מיטאָג האָט מען איינגעלאַדן אַלע קינדער דעם רבינס, און אַלע האָבן באַוויזן ווי זיי פרייען זיך מיט אַזאַ ליבן גאַסט.

אַז הייעלע האָט זיך שוין אַ ביסל אויסגערוט, איז אַריינגעקומען ר׳ פנחסל צו איר, אויך אויסגעפּוצט פּאַראַדנער, ווי געוויינלעך; נאָך די געוויינלעכע פראַגן: „וואָס מאַכט איר״? „וואָס מאַכט אייער כּלה נאה, רחלע?״ „וואָס מאַכן די קליינע קינדער און וואָס מאַכט ר׳ שלמה?״ האָט ר׳ פנחסל אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר און האָט אָנגעהייבן שרייבן אַ קוויטל צום רבין פאַר הייעלען...

— ר׳ פנחסל, — האָט הייעלע געזאָגט, — ווען ער האָט איר דאָס קוויטל דערלאַנגט, — איר האָט דאָך גאַרנישט געפרעגט וועגן וואָס

צו שרייבן. זייט אייך מטריח, איך בעט אייך, לייענט מיר פאר און פארטייטשט מיר װעגן װאס איר האט געשריבן!

— פאַרלאָזט אייך אויף מיר, חייעלע, איך האָב געטראָפן װעגן װאָס צו שרייבן. פאָלגט מיר און גייט שוין אַריין צו אים, זאָל לעבן. עס זענען... היינט דאָ זייער פיל אורחים, כן ירבו, און װייל איר זענט, חייעלע, אַ חסידה, װאָס פאָרט צום רבין נישט דאס ערשטע מאָל, װיל איך, איר זאָלט דװקא איצט צו אים אריינגיין, איידער עס קומט די שעה, װאָס ער, זאָל לעבן, הייבט אָן פראַװען *).

— נישט נעמט פאר אומגוט, ר׳ פנחסל, — האָט חייעלע איבערגעבעטן זיין כבוד. — איך גלויב אייך, איר װייסט מסתמא מיין לאַגע, נאָר װי זאָגט מען: יעדער פילט זיין אייגענע װונד. איך װיל אים בעטן װעגן מיין רחלען און מיט אים זיך אַן עצה האַלטן, װי יוצא צו זיין די צװואה, װאָס ער, עליו השלום, האָט געלאָזן.

— חייעלע, זייט זיכער, אַז נישט היינט שרייב איך דאָס ערשטע קװיטל. איך האָב אים, ראשית, דערמאַנט, אַז איר זענט אַן אלמנה, גאָט זאָל אייך טרייסטן. ביחוד האָב איך אים דערמאנט מכּוח אייער בתולה שתחי׳, זאָל ער נישט דערלאָזן די סטרא אחרא אָנרירן איר טייערן נפש... חייעלע, איך האָב נישט פאַרגעסן... נאָך תחילת װינטער, בעת איך בין ביי אייך געװען, האָב איך אין אייער כלה נאה סימני עצבות באַמערקט... עצבות ברענגט צו קיין גוטס נישט. על כן בעט איך אין קװיטל, אז ער, זאָל לעבן, זאָל מתפלל זיין, עס זאָל איר צוגעשיקט װערן איר אמתער בן זוגה, װעט ממילא די עצבות אירע פון איר אַראָפּ. הערט אויס, די תּורה הקדושה דערציילט: בעת אברהם אבינו איז מיט זיין טייערן בן יחיד פון דער עקדה צוריק געקומען און יצחק האָט געפונען, אַז זיין מוטער, די צדקת שרה אמנו, איז געשטאָרבן — האט ער זייער פיל געװיינט און געקלאָגט; פון װיינען איז ער אַריינגעפאַלן אין עצבות, רחמנא לצלן. די שכינה, חייעלע, איז נישט שורה מתּוך עצבות, דאס הייסט אַז פון אומעט קען מען צו רוח הקודש נישט קומען... אברהם אבינו האָט אָבער געװאָלט, אַז אויף זיין טייער

---

*) פראװען הייסט: אויפנעמען די אורחים און צו נעמען די פדיונות זייערע.

קינד, וואס איז ערשט פון דער עקדה געקומען, זאל די שכינה דווקא רוען, האט ער, פון אַ סגולה וועגן, גענומען פאַר אים אונדזער מוטער רבקה די צדקת און נביאה. דעריבער דערציילט אונדז די תורה הקדושה: וינחם יצחק אחרי אמו, און יצחק איז געטרייסט געוואָרן נאָך זיין מוטער, דאס הייסט די שכינה האט אנגעהייבן צוריק שורה זיין אויף אים, ווי זי האָט שורה געווען בעת שרה אמנו האָט נאָך געלעבט. איז דאס אלץ גערעדט ביי אונדזערע הייליקע אבות, וואָס מתוך עצבות האָבן זיי נאָר צו רוח הקודש נישט געקענט קומען, אָבער מיר, וואס אפילו מתוך שמחה איז אונדז נישט גרינג צו קומען לידי רוח הקודש, קענען מיר טאַקע פון עצבות קומען, חלילה, לידי טומאה, דאס מיינט מען פשוט, אַז מען קען, חלילה, פון זינען אַראָפּ... דעריבער אַז מיר זעען, אַז עס איז שלעכט, זענען מיר, יידן, וואָס האָבן די תורה הקדושה געלערנט, און מיר פאַרשטייען דעם רמז צו טון די טייערע סגולה, וואָס אברהם אבינו האָט געטון פאר זיין בן יחיד יצחק אבינו, און דאס טאַקע בעט איך אין קוויטל פאַר אייער טאָכטער, וואס איז איצט בעצבות... וגם את נח באהבה זכרתי, מכוח אייך גופא, וואס איר זענט, נעבעך, אויך בעצבות, האָב איך אים אויך דערמאנט, ער זאל פאר אייך מתפלל זיין, איר זאלט אויך געטרייסט ווערן מיט אמתער נחמה צוזאַמען מיט אייער ליב קינד!...

— איך דאַנק אייך,— ר׳ פנחסל האט חייעלע צעפרידן גע־ענטפערט. — נאָר איך מוז אייך נאָך עפעס דערציילן: ווי ער, עליו השלום, האט אין זיין צוואה געשריבן, איז זיין רצון געווען רחלען חתונה צו מאכן מיט זיין פלימעניק. איך האָב אייך דערציילט, אויב איר געדענקט, זיינע ווילדע געגג און נאַרישע חקירות; דאמאלס וואָלט נאך אַ האַלבע צרה געווען, אַז דער משוגענער זאָל ווערן מיין קינדס באשערטער. אָבער איצט האט זיך פון אים אַ תל אויסגעלאָזן. זיין משוגעת האט אים אין גאַנצן פון וועג אַראָפּ־געפירט און ער איז אַוועקגעפאָרן אין טייטשלאַנד שטודירן און איז מסתמא אַ מופקר, אַ שאַלטאַק!.. וואס זאל איך איצט טון? איך האָב מורא, צי האט ער נישט מיין קינד אָפּגעטון אַ כשוף... און וואס טוט מען מיט ר׳ שלמהן, ער איז דעם משוגענעם אויך אַ פעטער און האט אויך אַ שטיקל דעה צו זאגן וועגן דעם ענין? איך מוז און וויל אָבער פאַר גאָט דעם לעבעדיקן אויף יוצא זיין און געבן מיין

קינד אַ מאַן אַ פרומען יידן, נישט אַ משוגענעם, אַ שאַלטאַק, אַ גע־שטודירטן מופקר, ווײ צו מיינע יאָרן!...

— נישט זאָרגט, איך וועל מכּוח דעם אַליין רעדן מיט אים, זאָל לעבן, — האָט ר׳ פּנחסל מבטיח געווען. — איר דאַרפט וויסן, חייעלע, אַז איר זענט אַן אשה חשובה. נישט פיל אַזעלכע נשים, ווי איר, פאַרנעמען ביי אים, זאָל לעבן, אַזא אָרט, ווי איר... זייט עס וויסן, פאַר אייך איז זיין טיר אָפן, ווען נאָר איר וועט ברויכן עפּעס רעדן. ווייטער, בין איך, פּנחס, זיין גבאי... און פאַר אייך וועל איך טון אַלץ, וואָס וועט נאָר בכּוחי זיין צו טון... איר האָט עס כשר פאַרדינט ביי מיר, חייעלע, און נישט זאָרגט! קומט נאָך מיר.

ער האָט זי אַריינגעפירט אין אַ גרויסן חדר, ווו עס האָבן זיך אומגעדרייט יונגע כּניאָקלעך, גאַרגעטשיקעס, און פליאַסקעדרייגעס. דאָס זענען די דריי קלאַסן חסידישע קינדער און יונגע לייט, איידער זיי קומען צו דער מדרגה „חסיד". אויסער די, זענען דאָ געווען חסידים ייִנגערע און עלטערע, וועלכע האָבן גערעדט און זיך געאַמפּערט. ביי יעדן טיש זענען געזעסן גאַנצע און האַלבע, אויך פּערטל־גבאים און האָבן געשריבן קוויטלעך פאַר די חסידים, וועלכע זענען לעבן זיי געשטאַנען, איינער אויף דעם אַנדערן אָנגעלײנט, און האָבן געגעבן גאַנצע, האַלבע און פערטל רובלס פאַר זייער קוויטל שרייבן.

ביי דער טיר, וואָס פירט אין רבינס יחידית־צימער אַריין, זענען געשטאַנען אַ גאַנצע מאַסע יונגע חסידימלעך, איינגעבויגן אין דרייען און האבן געקוקט דורכן לאָך פון שלאָס. איינער האָט דעם אַנדערן געשטויסן און פּעטש איבערן קאָפּ זענען געפלויגן שטילער־הייט. די געשלאָגענע זענען אָבער אַזוי איינגעפּרעסט געווען אין עולם און אַזוי אַריינגעטון אין דעם, וואָס זיי האָבן דורכן שלאָס געקענט זען, אַז זיי האָבן גאָרנישט געפילט און נישט געוווּסט פון די פּעטש און קלעפּ, וואָס שיטן זיך איבער זייערע קעפּ, און האָבן זייער אָרט אַן אַנדערן נישט געלאָזן; מאַנכע, וואָס זענען פון מיטן עולם אַרויסגעדרעננט געוואָרן, זענען פאַרשוויצט און אויסגעפּאַרעט געווען, ווי ערשט פון אַ הייסער וואַנע. חייעלע האָט עס געזען און אין האַרצן האָט איר אַ הנאה געטון, וואָס די אַלע וועלן באַלד זען ווי פאַר איר וועלן זיך די טירן ברייט פאַנאַנדערעפענען און זי וועט

גאָר אָן מי און אָן מאַטערניש אָנקומען צו אים, זאָל לעבן, בעת זיי אַלע װעלן בלייבן פון דער זייט און מקנא זיין איר גליק און איר כבוד...

װי די חסידים האָבן באַמערקט, אַז ר׳ פּנחסל פירט חײעלען צום רבין אַריין, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון נאָך איר: אַ קוק טון אויף אים, זאָל לעבן, בעת די טיר װעט זיך עפענען. אַז זיי זענען צוגעקומען נענטער, האָט ר׳ פּנחסל געכאַפּט עטלעכע גאַרגעטשיקעס פאַרן קאָלנער, זיי אַ שלעפּ און אַ געװאַלטיקן שטויס געטון פון זיך אַז יענע זענען זיך, װי אין לופטן צעפלויגן. אויך די, װאָס זענען אין דרייען איינגעבויגן געשטאַנען און דורכן שלאָס געקוקט, האָט ער מיט כּוח אָװעקגעשמיצט פון אַלע זייטן. דאַן האָט ער פון זיין בוזעם-קעשענע אַרויסגענומען אַ שליסל און האָט אָפּגעשלאָסן די טיר, ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און חײעלען דורכגעלאָזן פריי אין רבינס חדר אַריין.

אַ פּאָר כניאָקלעך האָבן בדעה געהאַט זיך אַריינצוכאַפּן דורך דער אָפענער טיר, אָבער ר׳ פּנחסל האָט זיי פאַרן קאָלנער אָנגע-כאַפּט און אַראָפּגעלאָזן פון זיינע כּפול-שמונהדיקע פּעטש, אַז דער גאַנצער חדר האָט געקלונגען. זיי האָבן די פּעטש צוגענומען און, נישט איבעררעדנדיק אַ װאָרט, זענען זיי מיט געשװאָלענע באַקן גע-בליבן שטיין און מיט קנאה זיך צוגעקוקט, װי די טיר האָט זיך צוריק פאַרמאַכט; דער עולם האָט זיך אויך נישט געװוּנדערט, נישט אויף די פּעטש, נישט אויף דער גלייכגילטיקייט פון די געפּאַטשטע, װייל דאָ איז גאַנץ געװײנלעכס געשען, װאָס מען זעט דאָס עטלעכע מאָל אין טאָג. מען װייס, אַז ביז אַזעלכע כניאָקלעך װערן גאַרגעטשיקעס, ביז גאַרגעטשיקעס װערן פליאַסקעדרייגעס און ביז פון אַ פליאַסקעדרייגע װערט אַ חסיד — מוזן זיי גענוג פּעטש און קלעפּ צונעמען פון ר׳ פּנחסלס פולער האַנט, אָדער אַזוי פון ערגעץ אַ בגתן ותרש, כאָטש נישט סריסים, אָבער פון די שומרי הסף.

ער, זאָל לעבן, האָט ביי חײעלען צוגענומען דאָס קװיטל מיטן שיינעם פּדיון און האָט מיט איר זייער פריינטלעך גערעדט, זיך נאָכ געפרעגט װעגן געזונט און געשעפט. זי האָט אים מיט טרערן דער-ציילט דאָס נייע אומגליק, װאָס משהלע, איר קינדס באַשערטער איז פאַרפירט געװאָרן אין שטודירעניש, און האָט געבעטן מגין זיין אויף איר רחלען, זי זאָל אים אין גיכן פאַרגעסן.

— פאַר אייער כּלה נאה האָב איך נאָך תּחילת ווינטער אייער פדיון מקבל געווען דורך מיין גבאי ראשון, ר׳ פּנחסל, — האָט דער רבי געענטפערט. — ר׳ פּנחסל איז אַן ערלעכער, אַלייטישער ייד! הערט איר, חייעלע? ר׳ פּנחסל, מיין גבאי ראשון איז אַ ייד אַליי־טישער!... ער האָט פון אייער כּלהס וועגן ממליץ טוב געווען, און איצט בעט ער פאַר אייך און נאָך אַמאָל פאַר אייער כּלה אויך... אייער בתולה, רחל בת האשה חייעלע שתחי׳ איז אַ כּלה נאה וחסודה, אַ חוט של חסד איז אויף איר, דער רבונו של עולם זאָל טרייסטן את האם על בתה... ר׳ פּנחסל דאגהט פאר אייך. מיין ברכה זאָל אייך באַ־גלייטן בכל אשר תפנו!...

— אָמן! — האָט חייעלע אויסגערעדט, און האָט געוואָלט אַרויסגיין.

— איר פאָרט נאָך נישט אַוועק! — האָט דער רבי געזאָגט. — בתּי גיטעלע וועט נאָך רעדן מיט אייך. איילט נישט, חייעלע, קיין זאך טוט זיך נישט אָן ישוב הדעת. איך וויל, איר זאָלט ביי מיינע קינדער שבת האלטן!

— איך בין גאר אייער חסד נישט ווערט, רבי הייליקער! — האָט חייעלע געענטפערט מיט דאַנק און איז ארויסגעגאנגען.

מיט קנאה האָבן אַלע געקוקט אויף איר, בעת זי איז איצט — ווי אַמאָל דער כּהן גדול פון קדשי הקדשים — ארויסגעגאנגען. זי איז שטאָלץ דורכגעגאנגען דעם גרויסן חדר. דאָ האָט זי באַגעגנט דאָס ווייבל, וואָס איז מיט איר אַלס שומר מיטגעפאָרן און זי האָט איר געהייסן בעטן ר׳ פּנחסלען אין איר נאָמען, ער זאָל זי צולאָזן צו אים, זאָל לעבן.

דאָס ווייבל האט עס תּיכּף געטון. אין אַ פערטל שעה ארום האָט זי חייעלען באדאנקט פאר איר חסד און פאר דער ברכה, וואָס זי האָט זוכה געווען פון אים, זאָל לעבן, צוליב איר.

— דערפאר וועל איך איבערראיאַר, אם ירצה השם, אז די ברכה וועט מקויים ווערן, אייער טאָכטער רחלען מיט איר חתן מכבד זיין מיט קוואטער צום ברית, וואס גאָט וועט מיר געבן, — האָט דאס ווייבל מבטיח געווען.

אויך בערעלע שפאק האָט חייעלעס זכות גענאָסן און איז צום רבין אָנגעקומען אין דעמזעלבן טאג. ער איז צופרידן געווען מיט דער ברכה, וואס דער רבי האָט אים געגעבן און נאָך מער מיט די „ברכות״, וואס ער אליין האט געמאכט אויף וויין און שפּירט,

וואס ער האָט אומזיסט געטרונקען מיט אַלע חסידים, וועלכע פאַסטן נישט פאַר זייער זען זיך מיט אים, זאָל לעבן, און טרינקען אָן אַ מאָס נאָכדעם.

אַז בערעלע האָט געפרעגט: „באַלעבאָסטע, ווען זאָל איך שפּאַנען די פערד?“ האָט זי געזאָגט: „ווען איך וועל דיך הייסן. וואָס איילסטו מער פאַר מיר?“.

פרייטיק פאַרנאַכט, אַז דעם רבינס שניר און טעכטער האָבן זיך אָנגעטון אין שיינע קליידער, זיך אויסגעפּוצט מיט טייערער צירונג, אין גאָלד און בריליאַנטן, צו גיין צום רבינס טיש ליכט בענטשן לכבוד שבת, איז חייעלע אויך נישט פאַרשעמט געוואָרן. זי האָט זיך אויך אָנגעטון און אויסגעפּוצט זייער רייך און איז כמעט די שענסטע געווען צווישן אַלע הויפדאַמען.

פאַר יעדער אשה פון רבינס גרויסער פאַמיליע איז אַ זילבערנע מנורה געווען אָנגעגרייט מיט גרויסע סטעאַרין־ליכט. חייעלע האָט אויך אַ זעקס־רערעדיקער זילבערנער מנורה געבענטש, און די ליכט האָבן געברענט און באַשיינט דעם טיש, פּונקט ווי זיי וואָלטן היינט געבענטשט געוואָרן פון דעם רבינס אַ טאָכטער.

נאָכן דאַווענען זענען צוגעגאַנגען די טעכטער און שניר צו אים, זאָל לעבן, און האָבן אים „גוט שבת!“ געזאָגט. חייעלע איז מיט זיי צוזאַמען אויך צוגעגאַנגען און ער, זאָל לעבן, האָט אויך איר, גלייך ווי זיינע אייגענע קינדער, „גוט שבת!“ „גוט יאָר!“ געענטפערט. נאָך זיי האָבן אָנגעהייבן צוציגיין די חשובים פון די חסידים „גוט שבת!“ זאָגן, און די צערמאָניע האָט זיך געצויגן אַ האַלבע שעה. רעכטס פון רבינס שטול, אויבענאָן — האָבן זיך צע־שטעלט דעם רבינס זין און איידעמס, לינקס — זענען געשטאַנען אַלע שניר און טעכטער, צווישן זיי איין חייעלע, אַ פרעמדע אין דער הייליקער פאַמיליע.

דער גאַנצער עולם, וועלכער איז געווען צום דאַווענען, איז דאָ געבליבן וואַרטן אויף דעם רבינס קידוש. מען האָט דאָ געזען יונגע־לייט אויסגעווייקטע, מאָגערע און הויכע, מיט לאַנגע אויסגעשטרעקטע העלדזער, אין שיך און אין ווייסע זאָקן, פּאות לאַנגע, ווי גע־דרייטע דראָט, קליינע שפּיציקע ציגענע בערדלעך, און אויך יידן דיקע און פעטע, איינגעדעקטע אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, אונטער־

געגאַרטלטע דיקע בייכער — מיט ברייטע זיידענע גאַרטלען, געזונטע פּלייצעס און אַנשטענדיקע פּנימער, שיינע בערד פון אַלערליי פאַרבן, שוואַרצע, געלע, גרויע און גאַנץ ווייסע; דער רבי אַליין איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסער אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיט אַ טייערן סאָבאָל־שטריימל אויף זיין ווייסן קאָפּ. זיין לאַנגע, עכט ווייס־באָרד און זיין שיין פּנים האָט אים פאָרגעשטעלט, ווי איינעם פון די הייליקע אבות פון פאַרצייטן. אַז ער איז צו צום טיש, גענומען דעם בעכער אין האַנט, איז דער גאַנצער עולם שטיל געבליבן און מען האָט באימה וביראה געוואַרט אויף דעם קידוש. ער האָט קידוש געמאַכט מיט זייער אַ שיינעם קול נגינה. אַזא קידוש מיט אַזא פּאַראַד האָט נאָך חייעלע אין איר לעבן נישט געהערט. דער רבי האָט אויסגעטרונקען אַרוב כּוס, און האָט דעם בעכער אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. ר׳ פנחסל האָט צעמישט דעם וויין מיטן וויין פון נאָך אַ בעכער און האָט איינעם דערלאַנגט דעם רבינס זין און דעם אַנדערן — גיטעלען דעם רבינס עלטסטער טאָכטער. גיטעלע האָט אַ זופּ געטון און דערלאַנגט חייעלען, חייעלע האָט אויך פאַרזוכט און איבערגעגעבן די איבעריקע קינדער. פון דעם מענערשן בעכער האָבן צו איינציקע זופּן באַקומען אַלע, וואָס זענען דאָ געווען; כּל זמן אין בעכער איז נאָך אַ ביסל געבליבן, האָט מען אַלץ דערגאָסן מיט פרישן וויין. חשובים האָבן באַקומען פון בעכער גופא, נישט חשובים האָבן אויסגעשטרעקט לעפל און מען האָט זיי אַריינגעגאָסן אַ זופּ וויין, וועלכן זיי האָבן געכאַפּט און אויסגעלעקט מיט דער צונג. איינער האָט אַזא לעפל באַקומען, נאָר אַריבערנעמנדיק עס איבער עמעצנס קאָפּ, האָט יענער אַ שטויס געטון זיין האַנט און דער וויין האָט זיך אויסגעגאָסן ביים חסיד אויפן פּלייצע. אַ פּליאַסקעדרייגע איז אונטערגעשפּרונגען און האט די פּלייצע אָפּגעלעקט, און אַז צו לעקן איז שוין מער נישט געווען וואָס, האט ער דעם חסיד אַ ביס געטון. דער חסיד האָט זיך אומגעקערט און אים אַראָפּגעלאָזן אַ חסידישן פּאַטש; דער פּליאַסקעדרויגע האט זיך גאַרנישט אומגעקערט און איז געלאָפן ווייטער כאַפּן אַזא גליק. ביים ברעג טיש, נעענטער צום טיר, האט געקאכט, ווי אין אַ קעסל. דאָרט האט מען זיך געדרענגט און געשטויסן אַרום בעכער און פּעטש האָבן זיך געשאָטן, ווי פּיילן אין אַ מלחמה. חייעלע האט עס אַלץ געזען און זיך גליקלעך געפילט, וואס זי האט אַזא זכות צו טרינקען

פון רבינס קידוש תּיכּף נאָך זיין עלטסטער טאָכטער, נאָך פריער פאַר זיינע שניר און יינגערע טעכטער.

ביים טיש איז דער רבי געזעסן אויבנאָן, רעכטס — זיין עלטערער זון, ר׳ זלמנקע און נאָך אים די איידעמס און די איבע־ריקע זין. לינקס איז געזעסן ר׳ פּנחסל, נאָך אים — אַלע אורחים און רייכע חסידים. די ווייבער האָבן זיך צעזעצט אין אַ זייטיקן צימער, וואָס די טיר איז נאָר האַלב פאַרהאַנגען געווען. דאָרט איז חייעלע געזעסן לעבן גיטעלען און האָט געקענט צוזען אַלץ, וואָס דער רבי און ר׳ פּנחסל טוען. זי האָט געהערט, ווי דער רבי האָט ר׳ פּנחסלען מכבד געווען, ער זאָל זינגען „יה רבון עלם״ און ר׳ פּנחסל האָט געזונגען. אַלע חסידים האָבן אים געהאָלפן; זי האָט אויך געהערט די תּורה, וואָס ר׳ פּנחסל האָט ביים טיש געזאָגט. און לאַנגע שטראַלן האָט זי געזען פון די שבת־געבענטשטע ליכט, וועלכע באַדעקן דעם רבינס קאָפּ און באַשיינען אויך ר׳ פּנחסלען און די הייליקע שכינה רוט אויף ביידן... „און דער ר׳ פּנחסל״, האָט זי געקלערט, „קען באַלד מיינער ווערן, אַז איך זאָל נאָר זאָגן „איך בין מסכּים״. און דער כּבוד און גדולה, וואָס איך האָב דאָ איצט, וועט נישט אויף אַ ווײַלע זיין, נאָר אויף אייביק!״ זי האָט זיך פאַרלוירן אין אירע געדאַנקען און האָט פאַרגעסן, אַז זי איז אַן אַלמנה, וועלכע האָט אַמאָל אַ מאַן, אַ טייערן און אַ ליבן מאַן געהאַט. זי האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט אַהיים, און דאָרט, אין דער־היים זיצן איצט אירע ליבע קינדער — ביי דעם שבתדיקן טיש און קוקן פיליכט אויף די געבענטשטע ליכט מיט פאַרוויינטע אויגן...

שיכּור, כאָטש נישט פון ווײַן, אָבער פון צופיל כּבוד און גדולה, איז חייעלע איצט געזעסן און איר האָט זיך פאַרגעשטעלט: זי איז אַ יונג מיידל פון זעכצן יאָר. זי זיצט ביי אירע עלטערן און קוקט צו, ווי איר חתן דרשנט פאַר אַן עולם יידן. אַלע פרייען זיך מיט זיין תּורה, אַלע זענען מקנא איר גליק, און זי שעמט זיך, די אַראָפּגעלאָזענע אויגן אויפהייבן אַ קוק צו טון אויף זיין ליכטיק פּנים...

און דאָרט, ביי די מאַנסלייט, האָבן אַלע די פיינער געלעקט פון ר׳ פּנחסלס תּורה און פון די פעטע געריכטן, וואָס מען האָט דערלאַנגט. דער רבי האָט פון אַלץ פאַרזוכט און איבערגעלאָזן דעם עולם שיריים, וועלכע מען האָט מיט די הענט צעכאַפּט און איינ־

געשלונגען. מען האט מי שברכס געמאכט דעם רבין, זיינע קינדער, אויך ר׳ פנחסלען, און יעדער האָט מנדר געווען ווײַן צום טיש, און דעם רבינס סאַרווער האָבן תיכּף אַרויפגעטראָגן טאַקע פון רבינס קעלער. חייעלע האָט אויך מנדר געווען אַ טוץ ווײַן און געלאָזט מי שברך מאַכן דעם רבינס טאָכטער גיטעלען און זיינע איבעריקע טעכטער; זי האָט געהערט, ווי אַ גבאי האָט אויסגעשריגן: בעבור שהאשה חייעלע בת מרים, א. אז. וו. נאָכדעם האָט אויך גיטעלע געהייסן מי שברך מאַכן דעם פאָטער, ר׳ פנחסלען, אויך האשה הגבירה והצנועה חייעלע בת מרים, און מען האָט געגעסן, געטרונקען, געזונגען און לוסטיק געווען, ווי מען וואָלט גאָר פאַרגעסן, אז מען איז יידן... יידן אין גלות... און אז דאָרט, אין יעדנס היים וואַרטן דאגות און צרות, בעלי־חובות און קאָפּ־דרייעניש און ווייב און קינד פאַרגיסן פיללייכט איצט טרערן מער ווי דער ווײַן, וואָס גיסט זיך דאָ...

אַז מען האָט חייעלען דערלאַנגט דעם כוס ווײַן פון רבינס בענטשן, האָט זי געמיינט, אז זי פאַרזוכט דעם כוס פון די „שבע ברכות”, נאָכדעם ווי איר געליבטער חתן האט פון אים פריער געטרונקען... דער ווײַן האָט זי דערקוויקט, אָבער איר בלוט ליידנשאַפטלעך צעהיצט.

נאָך וועטשערע האָט זי גיטעלע אַרויסגעפירט אַ ביסל אָפּקילן אין רבינס סאָד. די מאַנסלייט זענען געבליבן ביים טיש, און האָבן ווייטער געזונגען און ווידער געטרונקען. דער גאָרטן האָט אין אַלטע צייטן אַ מאָל געהערט צו אַ רייכן גראַף. אז ער איז איבערגעגאַנגען צום רבינס עלטערן, האָט מען אים אפילו אַ ביסל קלענער געמאַכט, אָבער ער איז נאָך גענוג גרויס געווען און אַ נישט געניטער האט דאָ גרינג געקענט פאַרבלאָנדזשעט ווערן. אַלטע, דיקע און פאַרצווייגטע ביימער זענען נישט געווען דא איבערצוציילן, שיינע בעסעדקעס דא טיי צו טרינקען, אויך אַ ברייטע און אַ טיפע סאַזשלקע, וועלכע האָט ביים חסידישן עולם געהאַט אַ נאָמען פאר אַ טייער וואַסער, וואס איז אַ סגולה צו אַלץ.

לעבן דער סאזשלקע איז דער שענסטער פלאַץ געווען פון גאַנצן גאָרטן, זייער אַ ראָמאַנטישער אָרט, אין אַ שטילער נאַכט דא אונטער די אַלטע ביימער צו טריימען. דא, אויף אַ באַנק, אונטער אַ בוים, וואָס האט שוין זיינע בלעטער געהאט פאנאנדערגעלאזן,

האָבן זיך די ביידע פרויען געזעצט אָפּרוּן. חייעלע האט געקוקט, ווי דאס וואסער קנייטשט זיך אין דורכזיכטיקע פאלבן און שטראלט אָפּ צוריק דאס ליכט פון דער לבנה, וועלכע האט איצט אין פולער פראכט געשיינט אין לויטערן הימל. איר האט זיך געדאכט, אַז די לבנה באָדט זיך דא און שווימט אום אין דעם הייליקן וואסער, ווי דער רבי, זאל לעבן, איז טובל, גצוויס, זיין גוף יעדן פרימארגן...

פון רבינס שטוב האט זיך אין דער לופטן צוגעטראגן אַ זיס געזאנג. זי האט שוין די חסידים פאַרגעסן און האט געמיינט, אַז זי הערט דאס געזאנג פון הייליקע מלאכים, וועלכע זינגען שירה צו גאָט אין גן-עדן, ווי אויך זי איז איצט.

אַ היבשע צייט זענען די ביידע פרויען שטיל געזעסן. גיטעלע האט באמערקט, אז חייעלע חלומט אַ גוטן חלום, וואכנדיק, און האט געוואָלט, איר זאָל זיך ווייטער חלומען, ווארים זי האט אויך געוווסט, מיט וואָס איר חלום פותר צו זיין. ענדלעך האט חייעלע אַ שווערן זיפץ געטון.

— וואס זיפצט איר, חייעלע? — האָט גיטעלע געפרעגט.

— ווייסט איר, גיטעלע, וואס איך טראכט? — האט חייעלע זיך אָפּגערופן.

— איר טראַכט, מסתמא, וועגן אייערע קינדער, וואס בענקען געוויס אין דער היים נאך אייך, נאָר נישט זארגט, ליבע חייעלע! גאָט דער לעבעדיקער זאָרגט פאר זיי. אזא דאגה זאָל זיין מיט אלע יידישע יתומים, ווי איר וועט דארפן דאגהן מיט אייערע קינדער. איר זאָלט נאר וועלן דעם טאטנס, זאל לעבן, עצה טון...

— זאגט אָפּן, חייעלע, — האָט גיטעלע ווייטער גערעדט, — איך רעד מיט אייך, ווי מיט מיין אייגענער שוועסטער. פאר מיר ברויכט איר קיין סודות נישט צו האָבן. איר וועט זען, איך וועל אייך אַליין אויך מגלה זיין אַ סוד, וואָס פאר אַבי וועמען וואָלט איך עס נישט ארויסרעדן. זאָגט, אדרבה, מיט וואס איז ר׳ פנחסל פאַר אייך קיין גוטער מאן נישט, אז איר זענט אייך נאך אזוי פיל מיישב און האט מורא דאס וואָרט ארויסצולאָזן, אז איר זענט מסכים?

— איך זאָל אייך זאָגן דעם אמת, — האט חייעלע געענטפערט, — ווייס איך אליין נישט. וואָס ר׳ פנחסל איז, ווייס איך, מיינע אויגן זעען זיין גדולה, כאָטש איך בין אַן אשה. הלוואי, גיב גאָט מיין מינדסט קינד אזא מאן אַ צדיק צו האבן, ווי ר׳ פנחסל איז! נאָר

זאגן מוז איך אייך, איך ווייס אַליין נישט, מיט וועלכע מעשים־טובים מיינע, האָב איך ביי דעם רבונו של עולם אַזא גדולה פאַר־דינט? נאָר נישט דאס טראכט איך... איך קען זיך קיין עצה נישט געבן, וואָס צו איך מיט מיין רחלען? וואָס וועט די וועלט זאגן, אז איך וועל פריער חופה האָבן, איידער מיין קינד וועט נאָך אַ כלה ווערן? ר׳ פנחסל וועט גאר אזוי לאנג נישט וועלן ווארטן אויף מיר, אַ גויט איז אים? מען דאַרף אין זיך נישט גענארט זיין, גיטעלע... אזא, ווי חייעלען — קען ער באַקומען אלע טאָג. איך ווייס, אז מען רעדט אים מיט אַ טאָכטער פון גרויסע לייט!

פארוואָס זאָלט איר דאָס אזוי זאָגן, חייעלע? — האָט דעם רבינס טאָכטער אויסגערעדט. — גלויבט מיר, איר זענט אויך נישט פון די, וועלכע מען קויפט פינף פאַרן גילדן. אַזעלכע חייעלען האָבן מיר נישט פיל צווישן דעם טאטנס, זאָל לעבן, חסידים. אמת, ר׳ פנחסל איז טאקע אַ לייט, גאָט מעג לאנד און לייט בענטשן מיט זיין תורה און זיין חכמה, אָבער וואָס ווייסט איר אייער מזל? אז דער טאטע, זאָל לעבן, האָט געזאָגט: קיין גלייכערע זאך איז גאָר אין דער וועלט נישטאָ, מסתמא ווייס ער דאָך, אז עס איז באַשערט משמים... אייער מזל, אָן עין הרע, איז אזוי גרויס ווי זיין תורה און חכמה. אי, דאָס, וואס אייך שטייט אין וועג, וואס אייער רחלע איז נאָך קיין כלה נישט? זאל אזוי גיך משיח קומען, ווי גיך זי וועט איר באַשערטן האבן!... ווי מיינט איר, אז דער טאטע, זאָל לעבן, אליין וועט וועלן אייער קינדס שדכן זיין, וועט ער קענען אויספירן אַ רעכטן שידוך פאר איר, צי נישט?

— איך בין גאר דעם חסד נישט ווערט! — האט חייעלע געענט־פערט. — פארוואס קומט עס מיר?

— פרעגט נישט קיין קשיות, חייעלע! דער טאטע, זאל לעבן, ווייס מסתמא, פארוואָס. ער פארגעסט נישט, חייעלע!... אייערע צדקות וועגן אראָפּ די וואָגשאל, אייער מזל זאָל אלץ העכער און העכער שטייגן. צוליב אייך וועט ער גוטס טון אויך אייער קינד, געדענקט, וואס איך זאג אייך...

חייעלע האָט געשוויגן.

— איך האָב געזאָגט, אז איך וועל אייך זאָגן אַ סוד, — האט גיטעלע ווידער אָנגעהייבן, — זעט כאָטש, אז פאר אייך זענען ביי מיר קיין סודות נישטאָ. איר ווייסט דאָך, אז דער טאטע, זאָל

געזונט זיין, איז שוין אַן אַלטער מאַן. גאָט ווייס, וויפל מיר און די וועלט — וועלן זיך נאָך פרייען מיט אים?... צווישן אונדז זאָל עס נאָר בלייבן. ר׳ פנחסל האָט אין זיין האַנט אַלע חסידים, און נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז מען וועט דאַרפן אויף דעם טאַטנס שטול אַרויפזעצן מיין ברודער זלמנען—ווייסן מיר נישט וואָס מיט אונדז, דעם טאַטנס איבעריקע קינדער, וועט זיין? דאָס ווייסן מיר, אַז וואָס נאָר ר׳ פנחסל וועט וועלן, דאָס וועט זיין. די שוועגערין מיינע איז אַ רבינס אַ טאָכטער און זי גרויסט זיך שוין אויף אונדז. איצט רעדט מען ר׳ פנחסלען, ווי פאַר אייך זאָגנדיק, מיט אַ נאָענטער קרובה, דער אייגענער שוועגערינס. פאַרשטייט איר דאָך, אַז אויב ר׳ פנחסל וועט מיט איר חופה האָבן, וועט זי געוויס נוטה זיין צו אונדזער שוועגערין מער ווי צו אונדז. האָבן מיר גע״א, אַזוי ווי ר׳ פנחסל האָט דאָך איצט די גאַנצע דעה ביים טאַטן, זאָל געזונט זיין, אַז זי זאָל ביי אים נישט פועלן, אַז דער טאַטע, זאָל לעבן, זאָל אָפּזאָגן אַלץ פאַר מיין ברודער און פאַר אונדז זאָל ער גאָך זיין פטירה, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, גאָרנישט פאַרזאָרגן... איר ווייסט דאָך, הייעלע, ווי מיר זענען דערצויגן געוואָרן, און ווי שווער און ביטער אונדז קען, חלילה, זיין, אַז מיר וועלן דאַרפן דעם קאָפּ אַראָפּלאָזן, זיך איינבויגן פאַר אונדזער שוועגערין, וואָס גרויסט זיך שוין אויף אונדז... אָט דעריבער לאָזן מיר דערווייל נישט צו, אַז דער שידוך ר׳ פנחסלס מיט דער שוועגערינס קרובה זאָל אויסגעפירט ווערן. פאַרשטייט איר? איך בעט אייך, הייעלע, נישט שטויסט אָפּ פון זיך אייער מזל, האָט חופה מיט ר׳ פנחסלען. איר זענט אַ קלוגע אשה, אייער דעה וועט ביי אים געוויס אַ דעה זיין; אויף אייך מעגן מיר זיך פאַרלאָזן. איר וועט זען, עס זאָל נאָר שלום און מנוחה זיין ביי אונדז אין שטוב און אין הויף!... איר זענט דאָך אונדזערע, הייעלע, דעם טאַטנס, זאָל לעבן, לאַנגעדיקע חסידה. ווי שוועסטער וועלן מיר אייך אַלע זיין. איר ווייסט, ווי אונדזער פריינטשאפט צו שעצן און מיר וועלן וויסן, ווי אייך צו דאנקען און ליב צו האָבן פאַר אייער פריינטשאפט צו אונדז, און, פאַר דעם שלום אין אונדזער משפחה צוליב אייך! מיט אונדז צוזאַמען וועט איר דאָ אין הויף וווינען, מיר וועלן אייך נישט אָפּטיילן פון זיך און איר וועט אמת גליקלעך זיין און גליקלעך מאַכן ר׳ פנחסלען. אייערע קינדער וועלן אויך גליקלעך זיין דורך דעם!... צוליב

אייערע יתומים, חייעלע, איך רעד שוין נישט צוליב אייער אייגענעם גליק, כאָטש איר זענט נאָך אָן עין הרע, יונג און שיין גענוג און האָט נאָך כמעט צו לעבן גאָרנישט אָנגעהייבן... איידער איך גיי אַוועק פון אייך, וויל איך הערן אייער וואָרט... זינטיק איז ל״ג בעומר און מאָרגן ביינאַכט קען טאַקע דאָ ביי אונדז דער קנין זיין. וואָס זאָגט איר?

חייעלע האָט אין איר לעבן אַזעלכע ווערטער נישט געהערט, וואָס זאָלן איר אייגנליבע און כבוד-געפיל אַזוי שמייכלען, ווי די ווערטער, וואָס זי האָט איצט, וואַכנדיק, נישט אין חלום — געהערט פון רבינס טאָכטער, פון דער אשה, וואָס מאַנכע חסידישע פרויען שעצן זיך גליקלעך מיט איר אַ וואָרט אויסצערעדן; און די רעדט עס מיט איר און בעט זיך ביי איר, און זאָגט איר צו גאָלדענע בערג: אין איר האַנט וועט ליגן דאס גאנצע גליק און שלום פון דער גאנצער פאַרנעמער פאַמיליע. איר דעה וועט אַ דעה זיין, אַלע וועלן זוכן איר לאַסקע. זי וועט דאָ זיין אַ הויפּדאַמע, און וועט שטענדיק בענטשן ליכט אין אַ זילבערנער מנורה... נאָך דעם רבינס פטירה וועט ר׳ פנחסל נאָך גרעסער ווערן, און עס וועט ציטערן פאר אים די יונגע רביצן, וועלכע בלאָזט זיך שוין אַ ביסל, און ווייזט איר נישט אַזעלכע התקרבות, ווי גיטעלע... „יאָ!״ האט זי געקלערט, „גיטעלע איז גערעכט. אָן מיר וועט דאָ אלץ אַנדערש ווערן, נאר איך קען אלץ פאררירכטן! אַ נייער שטאלץ האט זיך אויסגעגאסן אויף איר גאנצן וועזן. זי האט זיך, נישט ווילגדיק. מיט שטאלץ אויסגעגלייכט, ווי זי וואלט אין זיך געפילט נייע כוחות.

— וואס זאגט איר, חייעלע? — האט גיטעלע איבערגעפרעגט נאך אַ מאל.

— וואס זאל איך זאָגן? — האט זי געענטפערט, — דעם רבינס, זאל לעבן, רצון, וועט קיין אשה נישט דערווידער זיין, זאל זיין רצון געשען, איך בין זיין חסד נישט ווערט!

— מזל, חייעלע, איז גרעסער ווי אלץ! — האט גיטעלע דער-קלערט. — וואס ווייסט איר, וואס פאר אַ מזל איר האט, אן עין הרע? ווייסט איר, ווי ר׳ פנחסל ווארט אויף אייער וואָרט? איר זאלט אים איצט רעדן מיט אַ בת מלכה, וועט ער נישט וועלן. „חייעלע איז מיין באשערטע״, זאגט ער, „סיידן דעם אויבערשטנס רצון וועט נישט זיין״,

האָט ער מיר געזאָגט. איך ווייס, ער וואַרט אויף מיין תשובה. איך וויל אים זיין שבת נישט פאַרשטערן, און וועל אים נאָך היינט אָנזאָגן.

— מיט וואָס זאָל איך אייך דאַנקען? — האָט הייעלע געפרעגט, — סיידן גאָט וועט נישט וועלן. — גיטעלע, בעט גאָט פאַר מיר, איך וועל אייך אַמאָל אָפּדינען! איך וועל אייער גוטס און חסד נישט פאַרגעסן, ווי לאַנג איך וועל לעבן!

ביידע פרויען האָבן זיך צעקושט, הייעלע האָט אויך געוויינט אַ ביסל און מיט טרערן געזאָגט:

— זאָל זיין אַזוי. פאַראַיאָרן האָב איך מיר דאָס נישט פאַר־געשטעלט..- מסתמא דאַרף דאָך אַזוי זיין. אפשר איז מיר נאָך באַ־שערט עפּעס גוטס אויף דער וועלט? וואָס זאָגט איר, גיטעלע, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ גליק? גלויב איך אייך, כאָטש דאָס האַרץ אין מיר איז שווער, ווי אַ שטיין, בעת איך קלער, וואָס איך טו איצט. צום גוטן זאָל עס זיין, רבונו של עולם! זאָגט ר׳ פּנחסלען אַז איך בין מסכים...

זיי האָבן זיך נאָך אַמאָל צעקושט. גיטעלע האָט נאָך מיט גע־טרייע רייד איר גרינגער געמאַכט דאָס האַרץ און זיי האָבן זיך צע־שיידט. אין גליקלעכע חלומות האָט הייעלע דורכגעשלאָפן די נאַכט. אַז זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געפילט אַ נייעם שטאָלץ: „אויס גאַסט!" האָט זי זיך געזאָגט. „שונאים וועלן נאָך בלינד ווערן, קוקנדיק אויף מיין כבוד, מיין גדולה!... ווער הער איך?... אַז איך בין פאַר אים, זאָל לעבן, יוצא, בין איך פאַר גאָט, ברוך הוא, אוודאי יוצא. איצט מעגן לייט רעדן, וואָס זיי ווילן!"..

נאָכן דאַווענען האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז היינט ביינאַכט וועט זיין אַ קנין צווישן הייעלען און ר׳ פּנחסלען און מען האָט זיך גע־ריכט אויף משקה לרוב אין מען וועט טרינקען עד דלא ידעי.

ה.

שימעלע איז געזעסן אין בית־המדרש זייער אומעטיק און פאַר־טראַכט, כאָטש אין דער פרי צום דאַווענען האָט זיך געפונען אַ טרונק בראַנפן און פאַרבייסן: אָפּגעקאַכטע אייער לכבוד ל״ג־בעומר. אָבער ער האָט היינט פון זיין אַלטער געהאַט אַ פינצטערן

טאג, און ער וואָלט מוחל געווען דעם בואנפן מיט די אייער. עס זאָל בעסער היינט קיין ל״ג-בעומר נישט זיין, ער זאָל נישט דאַרפן אָפּצאָלן דעם גרויסן חוב: אַ גאַנצן גילדן מזומן, וואָס זיינע ביידע ייִנגלעך האָבן ביי אים אָנגעקליבן פון זיינע הבטחות פאַר זייער גוט לערנען, און נאָך מער פאַר זייער שווייגן, בעת זיי זענען הונגעריק געווען.

— שווייגט קינדער! — פלעגט ער זאָגן. — וואָס וועט שוין זיין, אַז איך וועל אייך קויפן אַ בייגל און איר וועט אים שוין אויפעסן? בעסער וועל איך די קאָפּעקע ביי זיך באַהאַלטן, ביז איר וועט אזוי אָנקלייבן ביי מיר אַ גאַנצן גילדן, דערווייל וועט זיין ל״ג-בעומר, וועל איך נעמען דעם גילדן און וועל אייך קויפן אָפּגעקאָכטע אייער, קיכלעך מיט זיסן בראָנפן, און מיר וועלן מאַכן א סעודה כיד המלך... אָט וועט איר וויסן, וואָס הייסט ל״ג-בעומר און וואָס הייסט אַ סעודה!

די קינדער פלעגן אויף דעם מסחר באַשטיין און שווייגן. אַז אין אַ ווײַלע אַרום פלעגט זיי דאָס הערצעלע אָנהייבן חלשן און זיי פלעגן אָנהייבן ווידער וויינען, פלעגט דער טאַטע זאָגן: „זאָג, יאָסעלע, דו ווילסט, איך זאָל דיר קויפן ל״ג-בעומר אַ רויטע איי, אָדער אַ גרינע?"

— אַ רויטע... — פלעגט דאָס קינד ענטפערן, כליפּענדיק.

— נו, גוט, אַ רויטע מיט אַ גרינער! — פלעגט דער אָרעמער טאַטע טרייסטן — וויין זשע נישט, זיי אַ גוט ייִנגעל און זאָג דעם חומש ווייטער!

אזוי האָט ער זיי גענאַרט און געלאָזט חלשן, בעת ער האָט אליין אויך געהונגערט. ענדלעך איז געקומען דער פילפאַרשפּראָכענער טאָג ל״ג-בעומר. די קינדער זענען מיט דעם באַגינען אויפגעשטאַנען און האָבן אָנגעהייבן מאָנען זייער גילדן און זייער סעודה. צום אומגליק זענען זיינע רייכע תּלמידים, חייעלעס קינדער, היינט אין חדר נישט געקומען, די אָרעמע האָבן גאָרנישט מיטגעבראַכט, דאָס ווייב זיינס האָט געהייסן די קינדער נישט אָפּלאָזן דעם טאַטן אויף קיין איין מינוט נישט: זאָל ער טאקע פאַר זיי מאַכן אַ סעודה, ווי ער האָט שטענדיק פאַרשפּראָכן.

— ווייסט איר, וואָס, קינדערלעך, — איז ער אויף אַן עצה געפאַלן, — וואַרט אַ ווײַלע, דאַוונט אָפּ פריער, אָט וועלן קומען מאַטעלע

און בערעלע, וועלן זיי ברענגען, מסתמא, כל טוב, וועלן מיר מאַכן די סעודה צוזאמען.

די קינדער אָבער האָבן נישט געוואָלט ווארטן און האָבן גע־וויינט: „אַ סעודה, אַ גילדן!״

— דו ווייסט, יאָסעלע, וואָס איז טייטש כל טוב? — האָט שמעון געפּרוּווט זיי פאַרשלאָגן די טענה זייערע. — כל טוב איז טייטש אַלדאס גוטס, אַ סך בייגל מיט פּוטער, מיט קעז, מיט אייער צע־בראָקטע אין זאַלצוואסער, אַזוי ווי פּסח ביינאַכט... אַ סך, אַ סך! און באָקסער און ניסלעך! אָט וועט איר האָבן אַ סעודה! ווארט נאָר, איך וועל ארויסגיין אין גאס באַקומען געלט און אַלץ אַלץ איינקויפן.

— שווער זיך! — האָבן די הונגעריקע קינדער פאַרלאַנגט.

ער האט געשוווירן און אזוי האט ער זיי גענארט ביז נאָך האלבן טאג און איז ווירקלעך געגאַנגען זוכן, כאַפּן ערגעץ אַ פּאָר גילדן. דאס ווייב זיינס האט אים אָבער נאכגעשריגן:

— שמעון, זאָלסט בעסער גאָר אַהיים נישט קומען אָן געלט! הערסטו, וואָס איך זאג דיר?

ער איז אַוועק צו רחלען און האט געקלערט צו בעטן לייען אַ האלב קערבל. נאר רחלע איז נישט געזונט געווען, און ער האָט־נישט זי, נישט די קינדער געקענט זען. מיט אַ באַטריבטן הארצן איז ער אַוועק אין בית-המדרש, טאָמער וועט ער דאָ באקומען צו לייען עטלעכע גראָשן. מנחה-צייט זענען אפילו געקומען אַ פּאר באַלעבאטעם, וואָס קענען לייען אַ האלב קערבל, אָבער איינער פון זיי האט אים שוין אַמאָל געליען אַ רובל און ער האָט אים נאָך עד היום נישט אָפּגעגעבן, צו דעם אנדערן איז ער צוגעגאנגען און האָט געזאגט:

— שואל, דו ווילסט פארדינען אַ מצווה? בנאמנות אַ מצווה! ליי מיר אַ האלבן ר״ך...

— איך וויל נישט קיין מצווה און איך וויל אייך קיין האלבן רובל נישט לייען. מער מצווה וועל איך האבן, אז איך וועל מיין פלוניתטע אוועקגעבן אויף מארגן אין מארק אריין, — האָט דער גוטער ברודער געענטפערט.

— טאָ ליי מיר כאָטש פינף און צוואנציק קאָפּעקעס! — האָט שימעלע געבעטן.

— איך האָב נישט! — האָט שואָל זיך קאַלט אויסגערעדט און האָט אָנגעהייבן זאָגן קטורת צו מנחה.

— אַ גילדן אויך נישט? — האָט שימעלע געפרעגט.

— קח לך סמים נטף ושחלת וחלבנה סמים ולבונה זכה בד בבד יהיה! — האָט דער ייד ווייטער זיינע קטורת געזאָגט און שימעלען אָנגעקוקט אזוי, ווי די ווערטער וואָלטן די ריכטיקע תשובה געווען אויף זיין בקשה.

— פארחלבנהט זאָלסטו ווערן, רבונו של עולם! — האָט שימעלע מיט כעס אויסגערעדט, אַריב געטון די שפּיצן פינגער אָן שויב און אליין אויך אָנגעהייבן זאָגן קטורת. ער האָט אָפּגעדאַווענט מנחה, און צו מעריב אין שמונה עשרה האט ער כמעט אליין נישט געהערט, וואס ער רעדט: אזוי אָנגעפילט מיט געדאנקען און דאגות איז ער געווען. „כאָטש איין גילדן שיק מיר צו, רבונו של עולם!" האט זיין אָרעם הארץ אין דער שטילער שמונה עשרה הויך געשריגן, „אז נישט, קען איך אהיים נישט קימען, כאָטש דאָ נעכטיקן... האָב רחמנות, טאַטע־פאַטער, און שיק מיר כאטש איין גילדן צו!"

געוויס האט דער רבונו של עולם זיין בקשה צוגענומען, ווארים ווי ער האט נאר אָנגעהייבן זאגן „עלינו", איז צוגעקומען צו אים אַ ווינאָגראָדקער בעל־עגלה, און האט אים געפרעגט:

— דאס זענט איר, ר' שמעון מלמד?

— אני, אני הוא ולא אחר! — האט שמעון געענטפערט אין לשון הקודש, ווייל ער האט נאך דעם „עלינו" נישט געענדיקט.

דער בעל עגלה האט נאך אַמאל איבערגעפרעגט.

— איך בין דאס, איך, ווי איר זעט מיך אַ יידן, אַ כשרן און א פרומן! — האָט שמעון געשוווירן, האלב אין כעס, האלב האָפנדיק, טאמער וועט דאָ ווערן א גילדן, ער זאל קענען אהיים גיין.

— נו, אז דאס זענט איר, האב איך טאקע צו אייך א בריוועלע מיט נאך עפּעס, — האָט דער בעל־עגלה געזאגט.

— ראשית, נאט אייך אוועק אייער שלום־עליכם! — האט ר' שמעון צעפרידן אויסגערעדט און דעם בעל־עגלה דערלאנגט זיין האנט. — שנית, זאגט מיר, פון וועמען איז דאס בריוועלע? פון וואנען קומט איר? יאָ, און וואָס איז טייטש: „נאָך עפּעס?"

— איילט נישט, ר' שמעון, איר וועט זען פארטיקערהייט. דאס

בריוועלע איז פון דעם רבינס, זאל לעבן, גבאי... איר וועט שוין זען וואס ער שרייבט דארט.

— גיט זשע שוין דאס בריוועלע! — האָט שמעון געבעטן. — דער בעל-עגלה האט ארויס גענומען אן איינגעשמירט פאפיר, פאנאנדער-געוויקלט עס גאנץ רויק און געלאסן. דא איז געווען א גאנצער טוץ בריוו. ער האט ארויסגענומען איינס און האט שמעונען דערלאנגט. „לייענט איבער, זייט מוחל, דעם אדרעס״. אין בית-המדרש אין פינצטערלעך געווען און שמעון האט געמוזט צוגיין צום עמוד ווי עס האט נאך א יאָרצייט-ליכט געברענט. למסור לכבוד הרבני הנגיד חיים פירשטיין, מק״ק ווינאָגראָדקא לק״ק קליניץ״. שכר טרחה חמשה קטנים.

— דאס איז נישט צו מיר, — האט שמעון דערקלערט.

— צו וועמען דען? האט דער בעל-עגלה געפרעגט.

— צו חיים פירשטיין, איר קענט אים נישט? — האט שמעון אומגעדולדיק אויסגערעדט.

— ווי וווינט ער? האָט דער בעל-עגלה רויק און קאלט איבערגעפרעגט.

אַן עק שטאט, העט ווייט הינטער דער באָד.

— גו זאָגט זשע מיר, זייט מוחל, וויפל שטייט דא אויפגעשריבן שכר טרחה?

— פינף קאָפּיקעס!

— וועט ער נישט קראַנק זיין קומען צו מיר! — האט דער בעל-עגלה מיט כעס אַ זאג געטון און דעם בריוו אריינגערוקט אין שטיול. ער האט ארויסגענומען פון פאק נאך א בריוו און דערלאנגט שמעונען: אפצוגעבן לבעלי מוה׳ אברהם גרינער בק״ק קליניץ, אויפן שולהויף, שכר טרחה פינף קאָפּיקעס.

— ווי זאגט איר? ווי הייסט ער?

— וואס איז דאס מיין דאגה, ווי ער הייסט? — האט שמעון מיט כעס און אומגעדולט זיך אָנגעבייזערט. — אַבי דאס בריוועלע איז נישט צו מיר, בפירוש נישט צו מיר.

— ר׳ שמעון, איר זענט דאָך אַ ייד, וואס פארשטייט אין די שווארצע פינטלעך, ווי קומט עס צו אייך נישט צו פארשטיין, וואס אַ פראסטער בעל-עגלה אַ שמייסער פארשטייט? — האט דער בעל-עגלה קאלט, ווי פריער, געפרעגט.

— וואס פארשטיין! וואס? ווען? גיט מיר דאס בריוועלע, איך האב נישט קיין צייט, אין דערהיים ווארט מיין ווייב און קינד.

— נישט געאיילט, פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס! האט דער בעל־עגלה זייער פילאָזאפיש דערקלערט. — אַט שטעלט אייך פאָר, כדומה למשל: איך פיר פון קליינינץ קיין ווינאָגראדקא שטענ־דיק אַ פעסל הערינג, אַ פּאָר פעסלעך ביר, אַ זעקל זאַלץ, אַ מאָל אויך אַ קאָרב מיט גלעזער, טעלער, ליימענע טעפּ, אפילו אַ שפּיגל האב איך דאס פארגאנגענע מאל געפירט. נו, אז עס קומט צום איינפּאקן די עגלה, פארשטייט אפילו מיין שמייסער, אז די שווערע משא לייגט מען אונטן און די גרינגערע פון אויבן, און זאל קומען דער גרעסטער גמרא־למדן און דרייען מיטן גראבן פינגער און פרעגן: טאמער פאר־קערט? וועל איך אים זאגן: פרעגט, זייט מוחל, אייער קשיא אין דער גמרא, ביי מיר אין דער עגלה גייען די קונצן נישט אן! דא מוז מען די שווערע משא לייגן אונטן און די גרינגע, וואס קען צעבראכן אדער צעדריקט ווערן, מוז מען לייגן אויבן. און אזוי, אז עס קומט ביים ארויספּאקן — מוז מען פריער אַראָפּנעמען די גרינגע און דערנאך די שווערע, כסדר... מעג ברוך שענקער שרייען חי וקים, ער מוז דאס פעסל בראנפן, אָדער ביר, טאקע שוין האבן, — ביז עס קומט צו צו זיין פעסל, מוז ערווארטן, בדאי ער מעג דאָ אַ כפּרה ווערן! פון איילעניש, ר׳ שמעון, וועט קיין גוטס נישט זיין!...

— וואס איז דאס שייך צו מיין בריוול? — האט שמעון גע־פרעגט. — הערינג, ביר, גרינגע און שווערע משא. עס קריכט מיר גאָר אין קאָפּ נישט. גיט דאס בריוועלע, איך האב קיין צייט נישט!

— פארשטייט איר, דאס מיינט דער פסוק! — האט דער בעל־עגלה ווידער קאלטבלוטיק געענטפערט, — מען מוז גיין כסדר. איר זעט דאך: אַ גאנצער פּאק בריוו! לייענט, מיר וועלן קומען צו אים אויך.

ר׳ שמעון האט קיין ברירה נישט געהאט און האט ווייטער גע־לייענט די אדרעסן: „למסור צו מיין מאן יוסף הערינג, ביי חייעלע ר׳ לייזערס הויז, שכר טרחה צען קאָפּ.״ — אט וועט איר האבן אַ סעודה צו מאכן לכבוד ל״ג־בעומר, — האט שמעון מיט קנאה געזאגט.

— אַ סעודה וועל איך מאכן פאר מיינע סוסים, אַ פוד היי מיט

אַ מעסטל האבער!... אז מען מאכט זיי קיין סעוּדה נישט, הייבן זיי די פיס נישט, און אז זיי הייבן די פיס נישט — דרייען זיך די רעדער נישט. ביי זיי איז אַלע טאג ל״ג-בעומר.

— ווי דערלעב איך שוין מיין בריוול צו זען, אָן אָנשיקעניש, רחמנא יצילני! — האט שמעון אויסגעזיפצט פון אומגעדולט.

— אָט אזוי רעדן מיינע פארשוינען אויף מיין עגלה, יאָלדן זענען זיי! — האט דער בעל-עגלה זיך אָפּגערופן, — אבער וואס זאגן מיינע חכמים, די סוסים מיינע, זאָלן געזונט זיין? „האט צייט, מיר קענען זיך נישט צעררייסן צוליב אייך!" זאגן זיי און גייען זיך זייער וועגס מלה במלה, טריט ביי טריט. וואלט איך געהאט דעם בעל-שמס פערדל, וואלט איך אין איין טאג די גאנצע וועלט אויס-געפארן, אַ מכּה דעם אייזן-באנד אין זיין פּיסק אריין!

שמעון האט געמוזט איבערלייענען אלע אדרעסן, דער בעל-עגלה האט צו עטלעכע מאל איבערגעפרעגט: ווי און וווּ וווינט יעדער, און האט יעדעס בריוול אין אַ באַזונדער אָרט ביי זיך באהאלטן, אין די שטיוול, אין היטל, אין אלע קעשענעס, אלץ מיט סימנים און זיך גוט איינגעצייכנט די נעמען. אז עס איז געקומען צום לעצטן און שמעון האט דערזען, אז דאס בריוול איז אויך נישט צו אים, האט ער שוין בדעה געהאט דעם בעל-עגלה צו שעלטן אין טאטן אריין. נאר אין מיטן האט ער אַ קלער געטון, אים צו בעטן לייען אַ גילדן, ווארים אין בית-המדרש איז שוין דערווייל קיינער נישט געבליבן, און ווי גייט מען אהיים אָן אַ גילדן? ער האט דעריבער מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל געזאגט: „נו, זייט איר אַ קלוגער, אויסגענארט אַ יידן אַ למדן, — איך בין אייך מיין כּבוד התּורה מוחל, נאר איבער אייך האב איך אַ גילדן פּרנסה אָנ-געווירן און דעם גילדן מוז איך האבן, כאָטש עס מעג זיך קערן הימל און ערד.

— איר וועט שוין באלד האבן מער ווי אַ גילדן, — האט דער בעל-עגלה געענטפערט. — אָט באלד גיב איך אייך אייער בריוועלע, אַ טייער בריוועלע! ער ליגט ביי מיר גאר אין אַ באַזונדער ארט. איך האב אים באהאלטן אין מיין בייטעלע... פארשטייט איר, דאס איז אַ געלט-בריוו און מען מוז עס מער היטן, ווי אזוי אַ בריוול, וואס איז נאר מיין היזק, אז איך פארליר אַ מאָל אין וועג, דאס הייסט מיינע פינף קאָפּיקעס, נעבעך. ווארים יענער איז נישט חולה

נאך אַמאָל אזא בריוועלע אויפצעשרייבן. עס קאסטן אים טייער די שווארצע פינטעלעך, וואס ?...

— טאָ פארוואָס האט איר אים געזוכט צווישן דעם פּאַק בריוו, אז איר האָט מתחילה געוווּסט, אז מיין בריוו איז דאָ נישטאָ?

— איר זענט דאך עפּעס אַ ייד אַ תלמיד חכם, און איר פאר־שטייט דאָך מסתמא אַ אינטערעס ! — האָט דער בעל־עגלה געענט־פערט. — וועל איך אייך טאקע דעם אמת זאגן : איך ווייס נאר, וואס עס טוט זיך אין מיין וואָגן, אָבער אויף די שוואַרצע פינטעלעך בין איך, לא עליכם, גאר קיין מבין נישט. אָט האָב איך געוואָלט, איר זאלט מיר איבערלייענען אלע אַדרעסן, איך זאל וויסן וועמען די בריוו אָפּצעגעבן. לאמיר זיך נישט נארן. שכר טרחה וועט איר נישט געבן, נישט איר און נישט ר' פנחסל, ווייל ווי זאָגט מען : אַ נעמער איז נישט קיין געבער... דעריבער האט איר אייך געמעגט מטריח זיין מיר איבערצעלייענען די אַדרעסן. אַ טרחה פאר אַ טרחה און מיר זענען קוויט.

ביי די רייד האט ער פון זיין פאַרפעכטן בייטל אַרויסגענומען אַ בריוול און דערלאנגט שמעונען. שמעון האט איבערגעלייענט דעם אדרעס :

„למסור לעצם יד ר' שמעון שדכן המכונה שמעון מלמד בק"ק קליינין בצירוף סך עשרה רו"כ". שמעון האט מיט ציטערדיקע הענט דאס בריוול צוגענומען און זיך גוט געהיט, ער זאל דעם קאָנווערט, חלילה, נישט איינרייסן. ער האט דאס בריוועלע אַרויסגעצויגן, פון בריוועלע אַרויסגענומען אַ נייעם בילעט צען רובל. דעם בילעט אַרומגעקוקט פון אלע זייטן. אים געהאלטן קעגן יאָרצייט־ליכט און געקוקט מיט פאַרגעניגן אויף די קליינע אותיותלעך : צען! צען! צען ! ווי ער וואלט דא געזוכט דעם געהיימען כּוח, וואס ליגט אין דעם פּאַפּירל, וואס אַלע יאָגן זיך אזוי נאך אים און וואס האט אים נופא אזוי שטארק משמח געווען. ענדלעך האט ער דאס צענערל געהעריק צוזאמענגעלייגט און האט פארגעניגן געהאט, וואס עס איז דווקא אַ נייס און קנאקט נאך אונטער די פינגער. אַלע זיינע קעשענעס האבן אים זיכער וויייניק אויסגעוויזן דאס צענערל צו באַ־האלטן און האט זיך געזאגט : „דער בעסטער ארט איז אין האנט!" און האט עס פעסט איינגעקרעמפּט אין זיין רעכטער האַנט. ערשט איצט האט ער דאס בריוועלע אנגעהייבן לעזן :

לכבוד הירא והחרד בקהל חסידים יחד כבודו מוה׳ שמעון שדכן נ״י זה שמו וזה זכרו למזל ולברכה תמיד.

„ראשית אודיעך שמעון הזכאי, אז דער ענין הידוע, וואס דו האָסט מיר מציע געווען בעזרת השם יתברך, האָט געפונען חן אין מיינע אויגן, און אַ ראיה דערצו איז טאַקע נעכטן, בעת אלע יידן זאגן: „וי אבדה נפש״, האב איך דווקא געפונען אַ נייעם נפש, כלומר: את נשמת האשה החשובה והצנועה מרת הייעלע שתחי׳ שנשמתי נתדבקה בשרש נשמתה, הדא הוא דכתיב: ורות דבקה בה, בו אין כתיב כאן אלא בה מלמד בשרש נשמתה. וכשגליתי את הדבר הזה לפני אדוננו ורבינו שיהי׳ ענני בזה הלשון: מגלגלין זכות על ידי זכאי, שמעון שדכן איז אַ זכאי, וה׳ יברכו בהצלחה. מצדי שיק איך דיר שכר טרחה סך עשרה רובל כסף, גאָר שכר טרחה, ווארים שכר מצוה בהאי עלמא ליכא כידוע. כשיבא לידי אַ ענין פון נכבדות, וועל איך שיקן צו דיר, ווארים ברכת רבינו זכותו יגין עלינו, לא קלה בעיני... מובטחני כך כי מהיום והלאה, ו עסט ווערן אַ גרויסער מוצלח לגמור כל ענין נכבד שתהי׳ אתה הממוצע בכי טוב. אשריך וטוב לך שמעון הזכאי!... שכרך תקבל בעולם הזה וכפלים לתושיה בעולם הבא, ועתה שמעון הזכאי, שמע א״י איעצך ־וב לך, האסט ענינים פון נכבדות, טו און פיר אויס, ומי קרוב לאם יותר מבתה?... ודי לחכימא ברמיזא, והבן!... אזר מתניך, טו אנגורטלען דיינע לענדן, רכב וצלח, באַגליק און רייט עד שתקוים בך ברכת רבינו שיחי׳ מברכך ברוך ואת אשר תברך יבורך, נא.ם הרוצה בהצלחתך פנחס הלוי.״

אין יידיש איז דער בריוו אומגעפער אזוי:

„צו דעם פרומען און גאָטספארכטיקן, וואס צווישן חסידים איז זיין כבוד איינציק, ה׳ שמעון שדכן. דאס איז זיין נאמען און זיין נאמען און זיין זכר צו מזל און ברכה אויף שטענדיק. ערשטנס, מעלד איך דיר, שמעון דער גליקלעכער, אז די געוויסע זאך, וואס דו האסט מיר פארגעלייגט, איז מיר געפעלן. אַ באווייז דערצו איז, אז טאקע נעכטן, בעת אלע יידן פארלירן זייער נשמה יתירה, ד. ה. שבת-צונאכט, האב איך דווקא געפונען אַ נייע נשמה, איך מיין די נשמה פון דער א״ה הייעלע, וואס האט זיך פאראייניקט מיט מיין נש ה, און אז איך האב דאס מגלה געווען פאר אים, זאל לעבן,

האט ער אזוי געזאגט: „אַ רעכטע זאך קומט דורך אַ רעכטן מענטשן שמעון שדכן איז אַ רעכטער מענטש און גאט וועט אים בענטשן מיט הצלחה, ער זאל באַגליקן אין אלע שדוכים, וואס ער וועט פירן״. פון מיין זייט שיק איך דיר פאה דיין טרחה צען רובל, נאָר פאר דיין טרחה, אָבער נישט פאר דער מצווה, ווארים פאר אַ מצווה ווערט מען ערשט אויף יענער וועלט באַצאָלט. און אז מיר וועלן זיך טרעפן שדכנותע זאכן, וועל איך מסתמא שיקן צו דיר, ווארים דעם רבינס ברכה איז קיין קלייניקייט נישט. איך בין זיכער, אז פון היינט אָן וועסטו שטענדיק מיט גליק אויספירן יעדן שדוך, וואס דו וועסט זיין דער שדכן. אזוי גוט און אזוי וויל צו דיר! דיין באַלוינונג וועסטו האבן אויף דער וועלט און צוויי מאל אזוי גליקלעך וועסטו זיין אויף יענער וועלט. איצט הער נאר מיין עצה, וועסטו גוט מאכן. האסטו עפעס שדוכים אויסצעפירן, נעם זיך און פיר אויס. ווער איז צו אַ מוטער נענטער, ווי איר אייגענע טאָכטער?... א קלוגער שטויסט זיך פון איין ווונק אַ סך...״

שימעלע האט זיינע אויגן נישט געגלויבט. ער האט דאס בריוועלע דריי מאָל דורכגעלעזן, געלערנט, פאַרטייטשט און אויסגעלייגט יעדעס וואָרט, אר האט דאָ פשטים סודות און רמזים געפונען.

זייט ער איז אַ שטיקל מענטש, איז ער אויך שטענדיק אַ שדכן געווען און אים האָט זיך זעלטן איינגעגעבן, ער זאל אַ שידוך אליין אזוי גרינג אויספירן. צום אויספירן פלעגן ווי פון דער ערד אַרויסוואקסן נייע שדכנים און אים פלעגט פון די שדכנות אַ קאָפּיקע זעלטן צופאלן. היינט האָט ער אנגעהייבן גאָר אומגערן, נישט וועלנדיק, מער נישט פון אַ תירוץ וועגן, חייעלע זאל אים אַ פּאָר רובל לייען, ער זאל קענען פסח מאַכן און עס האָט אים אַזוי מצליח געווען. דער שדוך איז שוין אויסגעפירט, מצד החתן האָט ער שוין אַ ניי קנאַקעדיק צענערל...

„ר׳ פנחסל איז אַליין אַ מקבל און אַ מקבל איז נישט קיין נותן״, האָט ער געקלערט, „איז פון זיין זייט טאַקע די והותר עשרך ר״ך. אָבער חייעלע וועט געבן כ״ה קארבן, וועל איך טאקע באמת האבן אויף נדן און תכשיטין פאר מיינע בנות! היינט וואָס זאָרג איך? אָבער נאָך נישט דאָס איז גאָר. דער עיקר איז דאָס טייערע בריוועלע! דאָס בריוועלע, וואָס שטייט אין אים געשריבן שווארץ אויף ווייס, אז דער רבי, זאל לעבן, אליין האָט געזאַגט,

אז איך בין אַ זכאי, א מוצלח און האָט מיך געבענטשט, איך זאָל זיין אַ מוצלח... אָט דאס איז אַ הון יקר! טאָ וואָס זשע זיץ איך דאָ? פאַרוואָס גיי איך נישט אַהיים באַווייזן מיין פלונית, אַז כאָטש זי שעלט מיך מיט אַלע קללות פוןביידע תוכחות — פונדעסטוועגן בענטשט מיך דער רבי, זאָל לעבן! — לאָז זי פרוון מיך איצט שעלטן, גטן וועל איך זיך מיט איר! זאָל זי וויסן, וועמען זי שעלט... אָבער, ראשית, מוז איך פאַרשדכנען מיינע ביידע בנות שהגיעו פרקן להנשא, (וואס איז שוין לאַנג צייט זיי אונטער דער חופה צו פירן) און דערנאך? יאָ, און דערנאָך? וואס, איך וועל זיך טאקע גטן מיט מיין פלונית? ניין, ווי קום איך דערצו? איך האב עס נאָר גלאַט אזוי לצנות געטריבן, ווייל איך בין בדיחא דעתי, מלא שמחה פון דעם בריוועלע... אי, וואס, זי שעלט מיך? שוטה, פאַרוואס שעלט זי מיך? זי שעלט מיך, כדומה למשל: עס קומט דער דאָנערשטיק און זי האָט נאָך קיין אָנהייב נישט אויף שבת; זי שעלט מיך ווידער, וואס זי האט קיין שיך נישט אין וואס ארויסצוגיין און מוז זיצן אין געהאַקטע צרות אַ גאַנצן טאָג אין דער היים. ווייטער שעלט זי מיך, וואס איך שעלט זי, בעת איך בלייב הונגעריק פון דעם וואַרמעס, וואס איין גרויפ פון דעם אַנדערן איז אַ מייל ווייט; ווידער שעלט זי מיך, וואס איך כאַפּ אַ מאָל איר שבתדיקן מלבוש און דעק מיך צו, אז ס'איז מיר קאַלט; ועל כלם שעלט זי מיך, פארוואָס איך פארזארג נישט די טעכטער אונדזערע, וועלכע ליגן איר ווי אַ יאָך אויף אירע פלייצעס? איז דאס אלץ גערעדט געוועזן עד עתה, ביז היינט, ביז איך האב מקבל געווען דאס טייערע בריוועלע, אָבער מכאן ואילך, פון היינט אָן און ווייטער בין איך שוין אויס קבצן, איך האָב שוין די מזל-ברכה ביי מיר אין בוזעם-קעשענע, איך מיין: דאס טייערע בריוועלע... דאָנערשטיק אויף מעל, אויף הייוון, אויף ליכט און אויף פלייש וועל איך געבן, איידער זי וועט נאך ןבעטן, וועט זי ממילא נישט שעלטן; אַ פאָר שיך וועל איך באַשטעלן פאר איר פאר גאנצע שלשה ר"כ, און אז זי וועט האבן וואס אנצוטון, וועט זי טאקע גיין פארדינען אין מארק אריין, און אז זי איז אין דערהיים נישטא, האָב איך קיין מורא נישט פאר אירע קללות. פון וואַרמעס וועל איך הונגעריק נישט בלייבן, ווארים איך וועל איר טאקע געבן מיט עטלעכע גראָשן מער אויף פארקאָכעכץ, וועט טאקע אַ גרויפ צו אַ גרויפ זיין אַ נעענטער קרוב. און אַ מאָל וועל איך מיך

פאַרגינען אַ הערינג מיט ציבעלע פאַרן עסן, וועל איך הינגעריק נישט בלייבן פון ווארמעס. וועל איך נישט שרייען: איך בין הונגעריק, וועט זי מיך נישט רופן: עשו הלעיטני! מיט איר שבתדיקן מלבוש וועל איך מיך שוין נישט דאַרפן צודעקן, ווארים עס וועט זיין דער רובל אין קעשענע, וועט מען קויפן אַ וועגל האָלץ און אז עס וועט קאַלט זיין, וועט מען אויסהייצן, און איך וועל מיר אויסבעטן אויפן לעזשאַנקע און טאקע דורכוואַרעמען מינע ביינער, וועט זיין אַ מחיה נפשות ממש... די בנות וועל איך פארשדכנען בעגלה בזמן קרוב, ווארים דערצו בין איך שוין, ברוך השם, אַ מוצלח: דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה איז אַ ברכה. דיביידע יינגלעך וועל איך אין אַ פאָר יאָר ארום אַוועקשיקן ערגעץ אין אַ ישיבה, וועל איך בלייבן דיעד דאַ באַבאַ... היינט צו וואס זאָל איך מיך גטן? גלאַט אזוי געזאָגט, ווייל זי האָט מיר היינט געגעבן די וועלט צו זען; אָבער באמה האָב איך אויף איר קיין שום כעס בלב נישט. זי איז אַ טייערע אשה, זאָל איר גאָט געבן יאָרן. אָן איר וואָלט איך קיינמאָל אַ גאַנצן זאָך נישט געטראָגן אויף מיינע פיס, אָן איר וואָלט מיין לאַסט-נגענע קאפאָטע נאָך עד היום געווען מיט צע-ריסענע ארבל. אדרבה, איך לויף שוין אַהיים איר אָנזאָגן די בשורה טובה״.

ביי די געדאַנקען האָט ער זיך אַ הייב געטון און געלאָפן גלייך אַהיים. קוים אָבער האָט ער די טיר געעפנט, איז אים די אלטע זיינע אַנטקעגן געקומען מיט די ווערטער:

— דו האָסט געבראכט עפעס? אז נישט, גיי דיר ווייטער! די קינדער האָבן מיר מיין קאפ פארוויינט, נאָך דיין קאָפ זאָלן זיי שוין וויינען, רבונו של עולם!

אים האט זיך געוואָלט אַ ביסל לוסטיק מאַכן, האט ער געענטפערט:

— ווו זאָל איך נעמען? נישטאָ, א־ז נישטאָ, כאָטש שריי פון היינט ביז מאָרגן!

— אַ טאטע! אַ שיינער טאטע, — האָט דאס ווייב איבערגערעדט, — אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצן טאָג, מסתמא זיך גוט אָנגעשטאָפט מיט אייער, זיך אנגעזויפן נענוג מיט בראָנפן אויך... ער מיינט, איך דערקען אים נישט! דו ביזט מיר צו לוסטיק, שמעון! ווי האָט מען דאָס קיין גאָט אין הארצן נישט און מען פארגעסט גאָר, אז מען האָט

אַהיים, ווו עס גארן ווייב און קינד? וואס איז, אן עוולה אפשר, אז דו וואָלסט געבראכט אַהיים אַ פּאָר אייער, זיי מאכן אַ סעודה? אַ גאנץ יאָר עסן זיי זיך ביי דיר איבער? דאס הארץ צעגייט אין מיר פון דעם עלנט פון די ארעמע קינדער! אפילו עטלעכע גראָשן אויף אַ ל״ג-בעומר-סעודה! זיי זאָלן וויסן, אז זיי זענען יידישע קינדער און ל״ג-בעומר איז אַ מצווה א סעודה מאכן — דאָס דער גע-טרייער טאטע אויך נישט געקענט דערוויזן. וואס האָסטו זיי צו-געזאָגט? זאָכן און קרענקען זאָלסטו!

— טאקע א נארישקייט, — האט שמעון געענטפערט מיט א שמייכל, — א קבצן דארף גאר קיינמאל נישט צוזאגן.

— ניין! — האט זי אים איבערגעשלאגן זיינע רייד. — א קבצן דארף גאָר קיין קינדער נישט האָבן. א קבצן דארף גארנישט געבוירן ווערן. ערגער ווי דער טויט איז אזא קבצניש לעבן, ווי מיינס! רבונו של עולם, שיק דעם טויט בעסער אויף מיר, ווי לאנג וועל איך מיך אזוי מוטשען אויף דער וועלט?

נו געגוג שוין טרייבן לצנות! — האט שמעון זייער פריינטלעך געענטפערט. — געגוג, אויס קבצנים! א דאנק דעם רבונו של עולם פאר זיין חסד און דעם רבין, זאל לעבן, פאר זיין ברכה. איצט וועלן מיר שוין זיין מיט לייטן גלייך, וזה לך האות! אָט האסטו א סימן, אז איך בין נישט שיכור און משוגע, מיינע שונאים, אויך נישט...

ער האט דאס נייע צענערל פאנאנדערגענומען מיטביידע הענט און אויפגעהייבן פאר דעם לעמפל און געזאגט:

— קוק זיך נאר צו צו די וואסער-אותיות, זעסטו די וואסער-אותיות? אָט די דאָזיקע אותיות זאגן בפירוש, אז דער, וואס האט אזא בילעטשיק, איז בשום אופן נישט קיין קבצן, און אז איך האב איצט אט די רויטע אסיגנאציע, בין איך נישט קיין קבצן, פאר-שטייסטו? א האָר אויך נישט! און אז איך בין נישט קיין קבצן, האב איך געמעגט געבוירן ווערן, געמעגט האבן קינדער און מעג לעבן אויף דער וועלט!... קוק זיך נאר גוט איין און זע, וויפל מאל „צען״ דא איז אפגעדרוקט געווארן אין די קליינע אותיותלעך, אזוי פיל אזעלכע בילעטן רויטינקע וועט דיין מאן שמעון נאך האבן!... מיר וועלן נאך רייך זיין, אונדזערע טעכטער וועלן מיר אין א גוטער שעה במהרה אונטער דער חופה פירן. מיט דיין שבת-

דיקן מלבוש וועל איך מיך שוין נישט מער צודעקן און דו וועסט מיך שוין נישט שעלטן. די קינדער וועל איך אין דריי פיר, יאר ארום אוועקשיקן אין דער ישיבה, איך מיט דיר וועלן אונדז נישט גטן... פארשטייסטו, דאס האב איך נאר לצנות געטריבן מיט זיך אליין. טאמער מיינסטו, אז איך בין נאך אלץ שיכור ? קום, הער, וואס ר׳ פנחסל שרייבט צו מיר און זע, אז דעם, וואס דו פלוכסט און שעלסט — בענטשט דער רבי, זאל לעבן, און רופט מיך „שמעון הזכאי״, דאס איז טייטש א גערעכטער... א ייד, וואס האט א גרויסן זכות, מעג מען אנרופן זכאי — היינט שעלט מיך, וויפל דו ווילסט !...

— מיינע קללות, מיין מאן, — האט דאס ווייב אויסגערעדט זייער ווייך און צעפרידן, — זאלן פאלן אין טיפן ים, רבונו של עולם ! זעסטו דאך, גאט ברוך הוא וועט נאך די קללות צו ברכות אומ־קערן. ווי ווילט זיך מיר באמת שוין אויסגעלייזט ווערן פון דער ביטערער קבצנות, נישט דא געדאכט ! ווי וויל איך שוין זוכה זיין דעם יאך פון מיינע פלייצעס אראפפטרן און שוין זען די מיידלעך אונדזערע אונטער זייער חופה ! נישט זיי אין כעס, אז איך שריי און שעלט אמאל. דער קבצן איז שוין אין זיין מאמעס בויך פאר־שאלטן, אז נישט, וואלט ער דאך קיין קבצן נישט זיין !...

שימעלע האט פאר זיין ווייב דאס בריוול פארגעלייענט, איר פארטייטשט יעדעס ווארט און געגעבן צו פארשטיין, אז דאס, וואס ער שרייבט „ווער איז קרובער צו א מוטער פון איר אייגענער טאכטער״ מיינט ער געוויס, אז איך זאל מיין הצלחה אנהייבן פון מיינע אייגענע טעכטער, איך אליין זאל טאקע זייער שדכן און זייער מחותן זיין.

— דאס העמד צום לייב איז נענטער, — האט דאס ווייב צוגעשטימט, כאטש זי האט פארשטאנען, אז ר׳ פנחסל מיינט געוויס, אז מען זאל זען א שידוך פאר חייעלעס רחלען. זי האט עס אים אבער נישט געוואלט זאגן, ווארים זי האט זיין הצלחה פארגינען חייעלעס קינדער.

די ייִנגלעך האבן פונדעסטוועגן געשריגן: „דער טאטע זאל א סעודה מאכן, ווי ער האט פארשפראכן !״ שימעלן אבער האט זיך דאס צען־רובליקע נישט געוואלט פאנאנדערבייטן, און איז דערפאר אליין אין שענקל אריינגעגאנגען, בעטן דערווייל בארגן אויף דער

היינטיקער סעודה. ער האָט דעם שענקער באַוויזן דאס נייע צענערל און דער שענקער האָט אים אויף דעם סמך געבאָרגט: דריי אייער פאר ניין גראשן, אַ הערינג פאר זעקס גראָשן און דריי בולקעס פאר צען גראָשן; צום הערינג האָט שימעלע געבעטן צוגעבן בחינם אַ ביסל פעפער. אויך אַ טרונק בראָנפן פאר פינף גראשן האט ער גע-באָרגט, אין איינעם קרעדיט גענומען פאר אַ גאַנצן גילדן. ער האָט דעם שענקער דערציילט, אז דער רבי, זאל לעבן, האט אים זיין ברכה צוגעשיקט.

אין דער צייט זענען ר' שמעונס דערוואַקסענע טעכטער גע-קומען. די מוטער האָט זיי אָנגעזאָגט, אז גאָט, ברוך הוא, האט זיך מרחם געווען און האט זיי שוין אנגעהייבן טרייסטן; זי האט די מיידלעך געבעטן, דעם טאטן היינט נישט דערווידער זיין, אים כבוד אָפּגעבן. די טעכטער זענען אויך דערפרייט געוואָרן. דאס ווייב האט דערוויל דעם חדר אויסגעקערט, אַרויסגעדרייט אַ ביסל מער דעם קנויט פון לאָמפּ, געגרייט צום טיש מיט אַ ווייס טישטוך, און אז שימעלע איז אַהיים געקומען, האט ער כמעט זיין שטיבל נישט דערקענט. זי האט דעם הערינג צוגעריכט מיט ציבעלע, מיט עסיג און פעפער, די קינדער האט זי צו שטיקלעך איי מיט קוילעטש געגעבן עד לחשבון, און די רויטע שאלעכץ פון די אייער צעשפּילן דער-וויל. שימעלע איז זיך אומגעגאַנגען הין און צוריק, מיט איין האנט געגלעט זיין ציגן בערדל, מיט דער אנדערער — געקלאַפּט צעפרידן אויף זיין איינגעזונקען בייכל און האט זיך געטראכט: שישו בני מעי, שישו! פרייט אייך מיינע אינגעווייטן, פרייט אייך! איר וועט שוין מער קיין הונגער נישט ליידן, ווי ביז איצט! דו מעגסט זיך פרייען, שמעון, כי בשלך כל הכבוד הזה — נאר פונדיינעטוועגן איז דא איצט דער גאַנצער פּאראד! אָט, אז די הצלחה הייבט אָן צו לייכטן, ווי ליכטיק עס ווערט אין אלע פיר ווינקעלעך! מיין שטוב איז איצט אַ פּאלאץ, עס האט שוין גאָר אַלץ אַן אַנדער פנים, בנאמנות!...

אז ער האט זיך געוואשן צום עסן, האט איין טאָכטער אים צוגעטראגן אַ קוואָרט וואַסער מיט אַ שיסל, די אנדערע — האט דער-לאַנגט אַ ווייסן האנטוך, און ער האט מיט זיין פּאָלע, אָדער מיט אַ ברעג טישטוך נישט באַדארפט אָפּווישן די הענט, ווי אלע מאל. אויפן טיש איז געווען אָנגעגרייט אַ מעסער און זאלץ און ער האָט

נישט באדארפט שרייען: „שכּין! מלח!״ אַלץ איז איצט אין אָר־דענונג געווען, ווי צום סדר אין דער דאָזיקער נאַכט פון פּסח. אַלע קינדער האָבן זיך אַרום טיש צוזעצט, די אַלטע זיינע האט אַ פריי־לעך פּנים היינט באוויזן און די סעודה פון ל״ג־בעומר איז געראָטן געווען כסעודת שלמה בשעתה.

ער האט אָפּגעלייענט קריאת שמע, זיך געלייגט שלאָפן, און אפילו די וואנצן אין זיין בעט האָבן אים נישט געביסן, גלייך ווי זיי וואָלטן אויך פון דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה געוווּסט... אַז ער איז אויפגעשטאנען אויף מארגן פרי, האט ער אויף זיך דעם פסוק געלייענט: „ברצות ה׳ דרכי איש גם אויביו ישלים אתו״. אַז גאָט באַגליקט אַ מענטשן, ווערן אפילו זיינע פיינט אים פריינט! „מען דאַרף קיין ערגערע שונאים נישט״, האט ער געזאָגט, „ווי מיינע אייגענע טעכטער, מען דאַרף נישט קיין גרעסערע בלוטזייגערס, ווי די אייגענע וואנצן אין מיין בעט כּל ימי. היינט אָבער האבן אַלע מיט מיר שלום געמאַכט: די בנות מיינע גיבן מיר אָפּ כבוד, די וואנצן האבן מיך געלאָזט שלאָפן, ושנתי ערבה לי, און מיין שלאָף איז מר זיס געווען, און איך האָב אַ גוטן חלום געזען. מיר האט זיך געחלומט, אַז איך זע צעבראָכענע אייער און, ווי די גמרא וויל האבן, איז דער פּתרון דערפון, אַז מיין תּפילה איז אָנגענומען געוואָרן, און איך וועל טאַקע זוכה זיין בקרוב מיינע בנות אונטער זייער חופּה צו פירן!

ו.

אַז עס גליקט אַ מענטשן, גליקט עס מיט אַלעמען. גראַד איז מאָרגן, נאָך דעם גליקלעכן אָוונט — אַ יונגער בעל־הבית׳ל געווען צום דאַוונען, וואָס נעכטן ערשט איז זיין חתונה געווען, און מען האט צוליב אים קיין תחנון און קיין לאנגן „והוא רחום״ נישט גע־זאָגט; נאָכן דאַוונען האט דער חתן משקה געשטעלט, ר׳ שמעון האט אַ פּאָר גוטע טרונק בראָנפן געטון, און האט דעם עולם געגעבן לייענען דאָס טייערע בריוועלע. האט מען פארלאַנגט, אַז שימעלע זאָל געבן משקה אָפּצוּנעצן דאָס טייערע בריוול, אָבער ר׳ שמעון האט דערקלערט: „אַז איך וועל שטעלן משקה, טאָ וואָס פאַר

אַ גליק וועט דאס זיין פאר מיר? עני אני באותה שעה, דערווייל בין איך נאָך שמעון מלמד, שמעון קבצן", האט ער געזאגט, „אָט אַז חייעלע וועט מיר מיין שדכנות באַצאלן, און אז איך וועל, מיט דעם רבינס, זאל לעבן, ברכה, אַ דריי פיר שידוכים אויספירן, — שטעל איך משקה וויפל איר ווילט, דערווייל זאל שטעלן יעדער חסיד, וואס גלויבט, אז דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה מוז מקוים ווערן.

ר׳ הערש לייבעלעס, אַ הייסער חסיד, אַן אַלמן, האָט זיך אויסגערופן:

— איך שטעל אַ קוואָרט שפירט, זאָל ווער געבן אויף קיכלעך מיט קעז.

אַ טאטע פון דערוואַקסענע טעכטער, אויך אַ מאמין אַ שטארקער אין רבין, האט ארויסגענומען צוויי גילדן און געשיקט דעם שמש נאָך קיכלעך און נאָך קעז. ר׳ הערש האט געשיקט נאָך אַ קווארט שפירט און שמעון האט ווייטער געטרונקען, האט אויך אַ תורה געזאגט אין דעם ענין פון אמונת צדיקים, אין דעם ענין פון הצלחה אין שדכנות און דער האלב שכורער עולם האט באַשיינפערלעך געזען דעם כוח פון דעם רבינס ברכה... קיינער האט מער פון זיין תורה נישט גע־לאכט, ווי ביז איצט. מען האט געזען, אז אַ רוח אלקים האט זיך אנגעטון אויף אים, און ער איז שוין היינט נישט דער אייגענער שמעון, וואס ער איז נעכטן אין דער צייט געווען... אז די משקה, קעז און קיכלעך זענען אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען געווארן ביזן סוף, האט יענער טאטע פון די דערוואקסענע טעכטער געבעטן ר׳ שמעון הזכאי — אזוי איז בהסכם כלם געבליבן זאל מען אים רופן מהיום והלאה — ער זאל צו אים אריינקומען אין אוונט און זאל זיין הצלחה אנהייבן פון אים. ר׳ הערש לייבעלעס, דער אלמן, האט אים אויך געבעטן זיין ביי אים, ווען ער וועט צייט האבן. ער האט אים געזאגט: „עס גייען שדכנים צו מיר אַלע טאג און אז גאָט, ברוך הוא, האט אייך געווירדיקט צו זיין אַ מוצלח, וועט איר אפשר מיט איין ווארט מער מצליח זיין, ווי אנדערע מיט הונדערט געגג.

קומנדיק אַהיים זייער פריילעך, האט ער געפונען די שטוב זייער פיין צוגעקליבן: די דילן זענען אויסגעשאטן געווען מיט געלן זאמד, אַ האַלבער טיש איז געווען געגרייט, אַ צעהאקטער הערינג מיט ציבעלע און מיט עסיג איז געשטאנען אנגעגרייט, אַ פרוש האלב לעבל

ברויט, אַ מעסער, אַ גאָפּל, אַלץ ווי ער פלעגט געפינען קומנדיק פון דאוונען, מיט פינף, זעקס און צוואנציק יאר צוריק, בעת זיין שוויגער, עליה השלום, האט נאך געלעבט, ביי וועלכער ער האט אַ יאר מיט דריי חדשים געגעסן קעסט. אים האט זיך איצט געדאכט, אז ער איז צוריק יונג געווארן און עסט נאך קעסט. דאס ווייב זיינס האט אים אַ שיסל קרופניק דערלאנגט, און דאס עסן האט אַ ליבן ריח געהאט און ער האט מיט אַפּעטיט געגעסן. קוים האט ער די שיסל אויסגעליידיקט, האט זי אים נאך איינע דערלאנגט.

— עס, מיין מאן, — האט זי געזאגט, — זאל דיר ווויל באַקומען!

ר' שמעון האט געגעסן און מבינות געזאגט, אז אזא קרופניק מעג דער מלכות עסן. מען דארף אַ לב האבן נישט צו עסן. אַ טעם גן-עדן! נאר איך בין שוין זאט. כאטש צערייס זיך, איך קען מער נישט!

— איצט, קינדער, — האט ער צו זיינע חדר-יינגלעך אַ געשריי געטון, אז ער האט אפגעבענטשט, — איצט קומט לערנען!

— ווייסטו, מאטעלע, — האט ער צו הייעלעס עלטערן יינגל געזאגט, — ווייסטו שוין כאטש, אז דיין מאמע איז אַ כלה געווארן?

— ניין, מיין מאמע איז נישט קיין כלה, — האט דאס קינד געענטפערט, — זי איז שוין אַ יידענע.

— דו ביזט אַ טיפּוּשל, אַ שוטהלע, גאר אַ פּעטוּכל! — האט דער רבי געלאכט. — דיין מאמע נעמט פאר אייך אַ נייעם טאטן, ר' פּנחסל הייסט ער... ער איז אַ ייד אַ צדיק! ער וועט אייך, שקצים, שינדן די הויט, אי, וועט ער אייך שמייסן!...

דאס קינד האט אנגעהייבן צו וויינען.

— וואס וויינסטו, פּעטוך איינער, נישט גוט צו האבן ר' פּנחסלען פאר אַ טאטן?

— ניין, איך וויל אז משיח זאל קומען און מיין טאטע זאל לעבעדיק ווערן... איך וויל קיין נייעם טאטן נישט! — האט דאס קינד ארויסגעכליפּעט.

— שוטה, דיין טאטן ברענט מען אין גיהנום! — האט דער רבי צו פארשטיין געגעבן. — מען שמייסט אים נאך דארט אויף וואס די וועלט שטייט, אבער ר' פּנחסל איז אַ צדיק...

— רבי, — האט דאס קינד אומשולדיק ארויסגערעדט, — אז ר' פּנחסל וועט שטארבן, וועט מען אים אויך ברענען אין גיהנום?

— ניין! — האט דער רבי אויסגעשריגן. — ר' פּנחסל איז אַ ייד

אַ צדיק, און אים וועט נישט שולט זיין דאָס פייער פון גיהנום. דאָס לערנט די גמרא אפּ אַ קל-וחומר פון דעם מזבח הזהב.

— טאָ זאָל ר׳ פּנחסל שוין שטאַרבן, אויף יענער וועלט וועט אים דאָך בעסער זיין. אז ער וועט לעבן און מיך שלאָגן, וועט ער ווערן אַ רשע... איך בין אַ יתום. איך וועל אים נישט מוחל זיין און מען וועט אים אויך בּרענען אין גיהנום!

— אָך דו הולטיי, דו בענקאַרט איינער! — האָט שימעלע אויסגעשריגן. — דו וועסט מיר שעלטן ר׳ פּנחסלען? אַ טויט וועסטו בעטן אויף אים? לייג זיך, שייגאַץ, די הויט וועל איך דיר אַפּשינדן!

און נישט וואַרטנדיק, ביז דאָס קינד וועט זיין באַפעל טון, האָט ער עס אויפן בענקל אַנידערגעלייגט, אַפּגעשפּיליעט זיין רימען און געשמיסן אָן רחמנות. דאָס ווייב זיינס איז אַריינגעלאָפן און האָט דאָס עלנטע קינד קוים אַ לעבעדיקס פון זיינע הענט אַרויסגעריסן.

— אַזאַ שנעק וועט שעלטן ר׳ פּנחסלען! — האָט ער געשריגן. — ער וועט בעטן אַ טויט אויף ר׳ פּנחסלען, וואָס האָט מיר אַזאַ טייער בריוועלע געשריבן, און איך וועל אים שווייגן, מיינסטו?

— אָבער דאָס קינד איז נישט שולדיק, — האָט דאָס ווייב פאַרענטפערט. — וואָס ווייס עס, וואָס עס רעדט? מסתמא האָט עס דאָך געהערט פון זיין שוועסטער. וואָס די גרויסע קייען, טוען די קליינע שפּייען... זי, רחלע, נאָר זי האָט עס אים געוויס געלערנט! ווי דאָס קינד ווייס נישט, וואָס עס רעדט, אַזוי וועט עס ר׳ פּנחסלען נישט שאַטן!

— דאָס וועט איר נישט געשוויגן ווערן! — האָט שמעון צעהיצט פון כּעס געשריגן. — זאָל נאָר הייעלע בשלום אַהיים קומען, וועל איך איר דאָס דערציילן! זאָל זי זיך אָפּרעכענען מיט איר געניטערייער טאַכטער... נישקשה, איצט דאַרף איך שוין פאַר דער מאַמזעלנטע נישט מורא האָבן! און נישט אַכטנדיק אויף דעם ווייבס פאַרענטפערן, האָט ער אויך דעם קלענערן ברודערל עטלעכע שמיץ געגעבן.

— רחלע האָט עס געהייסן שעלטן ר׳ פּנחסלען? — האָט די רביצין געפרעגט, נאָכדעם ווי זי האָט דאָס קינד פון רבינס הענט מציל געווען.

— ניין, ניין, ווי איך בין אַ ייד, רחלע האָט קיינמאָל נישט גע-

הייסן שעלטן ר׳ פנחסלען! — האט דאס קינד געשווּירן. — דער רבי וועט האבן אן עבֿרה. ער האט געשלאגן א יתום, איך בין אים נישט מוחל, גאָט וועט אים שטראָפן!

— דו דאַרפסט אים נאך פרעגן? — האט שמעון זיך אריינגעמישט. — דער קאָפּ איז מיר אויסגעדאַרט, איך פאַרשטיי נישט, מיינט זי? דאס זענען אירע רייד, זאל נאר חייעלע קומען!... זי וועט נישט קוקן, וואס זי איז אזא מאמזעלנטנע, זי וועט איר געבן אַ פּאר פּעטש, וועט זי קליגער ווערן. אייך, שקצים, אז איר וועט נאך איינמאל א בייז ווארט ארויסרעדן, וועל איך אייך נאך נישט אזוי שמייסן. איך וועל איינוויקן די ריטער און אייך אזוי לאנג שמייסן, אזש דאס בלוט וועט ביזן באלקן שפּריצן! פאר מיר אין די אויגן וועט די מאמע אייך מוזן פון דאס ניי שמייסן! געדענקט וואס איך זאג אייך! איצט גייט עסן ווארמעס!

רחלע האט שוין געוווּסט פון דער מוטערס קנין. איר פעטער האט איר אָנגעזאגט די בשׂורה. ער האט זיך גוט אויסגעוויינט.

— זיי אַ קלוגע און אַ גוטע טאכטער, מיין ליב קינד, — האט ער געזאגט, — גאָט וועט דיין צער צוזען, אָבער דיין מאמע זאל פון דיר קיין צער און קיין פּאַרדרוס נישט האבן... הערסטו, וואס איך ראט דיר? באַווייז איר אַ פריילעך פּנים, ליב זי, ווי אַ טאכטער ברויך ליבן אַ מוטער, וועט זי צו דיר אויך גוט און טריי זיין. דעם מענטשנס האַרץ איז אַ שפּיגל, ווי מען קוקט אריין אין אים, אזוי קוקט זיך צוריק ארויס. דאנק דעם לעבעדיקן, וואס איז אזוי!... ר׳ פּנחסל איז אַ טייערער ייד, אַ ייד מיט תּורה, מיט גדולה און חכמה, ער וועט צו דיר און צו די יתומים אַ פאטער זיין. גאָטס חסד אין אין אַלץ!

— בלייבט איר מיר נאר דערזעלבער טרייער פעטער! — האט זי געבעטן. — פאַרשפּרעכט איר נאר, אונדז ביישטיין! איך האב אויף מיין מוטער קיין כּעס נישט, זאל איר גאָט געבן אזוי פיל גליק און גוטס, וויפיל איך ווינטש איר! איך וועל דעם זעליקן פאטערס אויסגעלייטערטע נשמה בעטן, ער זאל איר מוחל זיין, וואס זי האט זיין לעצטע בקשה נישט געטון. זי איז אפשר נישט שולדיק אזוי פיל, וויפיל יענע, וואס האבן איר צוגערעדט עס צו טון...

באַלד נאכדעם האט זי געהייסן די שטוב צוקלויבן און אויפנעמען די מוטער מיט אַ פריינטלעך קבּלת פּנים. דער אלטער פייגען נאר האט זי אנגעזאגט, אז אין גיכן וועט זי האבן אַ נייעם באַלעבאס.

— איך האָב עס נישט געוואָלט דערלעבן, — האָט פייגע, אירע טרערן אָפּווישנדיק, געזאָגט, — נאָר אַז גאָט וויל דווקא איך זאָל דעם צער נאָך צוזען, זאָל ער מיר כּוחות געבן, איך זאָל אין מיין עלטער נאָך מיין ערשטן באַלעבאָס אייניקלעך קענען טריי דינען, ווי טריי און ערלעך איך האָב אים אין מיינע יונגע יאָרן געדינט!...

רחלע איז מיט אירע אייגענע געדאַנקען פאַרנומען געווען און האָט נישט באַמערקט, ווי די ברידערלעכס אויגן זענען פון וויינען ווי אַנגעשוואָלן. פייגע אָבער, וואָס האָט זיי געגעבן עסן, האָט עס יאָ באַמערקט און ביי די קינדער אויסגעפאָרשט, וואָס אין חדר האָט מיט זיי פּאַסירט היינט. זי האָט רחלען נישט געוואָלט מצער זיין און האָט די קינדער באַלד צוריק אין חדר אַוועקגעשיקט. ביי נאַכט ערשט, אַז רחלע האָט דאָס עלטערע ברודערל געלייגט שלאָפן און דאָס קינד האָט זיך נישט געלאָזט צורירן צו זיין לייב, האָט זי אַנגעהייבן נאָכצופרעגן, וואָס איז געשען. דאָס קלענערע יינגל האָט אַלץ אויסדערציילט, בשעת דאָס עלטערע — האָט מורא געהאַט אויסצוזאָגן פון חדר. זי האָט דאָס העמדל אים אויסגעטון און האָט מיט שרעק דערזען די אָנגעשוואָלענע צייכנס פון דעם רבינס רימען.

— וואָס האָסטו אַזוינס געטון? — האָט זי מיט אַנגסט געפרעגט.

— גאָרנישט, רחלע! — האָט דאָס קינד מיט אַנגסט זיך גע-שוווירן. — ווי איך בין אַ ייד, רחלע, אויף מיין עולם הבא, אַז איך האָב דעם ביימעס טאַטן נישט געשאָלטן! זאָל זיך מיין צונג דרייען איבער דערנער און איבער פּוסטע מילן, אויב איך האָב אים געשאָלטן! מיינע ביידע הענט גיב איך דיר, אַז איך ווייס נישט, פאַרוואָס דער רבי האָט מיך אַזוי געשמיסן... און ער זאָגט נאָך, אַז די מאַמע וועט קומען, וועט מען מיך נאָך מער שמייסן... איך בין דאָך אַ יתום, דער טאַטע וועט קומען ווערגן אפילו מיין רבין, וואָס ער שלאָגט מיך אומזיסט!

דאָס קינד האָט זיך שרעקלעך פאַנאַנדערגעוויינט. רחלע האָט אים צוגעזאָגט, אַז קיינער וועט שוין אויף אים אַ פינגער נישט אַרויפֿ-לייגן. עס האָט זיך אָבער דאָך נישט געקענט איינשטילן, ביז עס איז כליפּענדיק איינגעשלאָפן געוואָרן.

— אָ, עלנטע יתומימלעך! — האָט רחלע אויסגערעדט פאַר זיך,

בעת די קינדער האבן שוין געשלאפן. — געשטארבן איז אייער טאטע, אפגענומען איז אייער מאמע... שימעלע פלוט איז אייער רבי, אייער מדריך!... ניין! נאך לעב איך!... פאר א י ך וועל איך שטארקער זיין, ווי איך בין עס פאר ז י ך... פון דיין הייליקער רו, פאטער, קוק אראפ אויף דיינע קינדער, בעט גאט פאר אונדז, ער זאל צו אונדז א פאטער זיין! אויסער אים ברויכן מיר קיינעם נישט!...

צוועלף א זייגער ביינאכט איז חייעלע געקומען. רחלע האט זי זייער פריינטלעך באגעגנט. די מוטער האט זי הייס געקושט.

— נאר פונדיינעטוועגן, מיין ליבע טאכטער, — האט זי געטרייסט, — נאר פון מיינע יתומימס וועגן האב איך מיר געלאזט איבעררײדן און געפאלגט דעם רבין, זאל לעבן, און האב א קנין געמאכט מיט ר' פנחסלען. איך האף, ער וועט אייך זיין א געטרייער פאטער, און איך וועל קענען אייך פיל גוטס טון, מיט גאטס הילף...

— זאל גאט געבן מיט מזל! — האט רחלע צוגעווונטשן און מער נישט גערעדט.

— טאכטער, דו האסט א גרויסן זכות, זאג איך דיר! — האט די מוטער וויטער פארזיכערט — וואס ווייסטו, וואס פאר א גדולה, וואס פאר א כבוד איך האב דארט געהאט! ר' פנחסל האט, ראשית, מיר מבטיח געווען, אז ער וועט דיך און די קליינע קינדער געטרייער זיין, ווי א פאטער... דער רבי, זאל לעבן, אליין האט מיר געזאגט, אז עד דאגהט פאר דיר, און איך וועל נאך, אם ירצה השם, פיל נחת האבן פון דיר!... וואס מאכן די קינדער, רחלע? ווי האב איך געבענקט נאך אייך, מיינע ברילאנטעלעך!

— מאטעלע איז נישט אין גאנצן,—האט רחלע אויסגערעדט, קוים א ווארט געפינענדיק, דער מוטער צו ענטפערן אויף אירע רייד. — זיין גוטער רבי האט אים היינט אזוי שטארק געשמיסן, אז דאס גאנצע לייבעלע זיינס איז אין פאסן צעשניטן... ער קרעכצט, נעבעך, איצט פונם שלאף, מיין עלנט ברודערל!

— אלע בייזע חלומות צו זיין קאפ! — האט חייעלע מיט כעס א געשריי געטון. — איך האב אים הונדערט מאל געבעטן פאר מיין ווערקפארן, ער זאל אויף זיי א פינגער נישט ארויפלייגן, נו, נו, איך

וועל אים שוין ווייזן, ווי מען שלאָגט מיינע יתומים, אים וועט עס טייער קאָסטן!...

זי איז אַריין אין קינדערשן צימער און באַלד צו צו מאַטעלעס בעטעלע. דאָס קינד האָט געקרעכצט און גערעדט פון שלאָף: „אוי רבי, שלאָגט מיך נישט!" „איך בין אַ יתום, מיין טאַטע וועט אייך קומען ווערגן!".

חייעלע האָט איר האַנט צוגעלייגט צום קינדס קעפּעלע, עס האָט געברענט פון היץ.

— וואָס איז דיר, מיין טייער קדישל? וואָס טוט דיר וויי, מיין מאַטעלע? — האט די מוטער געפרעגט און דאָס שלאָפנדיקע קינד צוגעדריקט צו איר ברוסט. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און דער מוטער אָנגעקוקט, ווי עס וואָלט זי נישט דערקענט.

— מאַטעלע, מיין טייער קדישל! — האָט די מוטער אויסגערעדט זייער צערטלעך. — וואס איז דיר, מיין ליב קינד?

— אוי מאַמעניו. טייערע מאַמעניו! — האָט דאס קינד מיט טרערן אויסגעשריגן. — ווו איז מיין נייער טאַטע? שלאָג מיך נישט, איך האָב אים נישט געשאָלטן... נאַ דיר מיין האַנט אויף מיין חלק לעולם הבא... איך האָב אים נישט געשאָלטן... דער רבי האָט אַ ליגן אויסגעטראַכט און מיך געשמיסן... שלאָג מיך נישט, מאַמעניו... איך בין אַ יתום, מיין טאַטע וועט קומען ווערגן, ווער עס שלאָגט מיך...

זאָל יענעם אַ דונער איינשלאָגן, ווער עס וויל דיך שלאָגן!... איך וועל זיך שוין מיט דיין רבין אָפּרעכענען! האָב קיין מורא נישט, מיין ליב קינד!

— דאָס קינד איז צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן, רחלע מיט דער מוטער זענען פון דער סצענע זייער גערירט געווען.

אויף מאָרגן פרי, תיכף נאָך דעם דאַווענען, איז ר' שלמה געקומען. ער האָט זיין ווייטיק אין האַרצן פאַרשטיקט און האָט חייעלען אַ פריינטלעכן מזל-טוב אָפּגעגעבן. זי האָט אים איבערגעגעבן דעם רבינס פריינטלעכן גרוס צו אים, אים אויך דערקלערט, ווי נייטיק דער שדוך מיט ר' פנחסלען איז, פאַר דעם רבינס געזונט, און זי וואָלט קיינמאָל נישט איינגעווילִיקט, ווען דער רבי אַליין וואָלט איר נישט געזאָגט, זי זאָל דאָס טון פאַר זיינע קינדערס וועגן און נאָכער פון וועגן דעם גליק פון אירע אייגענע קינדער.

— אין אַלץ איז דעם רבונו של עולמס השגחה, — האָט ר'

שלמה אויסגערעדט, דאס אַלץ אויסהערנדיק. — דער רבי, זאָל לעבן, וועט דיך נישט ראַטן צו שלעכטס, חלילה, און איך דאַנק דעם רבונו של עולם פאַר זיין חסד, וואס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט און נישט אַנדערש... גאָט זאָל זיין חסד ווייטער פון דיר און פון דיינע יתומים נישט אַרונטערנעמען. זאָלסט זיין צו דיינע קינדער שטענדיק אַ געטרייע מוטער!...

פאַרנאַכט איז שימעלע געקומען. רחלע האָט אים אין די אויגן נישט געקאָנט אַנקוקן און איז פון שטוב אַרויס. חייעלע האט באַלד ביים ערשטן „שלום עליכם" שמעונען שטרענג אויסגערעדט, וואָס ער האָט איר מאָטעלען אַזוי געשמיסן.

— חייעלע, אז איר וועט וויסן, פאַרוואָס איך האָב אייער מאָטעלען געשמיסן, — האָט ער געענטפערט, — וועט איר פאַר מיר אין די אויגן אים נאָכמער שמייסן. קורץ וועל איך אייך זאָגן: אייער רחלע האט די קינדער אָנגעלערנט, זיי זאָלן שעלטן ר' פנחסלען און בעטן ביי גאָט אַ טויט אויף אים... מילא, אַ קינד וויס דאָך נישט, וואס עס רעדט... נו, האָט אייער מאָטעלע פאַר מיר אין די אויגן אַ העזה געהאַט צו זאָגן: „רבי, זאָל ר' פנחסל, מיין נייער טאַטע, שוין שטאַרבן!" נו, ווי געפעלט אייך אַזוינס? האָב איך אים אויפן בענקל אַוועקגעלייגט און אַריינגעציילט עטלכע שמיץ אין די ווייכע... חלילה, קיין ביין נישט צעבראָכן... נישקשה, ער וועט געזונט זיין! איך וויים גאָרנישט, וואס איז מיט דער הייניטיקער וועלט געוואָרן? איך בין אויך אַ חדר-יינגל געוועזן, אַז דער דאָנערשטיק פלעגט קומען, געדענק איך, פלעג איך מיט מיין לעבן ממש נישט זיכער זיין. אַ קלייניקייט, מיין רבינס שטעקן מיט די סוקעס... הרגנען פלעגט ער מכּות אכזריות, און עס האט, ברוך השם, נישט געשאַט. איך האָב נאָך היינט צייכנס פון יענעם שטעקן.

חייעלע האָט זיך פאַרטראַכט און די לעצטע רייד שמעונס נישט געהערט.

— איך גלויב נישט, אז רחלע זאל דאס טון! — האָט זי געזאָגט. — פון וואַנען ווייסט איר, אז זי האט עס דאס קינד אָנגעלערנט?

— אַז איך וואָלט נישט געוווסט, — האָט שמעון געענטפערט, — וואָלט איך נישט גערעדט. זייט וויסן, אַז נאך ערב פסח, בעת איך האָב אייך דאָס ערשטע מאָל מציע געוועזן דעם שידוך, איז אייער רחלע אונטערן טיר געשטאַנען און האט זיך צוגעהערט, וואָס איך

האָב מיט אייך גערעדט. דערנאָך, אַז איר זענט צום אַלמער געגאַנגען מיר אַ זילבערנעם בעכער לייען, איז זי אַריינגעקומען און האט מיר גילדערנע בערג צוגעזאָגט, נאָר איך זאָל נישט קומען מער אייך שידוכים רעדן. זעט איר, אז איך זאג אייך פון סדור אַרויס? אַז איך האב אייער קינד אַ ביסל אָפּגעשמיסן, האב איך נאר אייער טובה געמיינט, אייער כבוד פּאַרהיט, חייעלע!... נישט זאגט איר נאר, אַז איר ווייסט עס פון מיר... וואָס טויג מיר אַן אומזיסטן שונא צו קויפן ביי אַייך אין שטוב?

— וואס האָט איר מוֹרא פאַר איר? — האָט חייעלע געפרעגט מיט כּעס.

— איך האָב מוֹרא, זי זאָל די קינדער נישט איינרעדן, זיי זאָלן אין חדר נישט וועלן גיין. אָט זענען זיי שוין היינט נישט געווען... אַן עברה אַ טאג, וואָס מען לערנט נישט. אז מען לערנט נישט איין טאג, פאַרגעסט מען אויף גאַנצע צוויי.

— האט קיין מורא נישט, ר׳ שמעון, דערווייל לעב איך נאך, בין א י ך די מאַמע, נישט זי, אויך נישט איר מומע דבורה... נאר איך בעט אייך, שלאָגט זיי נישט. היינטיקע יאָרן זענען באמת נישט די פאַרצייטיקע יאָרן. שוואכע קינדערלעך, ציטריקע יתומימלעך און זיי זענען ביי מיר געצנוג טייער אויך. נאָך אַ זאַך בעט איך אייך, זאָל דערפון קיינער נישט וויסן. עס פּאַסט נישט פאַר דער וועלט און עס טויג נישט, אַז דאס זאָל צו ר׳ פּנחסלען אָנקומען... פאַרשטייט איר: זי שטייט שוין אויך אין שידוכים, גאָט זאָל איר נאר איר אמתן באַשערטן צושיקן... ווער ווייס, אפשר וועט אייער הצלחה זיין פאַר מיין קינד נאָכמער ווי פאַר מיר אַליין!

ר׳ שמעון האָט איר פאַרגעלייענט ר׳ פּנחסלס בריוועלע מיט אַלע פּרושים, איר באַוויזן אַז זיין הצלחה האָט שוין אָנגעהייבן לייכטן, ווי די זון אין הימל, און ער האָפט, אז אין גיכן וועט רחלע מיט אים שלום מאַכן, ווייל ער, נאר ער וועט איר געבן אַ לייטישן חתן, אַ טאַטנס אַ קינד...

אַז חייעלע איז אַליין געבליבן, האט זי געזאָגט פאַר זיך: „נו, אַ געטרייע טאָכטער... איר האט זיך, אַ פּנים, געוואלט, איך זאָל גלייך נאך איר טאַטן אין דער ערד אַריין... אבער ניין, גאט איז מיר, מיר, מסתמא איז מיר דאך נאך באַשערט צו לעבן און פון איר ערשט געוואר ווערן. וועט זי מיר זיין אַ גוט קינד, וועל איך

איר בלייבן אַ געטרייע מוטער, און אַז, חלילה, נישט, איז ווי זי וויל זיך, איך ברויך נאר פאַר גאט דעם לעבעדיקן יוצא זיין".

ז.

דאָס בריוועלע ר׳ פנחסלס צו שמעון הזכאי: „ער זאָל אָנ־גורטן זיינע לענדן, באַגליקן און רייטן" האָט אויף דעם אָרעמען מלמד אָנגעהייבן צו ווירקן ווי אַ כישוף. אנשטאט וואָס ער האָט פריער קיין גרעסער גליק זיך נישט געווונטשן, ווי קענען זיין עלטערע טאכטער חתונה מאַכן ערגעץ מיט אַ בחור פון בית־המדרש, וועלכער וועט נאָך דער חתונה אויך קענען זיין אַ מלמד און אויך הונגערן מיט זיין טאָכטער, ווי ער מיט זיין פלונית, האָט ער איצט אָנגעהייבן זוכן שידוכים מיט אַנשטענדיקע באַלעבאַטים, און האָט געהאָפט מער נדן צו נעמען, ווי צו געבן.

גאָר אַן אָפטער גאַסט איז ער געוואָרן ביי דעם אַלמן ר׳ הערש לייבעלעס, וועלכער האָט אַן אייגען הויז און אַ קראָם פון הערינג און פון אייזן און האָט נישט מער ווי דריי קינדער פון זיין ערשטער פרוי. ר׳ הערש האָט אים אויסדערציילט פון זיין פרנסה, פון זיין האָב און גוטס, אים דערקלערט, אַז ער מיינט נישט נדן און תכשיטין, נאָר ער מיינט אַ כשרע יידישע טאָכטער, אַ טאַטנס אַ קינד, זי זאָל קענען זיין אַ געטרייע מוטער צו זיינע קינדער, זיין אַ ווירטן אין שטוב, און זי זאָל אויך טויגן אַ מאָל צוצעהעלפן אין קראָם אין אַ מאַרק־טאָג. ר׳ שמעון האט זיך פאַרטראַכט און האָט אָנגעהייבן ציען און מעלקן זיין שפּיציק בערדל, ווי ער וואָלט פון אים געוואָלט אַרויסציען די כלה, וואָס ר׳ הערש פאַרלאַנגט.

— וואָס טראַכט איר, ר׳ שמעון? — האָט ר׳ הערש געפרעגט.

— איך טראַכט נאָך אַלץ, — האָט שמעון זיך אָפּגערופן, — צו איז דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה אויך שייך צו מיר אליין, ווי זי איז שייך צו אַלעמען?

— קעגן וואָס מיינט איר עס? — האָט ר׳ הערש געפרעגט.

— פאַרשטייט איר מיך, — האָט שמעון אים געגעבן צו פאַר־שטיין, — איך האָב אַליין אַ טאָכטער בקרוב חתונה צו מאַכן... אַ בתולה יפה, זאָג איך אייך, איר קענט זי גאַנץ גוט, נאָר וויפל איר קענט

זי, הייבט איר גאָרנישט אָן נאָך זי צו קענען... אַ בריה נפלאה אין נייען, שטריקן, קאָכן און באַקן... הײנט איר פרומקייט און גוטס-קייט! אָן אַ גאַל, זאָג איך אייך... אפילו צו משא-ומתן וואָלט זי זיך אויך טויגן. עס פּאַסט נישט מיין אייגן קינד אַזוי צו לויבן, נאָר וואָס ס'איז אָן אמת, שעם איך מיך נישט אייך צו זאָגן; זעט איר, אַז מיין טאָכטער וואָלט, חלילה, אַ מום, אָדער אַ שלעכטן נאָמען גע-האַט, וואָלט איך מוזן פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן. איצט אָבער, אַז איר גאַנצער מום איז נאָר דאָס, וואָס דעם טאַטן אירן פעלן עטלעכע מאות אויף נדן און תכשיטין, שעם איך מיך גאָרנישט און זאָג אייך, ר' הערש, אַז מיין טאָכטער וואָלט בנאמנות זיין פאַר אייך אַ גוט ווייב, איר וואָלט וויסן פון אַ לעבן און אייערע קינדער וואָלטן געהאַט אַ מוטער.

ר' הערש האָט אָנגעהייבן אומצוגיין הין און צוריק.

— ר' הערש, — האָט שמעון ווייטער געזאָגט, — כּל זמן איך האָב געמיינט, אַז איר ווילט נדן, האָב איך אייך וועגן מיין אייגן קינד נישט דערמאָנט. נאָר איצט, אַז אייער רצון איז נאָר אַ קרן אַ גע-זונטן, נישט קיין ריוח, פרעג איך אייך: וואָס פאַר אַ חסרון געפינט איר אין מיין קרן? איר מיינט, אַז איך זאָג אייך: איך בין אַ קבצן, בין איך טאַקע, חלילה, גאָר אַ קבצן? האָט קיין טעות נישט, איך וועל מיין טאָכטער קיין הונדערטער נישט געבן, אָבער קליידער, בעטגעוואַנט, כּמנהג בעלי-בתים גבוהים האָב איך נאָך צו גאָט אַ בט..ון איר צו געבן און טאַקע בענטשן זי בכל טוב סלה!... נישט פאַרגעסט, אַז דער רבי, זאָל לעבן, וועט זי אויך בענטשן. זיינס אַ ברכה, דאַכט זיך, איז עפּעס ווערט ביי אַ יידן אַ חסיד, וואָס גלויבט אין אים!...

אַזוי לאַנג האָט שימעלע גערעדט, ביז ר' הערש האָט איינגעוויליקט.

ר' שמעון האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל שוין אַריינרופן עטלעכע יידן, כאָטש שכנים, אַבי ווער עמען, און מען זאָל אויפשרייבן אויפן פּאַפּיר אַ ראשי פרקים, ווי עס פירט זיך ביי יידן. דאַרויף האָט ר' הערש געענטפערט:

— אָט האָט איר מיין תקיעת כּף, אַז איך וועל קיין חרטה נישט האָבן. לראיה וועל איך אייך שוין געבן אַ מתּנה פאַר מיין כּלה. מאָרגן, אם ירצה השם, וועט איר שיקן רופן קרובים און גוטע פריינט און מיר

וועלן מאַכן אַ תנאים כשר וישר מיט פּאַראַד, דערווייל לאָמיר נעמען צו ביסלעך משקה.

ר׳ הערש האָט זיינס אַ קינד געשיקט צו שמואל דעם וויינשענקער נאָך אַ פּאָר פלעשער ווייַן מיט לעקעך. בראָנפן האָט ער געהאַט ביי זיך. ביז צוועלף ביינאַכט האָט דער חתן מיט זיין פרישן מחותן געגעסן און געטרונקען און דערמאַנט דעם רבין, זאָל לעבן, און ר׳ פנחסלען צום גוטן.

אַז דער פרישׁ געבאַקענער מחותן האָט באַדאַרפט אַוועקגיין, האָט ר׳ הערש אַרויסגענומען פון קאַמאָד זיין ערשטער ווייבס בריליאַנטענע אוירינגלעך און האָט געזאָגט:

— אָט האָט איר אַ סימן, אייער ווייב און קינד זאָלן אייך גלויבן.

ער האָט אים אויך אַ פלאַש רויטן וויין מיט אַ האַלבן לעקעך מיטגעגעבן, זאָל זיין געזינד אויך עפּעס געניסן פון היינטיקן קנין.

פון יענעם אוונט, וואָס שמעון האָט געבראַכט די מזומנע צען רובל מיט דעם הצלחה־בריוועלע, האָט מען פאַר אים גרויס דרך ארץ געהאַט אין דערהיים און מען האָט זיך נישט פאַרגינען צו עסן וועטשערע פאַר אים.

— כלעבן, שמעון, דו האָסט גאָר קיין יושר נישט! — האָט דאָס ווייב געזאָגט, ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען אין שטוב. — דו ווייסט דאָך, אַז מען וואַרט אויף דיר, דאָס האַרץ האָט אונדז אַלעמען איבערגעחלשט, וואַרטנדיק.

— אָבער אַז מען וואַרט, דערוואַרט מען זיך! — האָט שמעון מיט אַ פילבאַדייטנדיקן שמייכל געענטפערט. — אָט האָט איר זיך דערוואַרט און איך האָב אייך געבראַכט אַ מזל־טוב. זאָגט זשע מיר: „מזל־טוב!” ציפּע, דו ביזט אַ מחותנתטע, אונדזער זלאַטקע איז אַ כלה געוואָרן היינט ביינאַכט מיט ר׳ הערש לייבעלעס!

— שמעון, דו ביזט שיכּור, האָב קיין פאַריבל נישט! — האָט דאָס ווייב מיט אַ האַלבן כּעס אַ זאָג געטון. — משוגע! וועט ר׳ הערש וועלן זיך משדך זיין מיט אונדז, קבצנים? וואָס איז, ער קען נישט נעמען טויזנט רובל נדן און אַ מיידל פון אַ נגידישן הויז, כאָטש ער איז אַן אַלמן? צו הויך פליסטו, מיין מאַן! פאָלג מיר, לעג זיך שלאָפן, „אַז מען חלומט נישט אַ האָרר שטייט מען נישט אויף אַ נאַר”...

— הערסטו, ציפּע, — האָט שמעון שטאָלץ אַ געשריי געטון, — דו

ביזט אין אמונה ערגער פאר פרעה מלך מצרים... מילא יענער איז געווען א רשע. ער האָט זיך געזאָגט, אז ער איז אליין א גאָט, און האט נישט געוואָלט גלויבן קיין מופת, אָבער דו ביזט דאך א טאכטער פון אונדזערע הייליקע אמהות שרה, רבקה, רחל ולאה, גלויבסטו אויך נישט אין אן אות און אין א מופת? אז איך זאג דיר, גלויב, זאלסטו גלויבן! הערסטו, וואס איך זאג דיר?!

— איך קען נישט גלויבן, וואָס קיינער וועט נישט גלויבן! — האָט זי זיך געהאַלטן ביי איר אַפּקורסות. — בפרט, אַז דו ביזט איצט באַשוועכט אַ ביסל, זיי מיר מוחל..

— נו, זאָל איך דיר באַווייזן אַן אות ומופת, אַז איך זאָג אמת? אָט באַלד... נאָר וואָס פאַר א מופת ווילסטו? אָט גיב איך אַ וואָרף מיין שטעקן און ער ווערט אַ שלאַנג?

די קליינע קינדער האָבן אָנגעהייבן מורא האָבן און די עלטערע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— לאַכט, לאַכט, — האָט ער געזאָגט, — איר וועט שוין באַלד נישט לאַכן! זעץ זיך, מיין ווייב, אויבנאָן, ווי פרעה מלך מצרים, זאָל מיר דאַכטן; איר, מיינע טעכטער, שטעלט אייך פוןביידע זייטן לעבן דער מאַמעס שטול... זאָל מיר דאַכטן, איר זענט די חרטומי מצרים.. נאָר גיט מיר פריער אַהערצו אַ פּאָר גלעזער, אָבער ווישט אויס ריין, איך וועל, ווי משה רבינו, מאַכן פון וואַסער דם... גיכער זאָג איך! — האָט ער געקאָמאַנדעוועט און מען האָט אַלץ געטון, ווי ער האָט באַפוילן. זייער שטאָלץ האָט ער אַ הייב געטון זיין שטעקן און אויסגעשריגן: — דם!

און האָט מיט דער לינקער האַנט פון בוזעם ארויסגענומען די פלאַש רויטן וויין און האָט אָנגעהייבן גיסן אין די גלעזער...

— נו, איצט גלויבט איר שוין? — האָט ער מיט נצחון אַ פרעג געטון.

— מיר גלויבן! — האָט דאָס ווייב געענטפערט.

— נו, ווייל איר גלויבט, וועל איך אייך נישט שטראָפן מיט מכות, ווי משה רבינו, עליו השלום, האָט געשטראָפט פרעהן במצרים. מכות וועלן האָבן אונדזערע שונאים... איר טרינקט דעם וויין, זייט אייך משמח. נו, טרינקט, האָט קיין מורא נישט, דאָס איז נישט קיין דם.

— דאָס איז טאַקע וויין באמת? — האָט די אָרעמע יידענע געפרעגט, נישט גלויבנדיק אירע אויגן.

— יין גפן, כשרער וויין! איר מעגט אַ ברכה מאַכן: בורא פרי הגפן! — האָט שמעון מבטיח געווען. — טרינקט אויס, זאג איך אייך, וואס קוקט איר?

דאָס ווייב האָט געעצהט, מען זאָל עס בעסער באַהאַלטן אויף קדוש און הבדלה. ר׳ שמעון האָט אָבער מיט כעס און מיט גאווה געזאָגט: „טרינקט, זאָג איך אייך! דאָס האָט דער חתן אַ סימן גע־שיקט! איך האָב שוין גענוג געטרונקען, נאַט אייך לעקעך אויך, טרינקט, זאָגט „לחיים!״ און מזל־טוב!״...

— לחיים, שמעון, מזל־טוב! זאָל גאָט געבן מיט מזל, מיט ברכה און מיר זאָלן טאַקע אויפגעריכט ווערן, רבונו של עולם! — האָט דאס ווייב מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט און אַ ברכה געמאַכט: „בורא פרי הגפן!״, זי האָט די גלאָז וויין צוגעטראָגן צו אירע בלאָע ליפּן, אַ זופּ געטון און באַלד אַוועקגעשטעלט צוריק. „אַ טעם גן עדן!״ האט זי געזאגט. „עס קאָסט אַוודאי פינף גילדן אַ פלאַש!״...

די קליינע קינדער זענען צוגעלאָפן צו דער מוטער און נאכדעם, אַז זיי האָבן אַ ברכה געמאַכט, האָט זי זיי אויך צו איינציקע זופּן גע־געבן. די קינדער האָבן די פאַרשמאַכטע ליפּעלעך מיטן צינגעל אָפּ־געלעקט. אויך די טעכטער האָבן צו זופּן געטון און דער טאַטע האָט געטיילט לעקעך און איבערגעלאָזן אַ שטיקל פאַר זיך אויף מאָרגן נאָך אַ טרונק בראנפן צו פאַרבייסן. דאָס ווייב האָט מער ווי אַ האַלבע פלאַש מציל געווען און באַהאַלטן אויף קידוש לכבוד שבת. נאָך גרעסער איז די שמחה געוואָרן, אַז ער האָט ארויסגענומען די אוירינגלעך און דערלאַנגט זיין טאָכטער.

— נאַ דיר דיין חתנס מתנה, — האָט ער געזאגט, — דו זאלסט געזונטערהייט פאַרניצן! נאך בעסערע וועט ער דיר שענקען נאך די תנאים.

די בריליאנטן האבן אַ בליץ געטון אין דעם שטיבעלע, ווי זייער שטראַל האט נאך קיינמאל נישט אַריינגעשיינט און אַלעמענס אויגן האָבן אַ שיין געטון פון פרייד און גליק. שמעונס ווייב האט געשאַצט, די יינגערע טאכטער האט געזאגט, אַז זיי זענען שוין איצט נישט מאָדיש, די כלה האט געגעבן צו פאַרשטיין, אז מען קען זיי לאָזן איבערמאַכן, און שמעון האט געזאָגט: „אַ דאנק פאַר דעם! אַ געשענקטן פערד קוקט מען נישט אין די ציין!...״ אפילו די קליינע קינדער האט מען געמוזט געבן אַ קוק טון.

אויף מאָרגן צו האַלבן טאָג האָט שימעלע פרייגעלאָזן זיינע תּלמידים און איז אַליין אַוועקגעלאָפן אָנזאָגן די בשורה חייעלען און בעטן זי אויף תּנאָים.

— פריער גאָט, דערנאָך אייך, חייעלע, האָב איך צו דאַנקען מיין הצלחה! — האָט שימעלע געזאָגט. — אַז נישט דורך אייער זכות, וואָס אייך איז באַשערט צו ווערן ר׳ פּנחסלס עזר כנגדו, וואָלט איך נאָך נישט געבענטשט געוואָרן מיט אַזאַ ברכה. איר וועט קומען מיין שמחה באַשיינען. חייעלע, אויף נאמנות, זאָג איך אייך, דאָס איז אייער שמחה, אייער ר׳ פּנחסל, זאָל לעבן, אייער בריוועלע, אייער ברכה, אַלץ אייערס!...

— האָט איר שוין אַלץ צוגעגרייט צו די תּנאָים? — האָט זי געפרעגט, אים צו באַווייזן, אַז זי אינטערעסירט זיך מער ווי מיט אַ געוויינלעכער איינלאַדונג אויף אַבי אַ שמחה ערגעץ.

— צוגעגרייט? וואָס זאָל איך צוגרייטן? — האָט ער געענטפערט. — דער חתן ווייס, אַז איך בין נישט ראָטשילד, ער מאַכט די תּנאָים ביי זיך...

אין די רייד איז אַריינגעקומען שמעונס אַ יינגל און האָט דעם טאַטן געזאָגט אַ סוד אין אויער אַריין. שמעון האָט דאָס קינד געהייסן וואַרטן. אַז רחלע איז אַריינגעקומען, איז שמעון צוגעגאַנגען צו איר, מיט פרייד איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ביי זיין טאָכטער וועט היינט זיין תּנאָים מיט ר׳ הערשן.

— זאָל גאָט געבן מיט מזל! — האָט רחלע צוגעוווּנטשן פון גאַנצן האַרצן.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט אַזעלכע אויגן, וואָס האָבן איר קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וויל ביי איר עטוואָס בעטן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, רבי? — האָט זי פריינטלעך געפרעגט.

— איך שעם מיך אויסצוזאָגן, נאָר וואָס טויג די שעמעריי? אָרעמקייט, זאָגט מען, איז קיין שאַנד נישט! מיין אַלטע האָט מיר געשיקט אָנזאָגן דורך מיין יינגל, וואָס זיצט דאָ און וואַרט אויף מיין תּשובה, אַז די כּלה וויל צום תּנאָים נישט גיין, ווייל זי האָט פּשוט אַ רעכט קליידל נישט אויף זיך, וואָס אָנצוטון... זייט אַ גוטע, רחלע, זעט צו איר צער און מיין צער און לייט איינס פון דיינע שבתדיקע מלבושים אויף דער נאַכט פון איר תּנאָים...

וואס דאַרפט איר אזוי בעטן, רבי? — האט די גוטמוטיקע רחלע אויסגערעדט. — גייט אהיים, איך וועל באלד אליין קימען צו אייך און מיטברענגען אלץ, וואס אייער טאכטער ברויך.

— גאָט זאָל דיר גוטס טון, טייערע רחלע! — האָט שמעון אויסגערעדט פון גאַנצן האַרצן. — דו ביזט טויזנט מאָל בעסער פאַר מיר... איך פאַרגעס באלד דאס גוטס, וואָס איך האָב פון דיר, און איך בין נישט ווערט דיין חסד...

ער האָט זיך אין דער מינוט דערמאנט די שלעכטע ווערטער זיינע, וואָס ער האָט פאר חייעלען אויף איר אָנגערעדט. רחלע האָט אים דערקלערט, אז איר טובה איז גאָר אַ קליייניקייט. יעדער אויף איר אָרט וואָלט נישט אַנדערש טון.

— ניין, ניין! — האָט ער מיט הארץ געזאָגט. — לב יודע מרת נפשו, מיין הארץ ווייס, וואָס מיין צונג רעדט! — און איז מיט די ווערטער, ווי אַ בעל תשובה, ארויסגעגאנגען ווייטער בעטן אויף זיין שמחה.

אין אַ האַלבע שעה ארום איז רחלע געגאנגען צו ר׳ שמעונען. איר דינסטמיידל האָט איר נאָכגעטראָגן אַ גאנצן פּאַק קליידער, איינ־געבונדן אין אַ סערוועט. זי האָט אַליין געהאָלפן די כלה אָנטון, זיך געבויגן און געמיט און אויסגעפּוצט שימעלעס טאָכטער, ווי אַ בת מלכה. אַז די כלה אָיז שוין אין גאנצן אויסגעפּוצט געווען, האָט זי דרלען אליין פארוואונדערט, וואָס זי האט איצט פאר זיך אַ שיין פנים, אַ שיינעם וווקס דערזען. אין שמעונס טאָכטער האָט זי עס קיינמאָל נישט באמערקט.

„אך, אָרעמקייט, אָרעמקייט, ווי מיאוס ביזטו דאָרט, ווו דו ביזט נאָר!״ — האָט איר הארץ אין זיך גערעדט. — „אָט דאס שיינע פּנים האָסטו שטענדיק חושך געמאכט. קען נישט דאָס אָרעמע קינד אַזא שיין קלייד און צירונג טראָגן, ווי איך? נאָר דו, אָרעמקייט, מאכסט די מענטשן מיאוס!״...

שמעון איז אָנגעקומען, און אז ער האָט דערזען זיין טאָכטער, האָט ער זי כמעט נישט דערקענט. רחלע האָט אים געפרעגט: „וואס זאָגט איר, רבי, איז אייער טאָכטער נישט אַ שיינע כלה?״. „די הייליקע גמרא איז גערעכט!״ — האט ער געענטפערט און טרערן זענען אים אין זיינע אויגן געשטאנען. רחלע האט אים נישט איבערגעפרעגט, וואס ער מיינט דערמיט, נאָר אז זיין באַוועגט הארץ איז רויקער

געוואָרן, האט ער געזאָגט צו רחלען: „ווייסטו, גוטע רחלע, וואס אונדזער גמרא זאָגט? די גמרא דערציילט אזא געשיכטע: אַ חתן האָט זיך ארומגעזען, אז זיין כלה איז נישט שיין, האָט ער זיך אַ נדר געטון מיט איר נישט צו לעבן. דער כלהס עלטערן, וואס זענען געווען גרויסע קבצנים, אזוי ווי איך, למשל, האָבן דעם חתן נישט מוחל געווען זיין וואָרט, און ער האָט שוין געוואָלט חתונה האָבן מיט איר. וואס טוט מען אָבער מיט דעם נדר, וואס ער האָט אויף זיך גענומען מיט אזא מיאוסקייט, רחמנא לצלן, נישט צו לעבן?... אַ נדר, מיין טאָכטער, איז אַ נדר, און וואָס אַ מענטש נעמט זיך פאר בתורת נדר, מוז ער מקיים זיין. אָט זענען זיי אוועקגעלאָפן צום תנא ר׳ ישמעאל און האבן אים דערציילט זייער צער און געבעטן, ער זאל דעם חתן מתיר נדר זיין. האָט דער תנא ר׳ ישמאעל גע- הייסן ברענגען צו זיך די כלה. אז מען האָט זי צו אים געבראכט, האָט ער איר געגעבן גוט צו עסן און צו טרינקען פון כל טוב, מסתמא... ער האט איר געגעבן שיינע קליידער און צירונג, מען האָט זי אויסגעפוצט און זי איז שיין געווארן, ווי אַ בת מלכה. דערנאָך האָט ר׳ ישמעאל געהייסן ברענגען דעם חתן. ר׳ ישמעאל האָט אים אַריינגעפירט אין חדר פון זיין כלה און געפרעגט: „זאָג מיר, מיין זון, אז דיין כלה וואָלט געווען אזוי שיין אָט ווי די, וועלכע זיצט דאָ, וואָלסטו זיך אויך אזא נדר געטון?" „ניין! האָט דער חתן גע- ענטפערט, די איז דאָך אַ שיינע!"... — פארשטייסטו, רחלע, ער האט זי נישט דערקענט, אזוי שיין און ליכטיק איז געוואָרן איר פנים פון די גוטע שפייזן און טייערע קליידער.

— אויב אזוי, — האט ר׳ ישמעאל געזאָגט, — נעם דיין כלה און לעב גליקלעך מיט איר! דאס מיידל איז דיין כלה, דיין נדר איז געווען בטעות, ווייל דיין כלה, זעסטו דאָך, איז גאָר אַ שיינע. דער חתן האט זיך דערפרייט און מסתמא ר׳ ישמעאלן געדאנקט, וואס ער האט אים מתיר נדר געווען און נאך מער וואס ער האט זיינע אויגן געעפנט צו זען, אז זיין כלה איז גאָר אַ יפת תואר. נאָר דער הייליקער תנא ר׳ ישמעאל האָט אנגעהייבן צו וויינען און האט גע- זאָגט: „בנות ישראל נאות הן, אלא שהעניות מנוולתן!" דאס איז טייטש: יידישע טעכטער זענען באמת שיינע, נור די פינצטערע אָרעמקייט, וואס ביי אונדז יידן, איז זיי מער שכיח, ווי ביי כל אומה ולשון, מאכט זיי, נעבעך, מיאוס... און אזוי פלעגט ר׳ ישמעאל

שטענדיק טון, ווו עס פלעגט קיין שלום און קיין אהבה נישט זיין צווישן יידישע מאן און ווייב, איבער דעם, וואס זי איז נישט אזוי שיין, ווי אים ווילט זיך. דערפאר, אז ר׳ ישמעאל איז געשטארבן, דערציילט די גמרא, האבן די יידישע טעכטער געזאגט: בנות ישראל על ר׳ ישמעאל בכינה! יידישע טעכטער, וויינט וואס ר׳ ישמעאל, אייער מלמד זכות און געטרייער פאטער איז געשטארבן! איך דערצייל דיר דאס, רחלע, ווארים מיר איז כל ימי די גמרא קשה געווען: פשוט, איך האב נישט פארשטאנען, וואס איז דאס פאר אזא גרויסער ענין, וואס ער האט געטון? איז די כלה נישט שיין? ווו שטייט דען אין דער תורה, אז מען מוז דווקא האבן א שיינע כלה? נאר איצט, אז דו, מיין תלמידקע, האסט כמעט מיט מיין טאכטער געטון אזוי ווי ר׳ ישמעאל, און אז איך האב מיין אייגן קינד כמעט נישט דערקענט — אזוי שיין איז עס געווארן אין דיינע טייערע קליידער, האט זיך מיין הארץ דערפרייט, אמת דערפרייט, אז מיר האבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן פון שמחה, און מיר האט זיך פלוצלונג דערמאנט די געשיכטע פון ר׳ ישמעאלן. מיין הארץ האט ערשט פארשטאנען, וואס פאר א טייערער גומל חסד ער איז געווען פאר יידישע ארעמע טעכטער און וואס פאר א מרבה שלום צו איז געווען בין איש לאשתו!

— איך זאג דיר, טייערע רחלע, אז אין דיר איז א נצוץ, א פונק א הייליקער פון דעם הייליקן תנא ר׳ ישמעאל, כאטש דו ווייסט אפשר גארנישט פון אים... נאר אז דו וועסט אויסלעבן דיינע הונדערט און צוואנציק יאר און טון טובות יידישע טעכטער, זיי נישט לאזן פארשעמט ווערן אייך זייערע שמחות מיט זייער ארעמקייט, וועט ר׳ ישמעאל דיר ארויסקומען אנטקעגן און דיך זעצן מיט אים אין איין מחיצה אין גן-עדן!

רחלען האבן די ווערטער אזוי גערירט, אז זי איז גרייט געווען דעם ארעמען שימלעס האנט צו קושן. מיט א בעוועגטער שטימע האט זי נאר אויסגערעדט:

— טייערער רבי, איר האט מיט מיר, אייער תלמידקע, איצט פיל געלערנט... א, וואס פאר א טייערע געשיכטן האט די הייליקע גמרא אונדז צו לערנען, ווי גוט און פרום צו זיין! ווי בין איך מקנא די, וואס לערנען גמרא און ווייסן ווי אונדזערע הייליקע חכמים און תנאים האבן זיך געפירט! איך דאנק אייך, רבי... באליידיקט

מיך נישט און דאַנקט מיר נישט, אויף מיין ערנוואָרט זאָג איך אייך, איך האָב נישט געטון אזוי פיל, וויפל די געשיכטע איז פאַר מיר ווערט!

— האָב קיין מורא נישט, רחלע, — האָט איר שמעון געטרייסט, — נעם צו מיין דאַנק. איך וועל דיר נאָך ברענגען לעקעך אויף פון תנאים... אָבער פון דיין שכר אין גן-עדן, — נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, — וועט דיר נישט זיין צוליב דעם געמינערט, וואָרים נישט צוליב מיין דאַנק האָסטו מיר און מיין אָרעם קינד גומל חסד געווען, אפילו נישט צוליב דעם לעקעך, וואָס איך וועל דיר ברענגען!...

די כלה האָט אויך פריינטלעך רחלען געקושט, און די מוטער האָט זי ביז דער טיר באַגלייט. אַז רחלע איז אַרויסגעגאַנגען, האָט שימעלעס ווייב געזאָגט:

— גאָט מעג אַלע מאַמעס מיט אַזאַ קינד בענטשן! און דו, מיין מאַן, מוזט זען צו פאַררעכטן דיינע שלעכטע רייד, וואָס דו האָסט פאַר איר מוטער אויף איר אָנגערעדט!... דו וועסט זיך פאַר גאָט נישט קענען אויסצאָלן, דו האָסט אומזיסט-אומנישט אויף איר אַ רכילות אָנגערעדט!

— אמת, אמת, אַ רכילות, אַ שקר מוחלט האָב איך אויף איר אויסגעטראַכט! — האָט ער זיך מתוודה געווען און זיך אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון מיט זיין פויסט אין האַרצן. — צדקה ממני, זי איז גערעכטער פאַר מיר, זי איז מיר מוחל. גאָט אין הימל זאָל מיין חרטה זען און ער זאָל מיר אויך מוחל זיין!

ח.

כאָטש שמעון האָט חרטה געהאַט אויף די רכילות, וואָס ער האָט פאַר חייעלען אויף רחלען אָנגערעדט, האָט ער זיין אומרעכט געפילט נאָר אין דעם מאָמענט, וואָס ער איז רחלען דאַנקבאַר געווען פאַר איר חסד. קוים איז ער אויף די תנאים אַוועק דערזען זיין נייע גדולה, ווי אַלע האָבן אים צוגענומען פאַר אַ מחותן און ער האָט געמאַכט אַ כוסע, האָט די הייסע משקה אין אים צוריק אָפּגעקילט דאָס וואָרעמע מענטשלעכע געפיל, וואָס האָט אים מיט אַ שעה פריער

צענומען, און האָט רחלען פאַרגעסן און זיין אומרעכט מער נישט דערמאנט... אויף מארגן נאָך די תנאים האָט ער — מיט דעם כּוח פונם הצלחה־בריוועלע אויסגעפירט נאָך אַ שידוך און געכאַפּט עטלעכע רובל שדכנות, און אזוי איז ער געגאנגען ווייטער מחיל אל חיל און דער עולם האט איינגעזען בחוש, אז דער רבינס ברכה ווערט אויף אים מקוים וואס ווייטער, אלץ מער.

נישט פארגעסן שימעלעס רכילות האָט אבער חייעלע. איר הארץ האט געקאָכט און געזאדן. איר האט זיך געוואלט כאטש גוט, גוט אנשעלטן רחלען פאר דער עוולה, וואס זי האט די קינדער אנגערעדט צו שעלטן ר' פנחסלען, איר טייערן ר' פּנחסלען, וואס האט איר האַרץ מיט אזוי פיל כּבוד באגליקט און מיט אזוי פיל האפענונג אויף נאך גרעסערן כּבוד דערפרייט. איר האט זיך געוואלט ווייזן דעם נאַרישן קינד, ווי שלעכט, ווי זינדיק עס איז און ווייזן טאַקע, אז זי, חייעלע, האט פאר קיינעם קיין מורא נישט און וועט טון, וואס איר געפעלט. וויפל מאל האט זי איר שוין צוגערופן צו זיך מיט אַ שטרענגען קול, וויפל מאל זענען שוין אירע קללות אויף איר שפּיץ צונג גרייט געווען, אָט־אָט רעכנט זי זיך שוין אפּ מיט איר אויף קלאָר. נאר קוים איז רחלע צו איר צוגעגאנגען, אירע שיינע אויגן אויפגעהייבן, איר בליק האט זיך מיט דער מוטערס צאַרנדיקן בליק באגעגנט, האט חייעלע איר מוט פאַרלוירן, אירע קללות האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און די צונג איז שטום געוואָרן, און נישט די זינדיקע רחלע, נאר זי, חייעלע, די גערעכטע איז, ווי אַ פאַרברעכערין געשטאַנען פאר דעם געריכט פון דין.

האט אפשר חייעלע אין דער נאָענטקייט פון רחלען געפילט און דערקענט די אומרעכט אירע, וואס זי איז אזוי גיך אַ כּלה געוואָרן? ניין, צו פול איז איר הארץ געווען מיט כּבוד און גאווה, זייט דעם ווי זי איז אַלס כּלה געקומען צוריק אַהיים. אין איר איז גאר קיין ליידיק אָרט נישט געבליבן, ווו אַ געדאנק פון חרטה און געוויסנ־אַנגסט זאָל זיך קענען אַריינגנבענען אין איר — אָבער עס זענען דא אומדערקלערלעכע כּוחות אין דעם מענטשנס זעלע, וואס מאכן גאָר אָן געוואר און אָן ווערטער דעם גיבור שוואַך... ער פאַרלירט זיין גבורה, און ווייס נישט, ווי ער הערט אויף אין כּעס צו זיין און ווייס נישט, פארוואס...

אַזא כּוח האט רחלע, גאנץ אומבאַוווּסט, אין זיך געהאט און

דאָס האָט זי נישט איינמאָל געשיצט און פאַרהיט פון אַ שלעכטער מחשבה, וואָס עמעץ האָט אויף איר געטראַכט... עטוואָס הייליקעס, געטלעכעס איז אין אירע שיינע אויגן געווען און אַפילו די מוטער אירע האָט נישט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס ווירקן אַזוי געוואַלטיק אָט די אויגן אויף איר און זי קען איר אַ שלעכט וואָרט נישט זאָגן אַפילו דאַן, ווען זי האָט, נאָך איר מיינונג, כשר פאַרדינט? דער ליכטיקער שטראַל פון ריינער אומשולד דרינגט, גאַרנישט געצילט, אין דעם שולדיקנס האַרץ אַריין און מאַכט דאָרט ליכטיק אויף אַ ווײַלע, אַז יענער זאָל כאָטש זיין אייגענע פינצטערניש דערזען. און כאָטש חייעלע האָט איר שולדיקייט נאָך אַלץ נישט איינגעזען, אָבער איר שלעכטס האָט געמוזט אַנטלויפן פאַר דער גוטסקייט, וואָס איז אין רחלעס קוק געווען, ווי עס אַנטלויפן פינצטערניש און שאָטן, ווען די זון שיינט אַרויס.

אין דער נאָענט, אונטער פיר אויגן, ווי מען זאָגט, האָט חייעלע איר כעס נישט געקענט אויסלאָזן אויף איר קינד, דערפאַר האָט זי איר דעם כעס און די אומצופרידנקייט געלאָזט מערקן פון אַ זייט, הינטן-אַרום: „זאָל זי וויסן, אַז איך האָב פאַר איר קיין מורא נישט!" זי האָט עטלעכע מאָל די קינדער אויף אַ שטרענגן פאַרהער גענומען, מיט גוטן און מיט בייזן זיי געהייסן דערציילן אַלץ, וואָס רחלע רעדט מיט זיי. זי האָט אויך אירע הענט און ריטער נישט אויסגעלאָזן אַרויסצובאַקומען פון זיי כאָטש איין קללה, וואָס רחלע האָט זיי געלערנט, אָבער אומזיסט! די קינדער האָבן נישט געוווּסט, וואָס ווייל די מוטער, נישט געוווּסט, וואָס צו ענט-פערן. זיי האָבן נאָר געוויינט און געשריגן מיט אַנגסט און אַנטלאָפן צו רחלען, זיך צוגעטוליעט צו איר און אָפט אירע הענט מיט זייערע ריינע טרערעלעך באַגאָסן.

רחלע האָט קיין שום סיבה נישט געהאַט צו קלערן, אַז די קינדער ליידן איצט, נעבעך, צוליב איר און זי פלעגט קלערן, אַז מסתמא האָבן זיי עפּעס פאַרזינדיקט. די מוטער וועט זיי דאָך נישט פּייניקן גלאַט אַזוי, און זי פלעגט די קינדער דערקלערן מיט גוטע רייד, אַז מען טאָר אויף אַ מאַמען נישט זיין אין כעס, און זיי שיקן אַ קוש טון דער מאַמעס האַנט פאַר אירע שמיץ. די אומ-שולדיקע קינדער פלעגן עס טון מיט דער גרעסטער אַנגסט; איר האַרץ אָבער האָט שרעקלעך געליטן, וואָרים זי האָט געזען, ווי

פרעמד די קינדער ווערן שוין באַצייטנס צו דער מוטער. דאָך האט זי אליין ארויסגעוויזן חייעלען נאר צעטלעכקייט און צעפרידנקייט ביי יעדער געלעגנהייט, ביז חייעלע האָט איר כעס פארגעסן און אַליין איז זיך צוריק געגאנגען, ווי פריער.

אזוי זענען אריבער עטלעכע וואכן ביז נאך שבועות. פון משהלען האט זי אין דער גאנצער צייט איין בריוועלע דערהאלטן, און אויך זייער — א קורצס. ער האט איר נאר געשריבן, אז אין גיכן וועט ער האבן אן עקזאמען, ער לערנט איצט זייער פיל, און האט זייער געבעטן, זי זאָל אים אפטער שרייבן און אויסשרייבן איר לעבן, איר הארץ און געפיל אין גאנצן, ווייל אירע בריוועלעך זענען פאר אים נישט געוויינלעכע ליבע-בריוועלעך פון א כלה צו א געליבטן חתן, נאָר א בוך, פון וועלכן ער לערנט א מענטשנס הארץ דער־קענען, א הארץ אן איידלס, וואס איז ווערט זיך צוצוקוקן צו אים, יעדעס בריוועלע אירס איז פאר אים א נייע לעקציע, זי בעסער צו דערקענען און אירע געדאנקען מער צו באווונדערן. זי האט אים געפאָלגט און ווירקלעך אנגעהייבן שרייבן, ווען זי האט נאר צייט געהאט. אין איין בריוול האט זי אים אזוי געשריבן:

„ליבער משהלע!

איך בעט דיך, לאָך נישט פון מיין שרייבן און פון מיינע געדאַנקען. דו שרייבסט מיר: פון מיינע בריוועלעך דערקענסטו בעסער מיין האַרץ. אדרבה, דערקען מיך, ווי איך בין, ווי איך טראַכט און לערן מיך בעסער צו טראַכטן און בעסער צו ווערן, ווי איך בין איצט!... גלויב מיר, איך האָב אויפגעהערט זיך אַליין צו געפעלן: איך בין אַ שלעכטע זינדיקע טאָכטער געוואָרן קעגן מיין מוטער! — נישט מיט דעם, וואָס איך טו, חלילה, קעגן איר, אָבער מיט דעם, וואָס אין האַרצן ביי מיר, טראַכט זיך, קעגן מיין איי־גענעם ווילן, נישט אזוי, ווי דאָסזעלבע הארץ פלעגט אַמאָל פון איר טראַכטן...

פאַר דיר אליין עפן איך דאס הארץ, און ווי וויל איך, דו זאָלסט מיר דערקלערן, צי בין איך זינדיק, צי נישט? — בין איך זינדיק — בעט איך דיך, משהלע, זשאַלעווע מיך נישט, נאר לערן מיר ווי בעסער צו זיין און ווי בעסער צו טראַכטן...

מיין ליבע מוטער איז אַ כלה געוואָרן מיט ר׳ פנחסל, דעם

רבינס גבאי. לייט זאָגן, אז ער איז אַ ייד אַ צדיק, אַ חכם, איינער אין דער מדינה. זיי זאָגן, אז חייעלע, מיין מוטער, מוז אַ גרויסן זכות האָבן, אזוי דערהייבן צו ווערן, וואָס קיינער האָט זיך גאָרנישט געקענט ריכטן אויף אַזא גדולה.

אז איך הער די דאָזיקע שבחים — כאָטש די, וואָס זאָגן זיי, מיינען דערמיט מיך מער צו טרייסטן ווי צו קרענקען, פילט מיין האַרץ דאסזעלבע, וואָס עס וואָלט פילן, ווען די אייגענע מענטשן וואָלטן זאגן: „ר׳ פנחסל איז מער לייט פאַר דיין פאָטער, דו דאַרפסט דיך איצט מיחס זיין מיט זיין גרויסן כבוד און גדולה מער, ווי מיט דעם קליינעם כבוד פון דיין פאָטער!“... איך קען מיט די מענטשן נישט רעדן און זיך נישט קריגן מיט זיי, אָבער דיר זאָג איך: ווען ר׳ פנחסל זאָל נאָך הונדערט מאָל גרעסער און בעסער זיין, ווי ער איז, איז מיין פאטער געווען געוויס בעסער און ביי גאָט ליבער און טייערער, ווי ער! זיין כבוד וועט מיין יחוס זיין און בלייבן, ווי לאַנג איך וועל לעבן... ר׳ פנחסלס טרייהייט און זאָרג וויל איך נישט, און גאָט זאָל מיך אָפּהיטן צו אים אָנצוקומען!..

מיין מוטער, משהלע, פילט נישט אזוי. נישט ענוג, וואָס זי אַליין האָט דעם ליבן פאָטער פאַרגעסן, פאַרלאַנגט זי אָבער, אז מיר, זיינע קינדער, זאָלן אים אויך נישט דערמאָנען... זי זאָגט און שווערט אָפּט, אז נאָר צוליב דעם, זי זאָל אונדז, אירע יתומים, קענען גוטס טון, האט זי דעם רבינס רצון נאָכגעגעבן און איינגעוויליקט ר׳ פנחסלס כלה צו ווערן. פאַרוואָס זאָל איך איר עס נישט גלויבן? איז דען דאָ אַ מוטער אין דער גאַנצער וועלט, וואָס וויל נישט אירע קינדער גליקלעך מאַכן? איך קען מוטערס, וועלכע זענען זיך מקריב פאַר זייערע קינדער, און טוען אַמאָל אַזוינס, וואָס זיי וואָלטן עס פאַר זיך אליין נישט געטון. פאַרוואָס, משהלע, זאָל איך נישט גלויבן, אַז מיין מוטער מיינט מיט דעם ווירקלעך נאָר אונדז גוטס צו טון?

איך גיב מיר מי צו גלויבן אַזוי, און מיר געלינגט עס אָפּט; דאן וויל איך איר אויף איר האַלדז פאַלן מיט טרערן און מיט קושן זי מחילה בעטן פאַר מיינע זינדיקע געדאנקען. קוים אָבער קום איך צו צו איר און זי הייבט מיר אָן צו דערציילן פון דעם גרויסן כבוד און גדולה, וואס זי האט שוין געהאט און האָפט נאָך צו האבן

אין רבינס הויף, ווי ער, ר׳ פנחסל איז דאָרט מער תקיף ביי די חסידים, ווי דעם רבינס קינדער אפילו, ווי אלע ווען מוזן איר דעה אָננעמען; דאן, דאכט מיר, פיל איך, ווי א קאַלטער ווינט בלאָזט פון מיין מוטערס האַרץ אין מיין הארצן אריין, מיינע טרייע און ווארעמע קינדער־פליכט אין מיר אָפּצעקילן, און די טרייע ווערטער, וועלכע איך האָב אין דער מינוט געוואָלט איר זאָגן, פאלן צוריק פון מיין צונג אין מיין האַרצן אריין און דאָרט פרעסן זיי מיין ברוסט ווי שווערע שטיינער. איך קען קיין צערטלעך וואָרט נישט אויסרעדן און בלייב אַ שלעכט קינד, אן אומגעטרייע טאכטער צו מיין טרייע ליבע מוטער!...

צו אונדז קומט נאָך אָן די רוסישע צייטונג, דיזעלבע, וועלכע דו פלעגסט מיט מיר לייענען. ווען איך לייען די צייטונג, ווילט זיך מיר אָפּט, דו זאָלסט דאָ זיין לעבן מיר און מיר ווידער דערקלערן פיל זאכן, וואס איך פאַרשטיי נישט אין זיי, כאָטש איך לייען איבער צו עטלעכע מאָל. נישט לאַנג האָבן די צייטונגען דערציילט פון אַ געוויסן דאָקטאָר פעלדמאַן, וועלכער קען מיט זיין קוק, אָדער מיט זיין האַנט אַ שלאָף אַרויפוואַרפן אויף אַ מענטשן, און דער שלאָפנדיקער מוז אלץ טון, וואָס פעלדמאַן הייסט אים. מען שרייבט: ער קען מאכן, אז דערזעלבער, אויב ער איז קראַנק, זאל אלע זיינע קראַנקהייטן פארגעסן. ער שטעכט דורך אַ נאָדל דורך דעם קראַנקנס פלייש און יענער פילט עס נישט. ער הייסט אויך אן אלטן מאן גלויבן, אז ער איז נאך אַ קליין קינד, און דער אלטער פארגעסט, אז ער איז אלט; ער גיט אים אַ שטעקן, שרייבט מען, און הייסט אים רייטן, ווי אויף אַ פערד, און דער אַלטער מיינט ווירקלעך, אז דאס איז אַ פערד און רייט דארויף מיט אלע באַוועגונגען, ווי מען רייט אויף אַ ווירקלעכן פערד. מיט איין וואָרט, איך לייען איצט גרויסע וואונדער פון דעם וואונדערלעכן פעלדמאַן. איך ווייס נישט ריכטיק, אויב אלץ, וואס מען שרייבט וועגן דעם, איז אמת. מיר ווילט זיך גלויבן. באַטראכטנדיק איצט, ווי די ליבע מוטער איז געוואָרן צו מיר און צו אירע קליינע, נאָך גאָר אומשולדיקע יתומימלעך, זייט זי איז געוואָרן ר׳ פנחסלס כלה און איז געקומען פון רבינס הויף, דער־מאנט זיך מיר, נישט ווילנדיק, די וואונדער פון דעם פעלדמאַן.. זאג מיר, משהלע, ווי קען אַ מוטער פלוצלונג קאַלט ווערן צו אירע קינדער, וועלכע ליבן זי, ווי אלע מאָל? ווי קען אַ פרוי אזוי

גיך פאַרגעסן איר טרייען ליבן מאַן, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן?

זאָג זיך דיר, וואָס דו ווילסט, איך גלויב, אַז דאָרט ביים רבין אין הויף האָט עפּעס מיט מיין מוטער געטראָפן: אָן איר אייגענעם ווילן האָט מען אויף איר אַ שלאָף אַרויפגעוואָרפן, איר געהייסן פאַרגעסן איר ערשט געשטאָרבענעם מאַן, איר שטרענג פאַרזאָגט, זי זאָל אפילו אירע נאָך לעבעדיקע יתומים נישט דערמאָנען... מען האָט איר ר׳ פּנחסלען באַוויזן און איר געהייסן גלויבן, אַז ער איז שענער, בעסער און ליבער ווי דער, נאָך וועמען זי קלאָגט... יאָ, דאָס איז זיי געווען ווייניק, האָבן זיי איר איינגערעדט, אַז זי איז נאָך אַ יונג קינד און זי מעג נאָך שפּילן מיט קינדער אין ליאַלקעס... דען זייט זי איז פון דאָרט געקומען, פּטרט זי געלט און צייט אויף נישט נייטיקע קליידער און צירונג, אויף חסידים, וואָס עסן און טרינקען ביי איר, אויף מתנות פאַר דעם רבינס שניר און טעכטער. איר ליאַלקע איז דער נאַרישער כבוד, וואָס חסידים און שכורים זאָגן וועגן איר: „חייעלע איז אַ לייטישע אשה, זי איז ווערט ר׳ פּנחסלס ווייב צו ווערן!"

גוט, משהלע, וואָס איך דערקלער מיר אַזוי, אַנישט ווייס גאָט, וואָס פאַר אַ שלעכטע געדאַנקען עס וואָלטן געפּייניקט מיין האַרץ. איצט אָבער, אַז איך טראַכט אַזוי, איז די מוטער מיינע אומשולדיק. מענטשן, וואָס האָבן אַזאַ קראַפט איינצושלעפערן אונדזער פאַרשטאַנד, אונדז איינצורעדן אַזעלכע זאַכן, וואָס נוצן צו זייער פּלאַן, האָבן אויף איר געווירקט און זי טוט איצט אַלץ, וואָס זי טוט נישט מיט איר אייגענעם ווילן, אָבער מיט דער מאַכט פון רבינס הויף און זי ווייס אַליין נישט, וואָס זי טוט. איך האָב מיטלייד מיט איר. איך זע זי שלאָפט און חלומט פּיליכט אַ שווערן חלום... איך בין אָבער איר קינד, און מען האָט מיך געלערנט אַמאָל אַז מען טאָר אַ מוטער נישט אויפוועקן, ווען זי שלאָפט...

אָ, איך קען נאָר גאָט בעטן, אַז דער שלאָף זאָל זיך גיך ענדיקן, אונדזער מוטערס האַרץ זאָל צוריק דערוואַכן פאַר אירע עלנטע יתומימלעך... אַז אָט דאָס האַרץ וועט אַמאָל דערוואַכן און צוריק אויפגעגעבן ווערן וועמען עס געהער, בין איך אַזוי זיכער, ווי זיכער איך בין, אַז נאָך נאַכט מוז ווידער ווערן טאָג. אָבער גאָט ווייס, ווי לאַנג די נאַכט וועט זיך נאָך ציען און וואָס וועט אין דער

פינצטערער צייט מיט אונדז געשען? וויפל טעג און טייכן, וואסערן און צייטן וועלן ביז איר דערוואכן אריבערגיין, אוועקשווימען, און וואס וועלן די טעג און טייכן מיט זיך אוועקטראגן דארט אהין, פון וואנען זיי קומען שוין נישט קיינמאל צוריק?...

זאָג מיר, משהלע, דו פאַרשטייסט דאָך דאס בעסער פאר מיר, איז דאָס טאקע אלץ אמת, וואָס די צייטונגען דערציילן פון דער ווונדערלעכער איינשלעפערלעכער קראפט, וואס מאנכע האבן אין זיך?

איך גלויב אין דעם און איך מוז גלויבן, ווייל איך ווייס נאָך זייער ווייניק וואס עס טוט זיך מיט אונדזער הארץ, מיט אונדזער נשמה, וואס זיצט אין אונדז. בעת דער ליבער אומפארגעסלעכער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן, גלויב עס מיר, האט מיין הארץ געפילט אזא אנגסט, וואס איך האב נישט געוווסט, ווי איך זאל מיר עס דערקלערן. איך האב מער ווי אלע מאָל נאך אים געבענקט, צייטנ־ווייז פלעג איך אויך וויינען און פלעג זיך פרעגן: וואס וויין איך? און צו וויינען פונדעסטוועגן נישט אויפהערן. משהלע, האט דען מיין האַרץ דאַמאָלס נישט געוווסט, אז דער ליבער פאָטער וועט נישט צוריקקומען? איך גלויב, אז דאס האַרץ, אָדער די נשמה האט געפילט און געוווסט, נאר איך זינדיקע האָב דאס לשון פון דער נשמה נישט פאַרשטאנען און האָב נישט געוווסט, וועלכע שלעכטע בשורה זי זאָגט מיר אָן. יעצט פילט דאס הארץ, קעגן מיין ווילן, אַ דריקנ־דיקע קאַלטקייט און פרעמדקייט צו מיין מוטער, כאָטש זי האָט מיר נאָך קיין שלעכטס נישט געטון, אפילו מיט אַ שלעכט וואָרט נישט באַליידיקט, און איך פרעג מיך אָפט: וואס וויל מיין הארץ פון מיין מוטער? בין איך דען באמת אזוי שלעכט, דער ליבער מוטער איר גליק נישט צו פארגינען? ניין! איך פארגין איר אלע גליקן פון דער וועלט, און דאָך רוט דאס האַרץ מיינס נישט אין מיר!... נישט אַנדערש, דאס הארץ מיינס מוז פילן, אז דער מוטערס הארץ איז אים נישט אזוי וואַרעם, נישט אזוי טריי, ווי פריער, דעריבער איז עס אזוי אומרויק, אזוי אומצופרידן...

דו וועסט זאגן, אז מיין שכל איז דאָ שולדיק און נישט דאס הארץ, און וועסט מיר דערקלערן, אז ווייל איך ווייס, אז דער מוטערס הארץ איז איצט פארנומען מיט ליבע צו דעם כבוד פון בינס הויף, און אפשר מיט פרויען-ליבע צו ר' פנחסלען, פייניקט די אייפערזוכט. מיך פארדריסט, וואס מיין געליבטער פאטער

איז פון איר אַזוי גיך פאַרגעסן געוואָרן. אָבער מיט וואָס וועסטו מיר דערקלערן, וואָס אפילו די קליינע קינדער, וועלכע האָבן נאָך גאָרנישט קיין באַגריף פון דעם אומרעכט, וואָס אונדזער מוטער טוט אונדז, ווי קומט עס, אז אָט די אומשולדיקע קינדער באַפרעמדן זיך פון איר איצט, שעמען זיך כמעט פאַר איר, אַנטלויפן פון אירע קושן און פרייען זיך נישט מער מיט אירע מתנות? און וואָס מער זיי דערווייטערן זיך פון איר, אַלץ נענטער קלעבן זיי זיך צו מיר, זיי קושן מיינע הענט אָפט מיט שטומע טרערן און איך מוז מיינע טרערן פון זיי באַהאלטן, כדי נישט צו פאַרקלעמען נאָכמער זייערע הערצלעך.

יאָ, משהלע, דעם מענטשנס האַרץ, אָדער נשמה האָט זיין אייגן צאַרט געפיל און ווייס פריער פאַר אונדזער שכל פאַרוואָס זשע זאָל איך נישט גלויבן, אז עס איז פאַרהאַן אַזא נשמה-קראַפט, וואס קען דעם צווייטנס שכל איינשלעפערן, ער זאָל מער נישט האָבן קיין אייגענעם ווילן, נאָר ער זאָל אַלץ טון, וואָס יענעם געפעלט?...

אז איך וואָלט אָט די מענטשן זען, וואָלט , בעטן, זיי זאָלן אַלע אומגליקלעכע איינרעדן, אַז זיי זענען גליקלעך, אַלע אומצופרידענע — צופרידן זיך פילן... אָ, איך וואָלט פאַר זיך נאָר בעטן, אַז דאָס זינדיקע און פיינלעכע געפיל, וואָס מיין האַרץ פילט יעצט געגן מיין מוטער, זאָל פון מיר אַרויסגעטריבן ווערן... זאָג נישט, אז דאס איז אַ ליגן, איך זע די מענטשן אָפט פאַר מיינע אויגן, און נאָכמער איז צו באַוווּנדערן, וואָס זייערס אַ וואָרט ווירקט נישט נאָר אויף איינעם, נאָר אויף טויזנטער מענטשן... אפילו פון וויטן פאַרלירט נישט זייער וואָרט זיין כוח און טוט, וואָס זיי ווילן!...

דו געדענקסט דאָך, משהלע, דעם קינדערשן מלמד, דאס אָרעמע און עלנטע יידעלע שימעלע, קבצן, אָדער שימעלע פלוט, ווי מען האָט אים ביז איצט געקענט. דער דאָזיקער שימעלע האט אויסגעפירט דעם שידוך פאַר ר' פנחסלען מיט מיין מוטער. מען זאָגט, אז דער רבי, זאָל לעבן, איז מיט דעם זייער צופרידן געווען און האָט דערפאַר שימעלען געבענטשט, אַז ער זאָל זיין אַ מוצלח אין אַלע שידוכים, וואָס ער וועט דער שדכן זיין... און ווייסטו ווי די ברכה איז אים מקוים געוואָרן? ביי אונדז וועט שוין באַלד קיינער אָן אַ חתן אָדער אָן אַ כלה נישט בלייבן. ער דאַרף נאר אַריינגיין פאַרלייגן עפעס

אַ שדוך און מען מעג שוין זיכער זיין, אז עס וועט באַלד געוואָרן אַ תנאים... אפילו זיין אייגן קינד האָט ער גליקלעך פאַרשדכנט; קיין משוגענער אפילו וואָלט נישט געוואָגט צו קומען צו אַ ייד אַ נגיד, כּאַטשט אַן אַלמן, אַ בעל־משפחה, ווי ר׳ הערש לייבעלעס, אום פאַרצו־לייגן חופּה צו האָבן מיט ר׳ שימעלעס טאָכטער, וואָס האָט אַפּילו קיין גאַנצע שיך נישט געהאַט אויף אירע פיס; איר פאָטער שימעלע פאַרזיכערט מיט דעם רבינס ברכה, אַז ער איז אַ מוצלח, האָט דאָס געוואָגט און האָט ווירקלעך מצליח געווען. מען זאָגט, אַז ר׳ הערש לייבעלעס שעצט זיך גאָר גליקלעך מיט דעם שידוך, איך אַליין בין העכסט צופרידן, וואָס דאָס אָרעמע מיידל וועט מער נישט אַזוי פיל ליידן, ווי ביז איצט, נאָר מיר איז נאָך אַלץ אַ פראַגע: האָט ווירקלעך דעם רבינס ברכה געווירקט? ווייל אַ ברכה פון אַזא צדיק מוז מקוים ווערן, אָדער די אמונה פון זיינע חסידים אין אים האט געווירקט אויף דער ברכה, זי זאָל נישט בלייבן אַ פּסט וואָרט אַרויסגערעדט, ווי ערגעץ אַ ברכה פון אַבי וועמען?...

איך וואָלט אויך וועלן וויסן: צי ווירקט דעם רבינס ברכה נאָר אויף שימעלען, ער זאָל זיין אַ מוצלח? דאס הייסט אַז זיין גוט גע־שעפט זאָל אים מצליח זיין און די שידוכים, וואָס ער האָט אויס־געפירט און וועט אויספירן מעגן דערנאָך זיין נישט גליקלעכע און נישט פאַסנדיקע, אַבי ער זאָל האָבן זיין שידכנות, אָדער די שידוכים זאַלן אויך געבענטשט זיין מיט דערזעלבער ברכה, וואָס ער, שימעלע, איז מיט איר געבענטשט?

אויפריכטיק זאָג איך דיר, אַז מיך באַאומרו־יקט זייער אָט די פראַגע... דערזעלבער ר׳ שימעלע האט שוין אָפּגענומען פון מיין מוטער זיין שדכנות, ער האָט שוין מצליח געווען... און ווי ביטער מיר איז, וואָס זי וועט אַ פרעמדן אנגעהערן און די ליבע ערי־נערונג פון מיין זעליקן פאָטער וועט דורכדעם ביי איר פאַרגעסן ווערן, איז זי דאָך מיין ליבע מוטער, און איך וויל, אַז זי זאָל אפילו פאַר איר צווייטן מאַן גליקלעך זיין... איך וויל אויך, אז דעם רבינס ברכה זאָל נישט זיין אַ ברכה פאַר דעם אָרעמען שימעלען און. חלילה, אַ קללה פאַר פיל יונגע קינדער, וואָס זיין קרומער שכל און פלוטישע צונג וועט זיי צוזאַמענפאָרן... אָט פאַרוואָס מיך באַאומרו־יקט אַזוי די דאָזיקע פראַגע?...

יאָ, ליבער פריינט, דער שימעלע האט שוין מערערע מאָל

געזאגט, אַז ער וועט מיר אויך איינטיילן אַ שטיק פון זיין הצלחה און מיר געבן אַ חתן איינעם אין דער גאַנצער וועלט... אבער דער איינער אין דער גאַנצער וועלט ביזטו, מיין ליבער משהלע... און קיין צווייטן צו דיר וויל איך נישט קענען, נישט וויסן!... אַ מזיסט, שימעלע, זענען דיינע רייד! מיין פרייער ווילן אויף זיך איז פיל שטאַרקער, ווי דעם רבינס ברכה... אָ, ליבער משהלע, דאס האַרץ זאגט מיר, אז איך וועל פון איצט אָן נישט נאר מיט מיין מוטער אַליין מוזן קעמפן, נאר אויך מיט דעם רבין, זאל לעבן מיט זיינע לייט און מיט זיין ברכה!...

נישט זארג, לערן אומגעשטערט, גאָט איז מיט מיר! איך האב נאך נישט געהערט, מען זאל אַ יידישע טאכטער און נאך אַ יתומה איבערגעוואלט צו דער חופה פירן!.

מיין ברודער מאָטעלע פרעגט מיך כמעט יעדן טאג: ווען וועט שוין משיח קומען? אַמאל ענטפער איך אים: ווען גאט וועט וועלן! אַמאל — איך וויס נישט!... אבער דער דאזיקער ענטפער באַפרידיקט אים נישט און ער פרעגט אויף מארגן ווידער: „רחלע, ווען וועט שוין משיח קומען?" „וואס וואַרטסטו אַזוי אויף משיחן?" האב איך אים היינט געפרעגט, בשעת איך האב אים שוין נישט געהאַט וואס צו ענטפערן אויף זיינע קשיות. — „אז משיח וועט קומען", האט דאס אומשולדיקע קינד געענטפערט, „וועט דאך זיין תחית המתים, וועט אונדזער גוטער טאטע לעבעדיק ווערן... אַך, רחלע, ווי וויל איך, אַז משיח זאָל שוין קומען!"... וואָלסטו נאָר געהערט, ליבער משהלע, מיט וואָס פאר אַ פיין און אַנגסט דאס עלנטע קינד האָט עס געזאָגט. אָ, דו וואָלסט דאַמאָלס, ווי איך, דיינע טרערן געשלונגען, די פאַרוויינטע אויגן אויפגעהייבן צום הימל און דיינע ליפן וואָלטן די ווערטער אַרויסגעשטאַמלט: „גאָט, ווען וועט שוין משיח קומען?!"...

אַנטשולדיק, משהלע, וואָס איך האָב מיין ברודערל נישט געוואָלט טרייסטן מיט אַ לאַנגער, לאַנגער האָפענונג... איך האָב אים געזאָגט: „משיח וועט קומען מאָטעלע... ווען אונדזער ליבער שוועסטער־קינד משהלע וועט צו אונדז צוריקקומען, דאַן וועט אויך אונדזער געשטאַרבענער פאָטער לעבעדיק ווערן און דו, מיין ברודערל, וועסט צוריק דיין טאַטן האָבן!... וואַרט איך דען נישט אויף דיר, ווי אויף משיחן? וועסטו דען נישט וועלן זיין אַ טרייער פאָטער צו

די עלנטע יתומימלעך, וואָס מיין גאַנץ לעבן הענגט אָן זיי?... נישט נאָר איך האָף און וואַרט און בעט גאָט, דו זאָלסט גיכער קומען, אָבער מיין ברודערל מאָטעלע האָפט און בעט גאָט, ער זאָל דיך וואָס פריער ברענגען אַהיים. ווי קען גאָט אָט די אומשולדיקע פרומע תפילה נישט צו הערן? ווייס זשע, משהלע, אַז ווען דו וועסט קומען צו מיר, וועסטו אויך אַ משיח זיין, אַ פאָטער אַ טהייער צו די, וועלכע זענען אָן דיר, כאָטש נישט קיין ארעמע, אָבער דאָך עלנטע יתומימלעך... דאָך באַשווער איך דיך, נישט פריער צו קומען, איידער דו קענסט און מעגסט קומען. יאָ, איך פאַרשטיי ערשט, ווי נייטיק דיין שטודירן איז אפילו צוליב דעם, אז דו זאָלסט קענען זיין אַ טרייער פאָטער צו די עלנטע יתומים...

איך האָב דיר אַזוי פיל אין דעם בריוו אנגעדולט דיין קאָפּ, און האָב דיר כמעט גאָרנישט דערציילט, נישט פון מיינע ברידערלעך און נישט פון מיין ליבן שוועסטערל, נישט פון אונדזער פעטער, נישט פון דער מומען אונדזערער, און כמעט פון אייגענעם לעבן און אנגעלעגנהייטן גאָרנישט דערציילט. אָבער דו אַליין האָסט מיך געבעטן, איך זאָל דיר נאָר אויסשרייבן, וואָס ביי מיר אין האַרצן קומט פאָר, און אָט דאס האַרץ קען נאָר אָפּן זיין פאַר דיר, און איך קען וועגן אַנדערע זאַכן מיט דיר נישט רעדן!... פאַרצייַ מיין פיל שרייבן, איך שוויג פיל מער, ווי איך רעד... איך שרייב נאָר דאָס, וואָס רייסט זיך אַליין אַרויס פון מיין צעריסענעם האַרצן... נעם צו מיין בריוועלע אַזוי ווי עס איז געשריבן. איבערצושרייבן — האָב איך אַזוי פיל צייט נישט און געדולט נאך ווייניקער. ליבער פריינט, דערקלער און לערן גוט זיין דיין רחלען".

— צו וואָס, מיין טאָכטער, בלענדסטו דיינע אויגן און שרייבסט אַזוי שפּעט ביינאַכט? — האט די אַלטע פייגע געפרעגט, אז זי האט זי געפונען אין אָוונט שרייבנדיק.

— זאָגט מיר, פייגע, — האָט רחלע זייער פאַרטראַכט אויסגערעדט, — זאָגט מיר, בין איך ווירקלעך עלטער געוואָרן, זינט מיין ליבער פאָטער איז געשטאָרבן?

— אַוודאי, מיין קינד, ביזטו עלטער און נישט יינגער געוואָרן, — האָט די אַלטע געענטפערט, — אַז מען לעבט איבער אַ טאָג, ווערט מען עלטער מיט אַ טאָג, מיין ליב קינד!... אזוי רוקן זיך אונדזערע יאָרן אַוועק. דאַכט זיך, איין טאָג... וואס איז אַ טאָג?

— ניין, פייגע, אין יאָרן גאַנצע פיל איך מיך עלטער איצט... — האָט רחלע דערקלערט, — איך פיל מיך נישט מער אזוי קינדיש און נאָכגעגעבן, ווי איך בין ביז איצט געווען... נישט אמת, פייגע, אַ מענטש קען גאָר פלוצלונג אַלט ווערן!

— יאָ, מיין טאָכטער, — האָט פייגע אויסגעזיפצט, — אָפט מאַכן צרות אַ מענטשן אַלט פאַר דער צייט. זייט דיין ליבער פאָטער, עליו השלום, איז אונדז אָפגענומען געוואָרן, האָסטו פיל אויסצעשטיין... דו באַקלאָגסט דיך נישט, אָבער דיין יונג האַרץ פילט און ווערט געפרעסט אַלע ווייל. גלויב מיר, ווי איך ווין און טראָג יסורים פון דעם, וואָס דיין האַרץ ליידט, דאַנק איך, פונדעסטוועגן, גאָט דעם לעבעדיקן, וואָס גיט דיר אַ טרייסט אין דיין אייגענעם שכל, אַלץ צו קענען אַריבערטראָגן און פאַר גוט אָננעמען... איך פריי מיך, אַז איך רייד איצט מיט דיר און איך זע, אַז דו ביזט אַ צייטיקער מענטש — נישט אַ קינד, נישט אַ נאָכגעגעבן, אין וווילטיק אויפגעצויגן קינד, ווי דער טאַטע דיינער האָט דיך געלאָזן... פאַרלאָז זיך, מיין טאָכטער, אויף גאָט, נעם אָן פאַר גוט אַלץ, וואָס עס קומט פון זיין האַנט! ער גיט די קעלט נאָך די קליידער נאָך!...

— און ער גיט אויך די קליידער נאָך די קעלט נאָך!... — האָט רחלע צוגעלייגט. אָך, וואָלט איך נאָר ריכטיק ווייסן, אַז אַלץ, וואָס עס טוט זיך, איז עס מיט זיין ווילן!... ווי אָפט באַגייען מענטשן אַ זינד, וואָס זיי פאַרשטייען זיין גוטן ווילן נישט און טוען פונקט פאַרקערט!... פייגע, זינדיקן דען מענטשן אויך מיט גאָטס ווילן...

— דעם זינדיקן שטראָפט ער, — האָט פייגע געענטפערט. — זיי, מיין קינד, פרום און גוט, גלויב אים, אַז ער טוט דיר גוטס אפילו בעת דו זעסט די גוטס נישט... וואָס ווייסן מיר, זינדיקע, אים קשיות צו פרעגן? פרעג נישט, נאָר האָב אמונה אין אים, אַז ער איז גערעכט!...

— קום אַריין צו מיר אין קיך, וועסטו זיך אַ מוסר אַראָפּנעמען, אַז דו וועסט זען, ווי ער פירט זיך מיט רחמים אַפילו מיט חיות און עופות אויך: די הון מיינע האָט אויסגעזעסן הינדעלעך... ווי לאַנג זיי זענען נאָך קליינע געווען, איז די אַלטע הון זיי אַ געטרייע מוטער געווען, זי פלעגט מיט איר שנאָבל די ברעקלעך ברויט זיי צעברעקלען, זיי זאָלן מיט זייערע קליינע פיסקעלעך קענען אַראָפּ-

שלינגען... אונטער אירע פליגלען פלעט זי זיי ווארעמען און שלאָפן לייגן... איצט, אַז זיי זענען אונטערגעוואַקסן און קענען זייער חיונה אליין זוכן און געפינען, לאָזט זי זיי שוין גאָר צו זיך נישט צו... עס איז אַ רחמנות צוצוקוקן, ווי זי פּיקט זיי אין קעפּעלעך, אַז זיי גייען צו נאָנט צו איר. נו, זעט מען דען נישט דעם רבונו של עולמס השגחה דערין, ווי אין אַלץ? ווי לאַנג זיי האָבן נאָך אַליין זייער וועלטל נישט געקענט ביישטיין, האָט דער, וואָס איז אַ נותן לחם לכל בשר, אַ געפיל פון טרייהייט אין זייער מוטערס האַרץ אָנגעצונדן. זי זאָל פאַר אירע קליינע פּיסקליאַטעס זאָרגן, זיי זאָלן קענען אַ תקומה האָבן... איצט, אַז זיי קענען שוין זייער וועלטל כמעט אַליין ביישטיין, האָט ער דאָס גע־טרייע געפיל צוריק אויסגעלאָשן און די קינדערלעך מוזן זיך אַליין זוכן יעדעס ברעקעלע, יעדעס גרייפּעלע.

— יאָ, מיין טייער קינד, — האָט די אַלטע ווייטער גערעדט, — ווער קען וויסן, צו וואָס האָט ער, דער, וואָס איז גוט און גערעכט, צוגענומען פון דיר דיין געטרייען טאַטן, דיין פאַרזאָרגער? נישט אומזיסט האָט ער איצט דיין שכל אין דיין יונגן קעפּעלע אַלט און געניט געמאַכט! ער מיינט דערמיט, אַז דו זאָלסט אַליין פון איצט אָן אָנהייבן דיין וועלט צו לעבן, אַליין זיך זוכן און געפינען, וואָס דיר טויג!.. דו האָסט, מיין טאָכטער, פון איצט אויף קיינעמס הילף נישט צו וואַרטן, נאָר פריער אויף גאָטס חסד, דערנאָך אויף דיין אייגענעם שכל!.. צו אים, צו דעם, וואָס לעבט אייביק, האָף איך, אַז דיין שכל וועט דיך נישט ראַטן צו טון, וואָס אים געפעלט נישט, חלילה; טו, מיין קינד, וואָס דיר געפעלט, נאָר דערפאַר ביזטו אין שכל, אָן אַן עין הרע, מיט צען יאָר עלטער געוואָרן, ווי דו זאָגסט!

אַז די אַלטע איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך רחלע טיף פאַר־טראַכט. „איז ווירקלעך קיין אונטערשיד נישטאָ פון אַן עוף ביז אַ מענטשן? — האָט זי זיך געפרעגט, — דאַרף איך פון פייגעס הון אַ מאָס אַראָפּנעמען, ווי ווייט די ליבע פון אַ מוטער דערגרייכט צו אירע קינדער? ניין, אַ מענטש דאַרף העכער, בעסער און קלוגער זיין, ווי אַ חיה אָדער אַן עוף? אַז נישט, טאָ וואָס זשע איז דעם מענטשנס יהוס? מיט וואָס שטייט ער עס העכער פון יעדער חיה און עוף? ניין, אַזא מיינונג ווי פייגע, האָב איך פון מיין מוטער נישט!...

חלק ד

א.

אין ווינאָגראָדקע איז פריילעך, אין ווינאָגראָדקע איז יום-טובדיק, אין ווינאָגראָדקע איז אַן אורח געקומען! אַן אורח אין רבינס הויף איז קיין נייס נישט אפילו, נאָר אַן אורח צו אַן אורח איז נישט גלייך אפילו אין ווינאָגראָדקע, וואָס האָט אורחים געגוג און אפילו ביי חסידים, וואָס ביי זיי זענען אַלע גלייך... עס קומען צענדליקער אורחים יעדן טאָג, קיינער ווייס נישט פון זיי, קיינער פרייט זיך נישט מיט זיי. זיי קומען, לאָזן אָנשרייבן אַ קוויטל ביי עפּעס אַ גבאי, גיבן עטלעכע גילדן, גייען אַריין צום רבין, לייגן זייער פּדיון, הערן אויס זיין עצה, אָדער זיין ברכה, גייען אַרויס, כאַפּן עטלעכע טרונק בראָנפן אָדער עטלעכע פּעטש און פאָרן אַוועק מיט דעמזעלבן וועג און דערזעלבער אָרעמקייט, ווי זיי זענען געקומען; נאר עס זענען דאָ אַזעלכע אורחים, וואָס אויף זייער קומען וואַרט מען, און אַז זיי קומען, ווערט פריילעך און אפילו זייער אַוועקפאָרן איז אַ יום-טוב. אַזאַ אורח איז איצט געקומען! אַזאַ אורח איז ר׳ הענעך באַרסקי געוועזן אַלע מאָל און היינט נאָכמער.

אַמאָל, איידער ר׳ הענעך האָט זיין גרויסן גוט-געקויפט, איידער ער האָט צום רבין אָנגעהייבן צו פאָרן און איידער ער איז ביי אים אַ גרויסער חסיד געוואָרן, האָט ר׳ הענעך געהייסן: „הענעך כלאָפּ"... נאָר דאָס איז אַמאָל געוועזן, שוין גאַנץ לאַנג צוריק. איצט איז ער רייך, איצט איז ער אַ חסיד, איצט האָבן פון אים גרויס הנאה דער רבי מיט זיינע קינדער, ר׳ פּנחסל מיט זיינע אונטער-גבאים. און עס פרייען זיך מיט אים אפילו אַלע אורחים, חסידים, וואָס געפינען זיך צו דער צייט אין ווינאָגראָדקע. וואָרים ר׳ הענעך האָט, אויסער געלט אַ סך, אויך אַ האַנט אַן אָפענע און עס פעלט קיין משקה נישט... מען גיסט זיך מיט ווין פון אַ סימן ברכה

וועגן. ר׳ פנחסל איז פריילעך, דער רבי איז אויפגערוימט אין חסידים זענען שיכור. מען זינגט, מען טאַנצט און ווינאָגראָדקע איז פריילעך, יום־טובדיק...

איצט הייסט ער: „ר׳ הענעך באַרסקי״ און ער זיצט ביים רבינס טיש אַ דריטער פון אים, זאָל לעבן. ער האָט דעם אָרט זוכה געווען נישט מיט דעם זכות פון זיין תורה, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט, נישט מיט זכות־אבות, וואָס ער האָט אפילו אויפן בית־עולם נישט געהאַט, נאָר דורך דעם זכות פון שיינע עטלעכע הונדערטער רובל, וואס ער האָט אַ נעפאַלענעם חסיד באַצאָלט פאַר זיין חזקה צו זיצן אַ דריטער פון אים, זאָל לעבן... ר׳ פנחסל איז דער מעקלער געווען אין דער קניה און האָט פאַ דינט מעקלעריי אַ גראָב קערבל פון ביידע צדדים. פון יענעם טאָג אָן איז ער טאַקע רייכער און רייכער געוואָרן און האָט געגלויבט, אַז דער אָרט האט אים זיין הצלחה גורם געווען, און פאַרוואָס זאל ער זיך טאַקע נישט לאָזן דערקענען?

נישט שטענדיק אָבער פלעגט ווינאָגראָדקע האָבן דאס גליק צו זען דעם טייערן אורח ביי זיך. ר׳ הענעך האָט גרויסע עסקים געהאַט, און נאר ביי אַ נישט געוויינלעכער געלעגנהייט האָט ער זיך געקענט אָפּרייסן צו פאָרן און זיין טייערן אָרט, אַ דריטער, פון אים, זאָל לעבן, צו פאַרנעמען. נאָר ר׳ פנחסל פלעגט זייער אפט אריבערפאָרן צו אים, אין זיין גוט אָפּזיצן עטלעכע טעג, זאָגן תורה, געבן עצות, צונעמען אַ פדיון און קומען צוריק אַ פולער פון כל טוב.

מיט אַ יאָר צוריק איז ר׳ הענעכס געפּדיונט בן יחידל, מענדעלע, געפערלעך קראַנק געווען. ר׳ הענעך האט ר׳ פנחסלען, וועלכער איז דאַמאָלס ביי אים געווען, דערלאַנגט אַ פדיון, ער זאָל תיכף אוועקפאָרן צום רבין, ער זאָל מתפלל זיין, אַז מענדעלע זאָל לעבן. ר׳ פנחסל האט איבערגעציילט דאס געלט, און אַז ער האט דערזען אַז מער ווי אַכצן רובל פדיון האָט ר׳ הענעך נישט געגעבן, האָט ער דאס געלט צוריק אויפן טיש אַוועקגעלייגט און אַ ביטערן קרעכץ געטון.

— וואס קרעכצט איר, ר׳ פנחסל? — האט הענעך מיט שרעק געפרעגט. — ער האָט געמיינט, אז ר׳ פנחסל זעט שוין דעם מלאך המות איבער מענדעלען און דערפאַר וויל ער זיין פדיון נישט נעמען.

—אַ טעות גמור, אַ מעשה שטן האָט עס געמוזט זיין, — האט ר׳ פנחסל געענטפערט, — וואָס מען האָט די הנחה געלייגט, אַז „חי״ איז טייטש לעבן און „מות״ איז טייטש טויט. באמת איז גאָר פארקערט על פי קבלה: מות איז טייטש: לעבן, און חי איז — טויט. אַ פדיון צום לעבן מוז זיין כמספר „מות״, וואס דאס איז תמ״ו קערבלעך, טאַקע פיר הונדערט זעקס און פערציק רובל, און טאַקע דאס מיינט דער פסוק: וצדקה תציל ממות... ווען איז די צדקה מציל ממות, דאס הייסט ווען העלפט דער פדיון? אַז מען גיט צום לעבן: נישט ממספר ח״י, וואָס דאָס איז בסך הכל אַכצן, נאָר ממות, וואָס דאָס איז פיר־הונדערט זעקס און פערציק קערבלעך. נאָר אייך, ר׳ הענעך, זאָג איך עס, און אויך בסוד, אז טאַקע נאָר דעריבער טרעפט, אַז מענטשן שיקן פדיון ח״י קערבלעך צום לעבן און דער פדיון העלפט נישט, ווייל ח״י קען נישט העלפן צום לעבן... ממות — אָט דאָס איז דער אמתער פדיון צו לעבן!... איך קרעכץ דעריבער, ר׳ הענעך, נישט ווייל איך רעכן אייך, חלילה, פאַר אַ קאַרגן... איך ווייס, אַז פון אייער מענדעלעס וועגן וועט אייך נישט צו טייער זיין אַ פדיון פון תצ״ב קערבלעך, ווי דער מספר ממות באַטרעפט... אָבער איך קרעכץ, וואס נישט אַלע ווייסן דעם טעות און שיקן נאָר ח״י, אַזא פדיון, וואָס קען נישט העלפן... דערפון קומט אַרויס, וואס דער עולם ווערט שוואַך אין אמונת צדיקים... זיי ווייסן נישט, אַז דער רבי, זאָל לעבן, איז גאַרנישט שולדיק, וואס יענער שטאַרבט, כאָטש ער האָט אַ פדיון ח״י קערבלעך צוגענומען צום לעבן. דער אייגענער טעות איז, וואָס מען טייטשט: בן אַ זון און בת אַ טאכטער. באמת איז פונקט דער היפוך. בת איז בקבלה דער טייטש: אַ זון, און בן איז אַ טאכטער!... ווייל מען זוכה זיין צו האבן אַ זון, מוז מען געבן ת״ב קערבלעך און דאס מיינט די גמרא: בת תחלה סימן יפה לבנים, אַז מען גיט אַ פדיון אויף צו האָבן אַ זון, דאַרף מען געבן במספר בת: פיר הונדערט צוויי קערבלעך און מספר תחילה: פיר הונדערט דריי און פופציק... טאַקע תחילה מיט אַ ייד, כדי דער בן הנולד זאל טאַקע זיין אַ ייד, ד אַ כשרער מיט אַלע מעלות המשובחות.

ר׳ הענעך האט געגעבן כמנין ממות, אז זיין בן יחיד זאל גע־זונט ווערן, און ר׳ פנחסל האט דעם פדיון אוועקגעפירט צום רבין, זאל לעבן. דער רבי האָט מסתמא מתפלל געווען און דעם דאקטארס רפואות האָבן געהאָלפן: מענדעלע איז, ברוך השם, געזונט געוואָרן.

דאַן איז ר׳ הענעך אַליין געקומען צו אים, זאָל לעבן, און האָט אים פאַר זיין מתפלל זיין געבראַכט אַ מנה יפה און אנגעהייבן פאַרלאַנגען פון אים, זאָל לעבן, ער זאָל פאַר זיין מענדעלען אויסבעטן זיין בת זוגו אַ בתולה יפה, אַ כשרה יידישע טאָכטער פון אַ פיינעם הויז, זי זאָל איר חן געפינען אין זיין בן יחידס אויגן, זי זאָל אים געפעלן, און ער זאָל מער פון אים קיין צער נישט האָבן, וואָס ער פירט זיך נישט אַזוי גוט און פרום, און האָט אפט צו טון מיט דעם וואַלד־שומרס טאָכטער...

— האָט קיין דאגה נישט, ר׳ הענעך, — האָט ר׳ פּנחסל געטרייסט, — כאָטש איר האָט מיר דערציילט פון אייער מענדעלען אַזעלכע זאַכן, וואָס אַ מחותן, למשל, ברויך פון זיי נישט צו וויסן... פונדעסט־וועגן הלוואַי האָב איך ביי היינטיקן טאָג אַ טאָכטער, וואָלט איך גאָר אָן ישוב הדעת מיט אייך מקבל קנין זיין!

אַזאַ געשפּרעך איז צווישן זיי פאָרגעקומען מיט אַ האַלב יאָר פריער, און ר׳ פּנחסל האָט באמת אנגעהייבן טראַכטן, ווו געפינט מען פאַר אים אַ שיינע כלה, פון אַ פיינער פאַמיליע? דורכפאַרנדיק קלייניק, האָט ער דאַמאָלס הייעלען געגעבן אנצוהערנס, אַז ער האָט פאַר איר רחלען אַ חתן, אַ גרויסן גבירס אַ זון; נאָר צו יענער צייט האָט נאָך ר׳ לייזער געלעבט און ר׳ פּנחסל האָט קיין קלאָרע תשובה נישט באַקומען. ער האָט פאַר הענעכן אַנדערע שידוכים אָנ־געהייבן צו זוכן. עס האָט שוין געהאַלטן נישט ווייט, אַז הענעכס מענדעלע זאָל אַ חתן ווערן, נאָר מענדעלע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן אויסקלויבער און האָט געזאָגט זיין פאָטער, אַז די כלה געפעלט אים נישט... און אויב זי געפעלט ר׳ פּנחסלען, האָט ער געזאָגט, אָדער אפילו דעם רבין אַליין, טאָ זאָלן זיי מיט איר חתונה האָבן. איך וויל אַ כלה דווקא אַ שיינע!...

פון יענעם טאָג אָן האָט ר׳ הענעך געהאַט גרויסע צרות פון זיין בן יחיד. מענדעלע האָט אנגעהויבן גאַנצע טעג פאַרפאַלן צו ווערן און ר׳ הענעך האָט איינגעזען, ווי נייטיק עס איז וואָס גיכער אים חתונה צו מאַכן... מיט זייער אַ צעבראָכן האַרץ איז ער איצט געקומען צו אים, זאָל לעבן, און האָט באַשלאָסן, נישט אָוועקצופאָרן אָן אַ תנאים, עס מעג אים קאָסטן פּדיון כאָטש מי יודע וויפל.

— גוואַלד, ר׳ פּנחסל, — האָט ער געטענהט, — איר האָט דאָך

מיר צוגעזאגט נחת פון מיין בן יחיד, ווען וועט שוין אייער הבטחה מקוים ווערן? דערווייל האב איך נאר צער און צער פון אים?... גלויבט מיר, איך זיץ דא איצט ביי אייך און דאס הארץ מיינס איז מיר, ווי מען זאגט, אונטערן אייז.

— זאָרגט נישט, — האט ר׳ פנחסל געענטפערט, — נאַט אייך אייער קוויטל און גייט אַריין צו אים, זאָל לעבן. איך האָב מכוח אַלץ דערמאנט. גייט אַריין טאַקע שוין. עס איז איצט אַ שעת הכושר, אַן עת רצון, איך זע בחוש די בת זוגו פון אייער בן יחיד!

ר׳ הענעך האט צוגענומען דאס קוויטל און איז אַריין צום רבין. דער רבי האט אים דערלאנגט זייער אַ פריינטלעכן שלום-עליכם, און האט דאס קוויטל מיט אַ שיינעם פדיון צוגענומען.

— טיילט צדקה, ר׳ הענעך! — האט ער אויסגערעדט מיט אַ שווערן זיפץ. — צדקה איז אַ סגולה צו אַלץ, צו אלץ... אין דעם ענין פון זווג בוודאי... צדקה טיילט, איך וועל מתפלל זיין און קומט צו מיר מאָרגן פרי אַריין!...

ר׳ הענעך האט געטיילט צדקה, אַלע אָרעמע און קראַנקע אין ווינאָגראָדקע האָבן אַזא גליקלעכן טאָג שוין לאַנג נישט געהאַט... ר׳ פנחסל האט הענעכן דערקלערט דעם ענין, וואָס פאַר אַ שווערף שטיקל אַ-בייט דער רבי, זאָל לעבן, האָט אָפּצוטון אין דער נאַכט: פון איין זייט דאַרף ער גובר זיין דעם שטן, וואָס האט שוין אַ שטיקל שליטה אויף אייער בן יחיד, ווייל איר וווינט אויפן לאַנד, ווו די ניצוצות הטומאה זענען מער ווי אין שטאָט. צווייטנס, דאַרף ער, זאל לעבן, מגין ומזכה זיין אייער בן יחיד, אז די אויסגעלייטערטע זיידעס און באָבעס פון אייער מענדעלעס כלה, זאָלן פאַר דעם רבונו של עולם נישט מתרעם זיין אויף דעם שידוך. פאַרשטייט איר, דער רבי וויל אייער בן יחיד אַ בת טובים געבן... אַ דעה האט ער דאָרט, און אז ער וועט גוזר זיין, וועט דער רבונו של עולם אַליין מוזן מקיים זיין.

אויף מאָרגן פרי, אז ר׳ הענעך איז אריינגעקומען צו אים, זאל לעבן, האט דער רבי אים באַגעגנט זייער מיט אַ פריילעך פנים און האט אים געזאָגט:

— איצט, ר׳ הענעך, פארט קיין קליניץ.

— וואס וועל איך דארט טון, רבי? — האט הענעך תמעוואטע געפרעגט.

— דער, וואָס האט געפירט אליעזר, עבד אברהם, בדרך הישר, —

האט דער רבי פרום אויסגערעדט, — ער זאל אונדזער מוטער רבקה באלד געפינען, זי צו נעמען פאר אונדזער פאטער יצחקן פאר א ווייב, דע זאל מצליח זיין אייער וועג, איר זאלט אייך אנטרעפן אייער קינדס אמתע באשערטע!... נעמט נאר מיט מתנות שיינע פאר דער כלה נאה וחסודה. פארט, וואס פריער, ווארים איך האב מורא, שמא יקדמנה אחר.

— שטעלט משקה, ר׳ הענעך! — האט ר׳ פנחסל געהייסן, אז ר׳ הענעך האט אים דעם רבינס ווערטער דערציילט. — אז נישט, וועל איך שטעלן! ווארים דער רבונו של עולם האט מיין רצון ממלא געווען!... בעדענקט איר, איך האב אייך אמאל געזאגט: הוואי האב איך א טאכטער חתונה צו מאכן, וואלט איך וועלן ווערן אייער מחותן. איצט, ר׳ הענעך, בין איך אייער מחותן... דער רבי, זאל לעבן, הייסט אייך פארן קיין קליניק, איז ער דערמיט מרמז אויף חייעלעס טאכטער די יפת תואר... חייעלע ועט, אם ירצה השם, בקרוב ווערן מיין פלונית, אט בין איך אייערם חותן... די בתולה אירע איז ביי מיר נאך טייערער, ווי מיין אייגן קינד. ר׳ הענעך, ווען נישט דער רבי, זאל לעבן, אליין, וואלט אייך געהייסן פארן קיין קליניק, און אייך מרמז געווען אויף חייעלעס טאכטער שתחי׳, וואלט איך פאר איר א שידוך געטון מיט אייגעם פון דעם רבינס, זאל לעבן, אייניקלעך... נאר אז ער האט אייך געהייסן פארן קיין קליניק און האט אייך געהייסן מיטנעמען פיינע מתנות, מסתמא זעט ער דאך, אז הבתולה רחל בת חייעלע איז אייער מענדעלעס באשערטע... טא פארט אין א גוטער שעה און מאכט קיין שהיות נישט.

ר׳ הענעך האט געשטעלט משקה און ר׳ פנחסל האט אנגעהייבן דערקלערן דעם גרויסן ענין, וואס דער רבי האט פאר אים היינט געטון.

— פארשטייט איר, ר׳ הענעך, — האט ר׳ פנחסל אנגעהייבן, ווי א נביא אים אויסצוזאגן די אלע מניעות, וואס וועלן זיך נאך מאכן אין דעם ענין פון אנהייב תנאים ביז דער חתונה מיט מזל. — מיינט נישט, אז אזוי גרינג טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. איר דארפט וויסן, אז די פלונית אייערע, איטע שתחי׳, איז על פי דין געווען אן עקרה... ממילא האט פאר אירס א קינד נישט געקענט באשאפן ווערן א בת זוגו... איר אבער האט צדקה געגעבן, פדיונות געשי...

אייך האט זיך געוואָלט האבן אַ זון אַ קדיש, און איר האט רעכט גע-האט.. אַן ערלעכער ייד מוז לאָזן נאָך זיך אַ קדיש... אָט האט דער רבי, זאל לעבן, מיט זיין תּפילה געפּועלט, מען זאָל אויבן מבטל זיין די גזרה, וואס איז נגזר געוואָרן משׁשת ימי בראשית, אז האשה בת מרים זאָל זיין אַן עקרה.

— ר' פּנחסל, — האט העגעך איבערגעשלאגן דעם שמוּס, — ווי אזוי זאגט איר, אז מיין איטע איז אַן עקרה געווען? סטייטש, זי האט דאך נאך פאר מענדעלען עטלעכע מאל מפּיל געווען, נישט פאר קיין אשה געדאכט?

— אז איך זאג אייך אַן עקרה, מסתמא ווייס איך וואס איך רעד, — האט זיך ר' פּנחסל אפּגערופן. — דארין ליגט א סוד... איך וועל דעם סוד אייך מגלה זיין, נאר איר זאלט אים קיין אנדערן נישט מגלה זיין... ווארים דער פּסוק זאגט: כּבוד אלקים הסתּר דבר, דער כּבוד פאר דעם רבונו של עולם, מען זאל זיין גבוּרה אליין וויסן און פארבארגן זיין שבח. פארשטייט איר: מבטל זיין א גזרה פון הימל איז גארנישט אזא גרויסע זאך, דאס קענען אלע צדיקים איצט און דאס האבן אונדזערע צדיקי הדור תּמיד געקענט, ווי די גמרא זאגט: הקדוש ברוך גוזר גזרה וצדיק מבטלה. דער צדיק הדור קען מבטל זיין דעם רבונו של עולמס גזרה. און מבטל זיין אבי אַ גזרה איז קיין דבר גדול נישט, מען דאַרף נאָר זיין אַ צדיק. עס איז אָבער אַ גזרה צו אַ גזרה נישט גלייך, למשל: אַז עס איז אויף איינעם נגזר געוואָרן, אז ער זאָל שטאַרבן, דארף מען נאָר די גזרה מבטל זיין, האָט ער ממילא לעבן. מבטל זיין אַ גזרה, אז אַן אשה זאָל קיין עקרה נישט זיין, איז אויך גרינג, אָבער דאָ איז די שאלה: ווו נעמט מען נשמות פאַר קינדער פון אַן עקרה? דאס איז ידוע, אז אַלע נשמות וואָס זענען געבוירן און וועלן נאָך געבוירן ווערן עד סוף כּל הדורות, זענען גלייך באַשאַפן געוואָרן מיט אדם הראשון... דאס רופט די קבלה אָן: „הנשמות שבגוף”. נייע נשמות קענען נישט באַשאַפן ווערן! וואָרים אין כּל חדש תּחת השמש: פון ששת ימי בראשית איז קיין נייע בריה נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן. די אלע נשמות זענען באַשטימט פאַר יעדער אשה, וואס ברויך קינדער צו האבן אויף דער וועלט; פאַר דער אשה אָבער, וועלכע דאַרף זיין אַן עקרה, האָט מען לכתחילה קיין נשמות נישט באַשאַפן. דעריבער איז קיין פּעולה נישט געווען, וואס ער, זאל לעבן, האָט מבטל געמאַכט

די גזרה, זי זאל נישט זיין קיין עקרה. און אייער פלונית האט גע־האט נאָר נופלים, רחמנא לצלן, ביז ער, זאל לעבן, האט זיך מסתכל געווען אין די העכערע עולמות און האט דערזען, אז ערגעץ אן אשה חשובה, אבער אן ארעמע, דארף האבן אַ בן זקונים און שטארבן מלידה, האט ער דעם סוד מגלה געווען דער דאויקער אשה און האט איר צו־געזאגט, אז זי וועט נישט שטארבן, אויב זי וועט אים מוותר זיין דעם זכות אויף דעם בן זקונים, וואס זי דארף האבן און זי האט אים אוועקגעגעבן אייער פלונית... און דאס איז אייער מענדעלע שיחי'!... און טאקע דאס איז דער סוד פון דעם פסוק: „הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי"... רחל האט ברוח הקדש געזען, אז זי איז אן עקרה און קען על פי גזר דין קיין קינדער נישט האבן, האט זי געבעטן יעקב אבינו, וואס ער איז געווען דער צדיק הדור, ער זאל מבטל זיין די גזרה. הבה לי בנים: זיי מבטל מיט תפילה די גזרה! האט ער געענטפערט: „התחת אלקים אנכי?" דאס מיינט מען אזוי: נו, גוט, איך וועל די גזרה מבטל זיין, דו וועסט טאקע האבן קינדער, אבער וואס איז די פעולה? פאר די קינדער האב איך קיין נשמות נישט, ווארים התחת אלקים אנכי, בין איך דען דער בורא נשמות שבגוף? די נשמה קומט נאר פון דער בורא יתברך אליין. דערויף האט זי אים צוריק געענטפערט: ואם אין, אויב דו קענסט נישט מיר געבן אַ נשמה פאר מיינע קינדער, מתה אנכי, וועל איך מקבל זיין אויף זיך צו שטארבן אנשטאט ערגעץ אן אנדער אשה, וואס דארף שטארבן מלידה. וכך הוה: אונדזער מוטער רחל די צדקת איז טאקע געשטארבן תיכף ווי זי האט געבוירן בנימינען. פארשטייט איר, וויפל מעלות טובות האט דער רבי, זאל לעבן, געטון פון אייערטוועגן! די גזרה מבטל געווען, אַ נשמה באַקומען פאר אייער מענדעלען, מתפלל געווען, אז אייער פלונית זאל לעבן און געזונט זיין, און איצט האט ער אַ נייַ שטיקל ארבעט פאר אייך אפצוארבעטן... הערט נאר צו און האט אמונה אין דעם, וואס איך בין אייך מגלה על פי סוד... דאס ווייסט איר דאך, אז פערציק טאג קודם יצירת הולד גייט ארויס אַ בת קול און רופט אויס: בת פלוני לפלוני... בת פלוני, בת ר' אליעזר, האט מען טאקע אויס־גערופן לפלוני: צו איר שוועסטערקינד, אבער אייער צדקה האט דאך דארט עפעס אויך אַ שטיקל ווערט! דארף זיך מאכן, אז דער פלוני פאר דער בת ר' אליעזר איז אראפ, נישט דא געדאכט, פו־

יידישן וועג און ער איז געוואָרן אַ מופקר, פּשוט אזא, וואָס שעמט זיך נישט צו פאָרן שטודירן, רחמנא יצילנו... וויבאַלד ער איז געוואָרן אַ מופקר, האָט מען אויבן מפקיר געווען אַלע זיינע זכותים און זיין בת זוגו איז אויך געוואָרן הפקר, וכל הקודם בה זכה... אַט האָט דער רבי, זאָל לעבן, זוכה געווען די בתולה רחל בת אליעזר מן ההפקר און ער שענקט זי איצט אייער בן יחיד!... איר זאָלט גאָרנישט קוקן, למשל, וואָס די כלה וועט זאָגן: „איך בין אַ יתומה, איך וויל נישט דעם חתן"... זי וועט וויינען, זי וועט אפשר גאָרנישט וועלן צונעמען אייערע מתנות... דאָס זאָג איך אייך אַלץ פריער. זי איז אָבער גאָרנישט שולדיק אין דעם... דאָס קומט אַלץ דערפון, ווייל זי איז פון אָנהייב אָן באַשאַפן פאַר יענעם מופקר... מיינט נישט, חלילה, אַז זי איז אַ שלעכט קינד! אזא יאָר אויף מיר, ווי גוט, ווי פרום זי איז! נאָר דאָס דאַרף אַזוי זיין... איר זאָלט נאָר געדענקען דעם כלל, אַז מהיום איז זי די בת זוגו פון אייער מענדעלען, און סוף-כל-סוף וועט זי מיט אים התונה האָבן בחופה וקדושין כדת משה וישראל! נאָר נישט מיינט, חלילה, אַז איך בין אַ נביא... איך פאַרלאָז מיך נאָר אויף דעם צדיק, אויף אונדזער רבין, זאָל לעבן... ער ווייס און איך בין נאָר זוכה פון אים די השפעה צו האָבן און צו פאַרשטיין, וואָס ער זאָגט מיר.

— זאָגט מיר, ר' פּנחסל, — האָט הענעך געבעטן, — צו וואָס האָט דעמאָלט דער רבי, זאָל לעבן, מיך געהייסן פאָרן מיט מיינער קיין קיעוו צום פּראָפעסאָר מאַטווייעוו, וועלכער האָט איר געגעבן אַזעלכע טייערע רפואות, אַז מען האָט באַשיינפּערלעך געקענט איינזען, אַז זי ווערט נאָך יעדן רעצעפּט גאָר אַן אַנדער מענטש... וויבאַלד די אַלע זאַכן האָט ער, זאָל לעבן, אַליין געטון, צו וואָס האָט ער באַדאַרפט, אַז איך זאָל דעם פּראָפעסאָר אַוועקגעבן אַזוי פיל געלט?

— ר' הענעך, — האָט ר' פּנחסל געענטפערט, — דער רבי, זאָל לעבן, ווייל, אַז די וועלט זאָל נישט געוואָר ווערן אין גאַנצן פון זיין גרויסקייט... מען דאַרף נישט וויסן, אַז ער ווייס די סודות התורה... דעריבער הייסן זיי דאָך „סודות"... על כן הייסט ער תמיד פאָרן צום דאָקטאָר... אָבער מיר ווייסן, אַז די רפואה ברענגט ער, זאָל לעבן, און דער דאָקטאָר ווייס פון חיות נישט. דער דאָקטאָר איז נאָר אַ שייד, וואָס ער, זאָל לעבן, וויקלט איין אין דעם זיין מאור הגדול, דעם אור הגנוז בו... אַז דער עולם

וועט וויסן, וואס ער קען, וועט מען פון אים פארלאנגען אזעלכע זאַכן, וואָס קען דערפון, חלילה, ארויסקומען אַן עכּוב צו דער גאולה... איך בין אייך דאס מגלה, ר׳ העניך, ווייל איך האַלט אייך פאר אַ בעל־סוד... געדענקט מיינע רייד און נישט פרעגט מער!... והיה און עס וועט זיין, אז אלץ, וואָס איך זאָג אייך, וועט מקוים ווערן, וועלן מיר דעמאלט זיין מחותנים און מיר וועלן טרינקען משקה. פאָרט איצט בשעה צלחה! נעמט נאָר מיט מתנות שיינע... נישט פאַרגעסט, איך בין אייער מחותן, ר׳ העניך!...

ב.

שימעלע איז אַמאָל פאַרנאכט זיך געזעסן רויק אויף אַ קלאָץ לעבן זיין הייזל און האט צוגעקוקט, בעת די בהמות גייען פון פעלד, ווי איטלעכע פון זיי טרעפט פונקט צום טויער פון איר באַלעבאָס. ער האָט זיך אַ פסוק פון דער הפטרה דערמאנט און האט פאר זיך איבערגערעדט: ידע שור קונהו, אַן אקס ווייס זיין קויפער, והמור און אַן אייזל אבוס בעליו, און אן אייזל ווייס אפילו די קאָריטע פון זיין באַלעבאָס... ברוך גלויבט איז ער, שחלק, וואס ער האט איינגעטיילט מחכמתו, פון זיין חכמה אפילו לחיה ולבהמה. אפילו אַ חיה און אַ בהמה האבן אויך שכל צו קומען אליין אהיים פון פעלד און צו טרעפן זייער אָרט!... אזוי, קלערנדיק, האָט ער דערקענט זיין טאָכטערס חתנס קו, וועלכע איז איצט געגאַנגען מיט אַ פולן אייטער און זיין הארץ איז פול געווארן מיט פרייד. ער האט זיך דערמאנט, אז דאס איז ער זוכה באלד ביי זיין קינד צו זען. די קי האט זיך דאָ אַ ביסל אָפּגעשטעלט, ווארים דא זענען זיך צוויי גאַסן פאַנאַנדערגעגאנגען, און אלע קי פלעגן זיך דאָ, ווי געוויינלעך, צושטעלן. נאר אויף אלע אַנדערע קי האָט שמעון נישט געקוקט, ער האט נאר געזען זיין חתנס קו, ווי זי האט זיך אָפּגעשטעלט פונקט לעבן זיין שטוב, אַ מרוקע געטון און זיך געלאזט גיין ווייטער. „די קו פילט", האט ער געקלערט, „זי פילט, אז זי האט אַ שייכות צו דעם ארט!"

—ציפּע! — האָט ער אַגעשריי געטון צו זיין פלונית. — קום נאר אהער און האב נחת!

— וואס איז ? — האָט ציפּע געפרעגט, אַרויסגייענדיק פון קיך, ווו זי האט זיך געפּאָרעט מיט דער וועטשערע.

— וואָס זאָגסטו צו יענער קו, וואָס גייט דארט לינקס ? — האט ער געפרעגט.

— אַ טייערע קו, — האט זי געענטפערט, — זי גיט אָוודאי דריי טעפּ מילך פאַר אַמאָל... צופיל פאַר אונדז, מיין מאַן, איך וואָלט צופרידן זיין כאָטש האָבן אַ ציג אַן אייגענע... איך דארף גאָר קיין ציג אויך נישט. אונדז פעלט נאָך, מיין מאַן, אַ סך בילכערע זאכן... הלוואי שיקט מיר דער רבונו של עולם צו, וואס איך דארף נאָך האָבן די עטלעכע קליידערלעך און בעטגעוואנט אויסצופירן פאר אונדזער קינד, זי זאָל נישט פארשעמט ווערן אריינצוקומען צו איר באשערטן — אַ נאקעטע, אַ בלייזע...

— גאָט וועט צושיקן, — האט שמעון מיט בטחון געטרייסט. — זעסטו, אָט די בהמה וועט בקרוב זיין אונדזער זלאַטקעס קו, זי וועט שוין, אם ירצה השם, פאַרזאָרגט זיין מיט קעז און פוטער, מילך און סמעטענע, און אז מיר וועלן קומען צו איר אין ניין טעג אויף אַ מילכיקן וואַרמעס, וועט זי אונדז נישט זשאַלעווען אפילו אַהיים אויך מיטצונעמען.

— הערסטו, מיין מאַן ? — האט דאס ווייב אים איבערגעשלאָגן זיינע רייד. — דו זאָלסט זיך גאָר אָט די גליקן נישט איינרעדן... זאָל אונדזער קינד אין נחת געניסן פון אלדאס גוטס, וואָס זי וועט געפינען ביי איר מאַן אין שטוב און מיר זאלן אַ הנאה האבן, קוקנדיק פון ווייטן ! וועט גאָט, ברוך הוא, וועלן אונדז דערקוויקן, וועט ער אונדז צושיקן, מיר זאָלן אליין רייך ווערן צו קויפן אַ ציג און האבן אַן אייגן ביסל מילך... פון מיין קינד זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן מעשר צו נעמען !

—פאַרוואָס ? — האט שמעון געפרעגט.

— פאר דעם, ווייל איך פאַרגין איר פון גאנצן הארצן איר גליק, — זאָל איר מאן נאָך איר חתונה, אם ירצה השם, נישט זאגן איר, אז ער מאכט אונדז גליקלעך... און אמאָל, אז ער וועט זיין אין כעס, וועט ער זאָגן, ווי דער שטייגער איז, אז זי שלעפּט איבער זיין האָב און גוטס צו איר מאמען... לאז זיך דיר נישט וועלן, מיין מאַן ! וועט אונדז באשערט זיין, וועלן מיר האָבן אייגענע, נישט אמת ?.

— זאָג מיר, מיין אשת חיל, — האָט שימעלע געפרעגט, — אז גאָט וועט געבן, מיר וועלן באגליקט ווערן און האבן אן אייגענע ציג... דו מיינסט, אַ ציג קאָסט אזא מטמון? פאר פינף, זעקס רובל קען מען האבן אַ ציג, — זאָג זשע מיר, איך וויל וויסן, אז מיר וועלן שוין האבן אַ ציג, וועסטו וויסן ווי ארומצוגיין ארום אַ ציג? וועסטו האָבן קעז און פוטער אויך? אויף שבועות מילכיקע זעמעלעך מיט זיסע קאווע מיט מילך וואָלסטו מיר אויך קענען צוגרייטן? אָט אַזעלכע, ווי איך האָב היינטיקן שבועות טועם געווען ביי חייעלען?

— וואָלט נאָר זיין פון וואס, מיין מאן, ווי איך וואָלט אלץ קענען מאכן און צוגרייטן, פונקט ווי ביי די גבורים... דו מיינסט, זיי ווערן געבוירן קענער? פשוט עס איז דאָ אַ סך שמאלץ, א סך אייער און אנדערע גוטע זאכן, אָט איז ביי זיי אַ געראָטענער קוגל... חייעלע האָט, אָן אן עין הרע, דריי אייגענע קי, וואָס גיבן איר מילך אַ סך און אויף גוטע מעל און אייער צו קויפן דרייט איר אויך ווייניקער דער קאָפּ פאר מיר, דעריבער זענען אירע פוטער-זעמעלעך אזוי גוט... און דו מיינסט, אז איך וואלט גאָרנישט קענען זיין אַ נגיד און נישט קענען באקן אַזעלכע זעמעלעך? זאָל נאָר דער רבונו של עולם מיך וועלן אויספּרובירן און דו וואָלסט זיך אליין וווּנדערן, פון וואנען קען איך דאס אלץ!

בעת דאס ווייב האט גערעדט פון חייעלעס געראָטענעם קוגל, פון אירע גוטע פוטער-זעמעלעך, איז דעם אָרעמען שימעלען אָנגעלאָפן שפייעכץ אַ פולער מויל. ער האָט זיך דערמאנט דעם טעם גן-עדן פון די ביידע גוטע זאכן, וואס ער האָט אַ פּאָר מאָל געהאט דאס גליק ביי חייעלען צו עסן.

— הערסטו, מיין ווייב, — האָט ער אויסגערעדט, — אז דער בורא, ברוך הוא, האט אונדז שוין געהאָלפן אין גיכן נחת צו האבן פון אונדזער קינד, וועט ער אונדז נאך העלפן אויף אן אייגענער ציג... אָט וועסטו זען! די ערשטע עטלעכע רובל, וואָס מיר וועט ארייַנפאלן פון אַ שדכנות, נעם איך אַראָפּ, בלי נדר, פינף, זעקס רובל און קויף מיר אַ ציג. אָבער ווו וועלן מיר זי האלטן?

— וועגן האלטן האָב קיין דאגה נישט! — האט זי געענטפערט. — האלטן קען מען אַ ציג אין פארהויז. דערווייל אָבער האבן מיר נאָך אַ סך נייטיקערע זאכן, מיין מאן, אויף וואס פינף, זעקס רובל צו

פּארטון. דערמאַן זיך נאר: בעטגעוואנט! איך האב נאך קיין אנ־הייב נישט... היינט ווי גיט מען נישט אַ קינד, וואס קומט אריין אין אַ נגידיש הויז אַ האלב טוץ העמדער, אַ האלב טוץ האנטיכער, אַ פּאר טישטיכער? עס ווילט זיך זייער נישט, מיין מאן, אז דאס קינד אונדזערס זאָל, חלילה, אַ מאל הערן פון איר מאן אדער פון זיינער אַ קרובה, אז זי האט אים גאָרנישט אריינגעבראכט. מיר מוזן זיך אַ כּוח אנטון, און ווי נאר מען דערטאַפּט אַ רובל, מוזן מיר אויסגעבן פאר איר... זאל איר מאן וויסן, אז מיר האָבן אונדזער קינד געגעבן מער ווי אונדזער כּוח איז. שפּעטער, אם ירצה השם, אז מיר וועלן די חתונה מיט מזל אויספירן, ווי געוווּנטשן, וועט זיך אנהייבן אַ נייע חתונה מיט אונדזער באַשקען... נאך צו פרי צו זארגן וועגן אַ ציג.

— דו לעבסט אָן בטחון! — האט שמעון שטאָלץ אויסגערעדט.— דעם רבינס, זאל לעבן, ברכה איז, אַ פּנים, ביי דיר גארנישט. שוטה שבעולם! זי הייסט מיר גאר ווארטן אַ גאנצן יובל יאָרן! ניין, בלי־נדר, איך מוז קויפן אַ ציג נאך פאר די ניין טעג!

אַ יינגל איז פון שטוב ארויס און האט אנגעזאגט, אז די וויעטשערע לויפט אויס. זי איז אריין דערהאלטן די וויעטשערע אין טאָפּ און דערמיט האָט אַ סוף גענומען צו זייער שטרייט.

קומענדיק אין בית־המדרש, האָט ער ביי ברוך דעם קצב גע־פרעגט: וויפל קען קאָסטן אַ גוטע ציג? ברוך האט אים געזאָגט, אז פאר זעקס רובל נעמט ער זיך אָן אים צוצושטעלן אַ ציג, וואס זי וועט זיין איינע אין שטאט.

די בית־המדרש לייט, וואס האבן דערהערט, אז שמעון טראכט שוין וועגן קויפן אַ ציג, האבן אָנגעהייבן רעדן, אז שמעון מוז שוין האבן די מטבע... אז נישט, וואלט אים זיך נישט וועלן אויסגעבן גאנצע זעקס רובל אויף אַ ציג, בעת מען דארף באלד פירן אַ קינד אונטער דער חופּה. אַנדערע האבן דערציילט, אז שמעונס ווייב מאכט איר טאכטער אַ גארדעראבע, ווי פון די גאנץ פיינע בעלעבאטים.

— שמעונען האבן מיר שוין פערדאגהט, — האט איינער גע־זאגט, — און דער סוף וועט זיין, אז נישט שמעון כאַפּט דאס גליק, וואס ר׳ הערש לייבעלעס נעמט זיין טאכטער אָן נדן, נאר גאר פאר־קערט, ר׳ הערש כאַפּט אַ גליק אריין! ווארים שמעון וועט מיט

דער צייט נאך ווערן א גביר... דעם רבינס, זאל לעבן, ברכה איז נישט קיין קלייניקייט!

אזוי האט דער עולם גערעדט פאר מעריב, אין מעריב און נאך מעריב. ארויסגייענדיק פון בית-המדרש, האט שמעון באגעגנט דעם בעל-עגלה, וואס האט אים דאס טייערע בריוול געבראכט פון ר׳ פנחסלען.

— גוט וואס איך האב אייך באגעגנט, ר׳ שמעון, — האט דער בעל-עגלה געזאגט. — איך האב צו אייך פון ר׳ פנחסלען נאך א בריוועלע, אפילו אָן מעות, אבער זייער א נייטיקס. ר׳ פנחסל האט אנגעזאגט, אז נאך איידער איך שפאן אויס די פערד, זאל איך אייך דאָס בריוועלע אין האַנט אָבגעבן. נו, די פערד אויסשפאַנען, דאָס מוז מען, אפילו זיי אָנפויען... ר׳ פנחסל מיינט, אז ער פאָרט עס אויף דעם רבינס סוסים, וואס שטייען אין שטאַל און פרעסן היי און האָבער וויפל אין זיי גייט אַריין... מיינע בידנע קליאַטשעס, פאַרשטייט איר מיך, האָרעווען זיך אויס אין וועג געבוג, און האָבן קוים כוח ביזן שטאָט צו דערציען... דעריבער איז ביי מיר ראשית חכמה: ווי איך קום נאָר אַריין אין סטאַנציע, שפאַן איך זיי אויס, איך לאָז זיי אַ ביסל אויסרוען, דערנאָך פיר איך זיי צום טייך אָנטרינקען. דערנאָך ווארף איך זיי אונטער אַ ביסל היי, און מאַך מיר אַליין אַ לחיים און לייג מיך אויסרוען אויף אַ פּאָר שעה, פאַרשטייט איר מיך... דערנאָך עס איך מיר אָפּ אין אכסניא אַ וואַרמעס, איך זאָל כוח האָבן צו האָרעווען! אַי, וואָס, ר׳ פנחסל האָט אָנגעזאָגט, אז דאָס איז אַ מצווה-זאַך? טאָ זייט מוחל, ר׳ שמעון, און פרעגט מיינע סוסים, צי עסן זיי מצוות? מיט מצוות זאָל זיך קאָרמענען ר׳ פנחסל, פאַרשטייט איר מיך!... אָבער טאָמער איז דאס באמת אַ נייטיק בריוול, גיב איך אייך אים טאַקע שוין און וועל מער נישט פאַרלאַנגען, איר זאָלט מיר איבערלייענען די אַדרעסן פון פרעמדע בריוולעך מיינע. דאָס האָט מיר שוין איינער געלייענט אין שניידערשן קלויז, פאַרשטייט איר מיך, מיינער איז קיין שוטה נישט און פאַרשטייט אַן עסק!...

ער האָט אים דערלאַנגט דאָס בריוול און שמעון איז צוריק אין בית-המדרש אַריין איבערלייענען:

„לכבוד החסיד המצליח דרכו תמיד ברוך ומבורך מוה׳ שמעון שדכן נ״י.

„אודיעך שמעון הזכאי, אז בזו הרגע איז געפאָרן למחנך יץ הגביר המפורסם מוה׳ הענעך באַרסקי נ״י אודות שידוך בעד בנו המופלג ומשלם בכל המעלות המשובחות, עם הבתולה היפה רחל בת המיועדת לי מרת חייעלע שתחי׳. דער רבי, זאָל לעבן, האָט אים געהייסן פאָרן קיין קליניץ, מסתמא האָט ער מלמעלה געזען, אז דער שידוך איז כשר וישר, און אזוי ווי איך האָב דיר מבטיח געווען, עס זאָל אָן דיר מקוים ווערן דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה, איז עצתי תיכף ומיד אריינצוגיין צו ר׳ הענעך הנ״ל און אים מציע זיין דעם שידוך בעד בנו מיט מיין חייעלעס טאָכטער, אָבער נאָר מיט שכל, נישט דערציילן, אז דו האָסט פון מיר דאס בריוועלע, הדא הוא דכתיב וכבוד אלקים הסתר דבר, והבן... מובטחני בך שמעון הזכאי, אז דו וועסט אויספירן דעם ענין על צד היו״ט, ומפני הנחיצות קצרתי מנאי פנחס הלוי.

העיקר שכחתי, חייעלע שתחי׳ זאָל אויך נישט געוואָר ווערן פון דעם בריוועלע, וואָס איך שרייב דיר איצט, הנ״ל״.

ווי אַ פייל פון בויגן, איז שימעלע אומגעלאָפן פון איין סטאַנציע צו דער אנדערער, ביז ער האָט זיך דערפרעגט, ווו ר׳ הענעך איז פאַרפאָרן. ביי דער טיר פון דער סטאַנציע, ווו ר׳ הענעך איז איינגעשטאַנען, האָט שמעון זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויס־געסאָפּעט אַ ביסל פון גיכן לויפן און האָט דערווייל באַטראַכט דעם פּלאַן ווי אָנצוהייבן רעדן. ער האָט דעם רבינס ברכה דערמאַנט און האָט באַקומען מוט. ער איז אַריין

— גוט ב׳אָוונט, אַן אורח! — האָט ער מוטיק אויסגעשריגן. — דאַכט זיך, ר׳ הענעך, נאַט אייך שלום עליכם

— עליכם שלום! — האט הענעך געענטפערט. — וואָס גוטס וועט איר זאָגן?

— איך וועל זאָגן, וואָס איך האָב צו זאָגן, — האָט שמעון אָנ־געהייבן, און דער מי׳ שאמר והיה העולם, דער רבונו של עולם, וואָס האָט בעשרה מאמרות די וועלט באַשאַפן, און טאַקע ווי דער פסוק דערציילט ווייטער: וירא אלקים, און גאָט האָט געזען את כל אשר עשה, אַלץ, וואָס ער האָט געטון באַשאַפן, והנה נון טוב מאד, אז עס איז זייער גוט, אָט טאַקע ער, וואָס ער איז דער מקור און אוצר כל טוב, זאָל איצט אויך זאָגן אויף אַלץ, וואָס איך וועל זאָגן, והנה נון טוב מאד!

— לאָז זיין אַזוי, ר׳ ייד, — האָט הענעך צוגעשטימט, — ווי זאגט מען: אַ ברכה איז קיין קללה נישט, גוט איז בוודאי אַ ברכה, זאָל גוט זיין אונדז און כלל ישראל. נאָר זאָגט מיר, זייט מוחל, ווער זענט איר?

— איך בין בסך הכל דאָ אַ מלמד, שמעון הייס איך, אָבער אַזוי ווי פון שכר לימוד אַליין צי איך נישט מיין חיונה, האָט דער דער רבי, זאָל לעבן, טאַקע אונדזער רבי פון ווינאָגראָדקא מיך געבענטשט, איך זאָל האָבן אַ שטיקעלע הצלחה אויסצופירן שידוכים הָעכטע. און איך האָף צו גאָט, אַז זיין ברכה איז מיר לברכה ולא לקללה. אייך, ר׳ הענעך, האָט ער געבענטשט מיט אלפים אַ סך, כן ירבו, און אַלע קענען אייך, מיך האָט ער געבענטשט אַ שדכן צו זיין, אָט זוך איך דערפון אַ קערבל צו פאַרדינען...

— פון וואַנען ווייסט איר אַז איך בין געקומען אַהערצו ־ייגען אַ שידוך?

— אַ שאלה, צי איך ווייס? בין איך אַ שדכן, בין איך מחויב צו וויסן! — האָט שמעון געענטפערט.—אגב איז ר׳ הענעך אַ ייד, וואָס הערט זיך אין דער וועלט... ווידער מוז איך אייך זאָגן, אַז טאַקע דעריבער האָט מיך דער רבי, זאָל לעבן, געבענטשט, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז אַ קרומע זאַך האָב איך פיינט און אַז איך קום שוין רעדן אַ שידוך, טרעף איך מיט מזל, וואָס גוט און וואָס גלייך איז!

— אויב אַזוי, — האָט הענעך צוגעשטימט, — טאָ רעדט, וואָס איר האָט צו רעדן.

־־ר סדר העולם איז, — האָט שמעון אָנגעהייבן, — אַז דער, וואָס פאַרלאַנגט עפּעס, זאָל זאָגן, וואָס ער פאַרלאַנגט... איך וויל פריער הערן פון אייך, וואָס זוכט איר? צי תורה, צי גדולה, צי יחוס, צי אַ קרן אַ גוטן? און אפשר גאָר די אַלע מדות און מעלות צוזאַמען?

— יעדער מענטש וויל, מסתמא, וואָס בעסער איז, — האָט הענעך מיט אַ שמייכל געענטפערט. — ווילן וויל איך אַוודאי די אַלע מעלות, נאָר איך בין דאָך אַ ייד אַ מאמין, בעט איך נאָר, אַז גאָט זאָל די באַשערטע זאַך צושיקן פאַר מיין קינד דורך זיין אמתן שליח! ווידער איז דאָס ביי מיר אַן ערשט קינד און טאַקע מער האָב איך נישט, און אין גוטן מוט וואָלט איך באמת נישט וויסן,

וואָס זיך גאָר אָנצומעסטן... נאָר איצט ווייס איך אַן ערך יאָ. איך האָב אָבער אַ טעם דערינען צו הערן פריער, וואָס פאַר אַ ספּאָדעק מעסט איר מיך אָן.

— זייער רעכט, איך וועל מיר מיינס זאָגן. וועל איך טרעפן, איז מה טוב, חלילה, נישט, איז ווי זאָגט מען: פאַרן אָנמוטן קומט קיין פּאַטש נישט!

— זאָגט מיר , ר׳ הענעך, — האָט ער געפרעגט נאָך עטלעכע מינוט ישוב הדעת, — איר קענט אונדזער גבירה, חייעלען?

— איך קען זי זייער גוט! — האָט ר׳ הענעך געענטפערט, — פאַר־באָרגנדיק זיין אינערלעכע פרייד און פאַרוווּנדערונג.

— אויב איר קענט זי, קענט איר מסתמא איר בתולה, רחלע די יפת תואר? און איר ווייסט שוין אפשר, אז חייעלע איז אַן אלמנה און וועט בקרוב חופה האָבן מיט ר׳ פּנחסלען? אָט טאַקע מיט דער חייעלעס טאָכטער, רחלע שתחי׳ וויל איך אייך מציע זיין פאַר אייער בן יחיד שיחי׳.

ר׳ הענעך האָט געשוויגן.

— ר׳ הענעך, — האָט שמעון ווידער אַ זאָג געטון, — איך זאָג אייך, אַז קיין אַנדער ענין קומט מיר גאָר אויפן זינען נישט ארויף, כאָטש צעררייס זיך! איך קען איצט קיין שענערע און בעסערע כלה נישט געפינען! נאָר זאָגן מוז איך אייך: וועלטן, אז איר וועט אויספאָרן זוכן, וועט איר אפשר געפינען מער עשירות, ווייל צו עשירות איז דאָך קיין שיעור נישטאָ, אָבער אַ בעסערע כלה, גאָר לא, זאָג איך אייך!... וואָס זאָגט איר, ר׳ הענעך, זאָל איך רעדן ווייטער, צי נישט?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ר׳ שמעון, — האָט הענעך צעפרידן אויסגערעדט און זיין פּנים איז ליכטיק געוואָרן, — איך מוז אייך מודה זיין: איר זענט, אן אַן עין הרע, אַ מוצלח...

— דאָס איז נישט מיין הצלחה, ר׳ הענעך, — האָט שמעון דערקלערט, — אָבער דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה האָט גורם גע־ווען, איך זאָל טרעפן... איך בין נאָר אַ בלינדער שליח ביי דעם רבונו של עולם. זיין רצון ברענגט צו מיר די מחשבה אריין צו זאָגן אזוי און נישט אנדערש.

ר׳ הענעך האָט געהייסן אַריינברענגען משקה מיט פאַרבייסן. זיי האָבן ביידע עטלעכע לחיימס געמאַכט, און הענעך האָט שימעלען

אויסדערציילט זיין געשפרעך מיט ר׳ פנחסלען און אים אונטערגעגעבן מוט צו רעדן דעם שידוך, טאַקע נאָך היינט אָנצעהייבן און מאָרגן אים ברענגען תשובה. אז די משקה האָט שימעלען שוין אַ ביסל צע-נומען און ער האָט געזען, אז ער רעדט מיט אַ חסיד פון איין רבין, איז ער נישט פויל געווען צו בעטן דערוויייל לייען עטלעכע רובל.

— וויפל דאַרפט איר, ר׳ שמעון? — האָט הענעך גוטמוטיק געפרעגט.

— איך דאַרף אַזוי פיל, וויפל מען מוז האָבן צו קויפן אַ רעכטע ציג, — האָט שמעון געענטפערט. — איך האָב מיין אַלטער פאַרשפּראָכן צו קויפן אַ ציג און זי איז גערעכט, וואָס זי מאָנט ביי מיר די ציג...

— ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, ר׳ שמעון, — האָט הענעך אַן עצה געגעבן, — איך וועל אייך דערוויייל אויסלייען עטלעכע קערבלעך עד לחשבון. מיט אַ ציג לאָז נאָך צייט האָבן אַ ביסל. אַז איר וועט מיר דעם שידוך, אם ירצה השם, אויספירן און איך וועל קומען אַהיים מיט פאַרטיקע תנאים אין האַנט, שיק איך אייך בלי נדר די בעסטע ציג פון מיין אייגענער סטאַדע, אָבער אַ ציג, זאָג איך אייך, וואָס אַ ציג הייסט!

— זייט זיכער, ר׳ הענעך, די תנאים זענען שיין גלייך ווי ביי מיר אין האַנט... די ציג וועט איר מיר דאָך שיקן במתנה, נישט אמת, במתנה האָט איר געזאָגט? נישט פאַר שדכנות...

— במתנה! במתנה! — האָט הענעך צוגעשטימט.

און שמעון איז מלא שמחה וששון אַהיים אַוועק.

זעסטו, מיין ווייב, — האָט ער געזאָגט, — דער מענטש וואָס איז אַ מצליח דרכו, דאַרף נאָר וועלן און דער רבונו של עולם גיט אים שוין וואָס ער וויל, ווי דער פסוק זאָגט: ותגזר אמר ויקם לך, דו דאַרפסט נאָר גוזר זיין מיט אַ זאָג און עס וועט שוין ווערן!

— אויב אַזוי, — האָט דאָס ווייב מיט אַ שמייכל געענטפערט, — פאַרדריסט מיך, וואָס דו האָסט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער ציג... הלוואי וואָלסטו בעסער געזאָגט, אז דו ווילסט האָבן אַן אייגן קיעלע... פון אַ ציג, מיין מאַן, וועלן מיר נאָך קיין קעז און פּוטער נישט האָבן.

— וואַרט! האָב צייט, עס וועט נאָך דאָס אויך קומען! — האָט ער געטרייסט און איז צופרידן אַנטשלאָפן געוואָרן.

ביינאַכט האָט זיך אים געחלומט: ער זיצט צום סדר, און זינגט דעם ניגון פון חד גדיא מיט מתיקות, און אַלע, וואָס הערן, האָבן הנאה פון אים. אַז ער איז אויפגעשטאַנען און האָט אָפּגעגאָסן בעגלוואַסער, האָט ער תיכף גענומען דעם סדור, אויפגעמישט די הגדה און זיך שטאַרק צוגעקוקט צו די ווערטער פון דעם חד גדיא. „ואתא און עס איז געקומען שונרא אַ קאַץ, ואכלה לגדיא און האָט אויפגעפרעסן דאָס ציגעלע... „אַ ימח שמה זאָל זי ווערן! אַ העזה אַ ביסל, אויפצועסן מיין ציגעלע!..." האָט ער אויסגעשריגן און האָט ווייטער געזאָגט: ואתא און עס איז געקומען כלבא דער הונט ונשך און ער האָט געביסן לשונרא צו דער קאַץ, דאכלה וואָס זי האָט געגעסן לגדיא דאָס ציגעלע"... אַט אַזוי, מאַלאַדיעץ, כלב! אַ הונט האָט שטענדיק מער יושר אין זיך פאַר אַ קאַץ! ציפּע, טרייב ארויס די קאַץ! — האָט ער אַ געשריי געטון צו זיין ווייב. — איך האָב פיינט אַ קאַץ, זי קען נאָך אויפעסן אונדזער ציגעלע! ואתא חוטרא והכה לכלבא, און עס איז געקומען אַ שטעקן און ער האָט געשלאָגן דעם הונט, דנשך לשונרא, פאַרוואָס ער האָט געביסן די קאַץ, פאַרוואָס? ציפּע, דער הונט איז גערעכט! האָט ער געשריגן, ער האָט זיך דאָך אָנגענומען פאַר אונדזער ציגעלע! — „עס קומט אויס, להבדיל, ווי דער עולם זאָגט: זאַ פּראַוודו ביוט!" האָט ציפּע געענטפערט. „נאָר זאָג מיר, מיין מאַן, האָט זי געפרעגט, וואָס האָסטו זיך איצט עפּעס גענומען צו דער הגדה?"

— איך האָב אַ חלום געזען, — האָט ער דערציילט, — און איך וויל מיר פון דעם חד גדיא טאַקע פּותר חלום זיין, נאָר דער חד גדיא איז נישט געזאָגט געוואָרן וועגן גלאַט אַ ציג... מיט חד גדיא מיינט מען די כנסת ישראל, די שונרא מיינט מען אונדזערע שונאים פאַרשטייסטו, אונדזערע שונאים, וואָס ווילן יידן בייז טון!...

— וועמען מיינט מען מיט דעם הונט? — האָט דאָס ווייב געפרעגט.

— מיט דעם הונט מיינט מען אונדזערע גוטע פריינט...—האָט ער דערקלערט. — אין שלעכטע צייטן האָבן מיר נישט קיין גוטע פריינט, וואָס זאָלן זיין בבחינת אדם, זיי זענען גוטע פריינט נאָר ווו זיי קענען וועמען בייסן... באמת איז דער הונט ווערט דעם שטעקן, וואָרים ממה נפשך: ביזטו אַ הונט, האָסטו באַדאַרפט דאָס

ציגעלע פאַרהיטן און נישט צולאָזן די קאַץ, זי זאָל עס אויפעסן... אָט טאַקע דערפֿאַר איז געקומען דער שטעקן און האָט געשלאָגן דעם הונט, פאַרוואָס ער איז נישט קיין געטרייער הונט... און עס קומט נישט אויס, ווי מען זאָגט: זאָ פּראַוודו ביוט, נישט זאָ פּראַוודו, נאָר פאַר זיין שקר, פאַר זיין הינטישן יושר, ימח שמו, וואָס צו אים זענען געגליכן אַלע אונדזערע שונאים עד שיבא הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו, ביז דער רבונו של עולם אַליין וועט קומען און אָפּצאָלן אַלע אונדזערע אמתע שונאים און פאַלשע גוטע־ברידער! אָט דאָס מיינט דער חד גדיא, און אַזוי ווי דער סוף איז אַ גוטער, איז אַ סימן, אַז מיר האָט זיך געחלומט אַ גוטער חלום און מיר וועט מצליח זיין, איך זאָל אויספירן דעם שידוך און באַקומען פון ר׳ הענעכן אַ טייערע ציג במתנה, לבד שדכנות, וויפל איך וועל אַליין וועלן... פאַרשטייסטו, מיין אשת חיל?

ג.

עס איז אַ שיינער ליכטיקער פרי מאָרגן געווען. ביינאַכט האָט גערעגנט, געדונערט און געבליצט, אָבער מיטן טאָג, פונקט צום מולד פון ראש־חודש תמוז, האָט זיך דער הימל אויסגעליטערט, און אַז רחלע האָט אירע אויגן געעפנט, האָט זי זיך דערפרייט מיט אַ ליכטיקן לויטערן בלאָען הימל, מיט אַ וואַרעמען אנגענעמען פרישן וועטער. נאָכמער פאַרגעניגן האָט זי געהאַט, בשעת אַז זי איז אריין אין סאָד און האָט דערזען, אַז דער רעגן און געוויטער האָבן אַלץ אָפּגעפרישט, די בלימעלעך דערקוויקט און זיי קערן זיך איצט אויס קעגן זון און וואַרעמען זיך און טריקענען זיך און בליען און וואַקסן אין ליכט און אין וואַרעמקייט. ווי שיינע טוי־טראָפּנס אויף זייערע צאַרטע בלעטלעך האָבן זיך איצט טרערן־טראָפּנס אין אירע שיינע אויגן באַוויזן. דאָס זענען אָבער נישט קיין טרערן פון אַנגסט, פון אַ געפּייניקטן האַרצן, נאָר טרערן פון צעפרידנהייט, טרערן פון גליק, וועלכע קומען פון אַ ליבנדיקן האַרצן, בעת אַ דערקוויקנדיקער פרימאָרגן פילט עס אָן מיט ליבע און האָפענונג אין דער נאָענטקייט פון דער שיינער נאַטור און דאָס אויג דערפרייט זיך מיט אַלץ, וואָס עס זעט. צווישן טויזנטער בלומען איז זי דאָ אויך ווי אַ בלום איינגעפלאַנצט געווען און מיט

זיי צוזאַמען האָט זי ליכט און וואַרעמקייט אין זיך געשלונגען און גאָט געדאַנקט, וואָס ער איז אַזוי גוט, וואָס זיין ליבע באַשטער איז אַזוי רייך און שיין. ווי די בלימעלעך קערן זיך צו דער זון, כאָטש די איז ווייט און הויך פון זיי, אַזוי האָט זיך איר ליבנדיק האַרץ איצט געקערט צו יענער געגנט, וווּ איר זון שיינט, וווּ משהלע, איר גע־ליבטער, לערנט איצט און זי איז גליקלעך געווען נאָר מיט אַ שטראַל, אַ ליכטיקן און אַ וואַרעמען, וואָס ער שיקט איר אַ מאָל פון זיין ווייט־קייט אין זיינע ליבע קלוגע בריוועלעך. אַ לאַנגע צייט איז זי דאָ געזעסן און די זון האָט געלויכטן און געשיינט, נאָר פּלוצלונג איז טונקעל געוואָרן, אַ שוואַרץ שטיק וואָלקן האָט די זון פאַרשטעלט. עס האָט אָבער פיל נישט געדויערט, דער וואָלקן איז אַריבער און עס איז צוריק ליכטיק און העל געוואָרן. „אָט אַזוי לויפן אָפּט וואָלקן פינצטערע פאַרביי מ יי ן ליכטיקער זון", האָט זי פאַר זיך געזאָגט. „וואָלקן פינצטערע, מיינע האָפענונגען אין מיר צו פאַרטונקלען... אָ, איך בעט דיך, גאָט, הייס די וואָלקנס פון מיין האַרץ אַזוי גיך פאַרבייגיין, ווי יענע, וועלכע האָבן איצט די ליכטיקע זון פון מיינע בלימעלעך פאַרשטעלט! האט עס ביז איצט נאָך ווייניק גע־רעגנט? האָב איך ביז היינט נאָך ווייניק געוויינט און טרערן, ווי רעגן, פאַרגאָסן? זאָל שוין גענוג זיין וויינען! איך בין שוין מיט אַלץ געוויינט, מיט אַלץ צעפרידן! זאָלן מער קיין נייע וואָלקנס נישט פאַרשטעלן מיר די זאַנע, וועלכע איך טראָג הייליק אין מיין האַרצן!... אויף די אַלטע פאַרוועלקטע בלעטלעך פון פאַר־אַיאָרן, וואַקסן איצט פרישע יינגע בלומען... לאָז איך די קינדער דאַ וואַקסן און געדייען, וווּ זייערע עלטערן און עלטערנס עלטערן זענען פאַרוועלקט געוואָרן!... נישט ערגער ווי די שטומע בלימעלעך, גאָט אין הימל, דאַרף ביי דיר דער מענטש זיין, שיק דיין גוטס און חסד אויף אונדז, אויף מיר, אויף מיין משהלען, אויף מיינע קליינע אומשולדיקע יתומימלעך, מיר זאָלן דאַ, אין דעם הויז, אין גאָרטן רויק און צעפרידן בלייבן... קיינע גרעסערע גליקן פאַרלאַנגט מיין האַרץ נישט פון דיר!"...

אין דערזעלבער צייט, ווען זי האָט דאַ גאָט געבעטן אָון אירע האָפענונגען אים פאַרטרויט, איז זיך דאָרט ביי איר מוטער אין שטוב דאָס קליינע מאַגערע יידעלע שימעלע געזעסן און צו נישט געמאַכט אירע האָפענונגען. ער האָט זיך שטאַרק געסטאַרעט, אַז עס

זאל געשען ווי ער, זאל לעבן, וויל, נישט ווי עס וויל אַ ליבנדיק האַרץ פון אַ נאַריש מיידל, און אפילו גאָט אַליין האָט אים געמוזט שווייגן. „גאָט געוועלטיקט אויף דעם מענטשן, ווער אָבער געוועלטיקט אויף גאָט?" „דער צדיק!" ווער איז דער צדיק? דער רבי, זאָל לעבן! מעג דער, וואָס האָט הימל און ערד באַשאַפן זיבן מאָל גוזר זיין, אַז דער צדיק וויל, איז ער זיינע גזרות מבטל! מעג די נאַטור און ריינע ליבע אַ האַרץ צו אַ האַרץ צובינדן, וויל אָבער דער רבי נישט — ווערן אַלע באַנדן צעריסן... אומזיסט, נאַריש קינד, בעטסטו גאָט פאַר דיין ליבן משהלען! גאָט קען דיר נישט העלפן! דעם רבינס דעה איז שטאַרקער, ווי די דעה פון דעם אַלמעכטיקן, און זיין דעה זאָגט איצט שימעלע אין רבינס נאָמען, אַז העגעכס זון איז דיין באַשערטער, נישט משהלע, וועלכן דו ליבסט.

און שימעלע האט מיט היץ, מיט שטורעם גערעדט און איז נישט מיד געוואָרן רעדנדיק, כאָטש חייעלע האָט זיך נישט שטאַרק געדונגען אין האט באַלד מודה געווען, אַז אַזא שידוך קען זיין ווי אנגעמאָסטן; אָבער נישט דאס האָט שימעלע געוואָלט: ער האָט ר' העגעכן צוגעזאגט צו ברענגען אַ קלאָרע ידיעה און איז גאַרנישט געווען קיין בעלן אָוועקצוגיין מיט אַ פוסטער תשובה, ווי יעדער שדכן ביי דעם ערשטן מאָל אַ שידוך פאַרשלאָגן.

— מיט וואָס גיי איך אָוועק פון אייך, חייעלע? — האט שמעון געפרעגט, אַז אים איז שוין טרוקן געוואָרן אין האַלדז, רעדנדיק און מגזם זייעדיק דאס גליק, וואס איר קינד שטייט דאָ פאַר. — זאגט, יאָ, יא, אדער ניין, ניין! אַהין אדער אַהער! נאר מיר גלויבט זיך נישט, אַז די מניעה זאל נאר זיין פון אייך, חייעלע...

חייעלע וואלט אים פאַר די רייד באַצאלט, וואס איז? ווער איז זי דען? פאַרוואס טאקע נישט די מניעה פון איר? ר' העגעך איז רייך? זאל אים מקנא זיין, ווער עס איז ארעם, זי איז אבער נישט ארעם און קען נאך אפשר באַשטיין קעגן אַנדערע גבירים. חוץ דעם איז זי דאך עפּעס חייעלע, און איר קינדס טאטע איז עפּעס אויך נישט געווען אַ יידל, וואס לאזט זיך אפקויפן אזוי גרינג... מיט איין ווארט — זי וואלט שימעלען באוויזן, ווי מיט דרך ארץ צו רעדן מיט איר, נאר צו זיין גליק האט זי גארנישט געהערט וואס ער האט גערעדט. זי איז פאַרטראַכט געווען... אַלטע,

לאנג פאַרנאַנגענע טעג האָבן איר זיך פּלוצלונג דערמאנט. זי האט איצט יענע יארן געזען, ווען אַ שדכן איז צו אירע עלטערן געקומען פאר איר אַ שידוך צו רעדן. ער האט גערעדט, מען האט אים געענטפערט... וואס געענטפערט? דאס האט זי דאמאלס נישט געהערט, נאר זי ווייס, אז אין אַ וואך אַרום איז דער שדכן נאך אַמאל געקומען, און האט ווידער גערעדט, מען האט אים ווידער עפּעס וואס געענטפערט. ער איז אוועק געגאַנגען, אין עטלעכע טעג ווידער געקומען און אזוי האט ער גערעדט, מען האט אים געענטפערט... ער פלעגט אַוועקגיין, קומען, קומען און ווידער אוועקגיין, ביז עס איז אַ גאנץ יאר אריבערגעגאַנגען און זי האט אפט דאמאלס געהערט זאגנדיק: זי, חייעלע, שטייט שוין אין שידוכים. די עלטערן פלעגן צווישן זיך רעדן סודות, אפט פלעגט זי כאַפּן אַ ווארט און זי האט גוט געוווּסט, אז דער שידוך, וואס דער שדכן רעדט, געפעלט איר טאטע-מאַמע זייער... ער געפעלט אויך דעם חתנס צד, וועגן נדן איז אויך קיין מניעה נישט, אַלץ גייט כשורה, דאכט זיך, נישטאָ קיין שום מניעה און פונדעסטוועגן ציט זיך עס עפּעס ווי פון פעך... זי וואלט גערן וועלן וויסן, ווער איז דער חתן? וואס איז ער? און גארנישט, דער שדכן קומט און גייט אַוועק שוין געוויס אַ הונדערטן מאל. זי האט זיך אויך דערמאנט, ווי איינמאל איז דער שדכן צוגעשטאַנען, מען זאל אים געבן אַ קלארע תשובה, ער זאל שוין נישט ברויכן מער זיינע פיס צו ברעכן, זיינע שטיוול צו רייסן, גיין און צו קיין טאלק נישט קומען... אט האט אים איר מוטער, עליה השלום, באַצאלט: „ווי רעדט עס גאר אזוינס אַ ייד, וואס האט גאט אין האַרצן?" — האט זי דאמאלס געשריגן פון כעס. „אַ ווייטיק איז מיר, אַ קו פון שטאַל, אז אַ באַלעבאַסטע פאַרקויפט, פארקויפט זי אויך נישט מיט אזא גרינגן געמיט און איז זיך פריער גוט מיישב. בפרט אַ קינד, אַ טייער קינד אויסגעבן פון זיך... ווי רעדט מען גאר אזוינס? ווי טוט מען דאס אפ אזא וויכטיקע זאַך אויף איין פיס?... לאז צייט זיין, נישקשה, זי וועט נאך צייט האָבן אָנצוקומען צו אַ שוויגער"... און עס איז נאך אַ האַלב יאר אריבער, דערנאך איז זי אַ גאנץ יאר א כלה געווען. ענדלעך איז אויך די חתונה געווען און צוויי וואכן איז זי אומגעגאנגען, נאך דער חתונה, געזעגענען זיך מיט קרובים, מיט שכנים, מיט באקאנטע, נאנטע און

ווייטע, און וויפל האט די געווײנט און וויפל טרערן זענען פאר־גאסן געוואָרן ביז יענעם טאג, ווען זי איז מיט איר מאן אין איר נייעם היים געקומען — און איצט? אָט איז דער ערשטער שדכן צום ערשטן מאָל נאָר אַריינגעקומען, קוים צוויי שעה געריעדט אין ביי איר איז שוין רעכט מסכים צו זיין און שוין זאָגן אַ קלאָרע תשובה? אָך, ווי קען מען עס? ווי פאַרלאַנגט עס גאָר אפילו דער מחותן, וואָס ער איז אויך געוויס אַ טאַטע פון אַ קינד און ווייס ווי טייער אַ קינד איז?"... אין אַזעלכע געדאַנקען איז זי געזעסן און כמעט אַ צענט וואָרט נישט געהערט פון אַלץ, וואָס שימעלע האָט דאָ מגזם געווען. שימעלע אָבער האָט זי לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן און האָט איר געוויזן, אַז זי וועט חרטה האָבן. ווארים אויב זי גיט נישט היינט קיין קלאָרע תשובה, פאַרט ר׳ הענעך אַוועק און מאַכט אַ תנאים מיט אַ קיעווער גביר, וואָס דער רבי, זאָל לעבן, איז אויף אים נאָכ־מער מסכים ווי אויף דעם שידוך מיט איר רחלען.

— אָבער ר׳ שמעון, — האָט חייעלע געפּרוּווט כאָטש אָפּלייגן די זאַך ביז מאָרגן, — נישט פאַרגעסט, די כלה איז אַ יתומה, זי האָט אַ פעטער, איך בין בסך־הכל נישט מער ווי אַן אשה... ווי איז מיר נישט, ווי אַזוי זאָל איך עס טון? ווי אַזוי טאָר איך עס גאָר מסכים זיין צום ערשטן וואָרט און ביי אים גאָרנישט פרעגן?

— עלי ועל צוארי, זאָג איך אייך, — האָט שמעון אויסגערעדט, — אים וועט געוויס געפעלן, אָבער זאָגט איר מיר נאָר, צי געפעלט גאָר דער ענין אייך?

— דעם אמת זאָגדיק, — האָט זי געענטפערט, — געפעלט מיר... מיר מוז געפעלן, ווייל ער געפעלט אים, זאָל לעבן... ווי זאָל איך גאָר פון מיין מויל ארויסלאָזן אַזא וואָרט און זאָגן: איך בין קליגער פאַר אים, זאָל לעבן, און אַז מיר געפעלט נישט? בפרט ר׳ פנחסל וויל אַזוי... אָבער גאָט ווייס, צי וועט דאס דער כלה געפעלן, צי וועט כאָטש מסכים זיין דערצו איר פעטער?

אייער רחלע, אַזא יאָר מיר, וואָס פאַר אַ קלוג קינד זי איז! — האָט שימעלע איינגעווענדט. — זי וועט דערזען די טייערע מתנות דעם מחותנס, וועט זי פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גליק דאס איז פאַר איר. דערמאָנט אייך נאָר: אייגענע סטאַדעס ציגן, שעפּסן און קי; אייגענע פעלדער און וועלדער, מאַיאָנטקעס גאַנצע אייגענע! נאָר אַ קלייניקייט מיינט איר איז ר׳ הענעך! ר׳ שלמה איז אַ ייד

אַ חסיד, אַ מאמין, און ער וועט געוויס נישט זיין קעגן דעם רבינס עצה און דעם רבונו של עולמס רצון, אָט וועט איר זען, מיין הצלחה וועט זיין דערין אויך, עס זאָל אויסגעפירט ווערן מיט מזל!

— הלוואי, זאָלט איר אמת זאָגן! — האָט חייעלע צוגעוווּנטשן,— אייך איז גרינג צו זאָגן, ווייל איר ווייסט נישט, ר' שמעון, ווו מיר מיין שוך קוועטשט...

— וואס מיר שוך, עס וועט גוט זיין! — האָט ער פאַרזיכערט, — אַבי איך האָב ביי אייך פועל געווען... מעג איך בעטן הייגט דעם מחותן ר' הענעכן קומען אַ הערצו אויף טיי? זאָל ר' שלמה אויך זיין, איר וועט אייך דורכרעדן, וועט איר הערן. מסתמא וועט איר זיך דאָך ריכטן און צוגרייטן אַ פיינעם טראַקטאמענט?

חייעלע האט נאָך געוואָלט עפּעס איינוועגדן, אָבער שימעלע האָט שוין נישט געוואַרט אויף איר תשובה און איז אַוועק גלייך צו הענעכן, אים געזאָגט, אַז עס גייט אויף אַ לאַד און מען בעט אים אויף טיי אין אָוונט.

חייעלע איז געבליבן זיצן ווי צעמישט, איר האַרץ האָט איר באַנג געטון, אַרויסצופטרן איר ערשט קינד אַזוי גיך און זיך גאָר־נישט דינגען אַ האלב יאָר, ווייניקסטנס, ווי עס פירט זיך צווישן רעכטע מענטשן. זי האָט אויך אויף אַ מינוט דערמאַנט איר גע־שטאָ־בענעם מאַן און אַ וואַרעמע טרער האָט זיך, נישט פילנדיק, איבער אירע באַקן אַראָפּגעקויקלט און אויף איר האַנט אַראָפּגעפאַלן. נאָר די מינוט האָט מער ווי אַ מינוט נישט געדויערט, נייע בילדער, נייע גליקן האָבן זיך ווי פון אַ צויבערקראַפט צוגעטראָגן און האָבן אירע טרויעריקע געדאַנקען צעיאָגט. דעם רבינס הויף... ר' פּנחסלס ווייב... ר' הענעך דעם גרויסן עושרס מחותנתטע... איר רחלע זיצט אין כל טוב, אייגענע פעלדער און וועלדער, פאָרט אין אייגענע קאַרעטן, און אַז זי וועט אַ מאָל קומען צו דער מאַמען צו גאַסט, וועט קאָכן דעם רבינס הויף... זי וועט קענען שטאָלצירן מיט איר קינד קעגן דעם רבינס שניר און טעכטער, ווער וועט צו איר נאָך גלייך זיין דאמאָלס?

אין אַזעלכע געדאַנקען האט זי געפּאַנטאַזירט אַ האלבע שעה. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר פאַרטראַכטקייט, האָט זי זיך דער־מאָנט, אַז שמעון האט געזאָגט: ער גייט בעטן ר' הענעכן אַ הערצו

אויף טיי און זי האט קיין צייט נישט געהאט אויסצורעדן, ער זאָל עס נישט טון... „מסתמא דארף אזוי זיין!" האָט זי געקלערט, „מסתמא איז באשערט אזוי... לאָז דער רבונו של עולם חסד טון און פירן ווי אים געפעלט"...

אין אַ ווײַלע ארום האט זי געהייסן צוקלויבן די צימערן. מען האט אויף פענצטער ווייסע גארדינען אויפגעהאנגען, די ווייכע מעבל מיט נייע ציכן איבערגעצויגן, און אז עמעץ האט געפרעגט: „וואס איז היינט פאר אזא יום־טוב?" האט חייעלע געענטפערט: אַ מחותן דארף קומען, ער וועט אייך לאזן א שיינע „אָטיעזדנע".

אין קיך, ווו די אלטע פייגע האָט געהערשט און געוועלטיקט, האָבן אלע, פייגן צוליב, שוין לאנג מסכים געווען, אז רחלע איז שוין אַ כלה פאר משהלען. אויף בערעלע שפאק האָט נאך עד היום משהלעס ניגון פון דער הפטרה נישט פארגעסן. דעריבער האט זיי גארנישט גע־קענט איינפאלן, אז חייעלע מיינט עס א מחותן פאר רחלען. און אז רחלע איז ארייַנגעקומען, און דערזען, וואס פאר אן איבערקערעניש דא אין שטוב איז געוואָרן און האט ביי דער אלטער פייגן געפרעגט, צוליב וואס און פאר וועמען מאכט מען דאָ אזא פאראד, האט די אלטע איר געזאגט:

— מיין ליבע רחלע, זאָל דיך נישט פארדריסן, דו זעסט דאָך, עס איז משמים אזוי... מסתמא דארף אזוי זיין! איך ווייס נישט קלאר, צי ר' פנחסל אליין אדער א ברודער זיינער דארף קומען... די מאמע האט געזאגט: „דער מחותן דארף קומען"... זיי א גוט קינד, באהאלט דיין ווייטיק און נעם עס אן פאר גוט! איך האב עס נישט געוואלט דערלעבן... אבער אז מען לעבט, דערלעבט מען אפילו, וואס מען וויל עס נישט!...

„פייגע איז גערעכט!" האט רחלע צו זיך געזאגט, נאכדעם זי האט זיך אויסגעוויינט אין איר צימער. איך מוז דער מוטער ווייזן, אז איך בין צופרידן מיט אלץ, וואס זי טוט. איך פארלאנג פון איר, זי זאָל מיר מיין גליק פארגינען, פארוואָס זאָל איך איר נישט פארגינען איר פרייד און גליק?

נאָך דער דאָזיקער איבערלייגונג האָט זי פאַרטריבן פון איר פנים דעם טרויעריקן וואָלקן, וואָס האָט איר אנפאנגס באַדעקט און באַמיט צו ווייזן, אז איר איז ליב און גוט אזוי ווי עס מאַכט זיך. אז חייעלע האָט באַמערקט, ווי רחלע העלפט איר צופוצן

די שטוב, האָט זי געקלערט, אַז מסתּמא ווייס זי שוין, ווער דער גאַסט וועט זיין און זי איז צופרידן, אַז נישט, וואָלט זי דאָך נישט צוהעלפן אַזאַ פּאַראַד צו מאַכן.

— איצט, מיין טאָכטער, זע איך, — האָט זי געזאָגט, — אַז איך האָב נאָך דיין גוט האַרץ נישט געוווּסט אין גאַנצן.. איצט ווייס איך, אַז גאָט האָט מיין צער צוגעזען און איך וועל נאָך פיל נחת פון דיר דערלעבן...

— מוטער, גלויב מיר, — האָט רחלע געריִרט אויסגערעדט, — איך בין נישט שולדיק געווען, מיין האַרץ איז פאָרט צעבראָכן אין מיר... דו ווייסט דאָך, ווי טייער ער איז מיר געווען, ווי ליב איך האָב אים געהאַט! עס פאַרגעסט זיך אַזוי גיך נישט... ווי אַ יידישע טאָכטער גלויב איך, אַז מיט גאָטס ווילן טוט זיך אַזוי... זיי מיר מוחל, איך וועל מיך סטאַרען דיר אַ טרייע טאָכטער צו זיין און קיין פאַר־דרוס און צער דיר, חלילה, נישט פאַרשאַפן.

חייעלע האָט געמיינט, אַז דאָס רעדט זי פון משהלען און האָט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ באַשערטער שידוך פון גאָט, וואָרים נאָך איידער זי האָט מיט איר צוויי ווערטער איבערגערעדט, איז זי שוין צופרידען און נעמט זיך נאָך פאַר שטענדיק איר צו געהאָרכן און פאָלגן, ווי אַ טרייע טאָכטער. זי האָט זי צו איר האַרצן צוגעדריקט, ביידע האָבן געוויינט, ביידנס טרערן האָבן זי צעמישט. ווי פאַרשידן אָבער זענען די קוואַלן געווען פון די דאָזיקע טרערן!...

חייעלע האָט איר אַליין אירע שענערע קליידער צוגעטראָגן און געבעטן, זי זאָל זיך איבערטון, ווי עס פּאַסט פאַר איר קינד, בעת אַ מחותּן, אַזאַ גביר, ברויך צו קומען... רחלע האָט אויף קיין שום שלעכטס נישט געקלערט און האָט דער מוטער צוליב זיך באַלד איבערגעטון; נאָר אַז זי איז צום שפּיגל צוגעגאַנגען, האָט זי פאַר זיך אַליין זיך פאַרשעמט: אַזוי אויסגעפּוצט זיך צו זען אין אַ מיטן מיטוואָך...

„זיי מיר מוחל, ליבער פאָטער" — האָט זי אויסגערעדט, — „זיי מוחל דיין טאָכטער, וועלכע טוט אויס אויף אַ ווייַלע אירע טרויער־קליידער, וואָס זי טראָגט נאָך דיר, אום איר מוטער צו געהאָרכן... דו אַליין ווייסט, ווי שווער די דאָזיקע שיינע קליידער הענגען איצט אויף מיר און מיין באַטריבט האַרץ זעסטו, פאָטער, אַליין אונטער אָט דער צירונג... זיי מיר מוחל, פאָטער, אויך מיין מוטער,

בעט גאָט פאַר איר, דען זי איז דאָך די ליבע מוטער פון דיינע עלנטע יתומים!...

חייעלע האָט געשיקט רופן ר׳ שלמהן און האָט אים אויסדערציילט אַלע איינצלהייטן און אים געבעטן זיין אַ טרייער פעטער און פאָטער איר עלנטער יתומה, איר בייצושטיין אין איר נויט, דאס הייסט ער זאָל געבן זיין הסכמה דערצו. אַז ר׳ שלמה האָט דערהערט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ שידוך פאַר רחלען, האָט אים דאָס האַרץ פאַרקוועטשט און ער האָט באַלד גענומען זוכן זיין שטעקן צו גיין אַהיים.

וואָס זוכט איר, שוואָגער? — האָט חייעלע געפרעגט און האָט אַליין אויך אָנגעהייבן זוכן, נישט ווייסנדיק, וואָס זי זוכט.

— מיין שטעקן זוך איך, — האָט ער געענטפערט קאַלט און טרויעריק, — איך וויל דערביי נישט זיין, ווי מען צעשטערט דעם ווילן פון אויסגעלייטערטן פאָטער, — טו, חייעלע, ווי דו ווילסט, איך וויל דעם מכשל אויף מיין אַלטן קאָפּ מיר נישט נעמען!...

— שוואָגער, פאַרוואָס זאָלט איר אַזוי זינדיק זיין קעגן רבונו של עולם! — האָט חייעלע אויסגעשריגן. — דער רבי, זאָל לעבן, אַליין האָט ר׳ העניכן געשיקט אַהערצו און האָט מבטיח געווען, אַז איצט איז די מזלדיקע שעה, דער שידוך זאָל אויסגעפירט ווערן! זעט אַליין ווי הייליק זיינע ווערטער זענען! וואָלט איך עס מיר גאָר פאַרגעשטעלט, אַז רחלע וועט צום ערשטן וואָרט מיך מהילה בעטן און מיר שווערן, אַז זי איז צופרידן? גאָטס חסד איז מיט אונדז און ער האט איר היינט אַזא קלאָרע דעה און ריינע מחשבה צוגעשיקט, מסתמא איז איר דאָך באַשערט, זי זאָל בלייבן אַ כשר קינד, אַ פרומע און אַ גוטע יידישע טאָכטער!

— איך גלויב נישט, וואס איך הער, — האָט ער פאַרוווּנדערט אויסגערעדט.

אין דער מינוט איז רחלע דורכגעגאַנגען דורך דעם צימער, וווּ איר מוטער מיט איר פעטער זענען געזעסן. זי האָט זיך פאַר אים פאַרשעמט, אַזוי געפּוּצט אין איר טיפן טרויער זיך צו ווייזן און האָט אים נאָר פון וויטן געגריסט און איז אריין אין זאַל.

— אַן עם לא היה זענט איר נשים! — האָט ער מיט כעס אויסגערעדט. — אייער דעה איז גרינגער פון קלייען. „ניין” און „יאָ”

איז בײַ אײַך אַלץ אײנס, הײַנט װײס איך אַ דעה צו זאָגן!... הערסטו, די אײגענע רחלע האָט געװײנט פֿאַר מיר און האָט געשװוירן, אַז גיכער װעט זי אין דער ערד אַ יונגע אַרײַן, אײדער משהלען פֿאַרגעסן און חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן, און װאָלט איך זי איצט מיט מײַנע אויגן נישט זען, װי אויסגעפּוצט זי איז צוליב דעם מחותן, װאָלט איך דיר נישט גלויבן, װען דו זאָלסט מיר שװערן פֿון הײַנט ביז מאָרגן. זאָג מיר, איך בעט דיך, זי האָט דיר אַלײן געזאָגט, אַז זי װיל ר׳ הענעכס זון?

— אַזוי פֿאַרשײַט איז מײַן קינד נאָך נישט, — האָט חײעלע געענטפֿערט, — זי װעט נישט זאָגן: איך װיל דעם חתן. װעלכעס מײדל לאָזט אַזאַ װאָרט אַרױס פֿון מויל? אָבער איז נישט גענוג, אַז זי װיל און איז צופֿרידן, און אַז זי האָט מיך הײַנט מחילה געבעטן? זאָל איך מיר אַזוי בײַ דעם רבונו של עולם אויסבעטן אַלדאָס גוטס אויף זיך און אויף אַלעמען, װאָס מיר איז ליב! זעט איר נאָך נישט גאָטס חסד אין דעם?

— איך קען פֿון זינען אַראָפּ פֿון אַלץ, װאָס איך הער! — האָט ער אויסגערעדט. — איז דאָס אַלץ אמת און גאָט באַװײַזט אונדז אַזעלכע גרויסע נסים, כאָטש מיר זענען זײ גאָרנישט װערט?

— דער רבי, זאָל לעבן, טוט פֿאַר אונדז, — האָט חײעלע דערקלערט, — ער אַלײן האָט מיר געזאָגט, אַז ער װעט צו מײַנע קינדער זײַן בעסער װי אַ לײַבלעכער פֿאָטער. װאָס װוּנדערט איר אײַך? מסתּמא איז דאָך דאָ זכות אבות אויך דערבײַ!

— יאָ, יאָ, נאָר זכות אבות! — האָט ער צוגעשטימט. — איך מוז קוקן און שװײַגן, איך װעל נישט קאַליע מאַכן. ר׳ הענעך איז באמת אַ גביר אַ ייִד, גליקלעך װעט זי זײַן פֿאַר זײַן בן יחיד, דאָס איז אמת, נאָר דאָס האַרץ טוט מיר װײ אויף דעם בן סורר מײַנעם, אויף משהלען, װעלכער װאַ[illegible] שוין נאָכדעם אַװעק אין ברײטן װעג און מיר װעלן אים פֿאַרלירן אויף אײביק... אפֿשר איז אַזוי גלײַכער, גאָט איז גערעכט. איך מוז קוקן און שװײַגן!

— נײן, איך װיל, איר זאָלט אויך מסכּים זײַן! — האָט זי פֿאַרלאַנגט. — איר זײַט דער כּלהס אײנציקער פֿעטער... װער דען װעט זיך מיט אַ דעה אַרױסשטעלן, אַז נישט איר?

— אַז מער װי מײַן הסכּם װעט נישט פֿעלן, װעל איך מסכּים זײַן, — האָט ער ענדלעך נאָכגעגעבן זײַער אומצופֿרידן.

ער האָט רחלען אַ פּאָר מאָל געזען, דורכגייענדיק, און איינמאָל האָט זי אפילו געוואָלט צוגיין צו אים; אָבער זיין האַרץ האָט געקאָכט פון כעס אויף איר לייטזיניקייט, ווי ער האָט געטענהט, און ער האָט זיך פון איר אָפּגעקערט. זי האָט געפילט, אַז אים איז נישט צום מוט צו רעדן איצט מיט איר; זי האָט אָבער געקלערט: „ער איז אַזוי אומעטיק וואָס ער דאַרף זיין אַ מחותן אויף אַזאַ טרויעריקער שמחה". זי האָט אים געוואָלט טרייסטן; אָבער זי האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט אָנהייבן וויינען, ווי זיין שטייגער איז. דעריבער האָט זי פאַר בעסער געפונען איצט מיט אים נישט צו רעדן, נישט צו פאַרשטערן דער מוטערס שמחה.

ר' שלמה האָט געהייסן אַריינרופן די מענטשן פון זאַוואָד צו אַ מנין, מען זאָל דאָ דאַווענען מעריב און די קינדער זאָלן קענען זאָגן קדיש. שימעלע איז אויך געקומען אין זיין לאַסטינגער גרינער קאַפּאָטע מיט זיין שבתדיקן היטל. עס האָט נאָך געפעלט אַ צענטער צום מנין, און ר' העניך איז אָנגעקומען צו דער רעכטער מינוט. ר' שלמה האָט אים שלום-עליכם געגעבן און האָט עס פאַר אַ סימן אָנגענומען, אַז גאָט האָט אים געבראַכט, משלים צו זיין דעם מנין און דאס ווייזט אויף גוטס...

בעת מען האט דאָ אָפּגעדאַוונט מעריב, האָט מען אין זאַל און אין גאַסטצימער אָנגעצונדן אַלע ליכט און לאָמפּן. אַז רחלע האט אָך מעריב דערזען, ווי מען האָט ר' העניכן אריינגעבעטן מיט כבוד אין גאַסטצימער אַריין, האָט זי געמיינט: מסתמא איז ער אַ ברודער אָדער אַ נאָענטער קרוב ר' פנחסלס, און איז צופרידן געווען, וואס נישט ר' פנחסל אַליין איז געקומען. זי האָט זיך עפּעס פרייער אָנגעהייבן צו פילן

ווי אין יענע אוראַלטע און ווונדער-רייכע צייטן, האָט אברהמס קנעכט זיין ווונדער-געשיכטע דערציילט פאַר בתואל און לבן הארמי, ווי גאָט האָט זיין וועג באַגליקט און ער האָט געפונען די, וועלכע ער האָט געזוכט — האָט איצט, אין דער נייער, ווונדער-אָרעמער צייט — ר' העניך אויך זיין געשיכטע דערציילט און דעם רבינס נביאות און מופתים באַוווּנדערט פאר ר' שלמהן און פאַר חייעלען, אַז ער איז אויף אַ באַשערטער זאַך געקומען און גאָט האט אים אַהערצו געפירט. און ווי אין יענע אַלטע צייטן האָבן די פאַרווונדערטע צוהערער געענטפערט: „מה' יצא הדבר, גאָט האט אזוי באַשלאָסן, לא

„נוכל דבר אליך רע או טוב, מיר קענען דיר דערויף נישט שלעכט, נישט גוט זאָגן... הנה רבקה לפניך קח ולך, אָט איז רבקה, נעם זי און גיי און זאָל זי זיין אַ פרוי דיין הארס זון״... די צוהערער פון ר׳ הענעכס געשיכטע האָבן איצט אויך געענטפערט: „דאָ זעט מען אַ גאָט־זאַך, זאָל זיין ווילן געשען, מיר זענען בוודאי מסכים״... אָבער בשעת מיט פיר טויזנט יאָר צוריק האט דער ברודער לבן הארמי און די מוטער פון דער כלה, אין דער אַנטשיידענער מינוט זיך פאָרט אָן יושר דערמאנט און האבן געזאגט: „נקרא לנערה, ונשאלה את פיה, לאָמיר דאָס מעדכן צורופן און פרעגן, צי וויל זי אקארשט דעם שידוך, האט איצט, מיט פיער טויזנט יאָר שפעטער דער גוטער פעטער ר׳ שלמה און די טרייע מוטער און חסידה חייעלע אָן דעם דאָזיקן יושר פארגעסן און נישט דערמאנט, אז די כלה זייערע איז אַ יתומה, און איידער מען שלאָגט צו אַ האנט, דער שידוך זאָל ווערן געשלאָסן, ברויך מען אויך איר דעה הערן, און זיי האָבן מיט ר׳ הענעכן געמאַכט אַ קנין. נאָר איין זאך האט זיך די מוטער דערמאנט, נעמלעך: בעת זי איז אַ מיידל געווען און איר מחותן איז געקומען זי זען, האט איר די מוטער דאמאָלס מכבד געווען, זי זאָל דערלאַנגען טיי און כבוד צום טיש, ער זאָל האבן די געלעגנהייט זי צו זען ווי שיין, ווי געראָטן זי איז; דעריבער האט זי באלד אַריינגערופן רחלען, איר די שליסעלעך געגעבן און געבעטן, זי זאָל איר אויך דאס צוליב טון און אליין צום טיש טיי און כבודים דערלאנגען. רחלע האט ניש געוווסט, וואס דאָ איז ביז איצט גערעדט און אָפּגעטון געוואָרן. זי האט זיך איינמאָל פאָרגענומען דער מוטער צעפרידנקייט צו ווייזן, האט זי אויך אָט די געפעליקייט געטון, כאָטש איר הארץ האט פון מינוט צו מינוט אלץ שווערער אנגעהייבן צו פרעסן און מאָדנע פאָרגעפילן האבן זי אלץ שטארקער געפייניקט... נאָך שווערער איז איר געווען ר׳ הענעכס צעפרידענע פריינטלעכע בליקן צו פארטראגן; אזוי האט נאך קיין עלטערער פרעמדער מאנסביל ביז איצט אויף איר נישט געקוקט. זי האט געזוכט אַ געלעגנהייט, ווי אומבאמערקט ארויסצוגיין. דאָ איז איר ענג און דושנע געווארן. זי האט קוים דעם אטעם געקענט אָפּכאפן... ר׳ הענעך איז אויסער זיך געווען פון שמחה, וואס די כלה איז אזוי שיין, ווי אַ מלאך הייליק און פארנעם האט זי אים אויסגעוויזן און דער רבי איז אין דער מינוט נאך הייליקער אין זיינע

אויגן געווארן. „ער איז אַ נביא, אַן אמתער נביא!" האָט ער גע־קלערט און איז פון גרויס התפעלות נישט נאָר זיינע מתנות און פאַר־מעגן זיין בן יחידס געראַטענער כלה גרייט געווען אַוועקצושענקען, נאָר אויך זיין לעבן וואָלט ער איר איצט נישט געזשאַלעוועט. „קום אַהער נענטער, מיין טעכטער", האָט ער אויסגערעדט כמעט מיט דרך־ארץ, — „שעם דיך נישט, מיין ליב קינד, היינט זענען שוין די מאָדעס אויסגעגאַנגען, וואָס אַ כלה מוז זיך שעמען פאַר איר מחותן. נישט דיך פאַרהערן רוף איך דיך, נאָר דיר דעם אמת אין די אויגן צו זאָגן, אַז דו געפעלסט מיר טויזנט מאָל מער, ווי מען האָט מיר פון דיר דערציילט. אַזוי זאָלסטו אויך דיין אמתן באַשערטן גע־פעלן און אַזוי זאָל ער אויך אין דיינע אויגן חן געפינען!" און נישט וואַרטנדיק אויף איר תשובה, האָט ער אַרויסגענומען אַ טייערן גאָלדענעם בראַסלעט מיט גרויסע בריליאַנטן און האָט עס איר דערלאַנגט.

— נעם עס, מיין קינד, דאָס איז די ערשטע קלענסטע מתנה מיינע, וואָס איך שענק דיר, — האָט ער זייער גערירט פון צאַרטע פאָטערגעפילן געזאָגט, — איך האָב עס געקויפט נאָך איידער איך האָב דיך געזען. איצט, אַז איך זע דיך און דו ביזט שענער, ווי דער בריליאַנט, וואָס דאָ איז איינגעפאַסט, זאָג איך דיר צו נאָך שענערע מתנות דיר צו געבן און געבן, מיין ליב קינד!

רחלע איז ווי צעמישט געשטאַנען, נישט געוווּסט, וואָס דאָ גייט פאָר; נאָר אירע אויגן האָבן איר באַקלעמונג געגעבן צו פאַר־שטיין. צי האָט זי געוווּסט, וואָס זי רעדט, צי נישט, נאָר נישט זייענדיק אין דער מעגליכקייט, וואָס עפּעס אַנדערש צו זאָגן, האָט זי אויסגע־רעדט: „איך דאַנק אייך פאַר אייערע גוטע רייד, אייער מתנה האָב איך נישט פאַרדינט, פאַרוואָס גיט איר זי מיר?"

— אונדזער מוטער רבקה איז געווען קליגער פאַר דיר, מיין טאָכטער! — האָט דער פעטער זיך אָפּגערופן. — בעת אברהם אבינוס קנעכט האָט איר פאַר אַ טרונק וואַסער אַ טייערן נאָזבאַנד און צוויי אָרעמבענדער געשענקט, האָט זי די מתנה צוגענומען און נישט געפרעגט, פאַרוואָס קומט עס מיר. דיין מחותן, דיין חתנס טאַטע, גיט דיר די מתנה פון אַ סימן וועגן, דו זאָלסט געדענקען, אַז דו ביזט שוין אַ כלה מיט מזל!

איר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, די שטוב מיט די

לאָמפּן האָבן זיך אָנגעהייבן, ווי אַ שווינדל־ראָד צו דרייען אין אַ גאַלאָפּ אַרום איר. זי האָט נאָר אַ געשריי געטון: „מוטער, וואָס הער איך!" און איז דער מוטער אויפן האַלדז געפאַלן אין חלשות.

— וואַסער, וואַסער! — האָט די מוטער מיט דעם פעטער געשריגן. מען האָט געבראַכט וואַסער זי אָפּגעמינטערט און זי אין איר צימער אויף איר בעטל אַוועקגעלייגט.

ד.

מען האָט ר' העניעכן ווי עס איז באַרויקט: „קיין בייז", „נישט מער ווי אַן עין הרע", „אַ ריינע עין הרע", „שוין איבערגעגאַנגען", „זייט רויק, מחותן, אייער כלה וועט שוין געזונט זיין!" און ער איז רויק אַוועק אַהיים... דאָס, וואָס די מחותנים זיינע זוכן דעם צופאַל צו פאַרגלעטן, האָט אים געטרייסט מיט האָפענונג, אַז זיי וועלן זי מסתמא איבעררעדן און זי וועט קומען צום שכל. „נישקשה, איך האָב אַ גוטן צד אין טיש און דער רבי, זאָל לעבן, וועט מסתמא אויספירן, וואָס ער וויל!" האָט ער געקלערט. „ר' פנחסל האָט געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיין!" פונדעסטוועגן האָט ער תיכף צום רבין טעלעגראַפירט, אַז עס איז געוועזן אַ קנין און די כלה איז שלאָף געוואָרן.

— לאָז מיך, חייעלע, צו איר אריין, איך וויל וויסן וואָס איז מיט איר געשען, — האָט ר' שלמה געבעטן, גלייך ווי ר' העניעך איז אַהיים אַוועק.

—גאָרנישט! דער קאַלטון האָט זי ווידער פאַרדרייט...

— לאָז מיך צו צו איר, איך וועל איר געבן צו פאַרשטיין, ווי שטאַרק אומגערעכט זי איז. זי איז דאָך פאָרט אַ גוטע און אַ קלוגע אַלעמאָל געוועזן.

— אַ גוטע קו איז זי! גיט אַ פולע דוּיניצע מילך און דערנאָך בריקעט זי עס אויס מיטן פוס... אַזאַ בזיון, אַזאַ שאַנד... צו הערט מען דאָס גאָר ביי לייטן?

— פעטער, — האָט רחלע אויסגערעדט מיט אַ ריינדיקער שטימע, אַז זי האָט ר' שלמהן ביי איר אין צימער באַמערקט. — זייט איר עס געוועזן, וואָס האָט מיך אַזוי שענדלעך, אָן מיין וויסן, פאַרקויפט? האָט איר פאַר גאָט קיין מורא נישט געהאַט אַזוינס צו צון? ניין,

נישט איר זענט עס דאָרט אין גאַסטצימער געזעסן, אַן אנדערער האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך בין אַ כלה געוואָרן. מיין איינציקער פעטער קען אַזוי זינדיק, אזוי פאַלש נישט זיין!...

— האַ? איך בין פאַלש? איך בין שולדיק? נישט דו אליין? אומפאַרשעמט ביזטו, אַ דבוק זיצט אין דיר! טאָג און נאַכט, יאָ און ניין איז ביי דיר אין איין מינוט; אָדער דו מיינסט מיט מיר קאָמעדיעס צו שפילן? אַ הולטייקע ביזטו, אַז דו קענסט נאָך זאָגן, אז איך בין שולדיק און נישט דו אַליין!

מיט די ווערטער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר און געוואָלט אַרויסגיין.

— רחמנות, פעטער, רחמנות האט און הערט מיך אויס!—האָט זי אים נאָכגעשריגן און איז פון בעט אַראָפּגעשפרונגען, אים פארן האַנט אָנגענומען און געוואָלט די האַנט קושן.

— ער האט אָבער מיט צאָרן זיך אַרויסגעריסן און געשריגן:

— אויס רחמנות! אַ שטן, אַ יצר הרע איז רחמנות אויף אַזעלכע! א מוסר עון זאָל עס מיר זיין, רבונו של עולם!

— און אז ער האָט חייעלען דערזען, האָט ער געשריגן:

— הערסטו, חייעלע, מיט איר איז נישט גלאַט, אַ דבוק זיצט אין איר... זי ווייס גאָרנישט, וואס זי רעדט! זאָל פייגע פון איר בעט אַ גאַנצע נאַכט נישט אָפּטרעטן. איך האָב מורא, צי זענען די מזוזות דאָ אין שטוב נישט פסול געוואָרן!... זאָל מען אַ פּאָר תפילין אַריינגעמען אין איר חדר...

מיט די ווערטער איז ער אַוועק אַהיים. חייעלע איז אין רחלעס צימער מער נישט אַריין. נאָר די אַלטע פייגע איז לעבן איר בעט געזעסן. רחלע האט מיט איר קיין איין וואָרט נישט געוואָלט אויסרעדן; אָבער אז זי האָט פייגעס טרערן דערזען, האט זיך איר פאַרשלאָסענער כעס געעפנט: „איז דאס אייער טרייהייט געווען צו אייער געשטאָרבענעם באַלעבאָס, וועלכן איר האָט, ווי מיך, אויף אייערע הענט אויסגעהאָדעוועט?“ האָט זי אָנגעהייבן. „איז דאס גוט אַזוי, פייגע? ענטפערט, האָט איר אויך פאַר גאָט קיין מורא נישט? מעג מען אַ יתומה פאַרקויפן?“.

— בעסער וואָלט איך טויב געוואָרן מיט אַ מינוט פריער, איידער איצט פון דיר. מיין טייער קינד, אַזעלכע ווערטער צו הערן! — האָט פייגע געענטפערט. — גאָט ווייס מיין הארץ, ער זאָל

דיין צער צוזען און מיין אמת דיר באַווייזן! איך האָב נישט אָני געהייבן צו וויסן, וואָס דאָ טוט זיך, ביז דער מינוט, וואָס דו האָסט געחלשט!

— האָט מען אייך אויך גענאַרט. אָ, ווי קען אַ מוטער אזוי שלעכט זיין! ? — האָט רחלע געשריגן מיט כעס.

— דיין ווייטיק רעדט עס פון דיר אַרויס און גאָט זאָל דיינע ווערטער דיר פאַר קיין זינד נישט רעכענען! — האָט פייגע געזאָגט. — דיין מאַמע מיינט דיין טובה... ר׳ הענעך איז אַ גביר, הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט! זיין בן יחיד קען אפשר באמת פאַר דיר אַ גוטער חתן זיין. וואָס ביזטו איר חושד? וואס מיינט דען דיין מאַמע דערמיט?

— אָ, ווי ביטער איז מיר אַצונד, אז אפילו איר ווילט מיך נישט פאַרשטיין!... האט רחלע מיט אַ נייעם גאס טרערן אויסגערעדט.

— איך פאַרשטיי דיך, מיין קינד, מסתמא איז דאך אזוי באַשערט!

— ניין, פייגע, איר ווייסט, ווער דער חתן איז, וועלכן מיין גוטער זיידע האָט נאך פאַר מיר באַשטימט? איר קענט משהלען... אים, מיין ליבן שוועסטערקינד געהער איך, ווי לאנג איך וועל לעבן! איך האָב אים אזוי צוגעשווירן און אַזוי שווערט אים מיין הארץ יעדע מינוט!... איך גלויב אים איינעם מער ווי אייך אַלעמען! מיין הארץ גלויבט אים און זיינע בין איך, כאָטש ער שטודירט! איצט גייט און העלפט אויך מיך פאַרקויפן!...

פייגע האט זי געלאָזן זיך אויסרעדן, אויסוויינען, וויפל דאס הארץ געלוסט. אז זי האט באַמערקט דאָס ליידנדיקע קינד איז שוין אַ ביסל רויקער געוואָרן, האט זי אנגעהייבן:

— איצט, מיין קינד לאז מיך רעדן, איך וויל דיר נישט זאָגן, צי דו טוסט רעכט, צי קרום, איך ווייס נישט. איך בין נישט מער, ווי דיין טרייע דינסט, וואס וואָלט זיך לאָזן פון דיינטוועגן אפילו דאס פלייש שניידן. ווילסטו, גלויב עס מיר, ווילסטו נישט — האב איך אויך קיין פאַריבל נישט. נאר הער כאָטש איינמאל מיין עצה: גיי שוין און בעט איבער דיין מאַמען! רעד מיט איר אזוי, ווי דו רעדסט מיט מיר; נאר קריג זיך נישט, מיט טרערן וועסטו איר הארץ ווייך מאַכן. זי איז דיין מוטער, זי וועט רחמנות האבן, דער־קלער איר, אז דו האָסט נישט געוווסט. איך ערגסטן אופן האסטו אויף זיך די גאַנצע דעה, און צוויי מאל לאָזט מען זיך נישט

נאַרן... איבערגעוואַלט וועט מען דיך צו דער חופּה נישט פירן. זאָג איר דאָס. זיי אַ גוט קינד, באַצווינג דיין כעס, מיט גוטן איז אַלע מאָל בעסער. זיי יוצא פאַר גאָט און פאַר זיך אַליין, מיין ליב קינד!

— איר זייט גערעכט, איך גיי! — האָט זי ווי אַ צעמישטע אויסגערעדט און איז באַלד צו דער מוטער אין שלאָפצימער אַריין.

חייעלע איז אויפן בעט געזעסן זייער אַן אויפגערעגטע פון כעס. רחלע איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אויף דער ערד אַראָפּ־געלאָזן, דעם קאָפּ אויף דער מוטערס קני ארויפגעלייגט און פון וויינען און טרערן איז זי נישט געווען בכוח כאָטש איין איינציק וואָרט אויסצורעדן.

— ביזטו געקומען מיך אַ לעבעדיקע באַוויינען? — האָט חייעלע געפרעגט מיט צאָרן. — שיין, זייער שיין האָב איך אויסגעפירט!... ווי לעב איך די בזיונות איבער! פאַר וועלכע שלעכטס קומט עס מיר, אַז מיין איין קינד זאָל מיך אַזוי אין פּנים פּאַטשן, פאַר אַ פרעמדן מענטשן אין די אויגן?...

— מאַמוניו, ליבע מאַמוניו! — האָט רחלע קוים אַרויסגעשטאַמלט. — אָ, איך בין נישט שולדיק! איך האָב דעם סקאַנדאַל נישט געוואָלט. פאַרוואָס האסטו מיר נישט געזאָגט, אַז אַ מחותן וועט קומען מיך זען? איך האָב נישט געוווסט, גאָט איז מיין עדות!

— עס איז משוגע צו ווערן!.. — האָט די מוטער אויסגעשריגן, — סטייטש, איך האָב דיר נישט געזאָגט? אַוועק פון מיינע אויגן! איידער אַזא קינד, וואָס קען מיר אַזוי לייקענען אין די אויגן, איז בעסער אַ שטיין צו האָבן, רבונו של עולם! האָב איך פון דיר ווען אַזעלכע עזות, אַזעלכע חצופות געזען? סיידן אַ דבוק איז אין דיר. פייגע, קומט אַריין, נעמט זי צו פון מיר! איך האָב מורא מיט איר אין איין חדר צו זיין אַליין.

— מוטער ליבע, — האָט רחלע אויסגערעדט און האָט דער מוטער די פיס געקושט, — האָב רחמנות און הער מיך אויס!...

— ניין, ניין, דו ביזט פון זינען אַראָפּ! עס איז נישט גלאַט מיט דיר! — האָט די מוטער אַלץ העכער געשריגן, — דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט, ווי צו מיינע יאָרן!... נעמט זי צו, פייגע, איך האָב מורא פאַר איר! זאָל מען אַריינרופן אַ פּאָר מענטשן פון זאַוואָד, זאָלן זיי דאָ בעכטיקן די נאַכט! — מיט די ווערטער האָט זי איר קינד אַ שטויס

געטון פון זיך און איז, אַ צעשראָקענע, פון צימער אַרויסגעלאָפן, שרייענדיק: „שומר ישראל איז מיט מיר!"

און דאָס איז קיין אנשטעל נישט געווען. אויסהערנדיק הענעכס ספור, וואס פנחסל האט אים נביאות געזאָגט, האט זי ווירקלעך געגלויבט, אז מיט רחלען איז עפעס נישט נאַטירלעכעס געשען. זי האט זיך נישט געקענט דערמאנען, אז זי האט איר נישט געזאגט, אז דער מחותן, וואס דאַרף קומען, וועט קומען נאר זי צו זען און האָט דעם טעות זיך נישט געקענט דערקלערן; זי האט נאר געדענקט, אז זי האט מיט איר גערעדט, רחלע האט זי מחילה געבעטן און אַ וואָרט געגעבן: צעפרידן צו זיין, ווי עס מאכט זיך, און איצט לייקנט זי איר אָפּ אין די אויגן!? נישט אַנדערש, זי ווייס אַליין נישט, וואָס מיט איר טוט זיך, אַ דבוק זיצט אין איר!

— איצט, פייגע, ווייס איך באמת נישט, צי בין איך משוגע, צי נישט... — האט רחלע שווער, אָן כּוחות אויסגערעדט, אז פייגע האָט זי צוריק אין איר צימער אַריינגעפירט. — איך בעט אייך, אויב איך וועל ווירקלעך פון זינען אַראָפּ, זאלט איר מיך נישט איבערגעבן, נישט צו מיין מוטער, נישט צו מיין פעטער, גאָט האָט זייער האַרץ פאַרשלאָפן פון מיר... אָ, לאָזט מיך נישט אַליין!...

מער האט זי נישט גערעדט און איז מיט אָפענע אויגן שטום אויף איר בעט געלעגן. פייגע האט אויך מורא געהאַט אַן אויג צו צוטון, און האט איר טייער קינד אָפּגעהיט די גאנצע נאכט. אז עס איז טאג געוואָרן, איז רחלע אַנטשלאָפן געוואָרן, נאר אז זי האט זיך אויפגעכאפט, האט זי שוין פון איר בעט נישט געקענט אַראָפּ.

ר' שלמה האָט די נאַכט אויך נישט געשלאפן. און ווי האט ער געקענט שלאָפן נאך אזא אָוונט, וואס האט זיין האַרץ אויף שטיקער צעריסן!... דער קאָפּ איז אים שווער, ווי בליי געוואָרן, ווען ער האָט נאר אַ טראכט געגעבן, וואס אין היינטיקן אָוונט איז געשען און ער האט בעסער גאָר נישט געטראַכט; אָבער פון זיין דבורהס טרערן האט ער זיך נישט געהאַט ווו צו באהאלטן, און דבורה האט צו וויינען נישט אויפגעהערט פון דער מינוט אָן, וואס ער האט איר אנגעזאגט, אז בײַ רחלען איז היינט אַ קנין געווען. „משהלע, מיין עלנט קינד!" האט זי געקלאגט, „גאט מעג דיין צער און עלנט צוזען!"... מער האט זי נישט גערעדט; נאר אירע טרערן האבן זיך

וואס ווייטער, אַלץ מער געגאַסן. ער האָט זי געטרייסט, דערקלערט, אַז גאָט באַווייזט אים נסים אַזעלכע, וועלכע ער איז מיט זיינע מעשים גאַרנישט ווערט!... נאָר דבורה האָט אירע טרערן נאָך אַלץ נישט געקענט איינהאַלטן, זיי זאָלן פון אירע אויגן זיך נישט גיסן. ר׳ שלמה האָט שוין זיין געדולט פאַרלוירן און מיט כעס אַ געשריי געטון:

— נו, גיי, דו זינדיקע נאַרישע אשה, און זאָג דעם רבונו של עולם אַ דעה, אַז דיר געפעלט נישט, וואָס אים איז יאָ געפעלן!... האָב פאַריבל אויף אים, וואָס ער האָט פאַר רחלען אַן אַנדער חתן געפונען, נישט דעם, וועלכן זי וויל און וועלכן מיר האָבן געוואָלט... אדרבה, העלף זיך, אַז דו קענסט!

— אָבער וואָס איז דאָ גאָט שולדיק? — האָט זי געטענהט. — דו מיט חייעלען האָבן דעם קנין געמאַכט און נישט גאָט...

— אַ ליגן זאָגסטו, ווי דו זעסט מיך אַ יידן, אַז אַ ליגן זאָגסטו! — האָט ער געשוואוירן. — איך האָב געוואָלט? זאָל איך קיין גוטס נישט וויסן, אויב איך האָב גאָר געוווסט צוליב וואָס האָט מען מיך געבעטן קומען! נאָר, גאָט ברוך הוא, האָט אַזוי געוואָלט, און עס איז געוואָרן אַ קנין. פשוט: אַזוי איז באַשערט מסתמא משמים און גיי זיי אַ גבור, טו פאַרקערט, אַז דו קענסט!

— זכות אבות, זכות אבות! — האָט דבורה, געטענהט, — זאָלן די אויסגעלייטערטע נשמות פון די יתומים דאָרט נישט שווייגן! אַז איך וואָלט קענען, וואָלט איך שוין לויפן אויפן ריינעם אָרט, און בעטן דעם שווער, עליו השלום, ער זאָל מיט זיין זכות נישט דערלאָזן זיינע עלנטע אייניקלעך פאַרפרעמדט ווערן... איך וואָלט משהלעס טאַטן פון זיין שלאָף אויפוועקן, זאָל ער כאָטש דאָרט אין הימל טענהן פאַר זיך. מיר זענען זינדיקע לעבעדיקע מענטשן, וואָס ווייסן מיר, וואָס קענען מיר!...

— גוט כאָטש, וואָס דו ביזט צום שכל געקומען און דו פאַרשטייסט, אַז מיר, לעבעדיקע, קענען גאָרנישט, — האָט ר׳ שלמה זיך אָפּגערופן. — זיי, נאָר זיי קענען אַ דעה זאָגן, מסתמא שווייגן זיי נישט, און מיר גלויבט זיך, אַז דאָס, וואָס רחלע האָט אונדז אַזעלכע בזיונות אָנגעטון, איז דאָס אויך נאָר זייער אַרבייט... אָבער מיר, לעבעדיקע, מוזן קוקן און שווייגן.

אז עס האט אָנגעהייבן צו באַגינען, איז ר׳ שלמה אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער דבורה האט אים אין טאָג אַריין פיל נישט גע־לאָזט שלאָפן.

— גיי, מיין מאַן, אַ קוק טון, וואָס מאַכט רחלע, דאָס האַרץ רוט אין מיר נישט, צום גוטן זאָל עס זיין!

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט גיין? — האָט ער געפרעגט. — גיי דו, איך בעט דיך.

— איך דאַרף נישט גיין, — האָט דבורה זיך אָפּגערופן, — חייעלע האָט זיך אפילו גאָרנישט דערמאַנט מיך צו בעטן אויף דעם קנין? ווי פאַרגעסט מען דאָס, אַז מער ווי די איין־איינציקע מומע האָט נישט איר קינד דאָ? ניין, איך טאָר נישט גיין, זאָל זי כאָטש וויסן, אַז זי איז אומגערעכט און זאָל זי זיך שעמען.

ר׳ שלמה האָט מודה געווען, אַז דבורה איז גערעכט און איז אַליין אַוועק צו חייעלען, נאָר ביי דער טיר האָט אים שוין חייעלע באַגעגנט מיט די ווערטער:

— אָט נאָר וואָס האָב איך געוואָלט זיין ביי אייך, בעטן מיין שוועגערן, זי זאָל קיין פאַריבל נישט האָבן, וואָס איך האָב קיין צייט נישט געהאַט נאָך איר צו שיקן... גאָט איז מיין עדות, אז איך האָב אַליין נישט געוווסט, אַז דער קנין וועט אַזוי גיך ווערן!

— גיי טאַקע, פאַרענטפער זיך, — האָט ער געהייסן, — איך וועל דאָ דערווייל מיט רחלען אַריינרעדן.

כאָטש רחלע איז אַזוי שוואַך געווען, אַז זי האָט פון בעט נישט געקענט אַראָפּ באַלד ווי זי האָט אין דערפרי אירע אויגן גע־עפנט, נאָר קוים האט זי דערהערט דעם פעטערס שטימע, האָבן זיך אין איר נייע כּוחות געפונען ווי ביי איינעם, וואָס טרענקט זיך, אז ער דערזעט אַ רעטנדיקע האַנט נאָנט פאַר זיך. גיך האט זי אַ קליידל אויף זיך אַרויפגעוואָרפן, און, נישט באַווייזנדיק אירע שיך צו געפינען, איז זי אַזוי צום פעטער אין זאַל אַריינגעלאָפן. מיט אַ שטימע, וועלכע קען רירן אַ שטיין, האָט זי אויסגערעדט:

— פעטער, ליבער גוטער פעטער! — אָבער באַלד האָט זיך די שטימע איבערגעריסן און זי איז אָן ווערטער דעם פעטער אויפן האַלדז געפאַלן.

— וואס ווילסטו? — האט ער געפרעגט און אירע הענט פון זיין האַלדז אַראָפּגעריסן. — אין כּעס בין איך אויף דיר, פאַרשטייסטו,

און איך וויל דיינע קושן נישט! אַזעלכע חרפות ביושים, נישט דאס האָב איך גערעכנט...

— דערקלערן אייך, ליבער פעטער, אַז איך בין נישט שולדיק! — האָט זי קוים אויסגערעדט. — הערט מיך אויס, פעטער, מער ווי אייך איינעם האָב איך נישט, ווער עס זאָל מיך הערן!

— אַז דו האָסט חרטה, זאָג, וועל איך דיך אויסהערן! קיין אַנדער תירוץ וויל איך נישט צוהערן. ווארים אַלץ, וואָס דיין נאַרישע צונג רעדט, איז גלייך ווי זיך צוהערן צו דעם ווינד, וואָס פייפט... האָט עס אַ ממשות? אַזאַ ממשות האָבן דיינע ווערטער, אַזאַ קיום האָבן דיינע שבועות!... ווי לאַנג האָסטו מיר געשוואוירן, אַז נאָר דער שייגאָץ משהלע איז דיין חתן, און קוים איז דער ערשטער מחותן געקומען אַ קוק טון אויף דיר, האָסטו דיך אויסגעפוצט, זיך משמח געווען, גלייך ווי דו וואָלסט גאָר קיינמאָל וועגן אַן אַנדער חתן נישט געקלערט! וואס אמת, איז אמת, איך האָב בעת מעשה געוואָלט אַ שפיי טון אויף דיר!... ווי האט מען דאס אַזא גרינגע דעה? נאָר אין מיטן האָב איך מיר באַקלערט: טאָמער איז דאס דיר פון גאָט אַזוי באַשערט, ווארים והראיה, דו האָסט גאָר משהלען פאַרגעסן?.. נו, אויב אַזוי, קלער איך מיר, טאָ לאז זיין אַזוי, ווער קען גאָט, ברוך הוא, אַ דעה זאָגן? פלוצלונג כאַפּט דיך ווידער אָן אַ טירוף און ווערסט משוגע, און שרייסט: מען האָט דיך גענאַרט און מאַכסט אונדז אזעלכע חרפות ביושים!... היינט גיי הער זיך צו, וואס אַזא רעדט? דו ווייסט אַליין נישט, וואס דו ווילסט!

— ווי קענסטו, גאָט, דעם דאָזיקן טעות צולאזן!? — האט רחלע מיט אַ באַקלעמטן האַרץ אַרויסגערעדט. — דו ווייסט דאך, אז איך האב נאך מיין משהלען איין מינוט נישט פאַרגעסן! וואס פאַרשליסטו דאָ טרייע האַרץ פון מיין איינציקן פעטער?...

זי האט די ווערטער צו גאט גערעדט, אבער זיי זענען דאך דעם פעטער אין האַרץ אריין. ער איז שוין געבייגט געווען מיט איר וויכער צו רעדן, אבער חייעלע, וועלכע איז ארויסגעגאַנגען, איז איצט, דער־זענדיק רחלען, צוריק אַריינגעלאָפן.

— מען קען משוגע ווערן פון אזא קינד! — האט זי מיט אימפעט געזאגט. — איך האב געוואלט ביי אייער דבורהן זיין, אבער דער קאָפּ איז מיר אזוי פיל פארשלאָגן און איך האב גאר פאַרגעסן, אז איך בין עפּעס א מחותנתטע מיט מזל געווארן און אז דער מחותן איז

נאָך דא און קען מיך באַגעגנען אײַנגעהילט אין אַ טוך עפּעס ווי אַ מאַרק-יידענע, האָט ער מיך אָנגעקוקט... גוט, וואָס איך האָב אים אָפּגעהאַלטן, ער וואָלט די קלוגע כלה זײַנע איצט געפונען אין זאָקן, ווי אַ משוגענע, נישט דאָ געדאַכט! גייט אַרויס, ר׳ שלמה, ער וואַרט אויף אײַך.

ר׳ שלמה איז נאָך איר אַרויס געגאַנגען. אין עפּטימער האָט ר׳ הענעך דערציילט: ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן איבער דעם נעכטיקן עגמת-נפש און האָט קוים טאָג דערהאַרט צו קומען זיך נאָכפרעגן וואָס מאַכט די כלה; נאָר איצט איז ער רויק: ער האָט פון ר׳ פנחסלען בעקומען אַ טעלעגראַמע... נאַט, זייט מוחל, לייענט!" ר׳ שלמה האָט די ברילן אָנגעטון און שווערלעך איבערגעלייענט: „טעלעגראַמע רבין געוויזן זייט רויק געזונט ווערן מזל-טוב זייט רויק פנחס." ר׳ שלמה איז געשטאַרקט געוואָרן. און אום ר׳ הענעכן אַ נייעם צער נישט צו פאַראורזאַכן, האָט ער אים אַ תירוץ געזאָגט, אַז ער קען איצט די כלה נישט זען, ווייל זי שעמט זיך... זי ווייס אַליין נישט וואָס מיט איר איז נעכטן געשען. דערפאַר, מחותן, וועט איר מיר צוליב טון און זיך נישט לאָזן בעטן ביי מיר הײַנט אויף אַ מיטאָג צו קומען. איך מוז דאָס מיין אַלטער אויך מצה זיין: נעכטן איז דער קנין אַזוי אומגעריכט געווען, אַז אפילו דאָס ווייב מיינס איז דערביי נישט געווען... זי איז גערעכט, אַז זי האָט דערפון ,סורים, נישט אמת?

ר׳ הענעך האָט צוגעזאָגט אַ זייגער דריי צו קומען, און דאַט זיך פריינטלעך צעזעגנט. חייעלע איז אַוועקגעלאָפן צו דבורהן און מיט רייד און אַנטשולדיקונג פועל געווען, אַז דבורה זאָל אַ שיינעם מיטאָג צוגרייטן. דריי אַ זייגער איז ר׳ הענעך געקומען. אויך שימעלע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און איז געקומען נישט געבעטן. ר׳ הענעך האָט אים שטילערהייט אַ זאָג געטון: ער, שמעון, וועט קיין חרטה נישט האָבן, אַז ער וועט פועל זיין, עס זאָל טאַקע הײַנט זיין תנאים. „זאָל מען טאַקע זען שוואַרץ אויף ווייס, אַז מיין זון איז אַ חתן געוואָרן". שמעון האָט אָפּגעוואַרט דעם פּלאַן פאַרצולייגן, ביז ער האָט באַמערקט, אַז ר׳ שלמה איז שוין פון דער משקה אַ ביסל אָנגעוואַרעמט געוואָרן.

— וואָס וואָלטן די מחותנים זאָגן, — האָט ער אַ זאָג געטון: —

אז איך וואָלט, מדומה למשל, זאָגן, אַז מען זאָל טאַקע איצט כן ו נאים?

— פון מיין זייט איז קיין מניעה נישט! — האָט ר׳ הענעך גע־ענטפערט. — אדרבה, מיר איז טאַקע דאס ניחא.

— און וואס זאָגט איר, חייעלע? — האָט שמעון געפרעגט, ווען הענעך איז מיט אַ בכיון אַרויסגעגאַנגען.

— וואס זאָל איך זאָגן? — האָט זי געענטפערט. — דער פעטער איז עלטער און קליגער פאַר מיר, זאָל ער זיין דעה פריער זאָגן.

— און איך זאג, — האָט ר׳ שלמה זיך אָפּגערופן, — עס האָט נאָך צייט!

— זאגט איר אַליין, — איז שמעון אַריינגעפאַלן אין די רייד, — איז נישט גלייכער פאַר אייך, אז עס זאָל אַלץ אָפּגעשריבן זיין שוואַרץ אויף ווייס? נאָר הרבו עלי מאוד מוהר ומתן, בעט וואָס מער, ר׳ הענעך זאָל זיך מתחייב זיין, איר וועט אַלץ אויספירן. פאָלגט מיר און זאָל מען שרייבן די תנאים.

— איך בעט אייך, ר׳ שמעון, — איז ר׳ שלמה מיט זיין דעה אַרויס, — רעדט נישט אומזיסט! נעכטן האָב איך פון דער כלה קיין בפרוש וואָרט נישט געהערט, אז זי איז נישט צופרידן, האָב איך גערעכנט פאַר אַן אמך, אז זי איז אליין אויך מסכים.

— אזוי אמת, זאל מיר גאָט באַגליקן מיט אלץ, וואס איך ווינטש מיר! — האָט חייעלע געשוווירן. — אַ נויט איז מיר געווען אייך אַליגן צו זאָגן? איך האָב עס גאָר פון אייך נישט פאַרדינט, שוואָגער. עס ווייזט אויס, ווי איך וואָלט מיין אייגן קינד זיין אַ שטיפמאַמע און איך האָב עס געוואָלט פאַרקויפן פאַר מי יודע ווּעמען!...

ביי די רייד האט זי אָנגעהייבן וויינען.

— נישט האב קיין פאַריבל! — האט ר׳ שלמה איבערגעבעטן. — איך בין דיך, חלילה, נישט חושד דאס, וואס אפילו אַ שטיפמאַמע וואלט עס אויך נישט טון. נאר איך זאָג, אז היינט איז פאָרט נישט גלייך צו נעכטן, ווייל היינט האב איך פון איר בפרוש געהערט, אז זי וויל דעם שידוך נישט... עולם כמנהגו נוהג, חייעלע, מען דאַרף זיך נוהג זיין, ווי דער מנהג איז אין דער וועלט: אַמאָל איז דער מנהג געווען, אז חתן־כלה זאָלן זיך זען ערשט צו באַדעקנס; איצט אָבער איז מען זיך אין פיל מקומות נוהג, אז חתן־כלה זעען זיך נאָך קודם תנאים, בפרט ביי אַ יתומה, וואס מיר האבן דערויף אַ סמך פון

פסוק... פריער, בעת בתואל הארמי האט נאך געלעבט, דערציילט דער פסוק: ויען לבן ובתואל ויאמרו מה׳ יצא הדבר, מיר זעען דאָ אַ גאָט-זאך... לא נוכל דבר אליך רע או טוב, מיר קענען קעגן אַ גאָט-זאך נישט שלעכט, נישט גוט זאָגן... הנה רבקה לפניך קח ולך: נעם זי! דערנאך, ווי דער מדרש וויל האבן, אז אַ מלאך איז געקומען און האט בתואלן געהרגעט און די כלה איז געווארן אַ יתומה, דערציילט שוין דער פסוק: ויאמר אחיה ואמה, איר ברודער און איר מוטער; ווארים דער פאטער איז שוין נישט געווען. תשב הנערה אתנו ימים או עשר: זאל נאך דאס מיידל זיין ביי אונדז כאָטש אַ צען טאָג, ווארים זי איז שוין אַ יתומה און אין אַ שידוך פאַר אַ יתומה טאָר מען נישט איבעראיילן זיין. אָבער אַז אברהמס שליח האָט זיי געזאָגט: „וואָס האַלט איר מיך אויף? איר זעט דאָך, אַז גאָט האָט מיין וועג מצליח געווען!” האָבן זיי געזאָגט: פונדעסטוועגן איז דער יושר, נקרא לנערה ונשאלה את פיה: לאָמיר פרעגן די כלה אַליין, וואָרים מען טאָר אַ יתומה נישט נויטן. פאַרשטייט איר? כאָטש איך זע אין דעם שידוך אַ גאָט-זאך און איך קען נישט זאָגן, אַז איך בין נישט מסכים, אָבער אונדזער רחלע איז אַ יתומה, און איידער זי וועט אַליין איר חתן זען און אונדז נישט זאָגן, אַז ער געפעלט איר, וועל איך בפירוש צו אַ תנאים אָן איר הסכם נישט מסכים זיין!

— ר׳ שלמה, — האָט זיך שימעלע אַרויסגעכאַפּט מיט גרויס היץ, — איך וויל אייך איבערזאָגן אַ שטיקל תורה, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט פון ר׳ פנחסלען, טאַקע אין דעם אייגענעם ענין. עולם כמנהגו, טייטשט ר׳ פנחסל, נישט כמנהג המקום והמדינה, נאָר כמנהגו של מקום, ברוך הוא, ווי דער מנהג פון דעם קודשא בריך הוא אַליין?... לאָמיר זען, זאָגט ר׳ פנחסל, ווי האָט דער כביכול זיך נוהג געווען, בעת ער האָט באַדאַרפט חתונה מאַכן זיין ערשט געבוירענעם יצור כפיו, וואָס ער איז שקול כנגד כל הנשמות שבגוף? האָט ער אים געפרעגט: וועלכע כלה ווילסטו? האָט ער אים געזאָגט: זאָג מיר, מיין אדמל, ווילסטו אַ כלה אַ ביסל אַ פאַרצייטיקע אפילו, אָבער דווקא אַ פרומע יידישע טאָכטער, אָדער דו מיינסט דווקא אַ היינט-וועלטיקע מיט פראַנצוויזמעריש, מיט ליבע וכדומה? צי האָסטו ליב אַ „ברוינע-עטע”, ווי די מופקרים רופן אָן די שווארץ-חנוודיקע בתולות אָדער עס וועט אפשר נישט שאַטן אַ „בלאָנ-דינע” מיט ווייסלעכע שערות, מיט אויגן בלאָע, ווי דער הכנף פתיל תכלת? ווי די תורה הקדושה דער-

ציילט אונדז, האָט גאָר דער רבונו של עולם דעם חתן דנן געהייסן זיך שלאָפן לייגן: „שלאָף, מיין קינד, אויף אַ כלה בין איך אַ מבין, נישט דיין זאַך, דו וועסט צונעמען, וועלכע איך וועל דיר געבן!” וכך הוה: אדם האָט זיך רויק געשלאָפן און איז אויפגעשטאַנען, און באַלד טאַקע צו דער חופה געגאַנגען... און געליבט איז ער, דאס יינגע פאָר-פאָלק האָט קינדער און קינדס קינדער געהאַט און מיר אַלע זענען זייערע אייניקלעך, אפשר נישט אמת? אַי, וואָס? איר ברענגט אַ ראיה פון דער תורה, וואָס זיי האָבן געזאָגט: לאָמיר פרעגן די נערה? זאָג איך אייך, איר האָט אַ טעות. זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט אדם הראשון, וואָס ער האָט דאָך בוודאי קיין פאטער נישט גע-האָט, נישט געהאט דעם דין פון אַ יתום? פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם קיין מורא נישט געהאַט, טאָמער וועט אדם האָבן אויף אים תרעומות, פארוואָס ער האָט אים חתונה געמאַכט מיט חוהן, איידער ער האָט זי נאָך געקענט און געזען? אלא, מוזן מיר זאָגן, אז דער מנהג פון פרעגן אַ כלה און פון זען זיך פאַר די תנאים איז דאָס נאָר געוועזן אַ מנהג לבן הארמי און נישט אַ מנהג ישראל, חלילה. על-כן פאַרגעסט נישט, רבותי, אז דער רבי, זאָל לעבן, האָט געהייסן ר' הענעכן פאָרן קיין קלייניץ און אים צוגעזאָגט, אז פון קלייניץ וועט ער שוין אָן אַ תנאים נישט אַוועקפאָרן, מסתמא האט ער דאָך עפּעס מכוון געוועזן!... סיידן, ר' שלמה, איר זענט אַ מתנגד און איר האָט קיין אמונת צדיקים נישט?

— אַ מתנגד זייט איר אליין! — האָט ר' שלמה ברוגז זיך אָפּ-גערופן. — אייך גייט דאָ אום אייערע שדכנות, מיר אָבער גייט דאָ אום לעבן, אום, לעבן, זאָג איך אייך! קיין קליינִיקייט נישט, טרערן פון אַ יתומה!... בהמות, וואס פאַרשטייט איר נישט, אז מיר אַיז דער שידוך געפעלן? וואָס זאָל איך אָבער מיט איר טון?

חייעלע האט איר שוואָגער גוט געקענט און דעריבער האָט זי בעזען אָנצווענדן דאָס לעצטע מיטל.

— ווייסט איר, וואס איך וועל אייך זאָגן? — האָט זי אַן עצה גע-געבן. — דער פעטער איז גערעכט. לאָמיר אַריינרופן ר' הענעכן און אַ פּאָר גוטע פריינט און מען זאָל שטעלן אַ ביסל משקה און כאַטש זאָגן איינע די אנדערע מזל-טוב... אָט וועט ר' הענעך באמת כאָטש וויסן, אז עס איז אַ קנין געוועזן!

— אויף אַ ביסל משקה, זעסטו, בין איך מסכים גאָה אָן ישוב־הדעת, — האָט ר׳ שלמה צוגעשטימט.

חייעלע האָט שימעלען געבעטן זיך מטריח זיין און צוזאַמענבּרענגען אַלע נאָנטע קרובים, און דערווייל האָט ר׳ שלמה מיט ר׳ הענעכן דורכגערעדט פאַרשידענע פרטים. דבורה איז באַשעפטיקט געווען צו־צוגרייטן אַ פיינעם מזל-טוב, און זי האָט זיך פאַרגניגט, אַז דאָס אַלץ טוט זיך ביי איר אין שטוב. עס זענען צוזאַמענגעקומען געסט, מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה און מעריב, און מען האָט זיך אַרום טיש געזעצט.

— כהן מברך! — האָט שימעלע, אַלס סאַרווער, אויסגעשריגן, בשעת ער האָט ר׳ שלמהן צוגעטראָגן דאָס ערשטע גלאָז וויין.

ר׳ שלמה האָט געמאַכט אַ ברכה, געזאָגט לחיים און האָט אויס־געטרונקען. נאָך אים האָט ר׳ הענעך געטרונקען, די מחותנים האָבן זיך מזל-טוב געזאָגט און זיך הייס געקושט. חייעלע האָט מזל געווינטשן דבורהן, דבורה איר — אויך דאָס אייגענע, און אַז ר׳ שלמה האָט געהאַלטן ביי דעם כוס רביעי, איז ער שוין געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. ר׳ הענעך האָט זיך אויסגערופן מיט אַ נדבה הונדערט רובל אויף בקור חולים אין קליינציצער חברה, אויב מען וועט היינט שרייבן תנאים. אַלע מחותנים און קרובים זענען באַלד אַריבער אויף ר׳ הענעכס צד און ר׳ שלמה, וועלכער האָט שוין קיין כוח נישט געהאַט אויף זיינע פיס איינצושטיין, האָט זיך שוין אפילו אויף זיין דעה נישט געקענט האַלטן און האָט אויך נאָכגעגעבן. מען האָט גע־שריבן און געחתמעט, מען האָט טעפּ און טעלער צעבראָכן און גע־טרונקען ביז רעכט באַגינען. דעם צד המשנה האָט מען איינגעשריבן אַ העלפט פון דעם נדן קנס, און אַזוי האָט מען לפנים געשריבן עשרת אלפים נדן מצד הכלה, כאָטש באמת האָט מען הענעכן אָפן געזאָגט, אַז העכסטן קען דער כלהס נדן און חלק ירושה באַטרעפן ביז פינף טויזנט. פאַר דעם פונקט האָט זיך ר׳ שלמה דערשראָקן. אָבער ער האָט זיך רעכט שיכור געפילט און זיין צונג האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצורעדן, וואָס זיין האַרץ פילט.

ה.

ר׳ הענעך האָט זיין וואָרט מקיים געווען און האָט צוגעשיקט שמעונען אַ טייערע ציג. אַז שמעון האָט חייעלען אָנגעזאָגט, וואס פאַר אַ מתנה ער האָט באַקומען פון איר מחותן, האָט זי אים געווונטשן, ער זאָל זי פאַרניצן געזונטערהייט, און האָט געהייסן אַרויסגעבן פון הייזן-וואוואָד, בראַע, וויפל זיין ציג וועט נאָר קענען אויסטרינקען, און האָט אפילו צוגעזאָגט קומען אַ קוק טון אויף זיין ציג.

ר׳ שמעון אַליין איז דערביי געשטאַנען, בעת מען האָט דער ציג דעם ערשטן טרונק געגעבן, און בעת זי האָט איר ציגענע מאָרדע מיט איר באָרד צוזאַמען אַריינגערוקט אין דעם קלייענטרונק און געזופט מיט אַפעטיט, האָט שמעון נחת געקליבן און האט פאַר איר אַ טעם געפילט, ווי ער וואָלט אַליין אין דער מינוט געטרונקען דעם בעסטן וויין. אַז מען האָט די ציג פאַרנאַכט אויסגעמאָלקן, האָט ער געפרעגט:

— וויפל גלאָז מילך בערך גיט אונדזער ציגעלע?

— איך ווייס נישט, וואס דאַרף איך מעסטן?

— דו ביזט גערעכט! — האָט ער צוגעשטימט.—דאס איז אַ בפירושע גמרא. די גמרא זאָגט: מזל ברכה איז נאָר שולט אין אַ זאַך, וואָס איז פאַרהוילן פון אויג, דאס הייסט וואָס מען ציילט נישט, וואָס מען מעסט נישט און וואָס מען וועגט נישט. איצט פאַרשטיי איך, צו וואָס דו האָסט די דוּיניצע מיט דיין פאַרטוך אַריבערגעדעקט תיכף ווי דו האָסט אונדזער כשר ציגעלע אויסגעמאָלקן...

— זעסטו, כאָטש איך האָב נישט געלערנט קיין גמרא און כאטש איך האב נישט געהאַט קיין אייגענע קי און ציגן צו מעלקן, פונדעסט-וועגן ווייס איך, ברוך השם, ווי אַ באַלעבאָסטע צו זיין! — האט דאס ווייב זיך באַרימט פאַר איר מאַן.

זי האט די מילך דורך אַ האַנטוך דורכגעזייט און אים געגעבן צו פאַרזוכן אַ האַלב גלאז. ר׳ שמעון האט אַ ברכה געמאַכט שהכל נהיה בדברו, אַ זופּ געטון און דאָס גלאז אויפגעהייבן, זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מילך אַריין, ווי אַ געניטער טרינקער, וואס האט אַ הנאה צו קוקן אויף דעם וויין, וואס קאָלירט זיך אין ווייןגלאָז.

— פאַרוואָס טרינקסטו נישט? — האט דאס ווייב געפרעגט.

— איך קלער: צי מעג איך מאַכן אַ ברכה שהטינו בשם ומלכות.

צי נישט? דערמאָן זיך נאָר, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו דער־לעבן! אַ קינד אויסצוגעבן פאַר אַ פיינעם באַלעבאָס, אַן אַן עין הרע, און מיר האָבן נאָך אַן אייגענע ציג, איינע אין שטאָט... לייטישע ציגן זענען קעגן איר ציגעלעך...

— מיר מעגן מאַכן שהחינו און דאַנקען און לויבן דעם רבונו של עולם פאַר זיינע חסדים, — האָט דאָס ווייב, אויפהייבנדיק הענט און אויגן צום הימל, אויסגערעדט.

— ר׳ שמעון האָט געמאַכט „שהחינו”. ווי ער וואָלט זיך נישט פאַרגונען מיט אַמאָל די טייערע משקה אַראָפּצושלינגען, האָט ער יעדן זופּ געהאַלטן אין מויל, וואָס לענגער צו פילן דעם טעם.

— וואָס זאָגסטו אויף די מילך? דו דאַרפסט דאָך זיין אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן, — האָט דאָס ווייב מיט חניפה געפרעגט.

— משקה! בעסער, ווי דער יין הטוב! — האָט ער געענטפערט. — אַ מאכל מלכים, זאָג איך דיר! מיך פאַרדריסט נאָר, וואָס אונדזערע חכמים, ז״ל, האָבן אויף מילך נישט קובע געווען אַ ברכה בפני עצמה, ווי אויף וויין, און האָבן געהייסן מאַכן „שהכל”, עפּעס גאָר ווי אויף וואַסער; נאָר דאָס איז אויך רעכט. דאָס האָבן זיי געמיינט: אין ארץ־ישראל, וואָס זי איז געווען אַן ארץ זבת, חלב ודבש, מילך און האָניק, האָבן דאָרט טייכנווייז געפלאָסן, איז קיין חידוש נישט, וואָס זיי האָבן מילך נישט געהאַלטן פאַר אַזאַ חשובע משקה; אָבער ביי אונדז, אין חוץ לארץ, איז טאַקע מילך זייער אַ חשובע משקה, און מיר מעגן דאַנקען דעם רבונו של עולם פאַר דאָס ביסל מילך און בעטן אים געזונט און יאָרן פאַר אונדזער ציגעלע, זאָל לעבן! פאַרזוך דו אויך אַ ביסל, איך בעט דיך, — האָט שמעון צערטלעך געבעטן זיין פרוי, — דו מעגסט זיך פאַרגינען, נישקשה, אונדזער ציגעלע וועט אונדז מאָרגן געבן אַנדערע.

זי האָט אויך פאַרזוכט און אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז מיט אַ שווערן זיפץ.

— וואָס זיפסטו, שטיא? — האָט ער טריי און צערטלעך געפרעגט.

— איך מוז דיר זאָגן, מיין מאַן, — האָט זי איר פול האַרץ פרייד אויסגעגאָסן, — איך האָב מורא, צי וועלן די גרויסע חסדים, וואָס דער רבונו של עולם טוט מיט אונדז, חלילה, נישט זיין אונדז, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַן אָפּרעכענונג פון אונדזער חלק לעולם הבא אין

גן-עדן? איך ווייס גאָרנישט, פאַר וועלכע מעשים טובים מיינע גיט עס מיר דער רבונו של עולם אַזוי פיל נחת מיט אַמאָל?

— דו ביזט אַ יידינע, — האָט ער געזאָגט, — דו ווייסט גאָרנישט, אַז אַמאָל איז דאָ זכות אבות, אַמאָל איז גורם אַ ברכה פון אַ צדיק — האָב קיין מורא נישט, אונדזער שכר אין גן-עדן וועט אונדז נישט געמינערט ווערן, וואָרים דער שכר פון אַ מצווה איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אַזוי זאָגט די גמרא און אַזוי שרייבט ר' פנחסל אין דעם ברכה-בריוול בפירוש, אַז דאָס שיקט ער מיר נאָר שכר טרחה, אָבער נישט שכר מצוה! פאַרשטייסטו שוין, וואָס מען רעדט צו דיר?

פון דעם טאָג האָט שמעונס ציג נושא חן און קונה שם געווען אין גאַנץ שטאָט. אַלע האָבן זי געקענט און מען האָט זי קיין אַנדער נאָמען נישט גערופן, נאָר „די מזל-ברכה-ציג". די חדר-יינגלעך פלעגן איר זייער פרישטיקס און חדר-מיטאָגן אַוועקגעבן און האָבן זי גערופן: „דעם רבינס ציג!" זיי האָבן אויף איר געקוקט עפעס ווי אויף אַ הייליקער זאַך און האָבן מורא געהאַט זיך צו זעצן רייטן אויף איר. אפילו דער פאַסטוך פון דער טשערעדע האָט פאַר איר דרך ארץ געהאַט און האָט איר אַ נאָמען געגעבן „ראַבינא מאשקא".

ר' שמעון האָט באַלד נאָך דער ציג אויך זיינע שדכנות באַקומען פון ביידע צדדים באָכמער, וויפל ער האָט געהאָפט און ער האָט שוין געקענט אָנהייבן צו ריכטן זיך אויף דער חתונה ביי זיין טאָכטער, וועלכע ער האָט געוואָלט מאַכן, — אַז גאָט האָט אים שוין יאָ געהאָלפן, — מיט גרויס פאַראַד. קליידער, בעטגעוואַנט און אַלע איבעריקע הצטרכותן האָט שוין זיין ווייב צוגעגרייט, און געהאָרעוועט טאָג און נאַכט איר ערשט קינד אויסצוגעבן אויף דעם פיינסטן אופן. עס האָט נישט מער געפעלט, ווי אַ זאַל אַ גרויסער, ווו די חתונה אָפצושפילן. ר' שמעון האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט נאָר מיט חייעלען איין וואָרט איבעררעדן, וועט זי לאָזן די חתונה מאַכן ביי איר אין שטוב.

— און דאָס פאַרשטייסטו, מיין ווייב, וועט פאַר אונדז קיין חסרון נישט זיין. חייעלע וועט וועלן אונדזער שמחה באַשיינען און וועט מסתמא זען, אַז עס זאָל קיין זאַך נישט פעלן!

— דאָס פאַרלאַנג איך גאָרנישט, — האָט דאָס ווייב געזאָגט. — איך האָב, ברוך השם, אַלץ צוגעגרייט. מיר דאַרפן, חלילה, נישט אירס! ביז דער חתן וועט קומען פון יריד, ווו ער איז מיט מזל געפאָרן,

וועט נאָך געווערן געוויס אַ פּאָר וואָכן. נאָר דערווייל שאָדט נישט, דו זאָלסט מיט חייעלען איבעררעדן און זי זאָל דיר צוזאָגן. גיי טאַקע היינט אַריין, מיין מאַן, צו איר.

ר׳ שמעון האָט זיין ווייב געפאָלגט און איז אין אָוונט, נאָך דעם זעלבן געשפּרעך, אַריינגעגאַנגען צו חייעלען. חייעלע האָט אים געענטפערט:

— איך וואָלט עס טון מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן, און איך בין טאַקע מחויב דאָס צו טון, נאָר עס מוז נאָך געווערן אַ ביסל, ווייל איצט איז נאָך רחלע נישט גאָר געזונט.

און רחלע איז ווירקלעך קראַנק געווען. די קרענקונגען און פּאַרדרוס פון די לעצטע עטלעכע טעג האָבן זי אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זי האט געמוזט אין בעט זיך לייגן. די מוטער פלעגט צו איר אַריינקומען עטלעכע מאָל אין טאָג. רחלע פלעגט איר ענטפערן אויף אַלע אירע פראַגן, אָבער זי אט דער מוטער גאָרנישט געפרעגט. אז דער פעטער ר׳ שלמה איז אויף מאָרגן, נאָך תּנאים, געקומען איר אָפּגעבן מזל-טוב און זיך פאַרענטפערן אַ ביסל מיט דעם, וואָס ער איז שיכּור געווען, האָט זי אים רויק געענטפערט:

— נישט מיך, פעטער, בעט מחילה. מיר האָט איר נאָך גאָרנישט געטון. אייערע תּנאים בינדן מיך נישט, אָבער מחילה בעט ביי אייער זעליקן פאָטער און ברידער! זיי האָט איר באַליידיקט. פאַר אַ טרונק בראָנפן, פעטער, האָט איר זייער לעצטן הייליקן רצון צעשטערט און זייערע קינדער לייד אָנגעטון! אָ, ווי דאַרף איך מיך שעמען אָט דעם אמת אַזוי אָפן אייך צו זאָגן! נאָר איך נעם די זינד אויף זיך, ווייל איך וויל, איר זאָלט אייך אויסניכטערן...

ער האָט זיך שרעקלעך באַליידיקט פון אירע ווערטער און זיך באַלד מיט כּעס אָפּגערופן:

— זעסטו, דו נאַריש קינד, כאָטש דיין פעטער איז אַ שיכּור, פונדעסטוועגן האָט דיר צום שידוך נישט געשאַדט און דו ביזט אַ כּלה געוואָרן. אַ כּלה, דווקא אַזוי!... איך שרייב שוין צו משהלען, אַז דו ביזט אַ כּלה, ווער הערט אייך ביידן? אַזוי איז אייך באַשערט פון גאָט און גייט העלפט אייך!

זי האָט אים מער נישט געענטפערט, און ער איז מיט כּעס אַהיים אַוועק. זי האָט באַלד גענומען פּאַפּיר און טינט און זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו צו משהלען, אָבער אירע שמערצן און כּעס האָבן

אַזעלכע בייזע גיפטיקע ווערטער דיקטירט, אַז זי האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט, איבערלייענענדיק דעם בריוו, וואָס זי האָט אויפגעשריבן: אַזוי שלעכט זיך אויסצודריקן קעגן איר מוטער און פעטער. זי האָט דעם בריוו צעריסן און אָנגעהייבן אַן אַנדערן צו שרייבן, אָבער דאָ האָט איר פעדער ווידער צו שלעכט געשילדערט און זי האָט דעם נישט געענדיקטן בריוו ווידער צעריסן אויף שטיקלעך. ענדלעך האָט זי זיך באַרויקט און געשריבן קורץ:

„ליבער משהלע!

איך קען אין דער מינוט מיינע געדאַנקען נישט צוזאַמענעמען, דיר אויסצושרייבן, וואָס מיין האַרץ פילט איצט. נאָר טאָמער טוט דאס ווער אָן מיין ווילן און אָן מיין וויסן, שרייב איך בעסער אַליין און שווער דיר, אַז עס איז אַ ליגן, וואָס זיי שרייבן דיר! גלויב זיי נישט, לאַך זיך אויס דערפון, עס איז גאָרנישט געשען... זיי האָט זיך נאָר אַ חלום געחלומט און זיי מיינען, אַז דאָס איז אויפן וואר געווען. דו האָסט מיר נישט געהייסן גלויבן אין חלומות, גלויב דו אויך נישט זייערע חלומות. אמת, איך האָב אַ ווײַלע געשלאָפן, אָבער מיר האָט זיך גאָרנישט געחלומט אפילו. איצט בין איך וואַך און אויפן וואר זאָג איך דיר, שווער איך דיר, אַז דיינע בין איך, משהלע, דיין איז מיין האַרץ און לעבן, וואַכנדיק און שלאָפנדיק דיינע! דיינע משהלע בין איך אין געדאַנק און וואָרט און האָב נאָך נישט אויפגעהערט דיינע צו זיין אפילו איין רגע, פון דער מינוט, וואָס דיין איז מיין האַרץ געוואָרן!... ביז מיין צונג וועט נאָך רעדן קענען, ביז דאס האַרץ אין מיר וועט נאָך פילן, וועל איך נאָך דיינע זיין!... איך באַשווער דיך: דו זאָלסט קיינעם נישט גלויבן, נאָר גאָט אין הימל, וועלכער ווייס, ווי ליב האָט דיך און ווי טריי איז דיר דיין רחלע".

כאָטש ר' שלמה האָט איר אַזוי מיט כעס געענטפערט, אָבער אירע ווערטער האָבן ביי אים אין האַרצן געפונען אַן אָרט. „זי איז גערעכט!" פלעגט דאָס האַרץ זיינס שרייען. „מיין פאָטער, מיינע ברידער, עליהם השלום, האָב איך באַליידיקט!"—פלעגט ער, וויינענדיק, קלאָגן פאַר זיין ווייב.—„און דו, דבורה, האָסט עס צוגעקוקט, ווי איך קיילע זיך און דו האָסט מיך דערלאָזן? דו ביזט שולדיק, דו, זאָג איך! דו האָסט געוווסט מיין שוואַכע נאַטור, האָסטו מיך נישט באַדאַרפט לאָזן טרינקען!"

דאס ווייב האָט אים געטרייסט און געהייסן שיקן אַ פדיון צו

אים, זאָל לעבן. חייעלע אָבער האָט געראָטן, ער זאָל פאָרן און רחלען אויך מיטנעמען צו אים, זאָל לעבן. „איך שווער אייך, ר׳ שלמה״, האָט זי געזאָגט, „אַז דאָרט וועט זי געהאָלפן ווערן. וואָס ווייסט איר, איך האָב עס אויף זיך אַליין געזען. זאָל איך אַזוי צייט מיין לעבן קיין בייז נישט קלערן, ווי איך האָב נישט געקלערט אַזוי גיך חופה צו האָבן. נאָר אַז איך בין דאָרט געווען און דער רבי אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי איז מיר באַשערט, איז ביי מיר רעכט געוואָרן... איך ווייס אַליין נישט וואָס מיט מיר איז געשען. אַן אַנדערע בין איך דאָרט געוואָרן. אָט וועט איר מיך נאָר און שלעכטע אָנרופן, אויב רחלע וועט דאָרט נישט קומען צום שכל! זאָל זי נאָר פאָרן, זאָל זי מיט אירע אויגן זען, ווער אונדזער רבי, זאָל לעבן, איז. זאָל זי דאָרט זיך אָנהערן די גדולה אירע, אַז זי וועט ר׳ הענעכס שנור זיין, וועט זי אונדז מחילה בעטן, ווי איצט איז טאָג אויף דער וועלט!״

נאָך דעם געשפּרעך האָט ער שוין זיין דבורה אַ גאַנצע נאַכט נישט געלאָזן שלאָפן.

— איך זאָג דיר, דבורה, — האָט ער געזאָגט, — אַ האַרטער שטיין ליגט אויף מיין האַרצן. איך וויל, איך מוז פאָר דעם רבין, זאָל לעבן, זיך אויסרעדן, איך וויל פון זיין אייגן מויל הערן, אַז דער שידוך איז אַ באַשערטע זאַך. ער האָט ברייטערע פּלייצעס פאַר מיינע, זאָל ער דעם עול נעמען אויף זיך. דער יתומהס טרערן בריען מיך, ווי פייער. רעדט זי מיר אַ וואָרט אויס, לעכערט עס מיר דורך מיין האַרץ. רעדט זי נישט און איז ברוגז, איז מיר נאָך ערגער!... איך מוז פאָרן, וואָס זאָגסטו, דבורה?

דבורה האָט מיט אים מסכים געווען. עס איז קוים טאָג געוואָרן, איז ער אוועק צו חייעלען. שטיל און פאַרזיכטיק, ווי אַ פאַרזינדיקטער, האָט ער רחלעס טיר געעפנט. זי האָט געדאַוונט און נישט באַמערקט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט, און האָט פון סדור אירע אויגן נישט אַרויסגענומען. ער האָט געמיינט, אַז זי איז ברוגז און וויל אים אפילו אַ קוק נישט שענקען. ער איז געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט אויף זיין אָרט ביי דער טיר, נישט געוואַגט אַ טריט ווייטער צו שטעלן. ער האָט געזען, ווי אירע טרערן קייקלען זיך, ווי פּערל איבער אירע באַקן און פאַלן אויף דעם סדור; נאָר די דאָזיקע טרערן זענען פון סדור גלייך אין זיין האַרצן אַריין און האָבן דאָרט אויפגעוועקט די

צאַרטעסטע טרייע געפילע זיינע. אים האָט געדאַכט: זי בעט ביי גאָט אַ שטראָף אויף אים, ער האָט געפילט ווי עס דריקט אים. ער וויל זי מחילה בעטן, ער וויל זיין פרומע פלימעניצע צודריקן צו זיין ברוסט, איר ווייזן, אַז זיין האַרץ איז נישט פון שטיין, אַז ער פילט, ווי ער ליידט דערפון אפשר נאָך מער פאַר איר. ער האָט זיך אָבער נישט דערוועגט דאס צו טון און איז אַזוי געשטאַנען ביז זי האָט דעם סדור פאַרמאַכט.

— מיין ליבע פרומע טאָכטער! — האָט ער אויסגערעדט און זיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן.

— אַך, מיין, גוטער פעטער! — האָט זי געענטפערט, באַמערקנדיק זיינע טרערן. — וואָס האָט אייך געבראַכט אַזוי פרי אַהערצו?

— מיינע דאגות, מיינע צרות, ליב קינד, טרייבן מיך! — האט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע אויסגערעדט. — שטיינער שווערע, ווי בליי ליגן דאָ אין האַרצן ביי מיר... בעט ביי גאָט, וואָס דו ווילסט, נאָר בעט נישט קיין שטראָף אויף מיר! איך האָב מורא פאַר דיינע טרערן... די גמרא הייסט אונדז זיך היטן פון ווייבערשע טרערן. אַלע טויערן פון הימל זענען פאַרשלאָסן, אָבער די טויערן פון טרערן זענען שטענדיק אָפן.

— ניין, פעטער! — האָט זי געענטפערט. — נישט אַ שטראָף, חלילה, בעט איך ביי גאָט, נאָר ער זאָל אייערע אויגן עפענען, איר זאָלט זען, וואס איר טוט! איר זאָלט זען, פעטער, אז נאָר אומזיסט זייט איר אויף אייער טייערן פלימעניק אזוי אין כעס. איר זאָלט אויך פאַרשטיין, אז אלע אנדערע גליקן, וואס איר ווינטשט מיר, וועלן זיין מיין אומגליק, ווען איר וועט מיך מיט דעם צעשיידן, וועמען איך ליב מיט מיין גאנצן לעבן...

— איך האב דיר נישט וואס צו ענטפערן, מיין טייער קינד, מיין קאָפּ טראָגט נישט אויף חקירות. איך בין קיין יודע מחשבות נישט. נאָר איין עצה האָב איך... ווילסטו מיר צוליב טון, ווילסטו רחמנות האבן אויף זיך און אויף דיין אַלטן שוואַכן פעטער, פאר מיט מיר צו אונדזער רבין, זאל לעבן! רעד זיך אויס פאר אים, דערצייל אים דו אַלץ, וואס דו טראכסט און וואס דו ווייסט. איך שווער דיר, אז וואס ס'איז נישט גלייך און נישט אמת, וועט ער דיר נישט זאגן, חלילה! אַן אנדער מענטש, זאג איך דיר, אַ געהאלפענע וועסטו אהיים קומען... איך בעט דיך, מיין קינד, אז מיר קענען באמת

קומען צום שכל דורך אַ קליינער נסיעה צו אים, פאַרוואָס זאָלסטו עס נישט וועלן?

— צום שכל קומען... — האָט זי איבערגערעדט, — וואָס פאַר אַ רחמנות ס'איז אויף יענע, וואָס פאַרלירן זייער שכל און מיינען, אַז דער רבי קען אים זיי צוריקגעפינען! ניין, פעטער, איך האָב נאָך מיין שכל, גאָט צו דאַנקען, נישט פאַרלוירן, איך ברויך צום רבין נישט פאָרן. אַז טאָג איז נאַכט וועט ער מיר נישט איינרעדן און אַ ניי האַרץ אין מיר וועט ער מיר נישט באַשאַפן!..

— צוליב מיר, מיין קינד, מיר טו דעם חסד! — האָט ר' שלמה געבעטן. — איך גלויב, איך ווייס, ווער אונדזער רבי איז, דערפאַר האָף איך אויף זיין עצה. מיר, דיין קראַנקן פעטער, טו צוליב, מיין ליב קינד! דו ווייסט נישט מיינע ענויי נפש, מיינע ווונדן, וואָס איך טראָג אין האַרצן ביי מיר... איך ווייס: נאָר דער רבי, זאָל לעבן, קען מיר העלפן... טו מיר צוליב, מיין ליב טייער קינד!..

ער האָט אָנגעהייבן צו וויינען. רחלע האָט נאָר מיט פאַרדרוס אים געענטפערט:

— מענטשן מאַכן זיך אַליין עגמת-נפש. ווער האָט אייך געבעטן מיר טרייער זיין, ווי מיין אייגענער פאָטער איז מיר געווען? ווער האָט אייך דערלויבט מיר אַרויפצוואַרפן אַזאַ גליק, וואָס איך קען נישט דערטראָגן? רחמנות בעט איר ביי מיר, וואָס איר האָט מיך קראַנק געמאַכט מיט אייער טרייהייט. דאָך בין איך נישט אַזוי בלינד, ווי איר און אפילו אין אייער שלעכטס, וואָס איר האָט מיר געטון, זע איך אייער טרייהייט, וואָס איר האָט מיר געוואָלט טון און איך בין אייך מוחל. איך בעט גאָט פאַר אייך, ער זאָל אייך אויך מוחל זיין. נעמט אייך נאָר פאַר מיך פריי צו לאָזן, מיך נישט צווינגען צו אַזאַ גליק, וואָס איז מיין אומגליק און פייניקט מיך מער נישט מיט אייערע טרערן.

ר' שלמה איז אַוועק אַהיים מיט גאָרנישט; נאָר אויף מאָרגן איז ער ווידער געקומען און טאָג און נאַכט האָט ער געוויינט פאַר איר, ביז זי האָט פון זיין עלנט קיין אָרט נישט געהאַט און האָט אים צוגעזאָגט מיט אים מיטצופאָרן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט בערעלע שפּאַט דעם פעטער מיט זיין פלימעניצע אַוועקגעפירט צום רבין.

גרויס כבוד האָט מען איצט ר' שלמהן אָפּגעגעבן אין רבינס

הויף. ר׳ פנחסל האָט זיך מיט אים אומגעפּרט, ווי מיט אַ ליבלעכן מחותן. דער רבי אַליין האָט אים צום ערשטן שלום־עליכם אָנגערופן: „מחותני״ און האָט מיט אים פאַרבראַכט מער ווי אַ שעה אין זיין יחידות־חדר.

ר׳ שלמה האָט אים זיין ביטער האַרץ אויסדערציילט און געפרעגט, וואס טוט מען מיט דער יהומה, וועלכע וויל בשום אופן איר חתן נישט?

— זאָל אייער כּלה דאָ זיין עטלעכע טעג, — האָט דער רבי געענטפערט, — זאָל זי יידן און יידישקייט זען, וועט זי וועלן אַ יידישע פרומע טאָכטער זיין! מיינע קינדער זענען גוטע, זיי וועלן זי מקרב זיין, זי וועט צום שכל קומען... זאָרגט נישט!

און דעם רבינס קינדער האָבן זי ווירקלעך מקרב געווען, מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. זיי האָבן פאַר איר זייער פיל געלויבט איר מחותן און איר חתן, באַוואונדערט איר מזל, אָן עין הרע אַז ווער עס זעט זי, מוז זי ליבן און אַכטן און האָבן איר געשוואוירן, אַז זיי זענען צו איר אַזוי צוגעקלעבט געוואָרן, און פון איר גליק וועגן וועט זיי נישט שווער זיין צו טון וואָס נאָר זי וועט פאַרלאַנגען. נאָר רחלע האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט. זי האָט נאָר אויף זיך אַכטונג געגעבן און זיך געהיט מיט אַ וואָרט, ווי זי וואָלט געווען אַרומגערינגלט פון שפּיאָנען. גיטעלע, דעם רבינס עלטסטע טאָכטע, רהאָט אַלץ אָנגעווענדט, זי איבערצורעדן, זי זאָל מיט איר גליק צעפרידן זיין. זי האָט איר געוויזן, ווי גליקלעך און פאַרגינט מען קען לעבן, כאָטש מען האָט אַ חסיד אַ מאַן, און אפילו אין רבינס הויף פירן די פרויען אַ לעבן פראַנק און פריי, ווי דאָס האַרץ גלוסט. זי האָט איר דערציילט פון אירע לוסט־רייזעס אַלע יאָר קיין אויסלאַנד אין די וואַרעמבעדער און דאָס פאַרגעניגן, וואס זי האט דאָרט. די איבעריקע דאַמען האָבן איר זייערע טייערע קליידער און צירונג באַוויזן, אַלע טאָג מיט איר אין זייערע אייגענע קאַרעטן שפּאַצירן געפאָרן און וווּ נאָר זיי פלעגן קומען, האט מען זיי אומעטום אָפּגעוואַרט מיט כבוד. רחלע האט פאַר אַלעם דעם באַדאַנקט, אבער פון אירע אייגענע ענינים נישט גערעדט. מיט ר׳ שלמהן האט זי נאר זעלטן באַקומען צו רעדן. ר׳ פנחסל האט שוין געזארגט, אַז ר׳ שלמה זאל אַ מינוט ניכטער נישט זיין און זאל גאר קיין צייט נישט האבן זיך צו דערמאנען, וואס עס האט

אים געבראַכט אַהערצו. אַזוי איז כמעט א גאַנצע וואָך אַריבער. עס איז אויך שבת געווען און רחלע האט צוגעזען דעם פּאַראַד פון אַ שבתדיקן טיש און טאָג אין רבינס הויף. נאָר דאָס אַלץ האָט אויף איר געווירקט אַזוי שלעכט, אַז זי האָט די מינוטן געציילט, ווען זי וועט שוין קענען צוריק אַהיים פאָרן; דעריבער האָט זי זונטיק געבעטן גיטעלען, זי זאָל זי שוין אַריינפירן צו אים, זאָל לעבן, און זאָל שוין זיין, וואָס עס וועט זיין.

— מיט אַזאַ צדיק, ווי דער טאַטע, זאָל לעבן, — האָט גיטעלע געענטפערט, — איז אַ גרויסע סכנה צו רעדן, ווען דאָס האַרץ איז נישטאָ דערביי. ער רעדט ווייניק, אָבער ער ווייס פיל... זיין ברכה איז אַ ברכה, וואָס ווערט באַלד מקוים. זיין קללה אָבער פאַר די, וואָס זענען אים דערווידער — איז הייסער ווי פייער... דעריבער האָב איך נאָך מורא דיך צוצולאָזן, טאָמער איז נאָך דיין האַרץ נישט גענוג צוגעגרייט אים צו פאָלגן אין אַלץ.

אין דעמזעלבן טאָג האָט זי איר פעטער ר׳ שלמהן געזאָגט:

— פעטער, איך בעט אייך, פירט מיך צום רבין, זאָל לעבן, אַריין; לאָמיך שוין אויסהערן מיין גזר-דין און פאָרן אַהיים, אַז נישט, וועל איך צופוס פון דאַנען אַנטלויפן.

— וואָס זאָל איך דיר טון, מיין ליב קינד? — האָט דער פעטער געטרייסט — עס איז די שעה נאָך נישט געקומען, וואָס ער, זאָל לעבן, זאָל וועלן אויסהערן דיינע טענות... היינט האָב איך אים געבעטן מכוח דעם, האָט ער מיר קורץ געענטפערט: „איך האָב האָב זי נישט פאַרגעסן!” דו מעגסט אין זיינע הייליקע רייד גלויבן. מסתמא טוט ער איצט גענוג פאַר דיר, דו מוזט וואַרטן!

זי האָט נאָך אַ טאָג, לאַנג ווי א יאָר, איבערגעוואַרט. דינסטיק פרי האָט גיטעלע איר דעם קאָפּ מיט אַ טיכל אַרומגעבונדן, עס זאָל זיך, חלילה, קיין איין איינציק, האָר נישט אַרויסזען און אַריינגעפירט זי צום רבין. זיין שיין געשטאַלט און הייליק אויסזען, די ווייסע האָר פון זיין לאַנגער באָרד און פאות און די ווייסע אַטלעסענע בגדים מיט דעם סייבלנעם היטל אויף זיין קאָפּ, דערצו די מענגע אָפענע און פאַרמאַכטע ספרים, אין פאַרמעט געבונדן, האָבן אויף איר אַן אימה געוואָרפן. זי האָט געמיינט, אַז זי געפינט זיך ווירקלעך פאַר אַ געטלעכן מענטשן אָדער אַ נביא. פיל חסידים זענען דאָ אויך געשטאַנען און האָבן

מיט אַ פינגער נישט באַוועגט און דאָס האָט די ווירקונג אויף איר נאָך שטאַרקער געמאַכט.

— זאָל זי צוגיין נענטער, — האָט דער רבי געזאָגט, אויפהייבנדיק זיינע גרויסע ברעמען אויף איר.

זי איז צוגעגאַנגען, דערשראָקן און בלאַס, ווי אַ זינדער צום טיש פון געריכט. ר' שלמה האָט באַמערקט, אַז זי איז דערשראָקן.

— ווילסטו, מיין טאָכטער, וועל איך פאַר דיר רעדן, — האָט ער געזאָגט.

— זאָל זי אַליין זאָגן, וואָס זי פאַרלאַנגט, — האָט דער רבי געהייסן, — זאָג, מיין טאָכטער, וואָס איז דיין באַגער? האָב קיין מורא נישט. איך בין אַ ייד, ווי אַלע יידן, נאָר עלטער פון לייטן, דערפאַר ווייס איך אפשר מער פון אַן אַנדערן. וואָס פאַרלאַנגסטו?

— איך פאַרלאַנג גאָרנישט, טייערער רבי, — האָט זי אויסגערעדט קלאָר און דייטלעך, — זאָל מען נאָר פון מיר נישט פאַרלאַנגען, וואָס איך קען נישט און וועל נישט קענען, ווי לאַנג איך וועל לעבן! רבי, נאָר איין האַרץ האָט גאָט דעם מענטשן געגעבן, נאָר איין האַרץ האָב איך געהאַט, און אָט דאָס האַרץ האָב איך פרום און מיט גאַנצן ווילן, אַוועקגעגעבן מיין שוועסטערקינד, וועלכער איז אַ פרומער ייד, כאָטש ער שטודירט. איך בעט אייך, רבי, זאָגט מיין מוטער און מיין פעטער, אַז איך בין אַ יתומה און מען טאָר מיך נישט נויטן חתונה האָבן מיט דעם, וואָס איך וויל נישט!

— פאַרוואָס, מיין טאָכטער, ווילסטו נישט? — האָט דער רבי זייער ווייך געפרעגט.

— ווייל איך ליב מיט מיין גאַנצן האַרצן מיין שוועסטערקינד. אויף אים, רבי, וויל איך וואַרטן מיין גאַנץ לעבן.

— ווייל דו האָסט אים ליב!... — האָט דער רבי איבערגעזאָגט, פאַנאַנדערציענדיק יעדעס וואָרט. — ווייל דו האָסט אים ליב!.. נו? און דו שעמסט דיך דאָס נישט צו זאָגן פאַר אַן עדה יידן? הערסטו, וואָס דו רעדסט? אַי, אַי, מיין טאָכטער!..

רחלע האָט געשוויגן, נאָר דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך אין איר געזיכט אַריינגעגאָסן.

— דו שעמסט דיך! — האָט דער רבי מיט אַ שמייכל ווייטער געזאָגט. — גוט אַזוי! ווייל דו שעמסט דיך, איז אַ סימן, אַז דו האָסט חרטה, וואָס דייגע ליפּן האָבן ערשט אַרויסגערעדט. אַז אַ ייד טוט

אַן עברה און שעמט זיך באַלד, איז מען אים מוחל. איך בין דיר אויך מוחל, מיין קינד, נאָר ווייטער זאָלסטו אַזאַ נאַרישקייט נישט זאָגן!

— ניין רבי, — האָט זי מוטיק געענטפערט, — איך שעם מיך נישט. איך האָב נישט מיט וואָס זיך צו שעמען. איך האָב ליב דעם, וואָס איז מיר ליב און איז ווערט געליבט צו זיין! גאָט הייסט מיין האַרץ אים ליבן... זאָל איך גאָט נישט פאָלגן? קען אַ מענטש גאָט נישט פאָלגן?

— גאָט האָט קיינמאָל נישט געהייסן אַ יידן אַן עברה טון! — האָט דער רבי מיט אַ קרעכץ אויסגערעדט. — אַ ליגן זאָגסטו! זעסטו, ווי אַן עברה איז גוררת עברה: צוליב דער עברה פון דער אַהבה האָסטו שוין נאָך אַן עברה פון שקר!

— איז דען אמתע און פרומע ליבע אַן עברה? — האָט זי דרייסט געפרעגט. — האָב איך דען נישט געלערנט אין הייליקן חומש, ווי יעקב אבינו האָט ליב געהאַט זיין שוועסטערקינד רחלען? פאַרוואָס, רבי גוטער, זאָל מיר — אַן אייניקל פון יענער פרומער מוטער רחל — פאַר אַן עברה זיין גערעכנט געליבט צו זיין פון מיין שוועסטערקינד און מיט דערזעלבער פרומער ליבע אים ליב צו האָבן?

— אין הייליקן חומש, זאָגט זי, האָט זי געלערנט...— האָט דער רבי זייער באַטאָנט איבערגעזאָגט, זיך ווענדנדיק צו דעם עולם. — אָט דאָס איז דער חסרון, וואָס מען לערנט מיט אַ יידישער טאָכטער חומש!... זי מיינט, אונדזער תּורה דערציילט נאָר מעשיות, ווי אַ בחור האָט ליב אַ בתולה. אַ ליגן אָבער זאָגט זי! נאָר אַפּיקורסים, וואָס זוכן אַ התּיר, זייער זינדיקע תּאוה דעם יצר־הרע נאָכצוגעבן — זאָגן, אַז אונדזער תּורה דערציילט מעשיות!.. אונדזער תּורה וועט נישט דער־ציילן, חלילה, אזא גנאי אויף יעקב אבינו, אַז ער האָט ליב געהאַט רחלען לשם אהבה און לשם תּאווה, רחמנא יצילנו. תּורת ה׳ תּמימה: אונדזער תּורה הקדושה איז אין גאַנצן תּו״ה און נישט קיין פּשוטע מעשיות! יעדער אות, יעדע נקודה האָט טויזנט סודות און רמזים. זאָל זיך צוהערן דאָס נאַרישע קינד צו אַ רמז פון דער תּורה! ויאהב יעקב את רחל: האָט דען יעקב רחלען ליב געהאַט? חלילה, ער האָט זי נישט ליב געהאַט. ווי קומט יעקב אבינו, דער בחיר האָבות, ליב צו האָבן אַ בתולה, וואָס דאָס איז גאָר אַ זינד? נאָר דאָס דערציילט דער פּסוק, וואָס פאַר אַ צדיק ער איז געווען. יצחק אבינוס

א זון, אברהם אבינוס אן אייניקל, און אליין איז ער אויך געווען גאָר א ווילער חתן און האט געקענט טון א שידוך מיט א בת מלכּה, אָבער אז ער האט דערזען זיין באשערטע משמים, און זי איז א פּראָסטע פּאסטוך-מיידל און נאך דערצו לבן הארמיס א טאָכטער, אזא עובד אלילים, אזא רמאי און טומאהניק, האט אים זייער פארדראָסן, וואָס ער דארף טון אזא פּראָסטן שידוך, ווי דער פּסוק דערציילט: וישא את קולו ויבך, פון עגמת-נפש האט ער געוויינט, וואס ער דארף ווערן לבן הארמיס אן איידעם און חתונה האבן מיט אזא, וועלכע איז נישט נאך זיין ערך. אָבער ער איז געווען יעקב אבינו, א צדיק תמים, און האט געגלויבט, אז דער רבונו של עולם טוט אים מסתמא קיין אומגערעכטיקייט נישט, איז ער עומד בנסיון געווען און האט נישט געשריגן: „איך וויל די כלה נישט!" נאר ויאהב יעקב את רחל: ער האט זי מקבל באהבה געווען, ער האט זי פאר ליב און גוט אנגענומען, א שטייגער, ווי איינער נעמט פאר ליב אָן אפילו די יסורים, וואס דער רבונו של עולם שיקט אן אויף אים. ווידער לערנט אונדז דער פּסוק א דרך ארץ: ויאהב יעקב את רחל שטייט, און יעקב האט ליב געהאט רחלען. פארוואָס דערציילט נישט דער פּסוק פארקערט: ויאהב רחל את יעקב? בוודאי האט רחל באדארפט ליב האבן אזא צדיק תמים, ווי יעקב אבינו, נאָר דער פּסוק שווייגט מכּוח איר אהבה צו אים, מרמז צו זיין, אז עס איז א חציפות און א זינד א גרויסע, אז א יידישע טאכטער זאל אזא ווארט ארויסלאזן פון איר מויל, אז זי האט ליב... און דו, נארישע בתולה, פארגעסט, אז דו ביזט א יידישע טאכטער און שעמסט דיך גארנישט צו זאגן אזא ווארט, וואס איז א חרפּה און א בושה? דיין חתן, וועלכער איז דיר משמים באשערט, איז א גאנץ ווילער חתן, דיין טאטע, זכרונו לברכה, איז געווען אן ערלעכער ייד אפילו, אבער נישט אַזא צדיק און אזא א קצין, ווי יצחק אבינו. דיין מחותן ר' הענעך איז, חלילה, נישט אזא נחות דרגא, אזא שווינדלער, ווי לבן הארמי. א גאנץ פיינער ייד, א גביר א ייד איז, אן אן עין-הרע, דיין מחותן, געפעלט נאך דיר דער שידוך נישט? אי, אי, מיין טאכטער, ווי דו זינדיקסט קעגן דעם רבונו של עולם!.. און מיט וואס נעמסטו דיך איבער? מיט דעם ביסל חן, וואס דער רבונו של עולם האט דיר געגעבן? קינד איינע, נישט דיין איז דער חן! דעם חן האט דיר דער באשעפער געגעבן. דו זאָלסט געפעלן זיין דיין אמתן באשערטן, וועלכן ע״ר

גיט דיר, נישט דעם, וועלכן דו ביזט זיך אליין בוחר... שקר החן, אזא חן, וואָס איז שקר — והבל היופי: איז די שיינקייט אויך נאָר הבל! היינט ביזטו שיין און מאָרגן קענסטו מיאוס ווערן... אשה יראת ה׳ היא תתהלל, די אשה, וואָס האָט פאַר גאָט מורא, לויבט און דאַנקט אים פאַר אַלץ און איז מקבל באהבה אפילו דעם חתן, וואָס דאָס האַרץ אירס וויל אים נישט. ווי די תורה הקדושה דערציילט: ויאהב יעקב את רחל, און יעקב האָט רחלען מקבל באהבה געווען, כאָטש זיין האַרץ האָט פריער געגלוסט אַ גרעסערע יחסנטע אַ כלה. פאַרשטייסטו כאָטש, ווי זינדיק דו ביזט?

רחלע האָט שוין מער נישט געענטפערט. זי האָט שוין געזען, אז עס איז נישטאָ וועמען צו ענטפערן, נאָר אירע טרערן האָבן זיך שטיל געגאָסן, און זי איז אויף זיך אין כעס געווען, פאַרוואָס גיסן זיי זיך פון אירע אויגן. נישט דעם רבינס אורטייל האָט איר באַנג געטון, זי האָט פון אָנהייב אָן ווייניק געהאָפט אויף זיין משפט, אָבער זי איז אין כעס געווען אויף דער מענגע צוהערער, וועלכע זענען דאָ געווען און האָבן זייערע התפעלות באַוויזן אין פאַרשידענע הויות, פּונקט ווי זיי וואָלטן איצט געהערט משה רבינון אַזוי שיין דרשנען פון באַרג סיני אַראָב.

—גוט אַזוי, וואָס דו וויינסט, — האָט דער רבי געזאָגט, אַז ער האָט אירע שטילע טרערן באַמערקט, —איך וועל גאָט, ברוך הוא, בעטן, ער זאָל דיר דיין טעות מוחל זיין. מיין טאָכטער, איצט מזל־טוב דיר! זאָגט איר, יידן: מזל־טוב!

— מזל־טוב! מזל־טוב! — האָבן צענדליקער קולות געשריגן.

דער טומל איז גרויס געוואָרן. ר׳ שלמה האָט זוכה געווען, דער רבי האָט אים זיין האַנט געגעבן און מזל־טוב געזאָגט. ר׳ פנחסל האָט זיך מיט אים צעקושט. אויף ר׳ פנחסלס אַ ווונק האָט גיטעלע רחלען אונטער די הענט אַרויסגעפירט פון רבינס חדר. ביי דער טיר האָבן זי אָפּגעוואַרט דעם רבינס הויפדאַמען, און רחלע איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרן פון די טויזנטער קושן און האַלדזן פון יעדער באַזונדער.

אין דעם רבינס גרויסן זאַל האָט מען אויף די טישן משקה אָנגעשטעלט, און ר׳ שלמה האָט געטרונקען לחיים צו ר׳ פנחסלען און ר׳ פנחסל האָט געטרונקען לחיים צו ר׳ שלמהן, און אַלע חסידים האָבן לחיים געטרונקען, דער זווג זאָל עולה יפה זיין. נאָר רחלע

האָט אירע טרערן געשלונגען און זיך אַ כּוח אָנגעטון נישט אַרויסצו-רעדן דאָס, וואָס אין איר האַרצן האָט געקאָכט און געזידט. ר׳ פּנחסל האָט געראָטן, מען זאָל תּיכף קלאַפּן אַ דעפּעשע צו חייעלען און צו ר׳ העניכן, זאָלן זיי קומען מיט דעם חתן און מען זאָל טאַקע דאָ די חתונה מיט מזל אָפּשפּילן, אָבער ר׳ שלמה האָט דאס אַזוי גיך נישט געקענט באַשליסן און האָט געבעטן ישוב הדעת ביז דער קאָפּ וועט אים אַ ביסל קלאָרער ווערן, ווארים ער פּילט זיך שיכּורלעך היינט. נאָר ר׳ פּנחסל האָט אים נישט געלאָזן זיך אויסניכטערן.

— וויל מען האָבן גאָר אַ קלארן קאָפּ, — האט ער געזאגט, — זאָל מען נאָך און נאך טרינקען. לחיים, ר׳ שלמה!

און ר׳ שלמה האט ווייטער געטרונקען און האט זיין רחמנות, אין דעם שפּריט דערטרונקען, וועלכן ער האט אין זיך היינט אַריינ-געגאָסן. רחלע האט קוים געפּועלט, מען זאל זי צולאָזן צום פּעטער אין דער מינוט וואס ער איז נאָך ניכטער, ד, ה, פאַר דעם דאַוונען אין דערפרי.

— איצט, מיין טאכטער, ווייסטו שוין, ווער אונדזער טייערער רבי איז? — האט ער געפרעגט, ווי ער האָט זי דערזען.

— יאָ, פּעטער, איצט ווייס איך, — האט זי מיט אַ בעוועגטער שטימע געענטפערט, — איצט ווייס איך, ווער אייער רבי איז, ווער איר זענט און ווער אונדזער גאט אין הימל איז.

ר׳ שלמה האט זיך דערפרייט.

— זעסטו מיין קינד, — האט ער געזאגט, — דו האסט קיין חרטה נישט ער האט צוליב דיר אַ שיינע תּורה און אַן אמת געזאָגט!

— פּעטער, גענוג אייך צו לעבן אין טעות. כאטש איך האב די תּורה ווייניקער פאַר אייך געלערנט, פונדעסטוועגן זאג איך אייך: ווען משה רבינו אַליין זאל קומען איצט און אַזוי פאַרטייטשן דעם פּסוק פון זיין תּורה, וואס ער האט אונדז געגעבן, אַזוי ווי אייער רבי פאַרטייטשט אייך, וואלט איך אים זאגן: „משה, גאט איז אמת און זיין תּורה איז אמת, נאָר נישט אמת איז אַזאַ דערקלערונג פון דער אמתר תּורה!“ גאָט, דו האָסט אונדז אַן אמתע, אַ הייליקע און אַ קלוגע תּורה געגעבן, נאָר פאַלשע מענטשן באַנוצן זי, זייער פאַלשקייט אויסצופירן!.. אין דיר, גאָט, גלויב איך, נישט אין די פאַלשע צדיקים, וואָס רופן זיך אין דיין הייליקן נאָמען! איצט, פּעטער, מעגט איר מיך

בינדן, כאָטש אין וואַסער אַריינוואַרפן, אָבער ר׳ העניעכס שנור וועל איך נישט זיין!

ווי אַ שיכּורן, אַז מען גיסט אָפּ מיט קאַלטן וואַסער, האָבן די שרעקלעכע ווערטער ר׳ שלמהן אויסגעצוכעט. אַ קאַלטער שווייס האָט אים אויף זיין שטערן אַרויסגעשלאָגן און עס האָבן אים געציטערט הענט און פיס.

—שמע ישראל!—האָט ער אַ געשריי געטון.—ווי צו די אויערן, וואס הערן אַזעלכע דבורים פון אַ יידיש קינד!.. אין חרם ביזטו! אַ קליפּה זיצט אין דיר, דו הולטייקע!

— באַרויקט אייך, פעטער, — האָט זי געבעטן, -- איר האָט מיך דערצו געבראַכט, איך זאָל דעם אמת אָפן זאָגן! נאָר ברענגט מיך נישט צו נאָך ערגערע בזיונות!... פירט מיך שוין אַהיים צוריק! האָט רחמנות אויף אייער כבוד... אין מיר פּלאַצט מיין האַרץ פון פאַרביטערונג. איך האָב מורא, אז אויב איר וועט מיך היינט נישט אָפּ פירן אַהיים, וועלן אַלע חסידים דאָ הערן פון מיר, ווי איך האַס און פאַרשעלט אייער פאַלשן רבין! אַהיים פירט מיך, פעטער! זאָל דאָס אייער איינציקער און לעצטער הסד זיין, ווייטער בין איך אייך אַלץ מוחל!

— זי איז מיר מוחל! — האָט ער מיט אַ ביטערן געלעכטער איבערגעזאָגט. — אייביק וועל איך דיר נישט מוחל זיין!.. אויס פעטער בין איך דיר מהיום והלאה... און ביז דו וועסט נישט חתונה האָבן מיט ר׳ העניעכס זון, זאָל מיר אסור זיין, דיך איבער מיין שוועל אַריבערצולאָזן!

מיט די ווערטער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר און איז גלייך צו ר׳ פּנחסלען אַוועק, אים דערציילט, וואָס ער האָט געהערט און די האָר אויף זיך געריסן. ר׳ פּנחסל האָט אים געהייסן שווייגן.

—האָט קיין מורא נישט, חתונה וועט זיין...—האָט ער געזאָגט.— זעט כאָטש, אַז מען טאָר נישט קוקן און נישט הערן, וואָס זי רעדט. נאָך דער חופּה וועט זי גאָר אַן אַנדער ניגון זינגען. זייט זיך פון איר נאָר נישט מרחיק. זאָגט איר, אַז חתונה מוז זיין. וואָרים דער רבי, זאָל לעבן, זאָגט: „בעסער פאַרמעט איידער פּאַפּיר צו רייסן... וועט זי נישט קענען לעבן מיט ר׳ העניעכס זון, זאָגט איר, וועט זי זיך מיט אים גטן. דאַמאָלס וועט זי זיין אין איר אייגענעם רשות, וועט

קיינער נישט דאַרפֿן דין וחשבון אָפּגעבן פֿאַר אירע מעשים. איצט טאָר מען זי נישט לאָזן קריכן אין דער טומאה, וואָס ציט זי צו זיך... דאסזעלבע האָט אויך דער רבי געזאָגט: „פֿאָרט אַהיים און לאָז זיין חתונה. רייסט זי אָפּ פֿון דער טומאה כאָטש איבערגעוואַלט!"

ר׳ שלמה האָט בערעלען געהייסן שפּאַנען די פֿערד. רחלע האָט פֿונדעסטוועגן באַדאַנקט דעם רביגס קינדער פֿאַר זייער פֿריינטשאַפֿט און איז מיט איר פֿעטער אַהיים געפֿאָרן.

ו.

אין דער צייט, וואָס רחלע איז ביים רבין געווען, האָט שימעלע אָפּגעשפּילט זיין טאָכטערס חתונה דאָ ביי חייעלען אין זאַל. הייעלע איז געווען גענויגט ביי איר אין שטוב אויף פֿרעמדע חתונות אַ מחותנתטע צו זיין. נאָר אויף קיין חתונה איז זי נאָך אַזאַ מחותנתטע נישט געווען, ווי אויף דער חתונה. זי האָט זיך אויסגעפּוצט מיט די שענסטע נייע קליידער און צירונג אירע און האָט באַנוצט די געלעגנהייט אַ פּראָבע צו מאַכן, ווי אַרויסצוגיין דעם ערשטן פֿרייטיק-צונאַכט צום רבינס טיש, ליכט בענטשן, באַלד נאָך איר חופּה מיט ר׳ פּנחסלען, אין אַ גוטער שעה. זי האָט אַ צייט אין שפּיגל געקוקט און באַוואונדערט איר שיינקייט און יוגנט, וואָס ליגט נאָך אויף איר געזיכט, „נישקשה, איך וועל דאָרט נישט פֿאַרשעמט ווערן!" האָט זי פֿאַר זיך געזאָגט, — „נישטאָ דאָרט קיין שענערע און פֿאַרנעמערע פֿאַר מיר!"... זי איז שוין פֿון שפּיגל געווען אַוועקגעגאַנגען: נאָר איר האָט זיך געוואָלט נאָך אַמאָל אַ קוק טון, זיך נאָך בעסער איבערצוציינגן, צי איז זי טאַקע ווירקלעך אַזוי יונג, ווי זי האָט זיך נאָר וואָס געזען און איז צו נאָך אַמאָל, צוגעלייגט איר געזיכט נאָענט צום גלאָז, און האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, אַז זי האט לעבן די ווינקלען אויגן באַמערקט קליינע קנייטשן. זי האָט זיי געפּרוווט אויסגלייכן, געריבן מיט דער האַנט, אָבער איידער זי איז נאָך פֿונם שפּיגל אַוועק, האָבן זיי זיך צוריק איינגעפּאַלבט און האָבן זיך איצט נאָכמער אַרויסגעזען, ווי פֿריער. זי איז אין כעס און אומעטיק געוואָרן.

„דאס האָב איך פֿון מיין טרייער טאָכטער!" — האָט זי פֿאַר זיך איבערגערעדט. — נאָר אין די לעצטע עטלעכע וואָכן האָב איך זיי באַ-

קומען. אָט וועל איך איר אַ טרייע מוטער זיין, יונגערהייט איבער איר פון דער וועלט אַוועקגיין ?... אָבער גאָר ניין, מיין קינד, איך ווייס גאָרנישט צו געפינט זיך ערגעץ אין דער תורה, אז אַ מאַמע איז מחויב צוליב טון אַ קינד און זיך לאָזן אַ לעבעדיקע באַגראָבן ? אַזוי לאַנג קרענקט ער דאָרט, דער משוגע, דער מופקר משהלע, ווי לאַנג איך וועל איר נישט נאָכגעבן, און ווער עס וועט אויף מיר ברוגז ווערן אין רבינס הויף, זאָל מיר אויפוואַרפן מיין געשטודירטן איידעם... וועט זי קומען און פאָלגן דעם רבינס עצה, איז מה טוב, חלילה, נישט — וועל איך מיר טון דאָס מייניקע : דעם אויסשטייער אירן וועל איך מאַאן אויף דעם פיינסטן אופן, און אז עס וועט קומען די צייט, וועל איך בעטן אויף חתונה. ער דאַרף איר נאָר דאָס פינגערל אָנטון, ווייטער וועט שוין זיין נישט מיין דאגה”... אַזוי האָט זי איר האַרץ אויסגערעדט פאַר דער צווייטער חייעלען, וועלכע האָט אויף איר גע- קוקט פון שפיגל אַרויס, ווי זי אויף איר אַריין. אַז זי איז אין זאַל אַריין, האָבן זי די מחותנים פון ביידע צדדים באַגעגנט מיט כבוד און מיט ברכות און איר מרה-שחורה איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. די כלי-זמר האָבן פון איר כבוד אויפגעשפילט. זי האָט זיך געלאָזט גוט דער- קענען מיט איר דרשה-געשאַנק דער כלה און איר משמח זיין די מחותנים און האָט באַקומען ברכות מער וויפל זי האָט זיך געווונטשן.

אויף מאָרגן נאָך דער חתונה איז רחלע אָנגעקומען צוריק פון רבין. ר׳ שלמה איז אַריין גלייך צו זיך און רחלע איז צוגעפאָרן אַליין. זי האָט דער מוטער רויק איבערגעגעבן די פריינטלעכע גריסן פון רבינס געזונט און מיט איין וואָרט נישט געגעבן צו פאַרשטיין איר אומצופרידנקייט פון דער נסיעה. פון וועג און פון אן אינערלעכער באַוועגונג האָט איר געזיכט געברענט און אירע תמיד ליכטיקע אויגן זענען איצט נאָך ליכטיקער און שטראַלנדיקער געווען. חייעלע האָט זי קיינמאָל אַזוי הערלעך נישט געזען, ווי אין דער רגע און זי האָט געגלויבט, אַז זי שיינט אַזוי פון גליק און צופרידנקייט אין רבינס הויף.

— זעסטו, מיין קינד, — האָט זי צערטלעך אויסגערעדט, — גאָר אַן אַנדערע ביזטו געקומען און דו שיינסט, אָן עין הרע. די דאַרפסט מיר גאָרנישט דערציילן. מיט מיר איז אויך אַזוי געווען, מיט אַזאַ דעה, ווי דו, בין איך אויך אַהין געפאָרן. אפילו אויפן זינען איז מיר

נישט אַרויפגעקומען דער שידוך מיט ר׳ פּנחסלען, נאָר אז איך בין שוין דאָרט געווען, ווייס איך נישט וואָס מיט מיר איז געשען. איך בין ווי פון שלאָף אויפגעשטאַנען און אין איין רגע אַן אַנדערע געוואָרן... אזוי זע איך דיך אויך, מיין ליב קינד. דער רבי, זאָל לעבן, האָט דיין האַרץ אין דיר געלייטערט און דיינע אויגן זעען איצט ווי פאַרנאַרט דו ביזט ביז איצט געווען. נאָר וואָס געווען, בין איך דיר מוחל, גאָט זאָל מיר שוין טרייסטן פאַר מיין צער!..

— יאָ מוטער, — האָט זי געענטפערט, — אַן אַנדערע בין איך ווירקלעך געוואָרן, אז איך בין אַהין געפאָרן. עס איז ווערט צו זען און צו הערן, וואָס איך האָב דאָרט געזען און געהערט... אָבער ווי מיד בין איך איצט, מוטער!... ווי ווילט זיך מיר שלאָפן, אויסרוען זיך ביי מיר אין מיין צימער... אויף מיין בעט!... אַנטשולדיק איך האַלט מיך קוים אויף מיינע פיס... דער פעטער וועט דאָ מסתמא באַלד זיין און געוויס דיר אַלץ דערציילן...

חייעלע האָט רחמנות געפילט און געהייסן איר קינד זיך אויסרוען פריער. זי וועט נאָך צייט האָבן נחת פון איר צו הערן מאָרגן. אבער עס איז דאָך צו לאַנג געווען צו וואַרטן אויף ר׳ שלמהן, און זי איז באַלד צו אים אַוועק. רחלע האָט אירע ברידערלעך און שוועסטערל גוט, גוט אָנגעקושט און איז אַריין צו זיך אין צימער. פייגע האָט די קינדער פאַר די הענטלעך ארויסגעפירט און זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן נישט שרייען.

חייעלע איז צוריק געקומען פון ר׳ שלמהן מיט זייער אַ באַזאָרגטן פנים. זי וואָלט רחלע איצט גוט מכבד געווען, ווי זי פאַרדינט פאַר אַזא העזה, דעם רבין, זאָל לעבן, אַליין אַזוי דערווידער צו זיין, נאָר ר׳ שלמה האָט איר אין ר׳ פּנחסלס נאָמען אָנגעזאָגט: למען השם, נאָר מיט גוטן מיט איר אומצגיין און נאָר פריינטשאַפט און טרייהייט איר צו ווייזן אין חייעלע האָט איר כעס פאַרשטיקט און איר זינדיקע טאָכטער געלאָזט רויק שלאָפן. אז רחלע איז אויפגעשטאַנען, איז זי די ערשטע זאַך אַריין אין סאָד און ווי איז זי נידערגעשלאָגן שטיין געבליבן, ווען זי האָט דאָ געפונען אַ כאַאָס פון אַנגעוואָרפענע בית־המדרש־טיש און בית־המדרש־בענק! די שענסטע ערטער פון סאָד אויסגעטרעטן און פאַרוויסט, די בלומען אָפּגעריסן און פאַרוועלקט. די חסידים, וואָס האָבן אויף שימעלעס חתונה געטאַנצט, האָבן אויך דעם סאָד נישט אויסן געלאָזט, און די סאַרווער האָבן די בענק און טישן

אין סאַד אַריינגעוואָרפן. „אומשולדיקע, ליבע בלימעלעך!“ — האָט זי פאַר זיך געזאָגט.“ — נאָר אויף עטלעכע טעג האָב איך מיין וואַכנדיק אויג צוגענומען פון אייך און ווי האָב איך אייך איצט געפונען! מענטשן האָבן געפיל? האָבן אייך מיט די פיס צעטרעטן, אייך אייער קורצע בליענדיגע צייט נאָך קורצער געמאַכט?... נאָר טוען זיי מיט זייערע בליענדיקע קינדער בעסער? דו, גאָט, ביזט דאָך דער גוטער גערטנער פון דיין וועלט, פאַרוואָס לאָזטו דיין גאָרטן אַזוי אָפן און פריי? וואָס שווייגט איר, שטומע צעטרעטענע בלימעלעך מיינע? פאַר־וואָס בעט איר נישט אַ שטראָף פאַר די מוטוויליקע מערדער אייערע, פון גאָט דעם גוטן, וואָס דאַרף אַזא אומרעכט נישט צו זען. אין זיין ליבער נאַטור? ניין, פאַרשטיי איך נישט אייער לשון? הערן נישט מיינע אויערן אייער קלאַג־געשריי איצט אויף דאָס אומרעכט, וואָס איז אייך געשען!... אויך אויף מיין האַלדז פיל איך איצט דעם שווערן פוס, וואָס וויל מיך צעטרעטן. גאָט, ענטפער אונדז, נישט לאָז מער אומגערעכטיקייט אונדז געשען!“

זי האָט אויפגעהייבן עטלעכע צעטרעטענע רויזן און געהויכט אויף זיי, ווי זי וואָלט געוואָלט אַ ניי לעבן אין זיי איינהויכן.

„ווער קען מיר זאָגן, אויב אין אַ בעסערן צושטאַנד וועט מיין משהלע מיך געפינען, ווען ער וועט צוריק קומען פון דאָרט, ווו ער איז איצט? — האָט זי זיך געפרעגט, — בליט דען דער מענטש נישט אין זיין יוגנט, ווי אַ בלום? מיט וויפל בין איך שטאַרקער געבויט פאַר אָט די צאַרטע גרעזעלעך, מיט אַזוי פיל שטאַרקער איז דער פוס, וואָס טרעט אויף מיר... אַך, נישט פון שטאָל און אייזן איז מיין האַרץ אין מיר. איך פיל, ווי עס פוילט, ווי עס ווערט אויפגעצערט און דורכגעגעסן פון פאַרדרוס, פון רחמנות און עלנט און איך הייב אָן וועלקן פאַר דער צייט!... ווי בעט איך דיך, גאָט, ווען מיר איז ווירקלעך באַשערט אַזוי יונג פאַרוועלקט צו ווערן, זאָל מיך מיין משהלע כאָטש אַ וועלקנדיקע, אָבער נישט אַ פאַרוועלקטע געפינען. איך זאָל אים כאָטש נאָך איינמאָל קענען זאָגן, אַז צוליב אים האָב איך געלעבט, און אַז מען האָט מיך איבערגעוואָלט פון אים אָפּגעריסן, איז מיר דער טויט מער ניחא, ווי אַ לעבן אָן אים!“

— אין אַזעלכע געדאַנקען האָט זי נישט באַמערקט, ווי די מוטער איז צו איר צוגעקומען. הייעלע איז אויך דערשטוינט געוואָרן, אַז זי האָט דאָ דערזען דעם כאָאָס.

—וואס זאגט מען צו זייער קאָפּ! — האט זי מיט כעס געזאָגט. — אָט די טובה האָט מען שטענדיק, אז מען לאזט אריין חזירים אין גאָרטן! זיי האבן דאָך א תּל געמאכט פון גאַנצן סאָד! די שטוב איז זיי ווייניק געווען, די קבצנים, האָבן זיי מיר נאָך דעם סאָד אויך חרוב געמאכט! אַ חורבן אויף זייערע קעפּ, האסטו געזען אַ ביסל, וואס פּיאניצעס קענען!

— מוטער, פארוואס זאגסטו פּיאניצעס? — האט רחלע זיך אפּ־געררופן, — זענען זיי נישט דעם רבינס הייסע חסידים? מעג דען אַ חסיד נישט טרינקען ביז משוגע ווערן און דעם אנדערן שאדן טון פון גאָטס וועגן?...

— עס איז טאָקע אַ שאָד און אן עוולה אויך, מיין קינד, — האט די מוטער געטרייסט, — נאר קיין גרעסערן שאדן זאלסטו, צייט דיין לעבן, נישט האבן. איך כּארהאָף צו גאָט, דו וועסט ביי דיין באשערטן שענערע און גרעסערע סעדע־ און גערטנער האבן גאר אין גיכן, אם ירצה השם. עס איז איצט טאָקע דאָ איינער, וואס וויל אפּקויפן דאס הויז מיט דעם זאוואָד, זאל ער נאר געבן דעם מקח, וואס איך פארלאנג, וועל איך אים פארקויפן. וואס זאגסטו, מיין טאכטער?

— וואס זאג איך, פרעגסטו? אָ, ווען נאר אין מיין זאגן זאל זיך ווענדן, ליבע מוטער, וואלט איך זאגן, אז פאר קיין געלט אין דער וועלט זאלסטו עס נישט פארקויפן! נישט נאר ליב איז מיר דאס הויז, וווּ איך בין געבוירן געווארן. אבער אויך הייליק איז מיר דער ארט, וווּ מיין חשובער זיידע האט אזוי מיט כבוד זיינע יארן אויס־געלעבט און וווּ מיין ליבער פאטער האט אין פרידן געלעבט, כאטש אים איז נישט באשערט געווען דאָ זיין לעצטן טאג צו פארלעבן... נאר איך זאג דיר קיין דעה נישט, דו מעגסט אַלץ פאַרקויפן. טו, וואס דיר געפעלט. איך וועל מיט אַלץ צעפרידן זיין. דאס הויז וועט בלייבן אַ הויז, ו ער נאר אין אים וועט וווינען, דער סאד וועט זיין אַ סאָד און די בלומען וועלן ווידער בליען, גארנישט באקימערט, ווער עס וועט זיך קוויקן מיט זיי... פארקויף, ליבע מוטער, אלץ, וואס דו ווילסט... נאר איינס פארקויף נישט!... פארקויף מיך, דיין קינד, נישט!... אלץ קען אַ מענטש פארקויפן, מוטער, אבער נישט זיין הארץ! קענסטו מיין הארץ פון מיר ארויסרייסן? קענסטו אויסלעשן דאס פייער, וואס גאט אליין האט אין דעם הארץ אנגעצונדן? ניין! דאס קענסטו נישט, מוטער, דאס קען איך אויך נישט, אפילו ווען איך זאל עס איך

וועלן, בפרט אז איך וויל עס נישט, אז איך בין אזוי גליקלעך, ווי איך בין! אָ, לאָז מיך גליקלעך זיין מיט דער האָפענונג נאָר משהלעס צו זיין! צערייס די תנאים, וואָס איר האָט פאַר מיר געשריבן, זאָג דאָס איינציקע וואָרט, אז נאָר משהלע איז די איינציקע ליבע ירושה מיינע, וואס איז מיר פון מיין ליבן זעליקן פאָטער געבליבן... מער בעט איך נישט, מער פאַרלאַנג איך נישט, און אייביק, אייביק וועט דיין קינד דיינע פיס קושן און דאַנקען דיר!...

חייעלע האָט זי אָנגעקוקט, ווי אַ צעמישטע. אין איר האַרצן האָבן זיך אָנגעהייבן אויפצוּוועקן געפילן פון רחמנות, אָבער ענטפערן אין דער הייסער רגע האָט זי נישט געקענט. רחלע האָט זיך אויף די קני אַראָפּגעלאָזן, אַרומגענומען דער מוטערס פיס און געקושט.

האָב רחמנות, מוטער! — דאָט זי נאך רירנדיקער, ווי פריער, געבעטן. — דאָ צווישן די ביימער, וואס זיי האָבן געפלאַנצט, שפּאַצירן אפשר די אויסגעלייטערטע נשמות פון מיין זיידן און פון מיין פאָטער און הערן געוויס מיין בעטן דיך. מוטער, טו צוליב דיין געשטאָרבענעם מאַן, דעם, וועמ עס וועט אייביק בלייבן מיין ליבער פאָטער... דאס, וואס איך בעט דיך, איז זיין הייליקער ווילן געווען ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן. אָ, מוטער, פיל האָט ער דיך אין זיין צוואה געבעטן, טו כאָטש דאָס אַליין נאָך זיין טויט פאַר אַזוי פיל טרייקייט, ווי לאַנג ער איז דיין מאַן געווען!...

חייעלען איז אַ קעלט אַריבער איבערן גאַנצן קערפּער. זי האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן און טרערן זענען געפאַלן איבער איר קינד, וואָס איז ביי אירע פיס איצט געלעגן.

שווייג נישט, מוטער! — האָט רחלע מיט אַ פייגלעכער שטימע ווידער אָנגעהייבן. — רעד אַרויס דאָס וואָרט, אַז דו טוסט דעם ליבן פאָטער מיינעם צוליב. זאָל ער פאַר דיר גאָט בעטן, דו זאָלסט לעבן און גליקלעך זיין!... פאָטער! — האָט זי פלוצלונג, ווי פון פאַרצווייפלונג אַ געשריי געטון, ווענדנדיק אירע אויגן צו די ביימער. — ביזטו דאָ? וואָס שוויגסטו און העלפסט נישט דיין קינד עפענען דאָס האַרץ, וואָס די אייגענע מוטער האָט פאַר אים פאַרשלאָסן? העלף מיר, פאָטער, העלף מיין מוטער אירע אויגן עפענען, די אויגן, וואָס נאָר שלעכטע מענטשן האָבן זיי בלינד געמאַכט, דעם אמת נישט צו זען...

ביי די רייד האט זי מיט אַ קראַמף צוגעדריקט איר קאָפּ צו דער מוטערס קני, און פון צעטרייסלונג געבליבן שוואַך און אָן לשון.

חייעלע האט אָנגעהייבן צו ציטערן מיט אַלע גלידער. זי האט מורא געהאַט אַ קוק צו טון אין דעם ווינקל, ווו רחלע האט צום גע-שטאָרבענעם פאָטער גערופן. זי האָט הינטער זיך דערהערט טריט און האָט געמיינט, אַז דאס גייט איר געשטאָרבענער מאַן. באַלד וועט זי אים זען, אים קענען וועלכן זי איז אַזוי זינדיק... אָבער פּלוצלונג האט זי דערהערט אַ קול:

— גוט מאָרגן אייך, חייעלע, גוט מארגן, שלום עליכם דיר, רחלע! וואס מאַכסטו, מיין תּלמידקע? מיר קומט דאָך מזל-טוב, רחלע!

פון צעשראָקנקייט האט זי נישט דערקענט די שטימע און האט נאך אַלץ געציטערט, ביז זי האט אירע אויגן אויפגעהייבן און דער-זען שימעלען.

די נשמה האָט איר מיר אַרויסגענומען, — האָט זי געזאָגט און אַ שפּיי געטון. — ווי גייט עס אַ מענטש אונטער אַזוי אומגעריכט?!

— אין שטוב איז קיינער נישטאָ, — האָט ער זיך פאַרענטפערט, — כאָטש צעטראָג בכל של הכל. אָט בין איך אַהער געקומען, אייך נאָכ-אַמאָל צו דאַנקען, וואָס איר האָט מיין שמחה באַשיינט, און זאָגן רחלען, אַז כאָטש זי איז אויף מיין שמחה נישט געווען, וועל איך פונדעסטוועגן טאַנצן אויף איר חתונה, אי"ה, גאָר אויף אַן אַנדערן אופן...

— וואָס זאָגט מען דערצו? — האָט חייעלע מיט אימפּעט אויסגע-רעדט און זיך אַריס געטון פון איר קינד. — איך האָב די שליסעלעך אין קאַמאָד געלאָזן. זייט דאָ, מיין טאָכטער, איך גיי נאָר אַ קוק טון, צי איז נישט, חלילה, אַ היזק געווען.

און מיט די ווערטער איז זי פון סאַד אַרויס.

אָנגעטון אין זיינע בגדי מלכות, ווי אַ מחותן איז שימעלע דאָ מיט רחלען אַליין געבליבן. אין האַנט האָט ער געהאַלטן, אין זיין רויטער נאָזטוך איינגעבונדן, אַ גרויס שטיק לעקעך.

— שלום עליכם דיר, רחלע, נאָכאַמאָל! — האָט ער געזאָגט, צו-גייענדיק נענטער צו איר. — ווען ביזטו לשלום אַהיים געקומען? וואָס מאַכט אונדזער רבי, זאָל לעבן? אַ יאָ, אַ שיינער ייד איז אונדזער רבי? אָט דאָס הייסט אַ ייד, מיטן פולן מויל אַ ייד, נישט אמת, רחלע? דו פאַרשטייסט דאָך אַן אינטערעס, כאָטש דו ביזט אַ בתולה! ער האָט

דיך מסתמא געבענטשט, דו זאָלסט זיין לאלפי רבבה, דאס איז טייטש: צו טויזנטער און צו צענטויזנטער. זאָלסט האָבן געלט אַ סך, אַ סך, ווי שטערן אין הימל, ווי זאַמד ביים ים. אבנים טובות, דאס איז טייטש: דימענטן, בריליאַנטן און מרגליות — דאס איז טייטש: פּערל... הערסטו, רחלע, פּערל זאָלסטו האָבן, און אז איך וועל ק מען צו דיר לייען אַ גמילת חסד, זאָלסטו מיר נישט זשאַלעווען און טאַקע לייען אַ סך, וואָרים צוליב מיין טאָכטעס חתונה בין איך לא עליך אַ גרויסער בעל-חוב געוואָרן, מען רייסט מיר די פּאָלעס אָפּ... דאס איז אַלץ מיין אַלטע שולדיק, ביי מיר וואָלט רעכט געווען געבן מיין זלאַטקען אַ צוויי, דריי העמדער, אַ מלבוש אויף דערוואָכן און אַ מלבוש אויף שבת, אַבי חתונה געמאַכט. וועט איר מאַן וועלן, וועט ער איר מאַכן קליידער כאָטש זיידענע, וואָס אַרט עס מיך. נישט אמת, רחלע, מיין אַלטע איז אומגערעכט?

זי האָט געשוויגן. שימעלע איז צוגעגאַנגען נאָך נענטער.

וואָס שווייגסטו רחלע? — האט ער געפרעגט. — וואָס ביזטו ברוגז? יאָ, איך פאַרשטיי, דו האָסט פאַריבל, וואָס איך האָב אָן דיר די חתונה מיט מזל אָפּגעשפּילט, דו וואָלסט בוודאי געטאַנצט... טאַקע אַן עוולה, אויף נאמנות אַן עוולה. אָבער דערפאַר האָט דיין מאַמע, זאָל געזונט זיין, געטאַנצט פאַר דיר אויך. זיי נישט ברוגז, רחלע, געדענקסטו דעם עברדיקן חול-המועד-פּסח האָבן מיר אונדז מוחל געווען און כורת ברית געווען אויף אייביקן שלום. נאַ, זע כאָטש, אז איך האָב דיך נישט פאַרגעסן: דעם ערשטן חלק לעקעך האָב איך אַראָפּגענומען און לכתחילה פאַר דיר באַהאַלטן. נעם עס צו, זאָג מיר מזל-טוב און עס געזונט!

שימעלע האָט זיינע גוטע רייד נאָך פאַר די ביימער גערעדט. רחלע איז אַזוי באַקלעמט געווען, אז זי האָט זיינע ווערטער כמעט גאָרנישט געהערט. שימעלע האָט איר ווי דער שטן אויסגעוויזן, וואָס האָט איר געבעט אין דער לופטן אָנגעכאַפּט און נישט צוגעלאָזן דער מוטערס ווייך געוואָרן הארץ צו איר קינד זיך צוקלעבן. ער איז צוריק אין שטוב אַריין און האָט פייגען זיינע לעקעך אַוועקגעגעבן, זי זאָל עס רחלען איבערגעבן. פייגע איז אַריין אין סאָד אַ קוק טון, וואָס איז דאָרט געשען.

— דו ביזט גאָר אַליין, מיין טאָכטער? — האט פייגע געפרעגט, אַז זי האָט זי אַזוי פאַרשטיינערט געפונען.

— אַליין, פייגע, עלנט און אַליין! — האָט רחלע געענטפערט — מיין מוטער האט איר הארץ פון מיר פאַרשלאָסן. איך ווייס שוין קיין שליסל נישט, ווי עס צוריק צו עפענען... מיינע טרערן זענען טראָפּנס רעגן, וואָס זי באַהאַלט זיך פון זיי. מיין בעטן זיך וועקט אירע פאַרשלאָפענע מוטערלעכע געפילן נישט אויף, מיין טרייער פעטער האָט זיך אין גאַנצן פון מיר אָפּגעזאָגט. און, גאָט אין הימל, אַך, פייגע, ער הערט מיך אויך נישט!... זייט איר מיט מיר אין מיין נויט, זאָגט מיר צו: מיך אַליין נישט צו לאָזן, בעת אַלע וועלן זיך פון מיר אָפּזאָגן... די מוטער פאַרקויפט דאָס הויז און אַלץ, וואָס אונדז איז דאָ ליב, זי וועט באַלד חופה האָבן און אַוועקפאָרן אַהין, ווו עס לעבט זיך, ווי אין אַ גן-עדן... איך וועל דאָ בלייבן, בלייבט איר אויך מיט מיר, און איך וועל אַלץ פאַר גוט אָננעמען.

— מיין ליב קינד, — האָט פייגע אויסגערעדט און אירע טרערן האָבן זיך געגאָסן, — מיין גאַנץ לעבן וועל איך אַוועקגעבן פאַר דיר, איך זאָל נאָר וויסן, אז גאָט וועט מיך צונעמען אַנשטאט דיך! ווערמען האָב איך, אַ חוץ דיר? ווער, אז נישט דו וועסט אין דער גוטער שעה מיט מיר ווידוי זאָגן און נאָך מיין טויט פאַר מיר אַ קדיש זינגען? — זאָג דו מיר צו, ליב קינד, מיך נישט אַוועקצולאָזן ביז מיין לעצטע שעה וועט קומען. מיך דאַרפסטו נישט בעטן, איך בין דיינע ביזן קבר!...

ז.

פון יענעם טאָג אָן, וואָס חייעלע איז דעם נסיון בייגעשטאַנען און איר קינד נישט נאָכגעגעבן איר זינדיקע תאווה, האָט זי אויסגעוויכט יעדע געלעגנהייט, וואָס קען זי, חלילה, נאָכאַמאָל צו אזא שווערן נסיון ברענגען. רחלע האט אויך מער קיין געלעגנהייט נישט געזוכט, די מוטער אין אַזא נסיון צו שטעלן. זי האָט דערקענט, אַז זי האָט נישט מיט ווענען צו רעדן, וואָרים זי האָט איינגעזען, אַז די מוטער גרייט זיך צו דער חתונה און קלערט גאָרנישט, אַז עס איז נאָך דאָ ווער, וואָס וויל די חתונה נישט. אין דער צייט האָט זי צו משהלען

זייער פיל געשריבן. אין איין בריוול האָט זי אים איר לאַגע מיט פאָלגענדיקע ווערטער אויסגעדריקט

„וויפל מוז אַ מענטש געפּרווט און געלייטערט ווערן ביז זיין שכל קומט צו אַ רעכטער איבערצייגונג! וויפל האָב איך געליטן, ליבער פריינט, ביז מיין שכל האָט מיך איבערצייגט, דאס איך בין שוואַך, ווי אַ פליג יענעמס ווילן גובר צו זיין. אָבער שטאַרקער, ווי אייזן בין איך מיין אייגן האַרץ און ווילן צו באַשיצן? ערשט איצט, נאָך אַזוי פיל שמערצן, נאָך אַזוי פיל וויינען און בעטן און נאָך אַזוי פיל טרערן פאַרגאָסענע אומזיסט, בין איך צו דער פעסטער איבערצייגונג געקומען, אַז זיי האָבן מיר נאָך גאָרנישט געטון, נישט מיט זייער תנאים שרייבן, נישט מיט זייער נאָמען „כלה", וואָס זיי האָבן מיר געגעבן. זיי האָבן נאָך דאָס מינדעסטע, וואָס מיר איז טייער און ליב, פון מיין האַרצן נישט אויסגעריסן. יאָ, משהלע, עס האָט נאָר אַ ווינט, אַ שטורעמווינט געבלאָזן, אָבער קיין ביימער, קיין בלומען פון מיין גאָרטן נישט אויסגעריסן... נישט אײַנגעבויגן, אפילו אויף איין מינוט... אַלץ אין אים בליט נאָך, אַלץ וואַקסט און געדייעט, אטעמט ליכט און לופט, ווי גאָרנישט געשען!... איך קען איצט זיי גלייך אין די אויגן קוקן, זיך נישט איבעריק באַקימערן מיט די חתונה-קליידער און חתונה-צוריכטונג, וואָס זיי גרייטן צו. מיט מיין לעבן, מיט אַלץ, וואָס מיר איז הייליק, בין איך דיר ערוב, אַז די חתונה וועט קיינמאָל נישט זיין. דיינע בין איך, משהלע, דיינע ביז דעם לעצטן אָטעמצוג פון מיין לעבן. גאָט אין הימל הערט און איז מיין עדות, מיט וועלכער פייערליכקייט און געוויסהייט איך שווער עס דיר. יאָ, נאָר ער האָט מיר דיך געגעבן אין דער מינוט, וואָס ער האָט באַשטימט מיין ליבן פאָטער פון מיר צוצוציען. דו ביזט מיין פאָטער, משהלע, אין דיר האָב איך אים אַ לעבעדיקן אַ געטרייען, אפילו נאָך זיין טויט און מיר איז גענוג דיין נאָמען צו דערמאַנען און זיך שטאַרק צו פילן מיט דער גאַנצער וועלט צו קעמפן! איך גלויב אין גאָט, איך רוף צו אים און בין איבערצייגט, אַז ער הערט מיך און ענטפערט מיר. ווארים אין מיין האַרץ איז די ליבע אַ געטלעכע מאַכט און מיט אָט דער ליבע קען מען זיין גליקלעך אפילו אין אומגליק. אַ געטלעכע האַנט, פיל איך, שיצט מיין שוואַך האַרץ קעגן דעם בלינדן ווילן פון מיין מוטער און פעטער. יאָ, נאָר גאָט קען מיר אַזאַ מוט געבן זיך אויסצולאַכן פון דעם רבינס געוואַלטיקער מאַכט, און נישט מורא האָבן פאַר

זיינע קללות, און ווען גאָט איז מיט מיר, פאַר וועמען האָב איך מורא?

דאָך טו איך אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך, צו אַ סקאַנדאַל נישט צו ברענגען און ווי בעט איך גאָט, ער זאָל זיי זייערע אויגן עפענען, זיי זאָלן זיין ווילן אויך אַזוי באַגרייפן, ווי איך! נאָר ווען פון מיין זייט וועט אַלץ, וואָס קען צו אַ פרידלעכן גוטן סוף פירן — זיין אָפּ.געטון און זיי וועלן נאָך נישט איינזען מיין רעכט, וואָס איך האָב אויף זיך, דאַן זאָל מיר גאָט פאַרצייען, בין איך אויף דאָס אַ יסערסטע גרייט און געפאַסט, און וועל מיין חתן און מחותן אין די אויגן זאָגן: זיי מעגן פאָרן מיט דעמזעלבן וועג, וואָס זיי זענען געקומען. מען האָט זיי גענאַרט, פאַרקויפט די פעל, איידער מען האָט נאָך דעם האָז דערשאָסן... און נישט אַ מוטער מיט אַ פעטער, נישט אַ רבי מיט זיינע חסידים קענען דעם בונד צערייסן, וואָס גאָט אַליין האָט מיט ליבע פאַרבונדן... פון מיין ליבע צו דיר ווייסן איצט אַלע, אפילו דעם רבין האָב איך פון איר דערציילט און אַ חברה חסידים האָט עס געהערט, און ווייל דער רבי האָט געזאָגט, אַז איך זינדיק מיט אַזעלכע ווערטער און ווייל אַלע ווייסן, אַז נאָר מיינע ליבע צו דיר מאַכט מיך פאַר אַזאַ זינדיקע יידישע טאָכטער, וואָס וויל דעם רבינס אויסדריקלעכן ווילן נישט טון, האָב איך מורא דיך צו רופן מיר אַ האַנט צו געבן אין מיין נויט. אין רבינס הויף האָב איך זיין געוואַלטיקע מאַכט באַמערקט, און נישט אומזיסט, מיין איך, האָט מען מיר דאָרט פיל משלים דער-ציילט פון דעם שלעכטן סוף, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן פון יענע יונגע קינדער, וועלכע האָבן געהאַט אַ העזה איבער זייער נאַרישער ליבע, דעם רבינס רצון און ברכה דערווידער צו זיין... איך בין אפשר זינדיק פאַר גאָט, חושד צו זיין מיין טייער פאָלק אין אַזאַ זאַך, וואָס יידן זענען דערצו נישט פעיק, אָבער מיר, משהלע, וועסטו נאָר אַנגסט און זאָרג מיטברענגען, ווען דו וועסט קומען, איידער איך וועל דיך רופן!... זיי זיכער, ווען די נויט וועט גרויס זיין און איך וועל איינ-זען, אַז מיין אייגענער כוח איז צו שוואַך מיין ווילן דורכצוזעצן, וועל איך דיך רופן און דו וועסט נאָך יעדנפאַלס צייט האָבן דיין רחלען צו רעטן, זי זאָל דיינע זיין. דיינע, משהלע, פאַר גאָט און פאַר דער וועלט!... לערן אומגעשטערט. נאָר איצט ווייס איך און פאַר-שטיי איך, וואָס דו לערנסט און ווי נייטיק דיין לערנען איז אַ פרומער אמתער ייד צו זיין. אין רבינס הויף האָב איך פיל געלערנט, און

איך ווייס איצט, אַז פון טויזנט מענטשן איז נאָר קוים איינער דאָ, וואָס גלויבט נישט, אַז שוואַרץ איז ווייס און פון אַזוי פיל יידן איז אפשר אויך מער ווי איינער נישטאָ, וואָס איז באמת ווערט מיט דעם אמתן נאָמען „ייד" אָנגערופן צו ווערן... איך ווייס נישט, צי איז די וועלט נאָך אַזוי פינצטער, אָדער צו זענען דאָ אין דער וועלט מער בלינדע, ווי זעענדיקע? נאָר מיר איז מער קיין ווונדער נישט, פאַרוואָס לאָזט זיך אַ גאַנצע סטאַדע שעפסן טרייבן פון איין קליינעם פאַסטוכל און פאַרוואָס גלויבן טויזנטער יידן אין נאָך אַ יידן, וועלכער איז אייגנטלעך נישט בעסער, נישט קליגער און נישט פרימער פאַר זיי!..."

אַזוי האָט רחלע זיך רויק געפילט און זיך ווייניק באַקימערט מיט אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום איר.

נאָר דער געדאַנק האָט זי געפייניקט, וואָס די מוטער פאַרקויפט דאָס הויז און וואָס זי וועט באַלד חופה האָבן, אַרויספאָרן פון דאַנען און נעמען די קינדער מיט זיך. „ווי וועל איך מיך מיט זיי צעשיידן?" פלעגט זי זיך פרעגן, „ווי וועלן די עלנטע קינדער קענען לעבן אָן מיר און וואָס וועט פון זיי ווערן?" די דאָזיקע פראַגן זענען איר איין מינוט פון זינען נישט אַרויס. זי האָט זיך אָבער געשטאַרקט און ביסלעכווייז אָנגעהייבן די קינדער אָפּגעוויינען פון זיך. זי האָט אויפגעהערט זיי אָנטון און אויסטון, ווי זי איז געוווינט געווען. זי פלעגט אויך אויסמיידן מיט זיי אַליין נישט צו בלייבן און פלעגט אַוועקגיין ערגיץ, בעת די קינדער פלעגן פון חדר קומען. נאָר ביי נאַכט, ווען די קינדער פלעגן שוין שלאָפן, פלעגט עס זי פון איר בעט אַראָפּציען און זי פלעגט שטיל, ווי אַ גנב אין זאָקן, אין קינדער-צימער אַריינגיין, זיי אָנקושן שלאָפנדיקע, זיך אויסוויינען און צוריק מיט אַ באַקלעמטן האַרצן אויף איר בעט זיך אַוועקלייגן. אַז די קינדער פלעגן זי אַמאָל טרעפן, זיך צוטשעפּען צו איר און ווען וואָס דערציילן פאַר איר, פלעגט זי זיך אַ געוואַלדריס טון און זיך אַרויסרייסן פון זיי, אָדער זיי אַוועקטרייבן פון זיך און אין איר האָט דאָס האַרץ געבלוטיקט, זעענדיק, ווי די אומשולדיקע קינדער ווערן באַקלעמט און פאַרשטייען נישט, פאַרוואָס איז זי צו זיי אַזוי קאַלט געוואָרן. אַזוי זענען עטלעכע שווערע פינצטערע טעג אַריבער. נאָר דאָ האָט זיך געמאַכט, אַז דאָס קליינע שוועסטערל איז נישט געזונט געוואָרן און זי האָט ביי אַזאַ געלעגנהייט נישט געקענט מער זיין פון ווייטן. זי איז דריי טעג און דריי נעכט אין קינדס צימער לעבן זיין בעטעלע גע-

זעסן נאָר פון איר האַנט האט דאס קראַנקע קינד די רפואה גענומען. אין דער צייט האָבן אויך די ברידערלעך געקענט זיך צוטוליען צו איר און זי האט איינגעזען, אז איר טרחה, זיי פון זיך אפצוגעוווינען, איז אומזיסט.

איינמאל האט דאס עלטערע ברודערל זיך צוגעטוליעט צו רחלען, גענומען קושן איר האַנט און פון זיינע אויגן האבן זיך טרערן געגאסן.

— וואס וויינסטו? — האט רחלע געפרעגט

— האב אונדז נישט פיינט, רחלע! — האט דאס קינד אויסגעכליפּזט, — די מאַמע זאגט, אז דו האסט אונדז אלעמען פיינט און ווילסט נישט וויסן פון אונדז...

רחלען זענען טרערן אין די אויגן אנגעלאפן און זי האט נישט געוווסט דעם קינד וואס צו ענטפערן.

— וויין נישט, רחלע, — האט דאס קינד געבעטן, — איך וועל שוין אויך נישט וויינען, קיינמאל נישט וויינען, רחלע, נאר האב מיך נישט פיינט, טרייב מיך נישט אוועק פון דיר! איך האב דיך אזוי ליב, רחלע, אַזוי ליב, אפילו מיין חלק לעולם הבא וואלט איך דיר אוועקשענקען!... מיר וועלן דיך פאלגן, רחלע, און טון אלץ, וואס דו הייסט אונדז. אפילו מירעלע וועט אויך נישט וויינען, אז דו וועסט זאגן, אז דו האסט אונדז נישט פיינט.

— איר וועט מיך אַלע פאלגן? — האט זי געפרעגט.

— אַלע, אלע! — האבן די קינדער אויסגעשריגן.

— האט מיך פיינט, קינדערלעך, עלנטע! האט מיך פיינט, איך בין נישט ווערט, איר זאלט מיך ליב האבן!...

— ניין, רחלע, — האט דאס ברודערל זיך אפגערופן, — אלץ וועל איך דיר פאלגן, נאר פיינט האבן דיך קען איך נישט... ווי איך בין א ייד, איך קען נישט, רחלע! אז דו רעדסט נישט מיט מיר, טוט מיר אין האַרצן אַזוי וויי, און אז איך קום אין חדר און הייב אָן לערנען, וויין איך, כאָטש איך וויל נישט וויינען. דער רבי שלאָגט מיך און די מאַמע זאָגט: דו האָסט אונדז אַלעמען פיינט!..

— ניין, מאָטעלע, — האָט זי אויסגערעדט מיט אַ פיינלעכער שטימע, — איך האָב אייך ליב, ווי מיין לעבן ליב! ווער קען אייך, מיינע ברידערלעך פיינט האָבן? נאָר אָפּגעוווינען אייך פון מיר וויל איך. אָט באַלד וועט איר מיט דער מאַמען אַוועקפאָרן צו אונדזער נייעם טאַטן, איך וועל

דאָ בלייבן... איך וויל, קינדערלעך, אייך באַצייטנס אויסלערנען נישט בענקען נאָך מיר.

— ניין, רחלע, — האָט דאָס קינד מיט אַ נײַ געוויין געענטפערט, — מיר וועלן דאָ מיט דיר בלייבן! אָ, לאָז אונדז נישט פאָרן צום נייעם טאַטן! דער רבי זאָגט, אַז ער איז אַ בייזער און וועט אונדז שלאָגן און שמייסן אַלע טאָג!...

די קלענערע קינדער האָבן אויך אָנגעהייבן וויינען. רחלע אַליין האָט זיך פון וויינען נישט געקענט צוריק האַלטן, האָט די קינדערשע קעפּעלעך צו איר ברוסט צוגעדריקט, זיי געקושט און וויינענדיק צו-געזאָגט, זיי נישט צו לאָזן לאַנג ביי דעם נייעם טאַטן. אויף מאָרגן פרי האָט זי זיי שוין ווידער אַליין אָנגעטון, ווי אַמאָל, זיי טיי גע-געבן און אין בית-המדרש אַוועקגעשיקט קדיש זאָגן. אַז די קינדער זענען נאָך דעם דאַוונען אַהיים געקומען, האָבן זיי רחלען געזאָגט, אַז דער פעטער ר׳ שלמה האָט זי געבעטן, זי זאָל נישט אַוועקגיין, ער וועט דאָ באַלד זיין און וויל מיט איר רעדן. דאָס איז ביי איר אַ נייס געווען. זייט זי איז מיט אים צוריק פון ווינאָגראָדקע גע-קומען, האָט ער מיט איר נישט גערעדט, כאָטש ער פלעגט דאָ אויך אין דער צייט אַזוי אָפט זיין, ווי פריער. עס האָט זי נישט פאַרדראָסן, וואס ער רעדט מיט איר נישט, אָבער דאס האַרץ האָט איר שטענדיק ווי געטון, קוקנדיק אויף אים. ער איז פון יענער צייט מיט צען יאָר עלטער געוואָרן. זי האָט געוווסט, אַז ער האָט חרטה, וואָס ער האָט זיך מיט אַ שבועה אַרויסגעכאַפּט, אויף זיין שוועל זי נישט אַרויפ-צולאָזן ביז נאָך איר חופּה מיט ר׳ הענעכס זון. און אויסער זיין אייגענער חרטה האָט ער נאָך אויסצושטיין פון זיין דבורהן, איר קלוגער מומען, וועלכע וויינט און קלאָגט, וואָס ער האָט איר ליבע פלי-מעניצע פאַרטריבן פון איר שטוב. זי האָט אויך דאס געוווסט, אַז צו אַלע זיינע עגמת נפש, איז אים איצט צוגעקומען אַ נייער צער, וואָס איר מוטער האָט אָנגעהייבן ערנסט צו רעדן און צו טון וועגן פאַר-קויפן דאס הויז. זי האָט געוווסט, ווי עלנט ער וועט דאָ בלייבן אויף דער עלטער. דעריבער האָט זי אַליין אויך געזוכט אַ געלעגנהייט מיט אים זיך דורכצורעדן און האָט אים איצט מיט אומגעדולט אָפּגעוואַרט. אין אַ האַלב שעה אַרום איז ער געקומען. רחלע האָט זיך דער-שראָקן, אַז זי האָט אים דערזען — אַזוי איינגעהויקערט-קראַנק האָט ער אויסגעזען.

—וואָס איז אייך, פעטער ?—האָט זי געפרעגט אים אַנטקעגן גייענדיק.

— דו ביזט פאָרט מיין גוט קינד ! — האָט ער געענטפערט מיט אַ צערטלעכער שטימע. — אין דיר איז נאָך פאָרט דאָ מיין ליבן ברודערס גוט ואַרץ. דו האָסט רחמנות אויף מיר... נישט אמת, דו ווילסט נישט, איך זאָל שטאַרבן אָן אַ צייט !

— פעטער, שטאַרבן אָן אַ צייט ווינטש איך אפילו אַ שונא אויך נישט ! — האָט זי זיך אָפּגערופן. — קיין שונא זענט איר מיר געוויס נישט, איך האָב אין אייער אמתער טרייהייט צו מיר אַלעמאָל גע־גלויבט און אויך איצט בין איך איבערצייגט, אַז איר מיינט נאָר מיין גליק. איך בעט נאָר גאָט, ער זאָל אייך עפענען די אויגן, איר זאָלט פאַרשטיין, אַז נישט דאָס גליק, וואָס איר ווינטשט מיר, איז פאַר מיר אַ גליק.

— רעד נישט דערפון, — האָט ער געבעטן, — איך וועל שוין שטאַרבן, אַזא נאַר ווי איך בין ! הער מיך בעסער אויס יווילסט דאָך נישט, איך זאָל שטאַרבן, זאָגסטו. הער־זשע, מען רעדט צו דיר : זיי וויסן, אַז די מאַמע דיינע פאַרקויפט גאָר אינגיכן דאָס הויז מיט בכל של הכל. מיר איז דער עגמת פון דעם אַזוי גרויס, אז מיר איז ליבער דער טויט, איידער דאָס צו דערלעבן. וועמען האָב איך דאָ ? עלנט ווי אַ שטיין בלייב איך מיט מיין אַלטער. איך בין צו דעם הויז, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, אַזוי צוגעוווינט, צוגעוואַקסן פשוט, אז נישט ווילנדיק אפילו מוז איך דא יעדן טאָג זיין... וואָס, ליבע טאָכטער, וועל איך טון, אַז דאָס וועט אָפּקויפן דער פריץ, וועלכער דינגט זיך איצט מיט דיין מאַמען ?

— וואָס־זשע קען איך דערצו העלפן ? — האָט זי געפרעגט. — מיר אַליין איז אויך שווער זיך צו שיידן מיט דער שטוב, ווו איך בין געבוירן און האָב ביז היינט געלעבט ; נאָר ביי מיר פרעגט מען נישט... אפילו ווען איר האָט מיך פאַרקויפט, האָט איר מיך אויך נישט געפרעגט און אפילו נישט געהערט מיין וויינען און מיין שרייען, אז איך וויל נישט פאַרקויפט זיין. וואָס־זשע ווילט איר איצט פון מיר ? וואָס קען איך טון ?

זאָלסט נאָר וועלן, מיין קינד, קענסטו מיט איין וואָרט מאַכן, אז דאס הויז זאָל בלייבן דיינס אויף אייביק. ברעך נאָר דיין יצר־הרע און זאָג, אַז דו וויליקסט איין חתונה צו האָבן מיט דיין אמתען באַשערטן, מיט ר׳ הענעכס זון !

— ניין, פעטער! — האָט זי אויסגעשריגן, אָנגעצונדן פון כעס, ווי ער וואָלט זי מיט זיינע ווייד פיינלעך אָנגעגריפן. — טוט, וואָס איר ווילט, פאַרקויפט אייך דאָס הויז, פאָרט אייך צום רבין, אַלץ, וואָס איר קענט, טוט. נאָר לאָזט מיך צורו! איך האָב רחמנות אויף אייך, מיר איז טייער געגוג מיין פאָטערס הויז, נאָר איך זאָל מיין גליק אָפּפּערן פאַר די טויטע ציגל און האָלץ פון דעם הויז, קענט איר פון מיר נישט פאַרלאַנגען!

— פאַרוואָס עפּעס פאַר די טויטע ציגל און האָלץ? — האָט ער געפרעגט. — פאַר די לעבעדיקע יתומימלעך, רחלע!... פאַר די אויסגעלייטערטע נשמות פון דיין קלוגן זיידן און ליבן פאָטער, וו.ל.ע קומען נאָכאַמאָל אין זייער נחלה, וואָס זייערע הענט האָבן מיט מי און ערלעכקייט געבויט און געפלאַנצט!... זיי טו צוליב, אויף דיינע עלנטע ברידערלעך און שוועסטערל האָב רחמנות, זיי זאָלן זיך ביי דיר, אונטער זייער טאַטנס דאַך, אויסהאָדעווען און נישט מוזן שטענדיק זיין ביי זייער שטיפטאַטן!... איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, דאָס האַרץ מיינס זאָגט מיר, אַז ר׳ פנחסל וועט קיין געטרייער פאטער פאַר זיי נישט זיין... דיין מאַמע האָט זיך מער אין זינען, ווי אייך אַלעמען, איצט זע איך עס ערשט. אָ, רחלע, טו דיין טייערן פאָטער צוליב, ער זאָל אין זיין קבר נישט דאַרפן וויינען אויף דאס עלנט פון זיינע יונג פאַרלאָזענע יתומימלעך, טו עס מיר צוליב און ברעך דיין האַרץ!... אמת, דו ליבסט משהלען, אָבער דו זעסט דאָך, אַז גאָט וויל נישט. שווער מיר, אַז דו וועסט דערנאָך נישט חרטה האָבן, שרייב איך באַלד אַ בריוול צו דיין מחותן אין דיין נאָמען, אַז דו זאָגסט אים, אַז עס קען פריער נישט זיין קיין התונה ביז ער וועט ביי דיין מאַמען דאָס הויז מיט אַלץ נישט אפּקויפן פאַר דיר, טאַקע אויף דיין אייגענעם נאָמען. אַנדערש, ווילסטו נישט, און אויב ער וועט נישט איינוויליקן, איז אַ סימן, אַז עס איז נישט באַשערט דער שידוך. נאָר ער וועט איינוויליקן, וועסט זען, ער וועט אַ וואָרט נישט איבעררעדן און דאָס הויז וועט דיר בלייבן, און דיינע ברידערלעך און שוועסטערל וועלן זייער היים נישט פאַרלירן. וועסטו וועלן, וועסטו דאָ וווינען מיט דיין באַשערטן, און פאַרוואָס טאַקע נישט? די קינדער וועלן אויך דאָ בלייבן. רחלע, גאָט ברוך הוא אַליין האָט מיר די עצה צוגעשיקט, די עצה איז פאַר דיר אַ נסיון... זיי אַ פרומע יידישע טאכטער און דערמאָן דעם נסיון, וואס אברהם אבינו איז בייגע-

שטאנען. ער האט געוויס זיין טייערן בן יחיד אזוי ליב געהאט, ווי דו האָסט משהלען ליב, פונדעסטוועגן האָט ער אים אַליין צום מזבח געפירט. זיי דו אויך מקריב היינט דיין זינדיקע אהבה און טו גאָטס ווילן מיט אמונה! דערמאָן דיין פאָטער, דיין זיידן און, זיי צו לענגערע יאָר — זייערע עלנטע יתומימלעך... אין דיין האַנט איז זייער גורל. שטאַרק דיך, שטאַרק דיך, מיין ליב קינד און שווער מיר, אַז דו וועסט מיט דעם פלאַן צעפרידן זיין!

— פעטער! — האָט רחלע מיט אַ הפּטיק וויינען אויסגעשריגן און אים אויפן האַלדז געפאַלן. — האָט נישט אברהם אבינו פריער גע-בונדן זיין איינציק קינד, איידער ער האָט זיין האַנט צום מעסער אויסגעשטרעקט? אָ, טוט מיט מיר אויך דעם חסד און בינדט מיך פריער, נעמט צו מיין שכל פון מיר, רייסט אויס מיין האַרץ פון מיין ברוסט און איך וועל אַלץ טון, וואָס איר פאַרלאַנגט!... איך קען זיך אַליין אויף שטיקער נישט צערייסן! האָט רחמנות, פעטער, רעדט מער נישט מיט מיר, דאָס עלנט פון די קינדער פילט שוין אַזוי אויך געגנוג מיין האַרץ אויס, נישט שיט מיר זאַלץ אויף מיינע וווּנדן, וועלכע איך קען נישט היילן!...

— ניין, איך וועל נישט אַוועקגיין, ביז דו וועסט מיר שווערן, אַז דו האָסט דיין האַרץ געבראָכן! — האָט ער מיט האַרץ געזאָגט. — שווער, ליב קינד! דו וועסט אַליין זען, אַז באַלד וועט דיר אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן און דיינע אויגן וועלן איינזען, אַז נאָר אַ שטן, אַ יצר-הרע האָט דיך צו דיין גליק נישט צוגעלאָזן.

— שווערן הייסט איר מיר! האָט זי איבערגעזאָגט. — וועט נישט אַזא שבועה זיין אַ שאַנדע פאַר גאָט, וועלכער האָט געהערט, ווי איך האָב מיין ליבן שוועסטערקינד געשוווירן זיינע צו זיין ווילאַנג איך וועל לעבן? ניין, פעטער, מיר זענען ליבער אַלע יסורים און אַנגסט, ווי דער שבועה פאַלש צו זיין!

— איך בין דיר ערוב, אַז משהלע וועט דיר מוחל זיין! — האָט ר' שלמה פאַרזיכערט. — ער האָט מער שכל פאַר דיר, ער האָט גע-לערנט און ווייס, אַז אַזא אהבה איז סופה בטלה, אַז באַלד וועסטו אים פיינט האָבן... ער האָט אויך אַ בעסער האַרץ פאַר דיר און צו-ליב די יתומים, זיי זאָלן נישט פאַרוואָגלט ווערן ביי אַ שטיפטאַטן, וועט ער זיך אַליין אָפּזאָגן פון דיר. נאָר אַ שלעכטע, אַ זינדיקע ביזטו, אַז דו ווילסט דעם קליינעם קרבן נישט ברענגען.

— אָ, פײניקט מיך נישט, פעטער! האָט רחמנות און רעדט נישט מער! מײן האַרץ װערט אויף שטיקער צעריסן! — האָט זי אויסגעשריגן און איז װי אַ פאַרשטײנערטע געבליבן ליגן אין פאָטעל, אויף װעלכן זי איז פריער געזעסן.

נאָר ר׳ שלמה האָט זיך נישט אומגעקוקט און איר שרעקלעכע בילדער פאַרגעשטעלט, װאָס עס װעט זיך אויסלאָזן פון איר, פון די קלײנע יתומים און פון דער גאַנצער פאַמיליע, אויב זי װעט איצט נישט גובר זײן דעם יצר־הרע און אײנװיליקן ר׳ הענעכס שנור צו זײן און אַ באַלעבאָסטע צו בלײבן אויף דער נחלה פון אירע עלטערן. ער האָט מיט האַרץ גערעדט און זײנע הײסע טרערן זענען אויף אירע קאַלטע הענט געפאַלן. זי האָט נישט געקענט ענטפערן. איר האַרץ האָט פון שרעקלעכע יסורים געקראַמפט און זי האָט נאָר פון װײטיק געכליפעט. חײעלע איז אַרײנגעקומען און האָט זי זײער צערטלעך צוגענומען פון אים. רחלע האָט נאָך דעם טאָג אַ װאָך אַ גאַנצע צוגעקרענקט.

אין דער צײט אָבער האָט ר׳ שלמה, גלױבנדיק, אַז זײנע תחנונים און ערנסטע רײד האָבן געװירקט, אַװעקגעשיקט אַ בריװ צו ר׳ הענעכן װעגן אָפּקױפן דאָס הױז אויף זײן כלהס נאָמען. חײעלע האָט צוגעגעבן אים מוט און האָט געשװוירן, אַז זי װעט מער צו איר קינד קײן טענות נישט האָבן, אויב ר׳ הענעך װעט זיך אָפּזאָגן פון דער קניה און בײדע האָבן, װי אויף משיחן, געװאַרט אויף ר׳ הענעכס תשובה.

— זעט־זשע, שװאָגער, — האָט חײעלע ר׳ שלמהן אין די טעג געזאָגט, — איך טו אַלץ, יוצא צו זײן פאַר גאָט און פאַר אײך. איך האָב דעם פריץ הײנט אָפּגעזאָגט, אַז איך פאַרקױף שוין דאָס הױז אינ־גאַנצן נישט. װאָס אָבער װעט איר דערנאָך זאָגן, אַז דער מחותּן װעט שוין אײנװיליקן און די כלה װעט נאָך אַלץ בלײבן בײ איר טירוף?

— זאָל די שעה גאָרנישט קומען! — האָט ער געענטפערט. — דאמאָלס װעט זײן אסור לרחם! איך אַלײן װעל זי כאָטש מיט גע־װאַלט אונטער דער חופּה פירן. דאמאָלס װעל איך װיסן, אַז אַ שטן, אַ כישוף, רחמנא לצלן, איז אויף איר, אונדז אַלעמען אין דער ערד אָן אַ צײט אַרײנצולײגן. דאמאָלס װעל איך װיסן, אַז אַ מצוה טו איך, װאָס איך װעל זײן אַן אכזר אויף אירע טרערן... איצט קען איך נישט.

הערסטו, חייעלע, איצט ווײַנט דאָס הארץ אין מיר מער פאר איר. מיט צען נסיונות איז אברהם אבינו געפּרווט געוואָרן. מיר, זינדיקע, מוזן מיט הונדערט נסיונות געפּרווט און געלייטערט ווערן ביז מיר קומען צום אמתן שכל, דעם אויבערשטנס רצון צו טון.

נאָך די רייד זענען אַריבער נאָך אַ פּאָר טעג און פון ר׳ הענעכן איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַז תיכף נאָך תשעה באב וועט ער אַליין זיין אין קלײניץ און ער וועט מסתמא ברענגען צו אַ טאָלק די קניה אויך. ער האָט געבעטן, מען זאָל אים, למען השם, מודיע זיין בפּאָסט החוזר, צו ראָטן זיי אים מיטנעמען דעם חתן און דאָס ווייב זיינס, מען זאָל טאַקע צו שבת נחמו אָפּשפּילן די חתונה מיט מזל?

חייעלע האָט זיך מיישב געווען מיט ר׳ שלמהן אַ גאַנצע שעה און מען האָט ר׳ הענעכן געענטפערט, אַז ער מעג קומען נישט נאָר מיט דעם חתן—אפילו מיט אַלע קרובים און גוטע פריינט... מען איז צו דער חתונה צוגעגרייט און די איינציקע מניעה איז וואָס די כלה וויל, אַז נאָך פאַר דער חתונה זאָל זי זיכער זיין, אז איר פּאָטערס הויז זאָל בלייבן ביי איר אויף איר נאָמען דווקא.

ח.

אַ שווערע, אַ פינצטערע צייט האָט שמעון מלמד איבערגעלעבט אין די דריי וואָכן פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב. דער טאָכטערס חתונה האָט זיין גאַנצן אָנגעפּאַרדינטן קאַפּיטאַל אויסגעשעפּט און ער איז נאָך אין קלײניצער קראָמען אַ בעל-חוב, און דאָ ציען זיך לאַנגע פינצטערע דריי וואָכן, אין וועלכע מען קען קיין שידוך נישט אויספירן, קיין חתונה נישט שפּילן און אַ קאָפּעקע מן הצד נישט פאַר-דינען. ער האָט זיך פונדעסטוועגן געטרייסט: אָט באַלד וועלן קומען די מילכיקע ניין טעג, און ציפּע וועט מסתמא מאַכן מילכיקע קרעפּלעך און בלינצעס געפּרעגלט אין פּוטער, אַ מחיה נפשות, אַזעלכע, ווי ער האָט זוכה געווען צו זען אַמאָל ביי די גבירים אין „ניין טעג״. מען האָט געבענטשט ראש חודש מנחם אב, די ניין טעג האָבן זיך שוין אָנגעהייבן. אָבער די קרעפּלעך זענען זיך נאָך נישט. ווי אויף להכעיס איז די ציג חולה געוואָרן און האָט דאָס ביסל מילך אויפגעהערט צו געבן. אַז דאָס ווייב האָט אים דעם ערשטן „ניין-טעגיגען״ ווארעמס

דערלאַנגט אַ פּאַראָווון, דאָס הייסט נישט פליישיק, נישט מילכיק, איז שמעון שרעקלעך אין כעס געוואָרן און האָט אַ געשריי געטון: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געריכט? איך קען אַזוינס נישט עסן!"

— זע נאָר דעם גרויסן גראַף, — האָט דאָס ווייב זיך אָפּגע־רופן, — דער אַנדערער וואָלט באמת מיינען, אז ער איז פון זיין גע־בוירן־טאָג אויף מילך און פּוטער געהאָדעוועט געוואָרן. ער דערקענט שוין גאָרנישט דעם אָרעמען מיטאָג!.. פּע, שעמען מעגסטו דיך אין דיין ווייטן האַלדז אַריין. ווי פאַרגעסט מען דאָס אַזוי גיך? קיין פּאָד־ריאַד האָט דער רבונו של עולם זיך נישט אָנגענומען דיר צוצושטעלן. ווי לאַנג דאָס ציגעלע האָט דאָס ביסל מילך געגעבן, האָב איך דיר נישט געזשאַלעוועט, איך האָב זיך נישט פאַרגונען... אָבער דיר מיט די קינדער האָט, דאַנקען גאָט, נישט געפעלט. איצט, אז זי איז חולה און גיט מער קיין מילך נישט, ווו זאָל איך דיר נעמען? דאַנק גאָט פאַרן קרופּניק און פאַרן ברויט, וואָס אונדז פעלט נישט!

— איך וועל גיין צו זלאַטקען! — האָט שמעון אַן עצה געגעבן. — איך דאַרף איר נאָר דערציילן, אַז אונדזער ציג, זאָל געזונט זיין, גיט קיין מילך נישט, וועט זי שוין אַריינשיקן. זי האָט, ברוך השם, גענוג. וואָס ביי איר בלייבט איבער, וועט אונדז גענוג זיין!

— זאָל דיר אסור זיין, הערסטו, שמעון, וואָס איך זאָג דיר?! איך וויל נישט, דו זאָלסט נאָר אַ דרך ווייזן, אז דו פאַרלאַנגסט עפּעס פון איר! זי איז אַ מאַמע געוואָרן אויף שטיפקינדער. זאָל די בייזע שעה ורגע נישט זיין, אַז זיי וועלן דערזען, אז זי גיט דיר נאָר איין גלעזל מילך, וועלן זיי אויסטראַכטן, אז זי גיט דיר איבער איר מאַנס האָב און גוטס. אַ מאַנספּערשוין איז טאַקע אַ בהמה, נישט צוגעקומען זאָל עס ווערן! ווי קומסטו צו וויסן. ווי אַן אשה מאַכט זיך אַ גוטע מערכה פאַר איר מאַן? זאָל זי עסן און טרינקען און לעבן אין כל טוב. ביזטו אַ געטרייער פאָטער, דאַרף דיר אַ הנאה טון פון ווייטן. נישקשה, מיר האָבן אָפּגעלעבט, ברוך השם, מער ווי אַ העלפט יאָרן און גאָט האָט אונדז געשפייזט. ער וועט אונדז ווייטער מסתמא אויך שפּייזן אָן מיין קינד! און אז עס פעלט אַמאָל אויף דאָס און יענץ, טאָ איז וואָס? בעסער פון זיין האַנט אַ ביטער בלאַט, איידער פון מענטשנס האַנט אַ זיס!.. ווייַ איז מיר נישט, אַ נאַרישע טויב האָט דאָס יאָ געוווּסט און אַ ייד אַ למדן ווייס עס נישט און וויל געניסן פון קינדער!

שימעלע האָט אויסגעהערט זיין ווייבס מוסר און נישט געהאט וואָס צו ענטפערן. מיט כעס האָט ער דעם אָרעמען קרופניק אויסגעזופט און מיט אַ שווערן זיפץ האָט ער געבענטשט. ער האָט איינגעזען, אַז נאָך אַלע גליקן איז ער דער אייגענער קבצן, ווי געווען, און האָט ר' פנחסלען אויפגעשריבן אַ בריוול און אים מגלה געווען, זיין צער, וואָס זיין ציג איז, נעבעך, חולה. ער האָט געבעטן, אַז דער רבי, זאָל לעבן, זאָל זי און אים אין זינען האָבן און כאָטש אַ קרעכץ טון, זי זאָל טאַקע געזונט ווערן און אים זאָל ווייטער דאָס ביסל מילך נישט פעלן. נאָר ביז פון רבין איז די ישועה געקומען, האָט ער געהוישכט דריי טעג און איז אין כעס געווען אויף טיטוס הרשע, וואָס האָט דעם בית־המקדש פאַרברענט און האָט אַזעלכע פינצטערע ניין טעג געלאָזן אָפקומען אין זיי מיט אָפגעקאָכטע קאַרטאָפלעס אין אַ פולן טאָפּ גרויפן מיט וואַסער.

— טיטוס הרשע, ימח שמו, — פלעגט ער זאָגן, — איז טאַקע געווען אַ גרויסער צורר, קיין תקומה זאָל ער נישט האָבן! אים איז נאָך ווייניק געווען, וואָס ער האָט די הייליקע שטאָט ירושלים חרוב ומוחרב געמאַכט, האָט ער נאָך דעם בית־המקדש פאַרברענט און געלאָזן אַ בכיה לדורות. לא די, וואָס ער האָט מיר מקפח פרנסה געווען און אין די גאַנצע דריי וואָכן האָב איך קיין איין שידוך נישט אויסגעפירט, האָט ער נאָך אָנגעמאַכט ניין מרה־שחורה־טעג און איך דאַרף אָפקומען מיט קרופניק און די נשמה גייט מיר פשוט אויס פון פאַרשמאַכטקייט! פאַר אים איז ווייניק באמנות, דער פסק, וואָס די גמרא האָט אים אַרויסגעגעבן: וואָס מען פאַרברענט אים אַלע טאָג און מען צעשפרייט זיין אַש אויף שבעה ימים. איך וואָלט אים אַ בעסערן פסק געגעבן: ער זאָל טאַקע לעבן און זיין אַ מלמד און אַ שדכן, אַ קבצן כל ימיו. אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר זאָלן ביי אים נאָר ניין טעג זיין, ער זאָל האָבן אַן אייגענע ציג און זי זאָל חולה זיין און קיין רבי און קיין טאָטער זאָל זי נישט העלפן. אָט וועלן אים זיינע כוחות ביסלעכווייז אויסגיין פון די וואַסערדיקע קרופניקעס און ער וועט קיין כוח נישט האָבן די פיס זיינע צו שלעפּן, פונקט ווי איך איצט.

פונדעסטוועגן פלעגט ער בשתיקה, דאָס ווייב זיינס זאָל נישט וויסן, זיך אַמאָל אַריינכאַפּן צו זיין טאָכטער און אָפּעסן אַ מילכיקן וואַרמעס מיט קרעפּלעך, אָדער אַזוי אַ רעטשקענע קאַשע מיט אַסך

מילך און האָט זיין כעס אויף טיטוס הרשע אויסגעלאָזן נאָר אין דערהיים אויף זיין ווייב. אויך ביי חייעלען איז ער אין די ניין טעג אַן אָפּטער גאסט געווען און דאָ האָט ער זיין מאָגן גאָרנישט קאליע געמאכט. חייעלע האָט מיט איילעניש צוגעגרייט צו דער חתונה און די קיך האָט געקאָכט און געפּרעגלט פון כל טוב. שימעלע האָט אַזעלכע זאַטע ניין טעג אין זיין לעבן נישט געהאט. אויך זיין אויג איז זאט געווען און דאס הארץ איז פול געוואָרן צוצוזען, ווי מען ריכט זיך אויף דער חתונה, ווו ער וועט געוויס זיין אַ מחותן און נאָך דער חתונה וועט מסתמא ר׳ הענעך זיין הבטחה מקיים זיין און אים ארייַנשיקן אַ טייערע קי.

—אַ כלל, איך לייג צו די ניין טעג גאָרנישט צו! — האָט ער צו זיך גערעדט. — דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה איז אַ ברכה אפילו אין ניין טעג אויך!

רחלע, פון איר זייט, האָט אמאָל דער מוטער אָפּן און קורץ געזאָגט:

— אומזיסט, מאמע, גרייטסטו צו צו דער חתונה... מען וועט מיך איבערגעוואלט צו דער חופה נישט פירן!

דערויף האָט חייעלע געענטפערט:

—איך בין מחויב צו טון דאָס מייניקע. אגב וועלן מיר זען: צי וועט גאָט דעם לעבעדיקנס רצון אויסגעפירט ווערן, אָדער דער ווילן פון דיין טירוף, וואָס זיצט אין דיר...

תשעה באָב נאָך קינות האָט איר פייגע צוליב געטון און איז מיט איר טייערער, רחלען געגאנגען אויפן בית־עולם זיך אויסוויינען. לעבן זיידנס קבר, רעכטס איז געווען דער קבר פון משהלעס פאָטער, לינקס — איז נאָך אַ ליידיקער פלאץ געבליבן. דעם פלאץ האָט ר׳ לייזער באלד נאָך זיין פאטערס טויט ביי חברה קדישא אָפּגעקויפט פאר זיך. רחלען איז געגוג געווען אַ קוק צו טון אויף דאָס ליידיק געבליבן שטיקל ערד, זי זאָל יענעם עלנטן קבר דערמאנען, ווו איר ליבער פאָטער רוט איצט ווייט פון איר. דאס הארץ איז איר אזוי פארקלעמט געוואָרן, אז זי האָט אַ וואָרט נישט געקענט אויסרעדן. זי האט נאָר צוגעשפּארט איר צארטן שטערן צו דער מצבה און אירע טרערן האָבן שטיל און שטום, ווי פון אַ קוואל זיך געגאָסן. פייגע האט ווי פון א מענה לשון אויף א הייזעריקן קול געטענהט.

— ר׳ אברהם, גוטער באַלעבאָס — האט זי אָנגעהייבן—האט נישט

פאַריבל, וואס אייער דינסט פייגע קלאַפּט אָן אויף אייער קבר, אייך אייער הייליקע רו היינט צו שטערן. נישט פאַר זיך בעט די דינסט אייערע, נאָר פאַר די ליבע אייניקלעך אייערע וועלכע איר האָט אויף אירע הענט נאָך נ״שט דערהאָדעוועטע געלאָזן. זעט צו היינט פון אייער הייליקער רו דאָס עלנט פון די ייִנגע יתומימלעך, וועלכע האָבן אָן אַ צייט זייער גוטן פאָטער פאַרלוירן. די עלנטע פייגעלעך, נעבעך וואָס אַ שטורעמווינד וויל זיי פאַרטרייבן פון זייער נעסט...

רחלע האָט אָבער אַ וואָרט נישט געקענט אויסרעדן און, אָנגע־שפּאַרט איר צאַרטן שטערן צו איר זיידנס קאַלטן מצבה־שטיין, איז זי שטום און פאַרקלעמט געשטאַנען, נאָר די טרערן האָבן געגאָסן און אָנגעטרענקט די בלימעלעך, וועלכע וואַקסן אויף דעם ליבן קבר. פייגע האָט נישט געשוויגן, זי האָט אַ גאַנצן מענה לשון אויסווייניק אויסגעטענהט. זי האָט דעם זיידן דאָ פון זיין רו געוועקט און צום פאָטער פון ווייטן גערופן: ער זאָל אויך צוּאיילן און פאַר זיין גוט קינד רחלען און פאַר זיינע קליינע יתומימלעך גאָט בעטן.

— שטיי אויף, מיין טאָכטער, — האָט פייגע געבעטן, אז זי האָט אָפּגעטענהט און דערזען, ווי רחלע האַלט נאָך די מצבה פעסט אַרומ־גענומען, — גענוג, דיינע טרערן האָב גענוג געטענהט פאַר דיר. גאָט פאַרשטייט זיי, ער ווייס פון וועלכע אויגן און פון וואָס פאַר אַ ריינעם צעבראָכענעם האַרצן זיי קומען... גענוג, לאָמיר די טויטע אין זייער הייליקער רו לאָזן. היינט איז ביי זיי יום־טוב און עס איז גאָרנישט רעכט פאַר זיי אַזוי פיל צו וויינען; נאָר דאָס האַרץ טוט וויי און דער זינדיקער מענטש קען זיינע טרערן נישט איינהאַלטן, ווען זיי גיסן זיך פון די פיין, וואָס ער טראָגט אין זיך. אָט האָב איך אויך דעם זיידנס רו געשטערט און ער וועט אונדז מוחל זיין!

— אָ, פייגע טייערע, — האָט רחלע כליפּענדיק קוים אַרויסגע־רעדט, — קוקט אייך צו אויף דאָס שטיקל פּלאַץ... אָט דאָס האָט דער געטרייער פאָטער מיינער נאָך אין זיין לעבן פאַר זיך באַשטימט, לעבן זיין טרייען פאָטער צו קבר ישראל צו קומען. גאָט האָט אים אַן אנדער אָרט אנגעוויזן און ווייט, ווייט פון זיינע קינדער ליגט ער איצט! אויף יעדן קבר קומט אַ קינד, אַ קרוב אין היינטיקן טאָג, נאָר זיין קבר איז עלנט. קיינער קומט נישט צו אים, קיינער באַגיסט נישט די טרויעריקע בלימעלעך, וואָס וואַקסן אויף זיין בערגל מיט

אַ הייסער טרער !.. רופט מיך נישט אַהיים ! דאָ איז מיין היים, מיין זיידע איז מיר ביז זיין לעצטן טאָג טריי און גוט געווען... דאָרט, אין מיין טאטנס שטוב זענען מיר די ווענט צו ענג, מיין מוטערס האַרץ איז קעלטער צו מיר, איידער אָט דער מצבה-שטיין, און מיין פעטער העלפט צו, כאָטש נישט מיט זיין ווילן, מיר אַ יונגן קבר צו גראָבן. אָ, ווען ווערט זיך די גאָלדענע טיר דאָ פאַר מיר עפענען ! איך זאָל שוין קיינמאָל נישט דאַרפן פון דאַנען צוריק גיין !

— אַהערצו ווערן מיר אַלע קומען, — האָט פייגע דערקלערט. — קוק זיך צו אויף די אַלע קברים דאָ. עס ווערט קומען אַ טאָג און די, וואָס גייען נאָך איצט אויבן, וועלן אויך דאָ אונטן ליגן. אָבער אַלץ מוז אַ צייט, אַ שעה האָבן ! די טויערן דאָ עפענען זיך נאָר פאַר די געבעטענע געסט... מען מוז געבעטן זיין, מען מוז זיך אויספוצן פריער אויף דעם גרויסן באַל צו קומען... ווייי צו יענעם, וואָס קומט אַ נישט גערופענער און איז נישט צוגעגרייט. וויל און גוט איז אָבער צו יענער נשמה, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון לעבן געהאַלטן אין צוגרייטן זיך, אין צירונג אָנקויפן, און אז מען רופט זי, קען זי גיין מיט שמחה ! תשובה, מעשים טובים, זענען אונדזערע צירונג, אונדזערע פערל און בריליאַנטן פון דער אמתער וועלט. קויף זיך, מיין טאָכטער, אָט די טייערע צירונג. גאָט לאָזט דיך לעבן, דו קענסט נאָך פיל גוטס טון, פיל מצוות און מעשים טובים דיר אָנקלייבן. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר וועסטו נאָך דעם אָרט נישט פאַרשפעטיקן, און דאמאָלס וועלן דיינע מעשים טובים, ווי גוטע מליצים דיר אַנטקעגן קומען און פאַר דיר אַ וואַרע מאכן, אין גן-עדן דיך אַריינצוזעצן, צווישן די הייליקע נשמות פון דיין טאַטן און פון דיין זיידן, זייער זכות זאל דיר ביישטיין ביז הונדערט און צוואנציק יאָר !..

אַראָפגייענדיק פון בית-עולם, האָבן זיי געזען, ווי מען האט ערשט אַ פרישן בר-מינן געבראַכט. די אלטע פייגע, וועלכע איז אין חברה-קדישא איינגעשריבן געווען פאר אַ שמשטע, האט זעלטן צייט און בעלעגנהייט געהאט זיך מתעסק צו זיין ארום אַ טויטן. אז די שמשטעס האבן איר געזאגט, ווער מען האט איצט געבראכט און ואָבן זי געבעטן בלייבן ביז נאך דער טהרה, האט זי אירע שמערצן פארגעסן און איז געבליבן דאָ זיך מתעסק זיין. זי האט רחלען געבעטן אהיים גיין, אָבער רחלע, וועלכע האט די גע־שטאָרבענע געקענט, האט געוואלט צוזען דעם גאַנצן טרויעריקן

פראצעס. און זי האט געזען ווי מען האט אַ יונג ווייבל — וואס איז פון אַ קינפעט געשטאָרבן — מטהר געווען, אָנגעטון אין די ווייסע תכריכים. זי האָט אויך געהערט, ווי מען האָט זי מחילה געבעטן פאַר איר מאַן, פאַר אירע קינדער, פאַר אַלע קרובים און באַקאַנטע, ווי מען האָט איר אָפּגעזאָגט פון אַלע חברות, אין וועלכע זי איז אין איר לעבן פאַרשריבן געווען, און זי האָט געזען, ווי מען האָט זי אין קבר אַראָפּגעלאָזן און איר אָנגעזאָגט דריי מאָל: זי זאָל געדענקען און נישט פאַרגעסן, אז זי איז געשטאָרבן... זי האָט זי אין איר פנים געזען שוין אין קבר ליגנדיק, דערנאָך האָט מען שערבלעך אויף אירע אויגן און מויל אַרויפגעלייגט, איבער איר אַ ברעט אַריבערגעדעקט און דער שמש האָט זיך מיטביידע פיס אויפן ברעט אוועקגעשטעלט און האָט געהייסן שיטן. מען האט עטלעכע לאָפּעטעס ערד אַרויפגעשאטן, דער שמש איז פון קבר אַרויס און אין אַ פּאָר מינוט איז דער קבר פול געוואָרן. אלע האבן די לאָפּעטעס אַוועקגעלייגט, זיך אָפּגעצויגן עטלעכע טריט צוריק, און שטיל מיט שרעקעפעס געזאגט און אָפּגעוואַרט, ווי דאָרט אין קבר וואָלט אין דער מינוט וואָס איבערנאַטירלעכעס פאָרגעקומען. מען האָט ווידער געשאָטן, ביז דאס בערגעל איז פול געוואָרן און אַן אַלטער ייד, אַ פאָטער פון דער געשטאָרבענער, האט דעם ערשטן קדיש געזאָגט. דאס אַלץ האט רחלע צוגעזען און האט גיכער פאַרגעסן, אַז זי לעבט, ווי יענע האָט געדענקט, אז זי איז געשטאָרבן.

— קום, מיין טאָכטער, אַ היים! — האט פייגע, זי אָננעמנדיק פאַרן האנט, געזאָגט. — איך פיל מיך קראַנק און שוואך. דיין פנים, מיין ליב קינד, איז אויך בלאַס, קום, גענוג זיך דאָ אויסגעוויינט, גענוג זיך דאָ אָנגעזען היינטיקן טאג!..

אַהיים גייענדיק, האָט רחלע געזאגט:

— איך האב געזען פייגע, ווו דער הימל מיט דער ערד באַגעגענען זיך, איך האב דעם סוף פון דער וועלט און דעם אנהייב פון יענער וועלט איצט געזען... טרויעריק און שרעקלעך איז דער איבערגאנג!.. אך, און אָט דעם איבערגאנג קען קיינער נישט אויסמיידן, און אויך מיך וועט מען אזוי אין ענגען קבר אראָפּלאזן — שרעקלעך איז דאס לעבן, נאך שרעקלעכער אבער איז דער טויט!..

— גארנישט אזוי שרעקלעך, ווי דו מיינסט! — האט פייגע

קוועטשענדיק דערקלערט — פאַר אונדזער לעבעדיק אויג אויז דאס אַן ענגער קבר, אַ טיפע און אַ קאַלטע גרוב; פאַר דעם טויטן אַבער, וואָס קומט מיט אַ נישט באַפלעקטן גוף אַהין, ווערט ער ווי אַ פּאַלאַץ—ברייט און גערוים!..

אין מיטן וועג איז פייגען זייער נישט גוט געוואָרן, איר געזיכט האָט זיך אין גאַנצן פאַרענדערט. רחלע האָט זי אונטער די הענט קוים צוגעפירט ביז דער היים.

— זיי רויק, מיין טאָכטער! — האָט זי רחלען געבעטן. — קיין בייז! איך וועל געזונט זיין. אַ ביסל האָט מיך דער תענית צוגעדריקט, אַ ביסל די היץ און אַ ביסל אָט די פריילעכע חתונה, וואָס איך בין נאָר וואָס אַ מחותנתטע געווען. איך וועל אויסרוען, וועל איך געזונט זיין!

רחלע האָט נאָך געענדיקט לייענען חורבן בית־המקדש פון טייטש־חומש. אַז זי האָט די אויגן פון ספר אַרויסגענומען, האָבן זיך טויזנטער טרויעריקע געדאַנקען אין איר קאָפּ געמישט. די גאַנצע וועלט האָט זיך איר פאַרגעשטעלט, ווי אַ פינצטערער וואַלד, די מענטשן זענען ווילדע אין אים, אָן שכל און אָן רחמנות טוט איינער דעם אַנדערן שלעכטס, מען פאַרגיסט בלוט, מען גראָבט קברים. דער וויינט און דער אַנדערער פרייט זיך און קיינער באַקימערט זיך נישט ווי דעם צווייטן איז.

— און דאָך ווילט זיך דעם נאַרישן מענטשן לעבן אויף דער וועלט און דאָס לעבן איז אים טייער! — האָט זי פאַר זיך אויסגערעדט. — ניין, נישט טייער איז דאָס לעבן, אונדזערע עלטערן האָבן ביז זייער לעצטן טראָפּן בלוט געקעמפט און זענען ווי גבורים אויף די מויערן פון אונדזער הייליקער שטאָט געפאַלן. ציונס איידעלע קינדער האָבן זיך בעסער געלאָזט טויטן, איידער מיט שאַנד זיך צו לאָזן פאַנגען. אָך, ווי וויינט מיין האַרץ אין מיר איצט אויף יענע ליבע קינדער, וועלכע זענען אין די גאַסן צעטרעטן געוואָרן, אונטער די פיס פון די טיראַנישע שונאים און אונטער זייערע ווילדע פערד! זיי האָבן פאַר גאָט, פאַר אונדזער אמונה און הייליק לאַנד זיך געלאָזט טויטן און צעטרעטן, און דאָרט, ווו זיי זענען איצט, ווערן זיי באַלוינט. פאַר וועמען אָבער ראַנגל איך מיך? נאָר פאַר מיין „איך!“ טרויעריק איז דאָס, אָבער פאַרוואָס בעסערס זיך צו אָפּפערן האָב איך נישט!

— יאָ, עס איז גרינג אַ קרבן צו זיין פאַר אמונה, פאַר אמת, פאַר אן אייגן לאַנד און פאָלק. שווער אָבער איז פאַר אַ קרבן צו פאַלן צוליב אַ שקר, צוליב ערגעץ אַ ווילן פון פאַלשע מענטשן!...

— און פונדעסטוועגן גייט מיר יענץ ליידיק שטיקל ערד פון זינען נישט אַרויס... וועט דאָרט אמאָל נישט מיין אָרט, מיין אייביקע רו זיין? וויפל לעבט דען דער מענטש אויף דער וועלט? מוזן אַלע אַלט ווערן? שטאַרבן אין דער וועלט ווייניק יונגע? און אז מען לעבט נאָך און נאָך, ווערט מען דען זאַט מיט לעבן? אָ, איך בין מקנא יענע הייליקע טעכטער פון ציון, וועלכע זענען פאַר זייער כבוד און לאַנד שוין לאַנג געשטאָרבן און נאָך איצט וויינט מען נאָך זיי — נאָך מיר וועט נאָר משהלע אליין וויינען... אָך, ווי וויל איך נישט שטאַרבן פריער פאַר אים!

ט.

פייגע האָט אויף מאָרגן נאָך תשעה באב נישט געקענט מער פון בעט אַראָפּ. רחלע איז צו איר באַלד איז דערפרי אריינגעקומען פרעגן, וואָס מאַכט זי.

— מיר איז אַלץ איינס, צי היינט, צי מאָרגן! — האָט זי געענטפערט. — גלייכער מיט ווייניקער יסורים שטאַרבן, איידער ליגן אַ סך און זיך אָנמוטשען; אָבער דו, מיין טאָכטער, דאַרפסט מיך נאָך, איך וויל ריר נאָך דינען אין דיין נויט כאָטש מיט מיינע לעצטע כוחות. בעט גאָט, ער זאָל אויף מיינע פיס מיך האַלטן, ביז דו, מיין קינד, וועסט דיר אַ טרייען פריינט, אָדער כאָטש אַ טרייע דינסט געפינען, וואָס זאָל פאַר דיר דאָס טון, וואָס איך וואָלט זיך קיינמאָל פון דיינעטוועגן נישט אָפּגעזאָגט!

— גאָט זאָל נאָר מיין בעטן צוהערן, — האָט רחלע מיט טרערן אויסגערעדט.

— ער וועט דיך צוהערן, בעט אים נאָר! נישט פיל יאָרן וויל איך, נאָר ביז די מהומה אין שטוב וועט אַריבער, איך מיין: די חתונה, די מחותנים, וואָס קומען היינט, מאָרגן, ביז דו, מיין טאָכטער, וועסט דעם אמתן וועג אין אַ גוטער שעה געפינען, וו זיך צו ווענדן,

אַהין אָדער אַהער!.. זאָג מיר, וואָס קלערסטו! איך וויל אויף מיין קראַנקער בעט כאָטש רויק זיין.

— איך האָב נאָך איין מיטל אָנצווווענדן, — האָט רחלע געזאָגט, — איך וויל דעם חתן זען. איז ער ווירקלעך אַזאַ קלוגער, ווי מען לויבט אים, וועל איך אים אָפּן דערקלערן, אַז איך קען זיין כלה נישט זיין. איר וועט זען, פייגע, ער וועט די תנאים צוריק אָפּגעבן. אָ, ווי וועל איך אים דאַנקען פאַר דער טובה!

— אין מיינע יונגע יאָרן האָט מען נישט געהערט, אַז אַ כלה זאָל אַליין אַ העזה האָבן דעם חתן אין די אויגן צו זאָגן, אַז זי וויל זיין כלה נישט זיין, — האָט פייגע מיט אַ שווערן זיפץ אויסגערעדט. — אין היינטיקע צייטן הערט מען עס אויך נאָר ביי פאַרשייטע לייט. דו, מיין טאָכטער, ביזט דאָך אָבער נישט קיין פאַרשייט, פון וואַנען וועט זיך אין דיר אַזאַ העזה נעמען? איך בעט גאָט, דו זאָלסט נישט זינדיק זיין מיט דער מחשבה, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַ יידישער טאָכטער. זאָל אים בעסער אַן אַנדערער זאָגן, איך וויל דיך נישט דערלאָזן צו אַזאַ פאַרשייטקייט. ר' לייזערס אַ טאָכטער, ר' אברהמס אַן אייניקל, ווי צו מיינע יאָרן!..

— פייגע, דער וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך כאָטש פאַר אַ שאַרף פון אַ שווערד, כל זמן ער האָפּט נאָך פון וואַסער זיך אַרויס צו כאַפּן! — האָט רחלע דערקלערט. — מיר וועט עס נישט אַזוי גרינג זיין. גלויבט מיר, איך וואָלט אים ליבערשט מיין גאַנצן נדן מוחל זיין און נישט דאַרפן מיט אים אַן איינציק וואָרט רעדן. גיט מיר אַן אַנדער עצה, וואָס דען זאָל איך טון? וועט בעסער זיין, אַז איך וועל צו דער חופה נישט וועלן גיין. בעת כלי־זמר וועלן שפּילן און דער חתן וועט אויפן שולהויף, אונטער דער חופה, וואַרטן אויף מיר? איינס פון די ביידע, פייגע, אָדער מען וועט מיך אַ מינוט פאַר דער חופה געפינען אַ טויטע, אָדער מען וועט מיך איבערגעוואַלט צו דער חופה פירן. אָ, די שאַנד וויל איך בעסער נישט דערלעבן!..

— שלעכט, מיין קינד, וואָס איך קען מיך אויף מיינע פיס נישט שטעלן! — האָט די אַלטע אויסגעקרעכצט. — איך וואָלט איצט נישט אָפּטרעטן פון דיר קיין איין טריט, איך האָב זייער מורא און איך בעט דיך, אויב דו ווילסט, איך זאָל שטאַרבן רויק, איך זאָל אַהין מיט קיין באַפלעקטער נשמה נישט קומען... שווער מיר, אַז דו וועסט אָן מיין וויסן גאָרנישט טון. דו האָסט נישט קיין סודות, וואָס פייגע דאַרף

נישט וויסן. רעד מיט דיין חתן, זאָג אים וואָס דו ווילסט. נאָר דיין אייגענע האַנט זאָלסטו, חלילה, אויף דיין לעבן נישט אַרויפליייגן!..

רחלע האָט געשוווירן, ווי פייגע האָט פאַרלאַנגט און איז ביי איר געבליבן זיצן דעם גאַנצן טאָג. זי האָט אויך דעם דאָקטאָר גע-לאָזט ברענגען. ער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפט, גענומען אַ רובל און איז אַוועק אַהיים. חייעלע איז אויך אַריינגעקומען געוואָר ווערן, און האָט מיט אַ פריינטלעכן שמייכעלע געזאָגט:

— זעט געזונט צו ווערן, פייגע, פאַרשטערט נישט מיין שמחה, איך האָב אַ ידיעה געהאַט, אַז די מחותּנים מיט דעם חתן זענען שוין אַרויסגעפאָרן. מאָרגן פרי וועלן זיי אין אַ גוטער שעה אָנקומען... ווערט געזונט, פייגע, וועט איר טאַנצן אויף אייער רחלעס חתונה. זי איז דאָך אייערע מער ווי מיינע... געדענקט איר, אַז איר האָט זי ביי מיר אָפּגעקויפט, בעת זי איז נאָך דריי חדשים אַלט געווען און, נישט איצט געדאַכט, קראַנק געווען. איך געדענק נישט, וויפל האָט איר מיר באַצאָלט פאַר אי?

— מיין רחלע, מיינע איז זי און וועט זיין מיינע! — האָט פייגע געענטפערט. — הלוואי וואָלט איך געהאַט אויף איר אַ דעה צו זאָגן, ווי אויף מיינס אַ קינד, ווי עס וואָלט איצט גאָר אַנדערש געווען!

— אייך געפעלט אויך נישט? — האָט חייעלע מיט אַ כּעס זיך אויפגעכאַפּט. — איך פרעג ביי אייך נישט! נישקשה, די גאַנצע וועלט גיט מיר גערעכט! אויב איר ווילט מיך אין כּעס נישט אַריינברענגען, זאָל איך עס נאָך אַמאָל פון אייך נישט הערן!

פאַרנאַכט, אין דעמזעלבן טאָג, איז מען געקומען אָנזאָגן:

— די מחותּנים זענען געקומען און זענען פאַרפאָרן צום פעטער ר׳ שלמהן.

כאָטש חייעלע האט זיך אויף זיי פון פאַר תּשעה באב שוין געריכט, און אַלץ איז שוין געווען גרייט און פאַרטיק, כאָטש היינט די חתונה צו מאַכן, פונדעסטוועגן איז אין שטוב געוואָרן אַ טרעוואָגא. מען האָט אָנגעהייבן צו גרייטן און צו פּוצן פון דאָסניי, און אַז חייעלע איז שוין איבערצייגט געווען, אַז אַלץ איז אַזוי ווי געוווּנטשן, איז זי אַן אויסגעפּוצטע אַוועק צו ר׳ שלמהן מקבל פּנים זיין אירע מחותּנים. זי האָט זיך מיט דער מחותּנתטע צעקושט און איז העכסט צופרידן און גליקלעך געווען, אַז מען האָט איר רחלעס חתן פאָרגע-

שטעלט: אַ יונגער בחור, הויך ווי אַ ריז, שטאַרק און געזונט, אַנ־שטענדיק געקליידט, און ער איז איר פון רעדן נאָכמער געפעלן.

— וואָס זאָגט איר, ר' שלמה, אויף דעם חתן? — האָט זי גע־פרעגט. — געפעלט ער אייך?

— קיין מופלג איז ער נישט, — האָט ר' שלמה ווי מיט פאַר־דרוס געענטפערט, — אַ טאַטנס אַ קינד, אין הויות העולם ווייזט ער אויס נישט צו זיין קיין נאַר...

— ווער דאַרף זיין תורה? — האָט חייעלע אַ זאָג געטון. — איר זעט דאָך וואָס פון די גרויסע לומדים לאָזט זיך אויס! ווידער, האט דען די תורה אַ גרונט? מיר וועט קיין תורה, ברוך השם, נישט פעלן.

— דיין קינד וועט אָבער פעלן? — האָט ר' שלמה איינגעוויזן.

— געפעלט ער אייך נישט? — האָט זי קורץ אַ פרעג געגעבן.

— חלילה, ווער רעדט פון נישט געפעלן? — האָט ער זיך פאַר־ענטפערט. — גאָט זאָל אים נאָר זיין חן אין אירע אויגן געבן. מיר געפעלט ער אַ סך מער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. איך האָב גע־מיינט, אַז ער מוז זיין אַ בעל־מום, אַז נישט, וואָלט זיין פאָטער זיך אַזוי שטאַרק נישט געהאַלטן פאַר דעם שידוך. גאָט צו דאַנקען, ער האָט הענט און פיס, אַ נאָז און אויגן, ווי אַלע מענטשן און באמת וואָס וויל מען? די תורה האָט טאַקע ווי דער ים קיין ברעג און קיין גרונט נישט. מיר געפעלט ער, חייעלע, זאָל גאָט געבן מיט מזל און ברכה!

— אַז איר וואָלט מיך פאָלגן, שוואָגער, — האָט חייעלע גע־זאָגט, — זאָל מען שוין מאַכן אַ רעד מיט דעם מחותן מכּוח קויפן דאָס הויז. מען מעג רעדן, רחלע וועט צופרידן זיין — די גלייכסטע זאַך איז געוועזן, וואָס מיר האָבן געטון דאָס אונדזעריקע און נישט געפרעגט ביי איר. בנאמנות שוואָגער איך אייך, אַז זי איז אַליין אויך צופרידן, אַז מען פרעגט זי נישט. איר שטייט נישט אָן איר עקשנות גאָכצו־געבן; אָבער זי וויל, מען זאָל די חתונה אָפּשפּילן און עס זאָל הייסן: „מיר האָבן עס אָן איר ווילן געטון". איצט האָט זי זיך ווידער אָנגע־טון, זי וויל פונדעסטוועגן איר חתן געפעלן... געוואַלד, איך קען זי בעסער, איך בין אַליין אויך אַמאָל אַ מיידל געוועזן און קען מיין קינד, ווי איך קען זיך!..

— זאָל זי זען פריער דעם חתן. מיט דעם מחותן וועלן מיר רעדן. ער מוז זיין צופרידן, אַז נישט, וואָלט ער נישט געקומען אַזוי

צוגעגרייט צו דער חתונה. אפשר צוואַנציק קערב און פולע קאַכטנס האָט ער מיטגעבראַכט. ער האָט מיר געזאָגט, עס איז אַ סברא, אז ר׳ זלמנקע דעם רבינס מיט זיין שוועסטער גיטעלען וועלן אויך זיין אויף דער חתונה. ר׳ פנחסל וועט בוודאי קומען.

אין אַ פּאָר שעה ארום זענען די מחותנים מיט דעם חתן געקומען צו חייעלען. רחלע האָט זיך פון איר מחותנתטע געלאָזט קושן און האַלדזן. ר׳ הענעך האָט זיך געפרעגלט פון נחת, אז ער האָט דערזען, ווי זיין אשת חיל איז צופרידן פון דער כלה, אויף וועלכע ער איז דער מבין געווען. חייעלע האָט אויך אָנגעקוואָלן, קוקנדיק, ווי עס גייט אַלץ בעסער, ווי געוווּנטשן. דער חתן האָט מיט דער כלה גערעדט און זי האָט אים קלוג און מונטער אויף אַלץ געענטפערט. ר׳ שלמה איז צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו איצט, מיין טאָכטער? איז דיר דיין פעטער נאָך אַלץ אַזא דם שונא, ווי דו האָסט געמיינט?

— איין בקשה האָב איך נאָך, — האָט זי געענטפערט. — איך וויל זיך דורכרעדן מיט אים. זאָל ער מיך אויך קענען, טאָמער וועל איך אים גאָרנישט געפעלן?

— אדרבה, איך נעם שוין די מחותנים צו זיך און לאָז דיך דאָ אַליין מיט אים. רעד נאָר נישט קיין נאַרישקייט, פאַרלאַנג פון אים נישט קיין הויכע חקירות, קוק נאָר אויף זיין שכל. אַ מענטש, וואָס האָט שכל, קען אַלץ קענען, און אַז ער וועט דיך ליב האָבן, וועסטו אים שפעטער קענען צולערנען דאָס, וואָס קומט ביי דיר אויס, אז אים פעלט עס נאָך.

די מחותנים האָבן טיי אָפּגעטרונקען און אַוועק אַהיים. אַז זי איז מיט איר חתן אַליין געבליבן, האָט זי אנפאַנגס מיט אים גערעדט פון פאַרשידענע זאַכן. ער האָט איר אויף אַלץ קלוג געענטפערט און זי האָט געמיינט, אז מען קען מיט אים אויך ערנסט רעדן.

— נישט נעמט פאַר אומגוט, וואָס איך דערלויב מיר אייך צו פרעגן, — האָט זי געזאָגט, אויסהערנדיק זיין אויפגעקלערטקייט און פרייע געדאַנקען, וועלכע ער האָט דאָ פאַר איר אויסגעשאָטן. — צו וואָס לערנט מען אָט די אַלע זאַכן? מיט וואָס איז דער געבילדעטער בעסער פאַר דעם נישט געבילדעטן?

— איר פרעגט מיך, ווי מען פרעגט אַ קינד, — האָט ער מיט אַ פריינטלעך שמייכעלע געענטפערט. — דער אונטערשיד פון געבילדעטן

און נישט געבילדעטן איז דערזעלבער אונטערשיד, וואָס איז צווישן טאָג און נאַכט.

— אַזוי זאָגט די וועלט, — האָט זי מסכים געווען. — אמת, דעם געבילדעטן איז ליכטיק, אָבער אז אים איז ליכטיק, איז נאָר א י ם גוט. וואָס אָבער האט די וועלט פון אים? איז נישט בעסער, אז מען איז ווייניק געבילדעט און מען איז גוט צום צווייטן, ווי צו זיך אַליין?

— געוויס, פריילן, — האָט ער מיט פרייד געענטפערט, — דער נישט געבילדעטער ווייס אָבער גאָרנישט, ווו גוטס איז נייטיק און ווי גוטס צו טון. דער געבילדעטער ווייס, דעריבער איז זיין גוטס מיט נוצן.

— זייער רעכט! זאָגט-זשע מיר, ווי וואָלט אייך אייער בילדונג געראַטן צו טון, ווען אייערע עלטערן וואָלטן אייך צווינגען יעצט חתונה צו האבן מיט אַזא כלה, וועלכע איז אייך נישט ליב?

— איך וואלט בשום אופן נישט וועלן!

— אָבער אז די כלה, למשל, וואלט אייך וועלן און זיין פאַרליבט אין אייך?

— ווען איך וואָלט אין איר ליבע נישט זיין שולדיק, וואלט איך נאָר רחמנות האבן אויף איר, אבער קעגן מיין ווילן מיט איר נישט חתונה געהאַט!

— נו, און אז דער פאַל וואלט זיין פאַרקערט? — האט זי געפרעגט און האט אירע אויגן אויפגעהייבן אַ קוק צו טון, ווי די דאזיקע פראַגע האט אויף אים געווירקט.

— דאס הייסט? — האָט ער עפּעס, ווי פאַרשעמט געפרעגט.

— דאס הייסט — ווען איר וואלט ליב האבן אַזא, וועלכע האט דאס אומגליק אייך נישט צו קענען ליבן, וואלט איר אזוי שלעכט זיין, צו וועלן זי נייטן, זי זאל דווקא מיט אייך חתונה האבן?

— דאַן וואלט איך, ערשטנס, פרעגן — האט ער געענטפערט, — פאַרוואס קען זי מיך נישט ליבן? אַלע מיינע פעלער, וואלט איך בעטן, מיר אָפּן אויסזאגן, איך וואלט באַלד זוכן זיי צו פאַריכטן... זאגט, ליבע רחלע, געפינט איר אַזא פעלער אין מיר, וואס איר קענט מיך ווירקלעך נישט ליבן? איך ליב אייך, ווי מיין לעבן, זינט מען האט מיר אייער פאטאגראַפיע באַוויזן... יעצט זע איך אייך נאָך טויזנט מאל שענער, ווי זאל איך אייך נישט ליב האבן!?

— נאר איין פעלער באַמערק איך אין אייך און דער פעלער לאזט מיך ווייטער נישט רעדן.

— וועלכער פעלער ? — האט ער געפרעגט, — איר מעגט מיר זאגן, איך וועל אויף אייך קיין פאַריבל האבן !

— איז עס נישט אַ פעלער, געערזער הערר, צו פאַרלאַנגען פון דעם אַנדערן דאס, וואס איר אַליין וואלט עס פאַר זיך נישט געטון ? — האט זי געענטפערט. — זאגן אייך אפן דעם אמת: נאך איידער איך האב אייער פאטערס נאמען געהערט, האב איך מיינס אַ שוועסטער־קינד ליב באַקומען. ער ליבט מיך אויך אזוי ווי איך אים. איך האָב אים געשווירן מיין לעבן, לאַנג אויף אים צו וואַרטן, און איך וואַרט און וועל וואַרטן... גוטער מענטש, ווילט איר איך זאל אייער נאמען מיט אַכטונג און מיט דאַנק דערמאנען, זאלט איר צו אייערע עלטערן גיין און זיי זאגן, אַז אייך געפעלט נישט די כלה, דאן וועט איר צוויי מענטשן גליקלעך מאכן אנשטאט דרייען צו פאַרשאפן א פיינלעך לעבן !..

— הער איך דאס אין ערנסט פון אייך, רחלע, אָדער איר ווילט מיך נאָר פרווון, צי האָב איך אייך באמת ליב ? — האָט ער געפרעגט, זי אָנקוקנדיק מיט פולע אויגן פון טרערן.

זי האָט מיטלייד געפילט.

— געערטער פריינט, — האָט זי געזאגט, — נישט איך בין שולדיק אין אייער צער, אזוי ווי איר זייט נישט שולדיק אין די לייד און פיין, וואָס איך לייד איבער אייך. די, וועלכע זענען שולדיק אין דעם, זענען אונדזערע ליבע עלטערן, פאַר זיי מוזן מיר גאָט בעטן, ער זאל אונדזער צער און טרערן זיי מוחל זיין. מיר זענען פון דער נייער צייט, מיר דארפן זיי נישט בעסער מאַכן ווי זיי זענען ; אָבער מיר מוזן אליין פון אונדזערע געפילן אָפּפערן, כדי אליין בעסער צו זיין און וואָס זיי האָבן אין אונדז קאליע געמאכט פאַריכטן !.. איך ווייס : איך פארלאנג פון אייך פיל ; אָבער אויך פיל איז ווערט, ווען אַ מענטש קען זיך זאָגן : איך האָב צוויי יונגע מענטשן גליקלעך געמאכט... אָ, זייט איר אָט דער אויפריכטיקער מענטש און איך און מיין שוועסטערקינד וועלן שטענדיק אייער נאָמען מיט ברכות דערמאנען !

ער האָט זיין גאנצן קוראזש פארלוירן און דאָס געפדיונט בן יחידל אין אים, האט זיך אָנגעהייבן ארויס צו ווייזן.

— רחלע, — האט ער מיט אַ וויינענדיקער שטימע אויסגערעדט, — איר זענט דאך אָבער אויך אַ געבילדעטע, פארוואס האט איר אויף מיר קיין רחמנות נישט? וועט אייך גוט זיין, אז איך וועל איבער אייך שטארבן אָן א צייט? פאלגט מיך און זייט מיין כלה. איר ווייסט נישט, ווי רייך מיין פאטער איז, אבער איך ווייס, אז ער האט מער ווי הונדערט טויזנט רובל, דאָס וועט אלץ מיינס זיין... איך בין דאך אַ בן-יחיד און איך וועל אלץ אייך אוועקגעבן נאך אונדזער חתונה... אפילו אז איר וועט מיך הייסן שטודירן, וועל איך אייך אויך פאָלגן, נאָר זייט מיינע, רחלע!

— זייט קליגער, געערטער הערר! — האט זי געענטפערט, — פאלגט מיך און רעדט נישט מער פון דעם וואס קאן נישט זיין! גייט אהיים און זאגט אייערע עלטערן, אז איך געפעל אייך נישט. איך ערלויב אייך אפילו אויסצוטראכטן אויף מיר וואס איר ווילט, איך וועל אייך נישט אפלייקענען און נאך גאט בעטן, ער זאל אייך אַ בעסערע און אַ שענערע פאר מיר צושיקן...

מיט די ווערטער האט זי זיך אָפּגעקערט און געוואָלט פון שטוב ארויס, אבער ער האט זי אָפּגעהאלטן.

— רחלע! — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ שטימע, וועלכע האָט זיין פאַרצווייפלונג אויסגעדריקט, — איילט אייך נישט אַוועקצוגיין. איך שווער אייך, אז דאָס האָט איר אַלץ גערעדט, כדי מיך אויסצופּרוּוון... איר זענט מיין כלה, איר מוזט מיינע זיין, סיידן איך וועל נישט לעבן... איך וועל אייך די תנאים קיינמאָל נישט מוחל זיין און אייערע פינף טויזנט רובל, וואָס זענען איינגעלייגט, וועט דער טאַטע געוויס נישט מוחל זיין. זייט בעסער אַ רייכע אַ גליקלעכע און געליבטע פרוי פון אַ גבירס בן-יחיד, איידער אַן אָרעמע כלה אָן נדן פון אַן אָרעמען גע-שטודירטן... אויף נאמנות, אַלע געשטודירטע מיינען אויך מער דעם נדן, ווי דעם קרן!.. איך דאַרף אייער נדן נישט, אָבער איר אַליין זייט מיר טייערער, ווי מיין טאַטנס גאַנץ אייגנס.

זי האָט מער נישט געענטפערט און איז באַלד פון שטוב אַרויס און אַריין צו פייגען. ער איז אַוועק אַ היים און קיינעם זיינע בזיונות נישט דערציילט. ער האָט זיך פשוט געשעמט. ער האָט שוין ביז איצט מיט דריי כלות זיך געזעגן און ער האָט יעדעס מאָל געפונען אַ פעלער אויסצוזוצן, ביז די מוטער זיינע האָט אים געזאָגט:

„דערפאַר, אז דו וועסט שוין געפינען די כלה מיט אַלע מעלות,

וועלכע וועט דיר געפעלן, וועסטו איר נישט געפעלן. איך ווינטש דאָס דיר נישט, מיין קינד, אָבער גאָט שווייגט נישט יענעמס בזיונות, געדענק מיינע רייד״!

אָט די ווערטער האָט ער איצט דערמאָנט און געשעמט זיך אויסצוזאָגן, אז דער מוטערס נבואה איז מקוים געוואָרן. אגב, האָט ער געטראַכט: טאָמער איז דאָס באמת נאָר אַ פּראָבע פון איר, טאָמער וועט זי בעסער ווערן, אז מען וועט איר נאָך רייכערע מתנות שענקען. אים האָט זיך נישט געגלייבט, אז אים וועט נישט מעגלעך זיין זי נאָך איבערצוּרעדן; דערפאַר, אַז די מוטער זיינע האָט אים געפרעגט: „נו, מיין זון, ווי געפעלט דיר די כלה?״ האָט ער געענטפערט:

— געפעלן, געפעלט זי מיר גראָד, אָבער... ער האָט ווייטער נישט געקאָנט זיינע טרערן איינהאַלטן און האָט זיך פונאַנדער געוויינט.

— וואָס־זשע וויינסטו, מיין קרוין? — האָט די מוטער געפרעגט,— פרייען דאַרפסטו דיך, מיין קינד, נישט וויינען!

— איך וויין דערפאַר, וואָס דער טאַטע איז נאָך אַלץ אזוי קאַרג און דינגט זיך וועגן דאָס הויז אָפּקויפן. און וועלכע מתנות האָט ער איר ביז איצט געשענקט? זי שעמט זיך אפילו זיי אָנצוטון.

— זעסטו, דאָס איז אַ סימן, אז זי איז קיין נאַר נישט,— האָט די טרייע מוטער איר איינציק קינד געטרייסט,— זי ווייס, אַז איר מחותן איז, אָן אַ עין־הרע, אַ ייד אַ גביר, ווייל זי ביי אים ציען נאָך מתנות. פאַרוואָס נישט? אַ מענטש דאַרף זיך געטריי זיין; אָבער דו, מיין קינד, האָסט איר באַדאַרפט דערקלערן, אַז זי איז פונ־דעסטוועגן פאָרט נאָך אַ קינד מיט אַ יונגען שכל. דיין מאַמע וועט שוין מער קיין קינדער נישט האָבן און נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט דאָך אַלץ זיין דיינס. מיר מיינען דען, חלילה, דיך אָבצו־טיילן פון אונדז?

— אָבער בעסער איז, אז זי זאָל איר חתנס רייכקייט שוין זען, נאָך איידער זי האָט מיט מיר חתונה,— האָט ער געגעבן צו פאַר־שטיין,— זאָל זי וויסן, אַז זי האָט שוין און נישט דאַרפן וואַרטן ביז דער טאַטע וועט איר שפּעטער אַמאָל אַ שיינע מתנה שענקען.

— זאָג דעם אמת, מיין קינד,— האָט די מוטער מיט נייגיריקייט געפרעגט,—דאָס האָט זי דיך טאַקע אָנגעלערנט, דו זאָלסט עס בעטן, אָדער דו קלערסט זיך נאָר אַזוי?

— יאָ, — זי האָט עס מיר טאַקע געהייסן. נאָר איך אַליין פאַרשטיי אויך, אַז אַזוי דאַרף זיין! — האָט ער געענטפערט און אָנגעשטעלט די מוטער, אַז זי זאָל רעדן מיטן פאָטער וועגן נייע מתנות און וועגן אָפּקויפן דאָס הויז.

די גאַנצע נאַכט נאָכדעם געשפּרעך, האָט די מוטער געהאַט צו טון מיט איר מאַן, ער זאָל געבן פאַר דעם הויז וויפיל מען פאַרלאַנגט, און טאַקע זיך לאָזן דערקענען פאַר זיין בן־יחידס כלה. „זאָל זי טאַקע אויספירן אַלץ, וואָס זי וויל! האָט דאָס ווייב גערעדט, צוליב וועמען האָרוועט מען? אַלץ צוליב קינדער, און אז גאָט, ברוך הוא, האט אונדז געגעבן נישט מער ווי איין קינד, דארף עס טייער זיין, ווי דאָס אויג פונם קאָפּ. און וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, הענעך, האָט זי געזאָגט, מיר מוזן אונדזער קינדס חסרונות צודעקן מיט אונדזער געלד... עס קאָן זיין, די כלה ווייס שוין אויך, פון זיינע דרכים מיט העלענען דעם וואַלד־שומרס טעכטערל... קיין גוטס זאָל זי נישט וויסן, ווי זי האָט אונדז קיין גוטס נישט געטון!...

ר׳ הענעך איז פאַרציטערט געוואָרן פון דער ערינערונג.

אויף מאָרגן האָט ר׳ הענעך מודיע געווען ר׳ שלמהן, אַז ער קויפט דאָס הויז, און גיט דעם מקח וויפל מען בעט.

—„נאָר זאָל שוין אַמאָל אַ סוף זיין און איך זאָל מיט מיין חתן צוריק נישט דאַרפן פאָרן אָן דער כלה״.

ר׳ שלמה האָט נאָך אפילו געוואָלט איבעררעדן מיט רחלען, נאָר חייעלע האָט צוגעטריבן מען זאָל קיין נאָווענדעס מער נישט מאַכן, וואָרים זי האָט נאָך היינט פון רחלען ווידער געהערט, אז זי וועט מיט הענעכס זון נישט חתונה האָבן, דעריבער האָט זי בעסער געראַטן מען זאָל שוין מאַכן אַ תקיעת־כף, עס זאָל שוין זיין אַן אָבגעטוענע מעשה. פון רחלעס נעכטיקן פאַרלאַנגען צו בלייבן אַליין מיט איר חתן, מיט אים זיך דורכצורעדן האָט ר׳ שלמה געגלייבט, אז זי איז שוין צעפרידן. און אז ר׳ הענעך האָט נאָך דערציילט, וואָס זיין בן־יחיד האָט אים איבערגעגעבן, אז די כלה האָט אָנגערעדט דעם חתן, ער זאָל פאַר איר נאָך מתנות ביי אים ציען און ער זאָל נאָך פאַר דער חתונה דאָס הויז אָפּקויפן, האָט ר׳ שלמה זיכער געגלויבט, אז דאָס אַלץ טוט זיך מיט איר רצון, און האָט נאָך אין דעמזעלבן טאָג אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, אז דאָס הויז מיט דעם זאַוואָד, מיט אַלץ, וואָס געהער צום הויז, האָט חייעלע מיט זיין

ווילן פאַרקויפט צו ר׳ הענעכס זון דאס אלץ איז שוין אָפּגעטון געװען. האָט מען געמאַכט אַ תנאים אחרונים און מען האָט די חתונה באַשטימט אין אַ פּאָר טאָג אַרום.

י.

מיט איר חתן האָט זיך רחלע שוין מער נישט געזען. ער האָט זיך געהיט מיט איר זיך מער נישט צו באַגעגנען ביז דער חופּה, אים איז ניחא געװען בעסער ברוגזהייט מיט איר חתונה צו האָבן, איידער בשלום פון איר נאָכאַמאָל צו הערן, אַז זי איז נישט זיין כּלה. ער האָט געהאָפט, אַז די נייע מתּנות און דאָס הויז וואָס זיין פאָטער האָט אָפּגעקויפט, וועלן גוטע מליצים זיין פאַר אים און זי וועט גיין צו דער חופּה. ער האָט זיך דערמאַנט פיל געשיכטן מיט כּלות, וואָס האָבן נישט געוואָלט די חתנים, נאָר אַז די עלטערן האָבן געוואָלט, איז פונדעסטוועגן ביי זיי געווען דער חתונה, מסתמא וועט דאָ אויך אזוי זיין.

ר׳ שלמה האָט רחלען אָנגעזאָגט, אַז דאָס הויז האָט שוין ר׳ הענעך אָפּגעקויפט און אָפּגעשריבן אויף איר חתנס נאָמען.

— איצט, מיין טאָכטער, — האָט ער טריי געזאָגט, — איז שוין אַלץ פאַרפאַלן. איצט קאָן שוין אַנדערש נישט זיין, דו מוזט מיט דיין באַשערטן חתונה האָבן!״

זי האָט נאָר געוויינט דאָס אויסהערנדיק.

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט ער געטרייסט, — איך גיב דיר מיין ערנוואָרט, אַז אין אַ יאָר צייט נאָך דיין חתונה, אַז דו וועסט וועלן אַ גט, וועט זיין אַ גט. דאָס האָב איך מיט ר׳ פּנחסלען נאָך פריער אָפּגעשמועסט. אָבער דער חתונה מוז זיין, איז מעגלעך, עס זאָל דיין געשטאָרבענער פאָטער איצט פון זיין קבר אויפשטיין? אזוי איז איצט מעגלעך, עס זאָל קיין חתונה נישט זיין. אין דעמזעלבן טאָג האָט דער פאָטשטער דערלאַנגט איר אַ בריוועלע פון משהלען. זי איז אַריין אין סאָד און האָט עס איבערגעלעזן.

„ליבע רחלע!

פון אַלץ, וואָס דו און אונדזער גוטער, אָבער נישט קלוגער פעטער, האָבן מיר אין אייערע לעצטע בריוו געשריבן, זע איך, אַז

די סכנה איז נאָענט, דער חלף ליגט דיר שוין אויפן האַלדז, און די גרעסטע שמערצן האב איך דערפון נאר, וואס דו שרייבסט מיר און באַשווערסט מיך, אז איך זאָל נישט קומען אַ האַנט אויסצושטרעקן דער, וועלכע טרונקט זיך. איך זאל דיך, מיין טייערע, מיין ליבע רחלע, לאָזן אין דעם ים טרערן דערטרונקען ווערן? קאן איך עס? מעג איך עס?..

מען קאן מיינען, אז איך בין אַ שרעקלעכער עגאָיסט. איך האב דיך אַן עלנטע געלאזן אַליין צווישן מענטשן, וועלכע פאַרשטייען דיך נישט און קוועלן דיך און פייניגן דיך מיט זייער געטרייקייט, בעת איך זיץ מיר אין פאַרגעניגן צווישן חברים-חכמים און בין גליקלעך צו לערנען נייע וויסנשאַפטן פון באַרימטע לערער און קלוגע לייט. איך אַליין, ליבע רחלע, קום מיר פאר פאַר אַן עגאָיסט און פיל זיך אָפט אַזוי אומגערעכט, ביז זעלבסטפאַראַכטונג. וועמען מאַך איך גליקלעך מיט מיין לערנען? מיין טרייען זיידן און מיין באָבען, מיין ליבן פעטער און מומען האָב איך נאר בזיונות און צער פאַרשאַפט. אויך דיך, מיין נשמה, מיין ליבער מלאך, האב איך אזוי אומגליקלעך געמאַכט!.. אפשר וועט ווער אַמאל נוצן האבן פון מיין איצטיקן לערנען, דערווייל אבער, האב איך נאר איינער דאס פאַרגעניגן: מיין לוסט אַלץ צו וויסן און צו דערפאָרשן גיב איך נאך. און דו ליידסט, און דו וויינסט און ליבסט מיך דאך. בין איך דען דאס ווערט? אָ, איך וואלט באמת נישט ווערט זיין דיין ליבן נאמען צו דערמאנען, ווען אין מיר וואלט אַזא שטיינערן האַרץ געווען, מיך נישט צו באַקימערן וועגן דיינע לייד און שמערץ! איז נישט ראַטעווען אַ מענטשן די העכסטע פליכט פון אַ מענטשן? און ראַטעווען דיך נאָר פון איין איבעריקן טאג ליידן, איז ביי מיר ווי מיין גאַנצע וועלט געראַטעוועט און איך קום פארט נישט נאר דערפאַר, ווייל דיין פאַרלאַנגען איז מיר טייערער און ליבער אַלס מיין רו און גליק. דו שרייבסט מיר, אז נאר אַנגסט און זארג נייע וועל איך דיר מיטברענגען מיט מיין קומען, איידער דו וועסט מיך רופן און איך וויל דיר קיין נייע זאָרג נישט צוגעבן, כאטש מיין אַנגסט פון ווייטן צו זיצן איז אפשר גרעסער און פיינלעכער.

אונדזער פעטער ר' שלמה שילדערט מיר אין זיין לעצטן בריוו דיין טרויעריקע לאַגע איצט. דיינע עגמת-נפש, וואס די מוטער דיינע פאַרקויפט דאס הויז און אַלץ וואס אים און דיר איז טייער און די

מוזט צוזען ווי דיין זעליקן פאָטערס האב און גוטס ווערט פאַרפרעמדט
און זיינע עלנטע קליינע יתומים מוזן באַלד אנקומען צו אַ שטיפ-
פאטער, וועלכער — ווי דער פעטער אַליין איז מודה — וועט פאַר זיי
קיין געטרייער פאטער נישט זיין. דער עלנט פון די קינדער און דיין
טרויעריקע צוקונפט: אַליין צו בלייבן ערגיץ אין אַ געדונגענעם
חדרל, בעת דיין מוטער וועט מיט איר ר׳ פנחסלען חופה האבן, דאס
אַלץ, שרייבט אונדזער פעטער, באַוועגט דיך פון אונדזערע ליבע זיך
אפצוזאגן און חתונה צו האבן מיט דיין געוואַלד-חתן... נאר איין זאַך,
שרייבט ער, שטייט דיר נאך אין וועג: די שבועה דיינע, וואס דו
האסט מיר אַמאָל ווי אַ קינד געשווירן מיינע צו זיין און נאר אויף
מיר צו וואַרטן. דעריבער בעט ער מיך, איך זאָל דיר די שבועה
מוחל זיין, דיך באַפרייען און נישט שטיין דיר אין וועג, וועלכער
קאן דיך און די עלנטע יתומים פירן צום גליק... רחלע, איך פרעג
נישט, צי שרייבט דער פעטער דאָס מיט דיין וויסן, צי נישט. איך
וויל גאָרנישט וויסן, צי איז דיר ווען ניחא געווען, ער זאָל עס מיך
בעטן; נאָר איך רוף איצט גאָט, דעם איינציקן עדות פון דער שבועה,
ער זאָל אויך איצט אונדזער עדות זיין, אז איך בין דיר דיין שבועה
מוחל! פון דער מינוט, וואָס דו וועסט די ווערטער לעזן, ביזטו פריי
און דיך בינדט צו מיר נישט קיין שבועה, קיין וואָרט און פליכט.
איך האָב קיינמאָל אויף דער שבועה נישט געהאָפט און נישט גערעכנט.
נישט אַ שבועה קאן דער גוטער משכון זיין, אַ מענטשנס טרייע און
ליבע צו פאַרזיכערן, נאָר די ליבע היט די שבועה, זי זאָל נישט
געבראָכן ווערן. באַדוירנסווירדיג איז יענע ליבע, וואָס דאָס האַרץ
איז פאַר איר קיין זיכערער אָרט נישט און מוז נאָך אַ שבועה האָבן,
וואָס זאָל זי דאָרט איינהיטן. זיי זיכער, אַז דיין משהלע וועט דיך צו
ליבן נישט אויפהערן, אפילו דאַן, ווען דיין האַרץ וועט מער קיינע
ליבע נישט פילן פאַר אים!.. מען ליבט נישט, ווייל מען וויל ליבן
און מען הערט נישט אויף צו ליבן, ווייל מען וויל מער נישט ליבן.
ווי אומשולדיק דו ליבסט מיך, אזוי אומשולדיק קאנסטו אויפהערן
מיך צו ליבן. נישט אַזוי איז אַכטונג: דו אַכטעסט מיך, ווייל איך
פאַרדין פיליכט דיין אַכטונג און ווייל איך האָף קיינמאָל, חלילה,
נישט ערגער צו ווערן ווי דו קענסט מיך, וועסטו צו אַכטן מיך קיינ-
מאָל נישט אויפהערן. זאָל דאָס אונדז טרייסטן און לאָמיר דאס האַרץ
און ליבע אָפּפּערן פאַר אונדזערע עלנטע יתומימלעך! אָויך דער יושר-

הייסט אונדז אַמאָל: צוליב אַ ווילן פון עלטערן און צוליב עלנט פון קליינע עלנטע יתומים אויסרייסן אונדזערע געפילן און טון פונקט פאַרקערט, ווי מיר האָבן געהאַפּט.

נאָר איין זאַך מוז איך דיר נאָך דערמאַנען: דו זאָלסט פריער זיך אַליין פרעגן, צי האָסטו אַזוי פיל כּוח אין זיך אויסצערייסן די אומגליקלעכע ליבע דיינע, ביז עס זאָל פון איר אַ שפּור נישט בלייבן? שרעקלעך איז יענעמס לאַגע, וואָס מיינט, אַז ער האָט מיט זיין שטרענגען ווילן די ליבע אין גאַנצן אויסגעריסן און האָט זיך נישט אַרומגעקוקט, אַז ערגעץ אין אַ ווינקעל איז נאָך אַ וואָרצעל געבליבן און דער וואָרצעל האָט באַלד צוריק נייע בלומען און צווייגן אָנגע- דרייבן צו אַנטוויקלען, ביז דאָס הארץ איז ווידער מיט ליבע פול גע- וואָרן. דאַן רחלע, ווען דאָס הארץ האָט שוין אַן אַנדערן באַלעבאָס אויף זיך, איז יעדע ליבע צו איין אַנדערן נישט נאָר אַ זינד אַ שווערע פאַר גאָט, אָבער אויך אַ גיהנומדיקע פּיין פאַר זיך... דאַן איז דעם אומגליקלעכן די זון פינצטער אין מיטן טאָג און ביי דער גרעסטער רייכקייט, איז מען אָרעמער און אומגליקלעכער ווי דער ארעמסטער און אומגליקלעכסטער אין דער וועלט!.. אָט דער געדאַנק באַאומרויקט מיך יעצט, ליבע רחלע, מער ווי אַלץ און די זאָרג איבער דעם וועט מיין זאָרג בלייבן, ווי לאַנג איך וועל לעבן!..

איך בעט דיך: שרייב מיר אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע מיינע און נאָר דאַן זאָלסטו מיך הייסן דאָ בלייבן זיצן, ווען מיין בריוו וועט שוין זיין צו שפּעט און דער ענטשיידענער שריט וועט שוין זיין געמאַכט... אָבער ווען דו וועסט מיין בריוו דער- האַלטן כאָטש איין אויגנבליק פאַר דעם שלוס פון אונדזער ראָמאַן, זאָלסטו בעטן כאָטש נאָך אַ שעה צייט, ביז דו וועסט דעמזעלבן בריוו נאָכאַמאָל דורכלעזן, און זיך גוט באַזינען, וואָס דו האָסט צו טון. איך שווער דיר, איך וועל נאָר גאָט פאַר דיר בעטן, אַז מיין זאָרג זאָל זיין אַן אומזיסטע זאָרג און דו זאָלסט פון יענע פּיין און שמערצן נישט וויסן, וועלכע שרעקן מיך שוין איצט.

אין פאַל, אויב דו וועסט איינזען, אַז דו ביזט צו שוואַך מיט אַזא געוואַלדריס פון דיינעם האַרצן אויסצערייסן די ליבע און די געפאַר, וואָס צווינגט דיך דאָס צו טון, איז שוין צו נאָענט, באַשווער איך דיך, דו זאָלסט מיר טעלעגראַפירן. אין דער מינוט, ווען דיין טעלעגראַמע וועט מיך טרעפן, וועל איך, גאָר אָן ישוב הדעת צו דיר

ליפן. יעדנפאַלס, האָט מען דיך אין קייטן נאָך נישט געשמידט און הונדערט וועגן זענען פריי און אָפן פאַר דעם מענטשן, וואָס וויל זיך רעטן... איך ווייס נישט פון ווייטן דיר צו זאָגן, ווי זיך צו רעטן; אָבער איך זאָג דיר, אז שולדיק איז יענער פאַר זיין אייגן גליק און לעבן, ווען ער האָט דעם מוט נישט אַ געצוווּנגענעם סקאַנדאל צו מאַכן, ווען זיין גליק און לעבן פאַרלאַנגען עס פון אים. — איין וואָרט ווייז איך דיר אָן פאַר יעדענפאַל: איך האָב מיין מוטער פון אַלץ געשריבן און זי וועט דיך ווי איר קינד צונעמען, ווען נאָר דו וועסט צו איר קומען. אירע לאַגע איז, גאָט צו דאַנקען, איצט בעסער ווי געווען. שרייב מיר נאָר, אז דו ווילסט צו איר פאָרן, וועל איך קומען און אַוועקפירן דיך צו איר. זאָרג נאָר נישט, מיין טייערע! די זון פאַרגייט נישט אויף אייביק, דיין ליכטיקער פרימאָרגן וועט דיר באַלד אויפשיינען. זאָל מיינע ליבע צו דיר דערווייל דאָס ליכטל זיין אפילו אין פינצטערניש דעם גראַדן וועג צו געפינען... זיי מיר געזונט, איך בלייב, יעדנפאַלס, דיין משהלע..

— און פאַר הענעכס געבילדעטן זון זאָל איך זיך פון אים אָפּזאָגן? — האָט זי פאַר זיך איבערגערעדט, אז זי האָט דאָס בריוועלע איבערגעלייענט. — ניין, אזוי נידעריק בין איך נאָך נישט געפאַלן. דיינע בין איך, משהלע, דיינע, ווי לאַנג איך לעב און וועל לעבן!..—

אַרויסגייענדיק פון סאָד, האט זי אויפן וועג באַגעגנט עטלעכע פייגעלעך, וועלכע זענען זיך צעפלויגן, אז זי איז צו זיי נענטער צו. דאָס האָט זי אויף נייע געדאַנקען אַרויפגעפירט. —„גאָט דער גוטער האט אין זיין קלוגער אָרדענונג די נאַטור איינגעפלאַנצט אין יעדער שוואַכער באַשעפעניש, זיך צו רעטן פון דעם שטאַרקערן. — האָט זי צו זיך געזאָגט. בין איך דען נישט שוואַך, ווי אַ פייגעלע, איצט געגן דעם שטאַרקן ווילן פון דעם רבין, פון ר׳ פנחסלען און פון מיין אייגענער מוטער? פאַרוואָס זאָל איך נאַרישער זיין פאַר די קליינע פייגעלעך און מורא האָבן פאַר דעם אַנטלויפן מער ווי פאר דער געפאר גופא? זע איך דען נישט אָפן די גרוב וואס איז גרייט אלע מיינע האָפענונגען איינצושלינגען? וואס וואַרט איך נאָך? — דו ביזט מיין עדות, גאָט אין הימל, אז איך האָב אלץ געטון אויסצעמיידן יעדן סקאַנדאל, וואָס איז פאַר אַ יידישער טאָכטער נישט שיין. שטיי מיר

בײ איצט אין מײן נויט און שיק מיר דײן גוטן מלאך, וואס זאָל מיך אין מײן וועג באַגלײטן!״

מיט די ווערטער איז זי צו דער קראַנקער פײגען אַרײן און איר אָנגעזאָגט, אַז זי רעכנט נאָך הײנט צו אַנטלױפן צו משהלעס מוטער. פײגע האָט נישט געענטפערט, נאָר ביטער געקרעכצט.

— וואָס טוט אײך װײ, פײגע? — האָט רחלע מיט אַנגסט געפרעגט.

— דאָס האַרץ, דאָס האַרץ, מײן טײער קינד! — האָט די קראַנקע געענטפערט, אָבער נישט אױף דער קראַנקהײט מײנער באַקלאָג איך מיך: אָן יסורים לעבט מען נישט און אָן יסורים שטאַרבט מען נישט, עס דאַרף אַזױ זײן און איך האָב צו גאָט קײן טענות נישט; דאָס האַרץ אָבער צוגײט אין מיר, וואָס דו, מײן ליב קינד, רעדסט פון אַנטלױפן אין דעם טאָג, וואָס האָט געזאָלט זײן דײן שמחה! װאָלט איך כאָטש נישט אַזױ קראַנק געװען, װאָלט איך פאַר דײן מאַמען גאָר קײן מורא נישט געהאַט און דיך באַגלײטן אין דײן װעג. איצט אָבער האָב איך אפילו קײן כּוח נישט פון בעט אַראָפּ־צוגײן. װו װעסטו לױפן אַלײן, מײן קינד? אַ מײדל אַלײן אין אַװעג איז ערגער װי אַ קלײן קינד אַלײן. װאַרט נאָך אַ װײלע, לאָז מיך באַטראַכטן, טאָמער װעל איך פאַר דיר געפינען אַ זיכערן אָרט דאָ אין שטאָט, װו דיך צו באַהאַלטן ביז אַ צײט. אפשר װעט מיר דער, װאָס לעבט אײביק געבן כּוח, איך זאָל קענען אַראָפּ פון בעט װעל איך פאַר דיר דינגען אַ פור און מיט דיר מיטפאָרן צו דײן משהלעס מאַמען

רחלע האָט זיך אױסגעװײנט און איז צוריק אַרײן אין שטוב. דאָ האָט זי די מומע דבורהן געפונען, װעלכע איז געקומען זען װי זי װעט אָנמעסטן איר חופּה קלײד, װאָס די שנײדערקע האָט איר איצט אָפּגעבראַכט. זי האָט די חופּה קלײד אָנגעמאָסטן, באַדאַנקט דער מומען פאַר אירע ברכות צו דער געלעגנהײט און נישט געלאָזט מערקן װאָס אין איר האַרצן איז אין דער צײט פאָרגעקומען.

— נו, שװעגערין! — האָט חײעלע צו דבורהן געזאָגט, — בין איך נישט קלוגער פאַר אײך אַלײן? װער איז גערעכט? װײסט כאָטש, אַז אַ מאַמע קען איר אײגן קינד בעסער פאַר אַן אַנדערן. אַזױ זאָל איך גײן אין אַלדאָס גוטס, װי זי װעט, אם ירצה השם, מאָרגן צו דער חופּה גײן מיט איר אײגענעם װילן!״

— נישט אומזיסט זאָגן די מאַנסלײט, אַז װײבער האָבן צען

דעות אין איין טאָג! — האָט דבורה געענטפערט און איז אַהיים אַוועקגעלאָפן אָנזאָגן איר אַלטן.

ר׳ שלמה האָט דבורהן אויך אַ גוטע בשורה אָנגעזאָגט: ער האָט ערשט דערהאַלטן אַ דעפּעשע, ער זאָל צוגרייטן חדרים פאַר ר׳ זלמנקע דעם רבינס, זאָל לעבן, און פאַר ר׳ פנחסלען, וועלכע זענען אַרויסגעפאָרן אויף דער חתונה אַהערצו.

— דו וועסט זען, דבורה, — האָט ער געזאָגט זייער גערירט פון דעם כבוד, וואס ר׳ זלמנקע דעם רבינס וועט ביי אים סטאַנציע האַלטן, — דו וועסט זען, מיר וועלן נאָך פאַר אונדזער צער פיל נחת האָבן פון רחלען! געוואַלד, אונדזער רבי, זאָל לעבן, ווייס וואָס ער טוט!״

חייעלע האט באַזונדער דערהאַלטן אַ דעפּעשע, זי זאָל אָנגרייטן אַ צימער פאַר גיטעלן, און כאָטש זי האָט זיך שוין פריער געריכט אויף איר, נאָר איצט איז זי שוין געווען זיכער, אז גיטעלע וועט קומען, האט זי פון דאָסגיי אָנגעהייבן קאָמאַנדעווען, מען זאָל אַ פּאָר צימערן צוגרייטן און האָט אַליין אויך גענוג צוגעהאָרעוועט, די קינדער האָט מען היינט פריער געלייגט שלאָפן און אליין אויך פריער ווי געוועגלעך געלייגט זיך אין בעט, זי זאָל קענען אויפשטיין פריער און זיין דערביי, בעת די פישער וועלן ברענגען די פיש און דערנאָך קענען גיטעלן מקבל־פנים זיין אַן אויסגערוטע, אַ צוגעגרייטע, גאָרנישט ווי אַ מחותנתטע אין דעם טאָג פון אַ קינדס חתונה.

רחלע האָט דעם גאַנצן טאָג נאָר גלייכגילטיגקייט באַוויזן, קיינער האט נישט געוווסט ווי לאַנג איר איז דער טאָג געווען און ווי גערן זי וואָלט שוין געוואָלט עס זאָל ווערן נאַכט. אַז אַלע האָבן שוין געשלאָפן, איז זי שטיל אַריין צו פייגען. פייגע האָט אויך געשלאָפן.

— שטייט אויף, פייגע טייערע! — האָט זי אויך אין שטיל אויסגערעדט. — געזעגנען זיך מיט אייך, איינציקער, בין איך געקומען...

— אָך, רחלע! — האָט פייגע, זיך אויפכאַפּנדיק, אויסגעזיפצט. — גוט וואָס דו ביזט געקומען!

— פייגע, וווהין זאָל איך איצט גיין? מיר בלייבט נאָר איין וועג פון בריק אין וואַסער... ביי די רייד האָט זי שרעקלעך געוויינט.

— ווייַן נישט, מיין קינד, — האָט פייגע געטרייסט, — גאָט איז מיט אונדז, ער ווייזט אונדז נסים גרויסע: איך האָב מיר דעם

גאַנצן טאָג דעם קאָפּ געבראָכן, ווו פאַר דיר אַ זיכערן אָרט צו געפינען און האָב פון שוואַכקייט נישט געפילט, ווי איך בין אין אַ זיסן שלאָף אַריינגעפאַלן. און וואָס פאַר חלומות מיר האָבן זיך אָנגעפלונטערט, געדענק איך גאָרנישט דיר איבערצודערציילן; נאָר איך געדענק, אז איך האָב דיין זיידן, ר׳ אברהמן געזען. ער האָט דיך פאָרן האַנט געפירט און צוגעפירט צו אַ שטיבעלע. פון שטיבעלע איז אַרויסגעגאַנגען שרהלע די אלמנה מיט אַ קאָשיק פוטערזעמעלעך, ער האָט פון קאָשיק אַרויסגענומען צוויי זעמעלעך און דיר דערלאַנגט. —„עס דו איינס, מיין טאָכטער״,—האָט ער געזאָגט, און באַהאַלט דאָס אַנדערע פאַר משהלען, ער וועט באַלד פון חדר קומען, מיין טייער קינד!״ אין דער מינוט האָסטו מיך אויפגעוועקט. דאס איז אן אמתער חלום, מיין קינד! דער זיידע איז מיר געקומען אָנזאָגן, דו זאָלסט זיך באַהאַלטן ביי שרהלען. ער האָט דיך געטרייסט, אז דיין משהלע וועט באַלד צו דיר קומען. הערסטו, גיי צו שרהלען, דו האָסט איר פיל טובות געטון, זי וועט דיך ווי דאָס אויג פון קאָפּ אפּהיטן. האָב קיין מורא נישט, זכות אבות באַגלייט דיך אין דיין וועג! נאָר איידער דו גייסט אוועק פון מיר, מוז איך דיך נאָך עפּעס בעטן און דו זאלסט עס מיר צו זאגן. זיי וויסן, מיין טאָכטער, אז נישט לאנג נאך וועל איך מיך מוטשן דאָ אויף מיין קראנקער בעט. איך פיל: מיין טאג איז אריבער, די פינצטערע לאַנגע נאכט רוקט זיך אָן און אַ קליין ווינטעלע וועט דעם לעצטן פונק, וואס ברענט נאך אין מיר, באלד אין גאנצן אויסלעשן... רחלע, איך וויל דו זאלסט נאך ביי מיין לעצטער שעה דאָ זיין. איך האב קיין נענטערע און קיין ליבערע פאַר דיר, וואס זאל מיר העלפן מיינע אויגן צומאכן, אויף אייביק דיך שוין נישט מער צו זען. גיב מיר דיין ערלעך ווארט, מיין כשר קינד, אז דו וועסט פון שרהלעס שטיבעלע ערגעץ נישט אוועקפאָרן פריער, ביז איך וועל דיך הייסן פאָרן, און אז איך וועל דיך שיקן רופן אין דער גוטער מינוט מיט מיר ווידוי צו זאָגן, זאָלסטו קומען און נאָך מיין טויט נאָך מיר אַ ליכטעל אָנצינדן און דינגען אַן ערלעכן יידן, וואָס זאָל נאָך מיר קדיש זאָגן. איך גיב דיר עטלעכע רובל, נאַ, נעם זיי, כשר פאַרהאָרעוועט געלט... פאַר דעם זאָלסטו מיר קויפן תכריכים, פאַר אַ קבר אויפן גוטן אָרט באַצאָלן... וועט נאָך עפּעס בלייבן, זאָלסטו צוטיילן צדקה ווו דו וועסט זען, אז עס איז אַ צדקה. אַזוי אז דו וועסט טון, וועל איך שטאַרבן אַ צופרידענע... איך האָב

מיין ווערטל גאַנץ שיין אויסגעפּירט און ליג אין קבר, הלילה, נישט אין פּרעמדע תכריכים... אָ, מיין קינד, בעסערס האָב איך מיר אין מיין לעבן נישט געווונטשן!

— איך וועל אָן אייער ווימן ערגעץ נישט גיין, פייגע! — האָט רחלע אַ ווייבעדיקע פאַרשפּראָכן, — נאָר לעבט און זייט געזונט! אָ, ווי עלנט וועל איך אָן אייך זיין!.. פאַרגעסט מיך נישט, פייגע. איך וועל גאָט בעטן ער זאָל אייך נאָך יאָרן געבן! זאָגט קיינעם נישט ווו איך וועל זיין!

— זאָרג נישט, מיין קינד, קיינער, אויסער מיר, וועט דיין אָרט נישט וויסן! כל זמן איך וועל נישט שיקן נאָך דיר, מעגסטו רויק זיצן... אפשר וועט נאָך גאָט, ברוך הוא, חסד טון און מיך אויפהייבן פון מיין בעט, איך זאָל מיט דיר צוזאַמען צו משהלעס מוטער פאָרן!

זיי האָבן זיך ביידע גוט אויסגעוויינט און רחלע איז צוריק אין שטוב אריין. אלע האָבן דאָ רויק געשלאָפן, זי האָט נאָך אַ קליין צעטעלע אָנגעשריבן און באַהאלטן אונטערן לאָמפּ. גענומען איר פּאטערס זייגערל און עטלעכע רובל געלט, איז זי שטיל מיט הארץ קלאַפּן אריין צו די קינדער אין צימער, זיי שלאָפנדיקע גוט אָנגעקושט און זיך גוט אויסגעוויינט.

—„זיי מיר מוחל, פאטער,—האט זי אין זיך גערעדט, — זיי מיר מוחל, פאָטער, טאָמער וועט ווער דיין ליבן נאָמען צו שאַנד דערמאנען, וואס דו האָסט אויף דער וועלט אַזא שלעכטע יידישע טאָכטער געלאָזן! פאַרציי אויך דו, זיידע געטרייער. שטיי מיר ביי אין מיין נויט, בעט גאָט פאַר מיר, ער זאָל מיר געבן כוח מיין קלעמונג און צער אַריבערצוטראָגן... זייט געזונט, אָרעמע יתומימלעך, ביי אייך בלייבט מיין האַרץ, מיין לעבן... אָ, זייט מיר געזונט, עלנטע ברידערלעך, אומגליקלעכע שוועסטערל!..

מיט די רייד האָט זי זיך אַ ריס געטון פון צימער אַרויס און דערביי אָבער געפילט אַזא ווייטיק, ווי זי וואָלט דאָס גאַנצע האַרץ פון זיך אַרויסגעריסן. ביי דער טיר איז זי שיער אין חלשות געבליבן, אזוי האָט איר דאָס האַרץ געקלעמט און זי איז גוטע צען מינוט געשטאַנען, דעם קאָפּ צו דער וואַנט אָנגעשפּאַרט, ביז זי איז צו זיך געקומען. שטיל, ווי אַ גנב, איז זי אַ פאַרהילטע און איינגעוויקלטע דורכגעגאַנגען דעם לאַנגען קאָרידאָר, ביז זי איז אַריין אין סאָד. פון

דאַגען איז זי מיט אַ הינטער טירל אין אַ שטיל געסל אַרויס און זיך געלאָזט לויפן צום טייך, ווו שרהלע האָט געוווינט.

שטיל און טיף פאַרשלאָפן איז נאָך דאס גאַנצע שטעטל געווען, נאָר איר האָט געדאַכט, אז טויזנט אויגן קוקן אויף איר און זעען, ווי זי לויפט. זי האָט איר געזיכט נאָכמער פאַרוויקלט, מען זאָל זי נישט דערקענען. פון אַ בוידעם ערגעץ האט אַ האָן אַ קריי געטון, נאָר זי האָט אין דעם קול איר ברודערל מאָטעלס וויינענדיק געשריי געהערט, און אזוי קלאָר און דייטלעך געהערט, אַז אפילו זיין בעטן זיך האָט זיך צוגעטראָגן צו איר אויער:

— „נישט אנטלויף, רחלע, האב מיך נישט פיינט. לויף נישט אזוי גיך, איך האָב שוין קיין אָטעם נישט נאָכלויפנדיק!"

— „גיי צוריק אַהיים, אָרעם קינד!" — ענטפערן אירע ליפּן און דאָס האַרץ צעגייט אין איר—. דעם קינדס געוויין הערט אָבער נישט אויף און רייסט איר הארץ אין שטיקער. זי וויל זיך אומקערן און האט מורא. פון פאָרנט, זעט זי, איז קיינער נישטאָ, נאר הינטער איר יאָגן זיך אפשר די גאנצע שטאט מענטשן און מאָטעלע וויינט נאך און כליפּעט שוין.

— „ניין, איך קאן נישט ווייטער!" — האט זי אויסגערעדט און איז אין מיטן לויפן שטיין געבליבן, זיך צוגעהערט: צי וויינט עס טאקע מאטעלע, צי דאכט זיך איר נאר אזוי.

— „ניין, איך האב דאס קינד געלאָזן שלאפן רויק אין זיין בעטעלע, מיין רחמנות אויף דעם יתומל שרייט עס אין מיין אייגענעם האַרצן. עס איז שטיל, שטיל... שלאף, מאטעלע, שלאפט, אָרעמע יתומימלעך, וואס קאן איך אייך העלפן?"

און זי איז ווייטער געלאָפן, נאר לויפנדיק האט זי ווידער געהערט, ווי מאטעלע וויינט און בעט זיך נאך רירנדיקער ווי פריער:

— „איך וויל נישט, רחלע, אָ, איך וויל נישט צום נייען טאַטן פארן!.. האב רחמנות, נעם מיך מיט, רחלע!"

— „מיטנעמען דיך קאן איך נישט, אָרעם ברודערל!" — ענטפערט איר צעריסן הארץ. — „לויף מיט דיינע יונגע שוואכע פיסעלעך, ראַטעווע זיך, מאטעלע, דיין נייער טאַטע יאגט אונדזביידן!"...

און זי לויפט ווייטער, ווייטער... אויף להכעיס האבן זיך די שטילע געסלעך אזוי לאנג אויסגעצויגן און זי זעט שרהלעס שטיבעלע העט ווייט, ווייט, און זי פילט שוין דאס הארץ נישט מער אין זיך,

די פיס זענען שווער געוואָרן ווי בליי און דער אָטעם ענדיקט זיך. אָט, אָט, זי פאַלט אין חלשות.

— „זיידע טייערער!“ — האט זי אין זיך געשריגן, — שטיץ דיין קינד, וואס אנטלויפט פון דיין הויז! כּוח גיב מיר, לאָז מיך נישט פאַלן אין די הענט פון די, וואס יאגן זיך נאך מיר! אָ, ווי מיד בין איך!

אַ שטראָם נייע כּוחות האבן זיך אַ גאס געטון אין אלע אירע גלידער און זי לויפט אָן אן אטעם ווייטער, ווייטער... נאך אַ פּאָר טריט און אט איז זי שוין ביי שרהלעס שטיבעלע. דא האט זי זיך אפּגעשטעלט און געהאַרכט. זי האט געהערט, ווי שרהלע נעמט האַלץ אין פּאָרהויז, געוויס דעם אויוון שוין איינצוהייצן. זי האט די קליאַמקע פון טיר אנגענומען, נאר די טיר האט זיך נישט געעפנט. לאַנגזאַם און שטיל האט זי אנגעקלאַפּט.

— „כּטא טאַם?“ — האט זיך אַ קול פון אינווייניק אפּגערופן.

זי וויל זאגן: „עפנט, שרהלע!“ אבער די צונג אין גומען איז איר פון לויפן אזוי אויסגעטריקנט געווארן און מיט דער גאַנצער אנשטרענגונג קאָן זי קיין איינציק ווארט נישט אויסרעדן, די הענט ציטערן, נאר זי האט נאך כּוח געהאט און נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ געטון. שרהלע האט אַ ביסל די טיר געעפנט, אַ קוק געטון, ווער דא קלאַפּט. אז זי האט אבער אַ פאַרוויקלט טויט פּנים פאר זיך דערזען האט זי זיך דערשראָקן און געוואלט די טיר צוריק צומאַכן.

— „ראַטעוועט מיך, שרהלע!“ — האט רחלע מיט אַ פאַרצווייפלונג אַרויסגעשריגן — און אין דער רגע איז זי שוין געלעגן אין חלשות אין שרהלעס אָרעם. שרהלע האט זי מיט וואסער אפּגעשפּריצט, מיט אַ ביסל עסיג די שלייפן איינגעריבן, און געגלעט איר די האַנט, וועלכע זי האט מיט עסיג באַגאָסן. רחלע איז צו זיך געקומען.

— „וואס איז דיר געשען, רחלע?“ — האט שרהלע מיט אנגסט אויסגעשריגן, — ווי איז מיר, ווינד איז מיר, אַ כּלה אין דער נאכט פאר איר חופּה!“ — זי האט געמיינט אז מיט איר האט עפּעס נישט באַטירלעכעס געטראָפן.

— שרעקט אייך נישט, — האט רחלע זייער שוואַך אויסגערעדט, — באַהאַלט מיך, שרהלע, ראַטעוועט מיין לעבן פון אומגליק! האט איר ערגעץ אַ קעלער, א גרוב א פינצטערע, באַגראָבט מיך א לעבעדיקע...

נאָר זאגט קיינעם נישט, ווו איך בין! שפּעטער וועט איר אַלץ וויסן און אַ בדירה האָבן צו טון מיט מיר חסד, צי נישט; נאָר איצט לאָזט מיך נישט שטאַרבן אויפן גאַס: צוריק אַהיים וועל איך נישט גיין און ווייטער לויפן קאָן איך מער נישט!

שרהלע האָט מער נישט איבערגעפרעגט. זי האָט זי כמעט אויף זיך אין שטיבעלע אַריינגעטראָגן. די לאָדנס זענען נאָך צוגעמאַכט געווען און אין דער פינצטער האט זי רחלען אויף איר בעט אַוועקגעלייגט, פאַנאַנדער געשפּילעט אירע קליידער און נישט אויפגעהערט צו רייבן אירע הענט און צו קושן זי. רחלע איז ווי אַ פאַרשטיינערטע געלעגן. שרהלע האָט געוויינט קוקנדיק ווי דאָס שיינע קינד פּייניגט זיך און לאַדט גרויסע יסורים, ענדלעך האָט זיך אַ קוואַל טרערן געעפנט אין רחלעס אויגן און זי האָט שטיל און ביטערלעך געוויינט.

— איצט איז מיר גרינגער, אַך שרהלע, ווי גרויס איז אייער חסד מיט מיר! — האָט זי געזאָגט.—פון מיין אייגן היים און אייגענער מוטער בין איך אַנטלאָפן און צו אייך זיך באַהאַלטן געקומען. נעמט מיך צו, באַהאַלט מיך. ניין, איר ווילט נישט, איך זאָל פון בריק אין וואַסער לויפן!

— זיי רויק, רחלע! איך ווייס, איך פאַרשטיי שוין אַלץ. — האָט שרהלע געענטפערט, — פייגע האָט מיר נאָך לאַנג געזאָגט, אז עס וועט ביי דיר קיין חתונה נישט זיין מיט דעם חתן, וועלכן דיין מאַמע האָט פאַר דיר אויסגעקליבן. אין שטעטל האָט מען אויך פיל זיך אָנגערעדט. גאָר ליידיקע מיילער, וואס דען האָבן זיי צו טון, אז נישט יענעמס דאגה צו פאַרדאגהן?

— איך האָב אפילו מורא פאַר דיין מאַמען און זי וועט זיין גערעכט וואָס זי וועט מיר נישט טון; אָבער איך בין דיר מער שולדיק ווי מיין לעבן! דו האָסט מיר דאָס לעבן דערהאַלטן און נישט איינמאָל מיך און מיין קינד פון בויט געראַטעוועט, פאַרוואָס זאָל איך דיר נישט אָפּדינען אין דיין נויט? האָב קיין מורא נישט, ווי אונדזער מוטער יוכבד האָט איר טייער קינד באַהאַלטן פון דער גזרה פון מצרים, ווען מען האָט יידישע קינדער לעבעדיקע אין טייך אַריינגעוואָרפן, אַזוי וועל איך דיך באַהאַלטן און ווי דאס אויג פון מיין קאָפּ דיך אָפּהיטן, און אזוי ווי משה רבינו האָט זיין מאַמעס פיער ווינקעלעך ליכטיק געמאַכט, אזוי וועסטו מיין אָרעם שטיבעלע ליכטי

מאַכן ווי לאַנג דו וועסט נאָר וועלן זיין ביי אונדז... נעם זיך נאָר נישט צום האַרצן, אזוי גיך זאָל איך אויפגעריכט ווערן ווי גיך דו וועסט צוריק גליקלעך זיין און אין פריידן דאָס אַלץ דערציילן!

רחלע האָט געכליפּעט און שרהלעס האַנט נישט אַרויסגעלאָזן.

— לאָז מיך, רחלע, — האָט שרהלע געבעטן, — איך וועל מיין מאַמען אויפוועקן, מיר וועלן פאַר דיר אַ חדרל צופּוצן... האָב קיין מורא נישט פאַר מיין מוטער. זי ווייס וויפל איך בין דיר שולדיק.ביידע וועלן מיר זיין דיינע שומרים, ווי לאַנג דו וועסט אונדזער היטן נאָך דאַרפן...

איר צו באַרויקן, האָט שרהלע זי אויפן בוידעם דערווייל אַרויפגעפירט, אויפגעוועקט די מוטער אירע, איר אַלץ דערציילט און נאָך איידער די זון איז ארויס, האָבן די ביידע פרויען אַ הינטער חדרל, וווּ זיי האָבן שטענדיק זייערע דייזעס און מולטערס געהאַלטן — צוגעקליבן, אַ ריין בעטעלע צוגעפּוצט און רחלען אין איר זיכער אָרט אַריינגעפירט. פון זיכערקייט וועגן האָבן זיי די טיר פון זייער חדר, וואָס פירט אין דעם צימערל אַריין, פאַרשטעלט מיט מולטערס און דעם אַריינגאַנג צו איר געמאַכט פון צווישן אויוון, ווו זיי האָבן אַ ברעט פון שייד־ווענטל אויפגעריסן. אויך די לאָדן האָבן זיי מיט אַ ברעט פאַרשלאָגן און רחלע האָט שוין מער די ליכטיקע שיין נישט געזען.

י״א.

חייעלע האָט רויק געשלאָפן ביז נאָך האַלבער נאַכט. נאָר פיער אַ זייגער האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, איר האָט זיך געדאכט, אז זי האָט טריט געהערט און ווער קען עס אזוי שפּעט אומגיין?

— „ווער איז דאָרט?“ — האָט זי געפרעגט.

אָבער אזוי ווי קיינער האט זיך נישט אָפּגערופן, האָט זי געמיינט צוריק אנגעלאָפן צו ווערן. נישטאָ אָבער אַזא להכעיסניק ווי דער שלאָף: ווייל מען זיך פון אים באַפרייען און וואַך זיין, וואַרפט ער זיך אָן ווי אַ שווערע לאַסט אויף אונדז, פאַרקלעפּט די אויגן, פייניגט אונדז, ביז מיר גיבן זיך אים איבער, — זוכט מען אים און

מען וויל גערן זיך אין זיינע אָרעמס וואַרפן — אנטלויפט ער פון אונדז און אומזיסט איז אונדזער וואַרטן און בענקען נאָך אים. חייעלע האָט נאָך גערן געוואָלט שלאָפן אַ פּאָר שעה; אָבער עס שלאָפט זיך נישט און די געדאַנקען מישן זיך, נאר פון אלע געדאנקען שרעקט זי זיך נישט אזוי, ווי פאר דעם געדאַנק פון דעם קומענדיקן טאָג. „ווי ווילט זיך מיר שוין מיט איין טאג עלטער זיין!" האט זי אזוי ליגנדיק פאַר זיך איבערגערעדט. „אַ בארג אַ גאנצער וואָלט מיר פון מיינע פּלייצעס אַראָפּ! ווי דערלעב איך, ער זאל איר שוין דאס פינגערל אָנטון! ווער וועט צו מיר זיין גלייך! איך וואָלט ערשט וויסן, אז איך לעב און מעג לעבן אויף דער וועלט! נאר איצט איז מיר נאָך דער קאָפּ אַראָפּגענומען און איך ווייס גאָרנישט, ווי וועל איך יוצא זיין פאר גיטעלען דער רבינס, איר צו צונעמען מיט כבוד, ווי זי האָט מיך מיט כבוד צוגענומען, אז איך בין ביי איר אַ גאסט געווען? עס איז אָבער קיין תירוץ נישט. איך מוז פאַר גיטעלען מאַכן פּאַראד, כאָטש כּוחות אַוועקלייגן, אַבי זי זאָל צעפרידן זיין. — זאל זי טאַקע וויסן, אז נאָך ביז מיין חופּה, אין אַ גוטער שעה, בין איך עפּעס אויך נישט געווען אַ בי ווער! זאל זי וויסן ווער חייעלע איז פון דער היים!" אין אזעלכע געדאנקען איז זי געלעגן און גע-הערט ווי דער זייגער האָט פיער און פינף געשלאָגן. האלב זעקס איז זי פון בעט אַראָפּ און באלד אין קיך אַריין, דאָ האט זי זיך גוט אָנגעשריגן, וואס די באדינטע און סארווער האבן גאָר קיין גאָט נישט אין הארצן און שלאָפן אין אַזא צייט, וואס יעדע מינוט איז טייער. זי האט אויך פייגען קיין גוטס נישט געווונטשן, וואס זי האט קיין אנדער צייט נישט געפונען ווען קראנק צו זיין, נאר איצט, צו איר רחלעס חתונה, בעת זי האט נישט אין קיך אַ טריי אויג און אכטונג צו געבן כאטש, און זי מוז אליין זיין אומעטום, אליין אלץ דער-מאנען. זי איז פונדעסטוועגן צו פייגען אין שטיבעלע אַריין אַ קוק טון: טאָמער וועט זי קענען זיך אַ כּוח אנטון און אראָפּקריכן פון בעט, כאָטש נישט העלפן טון, נאָר אכטונג געבן; אָבער פייגען איז היינט נאָך ערגער געווען און חייעלע האט אַ רחמנות געפילט דער אלטערס שמערצן און עלנט צוצוזען.

— איר פעלט מיר, פייגע! — האט זי באדויערלעך אויסגערעדט. — ווי אָן אַ האנט בין איך אָן אייך. זעט כאָטש, איר זאלט קענען צו דער חופּה זיין! אייער רחלע, פייגע! אייערע איז זי דאָך, איר האט

זי דאָך אַלס קינד בײַ מיר אָפּגעקויפט פאַר אכצן גראָשן. ווערט גע־זונט און בענטשט מײַן קינד צו איר חופּה אין א גוטער שעה!

— איך דאַנק אײַך, חייעלע! — האָט די קראַנקע מיט טרערן אין אירע אויגן אויסגעקרעכצט. — מײַן גאַנץ לעבן וואָלט איך אַוועק־שענקען פאַר דעם הײַנטיקן טאָג געזונט צו זײַן, איך זאָל קענען דינען מײַן רחלען, ווי איך וויל... נאָר וואָס העלפט אַ מענטשנס וועלן, ווען גאָט דער לעבעדיקער וויל נישט? אים בעט איך: זאָל ער איר בײַ־שטיין דעם הײַנטיקן טאָג און אַלעמאָל!..

אין דער צײַט האָבן די פישער לעבעדיקע קאַרפּן און העכט גע־בראַנגט און חייעלע איז אַרויסגעגאַנגען אָנזאָגן ווי עס אײַנצוטיילן, ווי עס צו קאָכן, מען זאָל נאָר נישט זשאַלעווען און שנײַדן גרויסע חלקים, עס זאָל זײַן שיין, און איז אין שטוב אַרײַן טיי טרינקען. איר האָט הנאה געטון וואָס רחלע שלאָפט נאָך און האָט געבעטן די סאַרווער נישט קלאַפּן און נישט רוישן.

— „מײַן כּלה, זאָל געזונט זײַן, שלאָפט נאָך, זאָל איר מזל וואַכן, רבונו של עולם!—האט זי צו טרײַנע דער חתונה־קעכן געזאָגט,— זי דאַרף, נעבעך, פאַסטן אַזא טאָג אַ יאָר, גאָט זאָל איר נאָר כּוחות געבן, מײַן פרום קינד!

טרײַנע האָט אַן עצה געגעבן, מען זאָל די חופּה שטעלן פריער און האָט פאַרזיכערט, אַז פון איר זײַט וועט קיין מניעה זײַן, אָבער חייעלע האָט דערקלערט, אַז מען קען נישט אויסרעכענען:

— „גאָט ווייס, ווען די טײַערע געסט, דעם רבינס קינדער, זאָלן לעבן, וועלן אָנקומען; אָן זיי וועט מען די חופּה געוויס נישט שטעלן".

אַז דער זייגער האָט שוין אַכט לאַנג אָפּגעשלאָגן און אין שטוב איז שוין אוממעגלעך געווען אײַנצוהאַלטן די שטילקייט, איז חייעלע זייער פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צו רחלעס טיר אַ קוק טון, טאָמער איז זי שוין וואך. זי האָט פאָרזיכטיק אַ ביסל די טיר געעפנט. דער פאָר־האַנג פאַר רחלעס בעט איז אַראָפּגעלאָזן געווען.

— „דו שלאָפסט נאָך, מײַן קרוין?" — האָט די מוטער שטיל געפרעגט.

עס איז קיין תשובה נישט געווען.

— „רחלע מײַן גאָלד", —האָט זי זייער צערטלעך נאָכאַמאָל געזאָגט,— שוין צײַט אפשר אויפצושטיין?

מען האט זיך ווידער נישט אָפּגערופן. חייעלע איז אין חדר אַריין. און אפילו אן אָטעמצוג פון אַ שלאָפנדיקער האָט זי דאָ אויך נישט געהערט. אַ בייזע מחשבה האָט זיך אומבאַוווסט אין איר האַרץ אַריינגעכאַפּט. מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי דעם פאָרהאַנג פאַנאַנדער־גענומען און אז זי האט די בעט אין אָרדענונג געפונען, אזוי ווי קיינער וואָלט זיך די נאכט גאָרנישט צוגערירט צו איר, האט זי מיט שרעק און אַנגסט אַ געשריי געטון:

— „נישט גוט איז מיר, אַ ווייטיק האָט מיך געטראָפן, געוואַלט, ראַטעוועט!“

מען איז אין צימער אריינגעלאָפן, חייעלען דערהאַלטן, זי זאָל נישט חלשן.

— וואָס איז געשען? וואָס האָט געטראָפן? — האָבן די מענטשן געפרעגט, נישט וויסנדיק די סיבה פון חייעלעס געשריי און שרעק.

—„מיין רחלע ווו איז?“—האָט זי געשריגן פון צימער אַרויס־לויפנדיק. — „ווו איז מיין כלה, מיין קינד, מיין קרוין פון מיין קאָפּ?“

די סומאַטאַכע איז גרויס געוואָרן, איינער האָט ביי דעם אנדערן געפרעגט און קיינער האָט נישט געוווסט וואס צו ענטפערן. מען איז באלד צו די קינדער אין צימער אַריין און מאָטעלע האָט דערציילט:

—„ביי נאכט איז רחלע נעבן מיין בעטל געשטאנען און זי האָט אזוי געוויינט, מאמע, אוי, איך האָב אזוי רחמנות געהאט, נאָר איך האָב אזוי געוואָלט שלאָפן און נישט געהערט וואס זי האט געזאָגט“.

מען איז געלאָפן אין סאָד זי זוכן, מען האט פייגען געפרעגט, נאר פייגע איז זייער קראנק געווען און האט געקרעכצט. מען האָט נאָר געהערט ווי זי רעדט צו זיך:

—„מיין רחלע איז מיט איר זיידן ר׳ אברהמן אַוועקגעגאַנגען, אין גאָטס וועג האט ער זי געפירט... נישקשה, ער וועט זי פון וועג נישט אַראָפּפירן!“

אַלע וואָס האָבן די דאָזיקע ווערטער געהערט, האָבן אָנגענומען, אז פייגע רעדט פון היץ און זי ווייס אליין נישט וואס זי זאגט. מען איז צום פעטער געלאָפן, טאמער איז זי ביי אים. חייעלע האט נאך געהאפט, אז זי איז געוויס ביי אים. נאר עס זענען קוים צען מינוט אַריבער, האט זי דערזען ווי ר׳ שלמה און זיין דבורה לויפן צע־שראָקענע. פון זייער לויפן און צעשראָקענעם אויסזען האט זי געמיינט, אז מיט איר קינד האט שוין געוויס די נאַכט אַ גרויס אומגליק גע־

שראפן און זי האט פון שרעק אנגעהייבן צו חלשן. אויף איר קוקנדיק האט זיך ר׳ שלמה נאכמער דערשראקן און האט געמיינט, אז חיילע ווייס שוין מסתמא, אז דאס אומגליק איז גרויס.

— „נישטא!? — האט ער מיט ציטער אויסגערעדט, — אך בין שולדיק! איך, איך! מיינע ווייסע האר האב איך מיט איר יונג בלוט אפגעפארבן!.. פון מיר וועט זי איר טאטע מאנען... דו, חיילע, ביזט א יידענע, אן איינגעשפארטע זאך, אט אזוי ווילסטו און קיינער טאר דיר קיין דעה זאגן; אבער איך, אלטער ייד, האב באדארפט קלוגער זיין און זיך צוהערן צו איר געוויין און בעטן זיך... נו, האבן מיר ביידע שיין אויסגעפירט, אט בין איך א מחותן... און נא דיר, מאמע, א חתונה!.. זי האט זיך א מיתה אנגעטון, דאס איז ביי מיר ברור כשמש!"

חיילע האט די הענט געבראכן און געוויינט, ר׳ שלמה האט ווי משוגע, די האר פון קאפ און פון בארד געריסן און ביי אלעמען, וואס האבן די דאזיקע שרעקלעכע סצענע צוגעזען, איז שוין זיכער געווען, אז רחלע האט זיך דאס לעבן גענומען. מען איז צום טייך גע־לאפן, און איין וואסערטרעגער האט דערציילט: אז גייענדיק מיט פולע עמער פון טייך, האט ער פיער א זייגער פארטאג געזען, ווי א פאר־וויקילטער מענטש האט זיך געלאזט לויפן צום טייך. דערנאך, אז ער איז צוריק מיט די ליידיקע עמער צום טייך געקומען, האט ער גע־זען, ווי א פויער האט פון ברעג צוגענומען א פעקל זאכן אין זיין וואגן אריין און גיך אוועקגעפארן. דעם וואסערטרעגער האט מען באלד צו חיילען געבראכט. אנפאנגס האט ער אויף קיין שלעכטס נישט געקלערט און האט דערציילט אפשר וואס ער האט טאקע גע־זען. אבער אז ער האט דערזען וואס פאר א יללה דא איז, האט ער מורא געהאט, מען זאל אים נישט שולדיק מאכן, אז ער האט געקענט ראטעווען און האט נישט געראטעוועט, און ער האט אנגעהייבן אפ־צולייקענען; אבער וואס מער ער האט געלייקנט, אלץ מער איז ביי אלעמען קלאר געווארן, אז ער ווייס און וויל נישט זאגן, און מען האט מיט גוטן און מיט בייזן פארלאנגט, ער זאל זאגן. אז מיט גוטן און מיט בייזן האט מען דאך פון אים מער א וואָרט נישט ארויס־באקומען, האט מען אים מיט געוואלט אנגעשיכורט, און שפעטערהייט האט ער דערציילט:

„איך האב געזען, ווי רחלע האט זיך געטרונקען איך האב די

געוואָלט ראַטעווען, נאָר ביז איך בין צום ברעג צוגעלאָפן, איז זי צום גרונט אַראָפּ".

הונדערטער מענטשן זענען נאָכגעלאָפן נאָך אים, בעת ער האָט געפירט ווייזן דעם אָרט, ווו רחלע האָט זיך דערטרונקען. מען האָט מיט שיפלעך און מיט לאַנגע שטעקנס דעם גאַנצן טייך דורכגעזוכט, אָבער אַלץ אומזיסט. מ׳האָט אויפן מאַרק ביי אַלע פויערים די וועגן באַזוכט, און קיין זכר פון דער דערטרונקענער נישט געפונען. ר׳ העניך האָט דאָס אומגליק דערהערט און איז מיט זיין ווייב און קינד געקומען צו לויפן און דאָס געוויין אין שטוב איז נאָך גרעסער געוואָרן. שימעלע האָט עס אין בית-המדרש דערהערט און איז אין מיטן דאַווענען געקומען צולויפן.

— „דאָס האַרץ זאָגט מיר", — האָט ער געזאָגט, — אַז רחלע לעבט, זי מוז לעבן און וועט לעבן! דער רבי, זאָל לעבן, וועט נישט זאָגן אַ זאַך, וואָס עס קען נישט זיין! עס איז נאָר אַן עוולה אַ גרויסע, וואָס מען האָט די גמרא פאַרגעסן, אַז מען דאַרף היטן אַ כלה אין די טעג פון דער חתונה... זאָל מען קלאַפּן אַ דעפּעשע צו אים, זאָל לעבן, זאָל ער טון. פאָלגט מיר, קלאַפּט שוין אַ טעלעגראַף!

שימעלעס טרייסט האָט דעם עולם אַ ביסל אויסגעצוכעט. יעדער האָט זיך געוואָלט טרייסטן. מען האָט באַלד טעלעגראַפירט. דער חתן אָבער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן. ער האָט געשוווירן, אַז אויב די כלה וועט זיך נישט געפינען, וועט ער זיך הענגען אָדער טרענקען. ער האָט זיך מיט פופציק רובל אַ מתנה אויסגערופן, ווער עס וועט אים ברענגען אַ ידיעה, אַז זיין כלה לעבט.

אין קיך האָט מען דאָס פייער אויסגעלאָשן און אין שטוב האָט מען קאַלטע טיכער הייעלען צום קאָפּ געלייגט. ר׳ שלמה איז ווי משוגע געזעסן, מיט קיינעם אַ וואָרט נישט גערעדט, ר׳ העניך מיט זיין ווייב און קינד זענען דעם גאַנצן טאָג דאָ געבליבן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געקאָכט, ווי אַ קעסל און קרובים און פרעמדע זענען אין שטוב און אַרום די שטוב געשטאַנען. מען האָט מיט אומגעדולט אָפּגעוואַרט די תשובה פון אים, זאָל לעבן. אַ ייגער איינס איז די תשובה אָנגעקומען:

„רבי טוט, טיילט צדקה, זוכט, איר וועט געפינען!"

די טעלעגראַמע האָט דעם עולם אַ נייע נשמה אַריינגעגעבן.

— „זעט איר, וואָס האָב איך אייך געזאָגט?" — האָט שמעון ווי

מיט נצחון גערעדט,—זי לעבט... דער רבי ווייס געוויס, אז זי לעבט, דערפאר הייסט ער זי זוכן.

— הלוואי זאלט איר אמת זאגן,— האט ר' שלמה מיט טרערן געענטפערט.—נאר ווו זוכט מען זי? מען האט אנגעהייבן זוכן אויף אלע ביידעמס און אין אלע קעלערן, מען האט ביי שכנים געזוכט, און אז מען האט ביי איר אין צימער אנגעהייבן איבערקוקן וועלכע פון אירע קליידער עס פעלן, האט מען אונטער איר לאמפ א בריוועלע געפונען:

„ליבע מוטער און ליבער פעטער

נישט זיך צו אנטשולדיקן, נאר אייך צו בארויקן שרייב איך איצט מיט א ציטערדיקע האנט די עטלעכע ווערטער! אן אנדערע אויף מיין ארט וואלט אפשר אנדערש געטון, נאר ווייל איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געהערט, אז א יידישע טאכטער זאל אין זיך אזוי פיל העזה, אדער מוט האבן, צו דער חופה נישט צו גיין, בעת כלי-זמר שפילן און דער חתן ווארט שוין דארט אויפן שולהויף אונטער דער חופה אויף איר— איז מיר נאר איין וועג געבליבן: נאך פריער איידער די כלי-זמר זענען געקומען — פון בריק אין וואסער צו לויפן. איך לייקן נישט, אז איך האב עס גערעכנט צו טון; אבער איצט, בעת איך שרייב די טרויעריקע ווערטער, האב איך פעסט באשלאסן צו לעבן. איך וויל לעבן און האף צו גאט, אז ער פארגינט מיר דאס לעבן. אויף אלץ, וואס איר האט געגן מיין ווילן געטון, קענט איר נאך חרטה האבן און פארריכטן, דעריבער טאר איך אויך געגן אייער ווילן אזא שריט נישט טון, וואס צו פארריכטן זאל שוין אוממעגלעך זיין... איך אנטלויף פון אייך צו ערגעץ א קרובה אין א פרעמדער שטאט אומזיסט וועט אייער זוכן זיין. איך ווייס, איר וועט פיל קרענקונג און צער האבן, אבער פארגעסט נישט, אז מיין צער איז גרעסער, און איך האב קיין אנדער ברירה געהאט. ביי גאט בעט איך: ער זאל אונדז אלעמען צוגלייך מוחל זיין. איך אנטלויף נישט אליין, זכות-אבות און דער טרייער ווילן פון מיין זיידן און זעליקן פאטער באגלייטן מיך. בעט גאט פאר מיר, עס בעט אויך פאר אייך גאט אייער אומגליקלעכע רחלע".

— צדיק ה' על כל הבא עלי! — האט ר' שלמה אויסגערעדט, אויפהייבנדיק די אויגן און הענט צו גאט. — אבי זי לעבט,

אַ ליבעדיקער מענטש האָט נאָך אַ האָפענונג. געלויבט ביזטו, מאריה דעלמא כלו!

— גאָט איז מיין עדות, — האָט חייעלע אַ וויינענדיקע פון איר זייט געזאָגט, — און זאָל די גאַנצע וועלט זאָגן, אויב מיין קינד איז ביז איצט נישט געווען אַ פרום קינד אַ בריליאַנט אַ קינד! איך זאָג אייך דעם אמת, מחותן, איך ווייס גאָרנישט איבער וועמענס זינד שטראָפט עס מיר אַזוי דער רבונו של עולם? איך בין געוויס נישט ערגער, חלילה, ווי אַלע מאַמעס און וואָס קיין יידישער טאָכטער איז נאָך נישט געשען האָט מיך באַגעגנט מיט מיין טייער קינד!.. וואָס זאָל איך לייקענען? אַלץ פון דער צייט וואָס זי איז אַ כלה געוואָרן... גאָט ווייס, וועמענס זינד מיין עלנט קינד האָט אויסצושטיין?..

ר׳ העניעך איז ביז איצט, ווי אַ פאַרשטיינערטער געשטאַנען, באַטש ער האָט דעם אינהאַלט פון בריוול נישט תופס געווען אינגאַנצן, האָט ער אָבער דאָס קלאָר געוווּסט, אַז די כלה איז נישטאָ, זי איז פון דער חופה אַנטלאָפן געוואָרן און דאָס אַליין איז אויך גענוג בזיון און קרענקונג. אַז ער האָט חייעלעס רייד דערהערט, האָט ער אַפילו ר׳ פנחסלס נביאות דערמאַנט. נאָר דאָס האַרץ זיינס איז דערפון נישט געטרייסט געוואָרן. ער האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין הייסן שפּאַנען די פערד; אָבער דער חתן האָט זיך אַרויסגעשטעלט.

— „ניין טאַטע, זיי נישט ברוגז!“ — האָט ער געזאָגט, — דאַנק גאָט וואָס זי לעבט, איך בין מיין צער און בזיון מקבל באהבה זי וועט נאָך חרטה האָבן. אפשר זענט איר גערעכט, מחותנתטע. זאָל עס אונדז אַלעמען זיין אַ אַפּקומעניש און לאָמיר גאָט דאַנקען, וואָס זי לעבט

זלע, וואָס זענען אין שטוב געווען, האָבן געוויינט. ר׳ העניעך איז אויך ווייכער געוואָרן און האָט געפרעגט:

— וואָס וועט איצט זיין? זאָלן מיר אַהיים פאָרן, אָדער זיצן דאָ און די בזיונות אַהיים נישט מיטפירן?

— וואָס קענען מיר אייך אין דער הייסער רגע ענטפערן? — האָט זיך חייעלע אָפּגערופן, ר׳ פנחסל וועט דאָך היינט זיין, גיטעלע דעם רבינס און איר ברודער ר׳ זלמנקע פאָרן דאָך אויך. — לאָמיר עלטער ווערן מיט אַ טאָג. מיר וועלן הערן, איר זעט דאָך ווי גרויס

אונדזער אומגליק איז. זעט בעסער, מען זאָל זי געפינען און אַהיים ברענגען.

בערעלע שפּאַק און נאָך אַ פּאָר מענטשן פון זאַוואָד האָבן זיך אויף אנגעזאָטלטע פערד געזעצט און זיך געלאָזן נאָכיאָגן די אַנט־לאָפענע אויף פאַרשידענע טראַקטן. עס איז ביי אַלעמען געווויס געזען, אַז מען וועט זי כאַפּן און ברענגען צוריק אַהיים. מען האָט שוין אָפּגעקלערט אַ פּלאַן ווי מיט גוטן און מיט טרייקייט זי צו . און אַפילו איר קאַפּריז נאָכצוגעבן: זאָל מען אָפּלייגן די חתונה אויף איין אַנדער טאָג. חייעלע האָט אַלץ געטענהט:

— פאַרוואָס קומט עס מיר? וואָס האָב איך איר אַזוינס געטון? האָט דען מיין מאַמע פון מיר אויך אַזעלכע צרות געהאַט? פון וואַנען האָט זיך צו מיין קינד אַזאַ העזה גענומען? סיידן איך בין שוין ביים רבונו של עולם גאָרנישט ווערט. ער [illegible]ז מיר באַצאָלן מיט אַ סך נחת פאַר דעם היינטיקן טאָג!

ר׳ שלמה אָבער האָט געזאָגט:

— דער גרעסטער נחת וועט זיין, אַז איך וועל זי זען, איך בענג שוין נאָך איר. זי איז נישט שולדיק, אויף נאמנות נישט שולדיק! זכות אבות דערלאָזן נאָך אפשר דאָרט דעם שידוך נישט, און נישט איר אייגענע דעה איז געווען צו אַנטלויפן. הלוואַי זאָל מען זי נאָר ברענגען, איך בין איר אַלץ מוחל!

—סיידן די חופּה אירע וועט איר מוחל זיין! —האָט זיך חייעלע אָפּגערופן, —מיר האָט זי אַ האַלב לעבן אָפּגעקירצט!

אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען צוגעפאָרן צוויי פאַרמאַכטע קאַרעטן. פון איינער איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ לאַקיי מיט אַ שפּיציקער באָרד, מיט לאַנגע פאות און נאָך לענגערע פּאָלעס און האָט ברייט די טיר פון דער קאַרעטע געעפנט, פון וועלכער עס איז אַרויס אַ דיקע, זייער שיינע פרוי, יידישלעך געקליידעט און איז באַלד אין שטוב אַריין. פון דער אַנדערער איז אַרויס ר׳ פּנחסל, נאָך אים ר׳ זלמנקע, און זענען אויך אין שטוב אַריין.

די ווייבער האָבן זיך הייס צעקושט, חייעלע האָט זיך זייער צעוויינט.

— וויינט נישט, חייעלע! האָט גיטעלע געטרייסט, — וואָס דען מיינט איר איז דער צער פון גידול בנים? אַ קונץ איז נאָר נחת צו

האָבן? מען מוז פאַר גוט אָננעמען אויך דעם צער וואָס מען האָט פון זיי און די אשה וואָס זינדיקט, חלילה, קייגן רבונו של עולם, אַז עס מאַכט זיך איר מיט איר קינד נישט אַזוי, ווי זי וויל, איז גאָרנישט ווערט קיין נחת צו דערלעבן פון קינדער!

— גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט! — האָט חייעלע געענטפערט און אָפּגעווישט אירע טרערן, וועלכע זענען נאָך אויף אירע ברעמען געהאַנגען. — איך האָב מיינע ליבע געסט אויף אַ שמחה גערופן, נאָר דער, וואָס לעבט אייביק, האָט מיין שמחה פאַרשטערט. איך בעט אייך, גיטעלע, זייט מיין ליבער טייערער גאַסט כאָטש אַזוי... שוין-זשע וועט גאָט קיין רחמנות נישט האָבן און מיין צער נישט צוזען?

גיטעלע האָט ווייטער געטרייסט און געשווירן, אַז נאָר אויף שמחות איז זי אַ הערצו געקומען.

— איר קענט גאַנץ רויק זיין, חייעלע, — האָט זי געזאָגט, — דער פּאָטער, זאָל לעבן, האָט אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן פאָרן חייעלעס שמחה באַשיינען... ער וואָלט אונדז נישט געהייסן פאָרן אויף אַ שמחה, אַז ער וואָלט געוווּסט, אַז איך שטייט פאַר, חלילה, אַ צער און אומגליק...

אַז חייעלע האָט זיך אַ ביסל באַרויקט האָט גיטעלע דערציילט:

— אין דער רויטער קרעטשמע האָבן מיר היינט געדאַוונט און האָבן געוואַרט, מסתמא וועט מען אַרויספאָרן אַנטקייגן. נאָר ר׳ פנחסל איז אומרויק געווען און האָט געהייסן, מען זאָל גאָרנישט וואַרטן און אַרייַנפאָרן אין שטאָט. מען האָט נאָך אָבער קיין צייט נישט געהאַט די פערד איינצושפּאַנען, איז אַ רייטער געקומען און די גוטע בשורה אונדז אָנגעזאָגט. גאָט האָט געמעגט אונדזער צער צוזען! איצט געלויבט איז ער, וואָס זי לעבט. געוואַלט חייעלע, מיר וועלן נאָך אין נחת דערציילן!

ר׳ פנחסל מיט ר׳ זלמנקען זענען אויך נישט געווען קיין זויערע געסט און האָבן אפילו די שטובּיקע מענטשן פריילעך געמאַכט. ר׳ שלמה איז שוין דערמיט אַליין געטרייסט געווען, וואָס רחלע לעבט.

— אָבי זי לעבט, „אַ לעבעדיקער הינט איז בעסער פאַר אַ טויטן לייב!“ — האָט ער אַלץ גערעדט פאַר זיך.

ר׳ פנחסל האָט רחלעס בריוועלע איבערגעלייענט און אַז ער

האט ביי יעדן שטוב-מענטשן און אויך ביי דער קראַנקער בייגעןן אויסגעפרעגט, וואָס האָט די אַנטלאָפענע אין די לעצטע טעג געטון און גערעדט, האָט ער פון פייגן אַזוי פיל פאַרשטאַנען, אז רחלע איז צו משהלעס מוטער אַוועקגעפאָרן. ער האָט תיכף טעלעגראַפירט, אז מען זאָל זי נישט האַלטן און אָפשיקן צוריק אַהיים; נאָר פון דאָרט איז אַ תשובה געווען, אז זי איז נאָך נישט אָנגעקומען. דער עולם האָט זיך איינגאַנצן באַרויקט. ר׳ הענעך אָבער איז שרעקלעך אַראָפּגעפאַלן ביי זיך.

יב.

רחלע האט דעם גאַנצן טאָג ביי שרהלען אין האַלב פינצטערן חדרל צוגעבראַכט. וואָס זי טראַכט, וואָס דאָ איז מיט איר? האָט זי כמעט אַליין נישט געוווסט. מיט יעדן קלאַפּ און שאָרך, וואָס דאָט זיך געהערט פון פאָדער-חדר האָט זי געפילט, אז עס רייכט זיך איר אפ אַ שטיק הארץ און דאָס אַליין איז אַ סימן אַז זי לעבט נאָך און איז נאָך אין פינצטערן קבר נישט באַגראָבן. שרהלע האָט אַלץ געטון, וואס אין אירע כוחות איז געווען, זי צו באַרויקן. איר טיי מיט פרישע זעמעלעך צוגעטראָגן, פאַר איר אַ פרישע הינער-זופּ אויסגעקאָכט, נאָר רחלע האָט איר באַדאַנקט און געבעטן איר היינט לאָזן צו רו. שרהלעס מוטער, וועלכע איז צו איר דרינגלעך צוגעשטאַנען, זי זאָל עפּעס געניסן, דאס הארץ צו שטאַרקן, האָט זי געזאָגט:

— טייערע רבקה, אז עס וואָלט היינט מיין חופה געווען, וואָלט איך באַדאַרפט פאַסטן, מיט וויפל דאַרף איך איצט מער פאַסטן, וואָס היינט וועט מיין חופה נישט זיין!.. ניין, היינט וועט שוין מיין חופה נישט זיין!..

די אַלטע האָט מער נישט געבעטן און האָט נאָר צוגעגרייט אַלץ אויף ביינאַכט זיך אָפּצופאַסטן, אָבער ביינאַכט האט שרהלע רחלען שוין אַ שלאָפנדיקע געפונען און די אַלטע האָט נישט דערלאָזן זי וועקן. ביידע פרויען האָבן די נאַכט געוואַכט, און פייער אויפן קיך האָט געברענט. זיצנדיק אַזוי אין זאָרג און צער, האָבן זיי באַקלערט ווי זיך ווייטער צו פירן, עס זאָל קיין חשד נישט פאַלן, אז רחלע געפינט זיך דאָ ביי זיי.

—איך האָב מורא, מאַמע, זי זאָל, חלילה, נישט קראַנק ווערן ביי אונדז, — האָט שרהלע זייער אַ באַזאָרגטע געזאָגט. — דערמאָן זיך נאָר, אַזאַ איידל קינד, ווי וועט זי דאָ אין אונדזער חדרל לעבן? איין וואַנט איז אינגאַנצן אויוון. איך האָב גאָר קיין האַרץ נישט דעם אויוון צו הייצן!

— דעם אויוון מוזטו הייצן, מיין טאָכטער! — האָט די אַלטע איינ־געוויזן, — וואָס וועט דער מילנער זאָגן? אים קומט שוין פּאָר אַ האַלב זעקל מעל, דירה־געלד מוז מען געבן און דעם רבין שכר לימוד דאַרף מען געבן. עס איז טאַקע אַן עלנט אויף איר, נישט פאַרגעס אָבער, אַז נישט פאַר נחת איז זי צו אונדז געקומען. גאָט גיט נישט נאָר די קעלט נאָך די קליידער נאָך, נאָר אויך די כּוחות נאָך דער היץ נאָך... אַ גרעסער פייער ברענט, נעבעך, אין איר יונגען האַרצן. הלוואי זאָל זי איר צער און קלעמונג קענען אַריבערטראָגן! פון אונ־דזער היץ וועט זי אינגיכן אויסגעלייזט ווערן. חוץ דעם טאָרן מיר קיין שום נייעס ביי אונדז נישט מאַכן. דו מוזט מיט דיין קאָשעק געבעקס אַריינגיין צו דיינע באַלעבאָסטעס, ווי אַלע טאָג, עס זאָל קיין חשד נישט פאַלן. זע נאָר, מיין טאָכטער, אַז דאָס קינד זאָל פון איר נישט וויסן. אַ קינד קען מיט איין וואָרט מער קאַליע מאַכן, ווי צען דערוואַקסענע קענען פאַרריכטן...

אַזוי רעדנדיק זענען די ביידע פרויען מיטן באַגינען זיצנדיקע אַנטשלאָפן געוואָרן. אַז רחלע האָט אין דערפרי די אויגן געעפנט, האָט זי כּמעט נישט געוווסט ווו זי איז. אַרום איר איז פינצטער געווען און די פרעסנדיקע לופט איז געווען נישט אויסצוהאַלטן.

— ווו בין איך? — האָט זי זיך געפרעגט.—איז דאָס נישט דער קבר מיינער, ווו מען האָט מיך אַ לעבעדיקע באַגראָבן? ניין! אַליין בין איך אַהער געקומען, דאָ איז מיר גוט, דאָ טראָג איך מיין ווייטיק שטיל אין מיין האַרצן. קיינער וועקט די ווונד נישט אויף, קיינער שיט קיין זאַלץ נישט אויף איר. און דו, גאָט אין הימל, זעסט מיינע ליידן אויך דאָ, זיי מיט מיר, פאַרלאָז מיך נישט!״

זי האָט זיך שרעקלעך פאַנאַנדערגעוויינט. שרהלע איז אַריינגע־קומען, רחלע איז איר אויפן האַלדז געפאַלן און ביידע האָבן פון דאָסניי געוויינט.

— ווי גוט איז מיר ביי אייך! —האָט זי געזאָגט — איר פילט, איר

פאַרשטייט מיך און איך בין נישט עלנט, נישט עלנט, שרהלע, אז איר העלפט מיר וויינען אויף מיין עלנט!..

די מוטער האָט דערוויל טיי אַריינגעטראָגן. רחלע האָט געמוזט אַ גלאָז טיי מיט מילך אויסטרינקען. די אַלטע האָט איר אויך אַ סידור צוגעטראָגן.

— טאָמער ווילסטו דאַווענען, דאַוון אָפּ מיין טאָכטער, דערווייל וועט פאַר דיר אַ פרישע זופּ פאַרטיק ווערן, — האט זי געזאָגט, — לאָז זיך נישט אָפּ... כּוחות, מיין טאָכטער, דאַרפסטו האָבן דיינע עגמת-נפש איבערצוקומען!

ביידע פרויען זענען אַרויסגעגאַנגען נאָכדעם, ווי זיי האָבן דאָס צימערל צוגעקליבן, אַ ביסל דאָס פענצטערל געעפנט און אַ קילע מאַרגנלופט האָט רחלען ניי באַלעבט. זי האָט דעם סידור געעפנט, אָבער דאַווענען האָט זי נישט געקענט, זי האָט יעדעס טייטש-וואָרט פון דאַווענען געוווּסט; נישט דאָס אָבער בעט איר האַרץ איצט.

— דו הערסט מיך, גאָט! דו זעסט מיין האַרץ; ענטפער מיר, גאָט אין הימל!" — האָט זי געבעטן און דעם סידור צוריק פאַרמאַכט.

די אַלטע האט איר אַ טעלער הינער-זופּ אַריינגעטראָגן.

— עס מיין טאָכטער! — האָט זי געבעטן, — פרישע זופּ, עס מעג דער מלכות עסן!

רחלע האָט איר צוליב געטון און גענומען אַ פּאָר לעפל צום מויל. אירע טרערן האָבן איר האַלדז אָבער פאַרוואָרגן און זי האָט קוים געקענט אַראָפּשלינגען. די אַלטע האָט פאַרלאַנגט, זי זאָל אויך דאָס שטיקעלע הוּן אויפעסן. רחלע האָט געפילט, אַז זי וועט זיך מיט יעדן ביסן מוזן ווערגן.

— איך קען נישט, טייערע רבקה! — האָט זי געבעטן, — דאָס האַרץ דריקט מיר, עס וועט מיר נישט וויל באַקומען.

נאָר די אַלטע האָט זי באַשווירן, אַז זי מוז עסן און זי האָט איבערגעוואַלט מיט אַנגסט געגעסן.

— זאָל דיר וויל באַקומען! — האָט זי איר צוגעווונטשן און זי אַליין געלאָזן.

פאַרנאַכט האָט איר שרהלע אַ גרוס געבראַכט פון פייגען, אַז זי בעסערט זיך און האָפט אינגיכן געזונט צו ווערן.

— וואָס מאַכן דאָרט די יתומימלעך? — האָט זי געפרעגט.

— אויף מיין קינד געזאָגט! — האָט שרהלע געענטפערט — זי

האָבן מיר די נייע מתּנות באַוויזן, וואָס ר׳ פּנחסל און גיטעלע דעם רבינס האָבן זיי געבראַכט. דאגה פאר זיך, מיין רחלע, גאָט דאגהט פאַר זיי, און זייער טאַטנס זכות זאָל זיין מיט זיי אייביק!

אויף דעם דריטן טאָג האָט רחלע מער נישט געוויינט, וויינינסטנס, האָבן די ביידע פרויען אירע טרערן נישט געזען, כאָטש זי ציט אַז איר לאַנג געוועזן און מיט וואָס זי אָפּצוקירצן האָט זי נישט געהאַט, זי האָט נאָר איין זאַך געטון: די מינוטן געציילט, דער טאָג זאָל אַריבער. זי האָט געזען וויפל די ביידע פרויען פלאָגן זיך פון אירעט־וועגן און ווי גערן זיי וואָלטן אַלץ געטון אירע ליידן דאָ צו פאַר־גרינגערן. זי האט אויך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט געפילט, וואס די אָרעמע אלמנה שרהלע האָט אויף זיך גענומען: אַ כּלה אין דעם טאָג פון דער חופּה צו באַהאלטן. דעריבער האט זי שטיל געליטן און זיך נישט באַקלאָגט, כאָטש זי האָט געפילט, אז די היץ טריקנט אירע לעצטע כּוחות אויס. — שרהלע האָט אירע געבעקץ אַריינגעטראָגן צו חייעלן, ווי אַלעמאָל און האָט איין קיך צוגעזען ווי סאַרווער און שמשים טראָגן ארויס אַ געריכט נאָך אַ געריכט און ווי דאָרט אין שטוב איז פריילעך: מען עסט, מען טרינקט, ר׳ זלמנקע דעם רבינס נעמט צו פּדיונות, ר׳ פּנחסל זאָגט תּורה, חייעלע פירט זיך אום מיט גיטעלען אַן אויסגעפּוצטע, אַ צעפרידענע און האָט אפשר גאָר אין זינען נישט אַ קלער צו טון וועגן איר גוט קינד, וואָס ליידט ביי איר אין דושנעם צימערל און דאס הארץ צעגייט שרהלען און זי פרעגט ביי גאָט קשיות: „פאַרוואָס טוט זיך דאס אזוי?“

— הערסטו, מאַמע,—האָט שרהלע קומנדיק אַמאָל צוריק פון חייעלען, צו איר מוטער געזאָגט.— עס איז אַ פאַלטשע וועלט, איך וואָלט עס גאָרנישט געגלויבט, אז איך וואָלט עס אַליין מיט מיינע אויגן נישט געזען. חייעלע האט מיך געהייסן צולאָזן צו ר׳ זלמנקע דעם רבינס. איך האָב געזאָגט, אז איך וויל ביי אים אַ ברכה בעטן אויף מיין פינצטערן מזל. מיינסטו, האט מיך זיין גבאי אַריינגעלאָזן אומזיסט? דרייסיק קאָפּיקעס האָב איך אים געמוזט געבן פאַר אַ קוויטל אויפשרייבן און צוואַנציק קאָפּיקעס ווידער ביי דער טיר פאַרן אַריינ־לאָזן. ר׳ זלמנקע, נישט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד, איז געווען שיכּורלעך, וואלט איך שווערן.

— ווייבל ווו איז דיין פּדיון?—איז זיין ערשטע שאלה געווען. איך האב געהאַט נאָך צוואַנציק קאפּיקעס און האָב אויפן טיש אַוועק־

געלייגט. מיינסטו האט ער נישט צוגענומען ? פון טויטע, פון לעבעדיקע, אַ בי גיב! — גיי אַהיים, גאָט וועט דיר העלפן! — האט ער געזאָגט. אַ דאנק אים! דאכט זיך, אז גאָט ברוך הוא איז נישט מחויב אַ שיכּורן יידן צו צוהערן; נאָר נאך נישט דאס וויל איך דיר זאגן. אַרויס־גייענדיק, האט דער גבאי, נישט ר׳ פנחסל, אזוי איינער — דאכט זיך וואס רעדט נאָר מיט גאָט — מיר אין אויער אַריינגערעדט אַ וואָרט, וואָס פּאַסט גיכער פאַר אַ סאָלדאט איידער פאַר אַ רבינס אַ גבאי... אַ פאַלטשע וועלט, אַ פאַרנארטע וועלט!..

— מיין טאכטער, — האט די מוטער געטרייסט, — אין דער וועלט זענען דאָ גוטע און שלאכטע און מען ווייס באמת נישט, ווו איז דאס גוטס און ווו איז דאס שלעכטס. זיי פונדעסטוועגן נישט קלוגער פון דער גאנצער וועלט. דו מיינסט, אז אַ מאנסביל רעדט שוין אויס אַ גראָב וואָרט, איז ער שוין אַ הולטיי, חלילה? מיר האט אמאָל אַ ייד אַ חסיד אַ תירוץ געזאָגט: דאס טון זיי, כדי צו קענען ברעכן דעם יצר-הרע. נישט זינדיק, מיין טאָכטער, מען טאָר אַ יידן נישט חושד זיין!

אזוי זענען אריבערגעגאנגען דריי טעג. רחלע האָט נאָר גע־וווּסט, אז די טייערע געסט זענען געקומען און זענען נאך נישט אוועקגעפאָרן; אָבער פון דער גדולה פון איר טאטנס הויז האט איר שרהלע אַן איינציק וואָרט נישט דערציילט. פרייטיק, פארנאכט, האט די אַלטע דריי ליכטלעך אריינגעטראגן. רחלע האט די ליכט אָנגע־צונדן און די ברכה געמאכט. די אַלטע האט די ליכטלעך באלד צוריק ארויסגעטראָגן. רחלע האָט זייער געוויינט, דעם ערשטן מאָל אין איר לעבן פרייטיקצונאכט אינדערפינצטער צו זיצן; נאר זי איז צעפרידן געווען ווייניקסטנס דערמיט, וואס די שבת געבענטשטע ליכט זען אירע טרערן נישט און וואס די גוטע פרויען זען נישט ווי זי וויינט. אַ ביסל שפּעטער האָט זי אין איר חדרל דערהערט, ווי שרהלעס יינגעל איז פון שול געקומען מיט אַ פריילעכן „גוט שבת!״ זי האט זיין זיס קולכל געהערט ווי ער האט „שלום עליכם״ געזונגען. ביז איצט האט די מוטער דאס קינד כמעט אין שטוב נישט אַריינגעלאָזן, אפילו עסן פלעגט זי אים געבן אין הויף אויף אַ באַנק און פלעגט אים שיקן שפּילן מיט זיינע חברים און ערשט שפּעט, אז מען פלעגט שוין דאס לעמפל אויסלעשן, פלעגט זי אים אין שטוב אַרייננעמען. נאר איצט, פרייטיקצונאכט, קען מען אויף אַ באנק אין הויף נישט עסן און דאס

קינד איז דער איינציקער מאַנסביל זייערער קידוש צו מאַכן. זי האָט אויך זיין קידוש געהערט און שטיל אמן געענטפערט. אז זיי האָבן די וויעטשערע אָפּגעגעסן, האָט די אַלטע געהייסן קריאת שמע לייענען און זיך שלאָפן לייגן.

— איך וויל נאָך נישט שלאָפן — האָט זיך דאָס קינד געבעטן, — איך וועל אייך, באָבע, דעם חומש פאַרטייטשן, וואָס איך האָב פון היינטיקער סדרה געלערנט. איך קען שוין מפטיר לייענען, אָט הערט, ווי איך לייען!

— אַבער די באָבע, וועלכע האָט איין איינעניקלס תורה שטענדיק מיט גליק און פאַרגניגן צוגעהערט, האָט איצט אפילו זיין מפטיר לייענען נישט געוואָלט צוהערן.

— מאָרגן, מאָרגן, מיין זון, — האָט זי געזאָגט, — איצט איז דיין מאַמע נישט געזונט, זעסטו, זי שלאָפט שוין!

שרהלע האָט זיך שלאָפנדיק געמאַכט, דאָס קינד האָט קריאת שמע אָפּגעלייענט, „אַ גוטע נאַכט“, געזאָגט און זיך שלאָפן געלייגט אויף דער ערד נעבן טיר. רחלע האָט זיין „גוטע נאַכט“ געהערט און אים „אַ גוט יאָר“ צוגעוווּנטשן שטילערהייט. אז דאָס קינד האָט שוין געשלאָפן האָט שרהלע רחלען אין איר אַל אַריינגעפירט און זי האָט געמוזט עסן פון די שבתדיקע געריכטן.

— גאָט צײלט, מיין קינד, דיין יעדן ביסן, וואָס דו עסט לכבוד שבת און ער וועט דיר פאַר איטלעכע אַ יאָר פול מיט פרייד און נחת באַצאָלן, — האָט די אַלטע געזאָגט.

ביז איצט פלעגט רחלע רויק שלאָפן; די נאַכט אַבער איז זי אויף איר בעט געלעגן און נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן פון דער היץ אין צימער. ליגנדיק אַזוי וואַך, האָט זי ערשט דערהערט דעם זיסן קאָנצערט פון גרילן און טאַראַקאַנעס, וועלכער האָט פון אַלע ווינקעלעך און שפּאַלטן די גאַנצע נאַכט נישט אויפגעהערט. אין איר צימער, אין איר היים האָט זי עס קיינמאָל נישט געהערט און זי האָט געמיינט איר ווערט אַ לאָך אין מוח דאָס הערנדיק. אַ צוגאָב דערצו האָבן די מייז זיך אַרויסגעלאָזן מיט אַ פּישטשעריי און איר אַנגסט און שרעק איז אַלץ גרעסער געוואָרן. זי האָט געוואָלט פון בעט אַראָפּ, שרהלען אויפוועקן און בעטן איבערשלאָפן די נאַכט אין זייער חדר; אַבער אין מיטן האָט זי זיך דערמאָנט, ווי מיד, ווי אַנגעהאַריוועט די ביידע פרויען זענען שלאָפן געפאַלן און האָט קיין האַרץ נישט געהאַט

זיי צו וועקן; אבער נאכמער האט זי מורא געהאט, טאמער וועלן זיי מערקן ווי שלאכט איר איז אין זייער צימערל. „זיי זענען אויך מענטשן פון בלוט און פלייש ווי איך און זענען צוגעוואוינט צו דער היץ ווי צו די גרילן, פאַרוואָס זאָל איך מיך נישט צוגעוויינען?" נאָר איר אויער איז פון דער דאָזיקער טרייסט נישט קלוגער געוואָרן און דאָס גרילצן האָט איר מוח געשפאָלטן. אז עס האָט צו באַגינען אָנגעהייבן, האָט זי שוין אַ דרעמל געטון, אָבער פלוצלונג האט זי אַ יאמערלעכן געוויין דערהערט פון אונטער איר פענצטער. זי האָט אנפאַנגס געמיינט, אז איר דאַכט זיך עס נאָר, באלד אָבער האָט זי זיך איבערצייגט, אז זי הערט עס ווירקלעך: עס וויינט אַ קינד.

— אָ, איך הער, מיר דאכט נישט, איך בין וואַך און איך הער. ווער וויינט עס דאָ אונטער מיין פענצטערל? וויינט עס נישט מאָטעלע, מיין ברודערל? יאָ, מאָטעלע, עס וויינט אויך דאס קליינע ברודערל יאָסעלע, אויך מירעלע, מיין עלנט שוועסטערל וויינט! ווער האָט אייך האַלבע נאַכט אַרויסגעטריבן, קינדערלעך? ווי האט איר געוווּסט צו מיר צו קומען, עלנטע יתומימלעך?! און וואָס ליג איך?"

זי האט זיך מיט שרעק אַ הייב געטון און איז צום פענצטערל צו. זי איז זיכער געווען, אז אירע ברידערלעך וויינען און קלאָגן עס אזוי. נאָר קוים האָט זי דאָס פענצטערל אָפּגעשפּאַרט זענען צוויי קעץ אַראָפּגעשפּרונגען און דאָס געוויין האָט אויפגעהערט. מיט אַ האַרץ קלאַפּן האָט זי זיך צוריק אַוועקגעלייגט, אָבער אַנטשלאָפן ווערן האָט זי שוין נישט געקענט. אז שרהלע מיט איר מוטער זענען שוין וואַך געווען, איז זי פאָרט אַנטשלאָפן געוואָרן; נאָר זי האָט נישט פיל געשלאָפן. שרהלע האט געהערט איר פאַרשטיקטן געשריי פון שלאָף און איז באַלד אַ צעשראָקענע אַריינגעלאָפן, איר די האנט פון האַרצן אַראָפּגענומען און זי אויפגעוועקט. אירע אויגן זענען איר איצט, פון געשטערטן שלאָף, ווי מיט זאמד אָנגעשאטן געווען.

— אַך, שרהלע! — האט זי אויסגערעדט מיט אַ שווערן זיפץ און איז איר באַשיצערין אויפן האַלדז געפאַלן.

— וואָס איז דיר רחלע? — האָט שרהלע געפרעגט, — דו האָסט די האַנט אויפן האַרצן געהאַלטן, דערפאר האָט זיך דיר געפוּנטערט נעוויס מי יודע וואָס.

— גאָרנישט, גאָרנישט! האט זי געענטפערט און ווי אַ קליין קינד, וואָס שרעקט זיך, האָט זי זיך צו איר נאַכמער צוגעטוליעט

„אָ, ראַטעוועט מיך אויך פון די הענט, וואָס יאָגן מיך, ווי איר האָט מיך איצט אין שלאָף פון פיין געראַטעוועט!“...

שרהלע האָט קיין האַרץ געהאַט זי אַליין צו לאָזן. רחלע האָט פּלוצלונג צוגעבויגן איר קאָפּ צום פענצטערל.

— הערט איר אויך ווי מיינע ברידערלעך וויינען? — האָט זי מיט אַן אנגסטפולער שטימע אויסגערעדט, — איך ווייס נישט וואָס מיר איז געשען, מיר דאַכט אַלץ, אַז איך הער אַ געוויין און דאָס האַרץ צעגייט מיר!..

די אַלטע איז אויך אַריינגעקומען און האָט געהייסן רחלען אויסשפּייען דריי־מאָל און דערמאָנען, אַז היינט איז שבת. ביידע פרויען זענען אַ גאַנצן טאָג נעבן איר געזעסן.

און דאָרט ביי חייעלען אין שטוב איז שוין לאַנג אַזאַ פריילעכער שבת נישט געווען, ווי דער שבת, וואָס ר׳ פּנחסל און ר׳ זלמנקע מיט גיטעלען זענען דאָ געסט געווען.

— פּע, עצבות! — האָט ר׳ זלמנקע אַליין חייעלען געזאָגט, אַז עס איז אַמאָל צוריידן געקומען וועגן דעם וואָס זי איז אומרויִק, וואָס זי ווייס נאָך קיין קלאָרע ידיעה נישט פון איר טייער קינד, — אַ ייד, אָדער אַ יידישע טאָכטער אפילו, וואָס האָט אַן אמתן בטחון אין דעם בורא ברוך הוא, פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ אפילו, ווען אים טרעפט אַן אומגליק, בפרט אַז מען ווייס נאָך נישט ברור, צי דאָס איז גאָר אַן אומגליק!

אויך ר׳ שלמהן האָט ער דערקלערט, פאַרוואָס מען טאָר נישט זיין אומעטיק.

— דער רבונו של עולם, — האָט ער געזאָגט, — איז דער מקור פון אַלדאָסגוטס, דער מקור פון ליכט און פון שמחה! קעגן דעם איז דאָ אַ סטרא אחרא, אַ שטן המשחית, דער מקור פון שלעכטס, פון פינצטערניש און פון עצבות. קומט אויף אַ מענטשן אַן אומגליק, חלילה, איז דאָס נאָר אַ מעשה שטן, זיין כוונה איז: צו ברענגען דעם מענטשן לידי עצבות, וואָרעם די עבודה פון שטן איז די עצבות, רחמנא לצלן. דעריבער, אַז מען איז אומעטיק איז גלייך ווי מען וואָלט ברענגען אַ קרבן צום שטן; אָבער מיר, ערלעכע יידן, וואָס מיר דינען דעם בורא ברוך הוא, מוזן מיר אים דינען נאָר בשמחה און פריילעך זיין אפילו אין אַן עת צרה! און טאַקע דאָס מיינט דער פסוק: „עבדו את ה׳ ביראה וגילו ברעדה“. עבדו את ה׳ ביראה, ווען זענט איר עובדים

מיראה: נישט אז איר פאַסט און וויינט, ניין, וגילו ברעדה: אז איר פרייט אייך אפילו ברעדה, אפילו בעת איר ציטערט פון שרעק. און דאס איז דער ענין פון תיקון ביי אונדז חסידים: מתקן צו זיין, וואס דער שטן מאַכט קאַליע אין אונדזער נשמה; מיר טרינקען יי״ש צו אַ קבורה אזוי ווי צו אַ ברית, צו אַ יאָרצייט אזוי ווי צו אַ שמחה, כדי להכעיס את השטן: ווארעם מיתה אויף דער וועלט האט גע־בראכט דער נחש הקדמוני, וואָס ער איז טאקע דער שטן; אָבער אז מיר זענען בשמחה אפילו אין דער צייט פון אן אומגליק, ווייזן מיר אים, אז מיר גלויבן אין אים נישט. „דו, שטן, האסט געמאכט מיר זאָלן שטארבן. אָבער דער בורא עולם בחסד איז מחיי מתים ברחמים רבים; דו, שטן, מאכסט, מיר זאָלן פאַלן, מיר זאָלן קראנק זיין; אונדזער בורא יתברך איז אָבער אַ סומך נופלים, אַ רופא חולים און מיר האָבן פאר דיר גאָר קיין מורא נישט! דעריבער מוזן מיר על כל צרה שלא תבא זיין פריילעך! לחיים, יידן, לאָמער פריילעך זיין!״

דער עולם האט די תורה געהערט און זיך פריילעך געמאכט. ר׳ שלמה האט זיך אויך געשטארקט און האָט זיך ווייניגסטנס פריילעך באַוויזן. גיטעלע האט אָנגעהייבן איינרעדן חייעלען, אז אזוי ווי אלץ איז שוין צוגעגרייט צו אַ שמחה, זאָל מען טאקע שטעלן חופה אין אַ גוטער שעה מיט ר׳ פנחסלען.

— ווי זאָל איך עס? ווי קען איך עס? גיטעלע, לעבן זאָלט איר! — האָט חייעלע מיט טרערן אין די אויגן געטענהט. — איך ווייס באך אפילו נישט, ווו מיין רחלע איז, ווי קען איך פאר זיך יוצא זיין חופה צו האָבן? וויי איז מיר, וואס וועט די וועלט זאָגן?

גיטעלע האט איבערגערעדט מיט ר׳ פנחסלען און אין דעמ־זעלבן טאָג האָט מען דערציילט, אז עס זענען מענטשן געקומען, וועלכע האָבן זיך מיט רחלען אין וועג באַגעגנט און זי האָט זיי גע־זאָגט, אז זי וועט קומען צו דער מוטער, בעת זי וועט שוין זיין אין ווינבאָגראָדקע. זי איז שוין מודה, אז זי איז אומגערעכט און שעמט זיך פשוט צוריק אין שטעטל די אויגן צו ווייזן. אָט די ידיעה האָט זיך אנפאנגס אין בית־המדרש געזאָוועט, פון בית־המדרש איז זי אַרויס אין מאַרק, פון מארק אין די קראָמען אַריין, און פון די קראָמען האָט מען זי צעטראָגן מיט טויזנט אַנדערע ליגנס, ביז זי איז צו חייעלען אָנגעקומען. קיינער האָט נישט געוווסט פון וואַנען שטאמט אייגנטלעך די דאָזיקע ידיעה; נאָר אלע האָבן געוווסט, אז איצט איז שוין רחלע אין

ווינאַגראָדקע און געפינט זיך אין רבינס הויף צווישן זיינע קינדער און אייניקלעך. גיטעלע האָט חייעלען אַ בריוו געוויזן פון איר שוועסטער, אין וועלכן זי שרייבט אויסדריקלעך, אַז חייעלע זאָל נישט וואַרגן, רחלע וועט קומען איר מחילה בעטן. אין דעמזעלבן בריוו איז אויך אַ געריס געווען צו ר׳ הענעכס ווייב, אַז זי מעג זיכער זיין, אַז איר קינדס כּלה איז, חלילה, נישט אַנטלאָפן מיט איר אייגענעם ווילן, אַ שטייגער, ווי עס אַנטלויפט אַ פּאַרשייט מיידל. רחלע איז אַן ערלעך קינד און געפינט זיך איצט צווישן ערלעכע מענטשן, וואָס דאַרפן די מליצים זיין דעם שידוך ערשט אויסצוגלייכן. דאָס בריוועלע האָט אַלעמען באַרויקט און מען האָט גאָט געדאַנקט.

ביז איצט איז מען נאָך מיט ר׳ הענעכן נישט פאַרטיק געווען: ער האָט אָפן געזאָגט: אַז ער וועט איין קאָפּיקע נישט שענקען פון דעם קנס, וואָס איז אין די תּנאים איינגעשריבן. פּנחסלען האָט מי געקאָסט אים צו באַווייזן, אַז נישט חייעלע איז די מְשֻנֶּה, נאָר ער, וויל חייעלע זאָגט נישט, חלילה, אַז זי וויל די תּנאים אָפּלאָזן. אדרבא, דער מְשֻנֶּה וויל ער גאָר זיין, איז טאַקע מער יושר, אַז ער זאָל צאָלן קנס; נאָר ר׳ הענעכן זענען ר׳ פּנחסלס רייד היינטיקס מאָל אין קאָפּ נישט געקראָכן. ער האָט צייטנווייז אָנגעהייבן קלערן: צי איז נישט ר׳ פּנחסל קלוגער, ווי פרימער?—„בוודאי דאַרף ער איצט האַלטן חייעלעס צד מער ווי מיין צד!"—האָט ער געקלערט „סיידן דער רבי זאָל לעבן, אַליין וועט דעם יושר זאָגן". מיט דעם באַשלוס האָט ער זיין ווייב און קינד אָפּגעשיקט אַהיים און איז אַליין געבליבן דאָ אַ נייע אָרדענונג איינצופירן אין זאַוואָד. איצט אָבער, אַז ער האָט דער־הערט, אַז די כּלה האָט שוין חרטה און געפינט זיך צווישן רבינס פאַ־מיליע אין זיין הויז, האָט ער געזוכט מיט ר׳ פּנחסלען שלום צו ווערן. ר׳ פּנחסל האָט אים געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, איר האָט מיך חושד געווען, אַז איך בין אַ נוגע בדבר; איך וועל אייך אָבער נישט מוחל זיין, סיידן איר וועט פועל זיין ביי חייעלען, עס זאָל די טעג די חופּה זיין!

ר׳ הענעך האָט אַלץ אָנגעוועגדט און האָט ענדלעך פועל געווען: מען האָט די חופּה באַשטימט. ר׳ שלמה האָט אויך געזאָגט, אַז ער איז מסכּים און אויף מאָרגן אָוונט איז חייעלע געוואָרן ר׳ פּנחסלס ווייב בחופּה וקדושין כּדת משה וישראל. אָיין ר׳ שלמה האָט נישט געקענט אמת פריילעך זיין. פאַר ר׳ זלמנקען האָט ער עס מודה געווען,

— במסתרים תבכה נפשי! — האָט ער געזאָגט. — וואָס טוט מען! ווי קען איך באמת פריילעך זיין, בעת איך דערמאָן מיך, אז די שמחה איז, אייגנטלעך, מיין קלאָג? דער געשטאָרבענער ברודער שטייט, מיר ווי אַ לעבעדיקער פאַר מיינע אויגן און מיר ווילט זיך וויינען בעת אַלע פרייען זיך...

— איר דאַרפט האָבן תיקון, ר׳ שלמה! — האָט ר׳ זלמנקע געענטפערט אויסהערנדיק זיין צער, — פאָלגט מיר, פאָרט מיט אונדז צום טאַטן... דער טאַטע, זאָל לעבן, וועט אייך מתקן זיין, איר זאָלט קומען צו דער מדרגה פון אַ חסיד עובד ביראה. איר מוזט צו דער מדרגה קומען, איך וועל אַליין דעם טאַטן, זאַל לעבן, בעטן פאַר אייך.

ר׳ שלמה איז געטרייסט געוואָרן און האָט געהאָפּט צו דער מדרגה צו קומען פון „וגילו ברעדה״. אַלע האָבן פון חייעלעס חופּה געוווסט, אלע האָבן הנאה געהאַט. ווער אין קליינינק איז נישט אַ חסיד און וועלכער חסיד וועט זיך אָפּזאָגן אויף ר׳ פּנחסלס שמחה אַ טרונק בראָנפן צו טון? בפרט, אז דעם רבינס עלטסטער זון, ר׳ זלמנקע, איז נאָך דאָ אין שטעטל, זאָגט תורה, נעמט צו פּדיונות פון יעדן וואס ניט, פון איטלעכן וויפל ער ברענגט און דינגט זיך נישט, ווי דאָרט ביי אים אין דער היים! און דריי טעג און דריי נעכט איז אין שטעטל שמחה וששון געווען. זעלטן ווער עס האָט מיט ווייב און קינד אין דער היים מיטיק געגעסן. זעלטן ווער עס איז אין די דריי טעג נישט איינמאָל שיכּור געווען... און עס האָבן פון דער שמחה אפילו קינדער אין די וויגן געוווסט, וועלכע האָבן זיך הונגעריקע, נעבעך, געגנויג אָנגעשריגן, בעת זייערע פרומע מאַמעס זענען, אַלס געבעטענע געסט, ביי חייעלען געווען אין שטוב, אָדער אַלס נישט געבעטענע — אַריינגעקוקט דורך די אָפענע פענצטער חייעלעס גדולה, אויפן גאַס אַרום די שטוב.

נישט געוווסט פון אַלעם דעם האט נאָר רחלע. זי איז ווי אַ לעבעדיקע באַגראָבענע געזעסן אין שרהלעס האַלב פינצטערן דושנעם חדרל, די וועלט נישט געזען און פון דער וועלט נאָר געוואָלט וויסן: וואס טוען אירע ברידערלעך און שוועסטערל? וואָס מאַכט פייגע? ווען וועט זי שוין קומען אַרויסנעמען זי פון איר ענגען קבר? מער ווי דאָס האט זי ביי שרהלען קיינמאָל נישט געפרעגט, כאָטש איר האַרץ האָט אפילו נאָך איר מוטער געבענקט און דער געדאַנק, וואָס די

מ ט׳ר האט בצוויס, פון איר פאַרפאַלן ווערן, עגמת נפש, מוז אויס-שטיין לייטישע רייד, האָט זי געפייניקט אומדערבאַרמלעך. פייגע האט רהלען אָנגעזאָגט : פון איר מאַמעס חופה רחלען נישט דערציילן.

— געננוג איר די פיין, וועלכע זי האָט אַליין מיטגענומען,—האָט זי שרהלען געזאָגט, — זי האט גאָר אזוי פיל כּוח נישט נאָך אַ נייעם צער אויסצוהאַלטן. זאָגט איר, אז מיר ווערט אויך בעסער און איך וועל באַלד קומען צו איר. זאָל זי זיך טרייסטן, מיין עלנט קינד!

שרהלע האָט טריי איבערגעגעבן פייגעס רייד. רחלע האָט רויק אויסגעהערט, נישט איבערפרעגט, מען זאָל נישט מערקן, וואס ביי איר אין האַרצן טוט זיך און שרהלע האָט נישט געוווסט, אַז שוין דריי נעכט האָט רחלע כּמעט נישט געפרווווט אנטשלאָפן ווערן און איר איז שוין דאָס לעבן איבערדריסיק געוואָרן. נאָר זי האָט זיך נישט באַקלאָגט און שטיל אירע פיין געליטן. איינמאָל, אז שרהלע האט איר געזאָגט, אז אירע מחותּנים וואַרטן נאָך, האָט זי שטיל אויסגערעדט :

—מיין לויה וועלן זיי דערוואַרטן! אָ, נישט פיל, נישט פיל האט עס נאָך געדויערן!..

שרהלע איז פאַרציטערט געוואָרן פון די ווערטער און פון דעם אינערלעכן זיפץ מיט וועלכן זי האָט זיי אַרויסגערעדט. זי האָט זי אָנגעהייבן טרייסטן און נישט געקענט אירע טרערן איינהאַלטן.

— נישט טרייסט מיך, שרהלע, נישט וויינט! — האָט רחלע געבעטן, — לייגט אייער האַנט אויף מיין האַרצן אַרויף און זעט, אז נאָר אַ שטיין אַ שווערער ליגט איצט אויף דעם אָרט, וווּ עס איז אַמאָל אַ האַרץ פון פלייש אין מיר געווען. נישט פון אייזן, שרהלע, איז דער מענטש, נישט פון שטאָל איז מיין האַרץ, עס מוז צעפוילט און צעריסן ווערן!..

שרהלע איז פון די רייד אזוי גערירט געווען, אז זי האָט נאָר וויינען געקענט. רחלע האט אויך געוויינט. אויף מאָרגן, אז שרהלע האָט זי געפרעגט :

— ווי פילסטו דיך היינט, רחלע?

האָט זי געענטפערט :

— בעסער, בעסער, שרהלע!

אָבער אין איר טאָן איז עטוואָס באַהאַלטנס געווען, וואָס האט דער גוטער פרוי נאָר אַנגסט געמאַכט.

— שרהלע, — האָט רחלע ווידער אָנגעהייבן רעדן, — איך האָב תשעה־באב אויפן בית־עולם דעם סוף פון מענטשן געזען. איך בין דערביי געשטאַנען ווי מען האָט שיינדעלע ר׳ חיימס אין פינצטרן קבר אַראָפּגעלאָזן און מיט ערד באַשאָטן, איך האָב אָן שרעק און אַנגסט נישט געקענט דערמאנען, וואס איך האָב געזען; אָבער אז איך באַדענק איצט, אז דער סוף איז אויך דער סוף פון אַלע לעבעדיקע, און אזוי ווי שיינדעלען האָט מען אויך אונדזערע הייליקע אבות, אונדזער געטלעכן משה רבינו און אויך מיין קליגן זיידן און ליבן פאָטער אין אַן ענגען קבר אַראָפּגעלאָזן און מיט ערד באַשאָטן, פרעג איך: איז דען ווירקלעך דער סוף אַזוי טרויעריק און שרעקלעך, ווי מיר זען אים מיט אונדזערע אויגן? איז דען גאָט דער גוטער אזוי שלאכט אומגעפרעגט אונדז לעבן צולאָזן, כדי צו אזא טרויעריקן סוף אונדז צוצופירן? ניין, שרהלע, נישט דאס וואס מיר זען מיט אונדזערע אויגן, איז דער סוף פון אונדז; נאָר אַ טיר אַ פינצטערע איז דער קבר, וואס פירט אונדז פון דער נאַרישער וועלט אַרויס און אין יענע בעסערע ליכטיקערע וועלט אַריין! אַהין, וווּ אַלץ איז גוט, וווּ אַלץ איז אמת און טריי, וווּ מיין זיידע און מיין טרייער פאָטער וואַרטן אויף מיר, אַהין ציט איצט מיין האַרץ ווי מיט צוואַנגען. דאָרט, וווּ עס איז קיין רבי, קיין ר׳ פנחסל נישטאָ וויל איך אויף דעם וואַרטן, דער, וואס איז מיר ליבער ווי מיין לעבן!.. אַך, שרהלע, ווי צופרידן וואָלט איך איצט זיין מיט אַ יונגען טויט, ווען דער איין געדאַנק זאָל מיך אזוי נישט פייניקן, וואס איך לאָז דאָ מיינע עלנטע ברידערלעך און מיין ליב קליין שוועסטערל אזוי עלנט, אַזוי אַליין!.. יאָ, אויך וואָס מיין משהלע וועט מיך נישט קענען פאַרגעסן און וועט וויינען נאָך מיר!..

אירע טרערן האָבן איר שטימע פאַרשטיקט און זי האָט ביטערלעך געוויינט. שרהלע האָט מיט נישט בינדיקע ווערטער זי געזוכט צו טרייסטן.

— ניין, שרהלע, נישטאָ נאָך אַזא פיין, ווי דער פיין, וואס פילט מיין האַרץ אַ צונד! — האָט זי ווידער אנגעהייבן, — צו וואָס האט גאָט אזא ליבע אין מיין האַרצן אָנגעצונדן, בעת ער האָט מיך אַזוי שוואַך באַשאפן, איך זאל נישט קענען אַריבערטראָגן די לייד און פיין, וועלכע

די ליבע האָט מיר געבראַכט? צי וואָס האָט ער אַזוי פיל רחמנות אויף די קלענטע קינדער אין מיר אויפגעוועקט, בעת איך האָב קיין כּוח נישט זיי צו העלפן? אָ, איך בעט אייך, שרהלע, ווען ער וועט קומען און מיך שוין דאָ נישט מער געפינען, זאָלט איר אים זאָגן, אַז דאָרט, ווו אַ מוטער פאַרשטייט איר קינד, ווו אַ טרייער פעטער ווערט מיט זיין טרייהייט נישט פאַרפירט פון פאַלשע מענטשן, דאָרט אונטער דעם אייביקן שאָטן פון יענעם אומענדלעכן בוים, פון וועלכן ער האָט מיר אַמאָל דערציילט, דאָרט וואַרט איך מיט געדולד און פרייד אויף אים!.. קיין צייט וועט מיר נישט צו לאַנג זיין, קיין אייביקייט — צו פיל!.. פון מיינע ליידן און פיין דאָ, דערציילט אים נישט, שרהלע, צו וואָס זאָל ער עס וויסן? צו וואָס זאָל ער אין כּעס זיין אויף די, וועלכע האָבן עס מיר געטון?!..

שרהלע האָט מיט טרערן אַלץ, וואָס זי האָט פון איר געהערט, דער מוטער דערציילט.

— שרעק דיך נישט, מיין טאָכטער, — האָט די אַלטע געטרייסט, — דאָס האַרץ טוט איר, נעבעך, וויי... גלייכער, אַז זי וויינט זיך אויס, איידער זי קלויבט אירע ביטערע טרערן אין זיך.

פונדעסטוועגן האָט זי אַליין ביי אַ געלעגנהייט רחלען דערקלערט וואָס פאַר אַ שווערע זינד עס איז, ווען אַ מענטש בעט אַ טויט אויף זיך.

— גאָט וועט אט די זינד מיר מוחל זיין! — האָט רחלע געענטפערט, — ער ווייס, אַז דאָס לעבן איז מיר אַלעמאָל ליב און זיס געוועזן! נישט איך, גוטע רבקה, האָב די וועלט פאַרדאָרבן, נישט איך האָב דאָס לעבן מיר ביטער געמאַכט... אַנדערע האָבן עס געטון..

— אָבער ווער זענען די אַנדערע? — האָט זיך די אַלטע אָפּגערופן, — הער נאָר, וואָס דו רעדסט, רחלע! נישט קיין שונאים, חלילה, זענען אויף דיר אָנגעשטאַנען... דיין אייגענע מוטער, רחלע, דיין פרומער גוטער פעטער!.. פאַרלאַנגסטו פון גאָט אויף זיי אַ שטראָף, וואָס זיי האָבן אפשר נאַריש געטון, דיך צו צווינגען צו דעם. וואָס דיין האַרץ דערלאָזט דיך נישט?

רחלע איז פון דער פראַגע אַזוי געריירט געוועזן, אַז נאָר אירע טרערן האָבן פאַר איר געענטפערט.

זע-זשע, מיין קינד, — האָט די אַלטע, זי קושנדיק, געזאָגט, — זע-זשע, אַז דו ביזטנאָך אַ קינד, דיין געפייניקט האַרץ אין דיר ווייס

איצט אַליין נישט, וואס עס וויל און צעמישט דיין מוח צו טראַכטן אַזעלכע געדאַנקען, וואס זענען אַ זינד קעגן דעם, וואס לעבט אייביק.
— בעט גאָט פאַר מיר, רבקה! — האָט זי כליפּנדיק אויסגערעדט, — בעט אים, ער זאָל מיר מוחל זיין! איך בין אַלעמען מוחל, אַלעמען, טייערע רבקה!..
— אָט אזוי רעד, מיין קינד! — האָט די אַלטע געטרייסט, — אָט אַזוי רעדט אַ יידישע טאָכטער, וואס האט אן אמתע אמונה אין איינציקן גאָט!
נאָך דעם געשפּרעך האָט שוין רח׳ע מער פון טויט נישט גערעדט; נאָר דער געדאַנק, אז דער טויט איז פאַר איר בעסער, איז איר פון זינען נישט אַרויס און שטיל בייגאַכט פלעגט זי פאַר גאָט אירע טרערן פאַרגיסן, ער זאָל איר אירע זינד דעריבער מוחל זיין. אזוי זענען נאָך צוויי טעג אַריבער. איינמאָל האָט זי שרהלען געזאָגט:
— ווי האָב איך מיך גענאַרט און אין זיך אַ טעות געהאַט, בשעת איך האב געמיינט, אז איך וועל אַלץ קענען מיט געדולט אַריבערטראָגן! ווי רייסט דאָס האַרץ אין מיר, ווי ווילט זיך מיר לויפן איין קוק כאָטש טון אויף מיינע יתומימלעך! ווי לעבן זיי? וואָס טוען זיי אָן מיר?! ווי ווילט זיך מיר אפילו דער מוטער צו די פיס פאַלן, זיך אויסוויינען פאר איר און אירע הענט מיט מיינע הייסע קושן באַדעקן! אַך, אויך מיין צימערל, מיין בעטל וויל איך זען און זאָגן פייגען, אז זי האָט מיך ווארטן געלאָזט, לענגער ווי מיין געדולט איז, מער וויפל מיינע כוחות זענען! אָ, ווען איך זאָל דאָרט נאָר גיטעלע דעם רבינס נישט זען!.. זיי עס מיר מוחל, גאָט... די פרוי האָט מיר נאָר פריינטשאַפט, נאָר טרייהייט באַוויזן, פארוואָס ציטערט מיין האַרץ אזוי פאַר דעם געדאַנק, מיט איר זיך צו באַגעגענען!?
שרהלע האט די רייד באַלד דער מוטער איבערגעגעבן און די אַלטע איז צו רחלען אַריין און אנגעהייבן איר צוצורעדן, טאָמער האָט זי באמת חרטה אויף אַלץ זאָל זי טאַקע גיין און די מוטער מחילה בעטן.
— אפשר איז דיר באמת אזוי באַשערט, ליבע רחלע, — האָט די אַלטע געזאָגט, — דו זעסט דאָך אַליין ווי שווער עס איז פון אַ באַשער-

טער זאַך צו אנטלויפֿן. גיי, מיין קינד, און גאָט זאָל דיך צום גוטן פֿירן! איך האָף, אז דו וועסט אונדז קיין שלאכטס נישט לאָזן טון, מיר האָבן דיך נישט צוגערעדט, נישט אָפּגערעדט, חלילה...

— ניין, טייערע רבקה! — האָט זי געענטפֿערט, — אייער שרהלע האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען. איך וויל נאָר גיין אַ קוק טון, נאכאַמאָל מיט מיינע אויגן זען מיינע ברידערלעך, מיין שוועסטערל, אויך מיין מוטער וויל איך זען; פֿון וויטן זיי נאָר זען, צי לעבן זיי כאָטש. מיר דאַכט אַלץ, אז אַלע וויינען און קלאָגן דאָרט. פֿירט מיך צו צום פֿענצטער פֿון מיין היים און וויזט מיר כאָטש, אז זיי לעבן און איך וועל נייע כּוחות באַקומען צו קענען ליידן וויפֿל מיר איז נאָך צו ליידן באַשערט!..

— גוט, איך וועל דאס דיר טון, — האָט די אַלטע נאָכגעגעבן; — אָבער איידער מיר גייען, מוז איך דיר זאָגן, אז נאָכאַמאָל, חלילה, צו דאַרפֿן פֿון דער חופּה אנטלויפֿן וווּנטש איך דיר נישט און דיינע כּוחות וועלן דיר גאָר אויף אזוי פֿיל נישט דינען!.. זיי ערלעך מיט מיר, מיין קינד!

— איך וועל ערלעך זיין, רבקה! — האָט זי פֿאַרזיכערט, — פֿירט מיך נאָר צום פֿענצטער צו, איידער מען לייגט זיך שלאָפֿן.

ביינאַכט האט די אַלטע רחלען אין שרהלעס קליידער אָנגעטון, פֿאַרוויקלט איר פּנים ביז נישט צו דערקענען און האָט זי דורך שטילע זייטיקע געסלעך צוגעפֿירט ביז צו איר היים. פֿריער ווי אַלץ איז רחלע צו צום פֿענצטער פֿון קינדערצימערל און זי האָט מיט אירע אויגן געזען, ווי איר קליין שוועסטערל זיצט אין בעטל און וויינט, דאָס קליין ברודערל זיצט אַ האַלב נאַקעטער אויף אַ ברעג בעטל און מאָטעלע שטייט פֿאַר אים אויף די קני און קניפּט אָפּ מיט די צענדלעך דאס קניפּל פֿון דעם ברודערלס שיכעלעך.

— לערנט אייך, עלנטע קינדער, אָן מיר אויסצוקומען! אָ, ווייסט איר, ליבע ברידערלעך, ווי עלנט שטייט דאָ אייער שוועסטער נעבן אייך? — האט זי שטיל אויסגערעדט.

— נו זעסטו, אז זיי לעבן! — האָט די אַלטע געזאָגט, רחלעס האַנט אויף איין מינוט נישט אָפּלאָזנדיק — בריליאַנטענע קינדערלעך, גאָט זאָל זייער פּאָטער זיין!

— יאָ, זיי לעבן! — האָט רחלע שטיל געענטפֿערט, — זיי לעבן און וועלן לעבן! נאָר נישט וויסן זאָלן זיי מיין פּיין, מיין שמערץ!..

זי איז צום צווייטן פענצטער צו. דאס גאַנצע צימער האט גאר אַן אַנדער פּנים געהאַט, אַנדער מעבל, אַנדערע זאַכן, אַלץ איז דאָ אַנדערש געוואָרן.

— דערקענט איך מיין חדר נישט, ווו איך האב פון מיין פריסטער ייגנט מיין רו, מיין גליק און לייד געהאַט? — האט זי צו זיך גערעדט. — „גיטעלע איז דאָ געווים. ווו האָבן זיי פאר מיר אַן אָרט געלאָזן? ניין, מיין אָרט איז דארט, נעבן מיין זיידן אויף דעם בית-עלמין... אך, ווי ווילט זיך מיר שוין קומען אהינצו!"

די אַלטע האט זי פון דעם פענצטערל אָפּגעצויגן און צוגעפירט צום פּ־אָנט און זיי האָבן דורך די אָפנע פענצטער געזען: אַן עולם יידן אַרום דעם טיש, מען עסט מען טרינקט, אַלע ליכט און לאָמפּן ברענען, ר׳ פנחסל טראָגט אַ טייערע סייבלנע היטל און איז פריילעך. זי האט אויך דאס פּארנעמע אויסזען פון ר׳ זלמנקע דעם רבינס דערקענט, נעבן אים איז איר פעטער ר׳ שלמה געזעסן און מיט ערנסט צוגעהערט, וואס ר׳ זלמנקע רעדט. אויך איר מחותן, ר׳ הענעכן, האָט זי דערקענט און איר איז אַ קעלט אריבער איבערן לייב. און דארט אין גאַסטצימער זעט זי איר מוטער איינגעדעקט אין זייד און סאַמעט, בריליאַנטן בליצן און שטראַלן פון אירע פינגערלעך און אוירנגלעך און איר פּנים שיינט פון פרייד, זי לאַכט צו גיטעלען און גיטעלע צו איר. און נאָך ווייבער זיצן אַרום טיש און קיינע פון זיי איז נישט אומטוטיק. רחלע איז בלאַס געוואָרן און די אַלטע האט געפילט, ווי זי ציטערט מיט אַלע גלידער.

— אָ, נעמט מיך צו פון דאַנען! — האָט זי מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע געבעטן — פירט מיך צוריק צו אייך, אין אייער צימערל איז מיר בעסער, איז מיר ליכטיקער!..

די אַלטע האט אַליין געוויינט קוקנדיק, ווי דאָ איז אזוי פריילעך, בעת דאס שטענדיק גליקלעכע קינד פון דעם גליקלעכן רייכן הויז שטייט, נעבעך, אַזוי באַטריבט און פאַרוואָגלט און קען אין שטוב נישט אריינקומען. רחלע האט זיך נאר ווי אַ קראַנק קינד צוגעטוליעט צו דער אַלטער, ווי זי וואָלט זיך אין איר געוואָלט באַהאַלטן פון אירע אינערלעכע פּיין און אזוי זענען זיי ביידע שטום, ווי די פאַרשטיינערטע אהיים אַוועק.

שרהלע האָט דאָ דערווייל אויסגעוואַשן רחלעס צימער, איר קופּערנעם סאַמאָוואַרל אויסגעשייערט און אָנגעשטעלט, גלעזער ריין

צעמאַכט און אַלץ צוגעגרייט. „טאָמער קומט רחלע צוריק, האָט זי געקלערט, זאָל זי זען, אז איך בין נישט מיד זי האַלטנדיק" און זי האָט זי ווירקלעך מיט פרייד און מיט טרערן באַגעגנט. די אַלטע האָט איר אָבער אַ ווונק געטון, זי זאָל זי צורו לאָזן. דאס סאַמאָוואַרל אויפן טיש איז געשטאנען ביז עס איז קאַלט געוואָרן, קיינער האָט זיך צו די טיי נישט צוגערירט; נאָר שטיל אויף איר בעט האט רחלע היינט אירע טרערן געטרונקען

ג.

ר' פנחסל האט אנגעהייבן רעדן וועגן פאָרן אַהיים און פון שטוב האט מען ביסלעכווייז די זאכן קיין ווינאָגראדקע ארויסגעשיקט. גיטעלע האָט געזאָגט:

— אָן חייצלען פאָר איך אויך נישט, סיידן הייצלע וויל: אז דער טאַטע, זאָל לעבן, אליין זאל קומען נאָך מיר.

— איר זענט אַלע מיין רחלען נאר טרייע פריינט, — האָט חייצלע געענטפערט, — איך בין איר אָבער אַ מאמע און איך קען אזוי רויק נישט אַוועקפאָרן, ווי איר!.. איך האָב יענע נאַכט נישט געקענט שלאָפן, גאָט ווייס וואס מיט איר איז געשען? וואס זשאַלעוועט זיי דאָרט ביי אייך אַ בריוול אויפצושרייבן?

— הערסטו, פנחסל, — האט זי צו איר נייען מאַן געזאָגט, — איך וועל נישט פאָרן ביז עס וועט נישט קומען אַ קלאָרע ידיעה, אז מיין קינד איז נאָך אין ווינאַגראדקע!

— פון וואנען ווייסטו, אז עס איז נישטאָ קיין ידיעה? — האָט ער געפרעגט

— ווייל איז מיר, ווינד איז מיר! — האט חייצלע אויסגעשריגן, — איר האָט אַ ידיעה און פון מיר פארלייקנט מען? האט רחמנות און זאגט שוין ארויס, וואס מיט מיין ליב קינד איז געשען?!

זי האט זיך שרעקלעך פאַנאנדער געוויינט.

— זיי אַ מענטש, חייצלע! — האט ר' פנחסל אנגעהייבן. — זיי וויסן, אז מיר האָבן אַ קלאָרע ידיעה, אז רחלע איז גאר אין ווינאַגראדקע נישט געוועזן. זי איז ביי דיין געוועזענער שוועגערין, אָט דעם מופקרס מוטער; זי האט טאקע דארט די גרויסע צרות, מפֿו

שרייט געוואלט, זי זאל אהיים פאָרן און זי פארשטייט שוין איר חטא, וואס זי האט געטון און שעמט זיך אהער אין קליינינ צוריק צו־קומען. מיין ווארט גיב איך דיר, אז איך אליין וועל פאָרן און זי דיר אין שטוב א לעבעדיקע און א געזונטע ברענגען!

— פארוואס האט מען מיך גענאַרט? — האט חייעלע געשריגן, — איך וואלט שוין ביז איצט ביי מיין קינד געוועזן! וויי איז מיר, ווי וועל איך פאר דער וועלט יוצא זיין!

— נישט פון דיינעטוועגן האט מען דאס געטון, חייעלע... — האט ר' פנחסל דערקלערט, — פון דעם מחותנס וועגן האט מען געמוזט זאָגן, אז די כלה איז איצט ביי אונדז אין ווינאָגראדקא. דו ווייסט, אז ער וואלט אפילו על פי דין תורה געוואונען, ער זאל פאַר דעם הויז איין גראשן נישט באַצאָלן! א כלה, וואס אַנטלויפט פון דער חופה, איז ערגער ווי תנאים אָפּשיקן!.. דאַנק גאָט, וואס הענעך ווייס נישט, ווו זי איז!.. איך האף נאך דיין קינד פון אומגליק ארויס־צוראַטעווען, מיר זאלן באמת פון איר נחת האבן פאר אונדזער צער... דיין קינד, חייעלע, איז אויך מיין קינד, פארלאז זיך אויף מיר, נישט וויין, נישט קלאג, פאָלג נאר וואס איך וועל דיר זאָגן און קוק און שווייג!.. לאמיר פאָרן, מען טאר דאָ מער אן איבעריקע שעה נישט פארברענגען, זאל דער מחותן פון אונדזער סוד נישט געוואר ווערן!..

— ר' שלמה ווייס עס שוין? — האט זי מיט א פארקלעמט הארץ געפרעגט.

— ניין, ער ווייס עס נישט, ער איז נאכמער יידענע, ווי דו... דערפאר אבער האב איך אים צוגערעדט מיט אונדז מיטצופארן, בכדי ער זאל עס וויסן; טאמער וועט מען דארפן, זאל ער טאַקע ביי דער האַנט זיין מיט מיר מיטצופאָרן, זי פון אן אומגליק צו ראַטעוון, פאר־שטייסטו? הייס איינפּאַקן די זאַכן!

חייעלע האט זיך אין שטילן אויסגעוויינט און געהייסן פּאַקן די זאכן. גיין זיך געזעגענען מיט באקאנטע און קרובים האט זי נישט באַ־דארפט. אַלע זענען צו איר געקומען; נאר דבורהן, איר געוועזענער שוועגערין, האט זי דעם כבוד אָפּגעגעבן און האט ביי איר מיט אַלע אירע ליבע געסט א געזעגנמאָלצייט געגעסן און זיך געזעגנט מיט איר אין איר שטוב. דאָנערשטיק גאנץ פרי זענען שוין די קאַרעטן איינ־געשפּאַנטע געשטאַנען פאר דער טיר. די זאכן און מעבל האט מען

נאָך נעכטן פאַרפאַקט אויף די וועגן און נאָך דעם, ווי הייעלע האט זיך אויסגעוויינט און אַלע מזוזות אויף יעדער טיר אָנגעקושט, איז זי מיט גיטעלען אין קאַרעט אריין און דאס קליינע טעכטערל מיט זיך געגומען.

— גריס מיין פלימעניצע, רחלען! — האט דבורה נאָכגעשריגן, — זאג איר, הייעלע, אז איך בין איר אלץ מוחל, נאר נחת וויל איך אָן איר זען!

ר׳ שלמה האט זיך מיט ר׳ זלמנקען אין קאַרעטע אַריינגעזעצט און האט דיביידע יינגלעך צו זיך גענומען.

— זיי געזונט, דבורה, — האט ער פון קאַרעטע אַרויסגעשריגן, — אָט הערט ר׳ זלמנקע, אז אָן דיר וועט מען רחלעס חתונה נישט שפילן, איך וועל דיר גאר אינגיכן אַ דעפּעשע קלאַפּן זאָלסט צו דער חתונה קומען! ר׳ העניעך מיט ר׳ פנחסלען האָבן זיך געזעצט אין הייעלעס וואָגן און בערעלע שפּאַק איז זייער קוטשער געווען. נאָך עטלעכע מינוט זענען די מענטשן, וועלכע זענען געקומען דעם רבינס קינדער זייער כבוד אָפּגעבן, דאָ געשטאַנען, געררעדט, השערות געזאָגט און זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, געבליבן דאָ איז נאר דבורה. איר איז שווערער מיט איר שווערס געוועזן הויז זיך צו געזעגנען, ווי מיט איר געוועזענער שוועגערין. זי איז אין שטוב אריין, זיך גוט אויסגעוויינט אין יעדן צימער, קוקנדיק אויף דער פוסטקייט, וואס דאָ איז געוואָרן. איר האט געדאַכט, אז אפילו די ווענט העלפן איר וויינען און זי איז אומגעגאַנגען פון איין צימער צום אַנדערן, און אירע טרערן האבן זיך אָן אויפהער געגאָסן! באַלד אָבער האט עמעץ פון גאס די לאָדנס צוגעמאַכט און זי האָט געהערט, ווי מען פאַרשלאָגט אויך מיט ברעטער איבער די לאָדנס. זי איז אין דער פינצטער געבליבן און איז מיט אַ שווער האַרץ פון שטוב ארויס און איז וויינענדיק צו דער קראַנקער פייגען אַריין.

— ווער עס בויט און ווער עס וווינט! — האט זי פייגען געזאָגט. — גאָט דער לעבעדיקער ווייס, צי וועט נאָך כאָטש רחלע אַמאָל אין נחת דאָ וווינען אין איר טאַטנס שטוב? עס איז אפשר גלייכער, וואס זי איז איצט נישטאָ און זעט נישט מיט אירע אויגן דעם חורבן, וואס איז פון איר ליבן פאָטערס האב און גוטס געוואָרן. מער ווי די צעבראָכענע שערבלעך האט הייעלע דאָ נישט געלאָזן.

— און אויך מיך האט זי ווי אַ צעבראָכענעם שארבן דאָ עלנט

אויף מיין קראנקען בעט געלאזן ! — האט פייגע אויסגעקרעכצט.—נאר איך האָב צו איר נישט, בעסער דאָ צו שטארבן, איידער ערגעץ אַנדערשווו צו לעבן! גענוג מיר לעבן, גאָט איז גערעכט, איך האָב צו קיינעם קיין טענות נישט.

דבורה איז אַ צעבראָכענע און באַטריבטע אַהיים אַוועק. שרהלע איז געקומען, און כאָטש איר האָט אויך דאס האַרץ פאַרקוועטשט דעם סוף פון דעם גליקלעכן הויז צו זען, איז זי אָבער צופרידן געווען, וואָס רחלע וועט באַלד פון איר תפיסה אויסגעלייזט ווערן און זי וועט מער קיין מורא נישט האָבן כאָטש אַ דאָקטאר צו רופן צו איר, ווארעם פון יענעם אָוונט, וואָס רחלע האָט אונטערן פענצטער צוגעקוקט ווי גליקלעך, ווי פריילעך איר מוטער איז, בעת זי ווייס אפילו נישט ווו איר קינד איז — איז זי אין אַ מרה שחורה אַריינגעפאַלן, רעדט נישט, פאַרלאַנגט גאָרנישט און עסט כמעט אויך נישט. פייגע אָבער האָט געזאגט :

— זאָל זי דיר נישט צו שווער זיין, שרהלע, ביז איבער שבת איר מחותן, דאַכט מיר, איז נאָר זיי געפאָרן באַגלייטן און וועט באַלד צוריקקומען, ער איז אַ פּראָסטער מענטש, ער וועט זיך נישט שעמען איר צער אָנצוטון, אַז ער וועט זי דאָ דערזען. ער קען אַ דעפּעשע קלאַפּן, אז זיי זאָלן זיך אַלע אומקערן. זאָג איר נאָך גאָרנישט, איך וועל אַליין זי שיקן רופן, אז די שעה וועט קומען !..

שרהלעס מוטער האט אויך מסכים געווען, אז רחלע זאל דעם שבת נאָך דאָ זיין און זיי האָבן איר פון קיין זאַך נישט דערציילט. זי איז ווי אין חלום וואַך געלעגן גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט און האט אפילו צו וויינען אויפגעהערט. פרייטיק אינדערפרי האָט איר שרהלע אַ טע-לער זופּ צוגעטראָגן. — זייט מיר מוחל, שרהלע,— האָט זי געזאָגט, — איך בין טאָפּלט אומגליקלעך, וואָס איך מאַך אייך, נאָר צער און אַנגסט מיט מיין אומגליק. איך פיל מיך אזוי מיד, אזוי שוואַך און אָפּגעמאַרטערט, ווי איך וואָלט אין דער צייט בערג איבערגעקערט ! איך האב יענע נאכט נישט געשלאָפן, מיר דאכט זיך, אַז איך וועל איצט אַנטשלאָפן ווערן. לאָזט מיך, איך וועל שפּעטער עסן !

שרהלע האָט זי אַליין געלאָזן און אירע ערב-שבתדיקע אַרבייט שטיל געטון נישט אויפצוועקן רחלען, טאָמער שלאָפט זי. פיער אַ זייגער איז זי צו איר אַריינגעקומען און איז דערשראָקן געוואָרן, אז זי

האט רחלען דערזען. דאס שיינע בליענדיקע געזיכט איז בלאַס געוואָרן ווי קאַלך, די ליכטיקע אויגן — ווי אויסגעלאָשן.

— וואָס איז דיר, ליבע רחלע? — האט די גוטע פרוי מיט אַנגסט אויסגעשריגן.

— זאָגט מיר, שרהלע, שיינט נאָך גאָטס זון אין הימל? — האט רחלע אויסגערעדט, — לעבט נאָך ווער דאָרט, ווו עס איז אַמאָל מיין היים געווען?.. וויל נאָך ווער לעבן און אויף גוטס וואַרטן אין דער פינצטערער וועלט? אָ, מיר דאַכט זיך, אז גאָט האָט זיין ליכטיקע זון אין הימל אויסגעלאָשן, שטיל ווי אין אַ קבר און אזוי שרעקלעך און טרויעריק איז אַלץ אַרום מיר... הער איך נאך ווען עפעס אַ קול, אַ באַוועגונג, דאַכט זיך מיר, אז דאס איז דאס גערויש פון די פאַרוועלקטע בלעטלעך, וועלכע דער ווינד רייסט אַראָפּ פון די איינזאַמע טרויעריקע בית־עולם־ביימעלעך...

— דו ביזט קראַנק, ליבע רחלע! — האט שרהלע מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט און איז צו צום פענצטערל, מיט כוח די לאָדן פאַנאנדערגעריסן.

אַ שטראָם ליכט און לופט איז אין חדרל אַריין.

— נאַ, זע, — האָט זי געזאָגט, רחלעס האַנט אָנגעמנדיק, — זע מיט דיינע אויגן, אז די זון שיינט נאָך, די וועלט איז ליכטיק און שיין, עס לעבן מענטשן און ווילן לעבן! נאָר דו קלערסט איבערן קאָפּ... באַלד, באַלד וועסטו אויסגעלייזט ווערן, אפשר נאך היינט וועסטו קענען אַ היים גיין.

— אַ היים גיין? ווו איז מיין היים? — האט זי געפרעגט און אירע אויגן האבן ווידער פון טרערן אנגעהייבן בלישטשן.

שרהלע האט נישט געוווסט וואס צו ענטפערן און איז באַטריבט געבליבן זיצן לעבן איר.

— וואָס איז היינט? — האט רחלע ווידער געפרעגט.

— היינט איז פרייטיק, רחלע, באַלד איז שבת, באַלד צייט ליכט בענטשן! — האָט שרהלע געענטפערט.

— באַלד ווידער שבת! — האָט זי אויסגעזיפצט. — ווי ליב איז מיר געווען דער פרייטיק, ווי הייליק איז מיר דער שבת געווען! ווי האָב איך מיך געפרייט, ווען איך פלעג מיינע דריי ליכט לכבוד שבת אָנצינדן! ווער האָט מיין הייליקן שבת פאַרשטערט? ווער האָט מיינע געבענטשטע ליכט אויסגעלאָשן? וועמען האָב איך שלאכטס געטון, וואס

איך האָב מיין גליק אין מיין אייגענעם האַרצן געפונען ?.. ניין, איך בין זיי מוחל, זאָ זיי אויך דו מוחל, גאָט אין הימל !

די אַלטע איז אַריינגעקומען און האָט דאָס טישל מיט אַ ווייס טישטעכל אַריבערגעדעקט און אַ פּאָר אויסגעשייערטע בלאַכענע לייכ טער מיט חלבנע ליכטלעך אַוועקגעשטעלט. רחלע האָט געבעטן אַ ביסל וואַסער, דאָס געזיכט איינצווואַשן. שרהלע האָט באַלד וואַסער מיט זייף געבראַכט. זי האָט דאָס געזיכט אָפּגעוואַשן, אירע שיינע שוואַרצע לאַנגע האָר פאַרקעמט און ליכט געבענטשט. קעגן די געבענטשטע ליכט האָט איר געזיכט ווידער אָנגעהייבן צו שיינען, אַרויט פאַרב האָט אין אירע צאַרט ווייסע באַקן געשפּילט און אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָט זיך ווידער אָנגעצונדן יענע כישופדיק פייערל, וואָס האָט שטענדיק, ווי די זון געוואַרעמט און באַלייכטן דאָס האַרץ פון דעם, וואָס האָט זי אָנגעקוקט. שרהלע האָט איצט אין איר אַ מלאך אַ שיינעם פון הימל געזען, איר האַרץ האָט געפילט רחמנות און ליבע צו איר און זי וואָלט אפילו איר נשמה איר אין דער מינוט אַוועקגעגעבן. אויך די אַלטע האָט אירע אויגן נישט געקענט אַראָפּ־ נעמען פון רחלען, איר האָט געדאַכט, אַז איר געזיכט שטראַלט און פון אירע ליכטיקע אויגן איז דאָס גאַנצע צימערל אַזוי ליב און ליכטיק. געריר פון איר שיינקייט, איז זי צו איר צוגעגאַנגען, ביידע הענט אויף רחלעס קאָפּ אַרויפגעלייגט, זי געבענטשט און אין איין גאַנג אויך אַן עין־הרע אָפּגעשפּראָכן.

— דיך מוז בענטשן, מיין ליב קינד, ווער נאָר עס זעט דיך !— האָט זי געזאָגט,— גאָט אַליין האָט דיך געבענטשט און ווי די ליכטיקע זון אין קלאָרן הימל שיינט זיין ברכה אויף דיין שיין פּנים ! וואָס ווייסטו, מיין טאָכטער, ווי ליכטיק האָסטו מיין אָרעם שטיבעלע געמאַכט, וואָס פאַר אַ פרייד עס איז דיך אַ פריילעכע, אַ מונטערע צו זען לכבוד דעם הייליקן שבת !

שרהלע האָט נאָך פריער איר לייבעלען אויסגעפּוצט אין דעם סאַמעטענעם קאָסטיומל, וואָס רחלע האָט אים אַמאָל אויף אַ חתונה געשענקט און אַז ער איז פון שול געקומען, האָט זי אים צו רחלען אַריינגעפירט. דאָס קינד, וואָס האָט ביז איצט פון גאָרנישט געוווּסט, איז איבערראַשט געוואָרן, אַז עס האָט דאָס צוגעפּוצטע חדרל און די פרעמדע פּערזאָן דאָ דערזען און איז ביי דער טיר שטיין געבליבן.

— דערקענסטו זי נישט, לייבעלע? — האָט די מוטער געפרעגט.

— מאַמע, דאָס איז דאָך רחלע, וואָס האָט מיר אויף רייזקע דער מומע וויטקעס חתונה דאָס געשענקט! — האָט דאָס קינד פאַרשעמט אויסגערעדט.

— גיי צו און זאָג איר גוט שבת, מיין קינד!

לייבעלע האָט זיינע שיינע אייגעלעך אויפגעהייבן, אַ קוק געטון אויף רחלען, ווי ער וואָלט זי געוואָלט פרעגן: צי איז איר ניחא זיין גוט שבת.

— קום אַהער לייבעלע, — האָט זי אים צוגערופן און דאָס קינד איז מיט פרייד צוגעלאָפן, אָנגענומען איר האַנט און מיט זיין גאַנצן כוח אַ קליינגעגנדיקן קוש אויפגעדריקט.

— וואָס מאַכסטו לייבעלע? — האָט זי מיט קושן דאָס קינד געפרעגט!

— איך בין געזונט! — האָט דאָס קינד געענטפערט, — וואָס טוט איר דאָ, רחלע? איר זענט דאָך אַזוי רייך, ביי אייך זענען אפילו די ווענט מיט גאָלד און זילבער באַקלעבט, ביי אייך איז אַלע טאָג חתונות, מיר זענען דאָך אָרעמע לייט!

— איצט בין איך שוין אויך אָרעם, לייבעלע! האָט זי מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע אויסגערעדט, — איך האָב שוין גאָרנישט, גאָרנישט... לייבעלע! דאַנק דיין גוטער מאַמען, וואָס האָט מיך צוגענומען דאָ אין שטיבעלע, גיט מיר עסן און אַ קישן דעם קאָפּ אָנצושפאַרן!.. טרערן האָבן איר שטימע פאַרשטיקט און אירע אויגן זענען פול געוואָרן.

— וויינט נישט, רחלע! — האָט דאָס קינד מיט אַ וויינענדיקן קול געבעטן, — מיין מאַמע האָט אייך אַזוי ליב, זי הייסט מיך אַלע טאָג גאָט בעטן פאַר אייך און איך וועל אים טאַקע בעטן, איר זאָלט ווידער ווערן רייך. ער איז אַ גוטער, זאָגט די באָבע, ער וועט מיך צוהערן און איר וועט ווידער ווערן רייך!

— בעט פאַר דיין מאַמען, לייבעלע! — האָט זי דאָס קינד קושנדיק געזאָגט, — איך וויל שוין נישט רייך זיין, איך ברויך שוין גאָרנישט... בעט גאָט, ער זאָל דיין גוטער מאַמען באַצאָלן פאַר אַזוי פיל גוטס, וואָס זי טוט מיט מיר!..

דאָס קינד האָט מיט קושן און מיט טרערן דער מוטער זיין דאַנק אויסגעדריקט.

— זאָג בעסער „שלום עליכם”,—האָט די באָבע געהייסן, אז זי האָט דערזען ווי זיינע אומשולדיקע ווערטער האָבן רחלען אזוי גערירט. — זאָלן קומען די מלאכים פון שבת און פון שלום אין אונדזער שטיבעלע, וועלן מיר אַלע רייך זיין, אלעצעפ רידן און גליקלעך זיין. שבת, רחלע, זענען אַלע יידן רייך! זיי אויך דו צעפרידן און דאַנק גאָט פאַר דעם הייליקן שבת, וואס ער האָט אונדז געגעבן!

דאס קינד האָט מיט זיין זיס קולכל „שלום עליכם” אָפגעזונגען, קידוש געמאַכט און רחלע האָט מיט אַלעמען די וויעטשערע געגעסן. קיינער האָט פון איר איין זיפץ נישט געהערט. נאָכן עסן האָט די מוטער נישט פאַרגעסן אָנצוזאָגן לייבעלען ער זאָל קיינעם נישט דערציילן, אז רחלע איז דאָ ביי זיי.

— ווערסטו נאָר וועמען אויסזאָגן, — האָט זי געזאָגט, — וועט זי פון אונדז אַוועקגיין און דיך פיינט האָבן.

— איך וועל קיינעם נישט דערציילן! — האט דאס קינד צוגעזאָגט, — נישט גייט אַוועק פון אונדז, רחלע! נישט האָט מיך פיינט, איך האב אייך אַזוי ליב, אזוי ליב, אזוי ליב ווי מיין מאַמען!..

— טאָר מען ליב האָבן אַ פרעמד מיידל? — האָט די באָבע דעם קינד אויסגערעדט. — פע, לייבעלע, אַ הולטיי האט ליב אַ פרעמד מיידל!

— אַזוי גאָר? — האָט זיך דאָס קינד אָפגערופן. — איז יעקב פון חומש אויך געווען אַ הולטיי? ער האָט דאך ליב געהאַט רחלען פון חומש, ווייל זי איז געווען אַ שיינע... איר שוועסטער לאהן האט ער טאַקע נישט ליב געהאַט, ווייל זי האָט געהאַט קראַנקע אויגן... רחלע, אייערע אויגן זענען אזוי ליכטיק, איר זענט דאָך אַ גוטע אויך און מיר דאס שיין קאָסטיומל געשענקט און מיט מיר אויף אַ חתונה געטאַנצט, מעג איך אייך ליב האָבן?..

— דו מעגסט, לייבעלע! — האט רחלע געענטפערט, — דו האָסט נאָך קיין רבין נישט, וואס זאל דיר די הייליקע תורה פאַלטש פאַרטייטשן!.. ליב מיך, לייבעלע, ליב אַלעמען, שיינע און נישט שיינע, נאָר גוטע זאָלן זיין! ליב האָבן דעם אַנדערן ווי זיך אַליין איז די הייליקסטע מצווה, וואָס משה רבינו האט אונדז יידן אָנגעזאָגט! פאָלג אים, לייבעלע, זיי גוט און פרום און ליב אַלעמען, וועל איך דיך ליב האָבן, ווערסטו מיין ברודערל זיין!..

אז דאָס קינד האט שוין געשלאָפן, איז זי צוריק אין איר

צימערל אַריין. די חלבנע ליכטלעך, וועלכע זי האָט דאָ געבענטשט, האָבן געהאַלטן ביים אויסגיין און דער רויך און דער טשאַד האָט איר דעם אָטעם פאַרשטיקט, זי האָט געמוזט באַלד צוריק אַרויסגיין.

— דערלויבט מיר, שרהלע,—האָט זי געבעטן,—דערלויבט מיר, לכבוד שבת, אַ ביסל אויפן גאַס אַרויס, אין חדרל איז איצט פון רויך נישט אויסצעהאַלטן.

שרהלע האָט זי אַרויסגעפירט און זיך געזעצט מיט איר אונטערן פענצטערל אויף אַ קלאָץ. עס איז געווען אַ שטילע רויקע שבת-נאַכט, דער הימל קלאָר און לויטער, טויזנטער שטערן האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די קליינע רויקע שטיבעלעך, וועלכע זענען דאָ אַרום רחלען צעוואָרפענע אָן אָרדענונג אָנגעזעצט געווען, ווי קברים אויף אַ בית-עולם פעלד; נישט לאַנג אָבער האָט איר אויג גערוט אויף דאָס, וואָס אַרום איר איז, באַלד האָט זי אין דעם אומענדלעכן רוים אַריינגעקוקט און איר האַרץ האָט זיך געצויגן אַ הין ווייט, ווו די לויכטנדיקע שטערן זענען ווי בריליאַנטן גרויסע און קליינע אין טונקעלן נאַכט-הימל אויסגעזעצט.

— שרהלע,—האָט זי אויסגערעדט,—אַזוי ווי איצט האָב איך שוין אַמאָל אויף די שטערן געקוקט; דאַמאָלס איז מיין האַרץ אין מיר נאָך געזונט און ליכטיק געווען, דאַמאָלס איז לעבן מיר דער גע-שטאַנען, וועלכער האָט מיר, ווי די זון געשיינט און די שטערן האָבן מיט זייערע שטראַלן מיר האָפענונג און גליק צוגעטראָגן; איצט זע איך ווידער פאַר מיר פונקט אַזאַ לויטערע קלאָרע נאַכט, ווידער באַריוין די שטערן מיינע אויגן מיט זייערע לאַנגע ליכטיקע שפּיזן; נאָר איצט שטעכן זיי מיך און מיר דאַכט זיך אַז זיי ווינקען מיר, איך זאָל צו זיי אין יענער הויכקייט אַרויף, ווו עס איז נישט אַזוי טרויעריק, נישט אַזוי אויסגעשטאָרבן ווי דאָ.

— ווי גרויס, ווי גערוים איז גאָטס וועלט!—האָט זי אין אַ פּאָר מינוט אַרום געזאָגט, — ווי אומענדלעך ברייט איז דער ים לופט אַרום אונדז! ווער קען מיר די וועלט ענג מאַכן? ווער מעג די לופט פון מיר רויבן? און דאָך האָבן זיי מיר די וועלט ענג געמאַכט און די לופט גערויבט!.. ניין, איך האָב עס מיר אַליין געטון; אָבער גענוג! איצט וויל איך פריי זיין, לאָזט מיך פון גאָטס וועלט נאָך הנאה האָבן, לאָזט מיך אויף די שטערן קוקן ווי לאַנג מיינע אויגן

זענען נאָך אָפּן... אָ, איך מוז די גאַנצע נאַכט דאָ פריי אין אַלע גאַסן אומגיין!

— דו ביזט פריי! — האט שרהלע געענטפערט. — איך בין העכסט צופרידן, וואס דיר איז די וועלט אזוי ליב... איך לאז דיך, דו קענסט זיצן דאָ, אָדער גיין וווהין דו ווילסט. נאָר איך האב מורא, טאמער בארסטו מיך און ווילסט אפשר... אָך, איך האב מורא גאָר פון מיין מויל אַרויסלאָזן אַזא ווארט...

— ניין, שרהלע! האט קיין מורא נישט,—האט זי מיט שטראַלנדיקע אויגן פאַרזיכערט! — איך וועל אין קיין שלאכטן וועג נישט גיין... ביי דעם הייליקן שבת שווער איך אייך: איך וועל צו אייך צוריקקומען אַלעבעדיקע, קיינער וועט נישט וויסן, אז איך בין ביי אייך געוועזן! איך וויל צו פייגען גיין און ביי איר אזוי לאנג זיין, ביז זי וועט געזונט ווערן. אָ, לאזט מיך, לאזט מיך, דאס האַרץ ציט מיך, קומט איר אויך מיט מיר, אויב איר גלויבט מיר נישט!

— איך גיי מיט דיר, — האט שרהלע איינגעווילִיקט, — איך וועל אַליין דיין מומען אנזאגן, אז דו ביזט ביי פייגען, דו וועסט שוין מסתמא אזוי זען צו רעדן, אז די מומע אליין זאל מיך בעטן דיך צו מיר צונעמען.

שרהלע איז נאָך אין שטוב אַריין און דער מוטער בעזאגט, אז רהלע רייסט זיך צו דער קראַנקער פייגען צו גיין און זי קען אזא האַרץ נישט האבן איר נישט נאכצוגעבן היינטיקס מאל. די מוטער האט מסכים געווען.

עס איז שפעט געווען און אין די שטילע געסלעך איז שוין אַלעבעדיקן מענטשן נישט געווען צו זען. זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען. אין דער הויפּט-גאַס, ווו ר' אברהמס הויז איז געווען, האט שרהלע געזאָגט:

— איך האָב מורא, אז מען וועט מיך מיט דיר באַגעגענען, וועט מען באַלד פאַרשטיין, אז דו ביזט ביי מיר געווען. גיי אריין צו פייגען אַליין; נאָר שרעק דיך נישט, זי איז קראַנק, איין גאָט מעג איר העלפן. איך וועל אַ ביסל שפעטער אונטערקומען און זיך מאַכן, אז איך ווייס אויך נישט פון וואנען דו ביזט אזוי פלוצלונג געקומען. זיי נאָר אַ מענטש... מיין שטיבעלע זשאַלעווע איך דיר נישט, ווי מיין אויג פון מיין קאָפּ וועל איך דיך פון אַלע פיין אָפּהיטן, געדענק עס!

רחלע איז אַליין צו איר געוועזענער היים צוגעגאַנגען און שׂרהלע האָט זיך געגומען אין אַ זייטיק געסל אריין, אַרויסצוקומען צו חייעלעס הויז פון אַן אנדער זייט. — כאָטש רחלע האָט שוין געוווסט, אַז איר מוטער און די קינדער זענען שוין אַרויסגעפאָרן און דאָס הויז איז לער און פוסט געבליבן, פונדעסטוועגן איז איר האַרץ פאַר־קילט געוואָרן, אַז זי האָט איר היים אַזוי טרויעריק און פינצטער דערזען, בעת פון די אַרומיקע הייזער האָט זיך אַ שיין פון שבת־גע־בענטשטע ליכט געזען. זי איז צו, צו די פענצטער און האָט דער־זען, אַז די לאָדנס זענען מיט ברעטער אַריבערגעשלאָגן, דאָס האַרץ האָט איר אנגעהייבן קלעמען, איר איז פינצטער אין די אויגן געוואָרן, איר איז קיינמאָל אַזוי ביטער נישט געווען, ווי אין דער מינוט.

— נאָך פריילעך און גליקלעך האָב איך מיין טאַטנס שטוב צום לעצטן מאָל געזען, — האָט זי פאַר זיך גערעדט, — ווי פוסט, ווי לער זע איך מיין היים איצט!..

אויפן טרעפל, וואס איז פאַר דער טיר געווען, איז אַן אומ־באַקאַנטער גוי אַלס נאַכט־שומר געזעסן. הענעך האָט אים דאָ געלאָזן אַכטונג געבן.

— טשטאָ טיעבע נאַדאָ? — האָט ער געפרעגט.

— ווער ביזטו? — האָט זי געענטפערט.

— וואס איז דאָס דיין עסק, ווער איך בין? — האָט ער זיך אָפּ־געפרופן, — געוויס נישט דער כאָזיאַיִן, נאָר אַ סטרוזש בין איך ביי הענעכן.

— זאָג מיר, גוטער מענטש, — האָט זי געבעטן, — איז שוין דאָ קיינער נישט געבליבן פון דער פאַמיליע וואס האָט דאָ נישט לאַנג געוווינט?

— אַלע זענען אַוועקגעפאָרן, — האָט ער געענטפערט, — אַוועקגע־פאָרן אַלע, אי די שיינע חייקע, די געוועזענע האַזייקאַ פון דעם הויז, אי איר נייער מאַן, דער רויטער זשיד — נאַ טשאָרטו! דאַרף זי האָבן אַזאַ זשיד פאַר אַ מאַן! — אי דער רבי, אי די שוועסטער זיינע; נאָר די ווענט און איך בין דאָ געבליבן זיי צו היטן. נאָר זאָג מיר, דו קראַסאַוויצע, ביזטו דען נישט אַ היגע? דאַכט זיך, דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען געזעגנען זיך דאָ מיט זיי...

— איך בין נישט קיין היגע, איך בין צו דער אַלטער געקומען, וועלכע איז דאָ קראַנק געווען, לעבט זי נאָך? ווו איז זי, אויב זי לעבט נאָך?

— זי וועט שוין קיין סך נישט לעבן, — האט ער קאַלט געענטפערט, — זי ליגט דאָרט אין שטיבעלע און אַן אַלטע זשידאווקע זיצט דאָרט ביי איר. ביזטו אַ טאָכטער אירע?

— אַ טאָכטער. לאז מיך צו צו איר, האב רחמנות! — האָט זי מיט טרערן געבעטן. — דער סטרוזש האט איר דאס טירל פון טויער געעפנט און דורכגעלאָזן זי אין הויף אַריין.

— אַ סטאַרוכא און האָט אזא קראַסאַוויצא אַ טאָכטער, פּראָסטא ליובאָ סמאָטריעט! — האט דער סטרוזש אַרייַנגעברומט פאַר זיך אין זיין גרויסן באָרד אַריין און דאָס טירל צוריק פאַרשלאָסן.

רחלע האָט זיך אין הויף נישט אומגעקוקט און איז גלייך אין שטיבעלע אַריין, ווו פייגע איז געלעגן. ערגעץ אויף אַ ווינקעל אויוון האָט אַ בלעכערן לעמפּל אָן אַ גלעזל געברענט און געדרויכערט און אַ טרויעריקן שיין געוואָרפן אויף דער קראַנקער, וועלכע איז איצט מער טויט ווי לעבעדיק אין בעט געלעגן מיט אַ ווייס ליילעך אַריבערגעדעקט. לעבן בעט איז אַן אַלטע יידינע געזעסן און געדרעמלט; נאָר רחלע האָט זיך נישט אומגעקוקט, אירע אויגן האָבן פייגען געזוכט. זי איז צום בעט צו און האָט זי פון נאָענטן אויך נישט דערקענט. זי האָט זיך שוין מער נישט געקענט באַהערשן און האָט צו וויינען אָנגעהייבן. די אַלטע, וואָס האָט דאָ לעבן בעט צוגעדרעמלט, האָט זיך אויפגעכאַפּט און געגעבן רחלען מיט אַ ווונק צו פאַרשטיין, אז די קראַנקע איז שוין אַ פאַרביייגע. רחלע האָט איר קאָפּ אויף אַ ברעג בעט ארויפגעלייגט און ביטערלעך געוויינט.

—ווער זענט איר? —האָט די אַלטע געפרעגט, —זענט איר נישט די קרובה אירע, וואָס זי ווארט, זי זאָל קומען מיט איר ווידוי זאָגן? עפּעס זעט איר מיר אויס באַקאנט... האָט איר נישט געדינט אַמאָל ביי זעליק נחמנס?

רחלע האָט צו וויינען נישט אויפגעהערט, די אלטע האָט זיך נאָכמער איינגעקוקט און האָט זי דערקענט.

— רחלע, גאָט איז מיט מיר! — האָט זי מיט שרעק אויסגעשריגן, — פון וואַנען קומסטו? ווו ביזטו געווען? ביזטו נישט דערטרונקען געוואָרן? ווי „אַ נישט דאָ געדאכט זעסטו אויס!“...

ביי די ווערטער האָט די אַלטע זיך אָפּגעצויגן פון איר מיט שרעק און געכאַפּט דעם סידור אין האַנט, ווי זי וואָלט זיך מיט דעם געוואָלט באַשיצן פון אַ בייזן רוח, וועלכער שטייט דאָ פאַר איר.

— נישט שרעקט אייך, סלאַווע! — האָט רחלע וויינענדיק אויסגערעדט... — אַ לעבעדיקע שטיי איך דאָ פאַר אייך, כאָטש דאָס לעבן איז מיר שווער און איבערדריסיק!.. איך בין נישט דערטרונקען, כאָטש איך טרינק מיך שוין לאַנג אין מיינע אייגענע טרערן!. אָ, ווי טיף און ברייט איז דער ים, אין וועלכן איך בין אַריינגעוואָרפן געוואָרן, ווי ביטער איז מיר, אַז איך זע נאָך מיט מיינע אויגן, ווי דאָס לעצטע שיפעלע מיינס, וואָס האָט מיך ראַטעווען געקענט, ווערט שוין אויך צעבראָכן!.. גאָט אין הימל, פאַרוואָס שטראָפסטו מיך אַזוי? דו האָסט מיין פאָטער אַ יונגען צוגענומען, מיין מוטער האָבן זינדיקע מענטשן פון מיר אָפּגעריסן, דאָס האַרץ פון מיין איינציקן טרייען פעטער האָסטו פאַר מיר פאַרשלאָסן... אָ, האָב שוין רחמנות און לאָז מיר די איינציקע פייגען מיינע, אָדער נעם מיך שוין אויך צו מיט איר צוגלייך!

— היינט איז שבת, רחלע! — האָט די אַלטע שמשטע געזאָגט.— פייגע האָט ערלעך אירע יאָרן אויסגעלעבט, אין אַ בעסערן אופן, ווינטש איך דיר אירע יאָרן צו דערלעבן. אַך, מיין טאָכטער, דו האָסט פיל לייד און פיין דיין מוטער און דער גאַנצער פאַמיליע אָנגעטון, גאָט זאָל דיר עס מוחל זיין! וואָס פאַר אַ מצווה וואָלט איך איצט פאַרדינען, איך זאָל קענען דיין מומען דבורהן אָנזאָגן, אַז די דערטרונקענע, אָדער אַנטלאָפענע פּלימעניצע, די גוטע רחלע איז דאָ, זי לעבט און האָט חרטה מסתמא אויף אַלץ; אָבער איך האָב מורא דיך דאָ צולאָזן אַליין לעבן דער גוססטע.

רחלע האָט נאָר שטיל אירע טרערן געשלונגען!

— וויין, וויין, מיין טאָכטער,—האָט סלאַווע ווידער אָנגעהויבן,— אַז יום־כּפּור געפאַלט אום שבת, מעג מען אויך וויינען. זאָלן דיינע טרערן אַ קרבן זיין פאַר דיינע יונגע זינד... דו האָסט חרטה און דיין האַרץ קערט זיך צום גוטן, דאָס זע איך פון דיין וויינען. זייער רעכט, תשובה טון דאַרף יעדער מענטש באַלד טאָקע היינט, כאָטש אום שבת, קיינער ווייס נישט וועמענס מאָרגן עס איז!..

אין דעם מאָמענט איז שרהלע אַריינגעקומען.

— גוט וואָס דו ביזט געקומען, — האט די שמשטע געזאָגט, — דיר איז באַשערט די מצווה אנצוזאָגן דבורהן, אז איר רחלע איז דאָ. לויף שוין און זאָג איר, זאָל זי אַהער קומען זי צונעמען, איך האַלט אַליין לויפן, נאר איך האב מורא דיך דאָ צולאָזן מיט איר, זי קען נאָך ווידער אזוי פלוצלונג אוועקגיין, ווי פלוצלונג זי איז גע-קומען. שיק אריין נאך ווענמען עס איז, גאָט וויס, אויב די קראנקע וועט שוין דעם טאָג דערלעבן!

שרהלע האט נאָך אַ קוק געטון אויף רחלען און אַ גאס טרערן איז איר פון די אויגן אַרויס.

— וואס וויינסטו שוטה? — האט די שמשטע צו שרהלען געזאָגט, — פרייען דאַרפסטו זיך, אויב דו האסט זי אַמאָל ליב געהאַט... זי וויינט אויף אירע יונגע נאַרעשע זינד... די חופּה איז נאָך פאר איר און גאָט, ברוך הוא, וועט אירע טרערן צונעמען און איר מוחל זיין...

— זאָל איך גיין דיין מומען אָנזאגן, אז דו ביזט דאָ, רחלע? — האָט שרהלע געפרעגט.

— ביזטו נישט אַ שוטה, האב קיין פאַריבל נישט, אז דו פרעגסט נאָך? — האָט זיך סלאווע אָפּגערופן. — און אז זי וועט דיר זאגן — נישט? ביי פאַרדין אַ מצווה און מאַך קיין שיהות נישט!

שרהלע איז אַוועקגעגאנגען און איז אין עטלעכע מינוט אַרום מיט דבורהן געקומען.

— רחלע, מיין בריליאנט, מיין קרוין! — האט די מומע אויסגעשריגן און איז רחלען אויפן האַלדז געפאַלן.

— מומע! ליבע מומע! — האט רחלע, קוים קוים אַרויסגערעדט און ביידע האָבן מער קיין רייד, קיין ווערטער געהאט וואס צו רעדן, — וואס צו פרעגן.

שרהלע האָט זיי קוים צו זיך געבראַכט.

— וואָס מאַכסטו, מיין קינד, ווען ביזטו געקומען? פון וואַנען? נאר וואס פרעג איך? גאָט האט דיך געבראכט און אים דאַנק איך וואס מיינע אויגן זען דיך נאָך? וואס ווייסטו וויפל טרערן איך האב פאַרגאָסן, וויפל נעכט איך האב דורכגעוויינט! קום אַהיים צו מיר, צו מיר, מיין קינד, דאָ האסטו שוין גאָרנישט, גארנישט, מיין טאָכטער... דיין מאמע האט אלץ פאַרקויפט, אַלץ אלץ, וואס איז אונדז דאָ אַמאָל

ליב און טייער געווען...—קום צו מיר פרייען וויל איך זיך מיט דיר און נישט וויינען.

— דאָ האָב איך נאָך אַלץ, אַלץ וואָס איך וויל נאָך האָבן. — האָט רחלע געענטפערט און מיט איר האַנט אויף דער קראַנקער געוויזן.—אָ, בעט מיך נישט, מומע, מיט אייך צו גיין, מיין טרייער פעטער האָט ביי זיין אמונה געשוווירן מיך פריער אויף זיין שוועל נישט אַרויפצולאָזן ביז נאָך מיין חתונה, איך וויל נישט ער זאָל צוליב מיר זיין הייליקע שבועה בראָכן!

— האָסטו נאָך דיין האַרץ נישט געבראָכן?—האָט דבורה מיט טרערן געפרעגט.

—נישט איך, אַנדערע האָבן עס אין מיר צעבראָכן און גאָט זאָל זיי מוחל זיין!—האָט זי געענטפערט.—צעבראָכן און צעריסן איז מיין האַרץ אין שטיקער, אָבער נאָך גאַנץ איז מיין רעכט און אמת אין אים און איך וועל אַנדערש נישט זיין, ווי איך בין געווען. האָט קיין טעות נישט, מומע, איך בין נאָך די שלאָכטע פאַרשייטע זינדיקע רחלע. אָ, לאָזט מיך שוין אַזוי שטאַרבן און מאַכט מיך נישט ערגער, ווי איך בין!

—נאַריש קינד, עלנט קינד!—האָט די מומע וויינענדיק געענטפערט,—אָט זע דעם סוף פון זינדיקן מענטשן, קוק זיך צו, צו וואָס אַ מענטש לעבט אויף דער נאַרעשער וועלט. זע אונדזער פייגען ווי זי גייט ווי אַ ליכט אויס און זאָג אַליין: דאַרף אַ מענטש זינדיקן, עקשנות פירן? דאַרף אַ קינד ווידערשפּעניק זיין אַן אייגענער מוטער, אַ טרייער פאַמיליע און פריינט און זאָגן, אַז עס געפעלט נישט וואָס איז גאָט אויך געפעלן? טאָר מען זאָגן, אַז איך בין קליגער פאַר אַלעמען און נישט גלייבן אין וואָס עס איז באַשערט? און אַז מען פירט שוין אויס וואָס מען וויל, און אַז מען זעטיקט זיך שוין אָן מיט דער זינדיקער תאווה, קומט מען דען נישט צו צו דעם סוף? נאַריש קינד איין, דו מיינסט עס איז דיין וועלט, דו האָסט אַ דעה צו זאָגן אין איר? אסור זאָל מיר זיין, אויב דאָס איז אַזוי! די יאָרן, מיין קינד, לויפן ווי אַ חלום אַריבער און אַז מען ליגט אויף דעם בעט, ווי די אָרעמע פייגע דאָ, איז אַלץ איינס ביטער פון דער וועלט זיך צו שיידן, צי מען האָט פריער געגעסן אָדער נאָך צו געניסן גאָרנישט אָנגעהייבן... קיין גליק און פאַרגעניגן פון אַמאָל טרייסטן דעם מענטשן נישט אין דער לעצטער שעה; נאָר תשובה און מעשים טובים זענען

אונדזער טרייסט. באַראַכן דאס, מיין קינד און זיי אַ גוטע, אַ פרומע... זאָלן מיר שוין נחת פון דיר האָבן פאַר אזוי פיל צער, וואס מיר אַלע האָבן ביז היינט אַריבערגעטראָגן!—

— אַלץ איין סוף, מומע, — האָט זי אויסגערעדט, — פאַרשידן אָבער זענען די וועגן, וועלכע פירן צו דעם סוף! וויפל בלאָנדזעט מען און ליידט מען, ביז מען געפינט דעם וועג צו אים!..

— קום אַהיים, מיין טאָכטער, — האָט די מומע ווידער געבעטן, — וואָס אַרט דיך דיין פעטערס שבועה? האָט ער דען אויף אַזא סוף גערעכנט? קום, איך זאָג דיר צו מיט דיר נישט צו רעדן פון דאָס וואס איז געווען. קיינער וועט נישט סמייען ביי מיר אין שטוב אַ וואָרט דיר צו זאָגן. קום, דו האסט איצט קיין אַנדער היים נישט... אַלץ, וואס איך האב איז דיינס, דיינס, מיין קינד... דאס האַרץ צע־גייט אין מיר, אז איך זע ווי קראַנק דו ביזט און ווייסט אפילו נישט ווי טייער דיין געזונט איז ביי אונדז אַלעמען.

— איך בין קראַנק, — האָט רחלע געענטפערט, — נאָר ווער האט מיך קראַנק געמאַכט? די גאַנצע וועלט איז איצט מיין קראַנק בעט... די מענטשלעכע נאַרישקייט און ווילדע עקשנות איז די קראַנקהייט, וועלכע האט מיין געזונט און ייגנט אונטערגעגראבן!.. בעט בעסער גאָט, ער זאל שוין אַ כּוח מאַכן פון מיינע צרות און פון מיין לעבן, צו אייך אַהיים וועל איך נישט גיין, בעט בעסער נישט!

— צו וועמען דען וועסטו גיין? ווו האָסטו איצט אַן אַנדער היים? אָרעם קינד, נאַריש עקשנות קינד!

— ביי דער גוטער שרהלען בעט, זי זאָל אייער פאַרוואָגלטע פלימעניצע אין איר שטיבעלע אַריינעמען, — האָט רחלע אויסגערעדט זייער רירנדיק. — שרהלע, איר וועט דאָך רחמנות האָבן אויף אַן עלנטע, וואָס האָט קיין היים נישט. האָב איך נאָך עפעס פון מיין טאַטנס ירושה, וועט מען אייך מיין דירה־געלט באַצאָלן... נישט זאָגט מיר אָפּ אין מיין נויט, שרהלע!

די גוטע פרוי איז אזוי גערירט געווען פון רחלעס בעטן זיך, אז זי האָט נאָר וויינען געקענט. דבורה האט נישט אויפגעהערט צו בעטן און צו וויינען, שרהלע האט אויך גענוג געבעטן. אויך דער דאָקטאר וואס איז געקומען צו דער קראַנקער, האָט זיין אַנטייל גע־נומען, רחלען צו באַוועגן ווייניקסטנס פון דעם שטיבעלע אַרויסצוגיין, אָבער זי האט אויפגעהערט צו רעדן און צו ענטפערן און איז ווי

אַ צוגעשלאָגענע לעבן פייגעס בעט געשטאַנען. פייגע האט פון היין אומפאַרשטענדלעכע ווערטער אַרויסגערעדט און נישט געוווסט און נישט געהערט, וואס אין איר שטיבעלע טוט זיך. די מומע דבורה האט פון ווייגען און קרענקונג אַ קאָפּ שמערצן באַקומען און האט זיך געבעטן אַהיים אָפּפירן. שרהלע האָט זי אַהיים אַוועקגעפירט און צוגעזאָגט פון איר פלימעניצע אן אויג נישט אַראָפּצונעמען. רחלע איז מיט סלאַוועַן אַליין לעבן דער קראַנקער געבליבן. סלאַווע איז באַלד אנטשלאָפן געוואָרן און רחלע האָט איר קאָפּ צום בעט צוגעשפּאַרט און איז אין אַ שרעקלעכן קוואַל טרערן אזוי געלעגן די גאַנצע נאַכט. אז עס האָט צו באַגינען אָנגעהייבן, האט די קראַנקע די אויגן געעפנט און איר אויסגעטריקנטע האנט אויף רחלעס קאָפּ אַרויפגעלייגט.

— ווער איז דאָ? — האט זי שוואַך אַרויסגערעדט.

רחלע האט זיך פון איר קוואַל אויפגעכאַפּט און פייגעס אָפענע אויגן דערזען.

— פייגע, טייערע, ליבע פייגע! — האָט זי אויסגעשריגן און אירע טרערן זענען אויף דער קראַנקערס הענט געפאַלן.

— רחלע, מיין עלנט קינד! — האָט די קראַנקע אויסגעזיפצט, — וואָס מאַכסטו? ווייז מיר דיין ליכטיק פנים און מיר וועט נאָך אַ מינוט פאר מיין טויט אין מיינע אויגן ליכטיק ווערן.

— פרעגט נישט, פייגע, וואס איך מאַך! זייט איר מיר געזונט, מיינע כּוחות זענען שטאַרקער ווי אייזן, איך וועל אַלץ, אַלץ אַריבערקומען, זענט איר נאָר געזונט, האָט נישט קיין צער פון מיר!

— קיין צער האָבן פון דיר? — האָט די קראנקע איבערגערעדט, — ווי קען איך קיין צער האָבן פון דיר, אז איך זע דיך אזוי עלנט און קען דיר אין דיין נויט נישט ביישטיין.

— אַך, גוטע פייגע, אייער קראַנקהייט איז מיין גרעסטע זייטיק! אַלץ וואָס איז געווען, פאַרגעס איך אין דער מינוט, וואָס איך זע אייך אזוי ליידן. נאָר פאַר אייער געזונט און לעבן בעט איך איצט גאָט. מיר אַליין איז גוט... איך פאַרלאַנג גאָרנישט, גאָרנישט, פייגע!

— בעט בעסער פאַר זיך, מיין ליב קינד! — האָט פייגע געענטפערט, — מיינע יאָרן זענען שוין אויס... גאָט איז מיר נישט שולדיק געבליבן... הלוואי וואָלט איך אים מיינע אַלע חובות, ווי

אַ פרומע יידישע טאָכטער געקענט באַצאָלן, ווי ער האָט מיר ביז איצט באַצאָלט! פיל האָט מיר נישט געקומט פון אים, ער האָט מיר נאָכמער ווי מיינע מעשים געגעבן. דו אָבער ביזט נאָך יונג, דו קענסט נאָך פיל גוטס טון און פיל גוטס זיך דערלעבן... בעט אים, בעט אים, מיין טאָכטער!

— נישט רעדט אזוי פיל, פייגע, — האט רחלע געבעטן, — איך זע דאָך ווי שווער דאס רעדן איז אייך. זייט מיר געזונט! געזונט זייט מיר, ליבע פייגע!

— נישט פיל נאָך וועל איך רעדן... — האט די קראַנקע געענטפערט, — אַך, מיין קינד, גאָט האט אויך מיין לעצטע בקשה צוגעהערט און דעם מלאך-המות אָפגעהאַלטן ביז איך וועל דיך נאָך ווידער זען לעבן מיר. נעכטן פאַרנאכט איז מיר מיט איינמאָל אַזוי שלאכט געוואָרן, אז איך האָב געמיינט, מיין סוף איז שוין געקומען... איך האָב געוואָלט שיקן נאָך דיר, נאר דאס לשון האט מיר אָפגענומען. דאָס האַרץ אין מיר אָבער האט געשריגן: האָב רחמנות, גאָט אין הימל, לאָז מיך רחלען נאָך מיט מיינע אויגן זען, איך זאָל קענען איר טרייען טאַטן און טרייען זיידן אַ גרוס ברענגען, אז איך וועל ווערט זיין קומען צו זיי! נו, זע איך דיך, דו וועסט אויף מיין חתונה די מחותנתטע זיין. איצט מעג איך שטאַרבן! וועק אויף, מיין קינד, סלאַווען, זאָל זי העלפן צו פוצן די כלה... באַלד וועט מיין חופה זיין...

רחלע האָט די שמשטע אויפגעוועקט, די קראַנקע האָט אַ ביסל וואַסער פאַרלאנגט די הענט צו וואַשן.

— נעם, מיין טאָכטער, דעם סידור און זאָג מיט מיר ווידוי! — האָט זי געבעטן.

רחלע האט געציטערט.

— שרעק דיך נישט, מיין קינד, — האָט די קראנקע אויסגערעדט, — ווידוי איז די בעסטע רפואה, שטאַרבן מוזן אלע און איטלעכער פרומער ייד ווינשט מיט ווידוי און מיט תשובה צו שטאַרבן!..

רחלע האט דעם סידור גענומען — דאס בלעטל פון ווידוי איז שוין פאַרבויגן געווען — ניכר, אז די קראנקע האָט שוין ביז איצט אויך נישט יוואַרט ווידוי צו זאָגן — און זי האָט פאָרגעזאָגט, וואָרט נאָך וואָרט ט פייגע נאָכגעזאָגט און האָט זיך אין האַרצן געשלאָגן צו איטלעכס רט. רחלעס טרערן האָבן זיך געגאָסן און זענען איבער די ווידוי.

וועַרטער געפאַלן, פון וויינען האָט איר ענדלעך אין האַלדז פאַרשטיקט און זי האט נישט געקענט ענדיקן.

— זאָל געזונט זיין! — האט פייגע ענדלעך ארויסגערעדט.—גיי דיר אַ ביסל אַרויס, רחלע, איך האב מורא פאַר דיין געזונט... גיי ארויס, דאַכט זיך, די זון שיינט שוין, פאַר דיר, מיין קינד, און פאַר נאָך אַזעלכע יונגע ביימעלעך, ווי דו שיינט זי... געניס די פרישע לופט, דו דאַרפסט נאָך לעבן און כוחות קלויבן.

רחלע האט נישט געוואָלט אַרויסגיין, אָבער אז פייגע האָט געזאָגט, אז זי מאַכט איר נאר צער. וואס זי פאַרהיט איר געזונט נישט, איז זי אַרויסגעגאַנגען און זיך ערגעץ אין אַ ווינקל הויף אַוועקגעזעצט. פון אַ גאַנצע נאַכט וואַך זיין איז זי איינגעדרעמלט געוואָרן. שרהלע האט זיך דערשראָקן אז זי האט רחלען נישט געפונען.

— זוך זי אויפן הויף אָדער אין סאָד! — האט די קראַנקע געהייסן, — האָב קיין מורא, זי וועט ערגעץ נישט גיין, איידער מען וועט מיך אַרויסטראָגן פון דאַנען!..

שרהלע איז אַרויסגעלאָפן און האָט רחלען געפונען אַ שלאָפנדיקע זיצנדיק.

— קום רחלע, צו מיר אַהיים! — האט זי געבעטן, — קום, דיין מומע האָט מיך געבעטן, איך זאָל דיך צונעמען... זיי איצט מיין פרייע שכנה, גאָט זאָל פייגען די רפואה צו שיקן... וואָס קענסטו איר העלפן אז דו וועסט שוין, חלילה, קראַנק ווערן דורך איר?..

— אָ, שרהלע, — האָט רחלע אויסגערעדט, — פייגע האָט נאָך מיין פאָטער, אזוי ווי מיך, אויף אירע הענט געטראָגן... פאַרדינט זי דען נישט פאַר אזוי פיל ליבע און טרייהייט איך זאָל פון אירעטוועגן אַ נאכט נישט דערשלאָפן, אַ טאָג נישט דעררוען? נישט פיל וועט זי מיך נאָך ברויכן, דעם לעצטן חסד טו איך איצט מיט איר!..

— ווי פילט איר אייך איצט, פייגע? — האט זי געפרעגט, אז זי איז צוריק אַריינגעקומען.

— איך פיל מיך איצט אַזוי גרינג, ווי אַ פעדער, מיין ליב קינד! — האָט פייגע געענטפערט, — אַלע מיינע ווייטיקן האָבן זיך אָפּגעטון און איך הער ווי די נשמה מיינע טוט זיך אויס פון דעם זינדיקן גוף... מיר דאַכט זיך, אז איך פלי אין דער לופטן... דאס

איז אַ סימן, אַז אָט באַלד וועט די גוטע רגע קומען. פֿאַרגעס נישט פֿאַר אַן אָרט אַן אייביקן פֿאַר מיר צו באַצאָלן. אַ קדיש צו דינגען און צום יאָרצייט אַ ליכט אָנצוצינדן אין אַ מקום קדוש.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האט די קראַנקע געזאָגט:

— קום אַהער, מיין טאָכטער, מיר איז נישט באַשערט דיין חופּה צו דערלעבן, דיך צו בענטשן פֿאַר דיין באַשערטן אין די אויגן, לאָ־מיך דיך בענטשן דאָ פֿאַר מיין טויט און גאָט זאָל אים בענטשן, משהלען, דאָרט, ווו ער איז!..

מיט די ווערטער האָט זי נאָך אירע הענט אַרויפֿגעלייגט אויף רחלעס קאָפּ און זי געבענטשט. מער האָט די קראַנקע נישט גערעדט אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, זי האָט נאָך שטיל ווידוי געזאָגט. אַז, די זון האָט שוין אַרויסגעשיינט, איז זי צוריק אין אַ פֿאַרגעסנקייט אַריינגעפֿאַלן. דער אָטעם איז שווערער געוואָרן און די גסיסה האט זיך אָנגעהייבן. דער דאָקטאר איז געקומען און האט שוין קיין רעצעפּט מער נישט פֿאַרשריבן. נאָך אַ פּאר שעה זענען אַריבער און אַלע, וואס האָבן אין שול דערהערט, אַז די דערטרונקענע, אָדער אנטלאָפענע איז אליין צוריקגעקומען, זענען געקומען זי זען. אַ גליק, וואס ר' הענעכס שומר האט נישט אַלעמען אין הויף אַריינגעלאָזן. פֿונדעסט־וועגן זענען אין שטיבעלע גענוג מענטשן געווען, וועלכע האבן רחלען גענוג געפּייניקט מיט זייערע שאלות און עצות. שימעלע און נאך אַ זעלכע האבן נישט געזשאלעוועט איר מוסר צו זאגן, באַקאַנטע ווייַ־בער האבן זיך נישט געשעמט איינע דער אַנדערער צו זאגן, אַז אַ כּישוף אדער אַ דיבוק זיצט אין איר. זי האט אַלץ געהערט, אדער גארנישט געהערט. דאס געזיכט אירס האט געברענט און געשיינט, די אויגן זענען אפילו פֿון וויינען און פֿון נישט שלאָפֿן רויטלעך געווען, אבער צו איר שיינעם געשטאַלט האט אויך דאס אַ חן צוגעגעבן. זי האט קיינעם קיין איינציק ווארט נישט געענטפֿערט, אזוי ווי זי וואלט מיט אַמאָל שטום געוואָרן. די מומע דבורה איז אַ גאַנצן טאג קראַנק גע־ווען און נאר געשיקט עטלעכע מאָל געוואָר ווערן: וואס טוט רחלע? וואס מאכט פֿייגע? זי האט איר אויך עסן געשיקט, אבער רחלע האט אין מויל נישט גענומען. אזוי איז אַ לאַנגער שרעקלעכער טאָג אַריבער, די קראַנקע האט אַלץ מער און מער זיך געמאַטערט, דאס האַרץ האט זיך געהייבן און דער אָטעם האט ווי מיט אַ זעג געזעגט. עס האט אָנגעהייבן נאַכט צו ווערן. דער שומר האט ווידער דאס רויכערדיקע

לעמפּל אנגעצונדן, אבער די טונקלקייט אין שטיבעלע נישט העלער־געמאכט. עס איז נאכט געוואָרן. סלאווע און נאך אַ שמשטע האבן אפּ־געזאגט: „גאָט פון אברהם", רחלע האט שטיל זיי נאכגעזאגט, פון פּייגעס בעט נישט אפּטרעטנדיק. פּלוצלונג האט זי זיך דערשראָקן, אזוי, אז סלאווע האט דערזען ווי זי ציטערט מיט אלע גלידער.

— וואָס איז דיר, רחלע? וואָס ביזטו אזוי בלאַס געוואָרן? — האט זי געפרעגט.

רחלע האָט מיט איר פינגער צו דער טיר באַוויזן. דא איז ר׳ בונים דער סופר געשטאַנען, וועלכער איז געקומען דאָ מעריב דאַווענען, כדי דער גוססער מיט דער מצווה פון הבדלה נאָך מזכה צו זיין. נאָך אלס קינד האט זיך רחלע דעם מלאך-המוות שטענדיק פאָרגעשטעלט אין ר׳ בונימס געזיכט: אזוי שרעקלעך און טרויעריק איז זיין פּנים געווען. איצט האָט זי נישט באַמערקט, ווי ער איז אַריין, און אז זי האָט אים פּלוצלונג אַזוי אומבאַוועגלעך דערזען, אויף איין אָרט שטיי־ענדיק, האָט זי געמיינט, אז זי זעט שוין דעם „בעל-דבר" אַליין, וועל־כער וואַרט נאָר די מינוט אָפּ, די נשמה ביי פּייגען צוצונעמען.

— שרעק דיך נישט, — האָט סלאַווע געזאָגט, — דאָס איז ר׳ בונים, ער שטייט שכונה עשרה מסתמא, איך האָב אים נאך אין דערפרי געבעטן קומען הבדלה מאַכן, דאס איז אַ סגולה צו אַ גרינגען טויט.

באַלד האָט טאַקע ר׳ בונים אָפּגעדאַווענט און האָט געהייסן צוויי ליכט אָנצינדן, ער האָט פון בוזעם אַ פלעשל מיט אַ רביעית ארויס־גענומען, רחלע האט די ליכט אָנגעצונדן און ער האָט מיט אַ הייזעריקער צעריסענער שטימע הבדלה געמאַכט, אַליין אַ זופּ געטון און אַ ביסל ווייַן דער קראַנקער דורך די פאַרשלאָסענע ציינער אין מויל אַריינגעגאָסן.

— פאַרלעש נישט די ליכט, רחלע! — האָט ער אָנגעזאָגט, — נאָך איידער די ליכט וועלן אויסגיין, וועט איר נשמה אין הימל אַריין!

איר איז שרעקלעך געוואָרן צוצוזען די לעצטע פּיין פון איר טרייער פּייגען, דאס ביסל הבדלה-וויין איז איר אין האַלדז געבליבן און זי האָט געכאָרכלט, ווי אַ געקוילעטע. פּלוצלונג האָט זי אַ שטאַרקן ראָפּ געטון און דאס זעגן און כאָרכלן האט זיך ווי אינמיטן אָפּגעריסן.

— ברוך דיין אמת! — האט ר׳ בונים אויסגערעדט און איז ארויסגעגאַנגען.

די שמשטעס האָבן באַלד אַ ביסל שטרוי אַריינגעטראָגן, אויף דער ערד פאַרשפּרייט און די געשטאָרבענע פון בעט אָפּגעהייבן און אויף דער ערד מיט די פיס צו דער טיר אַוועקגעלייגט. רחלע האט אַ צייט געוויינט איבער איר. אז די הבדלה ליכט זענען אויסגעגאַנגען און מען האָט אַנדערע אָנגעצונדן, האָט זי געזאָגט:

— איצט נעמט מיך צו, שרהלע. איצט האָב איך שוין דאָ גאָר־נישט, גאָרנישט!.. פירט מיך צו אייך אַהיים, איך בין מיד, איך וויל אויסרוען איך זאָל מאָרגן קענען צו איר לוויה גיין.

שרהלע האָט די געשטאָרבענע מחילה געבעטן פאַר זיך, פאַר רחלען און אויך פאַר חייעלען און איז מיט רחלען אַהיים געגאַנגען. פיל פון די, וואס זענען אין דער צייט אויפן גאַס געשטאַנען זענען נאָכגעלאָפן זען, וווהין פירט זי שרהלע און רחלען האָבן אי קללות, אי באַדויערונג, אי מיטלייד באַגלייט.

יד.

צען אַ זייגער אין דערפרי איז פייגעס לוויה געווען. אַלע חברהשע ווייבער זענען געקומען זיך מתעסק זיין, ווייל די גע־שטאָרבענע איז אַ שמשטע געווען אין חברה־קדישא פון קלייניצער קהלה. עס זענען אויך באַלעבאַטים און נכבדים פון שטעטל געקומען, נישט אזוי דער געשטאָרבענער דינסט גומל חסד צו זיין, נאָר כבוד אָפּגעבן אין איר פּערזאָן אירע געוועזענע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן אַמאָל דעם שטעטל פיל גוטס געטון און עס איז אַ גרויסע, אַ שיינע לוויה געווען. מאַנכע נגידישע ווייבער אפילו האבן זיך געווונטשן: „אין אַ בעסערן אופן צו לעבן און נאָכן טויט קיין ערגערע לוויה נישט צו האָבן!“ נאָר נאָכמער זענען נייגיריקע מענטשן געקומען זען די דערטרונקענע, אָדער אַנטלאָפענע רחלען, וועלכע וועט געוויס ביי דער לוויה זיין. שימעלע מלמד האָט זיך צוגעגרייט איר מוסר צו זאָגן און ביים אָפּנעמם קבר איר געבן צו פאַרשטיין, אז פייגע איז נאָר דעריבער געשטאָרבן, ווייל זי איז מיט איר בעצה אחת געווען: נישט איינצוווליקן אין דעם שידוך, וואָס איז איר, רחלען, דורך

דעם רבין, זאָל לעבן, משמים באַשערט. דעריבער זאָל זי וויסן אז מען שפּילט זיך מיט דעם לעבן ממש, ווען מען עקשנט זיך פאַרקערט צו טון, ווי גאָט וויל, און זאָל זי טאַקע דאָ ביים אָפּענעם קבר זיך מתוודה זיין, אז זי האָט שוין זויף אלץ חרטה און איז אויף זיך מקבל חתונה צו האָבן מיט איר אמתן באַשערטן, ר׳ העניכס בן־יחיד, וואס דורכדעם וועט מען פייגען מוחל זיין אויף יענער וועלט, און ער, שימעלע וועט געהאָלפן ווערן אויף דער וועלט, מיט אַ קי, וואס גיט דריי טעפּ מילך אַ טאָג, ווי ר׳ העניך האָט אים מבטיח געווען צו צושיקן תיכף נאָך זיין זונס חתונה. ער איז זיכער געווען, אז זיין מוסר וועט העלפן און האט צו זיך געזאָגט: „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד! אַלץ וואָס דער רבונו של עולם טוט, טוט ער, דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה זאָל אין איר מקוים ווערן און פייגע וועט מיר העלפן מיט איר טויט מער, ווי אַן אַנדערער מיט זיין לעבן!״

נאָר צום אומגליק איז רחלע צו דער לוויה נישט געווען. זי האָט גאָר אין דער צייט געשלאָפן. שרהלע, וועלכע האָט איר ערנוואָרט געגעבן אויפצוּוועקן גאַנץ פרי, זי זאָל קענען דערביי זיין ביי דער טהרה און קבורה און זאָל קענען באַצאָלן פאַר תכריכים, פאַר אַן אייביקן אָרט אויפן ריינעם פעלד מיט פייגעס כשר פאַרהאָרעוועט געלט, ווי די געשטאָרבענע האָט איר אָנגעזאָגט — האָט אפילו געפּרוּווט זי וועקן, אָבער ווי רחלע האָט קוים די אויגן געעפנט, האָבן זיי זיך באַלד צוריק פאַרמאַכט און די מומע דבורה, וועלכע איז באַלד אין דערפרי געקומען געוואָר ווערן וועגן איר עקשנותע ליבע פלימעניצע האָט אָנגעזאָגט:

— ווי גאָט איז דיר ליב, שרהלע, דו זאָלסט זי נישט וועקן, ווי לאַנג זי שלאָפט. פייגען וועט זי שוין זאָ ווי זאָ נישט אויפהייבן און זי דאַרף נאָך צו אירע כוחות קומען, זי האָט זיך, נעבעך, גענוג אָנגעליטן פאַר דער גאַנצער צייט!

שרהלעס מוטער אָבער איז אומרויק געווען פון רחלעס נישט באַטירלעכן לאַנגען שלאָף און האָט איר טאָכטער אָנגעזאָגט נישט אַוועקגיין פון איר בעט איין מינוט. די אלטע איז מיט דבורהן צו דער לוויה אַוועק און שרהלע איז דאָ אַליין לעבן דער שלאָפנדיקער רחלען געבליבן. זיצנדיק אין שטילן צימערל אַליין, האט זי געהערט ווי רחלע קרעכצט און רעדט נישט בינדיקע ווערטער אַרויס, וואס זי האָט ביז איצט נאָך קיינמאל פון איר נישט געהערט. זי האָט איינגעזעֶן, אז רחלע

איז ערנסט קראַנק געוואָרן. אַ זייגער איינס בייטאָג האָט זי פּלוצלונג די אויגן געעפנט און זיך סמוטנע אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך גע-וואָלט דערמאנען, וואָס איז דאָ מיט איר געשען.

— וואָס איז דיר, רחלע? — האָט שרהלע געפרעגט, איר האַנט אָננעמענדיק.

— איך בין וואַך, שרהלע, אָדער זע איך דאָס נאָך אַלץ אין חלום?

— דו ביזט וואַך רחלע, וואָס ביזטו אַזוי אומעטיק?

— פייגע איז געשטאָרבן? נישט אמת, איך האָב אַ וואַכעדיקע געזען, ווי זי איז געשטאָרבן? — האָט רחלע ווידער אויסגערעדט. — אַך, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן חלום האב איך געזען! מיר האָט זיך גע-דאַכט, אז פייגע לעבט נאָך און איר קבר האט מען מיך לעבע-דיקערהייט מקבר געווען... איך האָב געפילט יעדע לאָפּעטע ערד, וואס מען האָט אויף מיר געשאָטן. איך האָב געוואָלט שרייען: „איך לעב נאָך!" נאָר דאָס לשון האָט מיר אָפּגענומען. איך האָב פון ווייטן מיין מוטער, מיינע ברידערלעך און מיין משהלען געזען. זיי האָבן אַלע געוויינט, זייערע טרערן האָבן זיך צו מיר אין קבר אַריינגעקויקלט און מיר איז פון מינוט צו מינוט אַלץ ענגער און פינצטערער גע-וואָרן. איך פּרוּוו באַוועגן אַ האַנט, זי רירט זיך נישט, איך הייב אָן צו קלערן: אפשר בין איך באמת געשטאָרבן? אפשר פילן אַלע גע-שטאָרבענע דאסזעלבע, וואָס איך? אָבער ווען בין איך געשטאָרבן? ווען איז מיין מוטער מיט מיינע ברידערלעך געקומען מיך באַוויינען? פאַרוואָס האָב איך מיט משהלען כאָטש איין וואָרט פאַר מיין טויט נישט אויסגערעדט? אַך, איך האָב אים דאָך אַזוי פיל צו דערציילן, אזוי פיל צו פרעגן!.. ניין, מיר גלויבט זיך נישט. עס מוז אַ חלום זיין, קלער איך ביי זיך און פּרוּוו מיך אויפכאַפּן, אָבער איך קען נישט; פאַרוואָס געווערט עס אזוי פיל, אויב דאס איז נאָר אַ חלום? פאַרוואָס איז מיר דער אָטעם אזוי ענג? פאַרוואָס טוט מיר דער קאָפּ אַזוי וויי און פאַרוואָס ברעכן מיר אַזוי אַלע מיינע גלידער? און נאָך אַזעלכע פראַגן פרעג איך ביי זיך, ביז — איך ווייס נישט ווי אַזוי — מיר האָבן זיך די אויגן געעפנט. איר האָט מיך געמוזט אויפ-וועקן. גוט האָט איר געטון, שרהלע, איך וויל נאָך לעבן, נישט פיל לעבן, אָבער גאָר אומגעריכט שטאַרבן איז נישט גוט!

— אַ חלום איז גאָרנישט, רחלע! — האט שרהלע געזאָגט. — אז עס

הלומט זיך, מען איז געשטאָרבן, איז אַ סימן, אז מען לעבט און מען וועט לעבן! שפּיי אויס דריי מאָל און לאָז דיר פון קאָפּ אַרויס די נאַרישקייט!

— אַ חלום איז גאָרנישט! — האט רחלע געענטפערט. — איך גלויב אַליין אין דעם נישט, נאָר איך וואָלט וועלן וויסן, פון וואַנען קומט אַזא חלום? ווען האב איך בייטאָג אַזא שרעקלעכן געדאַנק געהאַט? אָ, שרהלע, איך פיל מיך קראַנק, איך האָב קיין איין גאַנץ גליד נישט מער אין זיך!

— איך וועל באַלד צום דאָקטאר לויפן, ער וועט דיר א רפואה געבן, וועסטו געזונט זיין און איך וועל נאָך נחת האָבן פון דיר...

— גייט בעסער, ברענגט מיר אַ ביגעלע פּאַפּיער מיט אַ טינט און פעדער. איך האָב אַזא צייט צו משהלען נישט געשריבן... איך וויל אים בעטן, ער זאָל וואָס גיכער צו מיר קומען.

שרהלעס מוטער איז געקומען און געברענגט אַ פלאַש וויין פון דער מומען.

— איז שוין פייגע דאָרטן, רבקה טייערע? האט רחלע געפרעגט, אז זי האָט די אַלטע דערזען. — האָט מען זי כאָטש אָרנטלעך באַגלייט, אָדער קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דער אָרעמער דינסט אפילו נאך איר טויט?

— זי איז שוין דאָרט, רחלע, אין דער אמתער וועלט! האָט רבקה געענטפערט. — איר איז שוין גוט, זי איז שוין מער קיין דינסט נישט און אז מיר וועט באַשערט זיין אין אַ בעסערן אופן אויסצעלעבן מיינע יאָרן, זאָל איך קיין ערגערע לוויה נישט האָבן! זי איז אַן ערלעכע, אַ גוטע און אַ פרומע יידישע טאָכטער געוועזן. אזוי פיל גוטע מליצים זאָלן איר אנטקעגן קומען, וויפל מעשים טובים איך ווייס פון איר צו דערציילן. זאָל זי שוין אַ גוטע בעטערין זיין פאַר דיר, מיין קינד, און פאַר אונדז אַלעמען!

— איז מיין מומע דבורה געווען אויפן רייניעם פעלד?

— זי איז געווען און קוים אַ לעבעדיקע אַראָפּ. די זון האט איר דעם קאָפּ אָנגעברענט. אַ שוואַכע איז זי, זיך גענוג אָנגעווייַנט, איך האָב זי פון דיין זיידנס קבר קוים צוגענומען און אַהיים אַוועקגעפירט. פאַר דיר, מיין טאָכטער, האָט זי אים געבעטן, זי האט קיין כעס, חלילה, אויף דיר. אין שטוב האָט זי קראַנקערהייט אַ פלאַש וויין אויסגעזוכט, מיר דערלאַנגט און אָנגעזאָגט, דו זאָלסט עס טרינקען און

צו דיינע כּוחות קומען. אז איר וועט דער קאָפּ-ווייטיק איבערגיין, וועט זי דאָ זיין!

— מיין גוטע מומע, מיין ליבע מומע! נאָר צער האט זי פון מיר!

— זי וועט נאָך נחת אויך האָבן, רחלע! — האָט די אלטע געטרייסט.

— נחת האָבן פון מיר? ווען?..

— לאָז זיך נישט אָפּ, רחלע. נעם אַ ביסל ווין, וועסטו דיין האַרץ דערפילן!

— איך קען היינט קיין ווין נישט טרינקען, רבקה! דער קאָפּ טוט מיר ווי. אַך, וואס קומט שרהלע נישט? איך וויל אַ בריוועלע אָנשרייבן, זאל ער גיכער קומען... גיכער רבקה!.. ווער ווייס, אויב מאָרגן וועל איך נאך קענען שרייבן?

אין דער מינוט איז שרהלע אריינגעקומען מיט אַ טינט און פעדער. רחלע האָט זיי צוגעזאָגט אַלץ צו טון, וואס זיי וועלן הייסן, נאָר זיי זאָלן זי איצט אַליין לאָזן כאָטש אויף אַ האַלבע שעה, ביז זי וועט דאָס בריוועלע אויפשרייבן. זיי האָבן איר בעטן זיך נישט גע־קענט אנטקעגנשטיין און זענען פון צימערל אַרויס. זי האָט זיך גע־זעצט שרייבן. קוים אָבער האָט זי דריי שורות אָנגעשריבן, איז איר דער קאָפּ שווער געוואָרן. די געדאַנקען האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט, אירע פינגער האָבן זיך אין אַ פיינלעכן קראַמף פאַרצויגן און די פעדער איז איר פון האַנט ארויסגעפאַלן. זי איז איבער דעם פּאַפּיר איינגעבויגן געזעסן און אירע טרערן האָבן זיך שטיל געגאָסן.

— גענוג דיר שרייבן, גענוג זיך דאָס געזונט ארויסצונעמען! — „האט שרהלע געשריגן, אז זי האט זי אין אזא לאַגע געפונען. — ווי איז מיר, ווי קען אַ מענטש לעבן אָן עסן, אָן טרינקען? פון פרייטיק אָן האָסטו דאָך אפילו אַ שלוק קאַלט וואַסער אין דיין מויל נישט געהאט!

— גענוג מיר שרייבן... גענוג, שרהלע!.. — האט זי ביטערלעך אויסגערעדט. — מיין קאָפּ זאגט זיך שוין אָפּ מיר געדאַנקען צו געבן, מיינע פינגער ווילן שוין די פעדער איבערן פּאַפּיר מער נישט פירן. „גענוג שרייבן!“ זאָגן זיי, פאַרוואס זאָגט אָבער מיין האַרץ נישט: „גענוג!“ אפשר וועלן מיינע פאַרגאָסענע טרערן אויף דאס בלעטל פּאַפּיר, אים זאָגן אַלץ, וואס דאס האַרץ מיינס פילט איצט.. ער וועט זיי פאַרשטיין. ער אליין נאר, ער וועט זיי פאַרשטיין!..

די אַלטע איז אויך באַלד אַריינגעקומען און האט דורכאויס פאַרלאַנגט, זי זאָל עפּעס אין מויל נעמען.

— נישט נויט מיך, וואס איך קען נישט מער! — האט זי געבעטן. — איר ווייסט דאָך, איך האב אייך אַלעמאָל צוליב געטון און וויל אייך גערן פאָלגן, אָבער היינט קען איך נישט! פירט מיך בעסער אויף דער גאס אַרויס. מיר איז שרעקלעך איבל, אפשר וועט מיך די פרישע לופט שטאַרקן.

שרהלע האָט זי אונטער די הענט אַרויסגעפירט און מיט איר אונטערן פענצטערל זיך אַוועקגעזעצט. עס איז שוין פאַרנאַכט געווען, רחלע האט אויף יענעם ברעג הימל געקוקט, ווו די זון האט זיך פלוצלונג אונטער אַ שוואַרצן שטיק וואָלקן באַהאַלטן. העכער אַ ביסל האָבן זיך גרויסע, ווי שנייבערג, הויכע שפּיצן וואָלקן אַרויפגעטראָגן און האָבן מינוטנווייז זייער פאַרב און פיגור געביטן. איר פיבערדיקע פאַנטאַזיע האט איר אין די וואָלקן — פיגורן אויסגעמאָלט, אויף וועלכע זי האָט אָן טרערן נישט געקוקט. פלוצלונג האט זי זיך אָן שרהלען אנגעכאַפּט און מיט שרעק אויסגערעדט:

— זעט דאָרט, אין דער הויך, איבער יענעם שוואַרצן וואָלקן, דאָרט טראָגט מען אַ מיטה! אַלע לייט, גרויסע און קליינע, גייען אזוי ווי צו אַ לוויה. וועמען טראָגט מען דאָרט, שרהלע? ווער איז געשטאָרבן? און דאָרט, זעט איר, קומען אַ סך מענטשן אנטקעגן — פייגען טראגט מען עס אזוי! באַלד וועל איך אויך מיין זיידן און מיין ליבן פאטער זען איר אנטקעגנקומענדיק!.. זעט דאָרט, שרהלע, ווו די זון האט זיך באַהאלטן, ווו די וואָלקן זענען ווי מיט גאָלדענע ברעגן אַרומגעזעצט — פון דאָרט קוקט אַ ליכטיק געזיכט אויף מיר, עס ווינקט צו מיר און רירט מיט זיינע ליכטיקע שטראַלן מיינע אויגן אָן... דערקענט איר אים נישט? משהלע איז דאָס. אָך, מיר ווילט זיך גיין אַהין!.. מיר דאכט זיך, אז איך האב פליגלען, איך בין גרינג, איך וועל פליען. לאָזט מיך, לאָזט מיך, שרהלע!..

מיט די פייערלעך אויסגעשפּראכענע ווערטער האט זי זיך אַ הייב געטון און איז באַלד שרהלען צוריק אויפן האַלדז געפאַלן.

— געוואַלד, ראַטעוועט! — האט שרהלע מיט שרעק אַ געשריי געטון.

— זי האָט געמיינט, רחלע איז פון זינען אַראָפּ; נאר רחלע איז אַ צוזאַמענגעקרעמפּטע אויף איר האַלדז געלעגן, דאס געזיכט איז בלוי געוואָרן, די אויגן איבערגעקערט און אַלע גלידער האָבן געציטערט.

י מוטער איז אָפּן און ביידע האָבן זי אין שטיבל אַריינגע-
טראגן און אויף איר בעקל אַוועקגעלייגט. שרהלע איז צום דאָקטאר
אַוועקגעלאָפן און די מוטער איז לעבן דער קראַנקער געזעסן און מיט
טרערן געוויינט און געשריגן:

— גוטע רחלע, וואָס מאַכסטו אונדז אַזעלכע שמערצן אָן? זיי
געזונט, די נשמה מיינע נעמסטו מיר אַרויס!

נאָר רחלע האָט נישט געהערט און נישט געקענט ענטפערן.

דער דאָקטאר איז געקומען, מען האָט אַ ליכטל אָנגעצונדן, ער
האָט די קראַנקע באַטראַכט, מאַנכע מיטלען אָנגעווענדט, זי צו זיך צו
ברענגען. שרהלע איז אין אַפּטייק געלאָפן, אַ רעצעפּט געבראַכט און
נאָך צוויי שרעקלעכע פיינפולע שעהן האט איר דער קראַמף אָפּגעלאָזן;
אָבער זי איז אַזוי שוואַך געווען, אז זי האט אפילו דעם דאקטאר אויף
זיינע פראַגן נישט געקענט ענטפערן. פאַרן אַוועקגיין האט דער דאָק-
טאָר אָנגעזאגט, זי נאָר צורו לאָזן. איר קראַנקהייט וויס ער נאָך נישט
ריכטיק ווי אַ נאָמען צו געבן. יעדנפאַלס איז זי געפערלעך קראַנק.
מען האט באַלד דער מומע דבורהן געגעבן אַ ידיעה, יענע איז אַ הער-
צו געקומען, און איז צוזאַמען מיט די ביידע פרויען לעבן בעט ביז
טאָג געזעסן. עס איז קוים טאָג געוואָרן, האָט דבורה געלאָזט אַ דעפּעשע
אויפשרייבן צו איר מאַן און צו חייעלען, זיי זאָלן תיכף אַרויספאָרן:
רחלע איז דאָ און איז געפערלעך קראַנק. דער דאקטאר האט אויף
מאָרגן אויך קיין טרייסטנדיקע האָפענונגען נישט געגעבן. די קראַנקע
האט איבער פערציק גראַד היץ געהאט און האט נישט אויפגעהערט
צו רעדן פון היץ. זייער זעלטן האָט זי די אויגן געעפנט און דאַן
פלעגט זי קוים אַרויסרעדן די ווערטער:

— איז שוין מיין מוטער געקומען? פאַרוואָס זע איך זי
נאָך נישט?

שרהלעס ייִנגעל האָט פון בעט נישט אָפּגעטרעטן און האָט גע-
וויינט פון רחמנות אויף זיין ליבער רחלען. די מומע האט שוין מער
קיין כוח נישט געהאַט אויף אירע פיס זיך צו האַלטן און איר האַרץ איז
צעגאַנגען פון רחמנות אויף איר ליב קינד און פון כעס, וואָס איר
מאן מיט חייעלען קומען נאָך נישט. דער דאקטאר האט נישט גע-
ראַטן די קראַנקע איבערצוטראָגן ערגעץ אין אַ לופטיקערן צימער.
בעסער זאל זי דאָ זיין, איידער זי באַאומרויקן מיטן איבערטראָגן
אין אַ פינפטער גאַס, ווו דבורה האָט געוווינט. שרהלע האט מער איז

אויוון נישט געהייצט און ביי אָפענע פענצטער איז די לופט אין איר צימערל דערטרעגלעך געווען.

אויף דעם דריטן טאָג, פאַרנאַכט, אַז דבורה איז שוין אָן כּוחות געווען פון וויינען און וואַכן לעבן דער קראַנקער און איז גאָר וואָס געקומען אין איר היים אויסרוען אַ ביסל, זי זאָל כּוח האָבן רחלען צו דינען מיט וואָס זי קען — איז צוגעפאָרן אַ פור און זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר טיר. זי איז פון בעט אַראָפּ, און האָט ביי דער טיר איר מאַן באַגעגנט.

— ווו ביזטו פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט זי מיט אַ וויינענדיקער שטימע געפרעגט. — ווי האָט מען דאָס קיין גאָט נישט אין האַרצן און מען זיצט זיך רויק, בעת עס קומט אַזאַ דעפּעשע אָן?

— ערשט היינט פרי האָט ר׳ פּנחסל מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַ ידיעה, אַז רחלע איז דאָ און איז קראַנק געוואָרן... איך בין באַלד צום רבין אַריין, אים אַ פּדיון געגעבן פאַר איר געזונט און אַז ער האָט מיך געהייסן פאָרן, בין איך שוין געפאָרן. נישקשה, זי וועט געזונט זיין. דער רבי, זאָל לעבן, האָט געזאָגט: „זאָרגט נישט, זי וועט געזונט זיין!“

— וואָס שטייסטו דאָ, ווי אַ גולם? — האָט דבורה מיט כּעס פון ווייטיק געשריגן. — גיי, זע, צי ועסטו זי גאָר דערקענען! גיי, זע דיין ברודערס טאָכטער, אַ כּלה פון אַכצן יאָר, אַזאַ ליכטיק קינד, זע, ווי זי מאַטערט זיך! ווי אַ האַלעוויעשקע שוואַרץ איז זי, שוין פאַרברענט געוואָרן פון אונדזער אכזריות! גיי כאַטש זיך מתוודה זיין אויף דעם אומשולדיקן קרבן, וואָס דו האָסט מיט דיינע הענט גע- קוילעט!.. וואָס שטייסטו נאָך און קוקסט מיך אָן?

— אָבער וואָס שרייסטו אַזוי? — האָט ער זיך אָפּגערופן. — איז שוין גאָר קיין הילף נישטאָ? איך זאָג דיר דאָך, אַז זי וועט געזונט זיין. שוטה, דו הערסט דאָך, וואָס דער רבי, זאָל לעבן, האָט געזאָגט, אַז זי וועט געזונט זיין. לאָז מיך אין שטוב אַריין, איך האָב נאָך קיין מעריב נישט געדאַוונט.

— אַלטער נאַר! — האָט דבורה אַ געשריי געטון. — ווי זיכער ער איז, ווי קאַלט איז זיך זיין לונג און לעבער! דער רבי, זאָגט ער, טוט פאַר איר... ווער עס ווינטשט אונדז בייז, זאָל דאָס טון מיט זיינע קינדער, וואָס דער רבי און מיר האָבן געטון מיט אונדזער ברילייאַנט

קינד! גיי, זאג איך דיר, שלאָג זיך אָשמנו איבער איר טויטן בעט און בעט גאָט, ער זאָל אונדז פאַר איר צונעמען!

ר׳ שלמה איז פון אזא אומגעריכטן באַגעגניש ווי אַ דערשלאָגענער געשטאַנען און נישט געוווּסט וואס צו ענטפערן.

—און די טרייע מאַמע האָט נישט געקענט מיטפּאָרן? — האט דבורה ווידער אָנגעהייבן. — אַ, איך האב פאַרגעסן, ערשט נאך איר חופּה און ביי דעם נייעם מאַן איז דעם יונג ווייבעלע פריילעכער צו זיצן, ווי דאָ מיט די אויגן צו זען, ווי איר שיין קינד ראַנגלט זיך מיטן טויט! נישט געדאכט זאָלן אַזעלכע ווייבער זיין, נישט געבוירן זאלן אַזעלכע מאַמעס ווערן, רבונו של עולם!

— זי ווייס נאך גאָרנישט, — האט ער אויסגערעדט, — ר׳ פנחסל האט נישט געהייסן זאָגן, האב איך איר נישט געזאגט. נאר ווו איז זי? ליגט זי דען אַליין אין שטוב? ווער איז דאָרט לעבן איר? פייגע איז געשטאָרבן, דאס האָבן מיר געהערט.

נישט אונטער איר טאַטנס דאַך ליגט זי, נעבעך!.. מיין עלנט קינד... עס איז אַ מוסר זיך אַראָפּצונעמען,—האט דבורה ווייטער געטענהט און געוויינט. — ר׳ אברהמס ליבסט אייניקל, דעם גביר ר׳ לייזערס געראטן קינד וואלט אפשר אויף דער גאַס געשטאָרבן, ווען די אָרעמע בעקערקע, שרהלע די אלמנה, וואלט זיך נישט מרחם געווען איר אַ ווינקעלע ביי זיך צו געבן, וווּ כאָטש קראַנק צו ליגן.

— פאַרוואס האסטו זי צו זיך נישט גענומען?

— פאַרוואס האסטו געשווירן, אז דו וועסט זי איבער דיין שוועל נישט אַריבערלאָזן, ביז זי וועט טון דאס, וואס איר האַרץ גלוסט נישט צו טון? גיי, זאג איך דיר און בעט זי מחילה! רייס דיינע ווייסע האָר אויס פון דיין בארד, טאמער וועט גאָט אונדזער צער צוזען און זי וועט נאך אונדזער נחת זיין!

ר׳ שלמה איז ווי אַ דערשלאגענער נאכגעגאַנגען נאך זיין דבורהן, וועלכע האט פון צער איר אייגענע שמערצן פאַרגעסן און ער האט זיך פון איר געלאזט אַריינפירן צו שרהלען. שרהלע האט אין די לעצטע טעג ווייניק געקענט קוקן אויף דער ארדענונג אין איר שטיבעלע און ר׳ שלמה האט געמיינט, אַז ער געפינט זיך אין אַ גרוב אַ פינצטערער. ער איז גלייך צו רחלען צו, שרהלע האט איר די ציין פאַנאנדערגעריסן און די אלטע האט אַ לעפל מעדיצין

אריינגעגאסן. ער האט זי נישט דערקענט: אויף איר ליב געזיכט זענען שרעקלכע סימנים געלעגן פון אירע העפטיקע ליידן, אירע ליפּן פאַרברענט און שוואַרץ, ווי קויל, די אויגן האַלב פאַרגלאָצט און טיף אין קאָפּ איינגעזונקען. טרערן האָבן זיך אָנגעהייבן גיסן פון זיינע אויגן, אָבער זיי האָבן אים דעם אָטעם פריי געמאַכט.

— איז דאָס מיין ליכטיקע רחלע? — האט ער מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטימע אויסגערעדט. — איז דאס מיין ליכטיק קינד, וואס האָט מיין האַרץ אזוי דערפרייט שטענדיק, ווען איך האב אירע ליכטיקע אויגן געזען? רחלע! רחלע! — האט ער ווי אַ משוגע געשריגן. — עפן דיינע ליכטיקע אויגן און זע דיין פעטער שלמה שטייט דאָ פאַר דיר און בעט גאָט, אז איך זאל פאר דיר ליידן און דו זאלסט לעבן און געזונט זיין!

מיט די רייד האט ער זיך פאַר איר בעט אַראָפּגעלאָזן, געוויינט און געברומט און דאָס געוויין אין שטיבעלע האט נישט אויפגעהערט ביז דער דאָקטאר איז געקומען און האָט זיי מיט געוואַלד צעטריבן. דער פעטער האט זיך נישט געלאזט אָפּטרייבן פון בעט.

— האָט רחמנות, הערר דאָקטאר, — האָט ער געשריגן, — ראַטעוועט זי, ראַטעוועט מיין קינד! וואס איך האב, וועל איך פאַר איר אַוועקגעבן!

דער דאָקטאר, וועלכער האט שוין פון שרהלען געוווסט, וויפל רחלע האט זיך אָנגעליטן און אָנגעקלעמט, ביז זי איז צו דער לאַגע געקומען — איז נאָר אין כעס געוואָרן, אז ער האט די צו שפּעטע טרערן ר׳ שלמהס דערזען.

— ביי מיר בעט איר הילף? — האט ער מיט אַ בייזן געלעכטער געענטפערט. — וווּ איז דער רבי אייערער? וווּ זענען אייערע הייליקע ראַטגעבער, וועלכע האָבן די אומשולדיקע צו דער לאַגע געבראַכט?.. פאַרצייטיקע געצנדינער זענען קליגער געווען פאר אייך: זיי פלעגן מוזיק אַראָפּברענגען און מיט פויקן לאָזן קלאַפּן, בעת זיי פלעגן זייערע קינדער אַלס קרבן צום אָפּגאָט פאַרברענען, זיי זאָלן דאס קינדס שרייען נישט הערן!.. וואס וויינט איר? רופט אייך בעסער אַהערצו אַ באַנדע חסידים, ברענגט בראָנפן, זאָלן זיי דאָ טאַנצן און זינגען פאר אייך, בעת אייער קרבן בראָט זיך אין פייער, וואס איר האָט מיט אייער ווילדן פאַנאַטיזם אָנגעצונדן! העלף איר דו, גאָט

אין הימל, מיינע מיטלען זענען ווי גאָרנישט קעגן די, וועלכע דו האָסט די ליידנדיקע פון טויט צו ראַטעווען!..

מיט די ווערטער האָט ער די טיר אַ וואָרף געטון און איז אַרויס.

— ניין, ניין! — האט ר' שלמה געשריגן. — גאָט איז דער רופא כל בשר! וואס ווייס דער נאַרישער אפיקורוס? דעם רבינס תפילה און זכות זאָלן איר בייּשטיין! זי מוז געזונט זיין, זי וועט געזונט זיין!..

ווי אַ צעמישטער איז ער פון שטיבעלע אַרויסגעלאָפן און גלייך אין בית־המדרש אַוועק. דאָ האט ער מיט אַן עולם מענטשן ביז טאָג תהלים געזאָגט און אַ טעלעגראַמע געשיקט: „ראַטעוועט, רבי! די געפאַר איז גרויס, ליגט שוין אָן לשון, זאל די מוטער גיכער אַרויספאָרן!“ אַ ביסל געטרייסט מיט דעם בטחון, אז דער רבי וועט דאס זייניקע טון און די סגולה פון תהלים דאס איריקע, איז ער מיטן באַגינען צוריק צו דער קראַנקער אַוועק און האָט זי ווירקלעך געפונען פרייער אַ ביסל, ווי פריער: דער קראַמף האט אָפּגעלאָזן, איר ליב געזיכט האָט צוריק די שיינע שטריכן באַקומען און איר ליבער חן האָט נאך איצט מער צוגעצויגן צו איר, ווי אַלעמאָל. ער האט איר האַנט אָנגענומען, זי איז וואַרעם, כאָטש זייער טרוקן געווען.

— רחלע, מיין גאָלדן קינד, — האט ער שטיל אויסגערעדט, — דערקענסטו דיין פעטער שלמהן? זי האָט אירע האַלב אָפענע אויגן איינגעאַנצן געעפנט, אים סמוטנע אָנגעקוקט און דעם קאָפּ צוריק פאַרוואָרפן. ער האָט מער נישט געפרעגט. אז די זון האט שוין ארויסגעשיינט, האט זי ווידער די אויגן געעפנט.

— דערקענסטו מיך, רחלע? — האט ער ווידער געפרעגט. — דיין פעטער שלמה, דיין טרייער איינציקער פעטער, וואס האט געלעבט צוליב דיר און וויל איצט שטארבן פאר דיר — שטייט דאָ פאר דיין בעט. זעסטו אים נישט, רחלע?

זי האָט אים אָנגעקוקט. אירע אויגן האבן אָנגעהייבן ליכטיקער צו שיינען. ער האט זיך איבער איר אריבערגעבויגן און זיינע הייסע טרערן זענען איבער איר געזיכט געפאַלן.

— אַך, מיין פעטער! מיין טרייער, ליבער פעטער! — האט זי ייער שוואַך, ווי אויסגעזיפצט געזאגט.

— האָסטו מיך פריער נישט דערקענט, מיין ליב קינד? — האט זער געפרעגט.

זי האָט זיך פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט וואָס דערמאָנען.

— ווען ? — האָט זי אַרויסגערעדט. — פריער ? פריער, ווען איר האָט אייער האַרץ, ווי אייער שטוב פאַר מיר פאַרשלאָסן און מיר נאָר פיין און צער געמאַכט, האָב איך אייך נישט דערקענט. קען דען מיין טרייער פעטער צו מיר אַזוי שלעכט זיין ? האָב איך מיך אַלץ געפרעגט : וואָס האָב איך אים געטון ? ניין, איך האָב אייך נישט דערקענט מער !.. איצט, אַז איך זע אייך לעבן מיר, אייער האַרץ איז פאַר מיר ווידער אָפן און אייערע אויגן לאָזן נאָך פאַלן אַ וואַרעמע טרער אויף מיינע אָפּגעקירצטע יאָרן... זע איך ווידער מיין טרייען פעטער, ר׳ שלמהן, ווי איך האָב אים אַמאָל געזען !..

— זיי נישט אין כּעס אויף מיר, ליב קינד ! איך האָב נאָר דיין גוטס געמיינט. איך בין נישט קיין מלאך... יעדער מענטש מוז זיך צו־הערן, וואָס עלטערע און קליגערע זאָגן.

— די עלטערע און קליגערע אָבער האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זענען אַמאָל יונג געווען... — האָט זי אויסגעזיפצט. — אַך, וויפל פיין האָבן מיר די עלטערע און קליגערע געבראַכט !

— טרערן האָבן זיך אין אירע אויגן באַוויזן, די ליפּן האָבן זיך פאַרצויגן, אָבער צו וויינען האָט זי קיין כּוח נישט געהאַט און האָט פון קלעמונג מער אַ וואָרט נישט אויסגערעדט.

— נעם זיך נישט צום האַרצן, מיין ליב קינד, פאַרגעס איצט אַלץ. איצט ביזטו קראַנק און דאַרפסט זען געזונט צו ווערן ! — האָט ער זי געטרייסט.

— פאַרגעסן אַלץ הייסט איר מיר ! — האָט זי מיט אַ שווערן זיפץ אַרויסגערעדט. — אַך, און דאָס קראַנקע בעט מיינס... און די ווונד דאָ אין האַרצן ביי מיר ? ניין, איך וועל באַלד, באַלד אויך דאָס פאַרגעסן.... לערנט אָבער איר אויך מיינע ברידערלעך און שוועסטערל, זייער ליבע שוועסטער פאַרגעסן ! לערנט אייער פאַר־שטויסענעם פלימעניק זיין רחלען פאַרגעסן ! ווי לאַנג איך לעב נאָך, קען איך נישט פאַרגעסן, אַז די עלנטע יתומימלעך וועלן נאָך עלנטער בלייבן אָן מיר... אַז משהלע וועט וויינען און קלאָגן, אַז ער וועט מיך שוין נישט געפינען דאָ !..

— דו רעגסט זיך אויף צופיל, מיין ליב קינד... גלייכער גאָר־

נישט רעדן, ווער נאָר געזונט און מיר וועלן אין פריידן דערמאנען אַלץ, וואס דו קענסט איצט נישט פארגעסן. איך גיי דאווענען, גאָט בעטן פאר דיר, ער זאָל דיר זיין מלאך רפאל שיקן מיט דער גוטער רפואה.

— ווייס נאָך די ליבע מוטער נישט, אז איך בין אזוי קראנק? — האָט זי געפרעגט. — איך בעט אייך, פעטער, איידער איר גייט דאַווענען, טעלעגראַפירט צו איר, זאָל זי וואס גיכער מיט די קינדער קומען. איך וויל זי נאָך זען, מחילה בעטן און אָנקושן מיינע יתומימלעך פאַר מיין טויט. אויך צו משהלען טעלעגראַפירט, זאָל ער אויך קומען געזעגנען זיך מיט מיר אויף אַ לאַנגער לאנגער צייט!..

— איך וועל אַלץ טון, מיין קינד, ווי דו פאַרלאנגסט; נאָר געזונט זאָלסטו מיר זיין!

ער איז דאַווענען אַוועק, ער האט אין דאַווענען שטאַרק געוויינט און איז פון בית-המדרש נישט ארויס ביז ער האט ווידער מיט אַן עולם יידן תהלים געזאָגט, דער קראַנקער משנה השם געוואָן און האט זיך פאַרגענומען פאסטן דעם טאָג. שימעלע האָט זיין סגולה געזאָגט: „ער, ר׳ שלמה, זאָל ביי דער קראַנקער פּועל זיין, זי זאָל אויף זיך נעמען נישט מער זיך צו עקשנען וועגן דעם באַשערטן שידוך, וועט זי געזונט זיין. אים האָבן צוגעהאָלפן אויך אַנדערע, וועלכע האָבן פיל אַ זעלכע געשיכטן דערציילט, ווי אַזא מין נדר איז די בעסטע רפואה געווען. אפילו דער רב פונם שטעטל האָט מסכים געווען, אז עס איז אַ יושר איר צו צורעדן צו דעם און מען האָט אים פון אַלע זייטן האָפענונג געגעבן, אז נאָר דורכדעם וועט זי געראַטעוועט ווערן. ער איז מיט דער האָפענונג צוריק צו דער קראַנקער געלאָפן און האָט זי געפונען, ווי זי האָט נאָר וואס די מעדיצין איינגענומען. דער דאָקטאר איז נאָך לעבן איר געזעסן. ר׳ שלמה האט אויף אים איצט, ווי אויף אַ שטן געקוקט. ער האָט מורא געהאט אין זיין געגענוואַרט דער קראַנקער צוצוטראָגן די גוטע רפואה זיינע, וועלכע ער האט פון בית-המדרש געבראַכט.

— ווי גאָט איז אייך ליב, לאָזט זי רויק ליגן, — האט דער דאָקטאר מערערע מאָל געבעטן, — איר גאַנצע קראַנקהייט איז נאָר דער, קלעמונג און פאַרדרוס. אירע נערוון זענען אזוי צעריירט און אָפּגעשוואַכט, אז דער מינדעסטער נייער פאַרדרוס קען זי טויטן.

קוים אָבער איז ער אַרויסגעגאַנגען, האט זיך ר׳ שלמה צוריק

לעבן בעט אַוועקגעזעצט און אָפּגעוואַרט די מינוט, ווען רחלע וועט די אויגן עפנען און ווידער אָנהייבן רעדן. ער האט געזען, ווי עס צוקט איר יעדעס גליד און האָט זיך אירע יסורים געווונטשן, נאָר זי זאָל געזונט זיין. נאָך אַ גאנצע שעה שלאָפן האט זי ווידער די אויגן געעפנט.

— איך האָב שוין צו דיין מאַמען אַ דעפּעשע געקלאַפּט, רחלע, — האט ער זייער פאָרזיכטיק אָנגעהייבן,—הלוואי זאָל זי קומען און געפינען דיך, אז דו בעסערסט זיך שוין...

— און צו משהלען? — האָט זי שטיל אויסגערעדט.

— צו אים אויך, זאָל ער קומען. וואָס קען ער קאָליע מאַכן? — האט ער געענטפערט, ער וויל בוודאי דו זאָלסט געזונט זיין!

זי איז ווידער אַ פערטל שעה שטיל געלעגן, און ער האָט קיין האַרץ נישט געהאט מיט איר צו רעדן און האָט אַליין נישט געפילט, ווי זיינע טרערן האָבן זיך איבער זיינע איינגעפאַלבטע באַקן געקויקלט.

— מיין ליבער פעטער, — האָט זי אויסגערעדט, אז זי האט זיינע שטילע טרערן באַמערקט, — ווינט נישט, אייערע טרערן פאַלן, ווי שטיינער שווערע אויף מיין האַרצן... אָ, דאָס האַרץ מיינס איז שוין אזוי אויך שווערער, ווי מיינע כּוחות זענען נאָך איצט!

— דאָס האַרץ צעגייט אין מיר ווי וואסער, אז איך זע דיך אזוי קראַנק, אין אַזוינע יסורים, מיין ליב קינד... איך פיל אַליין נישט, ווי מיינע טרערן גיסן זיך.

— נישט פיל נאָך, וועל איך אזוי ליידן, ליבער פעטער!..

— זאָג מיר, מיין ליב קינד, האָפסטו גאָרנישט געזונט צו ווערן? ווילסטו שוין גאָרנישש לעבן? דו האָסט דאָך נאָך גאָרנישט געלעבט און פון לעבן נאָך גאָר קיין הנאה געהאַט, איז דיר דען די וועלט ווען מיאוס געוועזן. —

— ניין, פעטער, — האט זי מיט אַ זיפץ געענטפערט. — די וועלט איז מיר אַלעמאָל שיין און ליב געוועזן... די ליכטיקע זון האט ווי אין מיינע אויגן אויך אין מיין האַרצן אַריינגעשיינט און איך האָב גאָט געדאַנקט, ווען איך האָב מיינע אויגן פאַרמאַכט און זיי ווידער געעפנט. אָ, איך האב אין גאָטס וועלט ווי אין אַ גן-עדן געלעבט; איך האב אָבער נישט געוווסט, אז נאָך היינט איז אין גן-עדן די שלאַנג דאָ... נישט מיך, פעטער, האט זי געביסן, איך האָב גאָטס

געבאָט געהיט, איך האָב זי אפילו נישט אָנגעזען; אָבער יענע הער־צער האט זי פערסמט, וועלכע זענען מיר טריי געווען און די האָבן מיך אומגערן פון מיין גן-עדן אַרויסגעטריבן, אויף דעם בעט מיך אַוועקגעלייגט און מיין וועלט מיר מיאוס, מיר פינצטער געמאַכט... גאָט זאָל עס זיי מוחל זיין!

— אָבער די וועלט וועט דיר באַלד צוריק אַ גן-עדן ווערן, מיין ליב קינד!—האָט ער געטרייסט,—וויל נאָר לעבן און הנאה האָבן פון דער ליכטיקער וועלט!

— פעטער, פייגע האט זיבציק יאָר געלעבט... זי וואָלט נאָך אויך געוואָלט לעבן, ווען גאָט וואָלט איר דאָס לעבן נאָך געשענקט; מיר איז ערשט נישט לאַנג אַכצן יאָר געוואָרן, פאַרוואָס זאָל מיר זיך נישט וועלן לעבן? אָבער גאָט וויל נישט מער!

— גאָט וויל, דו זאָלסט לעבן, — האט ער ווי איבערצייגט פאַר־זיכערט, — וויל נאָר דו זיין ווילן טון... אין דיין האַרצן איז איצט די ברירה, אין דיין איין וואָרט, וואָס דו וועסט מיט אמת אַרויס־רעדן, איז די רפואה דיינע, מיין קינד! גאָט שטייט דאָ ביי דיר צוקאָפּנס, ער קומט יעדן קראַנקען מבקר חולה זיין, קערצו דיין האַרץ צו אים און נעם אויף זיך אַ נדר, אז ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו זיין ווילן טון, מחילה בעטן דיין חתן, וואָס ער האט דיר באַשערט, מיט אים חתונה האָבן און אויסלעבן דיינע הונדערט צוואַנציק יאָר ווי אַ פרומע יידישע טאָכטער, וועסטו זען, מיין קינד, ווי גיך דיין רפואה וועט קומען!..

פון צעהיצקייט האָט ער נישט באַמערקט, ווי איר געזיכט האָט זיך איבערגעביטן און ווי דורך איר גאַנצן ווען האָט זיך אַ העפטיק צוקן דורכגעצויגן.

— וואָס שווייגסטו, מיין טאָכטער? איז נאָך נישט צייט דיר צו פאַרשטיין, אז גאָט שטראָפט דיך נאָר פאַר דיינע עקשנות?.. אָ, מיין קינד, האָב רחמנות אויף זיך, דו ביזט נאָך אזוי יונג, דו קענסט נאָך אזוי פיל גוטס דערלעבן... רחמנות האָב אויף זיך און אויף אונדז אַלע־מען, טו זיין ווילן, ער וואַרט דאָ דיין תשובה צו צונעמען און דיר די רפואה צו געבן!

— כּוח גיב מיר גאָט! — האָט זי מיט אַלע אירע כּוחות אויסגעע־רעדט, — דו שטיצט יעדן קראַנקען אויף זיין קראַנקען בעט, שטיץ מיך אויך, פאָטער, און זיי אים מוחל זיינע זינדיקע רייד קעגן דיר!..

פעטער, ווי האָט איר קיין מורא נישט, דעם ליבן גאָט פאַר אַ שותּף צוצונעמען אין די זינדיקע מעשים, וואָס איר האָט מיר ביז איצט קעגן זיין ווילן געטון? איך בין אייך אַלץ מוחל, פעטער... נאָר לאָזט מיך שטאַרבן רויק. אָ, איך האָב אַ ליגן געזאָגט, איך וויל נישט לעבן, איך וויל נישט, פעטער געטרייער!.. טרערן האָבן זיך פון איר גענאָסן, נאָר דער טרייער פעטער האָט זיי נישט געזען. ער האָט אויך נישט באַמערקט ווי אַ העפטיקער קראַמף האט איר ליב געזיכט פאַרצויגן און אירע דומפע קרעכצן נישט געהערט; ער איז נאָר ווי צעמישט געזעסן, דאָס האַרץ האט אים וויי געטון אויף איר פאַרפירטקייט מער ווי אויף איר קראַנקהייט. דבורה איז אַריינגעקומען און האָט אים אַ וויינענדיקן געפונען.

— מיט דיין היטן איר נשמה וועסטו זי נישט איינהיטן, — האָט זי געזאָגט, אז זי האט רחלען ווידער אין אַ זעלכע העפטיקע שמערצן דערזען. — לויף בעסער צום בית-עולם, וועק אויף איר טרייען זיידן פון זיין קבר, טאָמער וועט ער דיינע טרערן דערזען און וועט אויסבעטן יאָרן פאַר זיין טייערן אייניקל. אָ, איך האָב שוין גענוג טרערן אויף זיין קבר פאַרגאָסן.

— וואָס וועלן איר מיינע טרערן העלפן, אז זי וויל אַליין נישט געהאָלפן ווערן? — האָט ער ווי אַ פאַרצווייפלטער געענטפערט! — איך האָב איר די אמתע רפואה געבראַכט, איר די ברירה געגעבן און זי האָט נאך אזא לב געהאַט די רפואה ממאס צו זיין. בעסער שטאַרבן, זאָגט זי, איידער תשובה צו טון אויף אירע נאַרישער עקשנות!.. מיר האָבן זי פאַרלוירן, דבורה, פאַרלוירן אונדזער טייער קינד פון ביידע וועלטן — דאָרט קען אזא אויך קיין תקומה נישט האָבן!..

— ער איז פון זינען אראָפּ! ער האָט איר אַ וודאי אירע צרות דערמאנט, זאַלץ אויף אירע ווונדן געשאָטן... נישט געדאכט זאָל אזא נאַר ווערן; אַ נאַר איז ערגער ווי אַ רשע, ערגער!.. — האט זי געשריגן, — שעמען דאַרפסטו דיך, אז נאך איצט, ווען דער חלף ליגט שוין אויפן האַלדז, זעסטו נאָך דעם שוחט נישט! ר' פנחסל איז איר קילער און דו ביזט זיין שליח!.. וואָס האָבן מיר צו איר געהאַט? וואס האָבן מיר פון איר געוואָלט? ווען האָט זי געבעטן, דו זאָלסט איר געטרייער זיין, ווי זי איז זיך אַליין? ר' פנחסל האָט דיך געהייסן, ווייל חיעלע האט אַזוי געוואָלט, און חיעלע האט אזוי גע-

וואָלט, ווייל פנחסל האט אזוי געהייסן!.. אוי, אַלטער נאַר, ווען וועסטו צום שכל קומען?!..

ער האט זיין ווייב אָנגעקוקט ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט.

— גיי, זאָג איך דיר, — האט זי ווייטער געשריגן, — זיי זיך מתוודה פאַר דיין געשטאָרבענעם פאָטער, וואס דו האָסט זיין רצון נישט געטון, שלאָג זיך אָשמנו פאַר דיין טויטן ברודער ר׳ ראובן, וואס דו האסט זיין קינד פאַרשטויסן. וויין פאַר די טויטע, טאָמער וועט דיך איר געשטאָרבענער פאָטער, ר׳ לייזער, פון וויטן צוהערן און וועט פאַר זיין קינד בעטן!..

ער האט זיך אויפגעהייבן און נישט וויסנדיק וואס אַנדערש צו טון, איז ער גלייך צום בית־עולם אַוועק. זיין דבורהס ווערטער אָבער האָבן אים נאָכגעיאָגט און ווי פון זיין אייגענעם האַרצן האָט אַ קול אַרויסגעשריגן:

— ר׳ פנחסל איז איר שוחט און דו ביזט זיין שליח!..

ביים פאַרקאַן פון בית־עולם איז ער שטיין געבליבן און האָט אויף דעם טרויעריקן פעלד אַרויפגעקוקט. אין רעכטן אויבנאָן, אין דער ערשטער שורה האָט זיך איין מצבה אויסגעצייכנט העכער און שענער פאַר אַלע אַנדערע. ער האט פון וויטן נישט געקענט לעזן די ווערטער, אָבער די צווי אויסגעשטעלטע דוכן־הענט אויף איר האט ער קלאָר געזען און האָט זיין פאָטערס מצבה דערקענט. זיינע אויגן זענען פון טרערן פאַרגאָסן געוואָרן און אנשטאט דעם שטיין האט זיך אים געדאכט, אַז ער זעט זיין פאָטער, ער האַלט די הענט אויסגעשפרייט איבער די יונגע ביימעלעך, וואס וואַקסן דאָ לעבן זיין קבר. אים האָבן זיך יענע יאָרן דערמאַנט, ווען דער אַלטער פאָטער זיינער האָט אזוי זיינע הענט אויף די יונגע קעפעלעך פון זיינע שיינע ליבע אייניקלעך פאַרשפרייט געהאַלטן יעדן פרייטיקצונאַכט. ווי ליב האָבן די קינדער דעם זיידנס הענט געקושט, ווי הייליק און פאַרנעם האט זיין געזיכט געשיינט קעגן די שבת־געבענטשטע ליכט אין די גרויסע שווערע זילבערנע לייכטער! און וואס האט דער גוטער זיידע זיך געוווּנטשן דאמאָלס? נישט קיין כבוד, נישט קיין גדולה, וואָס האט אים נישט געפעלט, נאָר די שעה צו דערלעבן, אָט די יונגע צווייגעלעך, משהלען מיט רחלען אונטער דער חופה אזוי זיי צו בענטשן און דערנאָך שטאַרבן אַ גליקלעכער. — און וואס האט זיך איר טאַטע געוווּנטשן און וואס האט ער אין זיין צוואה געבעטן?

— אַך, איך האָב נישט נאָר קעגן די לעבעדיקע, נאר אויך קעגן די טויטע געזינדיקט... געזינדיקט!.. חטאתי עויתי ופשעתי!..

— פּאָטער געטרייער! — האט ער מיט אַ טיפן זיפץ אויסגעשריגן, — זאָל איך אַליין דער קרבן זיין פאַר מיינע זינד, וואָס איז רחלע, דיין טייער איייניקל שולדיק? זאָל זי געזונט זיין, זאָל דיין ווילן געשען... איך וועל מער קיינעם נישט הערן, אַליין וועל איך זי צו דער חופּה פירן און דערנאָך וועל איך רויק שטאַרבן!..

פּלוצלונג האָבן זיינע אויגן דערזען דאס ליידיק געבליבענע שטיקל פּלאַץ לעבן דעם קבר, אַ פראָסט איז אים איבערן גאַנצן קערפּער אַריבער.

מיין ברודער לייזער האָט דעם אָרט פאַר זיך אָפּגעקויפט און ליגט, נעבעך, אַליין איצט ווייט פון דאַנען, דער אָרט איז ליידיק געבליבן און וואַרט אפשר, אז זיין ליב קינד זאל אים פאַרנעמען... זיי מיר מוחל, ברודער געטרייער, שענק מיר דעם אָרט, איך האב מער געלעבט פאַר דיין קינד! יאָרן בעט אויס פאַר איר, דיין צוואה זאָל ערפילט ווערן!

אין אַזעלכע יסורים האט ער אַליין נישט געפילט, וויפל צייט ער האָט דא אין וויינען און בעטן פאַרבראַכט. אז די זון האט זיך אַראָפּגעלאָזן און מיט אירע לעצטע שטראַלן נאך דאס טרויעריקע פעלד באַלויכטן, האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט נאָך קיין מנחה נישט געדאַוונט און איז באַלד צו צום טייכל, די הענט געוואַשן און דאָ אויפן פעלד זיך דאַוונען געשטעלט; אבער וועלכע שרעקלעכע געדאנקען האָבן זיך אין זיין קאפּ געמישט. ר׳ פּנחסל מיט זיין רויטן קאַרק עסט און טרינקט, ווי אַ זולל וסובא, ר׳ זלמנקע שרייט: „פּע עצבות, עצבות איז עבודה-זרה!״ חייעלע, איינגאַנצן אין צירונג איינגעדעקט און שיינט פון פרייד און גדולה, און דאָ די איינזאַמע שטילע קברים פון דער אונטערגייענדיקער זון באַלויכטן, און דארט דאס קליינע שטיבעלע מיט דעם איינפאַכן ארעמען בעטל, אויף וועלכן דאס גאלדן קינד, רחלע, ליגט און מוטשעט זיך... נישט אין איר טאַטנס הויז ליגט זי, נישט איר מוטער זיצט לעבן איר... און ווי בעט זי זיך, נעבעך, מען זאל זי ראַטעוון!.. אים דאַכט זיך, ער הערט, ווי זי שרייט:

— פּעטער, האט שוין רחמנות, וואָס בין איך שולדיק אז איך קען נישט איינוויליקן, וואס מיר איז נישט ליב? איך קען פאַרט

קיין ליגן נישט זאָגן! האט דען מיין זיידע מיר אַנדערש געווונטשן? האָט דען מיין ליבער פאָטער נישט אַזוי אין זיין צוואה געבעטן? זאָגט שוין אַמאָל, אז איך בין משהלעס, וועל איך לעבן. אָ, איך וויל נאָך לעבן, מיר איז ערשט אַכצן יאָר געוואָרן, פייגע איז עלטער גע-ווען און האט אויך נישט געוואָלט שטאַרבן!

ער איז שמונה-עשרה אויסגעגאנגען און האָט קיין איין איינציק וואָרט נישט געפילט, נישט געהערט, וואס ער האָט גערעדט. לויפנדיק, איז ער צוריק צו דער קראַנקער געקומען, שרהלע איז לעבן איר געזעסן.

— זי לעבט, שרהלע? — האט ער אויסגערעדט, — אַבי זי לעבט! גאָט קען נאָך אַ נס טון און מיך, זינדיקן פעטער, צונעמען פאַר איר ריינער נשמה! זיצט דאָ, שרהלע, לעבן אַ הייליקער, אַ פרומער זיצט איר! גאָט וואַכט אויך איבער איר בעט. זיצט דאָ, איך לויף בעטן, שרייען פאַר איר, זאָלן אַלע וויסן, אז איבער מיינע זינד ליידט זי!

מיט די ווערטער איז ער אַרויסגעלאָפן גלייך צו דער שול. דורכלויפנדיק צווישן די קראָמען האט ער געשריגן:

— לאָמיר זי ראַטעווען, יידישע קינדער, העלפט מיר גאָט בעטן פאַר איר, גוטע פריינט, וואָס ווייסט איר וואס פאַר אַ פרום קינד זי איז! האט רחמנות ראַטעוועט זי, בעט גאָט פאר איר, יידישע קינדער!..

די ווערטער פון דעם פאַרצווייפלטן אַלטן מאַן און די האַרצ-רייסנדיקע שטימע, מיט וועלכער ער האָט אין די גאַסן געשריגן האָבן אַ שרעקלעך טרויעריקן איינדרוק געמאַכט, און ווער נאָר עס האָט זיי געהערט, האָט זיין קראָם פאַרמאַכט און איז אין שול מיט אים געלאָפן תהלים זאָגן. אַרויסגייענדיק פון שול, האָבן אים פיל מענטשן ביז שרהלעס שטיבעלע באַגלייט און דאָ געוואָרט אַ גוטע בשורה צו הערן, אז די קראַנקע בעסערט זיך. מען האָט געהאָפט, אז אַזא שטורעם מוז דאָרט אויבן אַ גרויסן רושם מאַכן... נאָר די קראַנקע האָט אַ פיינפולע נאַכט איבערליטן און אפילו אין דערפרי, אז זי האָט שוין אירע אויגן געעפנט, איז זי אַזוי שוואַך געווען, אז זי האָט אַ וואָרט נישט געקענט אויסרעדן. ר' שלמה איז לעבן איר געזעסן און האט קיינעם נישט צוגעלאָזן. זי האָט זיינע טרערן גע-זען, זיין שטיל בעטן צו גאָט, ער זאל אים צונעמען פאַר איר — גע-

הערט, זי האָט אויך זיינע הייסע קושן אויף אירע הענט געפילט און רחמנות און צער האָבן איר האַרץ געפייניקט.

— פעטער, — האָט זי אויסגערעדט, — פאַרוואָס בין איך אַזא אומגליקלעכע? האָב איך געוואָלט לעבן, האט מען מיר דאס לעבן מיאוס געמאַכט און איך האָב אַליין צער געהאט... וויל איך איצט שטאַרבן, באַפרייט ווערן פון מיין אומערטרעגלעכן לעבן — האָבן מיינע ליבע צער און מאַכן מיר דעם טויט נאָך ביטערער ווי ער איז!.. זאָגט מיר, ליבער פעטער, בין איך ווירקלעך אַזוי זינדיק, אַז גאָט שטראָפט מיך אַזוי? איך ווייס עס נישט... איך האָב תמיד מיינע זינד געזוכט, און איך האָב זי נאָך איצט נישט געפונען. אָ, זאָל גאָט מיין ווידוי הערן... קיין אַנדערע קען איך נישט זאָגן!..

— מיין ליב קינד, מיין פרום קינד, — האָט ער גערירט געענט־פערט,—גאָט הערט דיין ריינע ווידוי, אַזא ווידוי, ווי דיינע, מעג זיך דער גרעסטער צדיק ווינטשן!.. דו ביזט גערעכט — ריין ווי דער ווייסער שניי איז דיין יונג האַרץ און דיינע מעשים זענען אַזוי שיין, ווי די געדאַנקען דיינע! צו דיר האָט די שלאַנג נישט געקענט צוטרעטן, האט זי מיין האַרץ און דאָס האַרץ פון דיין מוטער פאַר־סמט! מיר האָבן דיך פון דיין גן־עדן אַרויסגעטריבן, ווי דו אַליין זאָגסט!.. איבער מיינע זינד נאָר ליידסטו אַזוי פיל, מיין קינד!.. זיי מיר מוחל, מוחל זיי דיין שוחט, וואס האָט דיך קוילן געוואָלט און האָט נישט געוווסט, וואָס ער טוט!..

— ליבער פעטער, לאָזט מיך אייער האַנט קושן, — האָט זי מיט שטראַלנדיקע אויגן אַרויסגערעדט, — איך האָב אַלעמאָל גאָט געבעטן פאַר אייך, איצט דאַנק איך אים, וואָס ער האָט מיין געבעט דערהערט און כאָטש איין טאָג פאַר מיין טויט, אייערע אויגן געעפנט מיין אמת צו דערקענען, מיין האַרץ צו פאַרשטיין!.. אָ, איצט וועט איר מיך, אין מיין ווייטן וועג נישט באַגלייטן מער מיט אַ קללה, ווי מען באַגלייט אַ פארשייטע שלעכט יידישע טאָכטער... מער האָב איך אויף מיין קראַנקען בעט מיר נישט געווונטשן...

אין דער מינוט איז שימעלע אַריינגעקומען. ר׳ שלמה איז פון כעס אָנגעצונדן געוואָרן.

— אָט איז די שלאַנג די גיפטיקע, וואָס דו זאָגסט! — האָט ער אַ געשריי געטון און מיט זיין האַנט אויף שימעלען געוויזן — אַ שטן, אַ יצר־הרע ביזטו, אָבער איר מלאך־המוות וועסטו נישט זיין! דיר

אויף צו להכעיס וועט זי לעבן און געזונט זיין! ווו נעם איך די תּנאים? פֿאַר דיר אין די אויגן וואָלט איך דאָ אויף שטיקלעך זיי צעריסן און זע דו, רשע, אז גאט לאזט נישט אַ מענטשן אייביק בלינד זיין!

שימעלע איז ווי אַ דערשלאָגענער געשטאַנען. ער איז אין גרונד רחלען קיין שונא נישט געווען, און דאָס האַרץ האט אים ווייטיק געטון זי אין אזא לאַגע אין דעם אָרעמען פינצטערן שטיבעלע צו זען, פון דער אַנדערער זייט האָבן אים ר׳ שלמהס ווערטער איבערראַשט, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט שולדיק.

— רבונו של עולם! — האָט ער אַ געשריי געטון, — וואָס בין איך שולדיק?

— פעטער, — האט זיך די קראַנקע אָפּגערופן, — זייט נישט אין כעס אויף אים. ער איז נאָר אַ בלינדער שליח געווען ביי ערגערע פֿאַר אים!.. וואָס מאַכט איר, רבי? ווי גייט עס אייער טאָכטער? לעבט זי גוט פֿאַר איר מאַן? איז זי געטריי זיינע יתומימלעך?

— מיין טאָכטער גייט, אָן אַן עין-הרע, גאַנץ גוט, רחלע! — האָט ער געענטפערט. — זיי מיר דו געזונט, הערסטו, בנאמנות איך וויל, דו זאָלסט געזונט זיין... נישטאָ, ווי דו זעסט מיך אַיידן, נישטאָ קיין בעסערע פֿאַר דיר ביי אונדז אין שטעטל! גאָט זאָל דיר דיינע חסדים און גוט האַרץ דערמאנען און זאָל דיר די רפואה צושיקן!

— בעט גאָט פֿאַר מיר, רבי! — האָט רחלע רירנדיק געזאָגט. — בעט אים, איך זאָל לעבן, אויב נישט... בעט אים, רבי, ער זאָל גיך טרייסטן די, וועלכע וועלן וויינען און קלאָגן נאָך מיר... פֿאַר מיינע ברידערלעך, פֿאַר אייערע קליינע תּלמידימלעך — בעט אים, זאָל ער זייער פֿאָטער זיין!.. מיר זייט מוחל, רבי, אויב איך האָב ווען געזינדיקט אומגערן קעגן אייך!

— איך וועל אים בעטן, רחלע, — האָט שימעלע צוגעזאָגט, — איך בין דיר מוחל. במחילה גמורה מוחל, אפילו דיין פעטער בין איך מוחל. ער איז, נעבעך, בצער, איך האָב אויף אים קיין פֿאַריבל נישט.

אַרויסגייענדיק, האָט שימעלע פֿאַר זיך גערעדט:

— אַ שאָד, בנאמנות אַ שאָד! זאָל זי לעבן, פֿון איר האָב איך פּאַרט ווען אַ גמילת חסד געהאַט... וואָס האָב איך פון אַנדערע? גיין,

אַ יושר גדול זי זאָל לעבן און טאַקע גומל חסד זיין, ווייטער לייען עטלעכע קערבלעך אין אַ נויט!

צו האַלבע נאַכט איז חייעלע אָנגעקומען. דבורה האָט זי אָפּגע-וואַרט ביי זיך אין דער היים.

— קום חייעלע, — האָט זי מיט אַ געוויין אָנגעהייבן, איידער זי האָט נאָך איר געוועזענער שוועגערין שלום-עליכם געזאָגט, — איידער דו גייסט נאָך צו מיר אין שטוב אַריין, קום צו דיין קינד, צו דיין גאָלדן קינד, מחילה בעטן, געזעגענען זיך מיט איר!.. אָ, אונדזער ליכט פון אונדזערע אויגן לעשט גאָט אינמיטן טאָג אויס!

— ווו איז מיין קינד? מיין רחלע, מיין ליכט ווו איז? — האָט חייעלע אָנגעהייבן שרייען און האָט די הענט געבראָכן, — איז זי דען נישט דאָ ביי אייך?

— נישט אונטער איר טאַטנס דאַך, נישט צווישן אייגענע ליגט, נעבעך, די גוטע רחלע. אין אַ ווינקל ערגעץ, אונטערן בלויזן הימל וואָלט זי אויסגעגאַנגען ווי אַ פאַרוואָגלט פייגעלע, נעבעך, וואס אַ שטורמווינד האָט זיין נעסט צעריסן... אז איר געשטאָרבענער טאַטע וואָלט דאָס געזען, וואָלט ער פון זיין ליב קינדס עלנט נאָכאַמאָל אין דער ערד אַריין!

דבורה האָט זי צו שרהלעס שטיבל צו געפירט. חייעלע האָט איר גוטן שוואָגער נישט דערקענט, אזוי פאַרע־דערט און איינגעפינצטערט איז זיין געזיכט געוואָרן.

— נו, חייעלע, — האָט ער אויסגערעדט מיט אַ ביטערן שמייכל, — זי געפעלט דיר דער קבר, ווו דו האָסט דיין ליכטיק קינד לעבעדיק באַגראָבן? זינדיקע אשה דו, נאַרישע מאַמע, גאָט האָט דיר אַ קינד געגעבן, וואָס דו האָסט עס גאָרנישט פאַרדינט. איצט אז ער נעמט עס צו פון דיר, וועסטו דיינע האָר רייסן אויף זיך... וואַרף אַראָפּ דיינע נאַרישע צירונג פון דיר, לעג אש אויף דיין קאָפּ און זיי זיך מתוודה פאַר איר!

מיט די רייד האָט ער דאָס פאַרהאָנגענע טירל געעפנט און זי האָט רחלען דערזען. אַלע פאַרשלאָפענע, מוטערגעפילן האָבן זיך אויפגעוועקט און מיט אַמאָל זיך אָנגעצונדן. איר איז אין די אויגן פינצטער געוואָרן און איז אָן אָטעם אין חלשות געבליבן. מען האָט זי אָפּגעמינטערט, געוואָלט פון צימערל ארויספירן, אָבער זי האָט זיך נישט געלאָזן.

— ווי איך בין ווערט, אַזוי באַצאָלט מיר גאָט... אָבער וואס איז מיין קינד שולדיק? — האָט זי געוויינט און געשריגן אַזן איז אַזוי ביז נאָך אין קלעמונג לעבן בעט געזעסן און אירע אויגן האָבן זיך נישט געטריקנט.

רחלע איז אין היץ געליגן און נישט געהערט, וואס ארום איר טוט זיך; נאר אז עס איז שוין גרויסער טאָג געווען, האָט זי פּלוצלונג די אויגן געעפנט, אָנגעקוקט די, וואס זיצן לעבן איר און קיינעם נישט דערקענט.

— ווו איז מיין פעטער? — האט זי געפרעגט.

— איך בין דאָ, מיין רחלע, אָט בין איך, זעסטו מיך נישט, ליב קינד? — האָט ער זיך אָפּגערופן מיט פרייד און אַנגסט צוזאַמען.

— אַך, מיין ליבער געטרייער פעטער! — האָט זי אויסגעזיפצט און מיט איר בלאַסער האַנט געוואָלט עפּעס צונעמען פון די אויגן דאס, וואָס פאַרשטעלט איר דעם שיין.

— איז נאָך די ליבע מוטער אַלץ נישט געקומען? — האָט זי שטיל געפרעגט, — וויל זי מיר נישט מוחל זיין? ווען איך זאָל נאָר קענען, וואָלט איך צו אירע פיס פאַלן און מחילה בעטן!

— מיין ליב קינד, — האָט זיך חייעלע אַוואָרף געטון צו איר, — אָט בין איך און בעט גאָט, דו זאָלסט מיר געזונט זיין, מיין רחלע!

— מיין ליבע מוטער! — האָט רחלע מיט שטראַלנדיקע אויגן אויסגעשריגן און זיך געוואָלט אויפהייבן דער מוטער אויפן האַלדז פאַלן, אָבער צו שוואַך זענען שוין אירע כּוחות געווען און זי איז צוריק אויף איר קישן געפאַלן. טרערן האָבן זיך אין אירע אויגן באַוויזן, מען האָט אויף איר געזיכט אירע אינערלעכע פריין געזען.

— זיי רויק, מיין קינד, — האָט די מוטער געבעטן, — דו ביזט, נעבעך, אַזוי קראַנק, אַזוי אָפּגעשוואַכט, גאָט זאָל דיר כּוחות געבן!

— גאָט הערט איצט אַלץ, וואָס איך בעט אים, ליבע מוטער, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אויסגערעדט. — איך האָב אים געבעטן, איך זאָל דיך נאָך זען, ווי לאַנג מיינע אויגן זען נאָך. אַך, מיט איין מינוט פריער האָב איך געמיינט, אַז איך וועל דיך שוין נישט זען מער... מיר איז פינצטער געווען. איך האָב אָבער דיין

טרייע שטימע דערהערט, איז מיר ווידער ליכטיק... איך זע דיך, ליבע מאַמוניו, איך זע די גאַנצע וועלט! דיינע אויגן זענען רויט אָנגעוויינט... קעגן דיר נאָר האָב איך שווער געזינדיקט. זיי מיר מוחל, ליבע מוטער, גיב מיר דיין האַנט, אָנקושן וויל איך זי... וויין נישט, וויין נישט, מאַמוניו!

חייעלע האָט איר די האַנט געגעבן. רחלע האָט זי אָנגע־קושט און פון איר האַנט זי נישט אַרויסגעלאָזן. די מוטער איז אַזוי גערירט געוועזן, אַז זי האָט קיין איין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

— ביזטו מיר מוחל, ליבע מוטער? — האָט זי ווידער געפרעגט. — גאָט פילט מיין האַרץ, ער וועט מיר אַלץ מוחל זיין. זיי אויך דו דיין קינד מוחל, כאָטש דו פילסט אפשר נישט ווי אומגערן איך האָב דיר עגמת-נפש געמאַכט...

— מיין גוט, מיין פרום קינד, — האָט ענדלעך חייעלע אַרויס־געכליפּעט, — נישט דו דאַרפסט מיך מחילה בעטן, אָבער איך בין נישט ווערט, דו זאָלסט מיר מוחל זיין! איך האָב קעגן גאָט, קעגן דיר, און קעגן דיין געשטאָרבענעם טאַטן געזינדיקט. אָ, איך בין שוין מער נישט ווערט זיין ליבן נאָמען צו דערמאָנען!..

— מוטער, גאָט איז דיר מוחל, — האָט די קראַנקע באַגייסטערט געטרייסט. — ער ווייס, אַז דו ביזט נישט שולדיק... איך האָב אים אַלעמאָל פאַר דיר געבעטן, מיין ליבער פאָטער... אָ, צו אים גיי איך דאָך באַלד, צוזאַמען וועלן מיר גאָט פאַר דיר בעטן, דו זאָלסט צו זיינע יתומימלעך אַ טרייע מוטער און אַ ליבנדיקע שוועסטער זיין!..

— פאַרוואָס, גאָט, האָסטו מיינע אויגן געעפנט ערשט אין דעם טאָג, ווען מיין וועלט איז מיר פינצטער געוואָרן?! — האָט חייעלע מיט אַ ביטערן קול געקלאָגט און אירע הענט געבראָכן.

— מאַמע, איז דען דיר אין דיין נייעם לעבן נישט ליכטיק גע־נוג? — האָט די קראַנקע געפרעגט.

— ניין, ניין, מיין ליבע טאָכטער! — האָט די מוטער מיט אַ ביטער געוויין געענטפערט. — ליכטיק איז מיין וועלט נאָר פאַר דיין גוטן טאַטן מיר געווען... אָ, איך האָב נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ קרוין איך האָב אויף מיין קאָפּ געהאַט! ווער האָט מיין גדולה נישט מקנא געווען? מיט מיין גוטער מערכה זיינע קינדער נישט געבענטשט? ווער האָט מיינע ליכטיגע בריליאַנטענע קינדער נישט געריימט. נאָר איך, זינדיקע אשה, בין בלינד געווען און מיין גדולה נישט פאַר־

שטאַנען און מיינע אייגענע בריליאַנטן נישט געזען !.. וואס האָב איך פון דיר, מיין קינד, געוואָלט ? פאַרוואָס האב איך דעם עלנטן יתום, משהלען, פיינט געהאַט ? וועלכע שלעכטס האב איך פון אים געזען ? וועלכע חסידים זענען פרומער און בעסער פאַר אים ? איך ווייס שוין, איך ווייס שוין, מיין קינד !.. אַ שטן האָט מיך אָנגערעדט און גאָט שטראָפט מיך ווי איך בין ווערט, ווי צו מייגע יאָרן !..

דער מוטערס ביטערע חרטה נאך דער צייט האָבן רחלען צו אירע אינערלעכע און אויסערלעכע פיין נייע קלעמונג צוגעגעבן און אַלע אירע גלידער האָבן צו ציטערן און צו צוקן אָנגעהייבן פון דעם ביטערן רחמנות-געפיל אין דעם קראַנקען באַקלעמטן האַרצן. די מוטער האָט דאס צוקן געזען, דאס שטילע כליפען געהערט, זי האָט געמיינט, דאס איז איר קראַנקהייטס-אָנפאַל און האָט נאר גע-וויינט, קוקנדיק

— ליבע מוטער, — האט רחלע אין אַ שעה אַרום געזאגט, — עס איז דאָ אַ גאָט, אַ גוטער גאָט ! ער איז אַ דיין אלמנות, אַ פאָטער פאַר אַלע יתומים ! ער וועט אויך דיינע טרערן זען און דיינע יתומים אַ פאָטער זיין ! זיי דו זיי אַ געטרייע מוטער און זיי וועלן דיין טרייסט זיין !.. האָסטו די קינדער דאָרט ביי זייער נייעם טאַטן געלאָזן ? אָ, ווי וויל איך זיי נאך זען פאַר מיין טויט !..

— די קינדער זענען דאָ, רחלע, — האט זיך דער פעטער אַרויסגעכאַפּט, חיילען אַ ווונק געבנדיק, זי זאל נישט אויסזאָגן, אַז זיי זענען מיט איר נישט מיטגעפאָרן, די מומע דבורה האָט זיי געלייגט שלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן, אַ רחמנות זיי צו וועקן...

— זאָלן זיי זיך אויסרוען, מיינע פייגעלעך, — האָט זי ווי מיט פרייד אַרויסגערעדט. — אָ, ווי גוט ווערט מיר, אַז איך ווייס, אַז זיי זענען ווידער נאָענט פון מיר ! ווייסן זיי שוין, אַז זייער ליבע רחלע איז קראַנק ?

— איך האב זיי נישט געזאָגט, צו וואס זאָל איך זיי מצער זיין ? — האט זיך די מוטער אָפּגערופן. — צו גאָט האָף איך, דו וועסט מיר באַלד געזונט ווערן ! זאָלן זיי זיך בעסער פרייען מיט זייער ליבע שוועסטער, מיט זייער טייערער טייערער שוועסטער !..

רחלע האָט אַ שווערן זיפץ געטון און אירע אויגן צו גאָט אויפ-

געהייבן. מען האָט קלאָר געזען, אַז זי בעט אים איצט, ער זאָל איר דאָס לעבן שענקען צוליב די קינדער.

— פעטער, — האָט זי געזאָגט, — איך בעט אייך, אַז זיי וועלן אויפשטיין, זאָגט זיי נישט, אַז איך בין קראַנק... פירט זיי אַריין און פאַרשטעלט מיך פון זיי, זאָלן זיי נישט וויסן, ווער דאָ ליגט קראַנק, פון ווייטן וועט איר מיר אַ ווונק געבן, איך זאָל זיי זען, פון ווייטן וועל איך אָנקוקן און אָנווינטשן, מיינע עלנטע ברידערלעך!

— גוט, גוט, — אַז זיי וועלן זיך נאָר גוט אויסרוען! — האָט ער צוגעזאָגט.

פאַרנאַכט האָט זי ווידער גרויס היץ באַקומען און אויפגעהערט צו דערקענען. דער דאָקטאר האָט געזאָגט, אַז זי וועט מסתּם די נאַכט שוויצן און האָט אַלע מיטלען געטון אַ גינסטיקן שוויס אַרויסצוברענגען. פאַרטאָג האָט די מוטער ווירקלעך אַ שוויס באַמערקט און האָט באַלד מיט פרייד ר׳ שלמהן אָנגעזאָגט. ער איז אין בית-המדרש אַוועקגע-לאָפן, מיט פרייד און מיט דאַנק צדקה געטיילט און נאָך גרעסערע צוגעזאָגט אַז זי וועט שוין אינגאַנצן געזונט ווערן. און דאָ האָט די מוטער מיט שרהלען זיך מי געגעבן דעם שוויס וואָס מער צו טרייבן ווי זיי וואָלטן געהאָפט מיט דעם איר גאַנצע קראַנקהייט אַרויסצע-טרייבן. אַז עס איז גרויסער טאָג געוואָרן, האָט די קראַנקע די אויגן געעפנט און אַ טרונק געבעטן. דער דאָקטאר האָט זי געפונען אַ גע-נעזענע: די היץ האָט אינגאַנצן אָפּגעטרעטן, נאָר שוואַך איז זי גע-ווען, אַז מען האָט קוים געהערט וואָס זי רעדט.

— ווי פילסטו זיך, מיין קינד? — האָט די מוטער פול מיט ליבע און פרייד געפרעגט.

— מיר איז היינט פיל בעסער, ליבע מוטער, איך בעט דיך, רו זיך שוין אויס אַ ביסל, לעג זיך שלאָפן, מיך שלעפערט אויך, איך בין מיד, שרעקלעך מיד, ליבע מוטער!

חייעלע האָט זי הייס אָנגעקושט, און אַז זי האָט געזען, אַז זי שלאָפט שוין, האָט זי זיך אויך פאַרגינען צוצולייגן אויף שרהלעס בעט און איז פון מידקייט שטאַרק אַנטשלאָפן געוואָרן. אַ שווערער שטיין איז פון יעדנס האַרצן אַראָפּגעפאַלן. ר׳ שלמה איז גוט געווען צו יעדן און וואָלט אַפילו זיין נשמה אַוועקגעגעבן ווען עמעץ וואָלט זי ביי אים געבעטן. פיר אַ זייגער האָט זיך רחלע אויפגעכאַפּט,

ער איז לעבן איר געזעסן און די פליגן אפגעטריבן, זיי זאלן זי נישט בייסן.

— פעטער, ווען קען משהלע קומען? — האט זי געפרעגט

— מאָרגן, מיין ליב קינד!

— הייגט קען ער נישט קומען?

— וואָס זאל איך דיך נאַרן, מיין ליב קינד, — האָט ער געענטפערט. — היינט, דאַכט מיר, קען ער נאָך נישט קומען.. איך ווייס אַליין נישט, וויפל מייל ער האט צו פאָרן... מיינע אבות אבותי זענען אפשר קיינמאָל אַזוי וייט נישט געווען... זייער אַ ווייטער וועג זייגער, מיין קינד!

— זייער אַ ווייטער וועג זייגער!.. האט זי שווערמוטיק איבערגעזאָגט און אירע אויגן זענען פול געוואָרן. — קורצער אַ סך איז מיין וועג איצט... גיב אים, גאָט, אויך אין לעבן אַ לענגערן, גרינגערן וועג פאַר מיר!..

די מומע דבורה איז אַריינגעקומען.

— מומע, — האט רחלע, געזאָגט, — זענען שוין מיינע ברידערלעך אויפגעשטאַנען? אָ, ווי וויל איך זיי שוין זען אַמאל!..

ר׳ שלמה האָט זיין ווייב אַ ווונק געטון, אָבער רחלע האָט דעם ווונק באַמערקט.

— האָט קיין מורא נישט, פעטער, מיר דעם אמת אויסצוזאָגן, — האט זי מיט אַ באַקלעמטן קול געזאָגט. — מען האָט די עלנטע קינדער נישט מיטגענומען געזעגענען זיך מיט זייער שוועסטער... אפשר איז אזוי גלייכער... אָ, ווי וואָלט דאָס האַרץ אין מיר צעריסן ווערן, זעענדיק זיי וויינען לעבן מיין בעט, בעת איך קען זיי שוין נישט טרייסטן... זאָלן זיי געזונט זיין דאָרט, ווו גאָט איז מיט זיי און נישט זען מיט זייערע אייגעלעך, ווי זייער רחלע וועט אַ טויטע אויף דער ערד ליגן, ווי מען וועט מיך דאָרט אויפן בית־עולם אין טיפן נאַסן קבר אַראָפּלאָזן און מיט ערד באַשיטן... איך האָב עס אַמאָל געזען, מומע, אָ, דאס איז אַ שרעקלעכע סצענע פאַר אַ יונג אויג!.. זאָלן זיי עס נישט זען און נישט וויסן און נישט פילן די אַנגסט און שרעק וואס פילט מיין האַרץ פון יענעם טאָג אָן!..

— מיין ליב קינד, וואָס רעדסטו עפּעס פון שטאַרבן? — האט ער מיט אַנגסט געפרעגט, — דו האָסט דאָך געשוויצט די נאַכט און דער דאָקטאר זאָגט, אז דו וועסט באַלד געזונט זיין, מיר וועלן נאָך טרייב

און נחת האָבן און די גרעסטע פרייד וועט זיין, אַז משהלע וועט קומען אַן ערלעכער פרומער ייד, ווי מיר אַלע ווינטשן אים און איך מיט דיין מאַמען, זאָל געזונט זיין, וועלן אייך אונטער אייער חופה בענטשן! זע-זשע, מיין טאָכטער, געזונט צו ווערן!

זי האָט געשוויגן, נאָר אירע פולע אויגן האָבן איר פיין דערציילט. אים האָט אָנגעהייבן צו שרעקן.

— זאָל איך אפשר גיין דעם דאָקטאר רופן? — האָט ער מיט אַנגסט געפרעגט.

— ניין, פעטער, — האָט זי געענטפערט, און זיין האַנט מיט קראַמף צוגעדריקט, — גייט איצט נישט אַוועק פון מיר. איר וועט מיט מיר ווידוי זאָגן!..

ער האָט זיך פאַרלוירן, געוואָלט אַ געוואַלד מאַכן, אָבער זי האָט ווידער אָנגעהייבן רעדן:

— פעטער, שרעקט אייך נישט, — האָט זי געבעטן, — מיין בעסערונג איז נאָר אַ פאַלשער שיין געווען... ווי אַ ליכט גייט אויך דעם מענטשנס לעבן אויס... איין מינוט פאַר דעם פאַרלאָשן ווערן הייבט עס אָן ליכטיקער צו שיינען... עס ענדיקן זיך די כּוחות מיינע פעטער, מיר דאַכט זיך, אַז מיינע פיס זענען שוין אָפּגעשטאָרבן... האַלט איך די אויגן אָפן, זע איך, ווי דאָס גאַנצע צימערל איז פון טרערן פול... אין דער לופטן, איבער מיין קאָפּ... איך שווים אום אין זיי... פאַרמאַך איך די אויגן, דאַכט זיך מיר, אַז איך ליג שוין אויף דער ערד... מיט דעם שוואַרצן געוואַנט אַריבערגעדעקט... אין מיינע אויערן קלינגט די „צדקה תציל ממות”-פּושקע.. זעט איר נישט, דאָרט ביי דער טיר וואַרט שוין דער אָרון צו מיין לוויה... גאָט זאָל אייך טרייסט צו שיקן, דאָס בעט איך אים נאָך!..

— רעדט נישט, יעדעס וואָרט דיינס איז מיר אַ שפּיז אין האַרצן!..

— זאָל איך פאַר מיין טויט זיך מיט מיין ליבן פעטער נישט געזעגענען? אָ, איך האָב אייך נאָך וואָס צו בעטן, עס וועט באַלד קיין צייט נישט זיין, ליבער פעטער!

ער האָט איר האַנט אַנגערירט: זי איז שוין קאַלט און כּמעט טויט געווען. מיט שרעק איז ער פון צימערל אַרויסגעלאָפן און אַ ביטער געשריי געמאַכט:

— זי איז פאַרביי! זי גייט ווי אַ ליכט אויס! לויפט צום דאָקטאר גיכער! טאמער קען מען נאָך ראַטעווען!

וויפל עס זענען אין פאדערצימער מענטשן געווען, האבן זיך אַלע צו דער קראַנקער אַוואַרף געטון, חייעלע איז ווי אַ צעטומלטע צוגעפאַלן צו איר קינד.

— וואס זענען אַזוי דיינע ליכטיקע אויגן אויסגעלאשן געוואָרן, רחלע, מיין קרוין, מיין ליכט פון מיינע אויגן ? !..— האט זי געטענהט און די האר אויף זיך געריסן.

— ווין נישט, ווין נישט, ליבע מאַמוניו ! — האט רחלע רירנדיק געבעטן, — גאט רופט מיך, איך הער די שטימע זיינע, זי איז שוין נאענט... אָ, גלויב אים, ליבע מוטער, ער וועט דיר טרייסט און כּוחות געבן !..

— לעב מיר בעסער, מיין ליב קינד, קיין אַנדער טרייסט וויל איך נישט !

—מוטער, ער האָט מיר מיין נשמה געגעבן, ער נעמט זי צו־ריק צו, געלויבט איז ער ! פייגע שטייט מיר איצט פאַר מיינע אויגן... זי איז פון איר אייביקער רו געקומען דערמאנען, אז איך זאָל דערפילן מיין הייליק וואָרט, וואָס איך האָב איר געגעבן, פאַר איר אַ קדיש צו דינגען און צום יאָרצייט אַ ליכט אָנצינדן. טו דאס דו פאַר מיר און זי וועט פאַר דיר און דיינע יתומימלעך גאָט בעטן !

— גרעסערע חסדים וואָלט מיר אויך נישט צו שווער זיין, פאַר פייגען וואָס האָט דיך, מיין קינד, אויף אירע הענט אויסגעהאָדעוועט. אָ, זאָל זי בעטן פאַר דיר !..

— וויפל צער און אנגסט האָט די גוטע שרהלע מיט איר מוטער פון מיר ביז מיין לעצטער מינוט ! איך וואָלט מיט אַ פּערל באַצאָלן זיי פאַר יעדע טרער, וואָס זיי פאַרגיסן פאַר מיר ; אָבער אויס זענען מיינע יאָרן... באַצאָל זיי דו, ליבע מוטער, וואס איך קען שוין מער נישט !

— אפילו מיין געזונט און לעבן וואָלט איך אָוועקגעגעבן, נאר לעב, נאר זיי געזונט !.. — האט די מוטער געכליפּעט.

— זאָל איך דיך נאָך בעטן געטריי זיין מיינע עלנטע ברידערלעך און ליבע שוועסטערל ? ניין, מאַמוניו ! דו וועסט זיי טריי זיין אָן מיין בעטן. איך ווייס : זיי זענען אין זייער נייער היים געבליבן... זאָג זיי נישט, מאַמע, אז רחלע איז געשטאָרבן, צו וואס זאָלן אויך זייערע יונגע טרערלעך אין מיין קבר מיר אַריינרינען ? נאר ווען

די עלנטע קינדער וועלן דיך פרעגן: „מאַמע, ווו איז רחלע? אונדזער ליבע שוועסטער ווו איז?" זאָג זיי: „ווייט, ווייט איז רחלע אַוועקגעפאָרן, דאָרט, ווו דער הימל לאָזט זיך ביז דער ערד אַראָפּ, ווו ווייטער קען מען שוין נישט פאָרן... דאָרט, אויף יענעם פאַרוואָרפענעם בית-עולם, ווו אייער געטרייער טאַטע ליגט — דאָרט, קינדערלעך, בעט רחלע גאָט פאַר אייך, איר זאָלט געזונט זיין, גוטע, געלערנטע און אויך גליקלעכע זיין!"... ווען אַמאָל משהלע וועלן די קינדער גוטס טון, גלויב אים מאַמוניו, אין גאָטס וועגן וועט ער זיי פירן!..

די ווערטער האָבן ביי אַלעמען דאס לשון אָפּגענומען. נאָר טרערן האָבן זיך שטיל געגאָסן.

— גוטע רבקה, און איר, ליבע שרהלע! — האָט זי אוירע איגן ווענדנדיק צו זיי געזאָגט. — זייט מיר מוחל אייער צער און אַנגסט, וואָס איך האָב פאַר אייער חסד אין אייער שטיבעלע אַריינגעטראָגן! איך האָב עס נישט געוואָלט, נישט געוווּסט... געזעגנט אייך מיט אייער שכנה, וועלכע קלויבט זיך באַלד פון אייער דירה אַרויס.. אַן אנדערע דירה אַן אייביקע איז אָנגעגרייט, צוגעפּוצט פאַר מיר.. מיין ליבער פאָטער האָט נאָך אין זיין לעבן דאָס דירה-געלט באַצאָלט... נישט באַשערט געווען מיר אין זיין שטוב צו שטאַרבן, זאָל איך כאָטש אין זיין קבר מיין אייביקע רו געפינען... מוטער, דו וועסט נישט לאָזן דיין טאָכטער זייער דירה-געלט אַוועקפירן אַהין פון וואַנען מען קען שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט אָפּשיקן... און דו, לייבעלע, אָרעם יתומלע,—האט זי צו שרהלעס יונגעל געזאָגט, — איך האָב געוואָלט גוטס טון דיר, ליב קינד, איצט קען איך נאָר, ווי פאַר מיינע ליבע ברידערלעך, אויך פאַר דיר דעם פאָטער פון יתומים בעטן, זאָל ער אייך גוטס טון ווי איך ווינטש אייך, עלנטע קינדער!.. ווין נישט, לייבעלע, איך גיי דאָך אַהין, ווו דיין טאַטע איז... אין וועל אים זאָגן: דו פאָלגסט, וואָס גאָט הייסט, און וואָס דיין גוטע מאַמע און קלוגע באָבע הייסן...

— מיין טאַטע איז דאָך געשטאָרבן, — האָט דאָס קינד מיט אַ וויינענדיק קולכל זיך אָפּגערופן,— גייט נישט אַהינצו, רחלע!.. איך בעט גאָט, איר זאָלט געזונט ווערן.

— מיינע ברידערלעך וועלן נישט וויסן, אַז איך בין געשטאָרבן; בעט דו גאט און זאג אַמאל קדיש נאך מיר, לייבעלע, אויב מען וועט זאָגן, אַז דו מעגסט... זיי מיר געזונט, פאלג וואס גאט הייסט איז

הייליקן חומש, וועלכן דו האסט מיר פאַרטייטשט? איך וועל אים פאַר דיר אויך בעטן און פאַר דיין ליבע מאַמען, גוטע מאַמען...

— ליבע מומע, — האָט זי צו דבורהן געזאָגט, — איר האָט מיך געטרייסט, ווען איך האָב נאָך מיין טרייען פאָטער געוויינט און גע־קלאָגט, טרייסט איצט די, וועלכע וועלן באַלד נאָך מיר וויינען און קלאָגן!.. זייט מיינע ברידערלעך אַ גוטע מומע, ווי געוועזן און אַ שוועסטער אַ טרייע אויך דער ליבער עלנטער מוטער מיינער... ווען אייער פלימעניק, דער ליבער משהלע, וועט קומען און וועט וויינען און קלאָגן, אז ער וועט מיך שוין אונטערן שטומען בערגל, דאָרט, אויפן בית־עולם, געפינען — זאָלט איר אים זאָגן, אז איך האָב אים פאַר מיין טויט געבעטן, אז ער זאָל זיין פול האַרץ און טרערן נאָר פאַר גאָט אויסגיסן און מענטשן זאל ער מוחל זיין!.. זאגט אים, ביז איר טויט איז אים רחלע טריי געווען און ביז איר קבר האָט זי אים נישט פאַרגעסן!

אין דער מינוט איז דער דאָקטאר אַריינגעקומען. חייעלע איז מיט אַ ביטער געוויין צוגעפאַלן, ער זאָל ראַטעווען; אָבער קוים האָט ער רחלעס אָפגעשטאָרבענע הענט דערזען, האט ער גע־ענטפערט:

— ליבע מוטער, גאָט איז אַ דאָקטאר, אים בעט, איך קען נאָר מיט דער קראַנקהייט קעמפן, אָבער נישט מיטן טויט!.. חייעלע האט צו חלשן אָנגעהייבן און מען האָט זי אונטער די הענט פון צימערל אַרויסגעפירט. דער דאָקטאר האָט אַלעמען געהייסן ארויסגיין און איז אַליין אויך אַרויסגעגאַנגען חייעלען מינטערן, נאר ר׳ שלמה איז ווי אַ שטומער לעבן דער קראַנקער געבליבן. רחלע האָט זיי טרויעריק נאָכגעקוקט.

— זייט געזונט, אַלע מיינע ליבע און מיינע טרייע! — האָבן נאָך אירע ליפן שטיל אַרויסגערעדט, — זייט אויך איר געזונט, ליבע ברידערלעך און אָרעם שוועסטערל! גליקלעכער פאַר מיר זאָלט איר לעבן, עלטער און גרינגער פאר מיר זאָלט איר שטאַרבן... און דו, ליבער משהלע, פאַרגעס מיך, פאַרגעס דיין רחלען! פאַרגעסן דיך קען זי נישט אפילו פאַר איר טויט!.. פעטער, איך וויל ווי אַ יידישע טאָכטער שטאַרבן, ווי איך האָב ווי אַ יידישע טאָכטער געלעבט... זאָגט מיט מיר ווידוי!

— זאָג דו מיט מיר ווידוי, מיין קינד! — האָט ער קוים אַרויס־גערעדט און דעם סידור גענומען און ווידוי געזאָגט.

זי האָט נאָכגעזאָגט, נאָר אין האַרצן האָט ער זיך געשלאָגן, זי האָט שוין קיין כּוח נישט געהאַט.

די זון האָט אָנגעהייבן אונטערצעגיין, אירע לעצטע רויטלעכע שטראַלן האָבן אין צימערל אַריינגעשיינט און דאָס שיינע בלאַסע גע־זיכט פון דער גוססער באַלויכטן. עטוואָס הייליקעס, טרויעריקעס און שרעקלעכעס איז אין דער באַלייכטונג געווען. ר' שלמהן האָט געדאַכט, אַז דאָס שטראַלט עס אַזוי דאָס שיינע געזיכט פון דער, וועלכע האָט ערשט ווידוי אָפּגעזאָגט. אויך די, וואָס זענען צוריק אַריינגעקומען, נאָכ־דעם ווי זיי האָבן הייעלען אָפּגעמינטערט, זענען פאַרווונדערט געוואָרן פון דעם רויטלעכן ליכטיקן שיין, וואָס האָט איבער רחלעס ליבן פּנים געשפּילט. און זיי זענען פאַר איר בעט געשטאַנען אין שטומער באַוווּנדערונג מיט אַ הייליקן ציטערן אין אַלע גלידער. באַלד איז די זון אונטער־געגאַנגען, אין חדרל איז טונקל געוואָרן און אויך רחלעס שיינענדיק פּנים האָט שוין מער נישט געשיינט... אַז די מוטער האָט זיך צוריק צו איר קינד אַריינגעריסן, האָט שוין אין חדרל אַ ליכט געברענט, אָבער דאָס גוטע קינד האָט שוין נישט די מוטער, נישט דעם שיין געזען. מיט קושן און מיט טרערן הייסע האָט נאָך די פאַרצווייפלטע מוטער איר קינדס אָפּגעשטאָרבענע קאַלטע הענט געוואַרעמט, ווי עס וואָלט נאָך מעגלעך געווען זיי צו דערוואַרעמען. דער לעצטער קאַמף האָט זיך אָנגעהייבן, טויט און לעבן האָבן אין דעם ליבן קערפּער גע־שטריטן און מיט ציטער און אַנגסט האָט מען צוגעקוקט, ווי דער טויט איז גובר און דאָס לעבן ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער...

עלטערע באַלעבאַטים פונם שטעטל, וועלכע זענען געקומען יציאת־נשמה דערוואַרטן, האָבן ר' שלמהן דערמאָנט, אַז ער איז אַ כּהן און טאָר שוין מער מיט זיין ליבער רחלען אונטער איין דאַך נישט זיין. ער האָט זי נאָך אין שטערן אַ קוש געטון און איז ווי אַ צעמישטער אַרויסגעגאַנגען. אויך הייעלען האָט מען איבערגוואַלד אַרויסגעפירט, די לעצטע פּיין און שמערצן פון איר ליב קינד, מיט די אויגן נישט צו זען. ר' שלמה איז די גאַנצע נאַכט אונטערן פענצטערל געשטאַנען, די האָר פון קאָפּ געריסן און צו גאָט גע־שריגן, אַז ער זאָל שוין אים אויך צונעמען פון דער פינצטערער וועלט, פון דער פאַרדאַרבענער פאַלשער וועלט, ווו אַ מענטש אַ מענטשן קען

אזוי פארפירן, טרייהייט אין אכזריות צו פארקערן און אזא ליב קינד אזא בריליאנט קינד די יארן אפקירצן...

עס האט אנגעהייבן צו באגינען, ווי פייער רויט איז יענער ברעג הימל געווארן, ווו די זון האט זיך צוגעגרייט איר נייען קרייז ארום דער ערד ארומצוגיין. פון די נאענט, מיט טוי באדעקטע פעלדער, וועלכע האבן זיך פון דעם ארעם שטיבעלע געזען, האט זיך א פריש קיל ווינטל צוגעטראגן און עס האבן זיך בלישטשעדיק קלארע טוי טראפנס געזען אויף יעדן בלעטעלע, אויף יעדן גרעזעלע. ר׳ שלמהן האט זיך געדאכט, אז אפילו זיי וויינען איצט מיט אים אויף דעם יונגן טויט דא אין שטיבעלע... נאך אַ קורצער צייט איז אריבער און די זון איז אינגאנצן ארויס, דער טוי פון די פעלדער האט זיך ווי אַרויך אויפגעהייבן און מיט אים צוזאמען איז ארויף אויך דער לעצטער לעבנס הויך פון דעם יונגן בלימעלע, וואס האט אמאל רחלע געהייסן... די, וואס זענען מיט ליכט אין די הענט ארום איר בעט געשטאנען, האבן פלוצלונג געזען, ווי אירע פארשלאסענע אויגן האבן זיך געעפנט, שטיל און רירנדיק האבן זיי נאך די ערשט ליכטיק געווארענע וועלט אנגעקוקט און אזוי שטיל און אזוי רירנדיק האבן זיי זיך צוריק פארמאכט, זיי שוין קיינמאל מער נישט צו עפענען און די וועלט שוין קיינמאל, קיינמאל נישט מער צו זען... איייניגע מינוט איז נאך אויף איר ליבן פנים שמערץ און פיין געווען צו זען, באלד אבער האט מען אַ שטילן שווערן זיפץ דערהערט, דאס גע- פייניקטע יונגע הארץ איז שטיין געבליבן און דער פאדעם פון איר לעבן האט זיך ווי איינמיטן אפגעריסן... דאס טויטע געזיכט האט זיך צוריק אויסגעגלייכט און דער ליבער חן אויף איר האט צוריק ווי אויף אַ לעבעדיקע גערוט און מען האט געקענט מיינען, אז זי שלאפט א רויקן, א דערקוויקנדיקן שלאף.

העכער און ליכטיקער איז די זון ארויף, נאר איידער אירע ווארעמע שטראלן האבן נאך די טוי-טראפנס פון די גרעזעלעך און בלעטעלעך אפגעט־יקנט—איז שוין א פארוועלקטע און פארקילטע אויף דער ערד געליגן די שיינע רחלע, וועלכע האט נאך נישט לאנג צוריק אזוי שיין געוואקסן און אזוי ליב געבליט... מען האט פיל ליכט אנגעצונדן, אפשר ליכטיק צו מאכן יענע אויגן, וואס זייער ליכטיקע זון איז איצט מיט דעם שווארצן מתים-געוואנט פארדעקט געווארן, אבער נישט מער דער, וועלכע איז שוין אויף דריי שטרוי

אונטער דעם געוואַנט געלעגן... די אַלטע רבקה האָט זי מחילה געבעטן פאַר דער מוטער, פאַר דער מומען, פאַר זיך און פאַר שׂרהלען און איר געהייסן אַ גוטע בעטערין זיין פאַר אירע ליבע, וועלכע וויינען נאָך איר, און איידער זי האָט נאָך אירע טרערן אָפּגעווישט, האָט מען שוין איר ליבע שכנה פון איר שטיבעלע אַרויסגעטראָגן. עס איז אין שטעטל כמעט אַ מענטש נישט געבליבן, וואָס איז צו דער לוויה נישט געגאַנגען און קיינער איז צו דער לוויה נישט געווען, וואָס האָט אַ טרער נישט פאַרגאָסן, אָדער פון דער געשטאָרבענער אַ שיינעם שבח נישט דערציילט.

אין אַ פאַר שעה אַרום האָבן צוויי שמשים, אויף יענעם אָרט, ווו דאָס ליב אייניקל האָט לעבן זיידנס קבר, תשעה באב, אַזוי פיל טרערן פאַרגאָסן — אַ טיפן קבר אויסגעגראָבן און נאָך אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט אַ פרישׂ בערגל ערד צוגעדעקט די, וואָס האָט נאָך היינט די וועלט און די זון מיט אירע אויגן אָנגעקוקט.

פון יענער זייט פאַרקאַן, וווּ ר׳ שלמה איז נישט לאַנג גע־שטאַנען און זיין געשטאָרבענעם פאָטערס מצבה־שטיין געזען, איז ער איצט ווידער געשטאַנען און מיט פולע אויגן צוגעקוקט, וואָס דאָ גייט פאָר. ער האָט נישט געוויינט, נישט געקרעכצט; נאָר אַז ער האָט דעם ערשטן קדיש ביי דעם ערשט אָנגעשאָטענם קבר דערהערט, האָט ער מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטימע „אָמן יהא שמיה רבא״ געענטפערט און איז צוריק שטיל און שטום געבליבן, ווי פריער.

דער הימל האָט זיך מיט אַ געוויטערפולן וואָלקן פאַרצויגן. עס האָט אַ העלער בלענדנדיקער בליץ געטון און באַלד האָט אויך אַ שרעקלעכער דונער דאָס גאַנצע, מיט קברים באַדעקטע פעלד פאַר־הילכט. אַ העפטיקער ווינד האָט די יונגע צווייגעלעך איבער די קברים ביז צו דער ערד צוגעבויגן און גרויסע טראָפּנס רעגן האָבן מיט אַ שטורם אָנגעהייבן פאַלן. די לעבעדיקע זענען געשווינד פון בית־עולם אַראָפּ, אונטער אַ דאַך ערגעץ פון רעגן זיך צו באַ־האַלטן — די טויטע אָבער זענען פון רעגן און פון שטורם, ווי פון אַלע געוויטערס אין מענטשלעכן לעבן, אין זייערע קברים שוין לאַנג בעזיכערט געווען...

פאַרנאַכט האָט דער רעגן אויפגעהערט, די נאַסע קברים זענען גיך טרוקן געוואָרן און אויך פון די פאַרגאָסענע טרערן דאָ איז קיין סימן און קיין זכר מער געבליבן... דער הימל האָט זיך אויסגעלויטערט,

די זון האט ווידער דאָס איינזאַמע פעלד באַלויכטן און מיט אַ ליכטיקן שטראַל אויך דעם פרישן קבר באַגריסט...

חייעלען האט מען פון בית-עולם אַ קראַנקע אַראָפּגעפירט, ר׳ שלמה איז אַליין אַהיים געקומען. זי האָט צו וויינען און צו קלאָגן נישט אויפגעהערט, ער אָבער האָט נישט געוויינט און נישט גע־קלאָגט. אזוי איז דער ערשטער און אויך דער אַנדערער שבעה-טאָג אַריבער; נאָר אז די ווייבער האָבן לכבוד שבת ליכט געבענטשט און חייעלע האָט דערמאנט אירע אַמאָליגע יאָרן, ווי רחלע פלעגט צו ליכט בענטשן אירע שיינע הענט אַרויפלייגן אויף אירע אויגן, וועלכע האָבן נאָך ליכטיקער ווי די ליכט געשיינט, און אז אויף די אויגן ליגן שוין איצט שערבעלעך... און אז זי ליגט שוין אין קבר... האט ער פלוצלונג אַ געשריי געטון:

— און איך, איר מלאך-המות, לעב נאָך! — איך בין געזונט, ווי מויער שטאַרק!.. וואָס וויל גאָט פון מיר? איז מיר ווייניק מיינע זינד? זאָל איך נאָך מיינע שבתים פאַרשטערן?

ער האָט זיך שרעקלעך פאַנאנדערגעוויינט און האט אויךביים קידוש געוויינט און וואָלט צו וויינען אַ גאַנצן שבת נישט אויפגעהערט, ווען דבורה וואָלט אים נישט דערמאנט, אז עס איז נישט נאָר קעגן גאָט אַ זינד, אָבער אויך קעגן דער געשטאָרבענער.

— די טרערן דיינע,—האָט זי געזאָגט,—פאַרשטערן איר הייליקע רו, וואָס ווילסטו נאָך איצט פון איר? ווייניק האָבן מיר איר פּיין און לייד אין לעבן אָנגעטון? ווילסטו זי אין קבר אויך צו רו נישט לאָזן? זי האָט זיך, נעבעך, געבעטן, מען זאָל איר כאטש אין קבר מנוחה געבן און נישט וויינען נאָך איר... טו איר צוליב, ווישׁ דיינע טרערן אָפּ און לאָז זי אַ גוטע בעטערין זיין פאַר די, וואָס לעבן נאָך!..

די ווערטער האָבן אויף אים געווירקט, ער האט צו וויינען אויפגעהערט. אפילו זונטיק, ווען משהלע איז געקומען און עס האָבן מיט אים מיטגעוויינט, ווער עס איז נאָר אין שטוב געווען, האט ער, ר׳ שלמה, איין טרער נישט געלאָזט פאַלן.

— זי האָט געבעטן מען זאָל נישט וויינען נאָך איר, — האָט ער זיין

אומגליקלעכן פּלימעניק געזאָגט: — גרינגער וואָלט מיר געווען, ווען זי וואָלט מיך געבעטן, די שווערסטע תשובה נעמען אויף זיך פאַר מיינע זינד קעגן איר; זי האָט אָבער נאָר נישט וויינען געבעטן און מיין שטילער ווייטיק איז מיר ליב... טו איר דו אויך צוליב, מיין זון, וויין זיך אויס אַ ביסל און זיי אַ מענטש!

אָבער משהלען האָט געדאַכט, אַז ער קען שוין קיין מענטש נישט זיין און האָט צו וויינען נישט אויפגעהערט.

— זי איז נישטאָ מער!

האָט אים יעדע זאַך דאָ אין שטעטל דערמאָנט.

— נישטאָ מער מיין רחלע! — האָט זיין האַרץ געשריגן. פאַרוואָס בין איך נאָך דאָ?

עס האָט אים דאָס האַרץ געצויגן כאָטש איר קבר צו זען און קיינעם נישט זאָגנדיק וווהין ער גייט, האָט ער דעם אַנדערן טאָג אין טרערן און וויינען אויף רחלעס קבר פאַרבראַכט. אַז ער איז פאַרנאַכט אַהיים געקומען און דעם פעטער דערציילט, ווו ער איז געווען, האָט דער פעטער געזאָגט: דו האָסט פאַרגעסן, מיין זון, אַז דו ביזט אַ כּהן און טאָרסט אויף איר קבר נישט זיין. איך בין דיך נישט חושד, חלילה, אַז דו האָסט געוווסט וואָס דו טוסט, „אין אדם נתפס על צערו”. גאָט זאָל דיר עס מוחל זיין!

— פאַרגינט מען מיר דעם איינציקן טרייסט אויך נישט? — האָט ער מיט אַ ביטערן קול אַ געשריי געטון, — האָט איר אַ האַרץ, ליבער פעטער, מיר צו פאַרבאָטן מיינע טרערן אויף דעם קבר אויסצעגיסן, וווּ מיין וועלט, מיינע אַלע האָפענונגען רוען? ניין, נישטאָ אַזאַ מצווה אין אונדזער הייליקער תּורה, וואָס זאָל אַ מענטשן הייסן זיין האַרץ אין זיך דערשטיקן! נישטאָ אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל די טרערן איינהאַלטן, זיי זאָלן זיך נישט גיסן, בעת דאָס האַרץ איז שוין צעריסן און קען זיי אין זיך מער נישט באַהאַלטן! אָ, האָט רחמנות פעטער, זאָגט, אַז איך מעג, גאָט איז אַ קראַנקן מוחל, איך בין איצט מער ווי קראַנק, פעטער!

— מיין זון, — האָט ער געענטפערט, — איך האָב די הייליקע תּורה נישט מער געלערנט פאַר דיר, דו ווייסט דעם דין אַליין. זאָגן דיר, אַז דו מעגסט, טאָר איך נישט, זאָגן דיר, אַז טאָרסט נישט, קען איך נישט... נישט פיל נאָך וועל איך בענקען אַהין צו קומען, ווו דאָס פרום קינד איז אַזוי יונג אַוועק... ביי גאָט בעט איך, ער זאָל

מיך וואס פריער אַהין בּרענגען; דו אבער ביזט נאך יונג, דיין צער איז גרעסער, ווי מיינער און איך קען דיר יענעם וועג נישט פאַרשטעלן וווהין דיין ביטער הארץ פירט דיך טרייסט צו זוכן... דערמאנען אָבער מוז איך דיר: רחלע איז ווי אַ כשרה יידישע טאָכטער געשטאָרבן, אַזוי ווי זי האָט ווי אַ פרום יידיש קינד געלעבט און איך ווייס נישט, צי קען זי אין איר הייליקער רו צעפרידן זיין, אז דו זאָלסט מיט אַ זינד אויף איר קבר קומען? געפין בעסער טרייסט אין דעם, וואס דו וועסט איר ווילן טון אַ פרומער ייד צו זיין, אַ דין פון דער תורה הקדושה נישט אַריבערצוגיין.

משהלע האָט זיך אויסגעוויינט און איז שוין אויף מאָרגן פון דער זייט פאַרקאַן געשטאַנען און פון וויטן דורך ביטערע טרערן אויף דעם קבר געקוקט, וואָס האָט אויף אייביק זיין ליבע רחלען צוגעדעקט. נאָך שבעה איז פון ר׳ פנחסלען אַ טעלעגראַמע אָנגעקומען, חייעלע זאָל תיכף אַ היים פאָרן, אַ קינד איז נישט געזונט. זי האָט אויף איר קינדס פרישן קבר צדקה געטיילט, געשווירן משהלען, אז זי בלייבט אים אַ מוטער און אַ געטרייע מומע, ער זאָל נאָר איר צער צוזען און זאָל איר פלימעניק ווען בלייבן און איז צוריק צו אירע קינדער געפאָרן. משהלע איז אָבער מיט דער צושפּעטער געטרייקייט נישט געטרייסט געוואָרן און טאָג און נאַכט האט ער זיין ווייטיק אין האַרצן און זיין טיפן טרויער נישט געקענט פאַרגעסן. צו זיינעם אַ חבר, וועלכער האָט אים אין אַ בריוו געטרייסט אויף זיין אומגליק, האָט ער מיט די ווערטער זיין איצטיקע לאַגע באַשריבן:

„האָסט דיר אַמאָל פאָרגעשטעלט, וואָס פילט יענער אומגליקלעכער, וועלכן מען קומט אָנזאָגן, אז זיין אורטייל צום טויט איז שוין אונטערגעשריבן און מאָרגן אין דער צייט וועט ער שוין נישט לעבן? איך האָב געמיינט אז ס׳איז נישטא אין דער וועלט אַזוינס, וואס זאָל אין מענטשנס האַרצן אזא פיין און אַנגסט אויפוועקן ווי די בשורה, אז די מינוט פון זיין טויט איז שוין באַשטימט... איצט, מיין פריינט, ווייס איך שוין: עס איז נאָך שרעקלעכערס דאָ און דאס שרעקלעכערע פל איך אַליין!.. „מאָרגן וועסטו נישט מער לעבן!”... ליגט שוין נישט אַליין אין די ווערטער טרייסט און באַרוּיגונג פאַר דעם, וואס האָט שוין אין לעבן גאָ־נישט, אפילו נישט די האָפענונג צו לעבן? „מאָרגן וועסטו נישט מער לעבן!” ד. ה. מאָרגן וועסטו אפילו די שרעק פון

דער בשורה נישט מער פֿילן! — וואָס אָבער פֿילט דער אומענדלעך ליבנדיקער, ווען ער לויפֿט מיט דער האָפֿענונג לעבן זיין געליבטער גליקלעך צו זיין און מען באַגעגנט אים מיט די ווערטער: — זי איז שוין נישטאָ, נישטאָ מער דיין ליבע רחלע אויף דער ליכטיקער וועלט!...

מיט די דאָזיקע שרעקלעכע ווערטער האָט מיין אומגליקלעכער פֿעטער, מיך, זיין נאָך מער אומגליקלעכן פּלימעניק, באַגעגנט, אין דער מינוט, וואָס איך בין מיט די ליבסטע האָפֿענונגען צו אים אין שטוב אַריין... אַך, אין טויזנטער קלעגלעכע שטימען האָבן זיך די ווערטער צעטיילט און ווי טויזנט גוואַלד-גלאָקן קלינגען זיי טאָג און נאַכט אין מיינע אויערן. וווּ איך גיי, וווּ איך זיץ, וואָס איך הער און וואָס איך זע, אַלץ און אַלע שרייען צו מיר: — זי איז שוין נישטאָ, נישטאָ מער דיין ליבע רחלע אויף דער ליכטיקער וועלט!" נאָר דאָס פֿאַרליבטע האַרץ מיינס אַליין וויל עס נישט גלויבן! קען עס נישט גלויבן, כאָטש עס זעען שוין מיינע אויגן איר יונגן קבר, כאָטש עס גיסן זיך מיינע טרערן פֿון ווייטן אויף אים קוקנדיק!.. דאָס האַרץ ווערט פֿון הערן נישט קלוג, פֿון זען — נישט איבערצייגט און עס בענקט און עס ליידט און ציט מיך און רייסט מיך צו איר קבר ווי צו אַ לעבעדיקער... וווּ זי איז, וויל מיין האַרץ אויך זיין און בעט זיך כאָטש אין אַ קאַלטן שטומען שטיין פֿאַרוואַנדלט צו ווערן און אויף איר קבר כאָטש אַלס איר אייביקע מצבה צו בלייבן... ליידער, איז מיר דאָס אויך נישט פֿאַרגינט: איך בין אַ כּוהן און דאַרף נאָר פֿון דער זייט פֿאַרקן אויף דעם ליבן קבר אַרויפֿקוקן און צו אים נאָענט נישט צוטרעטן!.. אַן איינגעבויגן נידעריק ווענטל שטייט צווישן מיר און דעם בערגל, וואָס האָט מיין וועלט און לעבן אויף אייביק צוגעדעקט. אַך, אַ צעבראָכן איינגעבויגן ווענטל איז אויך דאָס לעבן מיינס געוואָרן און ווי בעט איך גאָט, ער זאָל שוין אַ ווינד אַמאָל שיקן, עס אַ נידערצוואַרפֿן און איך זאָל שוין אויך דאָרט זיין, וווּ אַלע מיינע האָפֿענונגען זענען אַזוי גיך אַוועק!... און וועמען וועל איך פֿעלן אין דער גרויסער וועלט? וואָס באַטרעפֿט נאָך איין טראָפּן וואַסער פֿון דעם גרויסן וועלט-ים אַרויס?.. שיינט היינט נישט די זון, גייט זי נישט אויף און אונטער, אַזוי שיין, אַזוי ליכטיק, ווי אין יענע גליקלעכע טעג, ווען מיין ליבע רחלע האָט איר ליכט נאָך מיט אירע אויגן געזען? זי וועט אויך דאַן אַזוי ליכטיק שיינען, אַזוי שיין אויף און אונטערגיין, ווען איך

וועל אויך איר ליכט מער נישט זען; אָבער מיט וויפל וועט מיר דער פינצטערער קבר ליכטיקער זיין אַלס עס איז מיר איצט די ליכטיקע וועלט!..

דו פרעגסט מיך, פריינט, ווער איז דער רבי, וואס זיין ווילן האָט אַזא געוואַלטיקע מאַכט אויף זיינע חסידים?" מיין האַרץ איז צו-פיל קראַנק אין מיר און איך קען פון זיין גוטס און פון זיין שלעכטס איצט נישט רעדן; אָבער דאס זאָג איך דיר, ווייס איך, אז זיין גבאי ר' פנחסל איז דער איינציקער מלאך-המות געוועזן פון דער אומשולדיקער רחלען און אויך ער איז דער שד, וואָס האָט מיר מיין וועלט אזוי פינצטער, אַזוי יאָמערן געמאַכט!.. אונדזער הייליקע תורה דערציילט: „עס זענען געקומען צו משהן די פאָרשטיר פון דער פאַמיליע גלעד, פרעגן, וועמען זאָלן הייראַטן צלפחדס טעכטער, עס זאָל דורך זיי נישט פאַרפרעמט ווערן די פאַמיליען-נחלה, וואָס זיי האָבן פון זייער פאָטער בירושה באַקומען?" אונדזער געטלעכער לערער משה האָט זיי אין גאָטס נאָמען געענטפערט: „לטוב בעיניהם תהיינה לנשים", זאָלן זיי הייראַטן מיט די, וועלכע געפעלן זיי. האָבן מיר דערפון נישט אָפּ-צולערנען, אז אפילו גאָט און זיין הייליקע תורה דערקענען די ריינע נייגונג און פרומע ליבע אין מענטשנס האַרצן? איז דען ווירקלעך נישט אַ זינד קעגן גאָט, ווען עלטערן צווינגען זייער קינד פון זיינע פרומע אומשולדיקע ליבע זיך אָפּצוזאָגן, בעת דעם קינדס האַרץ וויל עס נישט און קען עס נישט? — אַן אמתע, ליבע תורה האָסטו, משה רבינו, אונדז געגעבן, אָבער אונדזערע רביים געדענקען זי נישט און גאָר אָן תורה זאָגן זיי: — דער איז דיין באַשערטער, טאָכטער! מיט ר' הענעכס זון מוזטו דיינע יאָרן אויסלעבן, אָדער אין דער ערד אַריין אָן אַ צייט! און מיינע ברידער יידן גלויבן און זאָגן: — רחלע איז נאָר איבער דעם געשטאָרבן, ווייל זי האָט אים, „זאָל לעבן", נישט געפאָלגט! אמת זאָגן זיי, אָבער ווער איז איר מלאך המות געוועזן?..

ווי ווערט מיין בלוט אין מיינע אָדערן אין גיפט און גאַל איבערגעקאָכט, אז איך דערמאָן וואס דאָ איז איר און מיר געשען! מיינע פינגער קרעמפן אין אַ פויסט צוזאַמען דעם ר' פנחסלען צו שלאָגן. נקמה פון איר מערדער, נקמה פאַר איר טויט און פאַר מיין פיינפולן לעבן, שרייט מיין האַרץ! — אַך, איך בין שוין ווילד, איך הער שוין נישט וואָס איך רעד. פאַרצייַ, פריינט, איך קען מער נישט

שרייבן, איך מוז פון מיין אייגענעם כּעס אנטלויפן; אַהין, צו יענעם בערגל מוז איך לויפן, מיין ברענענדיק האַרץ מיט מיינע טרערן צו לעשן!.. צו מיין רחלעס קבר לויף איך, ווו פרידלעכע הייליקע גע-דאַנקען טראָגן מיך פון דער פאַרדאָרבענער וועלט אַרויס און פירן מיך אַוועק אַהין ווייט ביז צום שאָטן פון יענעם אייביקן בוים, ווו זי רוט, ווו זי וואַרט אויף מיר!.. איצט פליסן מיינע טרערן, איך זע שוין מער דאָס פּאַפּיער נישט, די גאַנצע וועלט איז אַ צעשטורמטער ים אַרום מיר, אַ ים אָן אַ ברעג, אָן אַ גרונד, און אים שווימט און טרענקט זיך, דיין אומגליקלעכער חבר משה כּוהן".

די צייט איז דערווייל נישט געשטאַנען, עס איז אַריבער אַ וואָך נאָך אַ וואָך, קליינינצער יידן האָבן די געשטאָרבענע רחלען פאַר-געסן און יעדער האָט זיין געשעפט געטון ווי פריער. צייטנווייז האָט מען נאָך דערציילט פון דעם ר' שלמהס פלימעניק, ווי ער שעמט זיך גאָרנישט פאַר לייטן אַזוי צו וויינען און קלאָגן נאָך אַ בתולה. זי האָט געמעגט זיין אפילו אַ שוועסטערקינד זיינס, אָבער זי איז דאָך פאָרט נאָר אַ בתולה געווען און ער איז אַ בחור, אַ בן תורה, דאַכט זיך, קיין נאַר אויך נישט און מאַכט זיך נאַריש און גייט יעדן טאָג צום בית-עולם אַ קוק טון אויף רחלעס קבר, טאָמער איז זי שוין תחיית-המתים אויפגעשטאַנען.

— פע, האָבן קליינינצער יידן געזאָגט, — — דאָס איז שוין מעשי הולטיי, רחמנא לצלן!

אָפט דערמאַנט רחלען האָט נאָר שימעלע.

— אַ ריס אין האַרצן! — האָט ער שטענדיק געזאָגט, — איך האָב געמיינט, איך האָב שוין די קי פאַר די הערנער און מיין פלונית מעלקט זי שוין... איך מיין טאַקע די קי, וואָס איר מחותן ר' הענעך האָט מיר מבטיח געווען אַריינצושיקן תיכּף נאָך איר חתונה מיט זיין זון — נעמט זי גאָר און מאַכט אַ שטאַרב און אויס קי, אויס מחותן, אויס נגיד, צוריק שימעלע קבצן ווי געווען!.. ווער האָט איר געהייסן שטאַרבן? ווילסט נישט דעם חתן? — וויל נישט, איז נישט קיין קי! איך האָב ביז איצט אויך געלעבט אָן אַ קי, אָבער אָן אַ גמילות-חסד איז ערגער ווי דער טויט!

נאָר דער אַלטער פעטער ר' שלמה און זיין ווייב דבורה האָבן רחלען נישט געקענט פאַרגעסן אפילו איין מינוט אויך נישט. כאָטש דבורה פלעגט איר מאַן טרייסטן, אים נישט לאָזן וויינען; אָבער אַליין

האָט זי טייכן טרערן אויסגעגאָסן, ווען קיינער האָט נישט געזען. פאַר שרהלעס מוטער, מיט וועלכער זי איז צוליב רחלעס לעצטע טעג שטאַרק פאַרבונדן געוואָרן, האָט זי אָפט איר באַטריבט האַרץ אויסגערעדט און געפרעגט:

— פאַרוואָס זאָגט די וועלט: „דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, ווערט גיך פאַרגעסן?"... האָבן דען מיינע אויגן נישט געזען, ווי מען האָט אַ באַרג ערד אויף איר אָנגעשאָטן? איין מינוט אפילו קען איך זי נישט פאַרגעסן און דער צער פון דעם עלנטן משהלען איז גאָרנישט מיט מענטשלעכע כּוחות אַריבערצוטראָגן.

ר' שלמה האָט געזוכט מיט וואָס דער געשטאָרבענער רחלען אַ נחת-רוח אָנטון כאָטש אין קבר און האָט איצט מער צדקה געטיילט, ווי פריער. ער האָט זיך אויסגערופן פאַר שרהלעס יונגעל רבי-געלט צו צאָלן און האָט אויך פאַר די עלנטע יתומימלעך, אירע ברידערלעך און שוועסטערל אָנגעהייבן צו זאָרגן. מיט יעדער געלעגנהייט האָט ער זיי מתּנות געשיקט און חייעלען אין יעדן בריוו געבעטן, אַז זי זאָל אויף זיין אָן אָפן אויג האַלטן טאָג און נאַכט; נאָר דאָס אַלץ האָט נאָך זיין האַרץ נישט באַרויקט און ער האָט געזוכט עפּעס אַ זוינס צו טון, וואָס זאָל דער געשטאָרבענער אַ כּבוד זיין און אויך אַ באַפרידיגונג פאַר זיין-און זיין פּלימעניקס געבראָכן האַרץ. זיצנדיק אַמאָל ביינאַכט מיט זיין דבורהן און משהלען אין שטומען טרויער, האָט ער מיט אַ באַגייסטערטן טאָן דערציילט, אַז פון דער קבורה אָן איז ער ערשט היינט, דעם לעצטן טאָג פון שלשים, ביים בית-עולם געווען און רחלעס קבר געזען.

— אַזוי נאָענט איז דער קבר אירער אָנגעלענט צום טאַטנס, עליו השלום, — האָט ער דערציילט, — אַז בעת מעשה האָט זיך מיר געדאַכט: איך זע נישט איר קבר, אָבער אַ לעבעדיקע זע איך זי, ווי זי טוליעט זיך צו איר טרייען זיידן, וועלכער האָט זי, ווי זיין ליב קינד, צו זיך צוגעדריקט. איר מעגט אייך זאָגן וואָס איר ווילט, מיין האַרץ האָט אין דער מינוט טרייסט און באַרוּיגונג געפילט, עפּעס האָט עס צו מיר גערעדט: זע, דיין ליבע רחלע איז דאָ נישט עלנט, ביי איר ליבן טייערן זיידן איז זי, ער האָט זי צו זיך צוגעדריקט, זי האָט שוין צוריק די טרייע עלטערן, וועלכע זי האָט אין איר לעבן אַזוי יונג פאַרלוירן! יאָ, מיין זון, ווען עס איז באַשערט יונג צו

שטאַרבן, זאל כאָטש אין אַ פרעמדער שטאָט נישט פאַרזוואָרפן ווערן און זאָל צו קבר ישראל קומען לעבן די קברים פון זיינע אויסגעלייטערטע אבות און אייגענער משפחה!.. פונדעסטוועגן האָב איך אויך אַ ווייטיק געפילט וואָס מיינע אויגן האָבן נאָך אויף איר קבר קיין מצבה נישט געזען. אַ קבר אָן אַ מצבה איז גלייך צו אַ גוף אָן אַ קאָפּ, צו אַ שטוב אָן אַ דאַך... עפּעס אַן עלנטקייט, אַ פאַרלאָזנקייט ליגט אויף איס, גלייך ווי קיינעם קימערט גאָרנישט דער טייערער גוף, וואָס דאָ רוט אונטער אים... דעריבער איז ביי מיר טאַקע דאָרט שטייענדיק געבל־בן, נישט אַנדערש, ווי איך מוז, בלי נדר, איר אַ טייערע מצבה שטעלן, אָבער אַ מצבה, זאָג איך אייך, אַ טייערע. עס מעג מיך מי יודע וויפל קאָסטן און זאָל די וועלט זען, אז גוטע מידות ווערן נישט פארגעסן, זאָל מען טאַקע אויך דאס וויסן, אז איך האָב מיין שולד קעגן איר באַקענט און מיר איז קיין זאַך נישט צו שווער און נישט צו טייער איר אַ נחת-רוח אָנצוטון כאָטש אין קבר!.. דיך, מיין זון, בעט איך אַ שיינע מליצה אויפשרייבן. דיר פּאַסט טאַקע אירע שבחים און מידות-טובות אויף איר מצבה צו דערציילן!

— ליבער פעטער, — האָט משהלע מיט טרערן אין די אויגן גע־ענטפערט, — נישט אַ טייערע מצבה האָט זי אין איר לעצטער שעה אין זינען געהאַט; פאַר אירע פאַרלאָזענע ברידערלעך און עלנטן שוועסטערל האָט זי טרייהייט געבעטן... איך האָף, אַז מען דאַרף אייך נאָכאַמאָל נישט בעטן פאר זיי... אַ נחת-רוח אין קבר וועט איר אויך דאָס זיין, ווען די מענטשן, וואָס האָבן אין איר קורצן לעבן איר חסד געהאַט, וועלן אפילו נאָך איר טויט דעם חסד נישט פאַרלירן! איך האָב היינט שימעלע מלמד באַגעגנט, האָט ער מיר דערציילט, אז זי האָט אים פאַר איר טויט מוחל געווען, איצט וויינט ער און קלאָגט נאָך איר, פשוט, ער האָט נישט ווו אַ פּאָר קערבלעך בגמילות חסד צו לייען. איך בין אויף אים ביז היינט אַזוי אין כעס געווען, אז איך וואָלט זיין עלנט און אָרעמקייט מיט פאַרגעניגן געקענט צו־קוקן; נאָר איצט, ווען איך ווייס שוין, אז זי האָט אים מוחל געווען און האט מיך אויך געבעטן אַלעמען, אַלעמען מוחל זיין, — בין איך אים אויך מוחל און בעט אייך: עס זאָל אים איר חסד איצט אויך נישט פעלן. אַ מצבה אויף איר קבר דאַרף מען שטעלן, דאָס איז אונ־דזער חוב, אונדזער אייגענער טרייסט און באַרויִקונג, אָבער איך וואָלט אויך וועלן, אַז דער שטיין זאָל קיין שטומער שטיין נישט זיין און

בלייבן ווי אַלע אַנדערערע שטיינער, וואָס שטייען דאָרט ביי יעדן קבר! איך וויל, אז די ווערטער אויף אים זאָלן, חוץ אירע שבחים און מידות, אויך איר טרויעריקע געשיכטע דערציילן, טאָמער וועט אָט די טרויעריקע געשיכטע וועמען די אויגן באַצייטנס עפענען, זיך אַרומצוקוקן ביי זיך אין פאַמיליעגלעבן און ער וועט פאַרריכטן דאָרט, וואָס מען קען שוין דאָ, אויף דעם פעלד, נישט מער!.. ווי נעמט מען אָבער אַזא שטיין, וואָס זאָל רעדן? ווי נעמט מען אַזעלכע ווערטער, וואָס זאָלן אַ בלינדן זעענדיק מאַכן?!

ר׳ שלמה האט זיינע געדאַנקען פאַרשטאַנען און האט זיך פאַרטראַכט. דבורה איז פון טיש אַוועק און איז אין אַ פּאָר מינוט צוריק צוגעקומען מיט אַ בונט פּערל אין האַנט.

— אָט די פּערל, — האט זי געזאָגט, דאס בינטל אויפן טיש אַוועקלייגנדיק, — פאַרקויף איך און פאַר דעם געלט וועל איך לאָזן גאָלדענע אותיות אויף איר מצבה אויסשלאָגן, אַלץ וואָס דו, מיין קינד, וועסט נאָר אויפשרייבן! נישט פאַר נויט, חלילה, וויל איך עס פאַרקויפן, גאָט ברוך הוא, האָט אונדז נישט פאַרלאָזן און מיר האָבן נאָך מער, געלויבט איז ער, וויפל מיר דאַרפן; אָבער נאָר דערפאַר טו איך דאָס, ווייל מיר האָבן נישט געוווסט אונדזער צירונג, ווי צו שעצן, ביז מיר האָבן זי פאַרלוירן, וויל איך מער קיין אנדער צירונג אויך נישט!.. שרייב, מיין זון, אַלץ, וואָס דיין האַרץ הייסט דיר שרייבן, זאָלן טאָקע לייט, וואס וועלן די מצבה איבערלייענען, זען וואָס מיר האָבן פון אונדזער גוט קינד געמאַכט מיט אונדזער נאַרישקייט... זאָלן זיי זיך אַ מוסר אַראָפּנעמען און איר נאָמען צום גוטן דערמאָנען! זאָל ער דעם שטיין קויפן. דו שרייב די שיינע שבחים אירע, מיין חלק זאָלן זיין די גאָלדענע אותיות, וואָס וועלן אירע גאָלדענע מעלות און טרויעריקע געשיכטע דערציילן און מיר וועלן אַלע דריי שותפים זיין אין דעם חסד, וואָס מיר טוען איר נאָכן טויט!

אַ גאַנצע נאַכט נאָך דעם געשפּרעך איז משהלע פאַרטיפט אין זיין צימערל געזעסן און האָט אַ קינה אין ריין לשון-הקודש אויפגעשריבן אין עטלעכע נוסחאות, איינע רירנדיקער און טרעפנדיקער. ווי די אַנדערע. ער האָט געהאָפט, אז די ווערטער וועלן יעדן לעזערס האַרץ רירן; קוים אָבער איז טאָג געוואָרן און ער האָט דעם ערשטן באַקאַנטן יונגנמאַן דאָס אָנגעשריבענע געגעבן איבערצולעזן און

יענער האָט באַוואונדערט די קונסט-אַרבייט, וואָס דאָ שטעקט, אָבער נישט אויף זיין פּנים און נישט אין זיין לעזן איז צו מערקן געווען, אַז ער פילט כאָטש אַ קליינעם טייל פון דעם טרויער, וואָס זיין האַרץ האָט געפילט, בעת ער האָט עס געשריבן — איז ער מיט זיין מליצה ביי זיך זייער אַראָפּגעפאַלן.

„ניין", האָט ער צו זיך געזאָגט, „אומזיסט איז מיין אַרבייט, אומזיסט וועט די גוטע מומע אירע פּערל פאַרקויפן. איך קען נאָר אין לשון-הקודש איר מצבה שרייבן און לשון-הקודש פאַרשטייט מען דאָ אַזוי ווייניק און די, וואָס פאַרשטייען, באַגרייפן אויך נישט דאָס, וואָס מען מיינט, נאָר דאָס, וואָס זיי לייענען!.. ניין, נישט אַזאַ מצבה וויל איך איר שטעלן!"

דאָס ביסל טרייסט פון נעכטיקן געשפּרעך האָט זיך אינגאַנצן אויסגעוועבט און אַ נייער העפטיקער פּיין האָט זיין האַרץ אין טויזנט ווונדן צעריסן.

— איין פעטער האָב איך דאָ געהאַט, וואָס האָט מיך פאַרשטאַנען, — האָט ער צו זיך גערעדט, — איז ער שוין לאַנג געשטאָרבן. איין ליבע זעלע האָט דאָ געלעבט, וואָס איז מיט מיין האַרץ און זעלע אַזוי שטאַרק פאַרבונדן געווען, איז זי שוין אויך נישטאָ, פאַר וועמען, אַלזאָ, בלייבט מיר אין דעם חושך איר אַ טרויעריקע געשיכטע אין לשון-הקודש אויף איר מצבה צו שרייבן? נישט מיט ווערטער אין אַ לשון, וואָס מיינע ברידער פאַרשטייען אים נישט, כאָטש דאָס איז אייגנטלעך זייער מוטערשפּראַך, זייער הייליקע ליבע שפּראַך, וואָס זיי מעגן אויף איר שטאָלץ זיין, נישט אין דעם לשון וויל איך מיט ווערטער אויף זיי ווירקן, אָבער במעשה: איך וויל טון און נישט רעדן... איך מוז זיי מיט די פינגער אָנווייזן, ווער זענען זייערע פאַרפירער, איך מוז זיי אויף די קברים פירן, ווייזן זיי, וויפל קרבנות אַזעלכע אומזיסטע, ווי רחלע, ליגן דאָ באַגראָבן, איבער וואָס? איבער וועמען? פעלט ביי יידישע טאַטע-מאַמע דאָס איידעלע טרייהייטס-געפיל פאַר זייערע ליבע קינדער? ווייניק זיי וויינען און קלאָגן דען נישט פון טיפסטן האַרצן אויף זייער אומגליק אין לעבן אָדער אויף זייערע אָפּגעקירצטע יאָרן נאָך זייער טויט? טרייע, גוטע עלטערן זענען יידישע טאַטע-מאַמע, ליבט שיינע בלומען זענען זייערע קינדער, געטרייע גוטע מענטשן זענען אויך אונדזערע קרובים און גוטע פריינט, נאָר אַ שטן שטייט אין וועג... אַבערגלויבן, פאַרפירער און

דאסגלייכן... נישט גוטס ברענגענדיקע שלוחים מישן זיך אַריין דאָס גוטס מיט די פיס צוצוטרעטן און פון טרייהייט אכזריות, צו מאכן !..

גייענדיק מיט אזעלכע געדאנקען, האָט ער אַ הארצרייסנדיק געשריי דערהערט. ער איז נאָך דעם קול געגאנגען, ביז ער איז צו-געקומען צו אַ רעדל מענטשן. אן אָרעמע ייד איז געלעגן מיט אַ צע-בראָכענעם פוס לעבן אַ שטיין און האָט ביטערלעך געקרעכצט, ארום אים זענען געשטאנען פיל יידן. אנדערע האבן אים געהאָלפן קרעכצן און אנדערע האבן געפרעגט: „וואָס איז געשען ?" און מען האָט דערציילט: דער אָרעמער טרעגער איז מיט אַ משא געגאנגען און האָט נישט איינגעזען, אז אַ שטיין ליגט דאָ אינמיטן וועג, האט ער זיך פארטשעפעט, א פאל געטון און א פוס, נעבעך, אויסגעבראכן.

— האָט רחמנות, יידן, — האָט דער אומגליקלעכער געבעטן, — טראָגט מיך אין הקדש אוועק, רופט א דאָקטאר, איך האב אינדערהיים א ווייב און קינדער. זיי וועלן, נעבעך, מוזן פאר הונגער אויסגיין !.. ראטעוועט, האט רחמנות, יידן !

די ווערטער האבן געווירקט. מען האט דעם יידן באלד אויף די הענט אין הקדש אוועקגעטראָגן, עטלעכע זענען צום דאָקטאר אוועק-געלאפן און איינער, אן עלטערער ייד, האט גענומען א טיכל, אליין אריינגעווארפן עטלעכע גילדן און איז צוגעגאנגען צו יעדן מיט די ווערטער:

— יידן, רחמנים, בני רחמנים! שענקט א נדבה פאר דעם אומ-גליקלעכן, נעבעך! שענקט, יידן, גאָט זאל אייך געזונט און יאָרן שענקן! עס איז א רירנדיקע סצענע געווען צו זען, ווי מען האט זיך געשטויסן און געשטופט ארום דעם נדבה-קלייבער, יעדער מיט זיינע עטלעכע גראשן. משהלע האט עס גוט באטראכט. אָבער אז ער האט דערזען, אז דער עולם הייבט אָן זיך פאנאנדערצוגיין, האט ער א געשריי געטון:

— רבותי, שטייט א ווײַלע, איך וויל אייך א פאָר ווערטער זאָגן !

אלע זענען שטיין געבליבן, א טייל האָבן אים מיט אומצופרידנ-קייט אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן געוואלט זאגן: „וואס וועט אונדז דער יונגער מטורף זאגן? לאמיר הערן!"...

— ליבע ברידער! — האט ער מיט א פעסטער קלארער שטימע

אנגעהייבן, — פאַר אונזזערע אויגן האָט אונדזערן אַ ברודער דאָ ערשט אַן אומגליק געטראָפן. מיר האָבן זיין ביטער געשריי דערהערט, זענען מיר צו אים אַלע באַלד צוגעלאָפן, מיר האָבן זיין צעבראָכענעם פוס דערזען, האָבן מיר אים אויף די הענט אין הקדש אַוועקגעטראָגן. אויך פאַר זיין אומגליקלעך ווייב און קינד האָבן מיר געזאָרגט. מיר, יידן, זענען רחמנים בני רחמנים, מיר לאָזן קיין געפאַלענעם נישט ליגן, מיר גיבן אים אַ האַנט און העלפן אים אויפשטיין. מיר רופן זיך אָפּ אויף יעדן ביטער געשריי מיט אַלץ, וואָס מיר קענען; פונ-דעסטוועגן זענען ביי אונדז געפאַלענע זייער פיל און אומגליקלעכע, לפי הערך, מער ווי ביי אַן אנדער אומה, וואָס קען זיך מיט דעם באָמען „רחמנים בני רחמנים" נישט אַזוי רימען, ווי מיר. פאַרוואָס, ברידער, איז דאָס אַזוי? פון וואַנען קומט אַזאַ טרויעריקער ווידער-שפרוך אין אונדזער לעבן? האָבן דען מיינע אויגן וועגן געזען, אַז אַ ייד זאָל פאַלן, ווו נאָך אַ ייד זאָל עס צוזען און נישט אַ האַנט אויסשטרעקן אים אויפצעהייבן? האָבן דען מיינע אויערן ווען אַ יידיש ביטער געשריי געהערט, וואָס זאָל יידישע הערצער נישט אויפוועקן הילף צו געבן דעם, וואָס שרייט אום הילף? פאַרוואָס זענען אונדזערע גע-פאַלענע אַזוי פיל און אונדזערע אומגליקלעכע מער ווי ערגעץ ביי אַן אנדער אומה אין דער וועלט?

— מיר דאַכט זיך, אַז די סיבה פון דעם ווידערשפרוך ליגט נאָר דערין, ווייל די מדה טובה פון רחמנות ווערט ביי אונדז גע-בוירן על פי רוב ערשט נאָכדעם געשעענעם אומגליק: עס מוז פרי-ער איינער אָדער עטלעכע אַ האַנט, אַ פוס צעברעכן, עס מוז זיך אַ האַרצרייסנדיקער געשריי דערהערן, אונדזער רחמנות אין אונדז אויפ-צוּוועקן, דאַן זענען מיר אמת גרייט אַלץ צו טון דעם אומגליקלעכן פון זיין אומגליק אַרויסצעראַטעווען; אָבער וואָס קען רחמנות דאָרט העלפן, ווו דאָס פאַרלוירענע איז שוין נישט צו געפינען און דאָס צעבראָכענע נישט מער גאַנץ צו מאַכן?.. „רחמנים בני רחמנים" איז געוויס אַ פיינער נאָמען פאַר אַ פאָלק, וואָס קען זיך מיט אים מיט רעכט באַרימען, אָבער רחמנות מוז אויך מיט שכל און מיט חכמה זיין און דאס פעלט אונדז, ליידער!.. רחמנות הייסט: אַ געפאַלענעם אויפ-הייבן און אים אין הקדש אַוועקטראָגן, חכמה און שכל אָבער לערנען דאס פאַלן אוממעגלעך צו מאכן... אַלע מיטלען אָנצעווענדן, מען זאָל נישט פאַלן און אונדזער רחמנות זאָל נישט נייטיק זיין!.. אונדזער

געטלעכער משה רבינו האָט אונדז, יידן, גוט געקענט, ער האָט געוווּסט דאָס יידישע גוטע הארץ, געוווּסט, אז מיר זענען רחמנים בני רחמנים, ער האט אָבער אונדז, יידן, געוואָלט מאַכן פאר אן עם חכם ונבון, דעריבער האט ער געהייסן מאַכן אַ מעקה, אַ פארענץ אויף יעדן יידישן דאך און האָט דערקלערט: כדי דער ווירט פונם הויז זאָל נישט שול־דיק זיין, אויב עמעץ וועט פון זיין דאך אַראָפּפאַלן און האט נישט פאַר נייטיק געפונען צו דערמאנען, דעם געפאַלענעם אויפצעהייבן און אים אין הקדש אַוועקטראָגן... איידער דאס אומגליק קומט, האט ער אונדז געהייסן אונדזער רחמנות באַנוצן, עס זאל קיין אומגליק נישט קומען, ווארים רחמנות נאָכדעם געשעענעם אומגליק איז נאָר אַ ביטערער קרעכץ פון אַ קראַנקן הארצן און העלפט נישט זיך, נישט דעם אַנדערן!

— ליבע ברידער, דארף מען דווקא פון אַ דאך אַראָפּפאַלן אום שולדיק צו זיין אין דעם געפאַלענעמס צעבראָכענער האַנט אָדער פוס? איז נישט אַ שטיין אין מיטן וועג נאָך ערגער ווי אַ דאך אָן אַ פאַ־רענץ? פאַרוואָס זאָלן מיר פון אונדזערע גאַסן די שטיינער נישט צו־נעמען, מען זאָל נישט פאַלן מער איבער זיי? שטיינער, וואס מען פאַלט איבער זיי, זענען דאָ פיל אין אונדזערע גאַסן... אבני נגף און צורי מכשול ליגן אין אונדזערע וועגן. נישטאָ דער טאָג, וואס מען פאַלט נישט איבער זיי!.. איר זעט זיי נישט, ווייל נישט אַלע צע־בראָכענע גלידער זענען פאַר דעם מענטשנס אויגן אָפּגעדעקט, נישט אויף אַלע ווייטיקן שרייט דער מענטש מיט אַזא ביטער קול, ווי דער אומגליקלעכער האָט דאָ אויף זיין צעבראָכענעם פוס געשריגן... און מיר איז אויך נישט גרינג, מיט ווערטער אַליין די שטיינער אייך אנצעווייזן, ווועלכע איך מיין. — נאָר דעם שטיין, איבער וועלכן דער אָרעמער טרעגער האָט ערשט זיין פוס צעבראָכן, זעט איר אַלע... זייט נישט יוצא מיט אייער רחמים אויף דעם, וואס איז שוין געפאַלן, האָט אויך רחמנות אויף די, וואס קענען נאָך פאַלן! ווי לאַנג דער שטיין ליגט נאָך אין וועג, זענען מיר קיינער נישט זיכער, אז אונדז וועט אויך נישט טרעפן, וואָס האט ערשט דעם אָרעמען טרעגער גע־טראָפן. לייגט אייערע הענט צו צו מיין האַנט, אלע צוזאמען לאָמיר דעם שטיין פון וועג צונעמען, כדי עס זאָל שוין מער אזא אומגליק נישט געשען!"

מיט די לעצטע ווערטער האט ער מיט כּוח אָנגעהייבן דעם

שטיין צו רירן. אַלע וואָס זענען דאָ געוועזן, האָבן אים געהאָלפן און אין איין האַלבע שעה צייט איז שוין דער שטיין ערגעץ אָן אַ זייט אין אַ ווינקל געלעגן, ווו ער קען שוין קיינעם קיין שאָדן נישט מאַכן.

— אַ גרויסע מצווה, האָסטו, משהלע, פאַרדינט! — האָט אים יעדער מיט דאַנק מודה געווען. — מען דאַרף נאָר יידן אַ גוטן משל געבן, דאָס יידישע האַרץ איז גוט גענוג, מען דאַרף עס נאָר מעורר זיין!

אָבער משהלעס האַרץ האָט זיך נאָך נישט באַרויקט. „אמת, פיל זענען איצט פון דער געפאַר פריי", האָט ער צו זיך געזאָגט, „אָבער וואָס טרייסט דאָס דעם, וועלכער האָט שוין זיין פוס צעבראָכן? יאָ, עס מוז אַן אומגליק געשען, איידער מען קומט צום שכל, נאָך אַזאַ אומגליק אויסצעמיידן... אַ קרבן האָט געמוזט דער אָרעמער טרעגער זיין פאַר קלייניצער יידן... פאַר וועמען אָבער איז רחלע אַלס קרבן פון דער וועלט אַוועק? ווער וועט יענעם שטיין צונעמען, איבער וועלכן מיר אַלע זענען געפאַלן?.. צוגעדעקט האָט זי דער קבר, איינגעשלונגען האָט די ערד אויך די טרערן אונדזערע, ווער וועט זי דערמאָנען? זאָל מיין האַרץ אויך אַזוי גיך געטרייסט ווערן, ווי גיך איר שטילער קבר איז פאַרגעסן געוואָרן? ניין! אייביק וועל איך אירע ליבע, אירע ליידן נישט פאַרגעסן!.. נאָר דאַן זאָל מיין האַרץ געטרייסט זיין, ווען איך וועל אויך דעם שטיין פון וועג צונעמען!..

פון דער מינוט אָן איז אים דער געדאַנק פון זינען נישט אַרויס, און אַז דער פעטער, האָט אים אַמאָל געפרעגט, צי האָט ער שוין די מליצה אָנגעשריבן, וואָס זאָל אויף איר מצבה אויסגעקריצט זיין, האָט ער מיט אַ באַגייסטערטער שטימע געענטפערט:

— איך האָב געשריבן און האָב צעריסן, וואָס איך האָב געשריבן... שטום ווי דער שטיין וועלן אויך די ווערטער אויף אים זיין און וועלן נישט דערציילן דאָס, וואָס איך וויל דערציילן

— קענסטו נישט אַזעלכע ווערטער געפינען, וואָס זאָלן אַפילו אַ שטיין רירן? — האָט דער פעטער געפרעגט, — דו האָסט דאָך אַמאָל לשון־הקודש געשריבן, אַז מען האָט זיך געחידושט, האָסטו דען צוליב די נייע לשונות, וועלכע דו לערנסט, דאָס טייערע לשון פון אונדזערע הייליקע נביאים פאַרגעסן?

— נישט איך, פעטער, האב אונדזער איינציקע ליבע שפּראַך פארגעסן! — האט ער מיט א זיפץ געענטפערט — נישט דער, וואס האט זי אמאל דערקענט — קען זי פארגעסן; אבער מיינע ברידער האבן זייער מוטער-שפּראך פארלאזן!.. מיט דעמזעלבן טעם, וואס זיי לעזן אלע מצבות, וועלן זיי אויך מיינע ווערטער אויף איר מצבה לעזן. פעטער, דאס פאלק, וואס גלויבט, אז מיט צען ווערטער האט גאט זיין וועלט באשאפן, וואס האט פריער פאר אלע אומות אין דער וועלט די אייביקע עשרת הדברות געהערט און געענטפערט: „נעשה ונשמע!“ דאס פאָלק, וואס האָט זיינע נביאים, רעדנדיק, און זיינע חכמים, דרשנדיק, געהערט, דאס פאָלק האָט פון צייט און צרות יעדע אכטונג און רעספּעקט פאַרלוירן צו ווערטער אַליין. ניין, נישט אַזא מצבה וויל איך אויף אונדזער רחלעס קבר שטעלן... גאָט אַליין האָט מיר היינט דעם שטיין אָנגעוויזן, וועלכער זאל איר מצבה זיין.

און ער האָט אים דאָס אומגליק פון דעם אָרעמען טרעגער דערציילט.

— איך פאַרשטיי שוין, וועלכן שטיין דו מיינסט, איר אַ מצבה צו שטעלן, — האט דער פעטער אויסגעזיפצט. — אָבער צו שווער איז ער, צו ווייניק זענען די כוחות דיינע אים בייצוקומען... גאָט זאָל דיר פאר דיין גוטער מחשבה באצאָלן!..

— פעטער, — האט משהלע זיך אָפּגערופן, — פאַרוואס זאלט איר זאָגן: צו ווייניק זענען די כוחות מיינע? מיט מיינע כוחות אַליין האָב איך דעם שטיין פון וועג נישט אָפּגערוימט! רחמנים בני רחמנים, וועלכע האָבן דאס אומגליק מיט זייערע אויגן געזען, האָבן מיר זייער כוח און זייערע הענט געליען און אלע צוזאַמען האָבן מיר אים בייגעקומען. אָ, איך גלויב אין גוטן האַרץ פון מיינע ברידער, יידן. אַ ייד קען יענעמס אומגליק נישט צוזען און דעם אומגליקלעכן נישט וועלן העלפן. אַ ייד קען אַ ביטער געשריי נישט הערן און גלייכגילטיק בלייבן צו דעם, וואס שרייט אזוי פון זיינע שמערצן. מען ברויך נאָר יידן זייערע ווונדן אָנצווייזן, מען ברויך נאָר זיי אויף יענעם פעלד אַרויפפירן, זיי זאָלן אַליין זען, וויפל ליבע קינדער ליגן דאָרט אונטער די בערגלעך, ווי בלימעלעך אָפּגעריסענע אָן אַ צייט... צו טרערן מוז איך זיי ברענגען! נישט נאָר די טויערן פון הימל זענען אָפן, אומשולדיק פאַרגאָסענע טרערן

דורכצולאָזן, אויך אונדזערע הערצער זענען נאָך פאַר זיי נישט פאַרשלאָסן !..

—מיט וואָס און ווי וועסטו עס אָנהייבן, מיין ליבער זון ?

— פעטער, איך האָב ביז איצט אונדזער תורה געלערנט, אָבער נאָר מיט פאַרמאַכטע אויגן האָב איך זי געלערנט. איך האָב געוווּסט, וואס אין דער גמרא טוט זיך און וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט, האָב איך נישט געוווּסט; איצט וויל איך דיזעלבע תורה מיט אָפענע אויגן לערנען, דאָס לעבן פון מיין פאָלק אויסשטודירן, זיינע ווונדן און זייערע סיבות דערקענען. איך האָף, אז די תורה אליין וועט מיר די מיטלען ווייזן, מיט וואס די דאָזיקע ווונדן צו היילן... זאָרגט נישט, פעטער ליבער, נישט מיט שטורם, נישט מיט מלחמה מיין איך עס צו טון, נאר מיט ליכט און אויפקלערונג. קיין מי וועט מיר נישט צו שווער זיין, קיין צייט נישט צו לאַנג — ביז איך וועל עס דערגרייכן !

— און ביז יענער צייט זאָל איר קבר אָן אַ מצבה בלייבן ? — האט ר' שלמה זייער באַטריבט געפרעגט.

— ביז יענער צייט זאל דאס צעבראָכענע האַרץ אין מיר איר מצבה זיין ! — האט ער מיט טרערן געענטפערט. — פעטער, איך האב מיר אָפט געווונטשן אין אַ שטומען שטיין פאַרוואנדלט צו ווערן און אויף איר קבר אַלס איר אייביקע מצבה צו בלייבן; אַך, מיין שכל איז אין מיין טרויער, ווי אין אַ ים אַ טיפן דערטרונקען געוועזן און דאס האַרץ האט נישט געוווּסט, וואס עס וויל... נישט אַ מצבה, אַ שטומע און אַ טויטע, וויל איך פון איצט אויף איר קבר זיין, נאָר אַ מצבה אַ לעבעדיקע, אַ מצסה, וואס קען נאָך אַ יידיש האַרץ באַוועגן דעם קבר דאָ צו פאַרשטיין און זיינע מקברים דאָ דערקענען... איך בעט אייך, שטעלט איר נישט קיין מצבה, קיין שטיין. זאל דער שטיין אויף מיין פארווונדעטן האַרצן ליגן, זאל ער מיך דריקן, איך זאל איין מינוט נישט פאַרגעסן, אז די מצבה מוז איך, נאר איך איר שטעלן !..

פון יענעם אָוונט אָן זענען שוין אַ סך טעג אַריבערגעגאַנגען, אַ סך וואַסערן אַוועקגעשוווּמען. משהלע איז שוין לאנג אין אויסלאַנד, וו ער שטודירט און אין קלייניק דערמאנט אים שוין קייגער נישט;

מען חידושט זיך נאָר, וואָס דער אַלטער ר׳ שלמה האט אויפגעהערט צום רבין צו פאָרן און שיקט אים קיין פדיון אפילו איינמאָל אין יאָר אויך נישט... און באמת איז דער חידוש גרויס: ווי ווערט דאס אן אַלטער ייד פלוצלונג אַ מתנגד גמור און נעמט אפילו צו אַ יאָרצייט קיין קאַפ משקה אין מויל נישט?.. נאָר דער אלמנה שרהלען, זאָגט מען, האט ער נישט פאַרגעסן און העלפט איר מיט א גמילת-חסד, צאָלט פאַר איר ייִנגל רבי-געלט און פאַרהערט דאס קינד יעדן שבת. דבורה, זאָגט מען, איז צום קינד נאָך בעסער און ברענגט אים אָפט אַ גוטן ביסן אין חדר אריין, עס זאָל כוח האָבן צו לערנען.

—און דאס קינד וואָלט טאַקע אַרויסוואַקסן אַ לייט, — זאָגט שימעלע, — ווען איך וואָלט מיט אים געלערנט און נישט דער צלם-קאָפּ, דער פאָהאַנער ליטוואַק, זאָל אים קיין גוטער ייד נישט קענען, ווי איך קען איבער אים אַ פרשה חומש נישט פאַרטייטשן!..

און שימעלע איז צוריק אַ קבצן גאר ווי אין די אַלטע יאָרן. אפילו די ציג זיינע, זאָגט מען, איז שוין אויך נסתלקה געוואָרן, פשוט, ווייל דעם רבינס, זאָל לעבן, ברכה האט זיך אפגעטון פון איר באַלעבאָס, פון יענעם טאג אָן, וואס חייעלע האט איר חן — הן אין רבי פנחסלס אויגן, הן אין די אויגן פון רבינס גאַנצער פאַמיליע — פאַרלוירן. און פאַרלוירן דעם חן האט זי נאר צוליב דעם, וואס זי וויינט און קלאגט נאך איר טאכטער, וועלכע האט קעגן אים, זאל לעבן, אזוי שטארק געזינדיקט, אז די בעסטע רפואה איז פאַר איר דער טויט געווען, און ווייל חייעלע איז נישט קלוג און פאַרשטייט נישט, אז זי דאַרף זיך, אדרבה, פרייען, וואס ער, זאל לעבן, האט זי פון גרעסערע בזיונות, פון אַן איידעם אַ חקרן, אַ געשטודירטן, רחמנא לצלן, מציל געווען. און זי וויינט גאָר דערויף, האט זי טאקע אַ פינצטערע ביטערע מערכה, ווי זי איז ווערט...

וואס הערט מען פון משהלען? געדענקט ער נאך וואס ער האט זיך פארגענומען? דערויף איז נאך קיין קלארע ידיעה נישטאָ. נאר דאס איז קלאר און געוויס, אז יענער שטיין, איבער וועלכן ער איז אין קלייניץ געפאלן און האט זיין הארץ צעבראכן, ליגט נאך רויק און זיכער אויף זיין ארט, און כאטש עס איז דאס יאר און דער חודש נישטאָ, וואס מען פאלט נישט ווידער איבער אים און מען צעברעכט אַ הארץ, אויך א האנט, אַ פוס און אפט טאקע לייב און לעבן, און כאטש לקייניצער יידן זענען אויך רחמנים בני רחמנים, פונקט ווי אלע יידן

פון אלע שטעט — פונדעסטוועגן קומט קיינעם אויפן זינען נישט ארויף אז עס איז שוין צייט און אַ יושר אויך, אים פון וועג אפצוראוימען... און מען פאלט, און מען וועט נאך פאלן, ווי מען איז שוין געפאלן און נאר יענעם טוט וויי, ווער עס צעברעכט אַ האנט, אַ פוס און נאך ביטער צו איז יענעם, וואס צעברעכט זיין הארץ אויף אים און קען נאך זיין פאלן זיך נישט מער אויפהייבן...

און דארט, אויפן קלייניצער פארוואַרלאזטן בית-עולם איז שוין אויף רחלעס ענגן קבר דער קאלטער שניי א צייט געלעגן און צעגאַנגען געווארן. עס האבן שוין אויף אים אויך בלימעלעך געבליט און אפגעבליט.. בלעטעלעך געוואקסן און פארוועלקט געווארן... איצט בלאזט שוין ווידער דער אומפריינטלעכער הערבסט-ווינט און בויגט און וויגט די לאנגע טרויעריקע בית-עולם-גראזן אויף אים, ווי אויף אלע קברים. נאר א מצבה איז נאך אלץ נישטא אויף אים, ווייל יענער שטיין, וואס זאל אמאל די מצבה זיין — ליגט נאך דארט, וווּ ער איז געלעגן און קלייניצער יידן דערציילן גאר די וואונדער, ווי ער וואקסט, ווי ער ווערט גרעסער און שווערער, פון ארט אים נישט צו רירן, פון יאר צו יאר...